STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04659

NOKHEMKE ESREG

Aleksander Lizen

Permanent preservation of this book was made possible
by Eugene & Elaine Driker
in memory of
Charles & Frances Driker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



Donacion
Sin Valor comercial



גרינע
מאַצייוועס,
וואָס
שווייַגט
איר?

ראָמאַן - באַלאַדע



ערשטער טייל

1

ניין, ניט געווען. ס'איז ניט געווען דאָ קיין פּאַרק. ער געדענקט עס גאַנץ גוט. ניט געווען. קייןביימער זײַנען דאָ ניט געווען. דאָ זײַנען געווען שטיבער. פון דאָרדוירעס זײַנען דאָ געשטאַנען שטיבער. אין די שטיבער האָבן געלעבט מענטשן. געלעבט און געלאַכט. געלאַכט און געוויינט. איז פונוואַנען האָבן זיך דאָ גענומען ביימער? און וווהין, גאָטעניו, האָבן זיך אַהינגעטאָן די שטיבער? די שטיבער מיט די לאַכנדיקע און וויינענדיקע מענטשן?

און עפּשער האָט ער פאַרגעסן? אַלץ קאָן טרעפן. צוואַנציק יאָר! גאַנצע צוואַנציק יאָר פאַרבײַ. פיל, זייער פיל קאָן מען פאַרגעסן פאַר צוויי צענדליק יאָר. אָבער ניט אַלץ. דאָ זײַנען געשטאַנען לעבעדיקע שטיבער. איצטער שטייען ביימער. דאָס שטעטל איז שענער געוואָרן, דער פּאַרק האָט עס שענער געמאַכט, פרישער, גרינער. ווייניקער מענטשן, מער ביימער. אַפילו איצטער, ווען עס גייט אָן אײַנגעגעסן רעגנדל און דער הימל איז נאַס, און דער הימל איז נידעריק און פאַרגרויט, זעט ער אויס, דער פּאַרק, ווי אַ גרינע זעונג צווישן שטיינערנע נאַקעטע ווענט.

נו, און איצט וווהין? קיין נאַפּקעמינע... ער וועט זיך לאָזן דערווײַל צו די ביימער. די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אים געטראָפן אין וועג, זעען אים אויס פרעמד. אויך זיי קוקן אויף אים, ווי אויף אַ ווילד־פרעמדן. ווער איז ער? וואָס דרייט ער זיך עפּעס אַרום אונטערן רעגנדיקן הימל מיט שטאַרק צעעפנטע אויגן? וואָס זוכט ער? וועמען האָט ער פאַרלוירן? איז גוט, וועט ער זיך דערווײַל אויסקלײַבן אַ שווײַגנדיקן בוים מיט אַ געדיכטער קרוין, אוועקשטעלן זיך אונטער אים און אַ טראַכט טאָן, וואָס זשע זאָל ער דאָ ווײַטער טאָן...

באַם אַרײַנגאַנג אין פּאַרק האָט ער עפּעס פאַרטשעפּעט מיטן פוס. אויף דער שוואַרץ־נאַסער ערד האָט זיך געוואַלגערט אַ פאַרבראָדיקטער צעריסענער שטעקשוך. נעכטן וואָלט ער אים אַ שלײַדער געטאָן מיטן פוס העט־ווײַט. מאָרגן, עפּשער, וועט ער אויך אַזוי טאָן. הײַנט — ניט. הײַנט איז דער גאַנצער גוף זײַנער, ער אינגאַנצן — בלויז אויג. באַקוקט ער זי שטאַר, באַקוקט ער אָנגעשטרענגט אָט די אָנגעפּולטע מיט רעגנוואַסער אַלטע שמוציקע שקראַבע. זי איז זייער אַלט, געוויס טאַקע גאַנצע צוואַנ-

ציק יאָר איז זי אַלט. איז עפשער וועט ער געפינען, נאָך דעם, ווי ער וועט אַרויסגיסן פון איר דאָס וואַסער, עפשער וועט ער אָפּזוכן אין איר קויטיקן אינווייניק די שפּורן פון נאַכמענס פוס?.. אָדער יעפּימס?.. אָדער אַליין דעם אַלטן מייערס?..

אויב אַזוי, טאָר מען זי ניט אוועקשלײַדערן. מע דאַרף אויסגיסן פון איר דאָס וואַסער, אײַנוויקלען זי אין אַ פּאַפּיר, ברענגען זי אַהיים און מעקאַבער זײַן מיט קאָוועד. ער האָט גראָד אַ צײַטונג אין קעשענע. זי איז יינגער פון דער שקראַבע אַף גאַנצע צוואַנציק יאָר. אַף דער דריטער זײַט פון דער צײַטונג איז פאַראַן אַ פּאַטאָ. אַ קינד אין אַ ווײַס קליידעלע, מיט אַ קײַלעכדיק־צעשויבערט קעפּל, מיט קורצע גראָבינקע פיסלעך. ס׳קאָן זיך מאַכן, אַז די שקראַבע געהערט דעם קינדס אַ קאָרעוו. אירן אַ פעטער צי אַ זיידן.

לאָזט זיך אויס — ס׳איז ניט קיין זייכער פון דער פאַרגאַנגענהײַט, ס׳איז גאָר אַ מין הערב פון אַ שלעפער. ווײַל באַלד האָט זינטשענקאָ דער־זען דעם באַלעבאָס פון דער שקראַבע. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אַף אַ באַנק, די הענט אַראָפּגעלאָזט, ווי צוויי טרוקענע שטאַנגען, די אויגן פאַר־מאַכט, דאָס מויל אָפן. טראָפּנס רעגן זײַנען געפאַלן אינעם אָפענעם מויל, דער מענטש האָט געשלונגען די רעגן־טראָפּנס, פאַרמאַכנדיק און ווידער עפענענדיק דאָס מויל, און דערבײַ געאָטעמט שווער און מיט אַ סוויי־שטשערײַ. טראָפּנס זײַנען אַראָפּגערונען איבער די קנייטשן פון זײַן געלב־לעך פּאָנעם, פון די צעשויבערטע וואָנצעס, ווי פון עפּעס אַ ניט פּילבאַרער בריִע, ווי פון אַן אומבאַוועגלעכער הליבע. אַן אַלט צעקנייטשט היטל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זײַן גראָווון קאָפּ און פאַרדעקט עפּעס אַן איבער־געקוליעטן וועקזייגער. די פיס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען פון דער באַנק, איינער אַ באָרוועסער, דער צווייטער — אין אַ שקראַבע.

זינטשענקאָ האָט זיך אומגעקערט צוריק, צום אַרײַנגאַנג, מיט עקל זיך פאַרקנייטשט, אופגעהויבן פון דער ערד מיט צוויי פינגער דעם שוך, אַרויסגעגאָסן דאָס וואַסער, אַנידערגעלייגט לעבן דער באַנק, ווידער גע־כאַפּט אַ קוק אַף דעם קאָפּ מיט די גראָווע צעשויבערטע האָר און אַ טראַכט געטאָן: אָן אַלטער מענטש — און... ניט געפונען קיין בעסער אָרט אַף אָפּ־צורוען זיך...

פלוצעם האָט זיך צעקלונגען דער וועקזייגער. ניט ווילנדיק האָט זינ־טשענקאָ אַ ציטער געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט דערפילט אַ קעלט. זײַנע פינגער האָבן געפּרוווט פאַרשפּיליען דעם מאַנטל, אָבער די קנעפּ האָבן בעשום־אויפן ניט געוואָלט קריכן אין די בוטעלקעס. די פאַרדוביניִעטע פינגער האָבן פויל און אומגעשיקט גע־גליטשט זיך איבער די קנעפּ.

דער מענטש אַף דער באַנק האָט זיך אויך אופגעכאַפּט, אופגעהויבן זיך, אַ געשמאַקן געגנעץ געטאָן און גענומען ריידן מיט אַ הייזעריקער שטים:

— פאַר־שלאָ־אָפן, הייסט עס... ניין. מײַן פרײַנט, מײַן וועקזייגער, וועקט מיך אַקוראַט אוף. ער ווייסט, דער גוטערברודער מײַנער, ווען איך מוז אופשטיין.

אציִנד האָט ער באַמערקט זינטשענקאָס דורכדרינגענדיקן בליק. האָט ער אים אַ פרעג געטאָן:

— איר זענט געקומען צו מיר, יאָ? איז, זײַט אַזוי גוט, רוקט צו אַ פאָטעל און זעצט זיך צו. האָט ניט קיין פאַריבל, איך האָב גאַרוואָס געַ־עפנט די אויגן. באַלד וועל איך ברענגען מײַן טואַלעט אין אָרדענונג.

דער אַלטער האָט אונטערגעצויגן די הויזן, פאַרשפּיליעט דאָס רעקל אַף אַן אײן־און־אײנציק פאַרבליבענעם קנאָפּ, צעקעמט מיט פאַרגרעבטע פינגער דאָס בערדל און די וואָנצעס און געזאָגט:

— נו, איצטער בין איך גרייט אײַך אויסהערן. וואָס פאַרלאַנגט איר? עפּשער אַ גמילעס־כעסעד? איז ביטע. לײדער, איז מײַן גאַנצער קאַפּיטאַל אין שפּאָרקאַסע, און איך האָב איצט ניט קיין מעזומאָנים... האָט איר ניט קיין ציגאַרעטל? כ׳האָב פאַרגעסן, פאַרשטייט איר מיך, מײַן פּאַרטסיגאַר אינעם האָטעל.

זינטשענקאָן איז פריקרע געוועזן אָט די ערשטע באַגעגעניש דאָ. ליגנ־דיק אינעם וואָגאָן, מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַרדרעמלט, פאַרוויגט פונעם ריטמישן געקלאַפּ פון די רעדער, האָט ער געטראַכט, געטרוימט פון גאָר אַן אַנדער באַגעגעניש. אָט דער האַרבסטיקער נודנער רעגן... אָט דער אַלטער שיקערוק אין שקראַבעס... ניין, ניט אַף דעם האָט ער אַרויסגע־קוקט. איז קעדײַ געוועזן פאָרן צוליב דעם?

— איך רייכער ניט.

— אַ שאָד.

דער אַלטער האָט זיך אײַנגעקוקט אין זינטשענקאָס געזיכט.

— איר זענט אַ היגער?

— ניין.

— איך אויך. אויב ס׳וועט אײַך ניט געלינגען אײַנאָרדענען זיך אין האָטעל, טאָ ביטע צו מיר, — האָט ער אַ פאַטש געטאָן מיט דער דלאָניע איבער דער נאַסער באַנק, — אין מײַן לוקסוס־נומער. אַלע באַקוועמלעכ־קײַטן. אַפּילע באָדן זיך וועט איר אויך האָבן ווו.

דער אַלטער איז אַף אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן און ווידער געפרעגט:

— אין אַ קאָמאַנדירונג?

„אָט די הייזעריקלעכע שטימע. עפּעס איז זי ביז גאָר קענטלעך...״

— ניין.

— מיט אַ פערזענלעכן, הייסט עס, איניען?

— יאָ.

„שוין זשע ער?״

— איך מיין, אַז איר זענט אויך ניט קיין קאָמאַנדירטער? — האָט געַ־פּרוּווט אַ שפּאַס טאָן זינטשענקאָ.

דער אַלטער שלעפער האָט געענטפערט מיט אַ גאַנץ ערנסטן, אַפּילע אומעטיקן טאָן:

— איך בין געקומען געזעגענען זיך מיט מײַן היים. איך פיל דעם מאָ־לעכהאַמאָוועס הינטערן רוקן. דאַרף איך דאָך כאַפּן אַ קוק אַף מײַן היים, איידער איך וועל אוועק אַף דער עמעסער וועלט...

„שוין זשע ער?״ — האָט ווידער אַ טראַכט געטאָן זינטשענקאָ, ניט

אראָפּלאָזנדיק זײַן שטאַרן בליק פֿון דעם פֿאַרקנייטשטן אַנגעשוואָלענעם פּאָנעם.

דער אַלטער האָט פּלוצעם גענומען זיך אײַלן.

— נו, זײַט מיר געזונט. כ'האָב קיין צײַט ניט.

ער האָט אַרײַנגערוקט דעם וועקזייגער אין קעשענע, אונטערגעצויגן די הויזן און, הינקעדיק, געלאָזט זיך גיין.

„און הינקט אונטער אויך... מעשונע. עפּשער אַ פּרווו טאָן?"

— ציר־פּאַ! — האָט זינטשענקאָ הויך אויסגערופֿן. געמיינט, אַז זײַן געשריי וועט דעריאָגן דעם אַלטן.

עפּעס אַף אַן אויגנבליק האָט זיך דער שלעפּער אָפּגעשטעלט און, ניט אומקוקנדיק זיך, איז ער אוועק ווײַטער, הינקעדיק אַצינד מערקבאַרער אַפֿן לינקן פֿוס.

נו, איז וואָס?.. אַזוי רעאַגירט יעדער מענטש, ווען מע טוט אים אַ רוף. אַזוי?.. ניט אינגאַנצן אַזוי. אַן אַנדערער וואָלט זיך אומגעקוקט. אומבאַדינגט זיך אומגעקוקט.

נאַרישקײַטן! די נערוון האָבן זיך פּאַשעט צעשפּילט, ניט מער. איבעריקנס, איז ניטאָ וואָס צו כידעשן זיך. ער איז דאָך געקומען צו פֿאָרן אַהער באַגעגענען זיך מיט זײַן פֿאַרגאַנגענהײַט, איז ער טאַקע גרייט אָננעמען יעדן מענטשן פֿאַר אַ שאָטן פֿון דעם אָווער.

דאָך האָט ער ווידער אַ געשריי געטאָן, גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַרײַן:

— מיך רופֿט מען זינטשענקאָ. פּיאָדאָר זינטשענקאָ. עפּשער געדענקט איר מיך? איך פֿלעג אַרײַנקומען צו די סאַפּירס. זייער שטוב איז געשטאַנען אָט דאָ־אָ, וווּ איך שטיי. איר געדענקט? איר געדענקט? איר גע־ע־דענקט?..

דער אַלטער האָט גאָרניט געענטפֿערט. אַפֿילע ניט אומגעקוקט זיך.

2

אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט נאָך אַלץ אַ שוואַכן טיק־טאַק פֿונעם וועקזייגער, ער דערטראָגט זיך פֿון דער סטאַרטשענדיקער קעשענע אין דעם אַלטנס צעקנייטשטע הויזן. זײַן באַוווּסטזײַן האָט זיך ווי דערווײַטערט פֿון אים, צעשווומען זיך אינעם נודנע, אָן אויפֿהער גיסנדיקן רעגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, אונטערגעשטעלט דעם שטערן אונטער די קאַלטע טראָפּנס.

יאָ. אַצינד האָט ער זיך דערמאָנט.

ער האָט זיך דערמאָנט אינעם וועקזייגער, וואָס ס'האָט געמײַסטרעוועט סאַפּיר, דער יונגער אַשער סאַפּיר. דער טריט איז געשטאַנען אַזוי נאָענט, אַזוי גרויליק נאָענט, אַז עס האָט זיך געפֿילט זײַן אָטעם, און ער האָט געטרוימט וועגן לעבן און געפּאָרעט זיך באַ אַ וועקזייגער, מיט אַ פּרדזשינע אַף צוואַנציק יאָר. וווּ איז ער, אַשער? ערגעץ דאָ ליגט ער. עפּשער,

אפילו, אונטע פּיס. און עמע ליגט דאָ. און דער אַלטער סאַפּיר מיט זײַנע טעכטער יז איידעמס, שניר, אייניקלעך. און די שכיינים זײַנע.

דאָ זײַנען אַמאָל געשטאַנען שטיבער. אין די שטיבער איז געווען אַ לעבן. דעם לעבן איז געווען ענג צווישן פיר ווענט. פלעגט עס זיך אַרויס־רײַסן דורך די פענצטער, דורך די טירן, דורך אַלע שפּאַרונעס — מיט אַ געלעכטער, מיט אַ געוויין, מיט אַ געשריי, מיט אַ געזאַנג, מיט אַ געזאַל־צענער קלאַלע.

אינדערפרי פלעגן זיך די טירן ברייט עפענען, ווײַל מענטשן האָבן זיך געײַלט אויף דער אַרבעט. אָפּדערנאַכט פלעגן די מענטשן זיך אומקערן אַהיים. יעדערער האָט געהאַט זײַן היים, זײַן שטוב. אַלע איינײַנעם האָבן געהאַט זייער היים, זייער שטעטל. דאָס לעבן האָט געברויזט. מענטשן, זייער רירעוודיקע, טומלדיקע, ראַשיקע מענטשן האָבן באַזעצט וואָלאָטשעוו פּעסט, באַלעבאַטיש, און יעדער איינער האָט זיך געקליבן אָפּלעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. און אָט שטייט ער אַצינד, זינטשעשענקאָ, אונ־טערן רעגן און גלייבט ניט זײַנע אויגן. ניין, ניט געווען. ס'איז ניט געווען דאָ קיין פּאַרק. ער געדענקט דאָס גאַנץ גוט. ניט געווען. קיין ביימער זײַנען דאָ ניט געווען. דאָ זײַנען געווען שטיבער. פון דאָר־דוירעס זײַנען דאָ געשטאַנען שטיבער. אין די שטיבער האָבן געלעבט מענטשן... נו, גע־נוג. דו האָסט שוין וועגן דעם געטראַכט. געקלאָגט מיט אַ קינע־ניגון. וואָרט. עפּעס אַן אַנדער געדאַנק רײַסט זיך פון די טיפענישן. דער מויער קאָן פּלאַצן — און... אַ געקלאַנג פון אַ וועקזייגער צווישן רעגן און ווינט...

עפּעס האָט אויף אים געדריקט. שווער געדריקט. אַזוי געדריקט, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט רירן פונעם אָרט. זײַן ניכטערער שעף, וויקטאָר וולאַדימיראָוויטש, וואָלט געזאָגט מיט אַ שמייכעלע: „שטיין אונטער אַ רעגן איז נאַריש. ווען עס גייט אַ רעגן, אײַלן אַלע נאָרמאַלע מענטשן, לויפן, ווי ווערן, עמעס, נאָס ניט וויניקער פון די, וואָס שטייען אויף איין אָרט, נאָר זיי אײַלן צו עפּעס אַ דאַך".

האָט ער געטאָן אַ שפּאַן. פאַרזיכטיק, ווייך, שטיל. אַזוי טרעט מען, ווען מע וויל ניט אופוועקן קיין שלאָפנדיקע. אויך אויף אַ בעסוילעם, צווישן קוואָרים. מע זאָל, כאַלילע, ניט אָנטרעטן אויף קיין קייווער...

3

אַצינד האָט זינטשענקאָ זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ אין דער פּאַרק־טיפעניש. פון איין טעראַסע אויף דער צווייטער. אויף יעדערער געבליבן שטיין, אַרומגעקוקט זיך, געזוכט דעם נעכטיקן טאָג. העלף מיר, מײַן זי־קאָרן! העלפט מיר, מײַנע אויגן! אָט דאָ, מעגלעך, איז געווען דער הויף. אין רעכטן ווינקל פלעגן זיך שפּילן די קינדער. זייער באַליבטע שפּיל — אין ניס. אויסגעגראָבן אַ גריבעלע און אַ מעטער צוויי פון דעם אוועקגע־לייגט אַ נוס און מיט אַ שטאַרקן פּיק פון די פינגער געצווונגען אים קאַ־טשען זיך צום גריבעלע. ווער ער טרעפן אַהין, איז גוט — געוווּנען. אויב פאַרבײַ — איז שלעכט, פאַרשפּילט. אָפּטער פון אַלע האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגעשפּילט דער צעניאָריקער אַשקע. פלעגט דער זיבניאָריקער מאָניק

דער קלײנער זיך בײזערן, אנידערפּאַלן אפן גריבל, צונעמען די ניס און אופהייבן א געפּילדער, ווען אשקע פלעגט בעיאַד־כאזאקע אוועקנעמען זיי בא אים צוריק. „וואָס איז געשען? וואָס שלאָגט איר זידז?״ פלעגן זיך באוויַיזן אף די שוועלן זייערע מוטערס, גיטע און וועכנע. צוגעלאָפן צו די קינדער, פלעגן זיי צוערשט זיי צענעמען, דערנאָך אפּשמיצן, לעפּאַ־נעם־וועגן, מיט ווייכע הענט, אָבער זאָל וועכנע ניט זאָגן, אז איר שוועסטער גיטע זשאַלעוועט דאָס קינד אירס, און זאָל גיטע ניט זאָגן, אז איר שוועסטער וועכנע וויל זיך אויסדרייען און ניט באַשטראָפן איר טיַערן אשקע, כאָטש ער איז שוין אן אלטער צעניאַריקער באָכער, און מאָניקן איז נאָר זיבן יאָר.

און אָט איז דער בוים, פון וועלכן מע פלעגט אראָפּטרייסלען ניס פאַר דער שפּיל. א בוים, אן אדיר, מיט א גרויסער, קיַילעכדיקער, זייער טונ־קעלער קרוין, פלעגט ער מיט זיַינע מעכטיקע וואָרצלען אויסזויגן וויַיט ארום אלע זאפטן פון דער ערד, אזוי אז די אָרעמע עפּלביימעלעך, וועלכע זיַינען געוואקסן באנאנד, האָבן געצאנקט פון שפּיַיז־מאנגל. דער אלטער מייער האָט אפילע אָנגעהויבן פאַרטראכטן זיך, צי ס׳איז ניט קעדיַי אויס־האקן אָט־אָ דעם פרעסער, דעם נוסבוים.

איצטער זעט מען ניט אין ערגעץ די עפּלביימער. אָבער דער נוסבוים שטייט. שטייט פעסט איַינגעקרעמפּעוועט אין דער היים־ערד. זיַינע צוויַיגן זיַינען געוואָרן נאָך גרעסער, נאָך געדיכטער. אונטער זיי איז טרוקן, פונקט ווי ס׳וואָלט זיך ניט דורכגעטראָגן איבער דער וועלט קיין גוסרעגן. ער איז געוועזן דאָ דער עלטסטער. אלע אנדערע ביימער זיַינען געוועזן יינגער פון אים.

פאַרשיידענע ביימער זיַינען דאָ געוועזן, קאשטאנען, טאָפּאָלן, יאסע־ניעס, קליאָנען, יונגע שטיַיפע דעמבלעך און דינע שעמעוודיקע בערעזקעס. אין עק פּארק, אפן סאמע נידעריקסטן אָרט איז זינטשענקאָ געבליבן שטיין א דערשטוינטער פון דעם וווּנדערלעכן, באשיידן־שיינעם און שטילן ווינקל: עטלעכע לאַנגצוויַיגיקע טרויער־ווערבעס האָבן האכנאָעדיק זיך געבוקט ביז צו דער סאמע ערד. אָבער קיין איינער פון די דאָזיקע ביימער האָט קיינמאָל ניט געזען סאפּירס שטוב, ווען אין איר האָט געברויזט א לעבן. אף אירע כורוועס זיַינען זיי געוועזן פאַרפלאנצט און אף די כורוועס פון אנדערע שטיבער...

4

בלויז דער מאַיעסטעטישער נוסבוים איז געוועזן א שטומער איידעס פון דער פאַרגעקומענער טראגעדיע. דער מידער מענטש האָט זיך אָפּגעקערט פון די ווערבעס, וואָס האָבן זיך האכנאָעדיק געבוקט ביז צו דער ערד. דאָ איז געוועזן פּיַיכטער ווי אומעטום. עפּעס האָט דאָ געפּריַיעט. איז ער ארויס אף א סטעזשקע, בארג־ארוף, צו א ברייטער אלייע, ווו די לופט איז געוועזן פרישער און די ערד טריקענער. ווידער דערנענטערט זיך צו זיַין אלטן באקאנטן נוסבוים, שווער אראָפּגעלאָזט זיך אף א באנק, און פאַר־באהאלטנדיק זיך פון דער גאנצער וועלט אונטער די געדיכטע נידעריקע

צווײַגן, האָט ער, ווײַזט אויס, געמיינט, אַז דאָס איז נאָך ווייניק, — פּאַל אָף דײַן פּאָנעם, בעך־אָדאָם, און פאַרבאָרג זיך אין שטויב, — האָט ער אופֿגעהויבן די הענט און פאַרדעקט מיט זיי דאָס פּאָנעם...

„טײַערע, ליבע, ווו זײַט איר? טוט אַ קוק אָף דער פּאָטאָ, עפּשער וועט איר דערקענען אײַער טאָכטער?"

דער טראַמוויי־וואַגאָן איז געווען איבערגעפּולט, ווי יעדן אינדערפֿרי, ווען אַלע אײַלן אָף דער אַרבעט. זינטשענקאָ האָט פונדעסטוועגן אַ פּרווו געטאָן דורכקוקן אַפּגיך די קעפּלעך פון אַ פרישער צײַטונג. צו אים איז אָבער ניט דערגאַנגען דאָס האַרץ־געשריי פון דעם אומבאַקאַנטן מיידל אָף דער פּאָטאָ. די אויגן האָבן יאָ געזען, דאָס האַרץ, אָבער, האָט דערווײַל געשוויגן.

דער טאָג איז פאַרבײַ מיט אַ סאַך אַרבעט און פיל דײַגעס. נאָר אָף דער נעשאָמע האָט עפּעס געקלעמט און געקלעמט, און פּלוצעם האָט ער דערפילט, אַז צווישן זײַנע אויגן און די צייכענונגען, וועלכע ער האָט דורכגעקוקט, האָט אַ שוועב געטאָן דעם מיידלס פּאָנעם, וואָס ער האָט אינדערפרי אין דער צײַטונג באַמערקט. האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע די צעקנייטשטע צײַטונג, צעעפֿנט זי, אויסגעגלעט מיט די פינגער און אופמערקזאַם אײַנגעקוקט זיך אין דעם מיידלס געזיכט־שטריכן. אינדערפרי, דורכקוקנדיק אַפּגיך די צײַטונג, האָט ער ניט באַמערקט טאָקע דאָ באַגאַנד נאָך איין פּאָטאָ: אַ קליין קינד אין אַ ווײַס קליידעלע. אָט אַזוי האָט אויסגעזען דאָס מיידל קינדווײַז. מיטאַמאָל האָט דאָס האַרץ בא אים ווידער גענומען קלעמען און אין באַוווסטזײַן האָבן אופגעטויכט, אַקשאַנעסדיק אײַנגעגעסן זיך די ווערטער: „...וועגדונג פון אַן אומבאַוווסט מיידל... וועגדונג פון אַן אומבאַוווסט מיידל..." עפּשער וואָלט מען באַדאַרפט איבערשטעלן די ווערטער: „וועגדונג פון דעם מיידל... אומבאַוווסטע", ווײַל די פאַמיליע פונעם מיידל איז — Неизвестная, אום־באַוווס־טע! אַ מאָדנע פאַמיליע. אַ קאַלטע, אַ גרויזאַמע. אַ ווייטעקדיקער מילכאָמע־שפור.

יאָ, גראָד אָט די פּאָטאָ פונעם אומבאַוווסטן מיידעלע האָט אים ווידער אַ יאָג געטאָן אַהער נאָך דעם, ווי ער האָט בייס זײַן ערשטן באַזוך, נאָך אין פיר־און־פערציקסטן יאָר, זיך דערוווסט, אַז אַלע זײַנע זײַנען אומגעקומען.

דאָס מיידל, דאָס אומבאַוווסטע מיידל, איז נישט ענלעך ניט אָף אים, ניט אָף עמען. און, ביכלאַל, איז אַן אומזין אפילע טראַכטן וועגן דעם. ער האָט קיינמאָל ניט געזען זײַן קינד. ער ווייסט אפילע ניט, ווער האָט עמע געבוירן, אַ ייִנגעלע צי אַ מיידעלע, און צי זי האָט ביכלאַל געבוירן. צי האָט זי באַוויזן האָבן דאָס קינד, איידער... איידער מע האָט זי... פאַרשאָלטענע צײַט! פאַרשאָלטענע ראָצכים! עפּשער האָט מען דערהאַרגעט די מוטער, איידער דאָס קינד האָט זיך באַוויזן אָף אָט דער שרעקלעכער וועלט?

שלוימקע — אַ מעשונע־באַוואַקסן געשפּענסט צווישן כורוועס, ווען ער האָט דאָ דערזען אין 1944, דערזען, נאָר ניט דערקענט, — שלוימקע האָט אים צו דער זאַך גאָרנישט ניט געקאָנט דערציילן וועגן דעם. שלוימקע האָט אים, זינטשענקאָן, דאַפקע יאָ דערקענט און געזאָגט:

— שרעקט אײַך ניט... איך בין נאָך ניט מעשוגע...

גרויליקע גרימאסן האָבן פאַרקרימט זײַנע ליפּן און דאָס גאַנצע פּאָנעם. ער פלעגט שטענדיק זיך קרימען, שלוימקע, אפילע קינדווײַז. נאָר דעמלט פלעגט ער עס טאָן פון דער גרינג און ס'איז געווען קימאַט ניט צו מערקן, אַזוי האָט אים עמע דערציילט. אָבער שפּעטער פלעגט די שוואַנגערע עמע, דערזעענדיק שלוימקען, זיך אָפּקערן.

און אַצינד קערט ער זיך אָפּ, ער, זינטשענקאָ, וואָס איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע מילכאָמע, קערט זיך איצט אָפּ פון דעם צוואַנציקיאָריקן זאָקן, פון אָט דעם יונגגמאַן מיט גראָווע האָר און טיפע קנייטשן, וואָס ס'האָבן דורכגעשניטן אַף זײַן פּאָנעם די שטענדיקע ווײ־גרימאַסן.

— ווו איז עמע? ווו איז עמע? ווו איז דאָס קינד? ווו זײַנען עמעס עלטערן, שוועסטער? — האָט זינטשענקאָ אומגעדולדיק געפרעגט בא שלוימקען.

ער האָט זיך געקרימט, שלוימקע, געהאַלטן אין איין קרימען זיך. נאָר אַז ס'איז שטאָקפינצטער, איז אַ בליץ אויך אַ ליכט־קוואַל. און זינטשענקאָ מיט אַן אַנטבלויזט האַרץ, וואָס איז אָפן פאַר אַלע האָפענונגען און פאַר אַלע אַנטוישונגען אַף דער וועלט, זינטשענקאָ האָט אומגעדולדיק גע־וואַרט אַף אַ בליץ־פאַרזע צווישן צווײ קראַמפּהאַפטיקע גרימאַסן, שלוימקע זאָל אים עפּעס מיטיילן. דער גראָווער יונגערמאַן, אָבער, האָט פּײַנלעך געשלונגען די לופט, שטיקנדיק זיך, באַמיט אַרויסקוועטשן פון זיך אַ פּאָר ווערטער. די ווערטער, אָבער, ווי די גרימאַסן, האָבן נאָר איבערגעכאַזערט איינס דאָס צווייטע: „דערהאַרגעט. דערהאַרגעט. דערהאַרגעט...״ שפּעטער האָט ער געפּרווט דערפרעגן זיך בא אַנדערע, בא היגע טוישווים. גע־פרעגט, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז ער וועט דערהערן די זעלבע ווער־טער: „דערהאַרגעט. דערהאַרגעט. דערהאַרגעט...״ ניט קיין ווערטער. איין וואָרט: „דערהאַרגעט״. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט מען אין יענע צײַטן זייער אָפט געהערט.

5

באַנאַכט האָט ער פּלוצעם געעפנט די אויגן. באַשלאָסן. יאָ, פּעסט באַ־שלאָסן.

דעם באַשלוס האָט אָנגענומען ניט ער, דער באַטאַגיקער, דער וואַכ־דיקער אינזשעניער זינטשענקאָ, נאָר עמעצער אַנדערש אָנשטאָט אים. באַנאַכט בײַט זיך דער מענטש. דער באַנאַכטיקער מענטש אונטערשיידט זיך פונעם באַטאָגיקן. ער בלײַבט אַליין. מיט זיך אַליין. מיט זײַן געוויסן. אָן איידעס. אָן דעם טעגלעכן העוועל־האַוואָלים. און דעמלט דאַרף ער, מוז ער, האַלטן אָן ענטפער פאַר זיך אַליין.

אין שלאָף האָט ער זיך געאַמפּערט, מיט זיך אַליין געאַמפּערט. דער וויקועך איז געווען אַ גאַנץ רויִקער, אַ לאָגישער אַף כידושים. עמע איז בײַגעווען, אָבער קיין אָנטייל אינעם סיכסעך ניט גענומען. שווײַגנדיק איז זי געשטאַנען לעם זײַן בעט אין אַ ווײַס־זילבערדיק שעמערירנדיק קלייד,

וואָס האָט באַטאָנט איר ברוינלעכע שיינקייט און די גרויסע טונקעלע אויגן. אַ הויכע, אַ שטאַלטנע, אַ שיינע, האָט זי אויסגעזען אין דעם קלייד נאָך שענער און מאַיעסטעטישער. אַזוי האָט ער איר אײַנגערוימט אין יענער אומפֿאַרגעסלעכער נאַכט. האָט זי אַ שמייכל געטאָן אַזוי שעמעוודיק־מילד, אַז ס'איז ניט קיין וווּנדער, וואָס זי האָט זיך אײַנגעבאַקן אין זײַן האַרצן גראָדע אַזאַ. און ס'איז נאַטירלעך, וואָס זי האָט זיך באַוויזן פֿאַר זײַנע אויגן אין אָט דער נאַכט אין דעם זעלבן קלייד מיט דעם זעלבן שעמעוודיק־מילדן שמייכל אויף די ליפּן... אַך, ווי שיין, וווּנדער־שיין! מאַיעסטעטיש! אַ ווײַס־זילבערדיק שעמערירנדיק קלייד. אַ שעמעוודיק־מילדער שמייכל. נו, זאָג זשע, דו איינער, צוליב וואָס? צוליב וואָס נאַרסטו די וועלט און זיך אַליין? נאָך דעם, וואָס ס'האָט געטראָפֿן, נאָך אַלע געשעענישן. נאָך דער מלחמה. אַ מין נאָבעלער מענטש, וואָס איך בין, איך, זינטשענקאָ. אַנדערע וואָלטן שוין פֿון לאַנג פֿאַרגעסן. איך — ניין. קימאַט אַ פֿערטל יאָרהונדערט איז פֿאַרבײַ. איך געדענק אָבער. אַ פֿערטל יאָרהונדערט האַלט איך אין איין געדענקען. אַ שאָק מיט יאָרן האָסטו באַדאַרפֿט, דו ווילער, דו ריטעריש־נאָבעלער מענטש, זאָלסט אָנעמען אַ באַשלוס: מע דאַרף זוכן, זוכן, זוכן, איבער דער גאַנצער וועלט דאַרף מען זוכן, עפּשער וועל איך פֿאָרט געפֿינען עמעצן אָדער איר קינד.

אין שלאָף האָט ער זי פֿאַרבעטן: זעץ זיך. שווײַגנדיק האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און פֿון דער אומגעריכטער באַוועגונג איז דער שמייכל אַראָפּ פֿון אירע ליפּן. „צוואַנציק יאָר בין איך געשטאַנען. וועל איך נאָך אַ ביסל שטיין". ווער זשע האָט אויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, אויב זי האָט געשוויגן? ווײַזט אויס, ער אַליין. „אין שלאָף איז אַלץ מעגלעך", האָט ער אַ טראַכט געטאָן אין שלאָף און אַ צאַפּל געטאָן. „אָבער דאָס איז דאָך עמעס! הייליקער עמעס! זי שטייט דאָך,ווירקלעך, צוואַנציק יאָר בײַ מײַן בעט, שטייט שטיל, טרעט ניט אָפּ... באַטאָג איז נישקאָשע. באַטאָג איז זי ניטאָ. ווײַל ס'איז דאָ אַרבעט, ס'איז דאָ דײַגעס, ס'איז דאָ קאָפּדרייעניש, ס'איז דאָ אַ העלע זוניקע שײַן. אָבער ווי נאָר עס לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער וועלט די נאַכט, שווימט זי אַרויס פֿון דער פֿינצטערניש. איך האָב געמיינט, אַז איך האָב זי פֿאַרגעסן. אינגאַנצן פֿאַרגעסן. איז ניין. איך האָב זי ניט פֿאַרגעסן. איך קאָן זי ניט פֿאַרגעסן. אָט שטייט זי לעבן מיר, ווי אַ שטומער פֿאָרוווּרף..."

— פֿאַרוואָס עפּעס אַ פֿאָרוווּרף? איך האָב דען ניט אויסגעהאַלטן מײַן שבועה?

— שבועה?

— גוט. איך פֿאַרשטיי. ס'איז נאַיִוו. טויזנטער פֿאַרליבטע שווערן איינער דעם צווייטן...

נאָר איך בין דעמלט אַלט געווען פֿינף און צוואַנציק. דער סוינע איז געשטאַנען בײַ דער שטאָט. ס'האָט זיך אויפֿגעריסן אַ באָמבע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סריפֿע, דער גאַנצער האָריזאָנט איז געווען אין פֿײַער און אין רויך. די דײַטשן האָבן שוין אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען אין שטאָט. מיר זײַנען פֿאַרבליבן נאָר אַזויפֿיל צײַט, איך זאָל באַווײַזן געבן אָט די שבועה און אוועק אין מײַן טייל. דאָס איז פֿאָרגעקומען אומדערוואַרט, פּלוצעמ־

דיק. עמע האָט זיך אַזוי פאַרלוירן. האָב איך דאָך געמוזט זי דערמוטיקן. „מיר וועלן זיך אומקערן. מיר וועלן זיך גיך אומקערן. אויך איך וועל זיך אומקערן צו דיר און דעמלט וועלן מיר א לעב טאָן! היט זיך אָבער אָפּ. היט זיך זייער אָפּ. טראַגסט איצטער צוויי לעבנס אין זיך..."

— נו, און די שוועז... ווי זשע איז מיט איר?

— איך בין געבליבן טרײַ איר אָנדענק. איך האָב קיינעם ניט. איז דאָס ווייניק?

— ווייניק. געוויס ווייניק. קליינמוטיק. הער א מײַסע — א ניידער געגעבן! עמע וועט עס דיר קיינמאָל ניט מוחל זײַן. ווײַל זי האָט ליב געהאַט דאָס לעבן און וויל, אז אויך דו זאָלסט עס ליב האָבן.

— דאָס לעבן?

— יאָ. דאָס לעבן. און אויך זי, עמען, און איר קינד. און דײַן קינד.

— אָבער עמע איז דאָך ניטאָ אף דער וועלט.

— ניין. זי איז דאָ. ס'קאָן ניט זײַן, אז אף דער גאָרער וועלט זאָל ניט זײַן קיין עמע.

6

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די פיס פונעם בעט, אנידערגעשטעלט זיך אף זיי, ווי אף פרעמדע, מעכאַניש אײַנגעשלאָסן די שײַן, און עמע איז גלײַך אנטרונען געוואָרן. האָט ער זיך צוגעזעצט צום טיש. ער דאַרף שרײַבן א מעלדונג. וואָס פאַר א מעלדונג? ער וועט בעטן אורלויב. נאָר דו ביסט דאָך שוין... ניין, אפּן אייגענעם כעזשבן, פאַרשטייט זיך. אף וויפל? איך רעכן אף א צוויי־דרײַ טעג. ווער זשע שרײַבט אַזוי — „צוויי־דרײַ טעג"? מע דאַרף שרײַבן פּינקטלעך. אין א באַפעל קאָן מען דאָך ניט שרײַבן אַזוי: „צוויי־דרײַ". עפּעס באַמבלט זיך נאָך באַ אים אין מויעך. אין פאַרשלאָפּע־נעם מויעך. כוץ דעם, איז צוויי־דרײַ טעג ווייניק. אף פינף. יאָ, ניט ווײַ־ניקער, ווי אף פינף. אצינד דאַרף מען עפּעס צוטראַכטן א טערעץ, א מאָ־טיוו. וויקטאָר וולאַדימיראָוויטש האָט ליב מאָטיווירטע מעלדונגען. ער האָט ליב, זײַן שעף, קלאָרקײַט, פּינקטלעכקײַט, וועט ער אים א פרעג טאָן, וויקטאָר וולאַדימיראָוויטש, מיט זײַן וויברירנדיקן באַס, וואָס קײַקלט זיך אַזוי זיכער און פעסט:

— וואָס פּלוצעם?

איז וואָס וועט ער אים ענטפערן? דערציילן וועגן א מאָדנער שלאָפלאָ־זער נאַכט, וועגן פון איין מענטשן ווערן צוויי, וואָס האַלטן צווישן זיך א לאַנגן וויקועך? וועט ער געוויס צעלאַכן זיך, זײַן שעף:

— מיסטיק.

שרײַבט דערווײַל זינטשענקאָ אַזוי: „...ווײַל איך מוז דרינגענדיק פאָרן צוליב.........אומשטענדן". זאָלן דערווײַל שטיין אָט די פּינטעלעך. דער־נאָך וועט ער עפּעס צוטראַכטן.

וואָס הייסט דערגאָך? ווען דערגאָך? הייבן זיך, הייסט עס, ווידער אָן די אייביקע קוואַנקלענישן? ניין. באַלד. טייקעף דאַרפסטו ענטפערן דײַן שעף, צוליב וואָסערע אומשטענדן...

זינטשענקאָ האָט זיך פאַרטראַכט. פאַרמאַכט די אויגן. אַנדרעמלט געוואָרן. צונויפגעבונדן מיט אַ פעסטן קנופּ דעם איבערגעריסענעם כאַלעם־פאַדעם. דער זייגער האָט זיך צעקלונגען דרײַ מאָל. דרײַ באַנאַכט. ער האָט אופגעעפנט די אויגן און אַרײַנגעשריבן: „צוליב מישפּאָכע־אומשטענדן". אין וולאַטשעוו האָט ער געהאַט אַ פרוי. און אַ קינד האָט ער געהאַט, וואָס ער האָט עס קיינמאָל ניט געזען. ער ווייסט אפילע ניט, צי דאָס איז געווען אַ ייִנגעלע אָדער אַ מיידעלע. איז דען ניט אַלצייַנס, אויב עס איז דערהאַרגעט געוואָרן!

און עפּשער ניט?.. עפּשער האָבן דאָס קינד געראַטעוועט גוטע מענטשן. אויסבאַהאַלטן עס פון די ראָצכים.

ער איז געזעסן באַם טיש, געשריבן, געמעקט, ווידער געשריבן, און אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז ער שלאָפט נאָך, אַז ער שרײַבט און פאַרמעקט בייסן שלאָף. ער האָט אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, פאַרגעסן — נאָך וואָס, און איצט אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן: וואָס האָט ער אים געזאָגט?

אָבער ער האָט אים גאָרנישט ניט געזאָגט. דאָס אַמפּערן זיך האָט זיך פאַרענדיקט צוזאַמען מיטן שלאָף. זײַן האַנט האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע אַ צעקנייטשטע צײַטונג. ער האָט זי אַוועקגעלייגט אָפן טיש, צודעקנדיק מיט איר די מעלדונג. אָפּגעזוכט מיט די אויגן די פאָטאָגראַפיע פונעם קינד אינעם ווײַסן קליידעלע. אַ קײַלעכדיק צעשויבערט קעפּל און קורצע גראָבלעכע פיסעלעך אין פיצינקע סאַנדאַלן.

מע דאַרף פאַרגעדענקען די שטאָט, פונוואַנען דאָס מיידל מיטן יעסוימישן נאָמען „אומבאַוווּסטע" שרײַט צו דער גאַנצער וועלט. „ראַדיטש... ראַדיטש... ראַדיטש" — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט. אַרײַנגעשלאָגן אין קאָפּ, ווי אַ צוואָק. „ראַדיטש" — האָט ער ווידער איבערגעכאַזערט, אָנטורענדיק דעם מאַנטל און פאַרשפּיליענדיק אים אַף אַלע קנעפּ.

ס'האָט אים געפיבערט — פון דער נאַכט־קילקײַט צי פון נערוון־אָנשטרענגונג, ווען ער האָט געשפּאַנט איבער די פּוסטע שטאָט־גאַסן. ס'איז אים, דאַכט זיך, נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען די שטאָט דרײַ אַזייגער באַנאַכט, כאָטש ער וווינט שוין דאָ גאַנץ לאַנג.

די שטאָט האָט זיך אויסגעשפּרייט מיט גלײַכע פאַרשלאָפענע גאַסן, וואָס פאַרלירן זיך ערגעץ העט־ווײַט. דער מענטש האָט ניט אײַלנדיק געשפּאַנט איבער די גאַסן און אײַנגעטײַנעט מיט זײַן אייגענעם שאָטן. דאָס איז שוין מער ניט געווען קיין ווּיקועך, נאָר אַן אויספּיר, אַ קורצער סאַכאַקל. „אָט זעסטו דאָך, וואָס פאַר אַ געהאָרכזאַמער מענטש איך בין, — האָט ער פרידלעך אײַנגערעדט זײַן שאָטן, — אָט בין איך אופגעשטאַנען אינמיטן נאַכט, איך גיי צו דער באַן, כ'וועל פאָרן אַהין, די שטיינער וועל איך פרעגן, אויב סע זײַנען ניט פאַרבליבן קיין לעבעדיקע איידעס..."

דאָס נאַכט־ווינטל האָט אַ שורשע געטאָן מיט עפּעס אַן אָפּגעריסן פּאַפּירל, וואָס האָט לעכערלעך אַ שפּרונג געטאָן, איבערגעקערט זיך און צו־

געקײַקלט זיך איבערן פּוסטן ברוק גלײַך צו זינטשענקאָס פּיס. ער האָט פּאַרזיכטיק אַריבערגעטראָטן איבער דעם, געלאָזט זיך גײן װײַטער, דערנאָך זיך מעיאשעװ געװוען: אַזױ פֿרי האָט ער ניט װאָס צו טאָן אױפֿן װאָקזאַל, אָבער אומקערן זיך אַהײם האָט זיך אים ניט געװאָלט.

ער האָט פֿאַרקערעװעט אין אַ זײַטיק געסל, דערנאָך אין אַ צװײטן, דורכגעשניטן אַ פּלאַץ, װאָס האָט אױסגעזען אַצינד זײער גרױס, װײַל ער איז געװוען פּוסט — אָן מאַשינעס, אָן מענטשן. דערנאָך האָט ער נאָך לאַנג געבלאָנקעט איבער גאַסן, געסלעך, סקװערן. אָן אױסגעשפּאַנט פֿלינק װינ־טעלע האָט מיטאַמאָל פֿרײַ דערטראָגן צו זײַנע אױערן אַ װאַסער־געמורמל, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער בריק, אָנגעלענט זיך אױף דער אײַזער־נער פּאַרענטשע, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איצטער האָט ער שױן מער ניט געזען זײַן שװאַרצן שאָטן, װײַל זײַנע אױגן האָבן זיך אײַנגעזױגן אינעם אָפּגרונט, װאָס אונטער דער בריק: דאָס װאַסער שטראָמט און ריזלט אָן אױפֿהער, אָן אָן אָנהײב, אָן אַ סאָף, װי אַ װאַסער־זײגער, װאָס מעסט די אײביקײט...

איז דאַפֿקע דעמלט — ער געדענקט דאָס אױסגעצײכנט, און אױך אַצינד, זיצנדיק אין פּאַרק אונטערן נוסבױם, בא אַ טױזנט קילאָמעטער אָפּגעװײַ־טערט, הערט ער נאָך אַלץ אַ געמורמל פֿונעם װאַסער, װאָס פֿאַרװיגט און פֿאַרשלעפֿערט, — דאַפֿקע דעמלט איז בא אים אַנטשטאַנען אַ זיכערקײט, אַ פֿעסטע איבערצײַגונג אין דער גערעכטיקײט פֿון יענעם, מיט װעלכן ער האָט זיך געאַמפּערט אַ גאַנצע נאַכט: זי איז דאָ. ס'קאָן דאָך, װירקלעך, ניט זײַן, אַז זי זאָל ניט זײַן אױף דער גאָרער װעלט. ניט זי, ניט די שפּורן אירע... װאַרט. װאָס האָט ער געטראַכט?.. יאָ. ס'איז אַ נוצלעכע זאַך, אָט די אײביקײט, אַ טרײסט־זאַך. לאָמיר זיך פֿאַרשטעלן, אַז ער װעט אָפּזאָגן, שמײכלענדיק דערבײַ, פֿאַרשטײט זיך. ער איז אַ גרױסער דעמאָקראַט, װיקטאָר װלאַדימיראָװיטש. באַהאַלט זײַן גאַדלעס אונטער אַ שמײכל.

איז זאָל זײַן אַזױ. לאָמיר זיך פֿאַרשטעלן, אַז ער װעט אָפּזאָגן. מאָ־טיװון — װיפֿל איר װילט. אױף דעם איז ער אַ מאַזיק, װיקטאָר װלאַדימיראָ־װיטש. אַלץ אױף דער װעלט קאָן ער מאָטיװירן. איז גוט. װעל איך אים רויִק אױסהערן און דאַפֿקע פֿאָרן. אומאָנגענעמלעכקײטן? אַ! איז װאָס?.. אַזעלכע זאַכן איז בעסער צו לײזן אין דער אָנװעזנהײט פֿון דער שטראָ־מענדיקער אײביקײט...

אײַלנדיק, פּונקט װי ער װאָלט מורא געהאַט איבערצוטראַכטן, איז ער אװעק אױפֿן װאָקזאַל, צוגעגאַנגען צום פֿענצטערל פֿון דער בילעטן־קאַסע:

— קײן ראַדיטש.

די קאַסירשע האָט אַ בלעטער געטאָן אַ גראָבן בוך, געפֿונען די באַן־סטאַנציע, אױסגעשריבן און דערלאַנגט אים אַ בילעט.

ערשט איצט איז אים געװאָרן גרינגער אױפֿן האַרצן. פּונקט װי ער װאָלט מיט אײן שאַרפֿער באַװעגונג צעריסן די פּענטעס, מיט װעלכע ער איז געװוען אַרומגעבונדן. פֿון אָט דער שפּירונג זײַנען די פֿינגער פֿון דער צונױפֿגעדריקטער פֿױסט, אין װעלכער ער האָט געהאַלטן דעם בילעט, אױך װײכער געװאָרן. דער בילעט האָט זיך אַרױסגעגליטשט פֿון צװישן

די פינגער און אראָפּגעפאַלן. זינטשענקאָ האָט אים אופגעהויבן, א קוק געגעבן אף אים און מיטאמאָל זיך א ריס געטאָן פונעם אָרט און צוגעלאָפן צו דעם קאסע־פענצטערל.

— טײַערע, איך האָב דאָך געבעטן בא אײַך א בילעט קיין וולאָטשעוו, און איר האָט מיר געגעבן קיין ראדיטש.

— איר האָט געזאָגט ראדיטש, ניט וולאָטשעוו.

— איך האָב געזאָגט וולאָטשעוו, ניט ראדיטש.

דאָס מיידל האָט געכאפּט א מאָדנעם קוק אף זינטשענקאָן, עפּעס א מורמל געטאָן („ניט נאָרמאַל צי וואָס" — האָט ער דערהערט, אָדער ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן) און אים געגעבן אַן אנדער בילעט.

7

אין וועג, אין צוג, אין אויטאָבוס — פון דער באַן־סטאַנציע ביזן שטעטל, אונטערן גוסרעגן און אפילע איצט אין דעם שיינעם און הארבסטיקן טריבן פּארק, אונטערן נוסבוים, האָט ער ניט געקאָנט זיך בוילעט פאָרשטעלן, ווו און וויאַזוי וועט ער זיך נעמען זוכן די שפּורן פונעם פאַרגאַנגענעם לעבן, אלטע צוואַנציקיאָריקע שפּורן. דערוויַיל האָט ער געפונען אָ־דעם באַלעבאַטישן, מיט געדיכטע צווײַגן נוסבוים. א דרײַסיק מעטער לינקס פונעם בוים, אף וויפל ער געדענקט, איז געשטאַנען א ראַכוועסדיקע שטוב. דאָרט האָבן געלעבט די סאַפּירס.

אצינד, ווען דער רעגן האָט אומעטום אופגעהערט, האָט אָנגעהויבן גיסן אונטערן נוסבוים. דער ווינט רײַסט אראָפּ פונעם געדיכטן געבלעטער וואָלקנדלעך רעגן־טראָפּנס און באַשיט מיט זיי דעם איינזאַמען מענטשן, וואָס זיצט אונטערן בוים. ס'האָט אויסגעזען, ווי גלײַך א ריזיק־גרויסע גרינע כײַע וואָלט ארויסגעקראָכן פונעם טײַך און זיך איצט אָפּגעטרייסלט אפן ברעג.

זינטשענקאָ איז ארויס פון דער אומזיכערער באַהעלטעניש און געמאַכט א דרײַסיק גרויסע טריט אף לינקס פונעם בוים. אָט אָ־דאָ האָט זי גע־דאַרפט שטיין, די שטוב, אויב ער, זינטשענקאָ, האָט נאָך ניט באַוויזן פאַר־געסן אלץ אף דער וועלט.

די שטוב איז געווען א נידעריקע און א ברייטע, ווי געראָטן אין איר באַלעבאָס, מייער סאַפּיר, א פעסטן געזעצטן זאַקן מיט א געלבלעך גרוי בערדל און רויט אָנגעשוואָלענע אויגנלעפּלעך פון פופציקיאָריקן פּראַצע־ווען באַם הייסן שמיד־הארן. די קוזניע איז געשטאַנען הארט באַם וועג, באַזונדער פון דער שטוב, און אין מעשעך פון פופציק יאָר האָט דער אל־טער געטיילט דעם מעסלעס אף צוויי קימאַט גלײַכע טיילן: פון אינדער־פרי ביז אפּדערנאַכט — אין קוזניע, פון אפּדערנאַכט ביז אינדערפרי — אין שטוב.

לעפּאָנעם, קעדיי ניט רייצן דעם ניט־גוטן, האָט דער אלטער גע־קרעכצט, געקלאָגט זיך אף זײַן גורל, אף דעם, וואָס זײַן שטיקל ברויט

איז דורכגעזאפּט מיט שווייס, ווי מע זאָגט, בעזייאַס־אַפּעכאַ. אין האַרצן, אָבער, האָט ער זיך געגרויסט מיט זײַן לעבן.

מיט וואָס זשע, אייגנטלעך, האָט ער שטאָלצירט?

פונקען־שטראַמען פון אונטער דער קאָוואַדלע לאָזן אים ניט זיך פאַר־טיפן, פינקטלעך אויסדריקן זײַן געדאַנק, דער העלפּער זײַנער, דער נײַנצנ־יאָריקער אייניק, אָשער, זאָל אים פאַרשטיין פונעם ערשטן וואָרט. דעמלט לאָזט ער ריידן דעם שווערן האַמער. זײַנע הילכיקע קלעפּ איבער דעם צעגליטן אײַזן פּאַלגן איינער נאָכן אַנדערן און שטעלן צונויף אַן אײַזער־נע סאַגע, וואָס איר זין איז אָשערן קלאָר: דער זיידע האָט אליין געקאָוועט זײַן גורל. אַ גאַנץ לעבן.

דעם אַלטן האָט זיך ניט געוואָלט ריידן וועגן דעם אָפּן. קעדיי ניט דערצאָרענען גאָט. ער האָט זיך געסטאַרעט זײַן מיט אים אין גוטע באַציונ־גען. ער איז געווען שטאַרק אָבערגלויבעריש. וויפל צאָרעס און שלעק איז פאַראַן אויף דער וועלט! מילכאָמעס, סרייפעס, קרענק, הונגער... איז דאָך פאַראַן אַן עמעצער, וואָס שיקט זיי אַן אויף די קעפּ פון די אָרעמע מענטשן! איז ווער — כוץ גאָט?

צײַטנווײַז, ווען אָט דער גאָט פלעגט זיך אָנוואַלגערן אויף אים באַזונ־דערס גרויזאַם, פלעגט דער זאָקן אופגעקאָכט ווערן פון דעם ריבוינעשע־לוילעמס אוולעס. פון דער אומיוישערדיקײַט פונעם יוישערדיקסטן. אַזוי איז געווען, ווען מייער האָט געלאָזט וויסן, אַז זײַן זון, לאָזער, אַ זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי, איז אומגעקומען. דער זאָקן האָט געפּאָדערט אַן ענטפער בא גאָט. און, פאַרשטייט זיך, אים ניט באַקומען. האָט ער באַגיטיקט די מערידע פון זײַנע ווײַטע אָוועס אין דעם מידבער. זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון דעם אומזיכטבאַרן, אומבאַגרײַפלעכן, אומבאַשטענדיקן אַדוינוי, וועלכער טוט, וואָס ער וויל, און טראָגט ניט קיין שום אַכרײַעס. האָבן זיי געמאַכט זיך אַן אייגעל. אָ, דאָס איז עפּעס אַנדערש. אַ גאָט פון אַ שטיק מעטאַל! ער אַליין, מייער דער קאָוועל, וואָלט געמעגט אַ טראַכט טאָן וועגן באַשאַפן אין זײַן קוזניע אַן אײַזערנעם גאָט, אוועקשטעלן אים אין זײַן שטוב, ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו די גיריקע טעלערלעקער פונעם גאָט אין הימל. דער אַלטער האָט זיך געהאַלטן פונדערווײַטנס מיט זיי, אָבער אָפּקומעניש־געלט האָט ער זיי געצאָלט.

אין זײַן שטוב! דאָס איז געווען דאָס ווערק פון זײַנע הענט און דער ציל פון זײַן לעבן. ער האָט געהאַט דרײַ טעכטער, צוויי זין און זיבן אייניקלעך. און אַלע האָבן זיי געלעבט בא אים, אין זײַן שטוב. ער האָט ניט דערלויבט, זיי זאָלן זיך צעזייען איבער דער וועלט, אַ וועלט פול מיט סאַקאָנעס. ניין, זיי מוזן לעבן בא אים, מיט אים, אונטער זײַנע פליגל. אויב ס'וועט טרעפן אַן אומגליק, איז מיט אַלע. צוזאַמען וועט זיי גרײַנגער זײַן דאָס איבערטראָגן. אָבער ווען יעדערער פון זיי וועט וואָגלען איבער דער וועלט באַזונדער, — וועט אים דאָס לעבן צעקוועטשן.

דאָך זײַנען געווען פּרוּוון אָפּטיילן זיך פון אים. ווען ער האָט אויס־געגעבן זײַן עלטערע טאָכטער גיטען פאַר מוישע גובער, האָט ער זיי גע־מאַכט אַ באַזונדער שטיבל. לעבט זיך, הייסט עס, פּרוכפּערט זיך און זײַט געזונט. גובער האָט גערייט מיט דער נאָז, אוועקגעשטעלט זיך אויף דער

שוועל אזוי, אז מער קיינער האָט ניט געקאָנט דורכגיין (צו אכט און צוואנציק יאָר האָט ער שוין געהאט א בײַכל), נאָר געדעדט האָט ער בע־נימעסדיק־זיס, פונקט ווי מע וואָלט אים געטאָן די גרעסטע טויווע:

— מײַן טײַערער שוועה! מיר זײַנען זייער געריהרט, וואָס איר דײַגעט זיך אזוי פאר אונדז, אָבער מיר האָבן שוין געקראָגן א ווינונג צוויי מאָל גרעסער און דרײַ מאָל בעסער.

האָט אים מייער אָפגעשניטן קורץ און שארף:

— ווילסטו גיטען, טאָ ווין מיט אונדז.

גובער האָט געמוזט נאָכגעבן. אז ניט, איז ווו וועט ער קריגן נאָך אזא מין גיטע?

דער אלטער האָט זיך געגרויסט מיט זײַנע טעכטער. שיינע מוידן, קיין אײַנהאָרע, לײַביקע, קיין איינע וועט זיך ניט פארזיצן. קיינער וועט זיך ניט אָפזאָגן ווערן זײַן מעכותן, כאָטש ער, מייער, איז א פראָסטער קאָ־וועל. אפילע יעפּים סיגאל אליין, דער אָנגעפּאָרענער דאָקטער, איז אויך געוואָרן אן אײדעם בא אים, כאָטש בארימען זיך מיט אַ־דעם איידעם זײַנעם איז מייער ניט געניינט. א פּוליאַק, א באל־ספּייקעס, ער גלייבט אליין ניט אין זײַן מעדיצין. הערט א מײַסע: אָנשטאָט געבן פינקטלעכע אָנווײַזונגען דעם קראנקן, אייצעט ער זיך מיט אים. דער כוילע איז דאָך אליין געקומען נאָך אן אייצע! ער, מייער, ראט זיך קיינמאָל ניט מיטן פערד, וויאזוי ער דארף דעם שטעלן א פּידקאָווע. נאָר אויב קאָוועט עס שוין אונטער, איז טאקע א מעכײַע א קוק צו טאָן. גלײַך ווי סע וואָלטן נײַע פיס באם פערד אויסגעוואקסן.

דער אלטער, פארשטייט זיך, איז ניט באַקי אין מעדיצין. נאָר אויב ער האָט יאָ אויסגעגעבן זײַן טאָכטער פאר דעם דאָזיקן מענטשן און, אזויארום, דעראָבערט פאר זײַן שטוב אן אייגענעם לײַב־מעדיקער, טאָ דארפן אלע אין שטוב זײַן געזונט און שטארק. דאָס איז שוין יעפּימס זאך. אָדער, פּאָשעטער, כאָימס. וואָס עפּעס יעפּים? כאָים איז דען ניט בעסער? כאָים איז לעבן. א דאָקטער פאסט אַ־דער נאָמען בעסער. אָבער וואָס לאָזט זיך אויס? צוויי יאָר איז מייערס ווײַב צוגעשמידט צום בעט, און ער, סיגאל, קאָן גאָרנישט ניט צוטראכטן, וויאזוי שטעלן זי אף די פיס. ער האָט קי־מאט אופגעהערט ארײַנגיין צו איר אין צימערל, דער רייעך, זאָגט ער, איז דאָרטן ניט קיין וואזשנע. ווען דער זקיינע ווערט צײַטנווײַז אזוי שלעכט, אז זי קאָן שוין ניט אויסהאלטן און צעקרעכצט זיך אף דער גאנצער שטוב, רופט יעפּים זײַן פּלעמעניק:

— הער נאָר, מאָניק. טו עפּעס א שפּיל דער באָבען. זי האָט ליב, אז דו שפּילסט אפן פידל. וועט זי פארגעסן אין אירע ווייטעקן.

אמאָל רופט ער אים — „מאָניק דער רויטער", קעדיי צו אונטערשיידן אים פון דעם אנדערן מאָניק, „מאָניק דעם קליינעם".

מאָניק פּארוויטלט זיך. נעמט דעם פידל. שפּילט. ער איז צופרידן. סי־גאל איז אויך צופרידן. ער הערט ניט אצינד דער שוויגערס קרעכצן. ניט צופרידן איז זלאטע, מאָניקס מוטער.

— מאָניקן האלט מען אין איין עקס... עקס...

— עקספּלואטירן, — זאָגט אונטער, שמייכלענדיק, עמע.

— און ער, נעבעך, שפּילט ביז אהער אַף אַ פאַרשיווע פאַבריק־פידל, — קלאָגט זיך ווײַטער זלאַטע. — פאַרשטייט זיך, ווען דער טאַטער זאָל לעבן, וואָלט שוין... אָבער אַף אַ זון פון אַן אָרעמער אלמאָנע גיט קיינער ניט אכטונג...

דער אלטער ברוגעזט זיך. וואָס קלאָגט זי, זײַן שנורז וואָס הייסט עפּעס „אַן אָרעמע אלמאָנע"? אלע אין דער דאָזיקער שטוב זײַנען גלײַך רײַך און גלײַך אָרעם. וואָס זשע, ער עסט געשמאַקערע מײַכאָלים, ווי זיי אלע עסן פון איין שיסל.

— וואָס ווילט איר פון מירז — ערגערט ער זיך. — פידלען קאָן איך ניט קאָווען. קיינער האָט מיך ניט געלערנט. איך בין ניט קיין פידלמאַכער. איך בין אַ פּראָסטער קאָוועל.

אפן הימל־ראַנד זאַמלען זיך כמאַרעס. אָשער, דאָס עלטסטע אייניקל, שוין אַן עכטער יונגאַטש, וואָס העלפט אָפּט דעם זיידן אין קוזניע, מיינט, אַז ער דאַרף זיך איצט אַרײַנמישן:

— זיידעניו, לייג זיך צו!

מייער בורטשעט נאָך אַ פּאָר מינוט, לייגט זיך אנידער אַף דער סאָפע, לעפּיש, ווי אַ בער.

אָשער נעמט אַרויס פונעם קרעדענץ אַ קליין פלעשעלע, נעמט אָן אַ פולע פּיפּעטקע מיט טראָפּנס.

— צי אַף דאָס אויגנלעפּל, — באַפעלט אָשער.

דער אלטער פאָלגט אים. מיט קורצע הויקערדיקע פינגער דריקט ער אָן אַף דעם אונטערשטן רויטלעכן אויגנלעפּל, ציט עס אָפּ. אָשער צילט זיך מיטן גלעזערנעם שפּיץ פון דער פּיפּעטקע, אַף וועלכער עס הענגט אַראָפּ אַ דורכזיכטיקער טראָפּן. „ניט געטראָפן" — וואָרטשעט דער זיידע. דער אייניק לאָזט פאַלן אין אויג נאָך איין טראָפּן. דער אלטער פאַרמאַכט האַנאָעדיק דאָס אויג און באַווײַזט דערבײַ אַ טראַכט טאָן, אַז זלאַטע איז עפּשער גערעכט, — אַ־דער פוילער סיגאַל עקספּלואַטירט טאַקע די קינדער, צווינגט מאַניקן היילן די באַבע מיטן פידל און אָשערן — אַרײַנקאַפּען דעם זיידן אויגן־טראָפּנס, און נאָך טראַכט ער, אַז מע וואָלט טאַקע באַדאַרפט אַ פּרווו טאָן קריגן ערגעץ אַ פײַנעם פידל פאַר מאַניקן. פון די פענצטער פון זײַן שטוב דאַרף זיך לאָזן הערן שיינע מוזיק.

פאַר אָט דעם איניען האָט זיך פלײַסיק גענומען נאָכמען, מייערס על־טערער זון.

דער זאָקן האָט געבלינצלט מיט די אויגן, פאַרבאָרגן זיי אונטער די גראָווע צעשויבערטע ברעמען: נאָכמען איז אַ באַל־דימיען, אַ לופט־יוצלער, עפּעס אַ צעטראָגענער פאַרשוין...

„ער האָט אַ גרויסן האָנער, דער קאָוועליוק", — טראַכט מייער וועגן זיך אליין. האָט ער טאַקע ניט ווייניק געלט געפּאַטערט צוליב מאַכן פון זײַן זון נאָכמענען אַ לאַמדן. נאָכמען האָט זיך געלערנט מיט גרויס היס־לײַוועס. ער האָט אָבער געכאַפּט זיך פאַר אלץ און קיין איין זאַך ניט דער־פירט ביזן סאָף. ווי נאָר דער ציל איז געווען נאָענט, פלעגט ער זיך אויסדרייען צו אים מיטן רוקן, עפּעס אַנדערש האָט אים שוין פאַרכאַפּט.

„עט, יענץ איז ניט דאָס. ניט דאָס, וואָס איך האָב געמיינט, נאַרישקײַטן, —

פלעגט ער שאָקלען מיט זײַן לאַנגן קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען נאָך לענ־גער איבער דער הויכער סטאַרטשענדיקער פריזור, — דאָס אָבער... דאָס איז טאַקע אַן עמעסע זאַך..." אַ שטיקל צײַט אַוועק, איז נאָכאַמאָל: די „עמעסע זאַך" ווערט ווידער פאַרוואַנדלט אין „נאַרישקײַטן". הייבט אים אָן דער פּאָטער מוסערן, שאָקלט דער זון מיט זײַן לענגלעכן קאָפּ:

— אַלץ איז שוין געווען... און דאָס — אויכעט.

דער אַלטער פלעגט זיך פאַרענטפערן פאַר זײַן אײַזערנעם גאָט:

— ניט מײַן שולד. ניט אין מיר געראָטן. אין דער מוטער.

און ווען פון דער טרייסט ווערט אים ניט גרינגער, פאַלט ער אָן אָפן ריבוינעשעלוילעם.

— וואָס האָסטו צו מיר? פאַרוואָס קומט מיר ניט קיין נאַכעס פון מײַנע זין? נאַכמען גייט אַרום ווי אָפן אוילעם־האַטויהו, און לאַזער ווערט ער־געץ פאַרפאַלן.

דערפאַר איז ער צופרידן מיטן אייניקל, מיט אָשערן, אין וועלכן ער פילט אויך זײַן אייגענעם יאָדער. סײַ לויטן אויסזען, סײַ מיט זײַנע פּאָס־טעמקעס איז ער געראָטן אינעם זיידן, מערער ווי אין אייגענעם טאַטן, אין נאַכמענען. בייס דער פּאָטער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט דער רעפאָרם פון דער שפּראַך עספּעראַנטאָ אָדער געקקירעט וועגן נײַע קלאָלים אין שאָך־שפּיל, אויב מע זאָל צוגעבן צו דער שאָך־ברעט נאָך אַכט קעסטעלעך און צוויי נײַע פיגורן, — פלעגט דער זון צעבלאָזן דעם בלאָזזאַק אין דער פינצטערער דורכגערייכערטער קוזניע. ער פלעגט דאָס טאָן, קעדיי נוי־סעכיין זײַן באָם זיידן, און בעשאַסמײַסע געקוקט אינעם פלאַם. ס'פלעגט זיך אים אויסווײַזן, אַז ער זעט זיך אין אַ פּײַער־שפּיגל, אַ שוואַרצער שאָטן פון אַ יינגל, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט, און ער פלעגט אַראָפּלאָזן נידעריקער דעם קאָפּ, אָטעמענדיק, ווי דער בלאָזזאַק, מיט צע־גליטער לופט, ביזוואַנען דער זיידע פלעגט אים ניט אָוועקטרײַבן.

— גיי שוין אַהיים מאַכן די לימודים. וועסט ווידער ברענגען אַ צווייע־לע פון דער שול.

געטריבן און געטראַכט: עפּשער וועט ער זיך אָנשטויסן און ניט פאַלגן. כאַפּט זיי דער רוען, די צווייעלעך...

ווײַל דער אַלטער מייער האָט ליב געהאַט זײַן קוזניע און ליב געהאַט זײַן אייניק. און ס'פלעגט אים געפעלן, אַז דער אייניק איז דאָ געווען.

אָפּט פלעגט צו אים אין קוזניע קומען צו לויפן רעזוס. ער פלעגט אופהייבן זײַן ברוינעם לאַנג־אויערן קאָפּ, אַלץ באַשמעקן — געזוכט אָשערן. מיטן אַלטן האָט ער ניט ליב געהאַט צו האָבן קיין געשעפטן. מייער האָט זיך געהאַלטן מיט אים פונדערווײַטנס, אָשער — פאַרקערט. אָשער פלעגט אים אַלעמאָל אַ גלעט טאָן:

— וואָס מאַכסטו עפּעס, רעזוס, האַ?

אַ ווילער יונג. מע קאָן זיך טאַקע מיט אים כאַווערן.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז רעזוס האָט זיך געניייטיקט אין אַ קאָמפּאַניע. פונקט פאַרקערט. ער איז פון איר אַנטלאָפן אין קוזניע. די קליינע סאָניע און מאָניק לאָזן אים ניט צורו פון אינדערפרי אָן. זעצן זיך אָף אים רײַטנ־

דיק, שלעפּן פֿאַרן ווײַדל. דערנאָך קומט צו לויפֿן א פּאַרסאָפּעטער פֿון דער שול דער העל־אויגיקער אַשקע און מאַכט פֿון אים טיל־טעל.

ווען אַשער איז ניטאָ, האָט רעזוס ליב אַנידערלייגן זיך בײַ מילעס פֿיס. אַט זעצט זי זיך אַוועק אויף אַ באַנק אין גאָרטן, אָדער זי עפֿנט אַ ביכל און פֿאַרמאַכט די אויגן, אָדער זי עפֿנט די אויגן און פֿאַרמאַכט דאָס ביכל. זי טוט אים אַ צופּ פֿאַר זײַנע לאַנגע אויערן, פֿאַרמאַכט ווידער די אויגן און שטאַמלט עפּעס צו זיך אַליין. די הויכע און דינע בראָניע האָט קיינמאָל קיין צײַט ניט. זי גיט נאָר אַ בליץ אויף אים מיט אירע שוואַרצע באָלעכעס, טוט אים קלוימערשט אַ רוף צו זיך. ווען ער נעמט זיך אָבער לויפֿן צו איר, דרייט זי זיך אויס צו אים מיטן רוקן, לאַכט און פּלוידערט מיט עפּעס אַ גלאַט־פֿאַרקעמטן באָכער. רעזוס קאָן אים ניט אָנקוקן, און ווי נאָר ער באַווײַזט זיך אין הויף, ווערט דער הונט מאָלע־רעציכע און בילט אויף אים, ווי אויף אַ דאַם־סוינע.

צוויי מענטשן פֿון דער גרויסער שטוב טשעפּען אים קיינמאָל ניט. דאָס איז מאָניק דער רויטער און די קראַנקע זקיינע.

אָט אַ־דאָס גרויסקעפּיקע ייִנגל מיט קורצע רויטע האָר האַלט אין איין פֿידלען. ביכלאַל געפֿעלט רעזוסן בעסער דער קרעפּטיקער פֿריילעכער געקלאַנג פֿון די קאָוואַדלעס, ווי דאָס דין ניגנדל פֿונעם פֿידל. נאָר בײַ דעם קלוגן הונט מאַכט זיך אַמאָל אַ מאָרעשכוירעדיקע שטימונג אויך. דעמלט קנוילט ער זיך צונויף אונטערן סאַמע פֿענצטער, לייגט אַנידער דעם קאָפּ אויף די פֿאָדערשטע לאַפּעס און הערט זיך צו מיט איין אויער צו מאָניקס שפּילן. סע טרעפֿט זיך אַפֿילע, אַז ער קאָן ניט אויסהאַלטן די גרויסע בענקשאַפֿט נאָך דער לעוואָנע. הייבט ער אויף דעם קאָפּ און וואָיעט.

רײַטן אויף אים, צופּן פֿאַר די אויערן, אָדער פֿאַרן ווײַדל — אויף דעם איז יעדערער אַ באַלן. אָבער אָנהאָדעווען אים — וועגן דעם מאַכט מען זיך ניט ווויסנדיק. אַלע, בנץ חוץ דער זקיינע. זי פֿלעגט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן אַרײַנוואַרפֿן אים אין שיסל עפּעס געשמאַקס.

אַזוי איז געווען יאָרן און יאָרן. אָבער איינמאָל האָט די אַלטע ניט געסטײַעט, ער האָט געוואַרט אַ טאָג, אַ צווייטן, אַ דריטן — ניטאָ. די שיסל איז געוואָרן שוואַרץ און פּוסט. עמעס, אַשער האָט אים אַמאָל אונטערגעוואָרפֿן אַ ביינדל, אַ שטיקל ברויט, אָבער די אַלטע, וואָס פֿלעגט זיך אָן אײַנגעהויקערטע פּאַמעלעך אַראָפּלאָזן מיט די טרעפּ פֿונעם גאַנעק, האַלטנדיק זיך פֿאַר דער פּאָרענטשע, איז אַלץ ניט געווען. רעזוס האָט באַשטימט אויספֿאָרשן דעם איניען. איינמאָל האָט ער אַ שטופּ געטאָן מיט דער מאָרדע אַ טיר, נאָך איינע און דערזען: די אַלטע ליגט אויפֿן בעט, אַ בלאַסע, אַ טרויעריקע און אַזאַ אויסגעדאַרטע, אַז רעזוס האָט זיך טאַקע באַלד אָנגעשטויסן, אַז זי איז, נעבעך, אַליין זייער הונגעריק, און קיינער וויל זי ניט אָנהאָדעווען.

טירן. אַ סאַך טירן. וווּ מיט דער מאָרדע, און וווּ מיט דער לאַפּע, נאָר דער הונט האָט זיי אַלע בײַגעקומען, ער האָט זיך דערקליבן צו דער קיך, אויפֿגעהויבן זיך אויף די הינטערשטע פֿיס, אַראָפּגעכאַפּט פֿונעם טיש מיט די ציין אַ קרײַטשיק ברויט, געלאָזט זיך אויף צוריק. ווידער טירן, אַ סאַך טירן, נאָך וואָס דאַרפֿן די מענטשן אַזויפֿיל טירן? פֿון וועמען פֿאַרמאַכן

זיי זיך? ער האָט ווידער אָנגעשמעקט דעם באַקאַנטן רייעך פון דער אַלטער. אָט ליגט זי, די אַלטיטשקע, די האַנט אירע הענגט אַראָפּ אָנמעכטיק פונעם בעט. האָט ער איר אַרײַנגערוקט דאָס ברויט אין דער האַנט און אַ לעק געטאָן זי. די אַלטע האָט אַ ציטער געטאָן, אַ גלעט געטאָן דעם הונט איבערן קאָפּ. טרערן זײַנען גערונען איבער אירע געקנייטשטע באַקן. „הונגעריק בין איך ניט, רעזוס... אָבער צו וואָס דאַרף איך דאָס לעבן?..”

...עמע האָט דאָס אים, זינטשענקאָן, דערציילט, געלאַכט און געוויינט. געוויינט, ווײַל זי האָט ליב געהאַט איר מוטער און ניט געוווּסט, וויאַזוי צו לינדערן אירע ליידן. און געלאַכט האָט זי דערפֿאַר, וואָס פֿיאָדאָר האָט איר, פֿאַרשטייט זיך, ניט אָנגעהויבן גלייבן („וויפֿל קלאַסן האָט ער פֿאַרענדיקט, רעזוס? ס׳קומט אויס, אַז ער האָט פּונקט אַזאַ געלערנטן קאָפּ, ווי נאָכמען אַליין”.) עמע, אָבער, האָט ניט אויפֿגעהערט צו לויבן דעם אויסערגעוויינלעכן, קימאַט מענטשלעכן, סייכל פֿון אַ־דעם הונט. („ער האָווקעט, נאָר האָב ניט קיין פֿאַריבל אָף אים. ער טוט, וואָס זײַן באַלעבאָס הייסט אים: ניט אַרײַנלאָזן קיין פֿרעמדע אין שטוב. טאַבו!”).

8

„ס׳איז מיר קאַלט, — האָט אַ טראַכט געטאָן זינטשענקאָ. — וואָס זיץ איך דאָ?”

ער איז געווען פֿאַרכמורעט, ווי דער הימל איבער אים. אַ נידעריקער, אַ טונקעלער האָבן אים אָפּט דורכגעשניטן בליץ־זיגזאַגן. פּונקט ווי אַ ריזיקע שיקערע האַנט פֿון עפּעס אַ פֿאַנטאַסטישן גלעזער וואָלט געפֿירט מיט אַ פֿײַערדיקן דימענט איבער דעם טריבן גלאָז פֿונעם הימל־געוועלב אַזוי זיך, ווי־סע־ניט־איז, און באַלד נאָך דעם ווערט דאָס גלאָז צעטראַסקעט און גאַנצע שטיקער הימל ברעכן זיך אָפּ מיט אַ מוירעדיקן געקנאַל און צערינען זיך, ווי צעשויבערטע נעפּל־פּלעקן. קיין רעגן איז אַצינד ניט געגאַנגען, נאָר פֿון מײַרעוו האָט זיך אָנגערוקט אַ שוואַרצע כמאַרע. זי האָט אויסגעזען שווער און שוואַנגער מיט רעגן.

זינטשענקאָ אָבער איז ניט אוועק פֿונעם פּאַרק. עפּעס האָט אים דאָ געהאַלטן ווי צוגעשמידט צו דער באַנק. ווּהין זאָל ער זיך איצט לאָזן גיין?.. פֿאַמעלעך האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם אָרט און אַראָפּגעגאַנגען אָף אַ טעראַסע נידעריקער.

ער איז געטראָטן פֿאַרזיכטיק, ווייך איבער די אַראָפּגעפֿאַלענע געלע בלעטער. זיי זײַנען געווען נאָך ווייניק. אָבער וואָס נידעריקער ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, אַלץ מער האָבן זיי זיך געשפּרייט. און פּלוצעם האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס איז ניט קיין בלעטער, נאָר אַ טעפּיכל. אַ קליין טעפּיכל, אַ ברוינס, מיט גרינע, געלע און רויטע פּאַסן, וואָס האָט פֿאַרדעקט דעם דיל פֿון עמעס צימער, פֿון דער טיר ביז צום סאָפֿקעלע. באַלד וועט אַרײַנקומען עמע. פֿאַרוואָס אָבער, פֿאַרשפּעטיקט זי? ער אײַלט זיך דאָך אין מיליטער־טייל. קוים געפּויעלט, מע זאָל אים אָפּלאָזן. יעדער מינוט קאָן עפּעס געשען. אַלע זײַנען באַומרויִקט. כוץ מאָניקן. ווידער און

ווידער כאָזערט ער איבער העגדעלס פערטע סאָנאַטע, און זינטשענקאָ איז ערנסט פאַרדײַגעט, טאָמער וועט ער, כאָלילע, קאַליע מאַכן אין אַזאַ פּיטש־נאַסן וועטער דעם אַמאַטי־פֿידל.

אַמאַטי־פּידל! דאָס איז אַ גאַנצע געשיכטע. אַ לעבערלעכע און אַ טרויעריקע, ווי פֿיל זאַכן אַף דער וועלט.

דאָס זיפּצעניש פֿון דער שוועגערן האָט געווירקט אַף נאַכמענען. ער איז דאָך דער עלטסטער זון, ער איז מעכוּיעוו דײַגענען פֿאַר אַלע... דאָס איז זײַן כויוו, זײַן פּליכט... כויוו! פּליכט! הויכע ווערטער. צוליב וואָס?.. ער איז פּאַשעט אַ גוטער מענטש, נאַכמען. אויב זײַן פּלעמעניק מאַניק פּאַרמאָגט אַ פונק, דאַרף מען אים ניט לאָזן פאַרלאָשן ווערן. הייסט עס, אַז מע מוז קריגן אַ גוטן פּידל.

נאַכמען איז שטענדיק געווען מיט עפּעס פאַריאָצט, און זײַן צעשטרייטקײַט איז געווען אויסער יעדער מאָס. אָבער קוים ווערט ער פּאַרכאַפּט מיט עפּעס — ברענט ער. האָט ער אין דעם זעלבן אָוונט, ווען דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען, אָנגעטאָן אַפּגיך דעם מאַנטל, דערפילט בייסמײַסע, אַז עפּעס קוועטשט אים די פּלייצע, אָבער אײַלנדיק זיך, בלויז אַ מאַך געטאָן דערויף מיט דער האַנט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, נאָר אַזאַ קלאַפּ, אַז סאָפּע, זײַן ווײַב, האָט געוואָרפן אַף אים אַ קרומען קוק. זי איז געווען יינגער פֿון אים אַף גאַנצע נײַן יאָר. האָט זי דאָס גאַנצע לעבן גערעכנט, אַז זי האָט געטאָן נאַכמענען די גרעסטע טויווע, וואָס זי האָט כאַסענע געהאַט מיט אים. נאַכמען, ווידער, דער צעטראָגענער מאַן אירער, האָט אַפילע ניט באַמערקט איר קרומען קוק, ארויס גיך פֿון דער שטוב, געזוכט און געגישטערט איבער דער גאַנצער שטאָט ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָבער אַהיימגעקומען איז ער אַ באַגײַסטערטער, מאַלע־גדולע — אַמאַטי! ער האָט געקראָגן אַן אַמאַטי־פּידל.

אַצינד האָט געפֿעלט איין קלייניקײַט — געלט. דער אַלטער מייער האָט צונויפגערופן אַלע דערוואַקסענע פֿון דער שטוב אַף אַ מישפּאָכע־באַראַטונג. ניט אָראָפּנעמענדיק פֿון זיך צוליב אײַלעניש און צעטראָגנקײַט דעם מאַנטל, האָט זיך נאַכמען אוועקגעזעצט לעבן דעם פּאָטער, מיט אַ גרויסן פּאַק אונטערן אָרעם. אַף דער טאָג־אָרדענונג איז געשטאַנען נאָר איין פֿראַגע: געלט. ווו נעמט מען געלט?

גיך אָבער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די גאַנצע באַראַטונג איז ניט מער, ווי אַ פּוסטער טאַראַראַם. אַלע האָבן געקוקט אַף מוישע גובערן. אַף זײַן מויל. אַף זײַנע ליפּן. וואָס וועלן זיי ארויסברענגען?.. נאָר ער אַליין איז געווען בעקיועך ארויסלייגן אַזאַ פּויטעקע, אָדער ערגעץ קריגן זי. מוישע איז געווען באַוווסט, ווי אַ פֿלינקער סויכער־מויכער, געהאַט אַ שעם צווישן די באַלעבאַטישע יידן, האָט אים מייער געזאַלבט פֿאַר אַ פינאַנץ־מיניסטער אין סאַפּירס שטוב־מעלוכע.

מוישע אָבער איז געזעסן, פֿאַרלייגט די קורצע הענט אַפן בײַכל, אַ רויקער, אַ גלײַכגילטיקער, פּונקט ווי ניט אים מיינט מען. און ערשט נאָך דעם, ווי דער אַלטער מייער האָט אָנגערוקט די גראָווע ברעמען אַף די רויט געוואָרענע אויגן און צוויי מאָל נאָכאַנאַנד געפרעגט, מאָנענדיק גע־

פרעגט: „נו?", האָט מוישע גובער פאַנאַנדערגענומען די ליפּן, אָבער אויס־גערעדט נאָר איין וואָרט:

— וויפל?

ווי ער וואָלט אים געוואָלט כאַפּן פאַר דעם איין־און־איינציקן וואָרט, האָט נאַכמען גיך געענטפערט:

— א טויזנטער.

גובער איז שיר ניט געפאַלן כאַלאַשעס. לעפּאַנעם, פאַרשטייט זיך.

— וואָס הייסט א טויזנטער? איר פאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט — טויזנט זלאָטעס?

ערגעץ אינווייניק האָט בא נאַכמענען, בא דעם פלעגמאַטישן נאַכמע־נען, געקאָכט ווי אין א זיד־קעסל.

— און וואָס הייסט אמאַטי? איר פאַרשטייט וואָס דאָס הייסט—א־מאַ־טי?

איז אויב אזוי, אויב נאַכמען קאָכט זיך, וועט ער, מוישע, דאַפקע זײַן רויִק, אפילע ליבלעך.

— שוואָגער מײַנער טײַערער! אויב באַלמאַטי איז אזא מין וואזשנע פּאַרשוין, טאָ לאָז ער אליין אויסלייגן די מאַמטאַקים.

סיגאַל איז געזעסן, געשפּאָלטן מיט די נעגל אַן אָפּגעברענט שוועבע־לע, אויסגעזען פרעמד, קאַלטבלוטיק. פויל א פרעג געטאָן:

— עפּשער א ביסל טײַערלעך, האַ?

נאַכמען איז ווידער געוואָרן אופגעקאָכט. ווייטעקדיק פאַרקנייטשט זיך. אָבער שוין איבער אַן אנדער סיבע. עפּעס הארטס האָט אים די גאַנצע צײַט געדריקט די פּלייצע.

— דאָס איז קימאַט האַלב אומזיסט. עס איז דאָך אמאַטי!

— טײַערער דאָקטער, — האָט ווייך א זאָג געטאָן מוישע, — קאָזעלניצ־קין קען איך אויסגעצייכנט. ווער־ווער, אָבער ער וועט ניט פאַרקויפן האַלב אומזיסט. און עפּשער איז דאָס טאַקע ניט אַלמאַטי?

נאַכמען האָט זיך מיטאַמאָל באַרויִקט. אפילע א שמייכל געטאָן. דאַפקע אף דער דאָזיקער פראַגע האָט ער געוואַרט די גאַנצע צײַט. ער האָט זייער פּאָרזיכטיק אנידערגעלייגט דאָס פּעקל אפן טיש. אראָפּגענומען די ציך, צעעפנט די שייד, מיטביידע הענט אופגעהויבן דעם פידל, ווי מע הייבט אוף א סייפערטוירע, און אונטערגעטראָגן צו גובערס פּאָנעם, גלײַך ווי ער וואָלט געוואָלט, אז מוישע זאָל אים א קוש טאָן.

גובער האָט א דריי געטאָן מיט דער נאָז. עפּעס א קוויטיקע זאַך, אַן אָפּגעקראַכענע.

— מיר דאַכט זיך, מײַן ליבער שוואָגער, — האָט ער געזאָגט נאַכמע־נען, — מיר דאַכט זיך, אז מאַניקס אַלטער פידל זעט אויס צוויי מאָל נײַער, ווי אָט דער...

איצט האָט נאַכמען אויסגעשאָסן א געלעכטער. דער אַלטער האָט פאַר־וווּנדערט אופגעהויבן אף אים זײַנע אויגן. סאָפּע האָט אים א צופּ געטאָן פאַרן אַרבל.

דאָס האָט אף אים בליצשנעל געווירקט. ער האָט זייער ליב געהאַט זײַן ווײַב, וואָס האַלט זיך יונג, ווײַל ער איז עלטער פון איר אף גאַנצע נײַן יאָר. ער האָט אפילע א ביסל מוירע געהאַט פאַר איר און באַשטימט

געוווסט, אז אף אים וואַרט אַ שווערער פּסק, אויב ער וועט ניט אויפהערן צו פּראָווען זײַנע „יאַלדישע שטיק", אָבער טאַקע „די רעגע".
נאָכמען האָט אויסגעווישט מיטן עק פון אַ נאָזטיכעלע די אויגן און געזאָגט מוישען מיט אַ זייער איראָנישן טאָן:
— איך זע, אַז איר זענט אַ גרויסער מייוון אף פידלען. אַבי נײַ. אַבי ס'זאָל גלאַנצן. צי ווייסט איר, רעב מוישע, אַז אַ פידל איז געגליכן צו ווײַן? וואָס עלטער — אַלץ בעסער. די בעסטע פידלען אף דער וועלט, סטראַדיוואַריוסן, אַשטייגער, צי אַמאַטי זײַנען שוין אַלט אַ דרײַ הונדערט יאָר. זאָגט איר: אַלט... אַצינד גיט אַ קוק אַהער, — האָט נאָכמען אַ קער געטאָן דעם פידל מיט דער עפּע צו גובערן. — נו? איז וואָס איז דאָרטן אָנגעשריבן? באַלמאַטי? האַ?
מוישע האָט אים געענטפערט בעני מעסדיק.
— מיר פאַר אײַער ליכטיקן קאָפּ, רעב נאָכמען. אַז ס'איז אָנגעשריבן, איז דאָך קיין פראַגע ניט. איך מיין, אָבער, אַז אף אַן עטיקעטקע קאָן מען אָנשרײַבן, וואָס מע וויל.
פויל און פאַמעלעכן האָט סיגאַל אויסגעשטרעקט די האַנט, גענומען דעם פידל, נאָכלעסיק און איינצײַטיק מיט טשיקאַוועס אין די האַלב־פאַר־מאַכטע, ווי פאַרשלאָפענע, אויגן, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אינעם פידלס געדערים. די אויגן פון אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך אַ קער געטאָן צו אים. נאָר ער האָט ניט אַרויסגעלאָזט קיין איין קלאַנג און איבערגעגעבן דעם פידל זײַן ווײַב. וועכנע האָט אָנגעבויגן איר שיינעם קאָפּ, אַ שוואַרצהאָ־ריקן מיט אייניקע זילבער־פעדעם, וואָס האָבן זיך העל אויסגעטיילט אף איר שוואַרצן קובליק, — אַרײַנגעקוקט צווישן די סטרונעס, גאַרנישט ניט דערזען און איבערגעגעבן דעם פידל איר פולבלעכער גוטמוטיקער שווע־סטער גיטע. באַנאַנד מיט איר איז געזעסן זלאַטע. זי האָט געוואָרפן אף איר שוועגערן אַזאַ מאַלע־ראַכמים־בליק, אַז די גוטע גיטע, ניט קוקנדיק אפן פידל, האָט באַלד אַ זאָג געטאָן איר מאַן:
— איך מיין, מוישעניו, אַז דער פידל איז אַ פידל, — און אים גלײַך איבערגעגעבן דער שוועגערן.
זלאַטע האָט צוגעדריקט דעם פידל צו דער ברוסט. נאָכמען האָט מיט האַרץ־ציטערניש נאָכגעשפּירט, ווי דער פידל גייט איבערן קרײַז. דער־זעענדיק, מיט וואָס פאַר אַ קויעך זלאַטע האָט אים, ווי אַ קינד, צוגעדריקט צו איר ברוסט, האָט ער אַ פּאַכע געטאָן אף איר מיט זײַנע לאַנגע הענט, ווי מיט פליגלען:
— וואָס טוט איר? איר קאָנט אים נאָך צעקוועטשן!
דעמלט האָט זלאַטע שווײַגנדיק איבערגעגעבן דעם פידל עמען.
עמע איז געווען ייִנגער פון אַלע. און אויב איר עלטערע שוועסטער האָט געזאָגט, אַז דער פידל איז אַ פידל, און זלאַטע האָט אַזוי וואַרעם אים צוגעדריקט צו איר אַלמאַנע־ברוסט, פונקט אַזוי, ווי זי פלעגט אַמאָל צו־טוליען איר קליינעם מאָניק, — האָט עמע ניט געקווענקלט זיך. זי האָט אָנגעבויגן איר קעפּל צו גובערן מיט אַזאַ ליב שמייכעלע אף די ליפּן, אַז ער האָט אָנגעהויבן אונטערגעבן זיך. אים איז געפעלן, טאַקע זייער גע־פעלן, וואָס אַלע דאָ, אָנהייבנדיק פונעם שטרענגן שווער, דעם געלערנטן

נאכמענען, דעם דאָקטער סיגאַל, ביז דער יונגיטשקער כיינעווודיקער עמען קוקן אצינד אף אים מיט אזא האָפענונג. ס׳איז זייער אָנגענעם, פארשטייט איר מיך, אָבער טויזנט זלאָטעס!

— דער גאנצער רויטער מאָניק איז ניט ווערט אזא פויטעקע... — האָט ער געזאָגט צו זיך אליין, נאָר אזוי הויך, אז זלאַטע האָט זיך פארגאָסן מיט טרערן.

דעמלט האָט איר מוישע געזאָגט, מיט כעסעד געזאָגט:

— וויין ניט, מײַן פישעלע. עפּעס וועלן מיר, עפּשער, צוטראכטן.

אלע האָבן לײַכט אָפּגעאָטעמט.

איז אָט וואָס מוישע גובער האָט צוגעטראכט:

— קיין געלט, ווי ס׳איז אײַך, טײַערע מײַנע, באוווּסט, האָב איך ניט. עלע וואָס דען, איך וואָלט, עפּשער, געקאָנט באָרגן בא מענטשן א העלפט פון דער סומע. און אף דער צווייטער העלפט זאָל אונדזער טײַערער פאָ־טער געבן קאָזעלניצקין א ווערסל...

נאכמען האָט אים איבערגעשלאָגן:

— ס׳טויג ניט. קאָזעלניצקי האָט געזאָגט: נאָר מעזומאָנים. און ניט שפּעטער ווי ביז מאָרגן. ער באַדאַרף דרינגענד געלט. אניט, וואָלט ער ניט פארקויפט דעם פידל, אפילע ניט פאר צוויי און ניט פאר דרײַ טויזנט.

דער אלטער מייער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ. א זאָג געטאָן שווער, וואָגיק, אָפּגעריסן:

— גוט. צונויפנעמען. צונויפלייגן זיך. באָרגן. קריגן געלט. און קויפן.

נאכמען וואָלט געדארפט איצט זײַן מאָלע־סימכע. אָנשטאָט דעם האָט ער זיך קרענקלעך פארקנייטשט און געזאָגט דעם ווײַב:

— גיב א קוק, סאָפּעטשקע, עפּעס קוועטשט מיך אין דער פּלייצע.

סאָפּע האָט א טאַפּ געטאָן זײַן רוקן און אויסגעשאָסן מיט א געלעכ־טער.

— האָט איר געזען אזא שלימאזל! ער האָט אָנגעטאָן דעם מאנטל צו־זאמען מיטן הענגער.

9

מאָניק איז דעמלט געווען קראנק.

אין עטלעכע טעג ארום, ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט דאָס הויז־געזינד ווידער זיך צונויפגעזאמלט, קעדיי מאָניק זאָל באווײַזן וואָס ער קען, אויסשפּילן עפּעס אפן פידל פונעם בארימטן אמאטי, וואָס איז זיי אזוי ניט גרינג אָנגעקומען.

מאָניקס פּאָנעם איז געווען טאָמיד בלייכלעך. און איצט, נאָך דער קרענק, האָט ער אויסגעזען נאָך בלאסער. איבער דעם האָבן זײַנע רויטע האָר אויסגעזען נאָך רויטער.

זײַן מוטער האָט זיך געבעטן ראכמים בא סיגאַלן:

— ראטעוועט מײַן יינגעלע, איך באשווער אײַך.

דאָקטער סיגאַל האָט געוואָרטשעט:

— אלע מוטערס זײַנען צעדרייטע, דאָס ווייס איך פון לאַנג. אָבער איר...

וואָס „אָבער איר" האָט ער זיך געפוילט דערזאָגן.

— איר קאָנט זײַן זיכער, אַז ער וועט ניט שטאַרבן, אײַער טאַכשיט.

ער האָט אויסגעשריבן אַפּגיך עפּעס אַ רעצעפּט און אים אַרײַנגע־שטעקט זלאַטען אין די הענט. זי איז אַוועק אין אַפּטייק און באַלד זיך אומגעקערט.

— זיי קאָנען ניט איבערלייענען, וואָס איר האָט דאָ אָנגעשריבן, — האָט זי אָפּגעגעבן דעם רעצעפּט סיגאַלן.

סיגאַל האָט אַ ביסל דערוויײַטערט פון זיך דאָס פּאַפּירל, פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג און אַ מורמל געטאָן:

— איך קאָן אַליין ניט איבערלייענען...

זלאַטע האָט געדולדיק געוואַרט.

— ווייסט איר וואָס, — האָט איר דער דאָקטער פּויל געזאָגט, — טוט אַ לויף צום אַלטן בליומענפעלד. ער קאָן גוט מײַן קסאַוו. ער וועט זיכער איבערלייענען.

זלאַטע האָט אים געוואָלט זאָגן, ס'איז מאַמעש געלעגן אויף דער שפּיץ צונג: „איר זענט אַזאַ מין דאָקטער, ווי איך בין אַ רעבעצן". נאָר זי האָט זיך געײַלט, מע דאַרף „ראַטעווען דאָס קינד". איז זי ווידער געלאָפן אין אַפּטייק צום אַלטן בליומענפעלד און געבראַכט אַ הויפן רעפּועס.

מאָניק האָט זיי געטרונקען, געשלונגען, געסמאַקטשעט, די דאָזיקע רע־פּועס, אָבער זיי האָבן ניט געהאָלפן. פאַרקערט, זײַן צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט. די מוטער האָט געריסן אויף זיך די האָר. סיגאַל אָבער איז פאַרבליבן רויִק, קאַלטבלוטיק. ער איז געקומען צום קראַנקן, פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג, געכאַפּט אַ קוק אויף מאָניקס בלייך פּנים, אויף דער דערשראָקענער מוטער, וואָס איז געשטאַנען באַנאַנד, לעבן בעט, אונטער־געשפּאַרט דעם קאָפּ מיט דער האַנט, און געזאָגט:

— דער באָכער איז געווען געזונט, ווי אַ בוהײַ. און קראַנק איז ער געוואָרן פון די רעפּועס.

זלאַטע איז געוואָרן אופגעבראַכט:

— איר האָט דאָך אים אַליין זיי צוגעשריבן!

— אײַ־ךָ? — האָט זיך פאַרכידעשט יעפּים סיגאַל. — ס'קאָן ניט זײַן. אין אַזעלכע פאַלן שרײַב איך אויס, געוויינלעך, אַן אומשעדלעך זיס סי־ראָפּל. איין דעסערט־לעפעלע נאָכן עסן.

זלאַטע האָט גאָרניט געענטפערט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט טאַקע געפּויעלט באַם אַלטן בליומענפעלדן, ער זאָל „צוגעבן נאָך עטלעכע פּראָשקעס", ווײַל אָט דער דאָקטער סיגאַל, כאָטש ער איז אירער אַ קאָ־רעוו, מוז זי אָבער מודע זײַן, אַז ער פוילט זיך אַפילע אויסשרײַבן מער מיט אַ רעצעפּט.

זלאַטע האָט אָפּגעוואָרפן די קאָלדרע, אַראָפּגעצויגן פון מאָניקן דאָס העמדל.

— הערט אים כאָטש אויס.

סיגאַל האָט זיך פאַרקנייטשט. אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.
— עס, נאַרישקײַטן.

דערנאָך איז ער צוגעגאַן צום פענצטער, ברייט צעעפנט עס און געגנ־מען אַרויסוואַרפן איינס נאָכן אַנדערן אַלערליי פלעשעלעך, פּושקעלעך, פּודעלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען אויפן טישל בײַ מאַניקס בעט.
— אַצינד וועט ער זיך גיך אויסהיילן.

מאַניק האָט אַ פאַרכידעשטער געקוקט אויפן הויכוווקסיקן פעטער. סיגאַל האָט דערפילט זײַן בליק, צוגעזעצט זיך אויפן עק טישל, וואָס האָט זיך באַפרײַט פון די פילצאָליקע פלעשעלעך און פּודעלעך, אַ צופּ געטאָן מאַ־ניקן פאַרן קאָפּ, צעשויבערט אים די קורצע רויטע קוטשמע.

„אָט פונקט אַזוי צופּט ער רעזוסן פאַרן קאָפּ",— האָט מיט ביטערניש אַ טראַכט געטאָן זלאַטע.

„איז וואָס?"—וואָלט ער זי אַ פרעג געטאָן, ווען ער וואָלט געקענט לייענען פרעמדע מאַכשאָוועס.

ער האָט ליב געהאַט רעזוסן. דאָס איז געווען די איינציקע באַשעפעניש אין דער דאָזיקער גרויסער שטוב, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געוווּנדערט צו אים, ווי צו אַ רויפע, וועלכער מוז אים היילן, ווײַל ער איז זײַנער אַ קאָרעוו. דער באַשיידענער הונט האָט אויך קיינמאָל ניט געפאָדערט פון אים קיין אײַזערנע גאַראַנטיעס קעגן שלעק און קראַנקײַטן, מאַכמעס די שטוב פאַרמאָגט אַן „אייגענעם דאָקטער". אויס אָפּשײַ צו דער קלוגשאַפט פון דעם דאָזיקן הונט, האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן „רעזוס", ווײַל ווען רעזוס איז נאָך געווען אַ קליין הינטעלע, פלעגט ער זיך קרימען, ווי אַ מאַלפּעלע. דאָס איז געווען זײַן פּערטער נאָמען. ביז דעם האָט מען אים גערופן „דזשעק". ביז „דזשעקן" — „אייזלשע אויערן". ביז „אייזלשע אויערן" האָבן אים די קינדער גערופן פּאַשעט—„טוזיק". דער הונט האָט זיך געפילט פאַרלאָרן, ווען מע פלעגט אים איינצײַטיק רופן: אַשקע— „דזשעק", מאַניק—„טוזיק", מילע—„רעזוס" און די קלענסטע אין שטוב, סאָניעטשקע—„אייזלשע אויערן". אָבער צוגעקלעפּט האָט זיך צו אים טאַקע דער נאָמען „רעזוס". סיגאַל האָט דערמיט זיך איבערגענומען מער ווי מיט זײַנע צווייפלהאַפטע דערפאָלגן אין הילכעס היילן קלוימערשטע קראַנקע.

סיגאַל האָט געטראַכט וועגן רעזוסן און ניט אַראָפּגעלאָזט דאָס פאַר־זשמורעטע אויג פון דער שאַפע. דאָרטן, אויבנוף, איז געלעגן עפעס אַ גרויס פּעקל. ניט אַנדערש—דער נײַער פידל. די מוטער, ווײַזט אויס, גרייט דעם זון אַ סורפּריז. ווי נאָר ער וועט געזונט ווערן—איז, נאַ, אָט האָסטו אַ שיינע מאַטאַנע, אַ טײַערע טויזנטדיקע, נעם און שפּיל. האָסטו געזען אַזאַ נאַרישע יידענע! טשעפּעט זיך צו אים, לויפט צו בליומענ־פעלדן, און די בעסטע רעפּוע געפינט זיך בײַ איר אונטער דער נאָז.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, און מאַניק האָט באַמערקט, אַז דער פעטער יעפים און די שאַפע זײַנען קימאַט גלײַך אין וווּקס. סיגאַל האָט אויסגעשטרעקט זײַנע לאַנגע הענט, אַראָפּגענומען דאָס פּעקל, און נאָכ־מאַכנדיק ניט ווילנדיק דעם שוואָגער נאָכמענען, האָט ער אַראָפּגענומען

די ציך, צעעפנט די שייד, אופגעהויבן דעם פידל אין איין האנט, דעם סמיק — אין דער צווייטער און אונטערגעטראָגן מיט א געמאכטן ייִראַס־האקאָוועד דעם קראנקן מאָניקן.

10

און ס׳איז טאקע געשען א נעס. דעם זעלבן טאָג איז מאָניק געזונט געוואָרן.

עפשער ניט אינגאנצן אויסגעהיילט זיך. אָבער דאָס איז שוין ניט געפערלעך. דער איקער, וואָס מאָניקן האָט זיך שטארק פארוואָלט א פרוווו טאָן דעם נייַעם פידל. די מוטער האָט טאקע באלד אָנגעהויבן אויסרעכענען אלע מייַלעס. ניט קיין פידל — א לעבעדיקע קיילע, וואָס איז שוין אלט, קיין אייַנהאָרע, דרייַ הונדערט יאָר, האָט שוין איבערגעשפילט אלע לידער אף דער וועלט, אזוי אז ס׳קאָן שוין קימאט אליין שפילן, און געמאכט האָט דעם פידל ניט אבי־ווער, אמאטי אליין, א גרויסער מייַסטער געוועז, א בעריע. און ווייסטו, וויפל ער קאָסט, דער דאָזיקער פידל? א גאנצן מאיאָנטעק, טויזנט זלאָטעס! הייַנט קאָנסטו זיך פאָרשטעלן, וואָס פאר א מין פידל דאָס איז! ס׳איז נאָר א שאָד, וואָס די גאנצע שטוב איז פאראָרעמט געוואָרן איבער דעם.

אלע האָבן זיך צונויפגעזאמלט. געוואָרט אף מאָניקן. און ער איז ניטאָ. וואָס זשע איז געשען מיט אים? וווהין איז ער אהינגעקומען?

פּלוצעם האָט עמע דערהערט שוואכע קלאנגען פון פידל־שפּיל. אומבאַמערקט האָט זי פארלאָזט דעם צימער און זיך געלאָזט נאָך די קלאנגען. זיי האָבן זי דערפירט צו א קליין צימערל, ווו ס׳איז קימאט שוין צוויי יאָר געלעגן די קראנקע מוטער. מאָניק איז געשטאנען לעם איר בעט און געשפּילט אף זייַן אלטיטשקן פידל. עמע איז צוגעגאנגען צום בעט, אָנגעבויגן זיך און א קוש געגעבן די מוטער.

— מע וואַרט אף דיר, — האָט זי געזאָגט מאָניקן.

— איך וועל ניט גיין אהין, מומע.

— פאַרוואָס? — האָט זיך פארכידעשט עמע.

מאָניק און דער פידל האָבן געשוויגן. עמע האָט דערשראָקן געפרעגט:

— וואָס איז געשען? ווו איז דייַן נייַער פידל?

מאָניק האָט אלץ געשוויגן. די אלטע האָט א קער געטאָן דעם קאָפּ צו עמען און אויסגערעדט מיט א שוואך קאָל:

— קערט אים אום, דעם פידל. מאָניק האָט אים אויסגעפּרווט. ער זאָגט, אז ער איז ניט אף קיין סאך בעסער פונעם פריִערדיקן. מ׳דאַרף ניט, זאָגט ער, איבער דעם פאראָרעמען די שטוב...

איז אויסגעבראָכן א גרויסע מעהומע.

אף נאכמענען האָט זיך א שאָט געטאָן א זאק מיט פאָרוורפן. איז ער אנטלאָפן. ער האָט געמוזט אנטלויפן. אזוי האָט ער געזאָגט. ער האָט געמוזט באלד אָפּזוכן דעם אלטן פידלער, באקוען, און באווייַזן אים דעם פידל. יענער איז דאָך א מייוון אף פידלען.

מוישע גובער, שטענדיק אזא מין ליבלעכער, „זיס, ווי פּאַטעקע”, איז אַרויס פון די קיילים. מערער פון אַלע האָט ער דאָך געליטן. אַזאַ פּויטעקע! און ווי אַ פּאַשעטער גראָבער יונג האָט ער נאָכגעשריגן נאַכמענען:

— פון דעם האָט מען געדאַרפט אָנהייבן!.. אייזלשע אויערן! — האָט ער, עפּענענדיק דאָס פענצטער, אַ רוף געטאָן פלוצעם רעזוסן, אומיסטן רופנדיק אים מיטן אַלטן נאָמען. דער הונט איז אָבער געווען פאַרטאָן, ער האָט נאָכגעשפּירט נאָכן שאָטן פון אַ פליענדיקן פויגל און ניט גע־לייגט קיין אַכט אויף גובערן. פאַרגעסן, ווייזט אויס, זײַן אַלטן נאָמען, אָדער אָנגעשטויסן זיך, אַז ס'האָט צו אים קיין שײַכעס ניט.

נאַכמען איז געקומען צו לויפן אַ פאַרסאָפּעטער. באַקוטאַ האָט אַ דריי געטאָן דעם פידל מיט זײַנע דינע טרוקענע פינגער און געזאָגט, אַז אויב אָט דער פידל איז אַמאַטי, איז ער, באַקוטאַ, — פּאַגאַניני.

— נו, און די עטיקעטקע? — האָט אַ דערשלאָגענער געפרעגט נאַכמען, נאָך אַלץ האָפנדיק אויף אַ נעס.

— אַ געפעלשט שטיקל פּאַפּיר, ניט מער. דעם פידל מעגט איר אַרויס־וואַרפן. און דאָס פּאַפּירל פאַרהיט אויף אָן אָנדענק וועגן טיפּשעס.

נאַכמען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

סאָפע האָט צוגעקליבן אין געדאַנק אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל אַמערסטן באַליידיקן, דערנידעריקן נאַכמענען. אָבער געזאָגט האָט זי דאָס זעלבע, וואָס אַלעמאָל:

— שלימאַזל!

דאָס איז אָבער אַרויסגערעדט געוואָרן מיט אַזויפיל גיפט, וואָס אַפילע גובער האָט איר געמוזט באַמערקן:

— פייגעלע מײַנס! איר זענט טאַקע פּאַכאָזשע אויף יענעם כוליגאַן, וואָס נעמט צונויף אין מויל וואָס מער סלינע, איידער ער שפּײַט אָן אַ מענטשן אין פּאָנעם.

ער, מוישע, האָט זיך שוין קימאַט ווי באַרויִקט, און זײַן פּולבלעך פּאָ־נעם האָט געבלישטשעט מיט מילדקײַט. אַ ברייערע האָט ער! גוט, וואָס ער האָט פאַרלוירן אויף נאַכמענס געשעפט נאָר אַ האַלבן טויזנטער. ער האָט דאָך געקענט פאַרשפּילן אַ גאַנצן, ווען ניט זײַן פאַרזיכטיקײַט.

אַלע זײַנען געוואָרן איבעראַשט, ווען נאַכמען האָט אופגעהויבן זײַן געבויגענעם קאָפּ און אַ שמייכל געטאָן. ס'איז געוואָרן שטיל. שאַ־שטיל. צווישן דער שטילקײַט און פאַרכידעשטקײַט האָבן זיך געלאָזט הערן נאַכ־מענס ווערטער, אויך שטילע, זייער שטילע, גריינגע, אומוואַגיקע, ווי לוי־טערע מאַכשאָוועס.

— אַלץ איז שוין געווען... און דאָס אויך. בערג מיט ליגן און בערגע־לעך מיט עמעס... אָט אַזוי, מײַן טײַערע סאָפּעטשקע...

האָט אים סאָפע ווידער געזאָגט:

— שלימאַזל...

איצט אָבער איז דאָס אַרויסגערעדט געוואָרן גאָר מיט אַן אַנדער נוּ־סעך. נאַרעלע, האָט עס געהייסן, גרויס אומבאַהאָלפן קינד...

דאָך האָט דאָס זידלוואָרט אופגעוועקט נאכמענען פון זײַן נירוואנאַ־שלאָף, אים אומגעקערט צו דערווירקלעכקייט. ער האָט זאַרגזאַם פאַרפּאַקעוועט דעם פידל, אים איבערגעבונדן מיט א שטריקל.

— איך גיי צו קאַזעלניצקין. עפשער וועט ער אומקערן דאָס געלט.

— איך וועל גיין, — האָט מיט צאַרן אויסגעשריגן זלאטע. — אָדער ער וועט אומקערן דאָס געלט, אָדער איך וועל אים אויסצופן די וואָנצעס.

זי האָט זיך אזש א ציטער געטאָן אף די שפּיץ פינגער, ווײַל זי איז געווען קליינוווקסיק, און קאַזעלניצקי איז געווען א הויכער פאַרשוין און זי וועט מוזן זיך אונטערהייבן, קעדיי צו דערלאַנגען ביז צו זײַנע פּראַכטפולע וואָנצעס.

דער אלטער מייער האָט אנטשלאָסן דערווידערט:

— דאָס איז ניט קיין איניען פאַר אן אישע. דו וועסט נאָך קאַליע מאכן.

סיגאַל איז די גאַנצע צײַט געזעסן ווי א גאַסט, געזשמורעט דאָס רעכטע אויג, געשפּאָלטן מיט די נעגל שוועבעלעך און געלייגט זיי צוריק אין פּודעלע. די גאַנצע געשיכטע איז אים נימעס געוואָרן, און קיין גאַנצע שוועבעלעך איז שוין אין פּודעלע ניט געווען. האָט ער אומדערוואַרט פאַרגעלייגט זײַן הילף: ער וועט גיין צוזאַמען מיט נאכמענען. ער, סיגאַל, וועט פאַרלייגן קאַזעלניצקין: „קערט אום, לעסאַטע, כאַטש א טייל געלט...”

— פאַר מיר וועט ער עפשער מוירע האָבן. כ'זאָל אים ניט אויסשרײַבן קיין פערדישע דאָזע ריצנייל...

קאַזעלניצקי האָט דאָס געלט ניט אומגעקערט. ניט אינגאַנצן, ניט קיין טייל. נאכמען, דער ווייכער נאכמען, האָט אים דעמלט געדראָעט מיט א מישפּעט. האָט קאַזעלניצקי פאַרבעטן אן אדוואָקאַט.

— עפשער וואָלטן מיר אויך פאַרבעטן אן אדוואָקאַט, — האָט דער אָרעמער נאכמען געשטאַמלט, קוקנדיק מיט ווייטעק אף גובערן.

מוישע האָט ליבלעך, נאָר אנטשיידן אָפּגעזאָגט זיך.

— טײַערער פרײַנט מײַנער, — האָט ער אים געזאָגט, — א טויזנטער פאַרן פידל און נאָך א טויזנטער דעם אדוואָקאַט! ניין. לאָזט מיך ארויס פון דעם געשעפט...

האָט נאכמען באַשטימט אליין זיך נעמען פאַר דעם איניען. געקויפט א גראָבן באַנד „ציווילע רעכט” און אים אָנגעהויבן שטודירן טאָג־און־נאכט.

זײַן ווײַב סאָפע, ווען זי פלעגט זיך אופכאַפּן שפּעט באַנאכט און דערזען דעם מאַנס אײַנגעהויקערטן רוקן באַם טיש, פלעגט זי ביטער א טראַכט טאָן: „צי ער ליגט, צי ער זיצט — דער זעלבער טאַכלעס פון אים... איך האָב אים טאַקע געדאַרפט אָפּזאָגן. דעמלט. מיט נײַנצן יאָר צוריק...”

מייער סאַפיר האָט אויך אָנגעוווירן דעם שלאָף. ער איז שטאַרק פאַרמויעכט געווען מיט א נײַעם איניען. אויב דער אלטער רוגמאַן וועט נאָכאַמאָל א שמועס טאָן מיט אים וועגן עמען, וועט ער, מעגלעך, געבן זײַן האַסקאָמע. רוגמאַנס זון איז א יונגער פייִקער אדוואָקאַט, און אין אזא צײַט שטערט ניט האָבן אין שטוב אן אייגענעם אדוואָקאַט.

גראָדע דעמלט האָט זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט זינטשענקאָ. פיאָדאָר פיאָדאָראָוויטש זינטשענקאָ, אַנדערש גערעדט, פעדיא, וועלכן עמע האָט די ערשטע צײַט גערופן אין אַ שפּאַס פעדיא פעדיאַיעוויטש.

דאָס האָט געטראָפן אין סענטיאַבער 1939.

זינטשענקאָ איז רײַטנדיק געפאָרן פון עפּעס אַ דאָרף, וואָס האָט געהייסן דאָפקע האָראָד (שטאָט), איין גאָט ווייסט פאַרוואָס, ווײַל דאָס דאָרף איז געווען ניט גרויס און זײַן גרויסאַרטיקער נאָמען איז, ווײַזט אויס, פאַרבליבן פון יאָמים קאַדמוינים, ווען אפילו אַזעלכע יישווים האָבן זיך גערעכנט פאַר שטעט, ניט אַנדערש.

ער האָט זיך געאײַלט קיין וולאָטשעוו מיט אַ באַריכט צום קאָמאַנדיר, אַז דער אויפטראָג איז אויסגעפילט. ער וועט זיך סטאַרען זײַן געצוימט, ניט היצן זיך, ווי דאָס אײַיצעט אים אין יעדן בריוו ווערא, זײַן עלטערע שוועסטער, וואָס האָט אים פאַרביטן טאַטע־מאַמע. „די קולטור פון אַ מענטשן, — שרײַבט ווערא, — ווערט געמאָסטן מיט זײַן קענען זיך האַלטן בײַ יעטווידע אומשטענדן...״ און אויסגעצייכנטער געדאַנק, אויב שטעלן דאָ אַ פּונקט. ווערא אָבער האָט אַוועקגעשטעלט דרײַ פּונקטן. זיי האָבן געדאַרפט באַטײַטן: זײַ ניט היציק, זײַ געהיט. שפּיל זיך ניט מיטן לעבן. זי מיינט, די שוועסטער, אַז ער געפינט זיך טאָג און נאַכט צווישן טאַנקען־געקראַך, אַעראָפּלאַנען־געוואָי, אויסברוכן פון סנאַריאַדן און מינעס. און ער, ווידער, פאָרט זיך רויִק אויף אַ גוט פערד, איבער אַ גוט־אַספאַלטירטן וועג, צווישן צוויי גלײַכע שערענגעס טאָפּאָלן, אַזעלכע הויכע, אַזעלכע געדיכטע, אַז זיי פאַרוואַנדלען דעם וועג אין אַ קילער און שאָטנדיקער אַלייע. פאָרט, שמייכלט זיך צו און טראַכט בעשאַסמײַסע, אַז דאָס לעבן — אי ס׳עלטערט זיך, אי ס׳באַנײַט זיך, שטענדיק באַנײַט זיך עס, און אָט איז אַן אוראַלטע שטאָט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יונג דאָרף, אין וועלכן ס׳איז ניט פאַרבליבן קיין איין פאַרצײַטיקער שפּור, כּוץ גופע דעם נאָמען, און עפּשער נאָך אַ מעשונעדיקע קראָם מיט אַן ערדענער פּאָדלאָגע, ווו באַנאַנד מיט פריש געשמאַק־שמעקנדיק ברויט שטייען אויף די פּאָליצעס פלעשלעך מיט אָדעקאָלאָן, שטיקער מאַנופאַקטור, אַ גרויסער קויש מיט אייער, אויך זאַלץ, נאַפט, שול־מאַכשירים, שוועבעלעך, סיגאַרעטן, געפּעס, ציצענע קליידלעך, און אַרום דעם אַלעמען האַוועון מיריאַדן זשומענדיקע און הודזשענדיקע פליגן.

„ס׳איז ניטאָ דאָ קיין שום מילכאָמע, ווערא, — האָט ער אַ פּרוּוו געטאָן צונויפשטעלן אין געדאַנק אַ בריוו צו דער שוועסטער, — די פּאָליאַקן ווײַזן ניט אַרויס קיין שום ווידערשטאַנד, מיר באַפרײַען פּאַשעט איין שטאָט נאָך דער צווייטער...״

אין דער דאָרף־קראָם האָט זינטשענקאָ דערזען אַ מענטש אין ברילן. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער קען אים. פּלוצעם האָט אַ בלישטשע געטאָן אין מויעך — באַבעלז ווײַזט אויס, אונטערוועגנס, איז ער, באַבעל, אַראָפּ פונעם פערד, צוגעבונדן עס צו אַ בוים, אַרײַנגעכאַפּט זיך אין קראָם קויפן מאַכאָרקע און שוועבעלעך, אַצינד וועט ער ווידער אַרויף אויפן פערד

און וועט עס א נערעק טאָן מיט די שפּאָרן, ס'זאָל גיכער דעריאָגן בודיאָ־נין. די שטעט, וועלכע זיי האָבן איצט פאַרנומען, האָבן דערוועקט אין זיקאָרן די קאַפּיטלען פון דער „קאָנאַרמיע". „דער וועג קיין בראָד", „דער בעסוילעם אין קאָזין", „בערעסטעטשקאָ", „זאַמאָסטיע"... דאָס לעבן על־טערט זיך און ווערט יינגער, כאַזערט זיך איבער.

זינטשענקאָ איז געוואָרן היים. ער האָט צעשפּיליעט די גימנאַסטיאָרקע, אַראָפּגעבויגן דעם קאָלנער, צוגעלאָזט א קיל ווינטל צום פאַרשוויצטן רוקן. פּלוצעם האָט דאָס פערד זיך א שטרויכל געטאָן. זינטשענקאָ האָט עס א לייכטן פּאַטש געטאָן איבער דער גריווע. „אָ! דו פאַרטשעפּעסט זיך שוין, מיין אַלטיטשקער. דאָס לעצטע רומפּולע זייטל פון דיין ביאָגראַפיע איז אַריינגעשריבן געוואָרן אין 1920 יאָר. גרייט זיך גיין אין מוזיי אַריין... דערווייל אָבער מוז מען דיך נאָך אונטערקאָווען. ניט צו דער צייט האָסטו פאַרלאָרן א פּידקאָווע".

צום גליק, זעט מען שוין וואָלאָטשעוו. ווען ער איז אָנגעקומען און דערפרעגט זיך, וווּ איז די קוזניע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז זי איז פאַר־מאַכט. עפּעס א דורכגייער האָט אים זייער העפלעך געזאָגט:

— אויב איר האָט צייט, וואָלט איך אייך געראָטן צוּוואַרטן ביז מאָרגן. היינט איז שאַבעס, און דער באַלעבאָס פון דער קוזניע, דער אַלטער מייער, אַרבעט ניט.

— און אויב איך האָב ניט קיין צייט? — האָט זינטשענקאָ געפרעגט.

— ראָט איך אייך אויכעט צוּוואַרטן ביז מאָרגן. איר האָט א פיין פערד. איז טאַקע א שאָד, אויב ס'וועט נעמען הינקען אויף א פוס. איר וועט מוזן וואַרטן. קיין אַנדער ברירה האָט איר ניט.

— און עפּשער האָב איך יאָ?.. זאָגט מיר נאָר, וווּ קאָן מען אָפּזוכן דעם קאָוועל?

דער דורכגייער — דאָס איז געווען אַרן פאַך, שלוימקעס פאָטער, — האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך טיפזיניק געענטפערט:

— אין דער היים.

זינטשענקאָ האָט אויסגעשאָסן א געלעכטער. „ווירקלעך, מע האָט גע־דאַרפט לאַנג טראַכטן, קעדיי געבן אַזאַ אויספּירלעכן ענטפער!" ער האָט זיך, אָבער, דערמאָנט, וואָס זיין שוועסטער לערנט אים, האָט ער געזאָגט:

— א שיינעם דאַנק אייך! — און א טרייב געטאָן דאָס פערד אין דער ריכטונג פון פאַכס האָריקן ווייזפינגער.

אַרן האָט אים נאָכגעקוקט, געדרייט מיטן גראָוולעכן קאָפּ אויף דעם לאַנגן האַלדז און בעשאַסמײַסע א טראַכט געטאָן, אז דער יונגער לייטע־נאַנט קאָן מיינען, אז ער, אַרן פאַך, איז א טיפּעש. אינדערעמעסן איז דאָס גאָר ניט אַזוי. ער האָט זיך פּאַשעט פאַרטראַכט אויף א רעגע, צי ס'איז גלייך פון זיין זייט שיקן צום אַלטן מייער אום שאַבעס א מיליטער־מענטש מיט א פערד אויף אונטערקאָווען.

ווען זינטשענקאָ האָט, נאָך דעם ווי ער האָט צוגעבונדן דאָס פערד צום פּלויט, אַפּגיך זיך אופגעהויבן אויף די טרעפּ פונעם גאַנעק און אָנגע־קלאַפּט אין דער טיר, האָט אים געעפנט א שיין שוואַרץ־אויגיק מיידל.

אַזוי האָט זינטשענקאָ צום ערשטן מאָל דערזען עמען.

„...שרעק זיך ניט, איך בין אײַנגעהאלטן, איך בין נאָך ניט פארליבט. אנדערש וואָלט איך דיר ניט אָנגעהויבן באשרײַבן איר אויסזען אינעם סטיל פון א ראָמאַניסט פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט. דערצו נאָך א שוואכן.

עמע האָט ריכטיקע געזיכט־שטריכן, אלץ אין איר פאָנעם איז דײַטלעך, ווי אויסגעטאָקט. ס׳וועט ניט זײַן אלטמאָדיש זאָגן וועגן דעם „א ליב פענעמל״. יאָ. א ליב פאָנעם, וואָס שעמט זיך פאר זײַן אייגענער צו ליכטיקער שיינקײַט און פרווּוט זי פארמינערן מיט שעמעוודיק אראָפגעלאָזטע וויִעס, אונטער וועלכע עס באהאלט זיך... נו, גוט. האָסט א גרויס פילבאר הארץ, וועסטו זיך אליין אָנשטויסן, וואָס פארא אויגן זי פארמאָגט. איך מיין — שמייכל נאָר ניט, איך האָב דאָך דיך געוואָרנט וועגן מײַן סטיל, — אז אירע אויגן זײַנען געשאפן פון זון־שטראלן, אזויפיל פײַער איז פאראן אין זיי, און נאָך עפעס אזעלכס... עפעס א ליבע צוגעלאָזנקײַט, א שטענדיקע גרייטקײַט דיך באשענקען מיט אָט דער געבענטשטער שטראלנדיקער שײַן. פארגעס ניט, אז איך בין נאָך ניט פארליבט. הייסט עס, אז איך שרײַב דיר דעם ריינעם עמעס. כוץ דעם, האָב איך א קאָנקורענט, רוגמאַן הייסט ער. ער איז עלטער, זעלבשטענדיקער און פארלאָזלעכער פון מיר. און, דעריקער, ער איז אן אדוואָקאט. דער אלטער, עמעס פאָטער, האָט, לאָזט זיך אויס, זייער א פאָשעטן און אײַזערנעם קוק אפן לעבן. פון איין זײַט איז פאראן א גרויסע, פרעמדע און פײַנטלעכע וועלט. פון דער צווייטער — א קליינע אייגענע היים — זײַן שטוב. פונדאנען דרינגט ארויס, אז דער הויפט פון דער שטוב, אָדער, לאָמיר זאָגן, איר קאָמאנדיר (קאָמאנדיר, ווײַל דער אלטער האלט, אז צווישן דער גרויסער וועלט און דעם קליינעם וועלטעלע קומט די גאנצע צײַט פאָר א פארצווייפלטע מילכאָמע. און דאָרטן, ווו סע שמעקט מיט מילכאָמע, מוזן זײַן קאָמאנדירן), איז אָט דער קאָמאנדיר פון דער שטוב מוז טאָג און נאכט זאָרגן וועגן פארוואנדלען זײַן שטוב אין א פעסטונג, אָנפילן זי מיט אלע צוועלף שוואָטים, איבערהויפט מיט מענער, וועלכע ס׳איז גרינג צו שטעלן אין קאמף, און מיט נייטיקע ספעציאליסטן. דער דאָזיקער אלטער קאָמאנדיר האָט שוין זײַן הויפט־אינטענדאנט, זײַן געלערנטן, זײַן לײַב־מעדיקער, זײַן פידלער, וועלכן מע קאָן לײַכט פארוואנדלען אין א האָרניסט אָדער א פויקער, זײַן וואך — א קלוגן, אָנגעלייענטן הונט (רעזוס לייענט בליץ־שנעל: ווען אשקע פון כאַימס שייוועט אָדער מילע פון מוישעס פארגעסן אין הויף א בוך, נעמט ער זיך טייקעף לייענען, רײַסט ארויס מיט די ציין א בלעטל נאָך א בלעטל און לאָזט זיי אפן ווינט) און זײַן היימישן גאָט, וועלכן דער אלטער קאָוועל האָט מיט זײַנע אייגענע הענט אויסגעקאָוועט פון צעגליטן אײַזן.

אצינד האָט זיך אים נאָך פארוואָלט האָבן זײַנעם אן אדוואָקאט.

וועגן דעם אלעמען האָט מיר דערציילט עמע. דערציילט האלב ערנסט, האלב אף קאטאָוועס. און אזוי צוטרוילעך, פונקט ווי זי וואָלט מיך געקענט א סאך יאָרן. דו פארשטייסט, אזעלכע מענטשן קאָנען נישט זײַן שלעכט און קאָנען ניט זײַן פארביסן. צומאָל שלאָגט זי זיך פלוצעם אליין

איבער און פרעגט, ארויסריידנדיק פּאַמעלעך, אקוראט יעדעס וואָרט באַ־זונדער (עמע איז ניט זיכער אין איר רוסיש):

— פעדיא פעדיאיעוויטש, — פרעגט זי, — איר ווייסט ניט, צוליב וואָס איך דערצייל אײַך דאָס אלץ?

— איך ווייס ניט, — ענטפער איך איר מיט א שמייכל.

איך ווייס ניט, אָבער איך שטויס זיך אָן. דאָס זאָג ניט איך, נאָר דו, מײַן קלוגע שוועסטער. דו זאָגסט עס, לייענענדיק דעם בריוו, און שאָקלסט דערבײַ מיטן קאָפּ:

„זי האָט זיך פארליבט אין דיר, און דו האָסט זיך פארליבט אין איר...״

„הײַנט האָב איך דאָס ערשטע מאָל א קוש געגעבן עמען, זעסט, ווי איך דערצייל דיר אלץ. ווּעסטו דאָס כאָטש שעצן?

געצווונגען דערצו האָט מיך א מענטש אין א בלאָוון בערעט, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט אלס א קינאָ־רעזשיסער.

מיר האָבן זיך דורכגעשפּאַצירט, איך און עמע, און אונדז האָט זיך אפילע ניט געכאָלעמט, אז נאָך הײַנט וועלן מיר ווערן קינאָ־ארטיסטן. עמעס, אזעלכע, וועמענס נעמען ווערן ניט דערמאָנט אפילע אונטער דער רובריק „פארנומען אין עפּיזאָדן״.

עפּעס א זעלבסטזיכערער פארשוין מיט א בלאָוון בערעט אפן קאָפּ האָט ארײַנגעשטעקט עמען אין די הענט א בוקעט מיט קווייטן. עמע, אלס א פאָרשטייערן פון דער היגער באפעלקערונג, האָט באדארפט אונטער־טראָגן דעם בוקעט מיר, א לייטענאנט פון דער רויטער ארמיי, ווי א דאַנק־באר־צייכן פאר דער באפרײַונג פון די מײַרעוו־געגנטן פון אוקראַינע. דער פילם, זאָגט מען, וועט הייסן „פארווירקלעכטע טרוימען״. מיך האָט דער נאָמען פולקום באפרידיקט. ווײַל דערבײַ איז מעקוייעם געוואָרן אויך מײַן טרוים. איך האָב געקושט עמען. און ניט איין מאָל. ס׳האָט מיר פּאַשעט געגליקט. אלע מאָל האָט זיך עפּעס געטראָפן, און דער רעזשיסער האָט איבערגעכאַזערט זײַן באפעל:

— קושט! אָבער נאטירלעך.

און איך האָב געקושט עמען. נאטירלעך געקושט.

די סצענע האָט מען פאָטאָגראפירט לעבן סקווער, ווו עס געפינען זיך שטענדיק א סאך טויבן. מע האָט באדארפט האָבן איינצײַטיק די טויבן, די זון און אונדז, דאָס הייסט, עמען און מיך, און דעם יובלדיקן אוילעם ארום אונדז. איז אָבער אויסגעקומען אזוי: איז געוועזן די זון, פלעגן פלו־צעם די טויבן זיך צעפליִען אין אלע זײַטן. האָבן די טויבן זיך געפּירט, ווי ס׳דארף צו זײַן, פלעגט די זון אומגעריכט זיך באהאלטן אונטער א כמארע. ווען ס׳האָט אי די זון געשײַנט, אי די טויבן האָבן רויִק און צארט געוואָרקעט טאַקע ווי טויבן, פלעג איך עפּעס ניט אזוי אָדער ניט אין נייטיקן מאָמענט קושן עמען. (דו מיינסט אוואַדע, אומיסטן? איך בין

קימאט איבערצײַגט, אז ניין. די אָרעמע עמע איז מיד געוואָרן, נעבעך, פון מײַנע נאטירלעכע קושן, האָט אויסגעזען גאָר ניט פויגלדיק, גלײַך ווי זי וואָלט געפּילט די טרויעריקע פּאָלגן, דעם ביטערן בײַטאם פון אָט די זיסע קושן. וועגן דעם אָבער — שפּעטער).

ווען אַלץ האָט זיך בעשאָלעם פאַרענדיקט, האָט דער רעזשיסער מיר אויסגעשטרעקט די האַנט:

— ווען איר וועט זײַן אין קיעוו, זאָלט איר זיך ארײַנכאַפּן אין מײַן סטודיע, כאָטש לייטענאַנט. באַ אײַך, דאַכט זיך מיר, איז פאַראַן עפּעס אַזוינס... א פּאַטאַגעניש געזיכט, נו און... — האָט ער מיר א זאָג געטאָן און צוגעלייגט צוויי פינגער צום בלאָוון בערעט.

איך האָב זיך אומגעקוקט: ווו איז עמע?.. ניטאָ. פארשוווּנדן. אנטרונען געוואָרן פאַר געציילטע רעגעס. עפּשער האָט זי זיך באַליידיקט? אָבער וויאַזוי האָב איך זי פאַרלוירן! הײַנט, גראָד הײַנט, נאָך די אַלע קינאָ־קושן אין דער אָנוועזנהײַט פון א גרויסן אוילעם, האָב איך געוואָלט, שטאַרק געוואָלט, צוזעצן זיך מיט איר אַף א באַנק אין דעם זעלבן סקווער, אונטער א בוים. באַ דעם דאָזיקן בוים וואָלטן די אונטערשטע צווײַגן גע־דאַרפט אין איין אויגנבליק אראָפּוואַקסן, אראָפּהענגען ביז צו דער ערד און פאַרבאַהאַלטן אונדז פון דער גאַנצער וועלט, און, דעריקער, פון דעם יונגן רוגמאַנען, וואָס איז אויך געווען דאָ און ניט אראָפּגעלאָזט דעם בליק פון עמען און פון מיר, ווען זי האָט מיר אונטערגעטראָגן דעם בוקעט מיט די שיינע קווייטן, און איך האָב זי געקושט.

דו מעגסט ניט לייענען ווײַטער, מײַן גוטינקע שוועסטער. נאָר איך קאָן נישט ניט שרײַבן. איך מוז ארויסזאָגן דאָס, וואָס איך וואָלט געזאָגט עמען, ווען איך, א „פּאַטאַגענישער" יאָלד אזא, וואָלט ניט אָנגעשטעלט די אויערן פאַר די זיסע רייד פון דעם רעזשיסער אינעם בערעט, וואָס פּאַסט אינגאַנצן ניט צו זײַן פול און פעט פּאָנעם, און ניט פאַרלוירן עמען. איך וואָלט זי געדאַרפט נעמען אין א גרין באַהעלטעניש און איר זאָגן קלאָר און דײַטלעך:

— עמע, איך האָב דיך ליב.

ווײַל איך האָב זי ווירקלעך ליב. איך האָב זי זייער ליב.

דו פאַרשטייסט, איר איז נייטיק געווען הערן אָט די ווערטער דעם זעלבן טאָג, דעם זעלבן טאָג, ווען איך האָב זי צום ערשטן מאָל א קוש געטאָן... ס'זײַנען פאַרגעשטאַנען שווערע ניסיוינעס. זי האָט געדאַרפט שעפּן פון ערגעץ־ווו קויכעס...

פּ. ס. שפּיר נאָך די אַפּישן, פאַרגעדענק, וויאַזוי דער פילם הייסט — „פאַרווירקלעכטע טרוימען". זאָלסט ניט דורכלאָזן די סצענע מיט דער זון, מיט די טויבן, מיט עמען. איך וויל, זאָלסט א קוק טאָן אַף איר. איך בין זיכער, אז זי וועט דיר געפעלן."

מייער סאפיר האָט אליין א בלאָז געטאָן אין שויפער, און באלד טאקע האָט זיך צונויפגעזאמלט די גאנצע דערוואקסענע באפעלקערונג פון אלע שוואָטים, וואָס האָבן באוווינט די גרויסע אומגעלומפּערטע געבײַדע מיט אלע בײַגעבײַדעס. ס׳האָט זיך אויך באוויזן דער קינפטיקער ראָש פון א נײַעם שייוועט — לעאָן רוגמאַן.

דער אלטער האָט מיט א הארבן בליק באקוקט אלעמען.

— און ווו זײַנען אַשער און בראָניע?

דאָס האָט אלעמען איבעראשט. דעם דריטן דאָר, די אייניקלעך, פלעגט דער זאָקן קיינמאָל ניט פארבעטן אף מישפּאָכע־בעראַטונגען. איז איינס פון די ביידע. אָדער דער אלטער האָט באשטימט פון הײַנט אָן פארעכענען זיי אינעם שטאם פון דערוואקסענע, אָדער ער האָט זיי געלאָזט רופן „צוליב מוסער״: הערט זיך, הייסט עס, צו מיט סייכל און פארגעדענקט, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט. בראָניע האָט זיך צוגעזעצט אפן שפּיץ בענקל, געקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן אף דער בלייכער עמע און אליין פארויטלט זיך, גלײַך ווי זי וואָלט געווען אין עפּעס שולדיק. אַשער האָט א צי געטאָן מיט דער נאָז די לופט, פונקט ווי רעזוס, דערשמעקט א שטור־רעם און אף יעדן פאל צוגעגרייט דאָס פלעשעלע מיט די אויגן־טראָפּן.

דער אלטער האָט זיך שווער אָנגעשפּארט מיט צונויפגעדריקטע פויסטן אפן טיש, די אָדערן האָבן ווי אָנגעבלאָזן זיך און זײַנען בלאָו געוואָרן. די ברעמען זײַנען בא אים געווען אראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט געקוקט אין זיך און זיך מעיאשעוו געווען מיט זיך אליין, איידער ער וועט ארויס־ריידן אן אײַזערן וואָרט. דערנאָך האָט ער אופגעהויבן די אויגן — זיי זײַנען געווען רויטער ווי געוויינלעך — און אָפּגעשטעלט זײַן שווערן בליק אף עמעס פּאָנעם, וואָס איז נאָך בלייכער געוואָרן.

— אזא ביזאָיען! אזא פלעק אף אונדזער שטובן... — האָט ער אָנגעהויבן פּאמעלעך, אונטערקלײַבנדיק ניט די ווערטער (זיי זײַנען שוין געווען פארפריִער אָפּגעקלאָפּט מיטן האמער איבער דער קאָוואדלע), נאָר די דונערדיקײַט אינעם קאָל. — אזא וויסטער ביזאָיען! — האָט ער ווידעראמאָל איבערגעכאַזערט, אצינד אזוי הילכיק, אז עמע איז ווי אײַנגעשרומפּן גע־וואָרן דערפון. — די גאנצע שטאָט ראשט, קאָכט, קוויקט זיך, מייער סאַ־פירס טאָכטער האָט זיך געקושט מיט עפּעס א מיליטערמאַן, פאר אלעמען אין די אויגן געקושט זיך. א בושע! א כארפּע! ווער איז ער, אָט דער... ווער איז ער, פרעג איך דיך?

די טאָכטער האָט געקוקט אף איר צעווילדעוועטן פאָטער, אף זײַנע אײַזערנע פויסטן, געקוקט מיט פרעמדע אויגן, גלײַך ווי זי וואָלט אים ניט דערקענט. געדאנקען אומגעריכטע, צופעליקע זײַנען איר געקראָכן אין קאָפּ ארײַן: „די געלקײַט מאכט קאליע דעם פאָטערס באָרד. שוין בעסער, אז זי זאָל אינגאנצן גראָוו ווערן. צוליב וואָס עפנט ער אזוי ברייט דאָס מויל, ווען ער רעדט? און וואָס שרײַט ער, וואָס האָב איך אים אזוינס געטאָן?״

דער פּאַטער האָט אויסגעטײַטשט איר שווײַגן אַנדערש. זײַן האַרץ האָט געדורשט נאָך שאָלעם. אין שטוב דאַרף זײַן שאָלעם־ווּעשאַלווע. אַניט איז עפּעס ניט גוט. אירע ווענט קאָנען זיך נאָך אַ שפּאַלט טאָן.

עמע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איז גוט. אַ גוטער סימען. זי שעמט זיך פּאַשעט קוקן אין די אויגן. זי שווײַגט? איז אויך גוט. אויך אַ גוטער סימען. זי האָט ניט פּאַשעט וואָס צו ענטפערן. און ביכלאַל ניט דעם ענט־פער איז ער אויסן. ער נייטיקט זיך ניט אין אים. ער קאָן אַליין ענטפערן.

— ווער איז ער?.. אַ פּרעמדערוק. אַ נאַוווּנאַדניק. הײַנט איז ער דאָ, און מאָרגן ערגעץ אַנדערש. אַליין — אַוועק, און דעם ביזאָיען אונדז איבער־געלאָזט.

עמע האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. געפּרוּווט פאַרבאָרגן די טרערן אַף די וויִעס. „ער וועט ניט אַוועקפאָרן. ער טאָר ניט אַוועק־פאָרן...".

דער פּאַטער האָט ווידער אויסגעטײַטשט דער טאָכטערס טרערן אַף זײַן אויפן. אַ גוטער סימען. זי האָט כאַראַטע. די אָפּעראַציע האָט זיך אײַנגעגעבן. דער שפּאַלט אין דער שטוב וועט זיך צונויפציִען. רוגמאַן איז אַ קלוגער מענטש. ער וועט ניט לייגן קיין אַכט אַף קיין פּליאָטקעס. ער וועט גערן אַרײַן אין מײַן שטוב. ער וועט שאַפן דאָ אַ נײַעם שייוועט.

אָבער אַזוי גיך אַריבער פון צאָרן אַף כעסעד טויג ניט. אין דער דאָ־זיקער שטוב מוז זײַן אַ שטרענגע אָרדענונג. זאָל רוגמאַן זען, אַז ער קומט אַרײַן אין אַ ריינער און שיינער מישפּאָכע. דערפאַר טאַקע האָט ער אים פאַרבעטן אַהער.

האָט ער מיט צאָרן געזאָגט עמען:

— דיך דאַרף מען שטרענג באַשטראָפן! נאַר...

וואָס „נאַר"?.. „נאַר" — טויג ניט. שוין מויכל זײַן? עט! וואָס פאַר אַ פּאָנעם האָט עס? שטראָפן! יאָ, שטראָפן מוז מען. אָבער וואָס פאַר אַ שטראָף? שלאָגן זי וועט ער דאָך ניט. די צײַט גייט, און ער קאָן גאָרנישט ניט צוטראַכטן. ניט שיין. ניט פאַר איר, ניט פאַר רוגמאַנען. און פאַר די קינדער אויך.

— ...איז ... באַשטים זיך אַליין אַ שטראָף. און לויט איר האַרבקײַט וועלן מיר שוין מישפּעטן, ווי ערנסט דו האָסט אַנערקענט דײַן זינד. און גיב אַ שוווּע...

מוישע גובער, וואָס פלעגט אַלץ איבערפּירן אַף ציפערן און פּראַצענטן, האָט אין געדאַנק געפּרוּווט איבערצײַגן עמען: קינד מײַן שיינס! וואָס אַרט דיך?.. זאָג „כאַטאַסי". און אַן עק. וואָס זשע, קענסט ניט אונדזער אַלטן? אַף ניינציק פּראַצענט האָט ער צוגעטראַכט די גאַנצע מייסע לע־פּאָנעם, און אַף די איבעריקע צען — צוליב רוגמאַנען.

עמע האָט פעסטער צונויפגעדריקט די ליפּן און געשוויגן. זי האָט פּאַשעט מוירע געהאַט, אַז אויב זי וועט עפענען דאָס מויל, וועט זיך

ארויסרײַסן עפּעס זייער דערשיטערנדיקס, צאַרנדיקס. און וואָס באַשטייט איר זינד? אַף וואָס דאַרף זי כאַראַטע האָבן? און וואָס דאַרף זי זיך מוידע זײַן? און וואָס פאַר אַן אַוויירע?..

לויט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער אַסאָציאַציע האָט זי זיך פּלוצעם דערמאָנט אין איר מוטער. קימאַט צוויי יאָר ליגט זי שוין אין איר כײַ־דערל, אַן אויסגעשלאָסענע נאָך באַם לעבן פונעם לעבן, פונעם הויזגעזינד, פון דער דאָזיקער שטוב...

אַשער האָט מיט ווייטעק זיך אײַנגעהערט אין דער דריקנדיקער שטיל־קייט. „פאַרוואָס אָבער מישט זיך קיינער ניט אַרײַן אין אַט אָ־דעם ניט גלײַכן געראַנגל?..” ער וואָלט דאָס אַליין געטאָן. טאָר ער ניט. צו יונג. האָט נאָך דאָ ניט קיין דייע, פונדעסטוועגן מוז ער אַ פּרווו טאָן. ער האָט אָנגעטאָפּט אין דער קעשענע די פּיפּעטקע און שוין געוואָלט אַ קאָמאַנדע־ווע טאָן: „אַנו, זיידעניו, לייג זידז!..” נאָר זיך געכאַפּט: באַ אַזוינע אומ־שטענדן וואָלט דאָס נאָך דעם זיידן מער אויפגערייצט.

נאָכמען האָט נאָך דער געשיכטע מיטן פידל זיך געפילט דערנידעריקט. און זײַן שטים בענעגייע מישפּאָכע־איניאָנים האָט זיך זעלטן געלאָזט הערן. זײַן גאַנצע פרײַע צײַט פלעגט ער פאַטערן אַף שטודירן די ציווילע רעכט. ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט אויסשפּילן דעם געריכט־פּראָצעס מיט קאָזעל־ניצקין.

סיגאַל איז געזעסן אַ גלײַכגילטיקער, געשפּאָלטן שוועבעלעך, געזשמור־רעט דאָס רעכטע אויג, קוקנדיק אַף עמען, און געטראַכט בעשאַסמײַסע, אַז זײַן וועכנע איז שיין, נאָר עמע איז נאָך שענער. מאַלע־כיין אַפילע אַצינד, ווען דאָס בלוט אַט פליסט עס צו, אַט פליסט עס אָפּ פון אירע צאַרטע באַקן. אַוואַדע וואָלט ער געוואָלט זײַן אַף רוגמאַנס אָרט!.. דער שפּאַס איז געווען אין געדאַנק, דער שמייכל — אויך. אויסערלעך האָט סיגאַל אויס־געזען ביז גאָר ערנסט.

סאָפּע האָט אַ ביסל זיך געערגערט און אַ ביסל איז זי מעקאַנע געווען עמען. אַך, איז ער געזונט און שיין, דער יונגער בלאָנדער לייטענאַנט...

זלאַטע האָט אין געדאַנק געקרעכצט: „ווען זי, עמע, וואָלט פאַרבליבן אַן אַלמאָנע מיט אַ קליין קינד, וואָלט זי ניט געטראַכט וועגן קושן זיך אין דער באַגלייטונג פון מוזיק”. דאָס לעצטע מאָל איז זלאַטע געווען אין קינאָ שוין לאַנג, זייער לאַנג. ווען לאָזער האָט נאָך געלעבט און ווען די קינאָ איז נאָך געווען שטום און מוזיק פלעגט באַגלייטן די פילמען. דער־פאַר איז באַ זלאַטען קינאָ אַלעמאָל געבונדן מיט „מוזיק”.

רוגמאַן האָט פון דער גרינג געגלעט זײַן הויכן שטערן, רויק געוואַרט, ווי די געשעענישן וועלן זיך ווײַטער אַנטוויקלען. ס'איז אַ ראַכמאָנעס אַף עמען. יאָ, מעגלעך, ער וועט זיך אַרײַנמישן, אָבער שפּעטער, ווען עמע וועט נאָך מער דערנידעריקט ווערן, קעדיי ס'זאָל זיך בוילעט לאָזן זען זײַן גרויסמוטיקײַט.

בראָניע האָט געבעטן גאָט, אַז דאָס אַלץ זאָל זיך גיכער ענדיקן. זי האָט מוירע געהאַט, אַז נאָך עמען וועט אָנקומען איר ריי. ווײַל אויב דער זיידע וועט דערהערן, אַז זי פירט זיך אַרום מיט באָריסן...

ווערבנע, וואָס האָט זייער ליב געהאַט איר מאַן, געגרויסט זיך מיט אים, האָט באַשטימט, אַז אויב ער, דאָקטער סיגאַל, שווייַגט, טאָ דאַרף זי אויך זיך ניט מישן.

בלויז די גוטמוטיקע גיטע האָט זייער ווייך באַמערקט דעם פאָטער:

— דאָס איז דאָך געווען ניט קיין עמעסדיקע קושן, נאָר... ווי זאָגט מען דאָס... פאַלשע...

זי האָט אומיסטן אַזוי זיך אויסגעדריקט, די גוטע גיטע, געמיינט, עפשער וועט דער פאָטער אַ שמייכל טאָן, און די כמאַרע וועט אַריבער.

ס׳קאָן זייַן, אַז ס׳וואָלט טאַקע אַזוי געשען. דער אַלטער האָט שוין אַליין געוואָלט, אַז סע זאָל נעמען אַ סאָף און ס׳זאָל ווידער ווערן שאָלעם. ווען ניט עמע אַליין...

זי האָט זיך אַ הייב געטאָן פונעם אָרט, אַ בליץ געטאָן מיט ברענענדיקע אויגן אויף אירע עלטערע שוועסטער און אומדערוואַרט פאַר אַלע, אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין, האָט זי געזאָגט:

— זיי זייַנען ניט געווען קיין פאַלשע. איך האָב אים ליב.

מייער האָט זיך שווער אופגעהויבן. פון אים ביז זייַן טאָכטער איז געווען אַ מעהאַלעך פון צען טריט. ס׳האָט זיך אָבער געדוכט, אַז ער גייט און גייט און קאָן בעשום־אויפן ניט דערקלייַבן זיך. ווען ער האָט ענדלעך זיך דערנעענטערט צו עמען, איז ער אַליין געווען בלאַס, ווי די וואַנט. ער האָט אופגעהויבן זייַן אייַזערנעם פויסט... אָשער, נאָכמען, גיטע זייַנען אופגעשפּרונגען פון די ערטער.

פלוצעם האָט בראָניע היסטעריש אַ קוויטשע געטאָן:

— באָבעלע!

אויף דער שוועל, קלאַמערנדיק זיך מיט ביידע הענט אָן די בייַשטידלעך פון דער טיר, האַלטנדיק זיך קוים אויף די פיס, איז געשטאַנען אָן אויסגעדאַרטע, בלייכע זקיינע.

מייער האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט די האַנט.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען דאָס שטעטל, אייַנגעזונקען אין פינצטערניש, איז שוין געשלאָפן, פלעגט זינטשענקאָ זיך לאָזן צום פייַערל, וואָס האָט פון העט־ווייַט אים געלויכטן און גערופן. ער האָט געוווסט, דאָס פענצטער וועט צופעליק זייַן אָפן, וועט ער צונויפלייגן אינפּירען אַ צעטעלע, צובינדן עס צו אַ שטיינדל און אַרייַנוואַרפן אין פענצטער, דערביי אַ טראַכט טאָן: „עס פעלט נאָר אַ גיטאַרע אונטער דער פאָלע״, ווייל די דאָזיקע פּאַסירונג האָט אים פאַרווײַלט און ער האָט זיך געקליבן שרייבן אַ שפּאַסיקן בריוו דער שוועסטער. און דעמלט פלעגט פלוצעם זיך צעהאַווקען רעזוס, און זינטשענקאָ האָט געמוזט אַפּגיך אָפּטרעטן אין סקווער. אַצינד אָבער האָט זיך אים שוין ניט געוואָלט שפּאַסן, ווייל ער איז גרייט געווען צו וואַרטן אַ נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט, קעדיי כאָטש אויף אַ מינוט, אויף איין־און־אייַנציקער מינוט, אַרייַנקוקן אין עמעס אויגן, וואָס גיסן זיך איבער נאָכאַנאַנד

מיט שײַן און מיט שאָטן, און זײַער ערנסט איר זאָגן, אַז ער האָט זי ליב. נאָר עמע קומט ניט. װאַרפֿט ער װידער אַרײַן אַ קװיטעלע: „איך װעל װאַרטן אַ גאַנצע נאַכט. אײַער פֿעדיאַ פֿעדיאַיעװיטש". זי איז אָבער אַלץ ניט געקומען. האָט ער זיך געבײזערט.

איינמאָל האָט אים עמע דערזען אין פֿענצטער.

— גייט אַוועק! שוין זשע... — האָט זי מיט האַרץ אַ זאָג געטאָן.

רעזוס איז איר געקומען צוהילף. ער האָט בייז געהאַװקעט און זיך געװאָרפֿן אָפֿן מענטשן, װאָס האָט, װײַזט אויס, פֿאַרטראַכט עפּעס שלעכטס, אויב ער װיל אַרײַנקומען אין שטוב ניט דורך דער טיר, נאָר דורכן פֿענצטער. זינטשענקאָ האָט אים אַ װאַרף געטאָן אַ שטיקל װורשט. דער הונט האָט עס אַרומגעשמעקט, אײַנגעשלונגען און אָנגעהויבן װידער בילן. איצט שוין ניט אַזוי פֿאַרשײַט. זינטשענקאָ האָט אויסגענוצט די פּאַוזע:

— מאָרגן אינדערפֿרי פֿאָר איך אַוועק. איך בעט אײַך זייער, קומט צו גיין אין סקווער. אויף אַ רעגע נאָר. געזעגענען זיך.

ער האָט געוואַרט אַ שאָ, צוויי. אַצינד, אַזוי שפּעט באַנאַכט, וועט זי שוין געוויס ניט קומען. ער האָט זיך אופגעהויבן פֿון דער באַנק, שוין גרייט געווען אַוועקגיין, און דאָ האָט ער באַמערקט עמען. זי איז געווען זייער בלייך, און זינטשענקאָן האָט פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ.

— וואָס איז מיט אײַך? — האָט ער אַ באַומרויִקטער געפֿרעגט.

עמע האָט גאָרניט געענטפֿערט. שווײַגנדיק אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער באַנק.

ער האָט אַרײַנגענומען אירע הענט אין זײַנע. זי האָט זיי באַפֿרײַט און געזאָגט:

— איך בין געקומען אויף אַ רעגע נאָר. געזעגענען זיך.

— געזעגענען זיך?.. צוליב וואָס געזעגענען זיך?

— איר פֿאָרט דאָך אַוועק. צי איר האָט עס אויסגעטראַכט?

— ניין, עמע. איך האָב ניט אויסגעטראַכט. איך פֿאָר ווירקלעך אַוועק. מאָרגן. איר מעגט מיר גלייבן.

זינטשענקאָ איז אַנשוויגן געוואָרן. עמע האָט געזאָגט:

— איך גלייב אײַך.

איין רעגע. בלויז איין רעגע. און ער שווײַגט... „וואָס זשע שווײַגסטו, גוילעם? האָסט דאָך געהאַט אַזויפֿיל איר צו זאָגן!" ענדלעך האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— מיר איז שווער... מיר איז שווער צעשיידן זיך מיט אײַך. איך וויל זיך ניט זעגענען מיט אײַך...

זי האָט גענומען זײַן האַנט אין אירע.

— איך אויך... מיר איז אויך שווער שיידן זיך מיט אײַך...

„עמע... ליבע עמע מײַנע... מײַן האַנט איז אין דײַנע הענט. מײַן האַרץ — אויך. איך פֿאָר אַוועק. און דאָס האַרץ בלײַבט בײַ דיר... ניט דאָס, — ניין. ניט אַזוי... דאָס איז געקינצלט. געפּוצט".

האָט זינטשענקאָ פּאָשעט געזאָגט:

— עמע, איך האָב דיך ליב.

פאַרזיכטיק, זײַן האַנט זאָל זיך ניט אַרויסגליטשן פון אירער, האָט ער זיך אָנגעבויגן און אַ קוש געטאָן אירע הענט.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן... באַם געזעגענען זיך...

זי האָט געגלעט זײַן האַנט און אַלץ איבערגעכאַזערט, ווי אין שלאָף:

— באַם געזעגענען זיך, געזעגענען... פאָר ניט אַוועק, פעדיאַ.

— דאָס איז אוממעגלעך. אונדזער טייל דיסלאָצירט זיך איבער. איך וועל אָבער קומען צו דיר. אומבאַדינגט.

זי האָט צוגעדריקט איר קאָפּ צו זײַן ברוסט.

— איך וויל הערן, ווי דײַן האַרץ קלאַפּט, עס וועט מיר זאָגן דעם עמעס...

ער האָט אַ גלעט געטאָן איר קאָפּ. ס'האָט זיך אים לײַדנשאַפטלעך פאַרוואָלט, אַז עמע זאָל טאַקע דערהערן דעם עמעס פון זײַן גרויסער ליבע.

ער האָט אַ זיפץ געטאָן, טיף, ווי אַ קינד נאָך דעם, ווי ס'האָט לאַנג געוויינט.

עמע האָט געפרעגט:

— דו וועסט שרײַבן?

— אומבאַדינגט. דו וועסט ענטפערן?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין.

— פאַרוואָס?

— איך שרײַב שלעכט רוסיש. וועסט מיך נאָך אויסלאַכן.

— איך שווער דיר...

— ניין. מ'דאַרף ניט. אַלציינס וועל איך דיר אַצינד ניט שרײַבן. וועגן ליבע טאָר מען ניט שרײַבן, ס'זאָל אַרויסרופן געלעכטער, מיט גרײַזן, — איך לערן זיך רוסיש. כ'וועל זיך אויסלערנען, וועל איך דיר שרײַבן. און אַצינד גיי איך.

עמע איז שוין געווען לעם דער שטוב, ווען זי האָט איינצײַטיק דערהערט נאָכיאָגנדיקע טריט און רעזוסעס בייזן געבורום.

זי האָט זיך אויסגעקערעוועט. אַ פּאַרסאָפּעטער, גיכער פון אופרעגונג, איידער פונעם לויפן, האָט זינטשענקאָ גענומען עפּעס מורמלען, ניט קלאָר, ניט געבונדן. איר האָט זיך געדוכט, אַז ער רעדט צו איר פון דער מיט, דעם אָנהייב האָט ער פאַרטרויט איר שאָטן, ווען ער האָט זי געהאַלטן אין אָניאָגן.

— איך האָב דיר געוואָלט זאָגן... איך האָב דיך זייער ליב. איך וועל אומבאַדינגט קומען. און מיר וועלן כאַסענע האָבן. און מיר וועלן אַוועקפאָרן קיין לענינגראַד. און איך וועל דיך באַקענען מיט מײַן שוועסטער, מיט וועראַן. זי איז אַ גוטע. זי וועט דיר געפעלן, און דו וועסט איר אויך געפעלן... דאָס איז עמעס... דו גלייבסט מיר? דו גלייבסט מיר, עמע, ליבע מײַנע?..

זי האָט אים אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן אים אין די ליפּן.

— ליבער...

זי האָט זיך געײַלט, ווײַל דער דאָזיקער פּריקרער הונט האָט מיט זײַן האַווקען געקאָנט אופהייבן אַף די פיס די גאַנצע שטאָט. רעזוס אָבער האָט בלויז ערלעך אויסגעפּילט זײַן כויוו. אָט דער פרעמדער מענטש מיטן שאַרפן רייעך פון לעדער, מיט רימענס איבער די פּלייצעס און מיט אַ פּודל באַ דער זײַט שטיקט די יונגע באַלעבאָסטע אין זײַנע אָרעמס, איז דאַרף מען זי ראַטעווען צי נײַן? ער וואָלט אַליין געקאָנט זיך ספּראַווען מיט אים, דאַרף ער אָבער האָבן דערווף אַ דערלויבעניש פונעם הויפּט־באַלעבאָס.

מיטאַמאָל איז רעזוס אַנשטילט געוואָרן. זינטשענקאָ האָט דערפילט, ווי עמעס האַרץ האָט אָנגעהויבן פיבערדיק קלאַפּן. האָט ער זי באַפרײַט פון זײַנע אָרעמס. זי איז צוגעלאָפן צו דער פירטקע, צעעפנט זי און געבליבן שטיין אַ פאַרכאַלעשטע: אינמיטן הויף, אין אונטערוועש, אײַנגאַנצן אַ ווײַסער אונטער דער לעוואָנע־שײַן, פון די באָרוועסע פיס ביז דער גראָוער באָרד, איז געשטאַנען איר פאָטער. ער האָט געהאַלטן זײַן האַנט אַפן ברוינעם קאָפּ פון דעם שטיל געוואָרענעם הונט.

עמע האָט אַרײַנגעצויגן אירע אַקסל, וואַרטנדיק אַף אַ פּאַטש.

דער אַלטער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי אַ פאַרקישעפטער פון דער לעוואָנע־שײַן.

דעמלט האָט זי שטיל געזאָגט:

— ער פאָרט מאָרגן אַוועק.

דער אַלטער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן.

ער האָט איר געשריבן לאַנגע בריוו. לאַנגע און אָפטע. צומאָל — אויך קורצע. ווען ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט. לאַכלוטן ניט. אין דער וועלט האָט שוין געבושעוועט די מילכאָמע. זי האָט זיך דערגעגעטערט צו אונדזערע מײַרעוו־גרענעצן, און די מיליטער־טיילן זײַנען טאָג און נאַכט געווען אין אַן אָנגעשטרענגטן צושטאַנד. נאָר אַפילע דאַן פלעגט זינטשענקאָ איר שרײַבן קורצע צעטעלעך, גערופן זי „שוועסטערקע". עמע האָט זיך ניט באַליידיקט, איר איז אַפילע געווען אָנגענעם, וואָס זי איז אים געוואָרן אַזוי נאָענט, ווי אַ שוועסטער. די בריוו זײַנע פלעגט עמע זאָרגזאַם צונויפלייגן און פאַרבאַהאַלטן. זי האָט פלײַסיק געלערנט רוסיש. געפּרווט אַפילע ענטפערן אים. ס'האָט זיך אָבער דערווײַל ניט באַקומען. נאָר זי האָט ניט פאַרניכטעט די ניט־אָפּגעשיקטע בריוו. אויך צונויפגעלייגט זיי. ווען ער וועט קומען, וועט זי אים ווײַזן: „אָט זעסטו, כ'האָב געענטפערט אַף דײַנע בריוו".

ווי האָט אָבער זינטשענקאָ געקאָנט וועגן דעם וויסן? ער האָט זיך געערגערט. פלעגט אַצינד מערער שרײַבן ווערן. רופנדיק זי צומאָל „עמע". ס'אַ כאָלעם. יאָ. אַלץ איז געווען אַ כאָלעם. כאַדאָשים גייען פאַרבײַ. און ס'האָט זיך אויסגעדעמפּט זײַן קוש פון אירע ליפּן. קיין זייכער ניט געבליבן.

„ניין. ס׳קאָן ניט זײַן, אז ס׳זאָל ניט בלײַבן קיין זייכער, — האָט ער געשריבן דער שוועסטער, — ביזוואַנען א מענטש פארליבט זיך ניט אליין, איז אים שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס הייסט עכטע ליבע. עמע דערווײַטערט זיך, ווײַזט אויס, פון מיר אלץ מער און מער, און מיר ווערט זי אלץ נעענטער און נעענטער. באנאכט, ווען איך שלאָף ניט, רעד איך מיט איר. אָבער איבערהויפּט, ווען איך שלאָף. איך זע זי דעמלט אזא, ווי זי איז געווען בייסן געזעגענען זיך...״

דעם דאָזיקן בריוו האָט זינטשענקאָ ניט אָפּגעשיקט ווערן. ער האָט אים צעריסן.

אָט ליגן זיי די צעריסענע פּיצלעך אף זײַן האנט. זאָל עס עפּשער הייסן, אז דערמיט איז אלץ פארענדיקט?.. ער דארף זיך מער ניט מאטערן. ס׳איז דאָ בילכערע זאכן, וועגן וואָס צו טראכטן. דער סוינע זאמלט קויכעס אף דער גרענעץ...

נו, גוט. פארענדיקט. ער מוז אָבער נאָך איין מאָל באטראכטן דאָס אלץ. וואָס האָט ער אין זינען? יאָ, רוגמאן... דער אלטער, קאָן זיך מאכן, האָט שוין באוויזן זיי כאסענע מאכן. ער אײַלט זיך. ער דארף האָבן זײַנעם אן אייגענעם שטוב־אדוואָקאט, און עמע דארף האָבן א געוויינלעכן מאן, א סאָלידן מענטשן. ס׳איז געווען א צופאַל. אזוינס קאָן לאנג ניט דויערן. אלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון א פארלאָרענער פּיד־קאָווע...

א סאָלדאט האָט ארײַנגעבראכט א בריוו. דאָס הארץ האָט מוירעדיק געקלאַפּט. פונוואַנען? פון לענינגראד? ניין, פון וולאַטשעוו!

ער האָט אומגעדולדיק אופגעריסן דעם קאָנווערט, אזוי האסטיק, אז ער האָט אָנגעריסן א ביסל דאָס בריוול, דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבער די שורעס. א כוואַליע פון צארטקײַט האָט פארפולט זײַן הארץ. פונוואַנען נעמט זיך בא דעם שוואַכינקן דארינקן מיידל אזא קויעך, אזא גרויסער קויעך זיך אנטקעגנשטעלן, ניט אונטערגעבן זיך, ראנגלען זיך פאר זייער ליבע?..

ער הערט איר פארצווייפלטן רוף: „קום צו פאָרן, מײַן ליבער, כאָטש אף א רעגע״...

פארשטייט זיך, ער פאָרט. באלד. שוין.

אוועק צום קאָמאנדיר. געבעטן אורלויב. דרײַ טעג, ניט מער.

דער קאָמאנדיר האָט אָפּגעזאָגט.

— כאָטש אף צוויי טעג. איך בעט אײַך זייער. ס׳איז מיר שטארק נייטיק, זייער נייטיק. איר קאָנט זיך אפילע ניט...

דער קאָמאנדיר האָט געכאַפּט אף אים א שטרענגן קוק. ער איז געווען ניט אף קיין סאך עלטער פון זינטשענקאָן. אים איז ניט שווער געווען איבערצולייענען אף זינטשענקאָס פּאָנעם, וואָס עס טוט זיך בא אים אפן הארצן, האָט ער קורץ באפוילן:

— אף א מעסלעס. מאָרגן, צוועלף נול־נול זײַן צוריק דאָ. פארשטאנען?

— פארשטאנען.

ניין. ער האָט ניט פארשטאנען.

מיט וואָס וועט ער איר קענען העלפן פאַר א מעסלעס?..

נאָר דעם קאָמאַנדיר האָט ער ניט דערווידערט. ער קען נאָך כאַראַטע האָבן.

17

כאָטש מייער האָט זיך דעמלט אויסגעדרייט צו דער טאַכטער מיטן רוקן, האָט ער אָבער אין הארצן דערפרייט זיך. „ער פאָרט אוועק". הייסט עס, א סאָף. א סאָף צו דער דאָזיקער מיִעסער געשיכטע. פאַרזיכטיק, ס'זאָל זיך ניט באַקומען, אז ער שלאָגט זיך אָן, האָט סאַפּיר אפּדאָסגיי געפּרוּווט א שמועס טאָן מיטן אלטן רוגמאַן. יענער האָט אים געגעבן אָנצוהערן וועגן די פּליאַטקעס, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין שטעטל, האָט מייער אָפּגעענטפערט מיט ווירדע:

— אויב אזוי, האָב איך איַיך גאָרניט געזאָגט.

דעם אלטן רוגמאַנען איז קימאַט קיין נאָפקעמינגע ניט, עמע צי אָן אַנדער שנור. סיַיווי וועט עמע ניט אריַין צו אים אין שטוב, נאָר מייער וועט נעמען לעאָנען צו זיך. אָבער לעאָן האָט ליב עמען, דער אלטער רוגמאַן ווייסט עס, האָט ער פאַרזיכטיק באַמערקט:

— אויב אזוי, האָב איך איַיך אויך גאָרניט געזאָגט.

און צוגעגעבן:

— פּליאַטקעס זענען ניט מער ווי פּליאַטקעס. איז בעסער אָן כאַפּעניש. מיר וועלן צוווארטן, ביז זיי וועלן אופהערן.

— בעסער אָן כאַפּעניש, — האָט מייער איבערגעכאַזערט, ווי א ווידערקאָל, און די אלטע לייַט זיַינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

ס'זיַינען אוועק כאַדאָשים, די אלטע האָבן זיך העפלעך באַגריסט, ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען, אָבער ניט דער, ניט יענער, האָט וועגן שידעך מער ניט געפּרוּווט פאַרפירן קיין שמועס.

וואָס איז שיַיעך דעם יונגן רוגמאַנען, האָט ער זיך געפילט געקריוודעט. אין זיַינע אויערן האָבן נאָך אלץ געקלונגען די ווערטער: „זיי זיַינען ניט געווען קיין פאַלשע. איך האָב אים ליב". דאָס איז, אויב איר ווילט, א פּאַטש אין פּאָנעם.

אָבער וואָס טוט מען?..

ער האָט זייער ליב געהאַט עמען. שוין לאַנג ליב געהאַט. רוגמאַן איז געווען געננוג יונג אָף צו פאַרשיקערט ווערן פון ליבע. נאָר ווי אָן אדוואָקאַט, איז ער אָבער געווען אויך געננוג ניכטער ניט אָנצונעמען קיין וויכטיקע באַשלוסן אין א שיקערן צושטאַנד. יאָ, ליבע איז, פאַרשטייט זיך... פּראַקטיש אָבער שטייט די פראַגע פּאַשעטער: עמע דאַרף זיַין זיַינע. דערביַי טאָר זיַין ווירדע ניט געמינערט ווערן. מע זאָל נאָך, כאָלילע, פון אים קיין בויזעק ניט מאַכן. דאָס וואָלט, אַגעוו, געשטערט זיַין אדוואָקאַטןקאַריערע. א מענטש, וואָס איז ניט בעקוויעך איַינאָרדענען זיַינע אייגענע איניאָנים, איז אוואַדע ניט מעסוגל צו פאַרטיידיקן פרעמדע.

האָט ער זיך געוואָקלט, געצווייפלט, געוואַרט. געוואַרט מיט א שטענ־דיקער גרייטקייט ארויסצוווייזן גרויסמוטיקייט און א קוש טאָן די האַנט, אויב עמע וועט זי אויסשטרעקן.

ער האָט געוואָלט גלייבן, אז דאָס וועט פאַרקומען גאַנץ גיך, וויבאַלד דער לייטענאַנט האָט זיך אָפּגעטראָגן צו אַלדי רוכעס. ער האָט ניט גע־ווּסט, אז עמע באַקומט פון אים בריוו, אז זי לייענט זיי איבער צו עטלעכע מאָל, לייגט זיי צונויף, באַהאַלט זיי, און אין די שלאָפלאָזע נעכט באַקומט זי זיי ארויס פון דער באַהעלטעניש און לייענט זיי ווידער איבער. ער איז געווען זיכער, אז עמע פילט זיך פאַשעט דערשלאָגן פון דער שטעטלדיקער פּלוידעריי, פון איר שולד קעגן אים, און קאָן זיך בעשום־אויפן ניט אַנט־שליסן צו מאַכן דעם ערשטן טראַט. איז אויב זיין גרויסמוטיק, קאָן ער דאָך אליין אים מאַכן.

און ער איז אוועק צו די סאַפּירס. אָט איז זי, עמע. זיין האַרץ האָט פיבערדיק געקלאַפּט. אַזוי, אז ער האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן. ער, דער אַדוואָקאַט. ער האָט דעמלט געמאַכט אַן איבערראַשנדיקע אַנטדעק־קונג: איין זאַך איז קלערן, א צווייטע זאַך טאָן. עמע האָט אים ניט אויסגע־שטרעקט איר האַנט. ער האָט זי ניט א קוש געטאָן.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט פאַרזאָרגט געפרעגט דער פאָטער, ווען לעאָן האָט זיך אומגעקערט אַהיים ביז גאָר א דערשלאָגענער.

לעאָן האָט געענטפערט פראָסט, אָפּנהאַרציק, אומבאַהאָלפן:

— איך קאָן אָן איר ניט לעבן, טאַטע.

דער אַלטער האָט זיך איבערגעשראָקן. אַזעלכע ווערטער האָט ער דער־הערט פון אים ערשטע מאָל. איז ער אוועק צו מייערן.

לעאָן האָט אים ניט געבעטן, ער זאָל גיין צו מייערן. ניט דער אַלטער מייער, מיט זיין גאַנצער טקיפעס האָט דאָ וואָס צו זאָגן. דאָס איז גאַנץ קלאָר. עמע אליין וועט באַשליסן איר גורל. מע דאַרף דעראָבערן איר האַרץ. אָבער ווי אַזוי?

נאָך דעם אומגעלונגענעם באַזוך האָט אים נאָך מער געצויגן צו עמען. ער פלעגט איצט אַרייַנקומען צו איר אָפט, געדולדיק. איינמאָל האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט, האָט ער אויסגעקושט אַלע אירע פינגער. זי איז געווען גערירט פון זיין איבערגעגעבנקייט. לעאָן האָט ווידער אָנגעהויבן האָפן.

עמע האָט ניט אויפגעהערט צו לייענען און איבערלייענען זינטשענקאָס בריוו. וואָס ווייטער אָבער האָט זיך איר אַלץ מער געדאַכט, אז זי לייענט עפּעס א ביכל. ארויסגעריסענע באַזונדערע בלעטלעך פון א ביכל וועגן א ליבע פון א יונגן לייטענאַנט פיאָדאָר זינטשענקאָ צו א מיידל, וואָס איר נאָמען איז עמע. א שיינע רירנדיקע ליבע. אָבער צו איר, צו עמע סאַפּיר, האָט אַדי ליבע קיין שום שייכעס ניט. איר ליבע איז געווען קורץ, ווי א כאָלעם. אַציַנד איז עס אַזוי ווייט. ערגעץ אין עק וועלט. נעכטן האָט זי באַקומען פון אים א בריוול. זיי פאָרן ווידער אַריבער אױף אַן אַנדער אָרט. אַלץ ווייטער און ווייטער. פון דער ווירקלעכקייט...

די אַלטע האָבן איצט אָפט געזען לעאָנען און עמען צוזאַמען. זיינען זיי געווען צופרידן. אַציַנד האָבן זיי ניט געצווייפלט מער, אז אַלץ גייט,

ווי ס׳דאַרף צו זײַן. האָבן זיי באַשטימט דעם טאָג פון דער כאַסענע. אין איינעם א פרימאָרגן האָט עמען אַרײַנגערופן צו זיך די קראַנקע מאַמע. זי איז געלעגן אַפּן בעט, ווי געוויינלעך. עמע האָט זיך אָנגעבויגן, א קוש געטאָן זי. די מוטער האָט אַרומגענומען די טאָכטער און שטיל געזאָגט:

— דער טאַטע און לעאָן פאָרן דאָנערשטיק קיין לוואָוו נאָך כאַסענע־קליידער. וואָס פאַר א קלייד וואָלסטו געוואָלט?

עמע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. די מוטער האָט א זיפץ געטאָן און אויך אַנשוויגן געוואָרן.

א גאַנצע נאַכט איז עמע ניט געשלאָפן. אַלעמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע, אויפגעשטאַנען. נאָכאַמאָל געלייגט זיך. דערלאַנגט פון אונטערן קישן פּיאַדאָרס בריוו, געלייענט, געלייענט און געטראַכט, גע־טראַכט...

דאָס איז געווען מאַנטיק. דינסטיק אינדערפרי האָט זי אוועקגעשיקט זינטשענקאָן א קוויטעלע. „קום צו פּאָרן, מײַן ליבער. כאָטש אַף א רעגע״.

דאָנערשטיק האָט זי באַקומען א טעלעגראַם: „כ׳קום, באַגעגן אַפּן וואָק־זאַל״.

פאַרן אָפּפאָרן האָט דער אַלטער מייער שטערנג א קוק געגעבן אַף רע־זוסן. דער הונט האָט אים געענטפערט מיט זײַנע איבערגעגעבענע אויגן: „זײַט רויִק, באַלעבאָס. איך וועל קיין פרעמדן ניט לאָזן אין שטוב אַרײַן״. דער אַלטער אָבער איז נאָך געבליבן שטיין, ניט געריִרט זיך פונעם אָרט, גלײַך ווי ער וואָלט עפּעס פאַרגעסן. רעזוס האָט אים דערמאָנט אין זיך. ער איז אַרופגעשפּרונגען מיט די פאָדערשטע לאַפּעס צו אים אַף דער ברוסט, און זיי האָבן זיך אַרומגענומען. אַזוי האָבן זיך צעשיידט די צוויי טרײַסטע וועכטער פון דער דאָזיקער שטוב.

דער טאָג איז געווען א וואַרעמער, א פרילינגדיקער. רעזוס האָט גע־דרעמלט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך עפּעס א זשומענדיקער פליג. ער איז געווען זיכער, אַז דער באַלעבאָס האָט זיך אומזיסט באַאומרויִקט, אַלץ איז אין אָרדענונג, קיין שום געשעענישן זײַנען ניט פאָרגעקומען, פאַר א גאַנצן טאָג איז אים ניט אויסגעקומען אַפילע איין מאָל א האַוקע טאָן.

ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָט רעזוס דערהערט מענטשלעכע טריט און דערפילט עפּעס א באַקאַנטן רייעך. עמע האָט געפירט זינטשענקאָן, ווי א קינד, פאַר דער האַנט, שטיל זיך געגאַנוועט אין שטוב אַרײַן. רעזוס איז אויפגעשפּרונגען און פאַרשטעלט זינטשענקאָן דעם וועג. עמע האָט זיך אָנגעבויגן צום הונט, עפּעס אײַנגערוימט אים אין אויער, צאַרט א גלעט געטאָן. רעזוס האָט זיך געוואַקלט א ווײַלע צווישן הינטישער טרײַשאַפט דעם הויפּט־באַלעבאָס און דאַנקבאַרקײַט דעם מיידל פאַרן גלעט. אומצו־פרידן ברומענדיק, האָט ער פונדעסטוועגן דורכגעלאָזט זינטשענקאָן, ניט אַראָפּלאָזנדיק אָבער קיין אויג פון אים. ער האָט א דריי געטאָן מיטן

ווײדל, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, דערנאָך אוועקשטעלנדיק שטײף די פּאָדערשטע לאַפּעס, זיך געשמאַק א צי געטאָן, אויפגעטרײסלט זיך און צו־געזעצט זיך באַם סאַמע גאָנעק, גרײט יעדע ווײַלע א ריס טאָן זיך פונעם אָרט, ווי נאָר ס׳וועט זיך דערהערן פון דער שטוב עפּעס פאַרדעכטיקס.

ניט אַרויסלאָזנדיק פּעדיעס האַנט, האָט עמע אים דורכגעפירט דורך עפּעס א קאָרידאָרל, ווו ס׳איז געווען שטאָקפינצטער, גלײַך די זונען־שטראַלן וואָלטן אהער ניט אַרײַנגעדרונגען הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד. פּיאַ־דאָר האָט זי אַרומגענומען, דערפילט די וואַרעמקײַט פון איר לײַב. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, ווי אין עפּעס א זיס־פאַרגליווערטער אָנ־מאַכט, גלײַך ווי די פיר און צוואַנציק יאָר פון זײַן לעבן וואָלטן געוואָרט, וואָלטן געגאַרט, וואָלטן געשמאַכט נאָך אָט דער רעגע. און ווען זי איז אַצינד אָנגעקומען, באַדאַרף ער מער גאָרניט, ניט הײַנט, ניט נעכטן, ניט מאָרגן, ניט פון מענטשן, ניט פון צײַט, ניט פון רוים, כוץ אָט די עטלעכע שפּאַן פונעם פינצטערן קאָרידאָרל, אין וועלכן ס׳האָט אומגעריכט א צי־טער געטאָן די ווייכע רעגנבויגנדיקע שײַן, וואָס האָט געשטראָמט פון עמעס שטראַלנדיקע אויגן. ער האָט געקושט אירע אויגן, און דעמלט פלעגט די שײַן פאַרשווינדן און ווידער זיך באַווײַזן. דערנאָך האָבן זיי ביידע פאַרמאַכט די אויגן, לאַנגזאַם זינקענדיק אין טונקעלע וואַרעמע כוואַליעס, פאַרכאַלעשטע פון גליק, נאָר די ליפּן זייערע האָבן נאָך לאַנג און גיריק געזוכט איינע די צווייטע און צונויפגעגאָסן זיך אין א זיס־ביי־טערן קוש...

עמע האָט ווייך אָפּגעשטויסן פון זיך פּיאָדאָרן.

— האָב געדולד, מײַן ליבער... מע דאַרף ניט אַצינד.

אים אָבער האָט זיך געלאָזט הערן:

„קוש מיך ניט. קוש מיך ניט... ליבער! קוש מיך נאָך...״

זי האָט אים ווידער/גענומען פאַר דער האַנט, א קוש געטאָן אים, ער זאָל זיך ניט ברויגעזן, וואָס זי האָט אים אויפגעוועקט פון א זיסן שלאָף, און גענומען אים ווידער פירן דורך שמאָלע און טונקעלע דורכגענג פון דער געזעצטער, געראָטענער אין מייערן שטוב. אַצינד זײַנען זיי געשטאַנען פאַר א פאַרמאַכטער טיר. עמע האָט זי שטיל א שטופּ געטאָן, דורכגעלאָזט זינטשענקאָן, אַרײַנגעגאַנגען אליין און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

פּיאָדאָר האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס קליינע צימערל איז געווען שוואַך באַלויכטן. ס׳זײַנען געשטאַנען א בעט, א טישל, א בענקל און מער קימאַט גאָרניט. אויפן בעט איז אומבאַוועגלעך/געלעגן אן אַלטע פרוי. זי האָט גע־קוקט אויף אים מיט ברייט צעעפנטע אויגן. טונקעלע אויגן. נאָך שיינע. עמעס אויגן. זיי האָבן געקוקט, שווײַגנדיק געקוקט, איינע אויף דער אַנדע־רער, די מוטער און די טאָכטער, מיט קימאַט אַלצײַנע אויגן. געקוקט און געשוויגן. ווײַזט אויס אָבער, ניט אײַנגאַנצן געשוויגן, ווײַל די פּענעמער האָבן זיך באַ זיי געמינעט, און זיי האָבן, הייסט עס, איינע די אַנדערע פאַרשטאַנען אָן רייד.

דערנאָך האָט די אַלטע איבערגעפירט איר בליק אויף זינטשענקאָן. פּיאָדאָרן איז פון אָט דעם בליק געוואָרן עפּעס שווער אויפן האַרצן. ער האָט אָבער באַלד באַמערקט, אַז דער בליק ווערט ווייכער, וואַרעמער.

— ווי רופט מען דיך? — האָט זי געפרעגט.
עמע האָט זיך אָנגעבויגן צו דער מוטער. עפּעס איינגערוימט איר אין אויער. דערנאָך ארויסגערעדט העכער:
— גיב אונדז דיין בראָכע, מאַמע.
די זקיינע האָט קוים אופגעהויבן אירע דאַרע הענט. ארופגעלייגט זיי אף עמעס קאָפּ, א גלעט געטאָן און איבערגעלייגט זיי אף פּיאָדאָרס קאָפּ. עמע האָט א קוש געגעבן דער מוטערס האַנט, אָנגעשטרענגט געקוקט אף אירע צוזיפגעשלאָסענע ליפּן, דערפרייט זיך, ווען זיי האָבן זיך צעעפנט און עפּעס דורכגעפליסטערט, שטיל, קימאַט קלאַנגלאָז, אזוי, אז זינטשענקאָ האָט גאָרנישט ניט געהערט. עמע אָבער האָט יאָ דערהערט, זי האָט אונטערגעהויבן דער מאַמעס קאָפּ און זי א קוש געטאָן אין די ליפּן.
פּיאָדאָרן האָט זיך פאַרוואָלט פאַרשאַפן עפּעס אָנגענעמס דער אַלטער, האָט ער געזאָגט עמען:
— בא דיין מאַמען זיינען דיינע אויגן.
עמע האָט, שמייכלענדיק, דערווידערט:
— ניין, בא מיר, פעדיעטשקע, בא מיר זיינען דער מאַמעס אויגן.
זיי האָבן זיך געזעגנט מיט דער מוטער. עמע האָט ווידער גענומען זינטשענקאָן פאַר דער האַנט און אים אַוועקגעפירט צו זיך אין צימער.

19

— דערצייל מיר, ליבער, וועגן זיך, וועגן דיין שוועסטער, וועגן דיין מישפּאָכע. איך קען דיך אזוי ווייניק...
— און מיר ווייזט זיך אויס, אז איך דיך קען שוין פון לאַנג. זייער לאַנג. טויזנטער יאָרן. דו האָסט דעמלט באַארבעט דיין ווייַנגאָרטן, און איך פלעג דיך וועקן אַלע אינדערפרי. שטיי אוף, געליבטע מיינע, הערלעכע מיינע, קום ארויס. ס'דערנעענטערט זיך די שאָ, די קוויטן צעעפענען זיך, די ווייַנטרויבן הויכן אויס זייער ווילגערוך, די צייט פון געזאַנג איז געקומען, פון די בערג לאָזט זיך הערן דאָס וואָרקען פון די טייבעלעך... דו געדענקסט?
— איך געדענק. איך האָב דיך דענסטמאָל אין כאָלעם געזען. דו ביסט געווען אין א לאַנגן לייַוונטן העמד. דו האָסט געהאַט אזעלכע שיינע העלע האָר, ווייכע, געלאָקטע, מיט א גאָלדענעם אָפּשיין, און אזעלכע בלוי־פאַר־טראַכטע אויגן, גלייך ווי זיי וואָלטן באַשאַפן געוואָרן פון א שטיקעלע הימל...
זי האָט אריינגעשטעקט אירע פינגער אין זיינע האָר.
— אונדזער קינד וועט האָבן דיינע העלע האָר...
— און דיינע שוואַרצע אויגן...
— דאָס קינד וועט זיין זייער א שיינס, דו וועסט עס ווייַזן דיין מאַמען...
— מיין מאַמע איז געשטאָרבן.
— איז דעם טאַטן.

— איך האָב קיין טאַטע אויך ניט.
— דו ביסט, נעבעך, עלנט, מײַן ליבער. ווען זשע האָסטו?
— דיך און ווערען.
— ווען סטו עס באַווײַזן ווערען.
— אוודאי. כ'וועל אומבאַדינגט ווײַזן ווערען מײַנע צוויי מיידעלעך. דיך און דאָס קינד. אַצינד דערציל מיר וועגן דײַנע...
— דו האָסט זיי אַלע געזען. איבעריקנס...
ער האָט געהערט איר שעפּטשען דורך אַ דרעמל. אים האָט זיך געדאַכט, ס'האָט זיך אים אַקשאַנעסדיק אויסגעדאַכט, אַז דאָס אַלץ איז אים שוין אַמאָל געווען באַוווּסט און איצטער דערמאָנט ער זיך אָן דעם.
עמע האָט זיך אַנידערגעזעצט.
— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר באַווײַזן אונדזער הויז־גאָט.
פּיאָדאָר האָט געענטפערט:
— דערציל. דערציל נאָך. איך וויל זיך אָנזעטיקן מיט דײַן שטים. ווי קאָמיש דו זאָגסט עס: הויז־גאָט...
— אָ! איך זאָג דאָס ערנסט. מיר האָבן אונדזערן אָן אָפּגאָט. קום, וועל איך דיר אים באַווײַזן.
זי האָט אים אַרומגענומען פאַר די אַקסל, אויפגעהויבן.
— אָ, דו האָסט קויעך.
עמע האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל:
— דו און מײַן ליבע צו דיר גיבן מיר קויעך.
ווידער האָט עמע אים גענומען פאַר דער האַנט און געפירט מיט זיך. פּיאָדאָר איז איר נאָכגעגאַנגען מיט פאַרמאַכטע אויגן. אין דער פינצטערניש האָט מען זיי ניט באַדאַרפט. זיי האָבן אַפילו געקאָנט פאַרנאַרן, דערזעענדיק אַף די ווענט גוואַלדיק גרויסע געשפּענסטער, וואָס זײַנען געווען אויסגעוועבט פון שאָטנס און געשפּרונגען פונעם דיל ביז צו דער סטעליע. ווי אַ בלינדער, האָט ער זיך שטײַף געהאַלטן פאַר עמעס האַנט, געפילט איר וואַרעמקײַט, דערמאָנט זיך, ווי זײַן מוטער פלעגט אים פירן איבערן גליטשיקן אײַז אין שול אַרײַן און דעם גאַנצן וועג געבעטן זיך בא אים: „געדענק זשע, פעדיא, זײַ פאָרזיכטיק, אַז דו וועסט גיין פון דער שול, גליטש זיך ניט, אַניט וועסטו, כאַלילע, זיך צעברעכן אַ פוס, ווי פּאַשקע...״
— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט עמע שטיל געפרעגט.
ער האָט ניט באַלד געענטפערט.
— איך האָב געזאָגט: דו ביסט מיר אַ מוטער און אַ ווײַב, און אַ שוועסטער, און אַ...
ער האָט דערפילט, ווי זי האָט אים אַ דריק געטאָן די האַנט. אומענדלעכע צערטלעכקײַט, דאַנקבאַרקײַט פאַר די דאָזיקע זעליקע רעגעס האָט איבערפולט זײַן האַרץ. ס'איז אים געווען אַ ביזאַיען פאַר זײַנע סאַמע ערשטע געדאַנקען וועגן עמען: אַ ליבע־פּאַסירונג... אַ שפּיל אין ליבע... אַ קינאָ־פאַרליבעניש... פּיאָדאָר האָט דערנענטערט זײַן געזיכט צו אירע ליפּן.
— איך וויל זיך אָנזעטיקן מיט דײַן אָטעם...

— מ׳דאַרף ניט... איך האָב מוירע. דו זאָגסט עס אזוי, גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך געזען דאָס לעצטע מאָל.
— אינדערפרי פאָר איך אוועק.
עמע האָט אים איבערגעשלאָגן:
— וואָס גייט דאָס אונדז אָן אצינד! דער אינדערפרי איז ווײַט, זייער ווײַט. דער אינדערפרי וועט קיינמאָל ניט אָנקומען. עפּעס אנדערש האָסטו מיר מיסטאמע געוואָלט זאָגן...
— יאָ, מײַן פרייד. עפּעס אנדערש... — און איז אנשוויגן געוואָרן.
זי האָט אים אַרײַנגעפירט אין עפּעס א צימער, פאַרהויבן דאָס פאָר־הענגל, די לעוואָנע־שײַן האָט זיך אַרײַנגעריסן דורכן פענצטער און צע־גאָסן זיך.
— אָט דאָס איז דעם פאָטערס היילקטום.
א דערשטוינטער, האָט פּיאָדאָר זיך ארומגעקוקט. היילקטום! דער צי־מער איז ניט געווען אָף קיין סאך גרעסער פון דעם, אין וועלכן ס׳איז געלעגן די קראַנקע זקיינע. און דאָס מעבל איז אויך געווען פון דעם זעלבן מין: אן אײַזערן בעטל, א טיש, א בענקל. אין ווינקל נאָר איז נאָך געשטאַנען א גרויסער געקאָוועטער קאַסטן, אף וועלכן ס׳האָט זיך געהייכט עפּעס א מאָדנער געגנשטאַנד פון אײַזן.
— אָט דאָס איז אונדזער הויז־גאָט, — האָט אָנגעוויזן עמע אף דעם מעשונעדיקן שטיק אײַזן.
— דו שפּאַסט, פאַרשטייט זיך.
— יאָ, איך שפּאַס. און דער טאַטע האָט געשפּאַסט, ווען ער האָט אים אויסגעקאָוועט פון ערשטסאָרטיקן שטאָל: אן אײַזערן שפּילכל מאַכט ער קלוימערשט פאַר מאָניקן. דאָס איז אָבער אזא שפּילכל, אז מיר ביידע וואָלטן עס ניט געקאָנט אופהייבן.
זינטשענקאָ האָט זיך אײַנגעקוקט. דאָס איז געווען עפּעס ווי א גראָב־אויסגעשמידטער מאַקעט פון א הויז מיט טורעמלעך און אמבראַזורעס. ער האָט א שמייכל געטאָן.
— אפילע פאַר א שפּילכל איז דאָס צו גראָב געמאַכט, ניט ריידנדיק שוין וועגן א גאָט...
נאָכמאַכנדיק א קאַפּעלע דעם אלטן אײַנגעשפּאַרטן קאָוועל, האָט עמע באַדאַכט געזאָגט:
— א גאָט דאַרף טאַקע אזוי זײַן. ניט פון גאָלד, וואָס האָט פאַרשאַפן אזויפיל צאָרעס די מענטשן, נאָר פון הארטן, פאָשעטן און הארבן אײַזן. ניט אין געשטאַלט פון א נאַרישן קעלבל און ניט אין געשטאַלט פון א בען־אָדאָם, וואָס האַלט אייביק מילכאָמע, הארגעט און קאַליעטשעט אזעל־כע, ווי ער. נאָר אין געשטאַלט פון אן אײַזערנער היים, א פעסטונג, וואָס קאָן אויסהיטן פון אלדאָס בייז...
— איך בין זיכער, אז דו האָסט דאָס אלץ אויסגעטראַכט, — האָט א שמייכל געטאָן זינטשענקאָ.
די אויסטערלישע נאַכט, די אויסטערלישע שטוב, די אויסטערלישע עמע און אָט אָ־דער אײַזערנער אָפּגאָט — האָבן אים איבעראַשט. ס׳איז, פאַר־שטייט זיך, א כאָלעם. כאַלוימעס זײַנען מיינסטנס שרעקלעכע, שווידערלע־

כע. אים האָט אָבער אָפּגעגליקט, און ער זעט א שיינעם, פריידיקן כאַלעם. און דערצו אזא, וואָס שטעלט זיך ארויס פאר וואָר. אפילע אָט דער זאָג: „דו האָסט דאָס אלץ אויסגעטראכט״ — איז אויך א מאסקירונג־מיטל:

— ניין, — האָט עמע געענטפערט. — איך האָב אליין געזען. ווען דער פאָטער דאווגט, קערעוועט ער זיך אויס מיטן פּאָנעם צו אָט דעם אָפּגאָט.

— דיין פאָטער, קאָן מיך, דוכט זיך, ניט אָנקוקן, — האָט אומגעריכט ערנסט געזאָגט פיאָדאָר, געזאָגט פארזאָרגט, שטרעבנדיק האלטן זיך וואָס נעענטער צו דער וואָר, ווייל דער זייגער האָט שוין געשלאָגן פיר, — ער האלט מיך פאר א פרעמדן.

— ס׳איז ניט אזוי, מיין טייערער, — האָט אים רויק דערווידערט עמע, — ער וואָלט דיך גערן אריינגענומען אין אונדזער שטוב און אפילע דיך באַשטימט אלס שעף פון שטאָב. אים וואָלט געוועזן אָנגענעם צו האָבן פאר אן איידעם אן אָפיצער פון דער רויטער ארמיי. אָבער מיט איין באַדינג: דו זאָלסט זיך דעמאָביליזירן פון דער ארמיי און איבערגיין דינען צו אים, צום קאָמאַנדיר פון אָט דער שטוב.

— בא אונדז איז דאָס היימלאנד שטענדיק אפן ערשטן אָרט.

— איך ווייס. בא מיר — אויך... יאָ. זאָלסט ניט מיינען... און באם טאטן אויך. זיין שטימונג ענדערט זיך צוביסלעך, ער זעט דאָך, ווי די ראטנמאכט שעצט האַרעפּאַשנע מענטשן. און איך בעט בא דיר ניט קיין קאָרבן. מיר ווען צוווארטן, די וועלט וועט זיך בארויקן... עפּשער וועט זיך לאַזער אומקערן. ער איז דאָך א קאָמוניסט. וועלן מירביידע פּרווון איבעררײדן מיטן טאטן.

— ווער איז עס, לאַזער?

— מיין אומגעקומענער ברודער.

„ניין, דאָס איז טאקע, ווירקלעך אויסטערליש. אפילע פאר א כאַלעם״.

— וויאזוי זשע וועט ער זיך אומקערן, אויב ער איז אומגעקומען?

— ער איז אומגעקומען פאר אונדז. פאר אונדזער הויזגעזינד. אזוי האָט געזאָגט דער טאטע. לאַזערן האָט מען גענומען אין דער פּוילישער ארמיי. ער האָט געפּרוווט שאפן א קאָמוניסטיש קעמערל אין דעם פאָלק, ווו ער האָט געדינט. האָט אים דער קריגס־טריבונאל פארמישפּעט אף צען יאָר טפּיסע. ווען דער טאטע האָט באקומען די ידיעה, האָט ער צונויפגערופן די מישפּאָכע און געזאָגט זלאטען, לאַזערס ווייב: „פארגעדענק! דו ביסט אן אלמאָנע!״ זלאטע האָט איבערגעכאזערט: „איך געדענק. איך בין אן אלמאָנע״. און מיט צאָרן צוגעגעבן: „איך בין דאָס גאנצע לעבן אן אלמאָנע! אַלע מענער זיינען ווי מענער. ער איינער האָט געהאט צו טאָן מיט וואָס דו ווילסט, נאָר ניט מיט זיין געזינד. און איצטער האָט ער נאָך מאָניקן געמאָכט פאר א יאָסעם...״ און זיך באגאָסן מיט טרערן. „איך וועל זיין א פאָטער פאר דיין קינד״, — האָט איר געזאָגט דער טאטע. און זלאטע האָט אים פאר דער גאנצער מישפּאָכע אין די אויגן אזוי געזאָגט: „איר זענט פאר אונדז — ווי א גאָט. אָן אייך וואָלט זיך די שטוב צעפאלן״. ווייל זי האָט געהאלטן, אז דער צווייטער אורטייל, דער, וואָס אונדזער פאָטער האָט ארויסגעטראָגן, איז א מוטיקער און א גערעכטער.

— און דו? ווי מיינסטו?

כ׳מיין... ער האָט דאָך עס געטאָן צוליב מיר אויך. ער האָט מוירע געהאט. דער שאָטן פון דער דעפּענזיווע זאָל ניט הענגען איבער אונדזער שטוב. קיינער וואָלט מיך דעמלט ניט גענומען פאַר קײַן ווײַב, — אַזוי האָט ער געמיינט. און געהייסן ארויסלאָזן איבערן שטעטל אַ קלאַנג, קלוי־מערשט לאָזער איז דערהארגעט געוואָרן.

פּיאָדאָר האָט פּלוצעם זיך דערמאָנט אָן די טרויעריקע אויגן פון דער אַלטער קראַנקער פרוי, וואָס ליגט איינע אַליין אין איר קעמערל, און גע־פרעגט:

נו, און די מוטער? וויאַזוי האָט זי...

די מאַמע האָט שטאַרק איבערגעלעבט. ניט אופגעהערט וויינען. זי איז געפאַרן צו לאָזערן, געוואָלט זיך דערשלאָגן, מע זאָל זי צולאָזן צו אים זיך זען. טאַקע דאָרט האָט מיט איר געטראָפן אַ האַרץ־אַטאַקע. דער טאַטע האָט זי געבראַכט פון דאָרט אַ קראַנקע. פון דעמלט אָן ליגט זי צו בעט...

אַ שטיק הימל איבערן האָריזאָנט איז געוואָרן רויט. די קילקייט פון באַגינען איז אַרײַנגעדרונגען דורך די ווענט פון דער אַלטער געבײַדע. עמעס פּאַנעם האָט אויסגעזען בלייך, מיד. פּיאָדאָר האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט:

— לאָמיר בעסער גיין צו דיר. דאָ איז עפּעס קאַלט, ניט היימלעך.

עמע האָט באַמערקט, ווּהין ס׳איז געווענדט זײַן אָנגעשטרענגטער בליק. אָנווײַזנדיק אויף דעם אויסגעשמידטן פון אײַזן שטיבל, האָט זי אָטעם געפרעגט:

— דאָס גייט פון דאָרטן די קעלט?

פּיאָדאָר האָט אַ שמייכל געטאָן.

— ניין, פון די שפּאַרונעס פון זײַן אורגעשטאַלט. בײַ דער שײַן פון טאָג זעט אָט די צאַצקע אויס לעכערלעך און פּוסט.

— פּוסט?.. און עפּשער, ניט. די שליסל פון די אײַזערנע טירלעך זײַנען באַם טאַטן און כאָטש אים קאָן קיינער ניט וויסן, וואָס דאָרטן אינווייניק, אין דעם הײַזל, איז באַהאַלטן.

זינטשענקאָ איז צוגעגאַנגען, מיט קויעך אַ שטויס געטאָן דאָס הײַזל. נאָר עס האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן פון אָרט.

— נו, פּוסט? — האָט עמע געשמייכלט.

דעמלט האָט פּיאָדאָר זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אין פּאָדערשטן ווענטל. עטלעכע רעגעס האָט געדויערט דער אָנגעשטרענגטער געראַנגל צווישן זיי, צווישן פּיאָדאָרן און דעם שפּילכל. דערנאָך האָט דער אָפּגאָט זיך פּאַמעלעכן אָנגעהויבן אונטערגעבן דעם מענטשן, אָפּגעטראָטן, אָפּגע־רוקט זיך...

צופרידענע, האָבן זיי זיך גענומען פאַר די הענט און אוועק אין עמעס צימער.

— ס׳איז דיר ווירקלעך קאַלט, — האָט זינטשענקאָ געזאָגט, דערפילנ־דיק, ווי איר לײַב ציטערט.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים.

— ס׳איז מיר קאַלט ניט דערפֿאַר, וואָס ס׳איז קאַלט... נאָר דערפֿאַר, וואָס ס׳איז שוין אינדערפֿרי און דו ווערסט באַלד אוועקפֿאָרן.
— איך וועל זיך אינגיכן אומקערן.
— אַלע זאָגן אַזוי.
— איך וועל זיך אינגיכן אומקערן, — האָט ער איבערגעכאַזערט. — טו מיר אַ קוק אין די אויגן. אויב דו גלייבסט מיר ניט, וועסטו זען.
— איך גלייב דיר. איך וויל גלייבן. אַוואַדע גלייב איך, — האָט זי ווי געפּרוּווט איבערצײַגן אים און זיך. — ווײַל איך... אויך איך קען דיך, שוין לאַנג, ווי איך קען דיך...
— לאַנג? — האָט ער זיך פֿאַרכידעשט.
— ...און ווען דו האָסט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אַף אונדזער גאַנעק, האָב איך דיך גלײַך דערקענט...
— דערקענט? — האָט זינטשענקאָ ווידער זיך פֿאַרכידעשט. „ווי׳אַזוי קאָן מען עס דערקענען אַ מענטשן, וועלכן מע זעט צום ערשטן מאָל?..״ ער האָט דאָס ניט געפֿרעגט, קעדיי ניט צו פֿאַרטרײַבן דעם צויבער פֿון טמימעס און עפּעס אַ מין קינדערשן צוטרוי (זי פֿאַנטאַזירט, ווי אַ קינד), מיט וועלכן ס׳איז געווען דורכגעזאַפּט איר יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט אַרויסגערעדט מיט אַ ביסל אַ קאָמישן און זייער כיינעוודיקן אַקצענט, און יעדעס וואָרט אירס איז לאַנגזאַם געזונקען אין דער פֿאַנטאַסטישער קאָיאָריקער דעמערונג, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאַפֿקע דאָס איז איצט די איין־און־איינציקע רעאַלקײַט אַף דער וועלט. האָט ער דאָך אויך פֿאַרזיכערט: „...איך קען דיך פֿון לאַנג. זייער לאַנג, טויזנטער יאָרן...״
עמע אָבער האָט ערנסט, זאָרגזאַם צוקלײַבנדיק די נייטיקע ווערטער, פֿאַרגעזעצט:
— דו געדענקסט?.. מע האָט אונדז געיאָגט צו דער סאָוועטישער גרענעץ. געיאָגט, געטריבן, ווי די האָזן, מיט בייזע הינט. ווער ס׳איז אָפּגעשטאַנען, דעם האָט מען אַפֿן אָרט דערשאָסן...
— ווער האָט געיאָגט? וועמען?
— אונדז, די יידן. די דײַטשן האָבן געיאָגט. ווען זיי האָבן אײַנגענומען פּוילן.
— און דו?
— איך בין דעמלט געפֿאָרן צו לאָזערן. די מאַמע האָט מיך שטאַרק געבעטן. ס׳האָט שוין געשמעקט מיט מילכאָמע, און זי איז געווען זייער קראַנק. אַניט וואָלט זי אַליין געפֿאָרן.
— און מער איז קיינער ניט געווען, ווער ס׳זאָל פֿאָרן? נאָר דו, מײַן דרייסט מיידעלע?
— איך האָב אים אַליין אויך געוואָלט זען, איך האָב ליב לאָזערן און האַלט פֿון אים. מיר דאַכט, ער איז דער איינציקער מענטש אין אונדזער מישפּאָכע, וואָס ווייסט צוליב וואָס ער לעבט אַף דער וועלט.
— דו ביסט געפֿאָרן איינע אַליין?
— ניין. מיט סאָניעטשקען. זי איז צוגעשטאַנען: „איך וועל פֿאָרן מיט דיר!״ — און אַזוי לאַנג געוויינט, ביז איך האָב זי געמוזט נעמען.
— נו, און וואָס איז געווען ווײַטער?

— װײַטער האָט זיך אָנגעהױבן די מילכאָמע. זײער א סאך מענטשן זײַנען געלאָפן אף מיזרעך, איך און סאָניעטשקע אױך. מיר זײַנען געפאַלן פון די פיס. „איך בין פאַראַנטװאָרטלעך פאַרן לעבן פון דעם מײדעלע״ — האָב איך הונדערט מאָל זיך געזאָגט, און דאָס האָט מיר צוגעגעבן קױכעס.

פיאָדאָר האָט געזען, װיפל געזונט עס קאָסט עמען דאָס דערצײלן, און ער האָט, גלעטנדיק איר האַנט, זי געפּרוּװט באַרוּיִקן:

— דערצײל ניט מער... מע דאַרף ניט... ס׳איז דיר שװער.

עמע האָט, אָבער, אײַנגעשפּאַרט פאָרגעזעצט.

— ...װען מיר זײַנען, ענדלעך, מידע, אױסגעמאַטערטע צוגעקומען צו דער גרענעץ, האָט מען אונדז װײַטער ניט דורכגעלאָזט, מע האָט געקאָנט מעשוגע װערן פון פאַרצװײפלונג. װוּהין זשע זאָלן מיר זיך אַהינטאָן?.. הינטער אונדז — די דײַטשן, פון פאָרנט — א שלאַגבױם, און דער גרענעצער, א סערזשאַנט, גיט אונדז צו פאַרשטײן, אז אײנײנעם מיט די ײִדן פאַרװאַרפן די פאַשיסטן שפּיאָנען און דיװערסאַנטן. פונקט דעמלט איז צוגעפאָרן א מאשין, דו ביסט אַרױסגעשפּרונגען פון איר און געהײסן אונדז דורכלאָזן. מיר האָבן — דו געדענקסט? — דיך אַרומגערינגלט, אונדזער רעטער, און...

פיאָדאָר האָט, שמײכלענדיק, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך געדענק ניט אַזעלכס. דו פאַנטאַזירסט. איך בין ניט געװען דאָרט...

— װאָס הײסט ניט געװען? — האָט אים עמע האַסטיק איבערגעשלאָגן, פאַרגעסנדיק אכטונג צו געבן, זי זאָל ריכטיק אױסרײדן די ניט גאָר באַקאַנטע װערטער. — שױן זשע האָסטו פאַרגעסן?.. איך װעל עס קײנמאָל, קײנמאָל ניט פאַרגעסן. איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר אײַך... פאַר דיר אף די קני און...

— נו, זעסטו שױן, אז דאָס בין ניט איך געװען. איך װאָלט קײנמאָל ניט דערלאָזט, דו זאָלסט זיך שטעלן אף די קני.

— דו האָסט טאַקע ניט דערלאָזט. דו האָסט מיך אופגעהױבן און אָנגעהױבן עפּעס רײדן אין פאַרלעגנהײַט, דערבײַ האָסטו געשמײכלט, װי נאָר דו קענסט שמײכלען, בלױז מיט די מױל־װינקלען, און גערעדט האָסטו גיכער ניט צו מיר, נאָר צום מײדעלע, װאָס האָסט גענומען אף די הענט. נאָר דאָ איז געקומען צו לױפן א סאָלדאַט. נאָך פונדערװײַטנס האָט ער געשריִען: „דעם לײטענאַנט זעלענקאָװ דרינגענדיק צום טעלעפאָן!״

— אָט זעסטו, זע־לען־קאָװ! ניט זינטשענקאָ.

— זינטשענקאָ... זעלענקאָװ... — האָט עמע, קאָמיש אַקצענטירנדיק, איבערגעכאַזערט די פאַמיליעס. — ס׳איז אַלצײנס. עפּשער האָב איך איבערגעפּלאָנטערט די פאַמיליע. איר זענט אַלע אַזעלכע גוטע, פּאָשעטע... איך מײן, פונדעסטװעגן, אז דאָס ביסטו געװען. אַניט װאָלט איך דיך ניט געװען דערקענט, װען איך האָב דיר געעפנט די טיר.

— נו, און לאָזער? װוּ איז ער איצט? פאַרװאָס איז ער ניט מיט אײַך? — האָט פיאָדאָר איבערגעשלאָגן, ניט געװאָלט זי זאָל דאַנקען, לױבן.

— אָ! דאָס איז א װיכער! ס׳איז אים פּאָשעט ענג צװישן די פיר װענט פון אונדזער שטוב. ער טראָגט זיך אַרום די גאַנצע צײַט א פרײדיקער,

אַן אויפגערעגטער. א קוק טאָן אויף זײַן פּאָנעם — א שטיין. טאָמיד פאַרדײַ־געט. פאַרט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פּאַרזיצער פון ראַיאויספּירקאָם. די שטאָט איז טאַקע ניט גרויס. אָבער דאָס לעבן, וואָס מיר בויען פונ־דאָסנײַ, איז גרויס. מיך אָבער וועט ער ניט נאַרן, איך זע, ווי זײַנע אויגן פינקלען, פינקלען פון פרייד און אנציקונג...

זינטשענקאָ האָט ארויסגענומען פון דער שינעל־קעשענע א פלעשל ווײַן.

— צום געזעגענען זיך? — האָט עמע געפּרוּווט א שמייכל טאָן. ס׳האָט זיך אָבער בא איר דערפון גאָרניט באַקומען.

עמע איז ארויס און באלד זיך אומגעקערט מיט צוויי הויכע גלעזערנע בעכער. פיאָדאָר האָט איין בעכער אָפּגערוקט אין א זײַט.

— מיר וועלן טרינקען פון איינעם.

ער האָט אים אָנגעפילט און דערלאַנגט עמען.

— טרינק. זאָלסט אָבער ניט פאַרגעסן מיר איבערלאָזן א קאַפּעלע.

עמע האָט זיך צעלאַכט. א ביסל נערווועז זיך צעלאַכט, א טרונק גע־טאָן, זיך פאַרכלינעט, פאַרהוסט. פיאָדאָר האָט צוגעלייגט א פינגער צו די ליפּן.

— ש... ש... ש... ס׳טאָגט שוין. די שטוב וואַכט אויף, עמעצער קען נאָך דערהערן.

— מיר איז אַצינד שוין אלצייינס. אלצייינס שטיי איך פאַר אן אָפּ־גרונט...

— וואָס איז מיט דיר, עמעלע?

פיאָדאָר האָט געהאַט זייער א פאַרלוירענעם אויסזען. עמע האָט אים א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— גאָרניט... גאָרניט... איך האָב געמיינט, דער פרימאָרגן וועט ניט אָנקומען, און אָט איז ער שוין דאָ... נו... איז טרינק זשע!..

זי האָט אים געצוווּנגען אויסטרינקען דעם בעכער. ווידער אָנגעפילט און דערלאַנגט פיאָדאָרן.

— אַצינד וועסטו דער ערשטער.

פיאָדאָר האָט א טרונק געטאָן און איר איבערגעגעבן דעם בעכער. עמע האָט אים געדרייט אין דער האַנט, באַקוקנדיק די ראַנדן.

— וואָס זוכסטו?

— די שפּורן פון דײַנע ליפּן... אָט זײַנען זיי.

זי האָט זיך צוגערירט מיט הייסע ליפּן צום קאַלטן גלאָז און אוועקגע־שטעלט דעם בעכער.

— פאַרוואָס זשע טרינקסטו ניט?

— ערגער זיך ניט, פעדיא. איך קען ניט.

— דו ביסט אזוי בלייך געוואָרן... וואָס איז מיט דיר?

— עפּעס א שווערער פאַרגעפיל דריקט ווי א שטיין...

— וואַרף אים אראָפּ, דעם שטיין.

— ווי־אזוי?

— גיב אים מיר. איך וועל זיך אן אייצע געבן מיט אים.

מיט צוויי פינגער האָט ער אויסגעדרייט איר פּאָנעם צו זיך.

— עמע... נו זאָג, וואָס מאַטערט דיך? עפּשער וועט דיר גרינגער ווערן.
— דו וועסט דאָך אָבער פאַרשפּעטיקן.
— נישקאָשע. כ׳וועל אָניאָגן. דערציילֿ.
עמע האָט טיף אָפּגעזיפֿצט. געפּרוּווט אַפילו אַ שמייכל טאָן.
— איך וועל דיר צוערשט דערציילן וועגן שלוימקען. מע רופֿט אים שלוימקע די מעשׂונעדיקע בריִע, ווײַל ער איז ווירקלעך מעשונע. וואָס איז ווערט נאָר דאָס געגנגעלע זײַנס! ער באַוועגט זיך, ווי די ערד: פּאַ־רויס, אַרום דער זון, און אַרום דער אייגענער אַקס. מעגלעך, אַז דאָס איז בײַ אים פאַרבליבן פון די קינדער־שפּילן. דו געדענקסט: קינדער פאַר־זשמורען די אויגן, דרייען זיך אַרום זיך און אײַנצײַטיק באַוועגן זיי זיך פאַרויס. נאָרמאַלע מענטשן קענען פאַרגעדענקען, נאָר זיי קענען אויך פאַרגעסן. שלוימקע קען נאָר פאַרגעדענקען. פאַרגעסן קען ער ניט. ער פאַרגעסט קיינמאָל גאָרניט. יעדע איבערלעבונג לאָזט איבער אַ טיפן שפּור אין זײַן באַוווסטזײַן, אַ שפּור, וואָס אַנטפּלעקט זיך אויסערלעך מיט אַ גרימאַסע אויף זײַן פּנים. אַ מאָדנער שפּיגל... דו וועסט ניט פאַרשפּעטיקן?
— גיין, ליבע. דערציילֿ ווײַטער.
— דאַכט זיך, פאַר מײַן גאַנץ לעבן האָב איך זיך אַזויפיל ניט אָנגע־רעדט... ווי פאַר אָט דער נאַכט...
— איך הער דיך, מײַן בלייך מיידעלע, זייער אופמערקזאַם.
— איז אָט, דערציילט ער מיר דאָ ניט לאַנג, אָט דער שלוימקע, מאַכנ־דיק דערבײַ שרעקלעכע גרימאַסן, אַז, קלוימערשט, אַ לאַווינע פאַרפעסטע־טע שטשורעס באַוועגט זיך אויף אונדז פון מײַרעוו, — אַזויפיל, אַז אַ צוג איז אַראָפּ פון די רעלסן, ווען זיי זײַנען געקראָכן איבער דער אײַזנבאַן־ליניע...
זינטשענקאָ האָט זיך אַזש פאַרקרימט פון עקל.
— נאַרישקײַטן. הער זיך ניט צו. דאָס זײַנען ווילדע אויסטראַכטענישן פון אַ דולן.
— אַצינד, אַז דו שטייסט אַזאַ מוטיקער אַקעגן מיר און זאָגסט: „נאַ־רישקײַטן!“ בין איך אינגאַנצן רויִק. איך ווייס אָבער ניט וואָס ס׳וועט זײַן, ווען...
— ס׳וועט גאָרניט זײַן. ס׳וועט גאָרניט זײַן.
— דו אײַלסט זיך שוין?
— דאָס איז איינס, און צווייטנס — איך וויל דיר איבערלאָזן וואָס מער מונטערקײַט. דערפאַר כאָטש איך איבער: ס׳וועט גאָרניט זײַן.
עמע האָט זיך אין עפּעס אײַנגעהערט.
— דו הערסט? — האָט זי אים געפרעגט.
— יאָ. אַ הונט וואָיעט.
— דאָס איז רעזוס. דער טאַטע פאָרט זעלטן אַוועק. רעזוס בענקט נאָך אים.
— איך מוז שוין גיין, עמע.
— גוט. איך וועל דיך באַגלייטן.
עמע האָט פאַרקאָרקעוועט די פלאַש.
— דער ווײַן וועט אויך וואַרטן אויף דיר.

אראָפּלאָזנדיק זיך פונעם גאנעק, האָבן זיי דערזען רעזוסן. דער הונט האָט פאריסן דעם קאָפּ, געוואָלט נאָכאמאָל אָנהייבן וואיען. נאָר דערזען עמען, איז ער צוגעלאָפן צו איר, א דריי געטאָן מיטן וויידל. עמע האָט אים געגעבן א גלעט.

זי האָט זיך געסטארעט גיין גיך, אָבער געפילט, אז פיאָדאָר פארהאלט זיך איבער איר, און זי האָט מיטאָמאָל זיך אָפּגעשטעלט. אויסגעשטרעקט די האנט.

— זײַ געזונט, מײַן ליבער. וועסט נאָך פארשפעטיקן איבער מיר. שרײַב. אצינד וועט דאָס זײַן פאר מיר די איינציקע טרייסט. איך וועל דיר אויך שרײַבן. יעדן טאָג. איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט...

זי האָט דעמלט געהאט אזא טרויעריק פּאָנעם, אז דאָס הארץ האָט אים פארקלעמט פון ווייטעק, און ער האָט איר געוואָלט זאָגן: האָף! גלייב! זײַ מונטער!

„פארוואָס זשע האָסטו איר דאָס ניט געזאָגט, זינטשענקאָ?.. — פרעגט ער בא זיך אליין. — זיך געײַלט מאכן די פּלייטע, ביזוואָנען איר פאָטער האָט זיך ניט צוריקגעקערט? מיט וואָס האָסטו איר בכלל געהאָלפן? זי האָט דאָך געצאפּלט, געוואַרט אף דײַן הילף: „קום צו פאָרן, מײַן ליבער. כאָטש אף א רעגע".

...כ'ווייס ניט.

עפּשער ווייסטו יאָ? עפּשער האָסטו א קלער געטאָן: אָט־אָט וועלן אף די שווארצע ווײַעס זיך באווײַזן דורכזיכטיקע טרערן. ווי קאָן מען עס אוועק פון א געליבט מיידל, ווען זי נעמט וויינען? ס'פּאסט דאָך עפּעס ניט. ער, זינטשענקאָ, איז דאָך אן איידעלער מענטש. וואָס דען? ער קאָן ניט איבערטראָגן קיין מיידלשע טרערן, ער איז שוין צו איידל, פּעדיעטש־קע, פּרויען־טרערן פּאטערן אים די שטימונג. אפילע דעם אפּעטיט. אויב ער וועט אף א פּײַערלעכן אויפן זאָגן: האָף! גלייב! זיי מונטער! — וועט זיך אָנהייבן א מעלאָדראמע מיט טרערן. און פאָרן אראָפּלאָזן דעם פּאָר־האנג וועט זיך באווײַזן אף דער סצענע, דער אדוואָקאט רוגמאן מיט דעם באסענע־קלייד אף די צעשפּרייטע הענט... און בכלל, צו לאנג טאָר מען ניט זײַן מיט קיין געליבטער, ווײַל די ליבע הייבט זיך אָן אויסוועפּן. און דאָ האָסטו שוין א גאנצע נאכט פארבראכט. עפּשער וואָלט געווען גענוג?.. ער מוז דאָך טאקע זיך אײַלן אויך. ס'איז דאָך ניט קיין שפּאס. זײַן קאָ־מאנדיר איז טאקע יונג, נאָר שטרענג...

ניין, ניט דאָס. ניט דאָס האָט ער דעמלט געקלערט... דער מענטש, דער מאָדנער מענטש, וואָס זיצט אין אים, לאכט אים איצטער אויס. אָבער דעמלט איז ער, פיאָדאָר זינטשענקאָ, דאָך געווען אופריכטיק.

ער האָט א דריק געטאָן עמעס קאלטע פינגער, דערוואָרעמט זיי מיט זײַן אָטעם און געזאָגט:

— צום ווידערזען, מײַן טײַערע. צום גיכן ווידערזען. און זאָלסט ניט צווייפלען אין מיר. מײַן ליבע האָט קיין גרענעץ ניט. „מײַן נעשאָמע גייט אויס פון ליבע צו דיר", — האָט ער א שמייכל געטאָן. די לעצטע רעגע מוז זײַן באַשײַנט פון א שמייכל.

— צום ווידערזען... זײַ געזונט, — האָט עמע געענטפערט.

אין א שאָ צוויי ארום איז געקומען דער אלטער. נאָך פונדערווייַטנס האָט רעזוס דערשמעקט א סאך נייַע רייכעס, וואָס דער באלעבאָס האָט געבראכט מיט זיך. מאטאָנעס און מאלבושים. דער הונט איז צוגעלאָפן צו דער פאָרטקע, אריינגעשטעקט די מאָרדע צווישן איר און דעם סלופ און זי געעפנט. אָנגעלאָדן מיט פעקלעך, האָט דער באלעבאָס ניט געקאָנט, ווי געוויינלעך, א גלעט טאָן דעם הונט איבערן קאָפ. רעזוס האָט אָבער געפילט, אז דער באלעבאָס איז געקומען אין א גוטער שטימונג, איז ער אויך געווען צופרידן און האָט גענומען שפרינגען און טאנצן ארום אים.

דער אלטער איז אריין אין שטוב און באלד ארויסגעקומען מיט א פארכוישעכט פאָנעם. ער האָט אָנגעהויבן בלאָנקען איבער די צימערן, אריינגעכאפט זיך צו זיין אלטיטשקער, אָפגעשטעלט זיך בא דער טיר פון עמעס צימער, זיך צוגעהערט מיט אלע כושים. עמעצער איז געווען בא אים אין שטוב — דאָס איז קלאָר! און דערצו נאָך א מאנצבל. דאָס אייַזערנע שטיבל איז אָפגערוקט פון זיין אָרט. דאָס איז בעקויעך געווען טאָן נאָר זייער א געזונטער מאנצבל. אין זיין שטוב זיינען אויסער אים, מייערן, ליידער, ניטאָ אזעלכע.

דער כשאד, וואָס האָט זיך אריינגעגאנוועט אין זיין הארץ, האָט פארלאָשן די פריידיקע אופגערעגטקייַט. ער סטארעט זיך, פאָרט ארום, קויפט אייַן מאלבושים, מאטאָנעס, ניט פאר זיך דאָך, פאר איר, פאר עמען, פאטערט די לעצטע קאָפעקעס — און אָט האָסטו דיר!..

א צעווילדעוועטער האָט ער זיך אריינגעריסן אין עמעס צימער.

— דו וועסט האָבן א שלעכטן סאָף, — האָט ער אויסגעשריגן גלייַך פון דער שוועל, און זיין קאָל און די דראָענדיק אויסגעשטרעקטע האנט האָבן געציטערט פון צאָרן. — איך וואָרן דיך: דו וועסט האָבן א שלעכטן סאָף. ווי לאָזער. דו וועסט זיין פאר אונדז טויט.

עמע האָט א שמייכל געטאָן.

— טאטע, מיר דאכט זיך, אז איך בין שוין טויט...

„מעשוגע צי כאָסערדייע?..” — האָט דער אלטער א טראכט געטאָן, א מאך געטאָן מיט דער האנט און ארויס.

עמע האָט אופגעהויבן דעם בעכער, וועלכן זי האָט קוים באוויזן צו באהאלטן הינטער דער פלייצע, ווען דער אלטער איז אומגעריכט אריין צו איר אין צימער. אפן דעק האָבן זיך געריוועלט עטלעכע טראָפנס, וואָס פיאָדאָר האָט ניט אויסגעטרונקען. זי האָט צוגעטוליעט די קויסע צו די קוים געעפנטע ליפן. די טראָפנס האָבן זיך צערונען איבערן גלאָז. זי האָט געדולדיק געווארט. ראָזע פעדעמלעך זייַנען פאמעלעך אראָפגערונען און אפן ראנד פון בעכער האָט זיך באוויזן א רויטער טראָפן. עמע האָט אים אראָפגעטרייסלט אף די ליפן און צעווישט מיטן שפיץ צונג.

פון אָט דעם איין־און־איינציקן טראָפן איז זי ווידער ווי פארשיקערט געוואָרן. געהאלטן פיאָדאָרן פאר דער האנט, פארזיכערט אים און זיך, אז דער פרימאָרגן וועט קיינמאָל ניט קומען.

אין שטוב צווישן די פיר ווענט פון איר צימערל איז פאַר די צע־ ברויזטע געפילן געוועזן ענג. עמע איז אוועק אין סקווער, אָפּגעזוכט די באַנק, וווּ זיי זײַנען אַמאָל געזעסן אינצווייען, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף איר אָרט און אוועקגעזעצט באַנאַנד פּיאַדאָרס שאָטן. זי איז געזעסן שטיל, אומבאַוועגלעך, קעדיי ניט אָפּשרעקן אים, און מיט אָנגעשטרענגטער אויפ־ מערקזאַמקײַט באַטראַכט עפּעס אַ צווײַגעלע, וואָס עמעצער האָט אָפּגע־ בראָכן און אוועקגעוואָרפן לעם דער באַנק. צו זײַן שטענגעלע האָט זיך צוגעסמאָקטשעט אַ בונטע רויפּע, אַ קליין ברײַעלע מיט אַ רויט פּאַסיקל איבער דעם גאַנצן רוקנדל, מיט ווײַסע פּינטעלעך אויף די צוויי גלאַנציק־ שוואַרצע, ווי אָפּגעלאַקירטע, שטרײַפעלעך פון ביידע זײַטן, מיט אַ רויט היטעלע אויפן קעפּל. דאָס דאָזיקע שטיקל רויט־שוואַרץ־ווײַס, מישטיינס־ געזאָגט, לעבן איז געווען פולקום אומבאַוועגלעך, גלײַך ווי דאָס וואָלט שוין ניט געווען קיין לעבן, נאָר אַ פאַנטאַסטישער רעמעז אויף דעם. און פּלוצעם האָט זיך דאָס קעפּעלע אינעם רויטן היטעלע אַ ריר געטאָן און גענומען פּרעסן די קליינע בלעטעלעך. עמע האָט אויפגעהויבן דאָס צווײַגל, עטלעכע מאָל עס אַ טרייסל געטאָן. די רויפּע אָבער האָט זיך, ווײַזט אויס, ניט שטאַרק דערשראָקן פאַר דער ערדציטערניש. מיט אַלע אירע פּילצאָ־ ליקע גלידעלעך זיך פעסט אײַנגעקלאַמערט אינעם צווײַגל, און פאָרגע־ זעצט איר סודע. עמע האָט אוועקגעשלײַדערט דאָס צווײַגל, אויף וועלכן ס'איז ניט פאַרבליבן קיין איין בלעטל מער. געוווּנדערט זיך: אַזאַ קליין ברײַעלע, און פרעסט אַזוי פיל און אַזוי גיריק...

ווען עמע האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט זי אין איר צימער אויפן פּאָן פונעם ליכטיקן פענצטער דערזען אַ טונקעלן סילועט. דאָס פּאָנעם פונעם מענטשן, וואָס איז געזעסן מיטן רוקן צום פענצטער, איז איבער דער שײַן שווער געווען גלײַך צו דערקענען. ס'האָבן נאָר געבלישטשעט די גלעזלעך פון די ברילן. דאָס איז געווען רוגמאַן. „געקומען מײַסע באַ־ לעבאָס, זיך אוועקגעזעצט, וואַרט אויף איר". אויפן טיש זײַנען געלעגן עט־ לעכע פּעקלעך. „ניין, ער האָט איר פּאָשעט געגרייט אַ סורפּריז. דערפאַר איז ער אַרײַן אין צימער".

ער האָט זיך אויפגעהויבן איר אַנטקעגן, אַ שמייכל געטאָן, אַ קוש גע־ טאָן איר האַנט.

— איר האָט זיך דאָ ניט געלאַנגווײַליקט?.. און איך האָב געבענקט נאָך אײַך. אַזוי געבענקט, אַז אין די געדאַנקען האָב איך צו אײַך געיאָגט גיכער, ווי דער שנעלצוג.

ער האָט געגרייט אָט די פּראַזע אין מעשעך פון דעם גאַנצן וועג, פון לוואָוו ביז וולאָטשעוו. און באַקומען האָט זי זיך לעפּיש, טאַקע עפּעס ווי אומיסטן. אַלע האָבן געהאַלטן, און ער אַליין אויך, אַז ער רעדט שיין. אין עמעס אָנוועזנהײַט אָבער פלעגט ער ווערן אַ קוואַד־פּע.

„ער סטאַרעט זיך, נעבעך, אַזוי..." — האָט זי באַקומען ראַכמאָנעס אויף אים. מע דאַרף אים מער ניט מאַטערן. מאַכן אַ סאָף — און שוין.

האָט זי געזאָגט:

— איר זענט אַ גוטער, אָרנטלעכער מענטש, לעאָן. איך וואָלט אײַך ניט געוואָלט באַליידיקן. כ'מוז אָבער זאָגן: איך האָב ליב אַן אַנדערן.

ער וואָלט געדאַרפט זיך א הייב טאָן פונעם אָרט, ווערן אופגעקאָכט, א קלאַפּ טאָן מיט דער טיר. איז ניין, ער איז אַלץ געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי צוגעזאָטן צום בענקל.

פּלוצעם האָט זיך עמע צעשמייכלט.

ערשט דאַן האָט ער א בליק געטאָן אַף איר מיט די ברילן־גלעזלעך:

— וואָס איז אַזױ אַזױ פריילעך?

עמע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. זי האָט זיך אַליין געוואָלט אויס־שמייסן פאַר איר טאַקטלאָזיקייט. ווי קאָן מען עס שמייכלען אין אַזאַ מינוט!.. און אַלץ געשוויגן. זי האָט אים דאָך ניט געקאָנט זאָגן, אַז באַ־נאַכט איז אַף דעם זעלבן בענקל געזעסן פיאָדאָר, זי האָט געהאַלטן א בעכער מיט וויַן, אים געדרייט, באַטראַכט, געזאָגט פיאָדאָרן: „איך זוך די שפּורן פון דיַינע ליפּן...״ און ער, לעאָן, האָט עפּשער פּונקט דעמלט, זיצנדיק אין צוג, געהאַלטן אין צוטראַכטן די איבעראַשנדיקע פראַזע, וועל־כע האָט געזאָלט אַרויסגעזאָגט ווערן, ווען ער וועט איר דערלאַנגען די מאַטאָנעס. גאָט מיַינער! ווי אַלץ אַף דער וועלט איז קאַפּויר! איין מענטש זיצט אין צוג, פאָרט אַוועק פון איר אַלץ וויַיטער און וויַיטער, און אים האָט זי ליב. דער צווייטער האָט געיַילט קומען צו איר, זיצט דאָ לעבן איר, און צו אים איז זי לאַכלוטן גליַיכגילטיק...

„און פון דער פעטער העסלעכער רויפע וועט זיך אויספּיקן א פּרעכ־טיק רויט־שוואַרץ־וויַיס פלאַטערל...״ — האָט עמע א טראַכט געטאָן קימאַט אין דער הייך.

— איר האָט עפּעס געזאָגט? — האָט געפרעגט לעאָן.

זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: ניין.

אַפדערנאַכט האָט עמע געשריבן פיאָדאָרן.

„ער איז היַינט געווען באַ מיר. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב ליב אַן אַנדערן. איז מיט דעם געענדיקט. ס'איז מיר גליַיך גרינגער גע־וואָרן אַף דער נעשאָמע. אָבער, וואָס וועט מיר נאָך אויסקומען אויסצו־שטיין פונעם טאַטן!.. לאָמיר בעסער ריידן פון פריילעכערע זאַכן. באַ אונדז עפנט זיך א קינדערגאָרטן. איך וועל אומבאַדינגט גיין אַהינצו אַרבעטן. ס'וועלן זיַין באַ מיר א סאַך קינדער. איך וועל זיי אַלע ליב האָבן. און דיך, מיַין קינד, אויך. מיַין האַרץ איז איבערפולט מיט ליבע. א גאַנצער ברונעם. מיט א לעוואָנע און שטערן אַפן דעק״.

2.

עמע האָט געשריבן פיאָדאָרן:

„...איך האָב זיך אויסגעבענקט נאָך דיר. כ'ווייס ניט, וואָס כ'וואָלט געטאָן, ווען ניט מיַינע דריַיסיק קינדער. מ'קאָן פון זינען אַראָפּ פון בענקשאַפט. איך טריַיב ניט איבער. איך דאַרף דיך אַזױ... אַלע ריידן וועגן א מילכאָמע. עפּשער דערפאַר קאָן איך זיך אַף דיר ניט דערוואַרטן. דו האָסט שוין הונדערט מאָל צוגעזאָגט: אָט באַלד, אָט שוין, רעכן, אַז איך בין שוין אַרויסגעפאָרן. באַגעגן! און — גאָרניט.

אין מײַן גרופּע זײַנען פאַראַן פיר סאָניעס. כוץ אונדזער װעכנעס טעכטערל, א ברױן־אױגיק מײדעלע מיט געקרײַזלטע הערעלעך, — נאָך דרײַ. װען איך רוף אױס: „סאָניעו!", הײבן זיך אוף אלע פיר פון זײערע ערטער. זײַנען זײ איצט בא מיר, װי קײסעריניעס: סאָניע די ערשטע, סאָניע די צװײטע, סאָניע די דריטע און סאָניע די פערטע. מײַן סאָניע איז די ערשטע. דאָס איז ניט דערפאַר, װײַל איך בין איר מומע, נאָר װײַל זי איז די העכסטע. איך באַצי זיך צו אלעמען גלײַך. עפּשער, האָב איך זיך ניט ריכטיק אויסגעדריקט — „מײַן סאָניע". זײ זײַנען אלע מײַנע. אלע סאָניעס. און אלע קינדער. און איך האָב זײ אלע ליב. דאַכט זיך, אז זײ האָבן מיך אויך ליב. װײסט, װי זײ רופן מיך? „עמע־מאמע". עמע־צער פון זײ האָט דאָס צוגעטראַכט, און אלע האָבן עס אונטערגעכאַפּט, און װען איך בין ניטאָ, הײבן זײ אָן מעקען, װי די ציגן: מע־מע־ע־ע... װאָס דאַרף באַטײַטן „עמע־מאמע" אָדער „מאמע־עמע".

קום צו פאָרן, מײַן ליבער. כאָטש אף א רעגעלע...

א גוטע נאכט, א רויִקע. כ׳וואַרט".

עמע האָט אָנגעשריבן „א גוטע נאכט, א רויִקע", אָבער די נאכט איז שוין אוועק און קײן רויִקע איז זי ניט געווען. ס׳האָט שוין געטאָגט. א בלײך שטיקל הימל האָט אַרײַנגעקוקט אין פענצטער. און פון אָט דעם בלײכן הימל האָט זיך געטראָגן א געהילך פון דורכפליִענדיקע אַעראָפּלאַ־נען. עמע איז שוין געווען צוגעווױנט צו די דאָזיקע קלאַנגען, וואָס פלעגן לעצטנס גאַנץ אָפט פאַרפילן די לופט.

ניט אויסטאָענדיק זיך, האָט זי זיך צוגעלײגט, כאָטש א דרעמל טאָן נאָך דער שלאָפלאָזער נאכט. פּלוצעם האָט א קנאַל געטאָן א שטאַרקער אופרײַס. עמע איז אופגעשפּרונגען פונעם בעט, פאַרטײַעט דעם אָטעם, אײַנגעהערט זיך. א נײַער אופרײַס נאָך א מער הילכיקער, האָט אופגע־טרײסלט די לופט. די שויבן אין די פענצטער האָבן זיך צעקלימפּערט.

עמע איז אוועק צו דער מאמען. דער טאַטע איז שוין דאָרטן געזעסן.

די אלטע האָט שווײַגנדיק איבערגעפירט אירע טונקעלע אומעטיקע אויגן פונעם מאַן אף דער טאָכטער. ניט ווענדנדיק זיך צו קײנעם, האָט דער אלטער געזאָגט:

— ס׳האָט זיך אָנגעהויבן.

ער האָט געהײסן אופוועקן אלע דערוואַקסענע. נאָר אײדער עפּעס וואָס האָט זיך דערהערט אָשערס געשרײ:

— זײדעניו, ס׳ברענט!

דער אלטער איז אַרויסגעלאָפן צוזאַמען מיט עמען. אינמיטן הויף איז געשטאַנען אָשער און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אף מיזרעך. דאָרטן, קימאַט אָפן צווײטן עק שטאָט, איז דער הימל געווען אינגאַנצן רויט. ווען ניט די געדיכטע זײַלן רויך, וואָס האָבן זיך געהויבן צום הימל, וואָלט מען געקאָנט מײנען, אז דאָס שלאָגט זיך דורך צווישן די בלײַענע כמאַרעס די פרימאָרגנדיקע זון.

— א סרײפעו! איך לויף לעשן, — האָט אָשער אויסגעשריִען.

— וואַרט! — האָט אים האַרב געזאָגט דער זײדע, — מיר וועלן אלע גײן, רוף אלעמען.

און טאקע באלד זײַנען אלע, בעראַש מיטן אלטן, אוועק צו דער סריי־פע, וואָס איז אויסגעבראָכן פון א באָמבע. אין הויף אָף דער וואַך איז פאַרבליבן בלויז איין רעזוס.

עמע איז געלאָפן באַנאַנד מיט איר עלטערן ברודער, נאָכמענען. פאַר אירע אויגן האָט געשווינדלט אַשערס פּלייצע. א יונגער, א היציקער, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פאָרויס. נאָך נעכטן, — האָט עמע א טראַכט געטאָן, — וואָלט זי, בעשום־אויפן, ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז הײַנט וועט זי לויפן אָט אַזוי, מיט אָן עמער אין דער האַנט, א פאַרסאָפּעטע, א צעשווי־בערטע. דאָס אַלץ וואָלט איר אויסגעזען, ווי עפּעס א פאַנטאַסטישע אויס־טראַכטעניש, ווען ניט דאָס האַרץ, וואָס האָט מוירעדיק געקלאַפּט, און דער שאַרפער רייעך פון סמאַלענע, וואָס האָט זיך שוין דערטראָגן צו זיי. ווי גיך זי איז ניט געלאָפן, האָבן אירע געדאַנקען זיך געטראָגן נאָך גיכער. קוקנדיק אָף דעם פײַער־זײַל, וואָס האָט זיך געריסן אינדערהייך, האָט זי געטראַכט וועגן דעם, אַז פּיאַדאָר איז איצט דאָרטן, ווו צענדליקער, הונ־דערטער אַזעלכע פײַערדיקע זײַלן הייבן זיך צום הימל, און אַז אויב זי וועט הײַנט ניט באַקומען פון אים קיין בריוו — שוין עטלעכע טעג, אַז זי האָט פון אים ניט קיין ידיעה, — וועט זי פאָרן צו אים, כאָטש זי הייבט ניט אָן צו וויסן, וויאַזוי וועט זי אים אַציַנד געפינען.

אַשער איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן אינעם געדיכטן רויך. עמע האָט זיך א וואָרף געטאָן נאָך אים. עמעצנס א שטאַרקע האַנט האָט זי פאַרהאַלטן. זי האָט דערהערט דעם טאַטנס שטרענג קאָל:

— וווּהין יאָגסטו? לויף נאָך וואַסער!

ווען זי איז געקומען מיטן עמער וואַסער, איז פונעם רויך אַרויסגע־שפּרונגען אַשער. זײַן פּאָנעם איז געווען אינגאַנצן אין סאַזשע. אָף די הענט האָט ער געהאַלטן א מיידעלע. ער האָט איבערגעגעבן דאָס קינד עמען און ווידער א וואָרף געטאָן זיך אין פײַער אַרײַן.

א ווײַלע איז עמע געשטאַנען מיטן קינד אָף די הענט, ניט וויסנדיק וואָס ווײַטער צו טאָן. עמעצער האָט איר געזאָגט:

— לויפט אין שפּיטאָל.

דאָקטער סיגאַל, דער שוואָגער אירער, — זײַן ווײַסער כאַלאַט איז שוין געווען פול מיט פלעקן פון בלוט און מיט סאַזשע, — האָט אָפּגיך אַרומגעטאַפּט דאָס קינד און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— זי איז טויט.

פון עמעס אויגן האָבן זיך א גאָס געטאָן טרערן. ערשט איצט האָט זי דערקענט דאָס מיידעלע. סאָניע די דריטע...

— דערנאָך, — האָט סיגאַל זיך געבייזערט. — ס'איז ניטאָ ווען צו וויי־נען. זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך. וואַש אָפּ די הענט, טו אָן א כאַלאַט און העלף מיר מיט וואָס דו קענסט.

עמע האָט אָפּגעטראָגן דאָס מיידעלע אין מאָרג. זי האָט געזאָגט דעם מענטשן, וואָס האָט דאָרט דעזשורעט:

— דאָס איז סאָניע. סאָניע סוכאַנטשוק. עפּשער וועט איר מוטער קומען פרעגן...

דער מענטש האָט געענטפערט:

— די מוטער וועט ניט קומען. זי ליגט שוין דאָ.

ווען עמע האָט זיך אומגעקערט, אָפּגעוואַשן די הענט, אָנגעטאָן אַ ווײַסן כאַלאַט, האָט זי סיגאַל אונטערגעטריבן:

— פאַרגעם זיך מיט אַשערן... מע האָט אים נאָרוואָס געבראַכט. ער האָט זיך שטאַרק אָפּגעברענט דאָס פּאָנעם.

עמע האָט זיך אָנגעבויגן איבער עפּעס אַ פּאָנעם, וואָס זי האָט קוים דערקענט.

— אַשער, אַשערל...

— עמע...— האָט אַשער אַ קרעכץ געטאָן.

סיגאַל האָט אונטערגעאײַלט:

— דערנאָך. דערנאָך. וואַטע!.. דערלאַנג מיר גיכער אַ בינט מיט וואַטע.

די סרייפע האָט זיך אַלץ שטאַרקער צעפלאַקערט. איבערן הימל האָבן אָן אויפהער געהודיעט אַעראָפּלאַנען, און אַלע מאָל האָט אין אַן אַנדער אָרט זיך אויפגעריסן אַ באָמבע.

22

די שלאַכטן, וואָס האָבן זיך געמאָלט עמען ערגעץ ווײַט, דאָרט, ווו פּיאַדאָר געפינט זיך, האָבן אין אַ פּאָר טעג אַרום זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט. גרימאַסן האָבן דורכגעשניטן שלוימקעס פאַרשוואַרצט געוואָרן פּאָנעם, ווי בליצן אַ פאַרוואָלקנטן הימל, ווען ער האָט דערציילט די גרויסע און קליינע סאַפּירס, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, אַז די דײַטשישע אַווטאָמאַטלער האָבן זיך שוין אַרײַנגעריסן אין שטאָט אַרײַן און אַז אויף דעם מיזרעכדיקן עק שטאָט, דאָרטן, ווו ס׳איז געפאַלן די ערשטע באָמבע, קומען פאַר פאַרביטערטע שלאַכטן. די דײַטשן זײַנען פאַרגאַנגען פון דער מיזרעך־זײַט, דאָרטן, ווו מע האָט אויף זיי ווייניקער פון אַלץ געוואַרט.

„הייסט עס, פּיאַדאָרן וועל איך שוין ניט זען",— האָט מיט ווייטעק אַ טראַכט געטאָן עמע. פריִער פלעגט זי אָפּקערעווען אירע אויגן פון שלוימקעס טאַנצנדיקן פּאָנעם, און איצט איז איר געווען אַלצייגס. זי האָט זיך צוגעהערט צו זײַנע נײַסן זשעדנע און מיט האָפענונג, עפּשער וועט ער עפּעס דערציילן אויך וועגן פּיאַדאָרס מיליטער־טייל. שלוימקע האָט געהאַט אַ לאַנגע נאָז און לאַנגע אויערן, און ער פלעגט טאָמיד דער ערשטער דערהערן און דערשמעקן אַלץ.

אַלע זײַנען אַצינד געווען אין דער היים, כּוץ סיגאַלן. טאָג און נאַכט איז ער געווען פאַרנומען מיט די פאַרווונדעטע, מיטן פאַרקריפּלטן מענטשן־כוימער, וועלכן די מילכאָמע האָט אַלץ מער און מער צוגעשטעלט אין שפּיטאָל, ער האָט זיך געסטאַרעט ראַטעווען דאָס, וואָס ס׳איז מעגלעך געווען. עמע האָט ניט געגלייבט אירע אויגן: אָט דער פאַרשלאָפענער סקעפּטיקער האָט אַצינד אַרויסגעוויזן אַזויפיל ענערגיע און מעסירעסנע־

פעש, אז ס'איז קיין ווונדער ניט, וואָס וועכנע האָט אים אזוי ליב, פארגעטערט אים שיר ניט. קיינער קען ניט קיין מענטשן בעסער, ווי זײַן ווײַב, ביפראַט, ווען זי איז א ווײַב און א מוטער.

אלע זײַנען געווען אין דער היים, ווײַל אלץ איז געווען פארמאכט: דער קינדערגאָרטן, ווו עמע האָט געארבעט, די שול, ווו נאכמען איז געווען א לערער. אין דער פרײַער צײַט האָט ער נאָך אלץ געהאט צו טאָן מיט קאָזעלניצקין, און דער רויטער מאָניק, א ייִנגל מיט א צארטער נעשאָמע, וועלכער האָט גערעכנט, אז דער פעטער מאטערט זיך איבער אים, פלעגט ספּעציִעל פאר נאכמענען שפּילן פידל און טײַנען, אז דער אלטער באקוטא האָט איבערגעטריבן, דער פידל איז גאָר ניט אזא שלעכטער, אלנפאלס, א סאך א בעסערער, ווי דער פריִערדיקער. א ווונדערלעך ייִנגל איז אָט דער מאָניק! אצינד, ווען אלע שטייען ארום שלוימקען און הערן גיריק, וואָס ער דערציילט, שטייט ער, מאָניק, בא דער באָבעס בעט און שפּילט איר הענדעלן. דערפאר, וואָס דער באָבען קומט אויס צו שווײַגן פיר און צוואנציק שאָ אין מעסלעס, און זי האלט אין איין טראכטן אָדער הערן, — און דאָס דויערט שוין גאנצע צוויי יאָר, — האָט זי זיך אויסגעלערנט אײַנצײַטיק הערן פארשיידענע קלאנגען, אײַנצײַטיק טראכטן וועגן פארשיידענע זאכן, און די קלאנגען, און די מאכשאָוועס מישן זיך דערבײַ ניט צונויף. אצינד הערט זי באזונדער הענדעלס צארטע קלאנגען, די מעכטיקע אקאָרדן פון דער „גיבוירים־סימפאָניע", וואָס מע טראנסלירט אָן אופהער דורך דער ראַדיאָ פון דעם ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע, דעם געהילך פון דער הארמאָטן־קאנאָנאדע, דאָס טאראכקען פון קוילנווארפערס, און טראכט בײַסמײַסע וועגן דעם, וואָס ס'האָט געקאָנט געשען מיט לאָזערן, פון וועלכן זיי האָבן שוין לאנג ניט קיין שום יעדיִע, און וועגן דעם, אז זי האָט, מעגלעך, ניט גוט געטאָן, וואָס זי האָט געהיים געבענטשט עמען און דעם יונגן ווילן מיליטערמאַן גראָד איצט, ווען דאָס פײַער בושעוועט ארום און ארום און ס'קומט א סאָף צו דער וועלט, זי וואָלט באדארפט דערציילן וועגן דעם מייערן, קעדיי ניט מיטנעמען מיט זיך אין קייווער אזא שווערע זינד אף דער נעשאָמע און ביכלאל איז זי א שווערע לאסט פאר דער גאנצער מישפּאָכע, איבערהויפּט אצינד, איז זי ווי א שטיין אפן האלדז. ווען ניט זי, וואָלטן זיי געקאָנט אנטלויפן, ראטעווען זיך פון אָט אָ־דעם שרעקלעכן פײַער, וואָס האָט שוין אָפּגעבריט איר געוואגט אייניקל, אָשערן...

דער אלטער מייער האָט אויך צוגעמאכט זײַן קוזניע. זינט די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן, האָט ער, ווי א קוואָטשקע, געהאלטן אין איין רופן און זאמלען ארום זיך די קינדער און אייניקלעך און אופמערקזאם נאָכגעשפּירט, אז קיין איין אייפּעלע זאָל זיך ניט אָפּשלאָגן פון דער היים. איצט איז ער אויך געשטאנען, צוגעהערט זיך צו שלוימקעס רייד, געשטאנען אָבער אויסגעקערעוועט צו אים מיט דער זײַט, א ביסל פונדערווײַטנס און מיט א פאריסענער באָרד. זי איז שוין געוואָרן אינגאנצן ווײַס, די באָרד, און האָט איצט צוגעגעבן זײַן טונקעלן הארבן, ברייטנאָזיקן פּאָנעם עפּעס א באזונדערע ווירדע.

פלוצעם האָט ער דערהערט, ווי רעזוס האָט זיך הויך צעהאווקעט, און

נאָכדעם—אומבאַקאַנטע טריט אפֿן גאַנעק, דערזען, ווי עמע איז אַפּגיך צו־געלאָפֿן צו דער טיר, צעפּראַלט זי און אַרויס אפֿן גאַנעק.

א פּלאַטערנדיקע האָט עמע אַרומגענומען פּיאַדאָרן און אַוועקגעפֿירט צו זיך אין צימער.

— נו, דערציייל, טײַערער... כ'האָב אַזוי אַרויסגעקוקט אַף דיר. נו, דערציייל זשע, דערציייל...

— איך בין געקומען אַף געציילטע רעגעס. אונדזער טייל טרעט אָפּ. איך האָב זיך אָפּגעבעטן אַף אַ פּאָר מינוט. בלויז אַף אַ פּאָר מינוט.

זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין זײַן מיד פּאָנעם און אַלץ פֿאַרשטאַנען. יאָ. אַלץ איז קלאָר, אַזוי גרויזאַם קלאָר!

— וועסט עפּשער עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן?

— מ'דאַרף ניט, עמעלע. כ'בעט דיך, מ'דאַרף ניט. קום אַהער. מיר דאַרפֿן אַ שמועס טאָן. געזעגענען זיך.

זי האָט שטיל און האַסטיק זיך אַנידערגעזעצט באַנאַנד מיט פּיאַ־דאָרן. „מיר דאַרפֿן אַ שמועס טאָן"... איז פֿאַרוואָס שווײַגט ער?.. און זי שווײַגט אויך. עפּשער דערפֿאַר, וואָס „געציילטע רעגעס", און זי וועט סײַווי ניט באַווײַזן אַרויסזאָגן אים אַפֿילע אַ טויזנטסטלעך פֿון איר פֿרייד, פֿון איר ווייטעק און שרעק, פֿון אַלץ, וואָס זי האָט זיך געקליבן אים זאָגן, ווען זי האָט געוואַרט און געוואַרט און שוין פֿאַרלוירן די האָפֿענונג צו זען זיך מיט אים אַפֿילע כאָטש נאָך איין מאָל. אָנשטאָט דעם אַלעמען האָט זי פּלוצעם אים אָנגעהויבן דערציילן וועגן אומקום פֿון סאָניע דער דריי־טער. — „דו געדענקסט, איך האָב דיר געשריבן..."

פּיאַדאָר האָט זי צוגעצויגן צו זיך, אַוועקגעזעצט אַף זײַנע קני. זי האָט אַרומגענומען זײַן קאָפּ און פּעסט־פּעסט צוגעדריקט צו דער ברוסט. ער האָט דערפֿילט טרערן אַף זײַן שטערן. אַ קוש געטאָן אירע ווײַעס. זי האָט אַ טיפֿן זיפֿץ געגעבן און פּונקט, ווי זלאַטע, ווען זי האָט אַרויסבאַ־גלייט לאָזערן אין אַרמיי, האָט זי מיט אַגמעסנעפּעש געפּרעגט:

— אַף ווען וועמען לאָזסטו מיך איבער, פּיאַדאָר?

זינטשענקאָ האָט געשוויגן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. עמע האָט אים אַ קוש געגעבן, דערפֿילט אַף די ליפּן עפּעס קלעפּיקס.

— דו ביסט דאָך פֿאַרווונדעט! — האָט זי אויסגעשרײַען.

— אַ קלייניקײַט, אַ דראַפּ, — האָט פּיאַדאָר רויִק געענטפֿערט.

עמע האָט גיך פֿאַנאַנדערגענומען די צונויפֿגעקלעפּטע מיט בלוט האָר, דורכגעוואַשן די ווונד און אים פֿאַרבינטעוועט דעם קאָפּ.

— דו טוסט עס פֿלינק, ווי אַן עכטע קראַנקן־שוועסטער, — האָט פּיאַ־דאָר געפּרוּווט אַ שפּאַס טאָן, און אין קאָפּ די גאַנצע צײַט איין געדאַנק: „אַף וועמען לאָזסטו מיך איבער, פּיאַדאָר?"

— דער שוואָגער האָט מיך אויסגעלערנט.

— לאָזער איז געווען? — האָט ער פּלוצעם אַ פֿרעג געטאָן מיט עפּעס אַ פֿאַרטײַעטער האָפֿענונג.

— געווען. אַרײַנגעכאַפּט זיך אַף אַ ווײַלע, אויך אַף „געציילטע רע־געס", ווי דו. „שטאַרקט אײַך!", און אַוועק. איך מיין, אין אונטערערד און עפּשער אין וואַלד אַרײַן...

— וועסט פאָרן מיט מיר, — האָט פיאָדאָר אַנטשלאָסן געזאָגט. — מיר נייטיקן זיך אין קראַנקן־שוועסטער.

עמע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— דער פאָטער וועט ניט לאָזן.

— ביסט א קליין קינד?

— אַף ווּעמען וועל איך איבערלאָזן די קראַנקע אומבאַהאָלפענע מאַמע? און איך אַליין, אין מײַן צושטאַנד... כ׳וועל דאָך איצט פאַר דיר זײַן נאָר צו לאַסט...

פיאָדאָר האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. נאָר פּלוצעם האָט זיך די טיר צעפּראַלט. אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער אַלטער מייער מיט א שווערן האַמער אין דער האַנט. ער האָט פּאַמעלעך דערנענטערט זיך צו זינטשענקאָ.

— צי איז אײַך באַוווּסט, אַז אײַער געליבטע איז מײַן טאָכטער? — האָט ער געפּרעגט זינטשענקאָן.

— טאַטע! — האָט עמע אויסגעשריִען.

— ש־שווײַג, דו... — האָט דער אַלטער א געשריי געטאָן אַף איר און ווידער זיך געווענדט צו זינטשענקאָן: — צי איז אײַך באַוווּסט, אַז דער פאָטער פון אײַער געליבטער איז א קאָוועל?.. — האָט ער דראָענדיק א טרייסל געטאָן מיטן האַמער.

פיאָדאָר איז בלייך געוואָרן.

— אײַער טאָכטער איז מײַן ווײַב!

עמע האָט זיך געשטעלט צווישן זיי. אַנגעבויגן פיאָדאָרס פאַרבינטע־ווען קאָפּ. געזאָגט דעם פאָטער:

— אָט, נעם און פלעט אים דעם קאָפּ. דאָס וועט זײַן ניט שווער, זעסט דאָך, ער איז פאַרוווּנדעט. אַף וואָס זשע וואַרטסטו?..

זי האָט זיך צעוויינט. דער אַלטער האָט אַרויסגעלאָזט דעם האַמער פון דער האַנט.

— דו וועסט פאָרן מיט אים?

— ניין.

— פאַרוואָס עפּעס ניין?.. פאָר מיט אים אוועק! איר קאָנט אוועקפאָרן און מיטנעמען מיט זיך די קראַנקע מאַמע אויך. נעמט סאַניען, נעמט מאַניקן דעם קליינעם, נעמט מאַניקן דעם גרויסן, נעמט אשקען, מילען, בראָניען. נעמט מײַנע עלטערע טעכטער, גיטען און וועכנען. נעמט מײַנע שניר, סאָפען און זלאַטען. מיר איז שוין העכער זיבעציק, און איך בין שוין ניט בעקויעך צו פאַרטיידיקן זיי... די הענט ציטערן, און אָט דער האַמער פאָלגט מיך שוין ניט.

מיט א ציטערנדיקער האַנט האָט ער גענומען עפּעס זוכן אין דער קעשענע פון זײַן אַלט אָפּגעבליאַקעוועט רעקל, אַרויסבאַקומען פון דאָרט א פאַפּירל, עס פאַנאַנדערגעוויקלט און דערלאַנגט זינטשענקאָן. פיאָדאָר האָט דערזען אַפן ווײַסן בלעטל פאַפּיר פיר מוירעדיק גרויסע שוואַרצע ווער־טער: «Бей жидов — спасай Россию!»[1]

---

[1] שלאָג די ייִדן — ראַטעווע רוסלאַנד! (רוס.).

— איך האָב געפונען אַט דאָס פלוגבלעטל אפֿן ברוק אינמיטן שטאָט, ווען קיין מילכאָמע איז נאָך ניט געווען. די פאַשיסטישע פליִער האָבן זיי פאַנאַנדערגעוואָרפן נאָך איידער דער קריג איז אויסגעבראָכן.

פיאָדאָר האָט ניט געוווסט, וואָס צו זאָגן אָט דעם שטאַרקן און מאַכט־לאָזן זאָקן. ער מוז דאָך אָבער אים עפּעס זאָגן. אומבאַדינגט און טאַקע שוין. אַניט, וועט ער דאָס צווייטע מאָל דערהערן די זעלבע פאַרשאָלטענע פראַגע: „אַף וועמען לאָזסטו אונדז איבער?“, אַף וועלכער ער קאָן ניט געבן קיין ענטפער. איז וואָס וועט זײַן? גאָרניט. בלויז דאָס, וואָס שטעלנדיק אָט די פראַגע, וועט דער קאָוועל מייער סאַפּיר פאַרלירן זײַן גרויס־קײַט, זײַן גזוורע און וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נעבעכדיקן אַלטיטשקן. ער, פיאָדאָר, וואָלט ניט געוואָלט זען אָט די מיִעסע פאַרוואַנדלונג. ער וואָלט בעסער געוואָלט זען זײַן שווער מיט אַ פאַרהויבענעם האַמער אין די הענט. זאָל זײַן אַפילע איבערן קאָפּ פון אַן אייגענעם איידעם. מ׳דאַרף אים ווידער צערייצן, דעם אַלטן, צעבייזערן, אַ קלאַפּ טאָן אים אין סאַמע אַנגעווייטעקסטן אָרט. און זינטשענקאָ האָט אַ געשריי געטאָן צו אים, ווי צו אַ טויבן:

— פאַרלאָזט אָט די שטוב, איר הערט! טשעפּעט זיך אָפּ פון אָט דער אַלטער כאַלופּע! פאָרט אוועק! שוין מוזט איר אוועקפאָרן פונדאַנען, עוואַ־קויִרן זיך!

„איצט וועט דער אַלטער זיך ווידער צעבושעווען. אָט וועט ער זיך אָנבייגן און אַ הייב טאָן דעם האַמער פון דיל“.

נאָר מייער סאַפּיר, דער אַלט געוואָרענער מייער סאַפּיר — מאַמעש אַף די אויגן איז ער געעלטערט געוואָרן — האָט שטיל געפרעגט זינטשענקאָן, צי עפּשער זיך אַליין:

— אוועק־פאָ־רן?.. וווהין אוועק־פאָרן?.. די פאַשיסטן שטייען שוין בא די טויערן פון דער שטאָט.

— וואָס זשע זענט איר פריִער ניט אוועקגעפאָרן?

דער אַלטער האָט אופגעהויבן די געדיכטע ברעמען, אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל:

— וואָס זשע האָט איר, כאַווער לייטענאַנט, אונדז פריִער ניט געזאָגט, מיר זאָלן פאָרן?

פיאָדאָר האָט אַ קוק געטאָן אפֿן האַנטזייגער. ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן דעם אַלטן, און ער האָט טאַקע ניט קיין צײַט געהאַט אויך.

— איך מוז גיין.

— כ׳וועל דיך באַגלייטן, — האָט עמע געזאָגט.

ער איז אַרויס צוזאַמען מיט עמען. אַ פּורפּור־רויטער הימל האָט זיי באַגעגנט. און אַ געדיכטע שטילקײַט. רעזוס איז געשטאַנען באַם גאַנעק. ער האָט דערלויבט, זינטשענקאָ זאָל אים אַ גלעט טאָן איבערן ברוינעם קאָפּ.

— פונדעסטוועגן איז ער אַ ווילער מענטש, דײַן פאָטער, — האָט פיאָ־דאָר געזאָגט עמען, צומאַכנדיק די פאָרטקע.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אײַזערנעם שפּילכל אפֿן קאַסטן און

ווי־אזוי ער, א געזונטער יונג, האָט אָנגעשטרענגט אלע זײַנע קויכעס און עס קוים־קוים א ריר געטאָן פונעם אָרט.

— נו, לאָמיר זיך געזעגענען, מײַן ליבע, קער זיך אום אהיים. אין דרויסן איז איצט געפערלעך.

— ניין. כ'וועל דיך נאָך א ביסל באגלייטן. שלוימקע זאָגט, אז מ'שיסט פון די פענצטער.

— ס'קאָן זײַן. אָבער מע וועט דאָך סײַווי שיסן.

— אין פרויען עפשער ניט.

— עמע, גיי שוין אהיים, זאָגט מען דיר!

— ניין. טרײַב מיך ניט, איך בעט דיך, שענק מיר אָט די לעצטע רעגעס.

זיי האָבן געשפאנט גיך און געשוויגן. דערנאָך האָט זי אים געפרעגט:

— דו וועסט מיר איבערלאָזן דײַן שוועסטערס אדרעס?

— אוואדע. אוואדע.

זי האָט ארויסגענומען פונעם רידיקול א בלאָקנאָטל, עס דערלאנגט אים:

— פארשרײַב אויך דײַן געבורטסטאָג.

זינטשענקאָ האָט זיך פארויטלט. ער האָט זיך גארניט אָנגעשטויסן צו דערוויסן זיך בא עמען איר געבורטסטאָג...

— כ'שרײַב. דעם זיבעצעטן אפּרעל. און דײַנער?

א קויל האָט דורכגעסווישטשעט פארבײַ עמעס אויער, גלײַך ווי א פליג וואָלט דורכגעזשומעט.

— דו ביסט א דרייסטע.

— ניין. מיר איז פאָשעט אלצייינס.

— פונוואנען האָט מען געשאָסן? האָסט ניט באמערקט?

— יאָ, פון ציופעס שטוב.

— א שאָד, וואָס איך האָב קיין צײַט ניט.

— כ'וועל זיך צערעכענען פאר דיר.

— כ'האָב מוירע, אז גיכער וועט ער זיך צערעכענען מיט דיר. פאר מיר... איז ווען האָסט זיך באוויזן אף אָט דער שיינער וועלט? וואָס שווײַגסטו? איך פרעג, ווען איז דײַן געבורטסטאָג?

— ווען דו וועסט זיך אומקערן... יעטווידן טאָג. דאָס וועט זײַן דער טאָג פון מײַן צווייטן געבורט.

עפּעס א צעשויבערטער ווערגעלעץ האָט זיי איבערגעיאָגט אף א ווע־לאָסיפּעד, וואָס האָט אויסגעזען קליין, ווי א שפּילכל, אין פארגלײַך מיטן מעגושעמדיקן רײַטער. ער האָט געטאָן א געשריי צו זינטשענקאָן:

— דו מאכסט די פּלייטע, האַ?

— ס'איז ציופּאַ, — האָט עמע געזאָגט. — ער איז, ווי שטענדיק, טויט־שיקער.

איצט האָט עמע אָנגעהויבן אונטעריאָגן. זי האָט ארומגענומען פּיאָדאָרן אים הייס א קוש געטאָן.

— שנעלער, מײַן ליבער, קאָנסט נאָך פארשפּעטיקן...

און אײַליק צוגעגעבן:

— אויב עס וועט זײַן א מײדעלע, וועל איך איר א נאָמען געבן „וועראַ". גוט?

— גוט. גוט. גוט, מײַן ליבע, — האָט פּיאָדאָר דרײַ מאָל איבערגעכאַזערט און געקושט עמעס הענט. — א מײדעלע... א מײדעלע... זײַ געזונט, מײַן מײדעלע. זײַ פאַרזיכטיק. היט אָפּ זיך און דאָס קינד אונדזערס. און... און איך שווער דיר... איך שווער דיר, לעבן מײַנס... כ'וועל זיך אומקערן... כ'וועל קומען... כ'וועל קומען... סײַדן דער טויט...

און ער איז אוועק דעם פײַער און דעם רויך אנטקעגן. דאָס פײַער איז געוואָרן וואָס אמאָל גרעסער, און דער רויך, אונטערגעטריבן פונעם ווינט, האָט זיך דערקליבן ביז דער מיט שטאָט, פאַרקנוילנדיק זיך ארום דער ראָטהויז, דעם קלויסטער און דער נײַער ליכטיקער געבײַדע, וואָס איז ניט לאַנג אויסגעבויט געוואָרן פאַר א קינדערגאָרטן.

צווייטער טייל

1

עמע האָט געשריבן פּיאָדאָרן בריוו. געשריבן און צונויפֿגעלייגט. אַ בערגעלע בריוו! ס'איז אַלץ געוואַקסן. און די האָפֿענונג, אַז פֿעדיאַ וועט זיי אַמאָל איבערלייענען, איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער.

„...איך האָב קיינמאָל זיך ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז פֿאַר אַזאַ קורצער צײַט קאָן דאָס לעבן אַ קער טאָן זיך אַזוי שאַרף מיט זײַן כווישעכדיקער דערנײַ־דערנדיקער זײַט. אַפֿילע נאַכמען, דער ברודער מײַנער, זאָגט שוין מער ניט: „אַלץ איז שוין געווען... און אָ־דאָס איז אויך געווען”. ניין, אַזעלכס איז ניט געווען. קיינמאָל ניט. אַצינד זאָגט נאַכמען: „אַלץ מוז זיך אַמאָל ענדיקן. סײַ גוטס, סײַ שלעכטס”. רעכנט ער דאָס אויך, מישטיינסגעזאָגט, פֿאַר אַ טרייסט.

אויב אורטיילן לויט די באַרימערישע מיטיילונגען פֿון זייערע צײַטונגען, האַלטסטו אין איין דערווײַטערן זיך פֿון מיר, מײַן ליבער. ווו זשע ביסטו איצטער? ווו? ווו?.. רוף זיך אָפּ! ס'איז מיר אַזוי שווער... ניט איבערצוטראָגן.

איך ענדיק, ליבער. איך וויל דיר ניט שרײַבן נאָר שוואַרץ. אַ פּאָר ווערטער פֿון אַן אַנדער קאָליר. מיר מיט וועראָטשקען ווערט שוין ענג אין די אַלטע קליידער. מוז איך זיך נעמען עפּעס איבערנייען...

א גוטע נאַכט, מײַן ליבער”.

עמע האָט צונויפֿגעלייגט דעם בריוו, אַוועקגעלייגט אים אויפֿן בערגעלע, צוגעדריקט מיט דער האַנט. פֿאַרמאַכט די אויגן, און ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן מיט דער האַנט אויף די בריוו, גלײַך זי וואָלט צוגעלייגט די האַנט צו דער ברוסט. איר איז געוואָרן גרינגער דערפֿון, וואָס זי האָט זיך דורכגערעדט מיט פּיאָדאָרן, אויסגעגאָסן פֿאַר אים איר ביטער האַרץ.

זי איז אויפֿגעשטאַנען, אַרויסגענומען פֿון דער שאַפֿע אַן אַלט קלייד, אָנגעהויבן עס אויפֿטרענען און זיך אַ שניט געטאָן אַ פֿינגער, ס'האָט אַ שפּריץ געטאָן בלוט. אַ טראָפּן האָט געטראָפֿן אויף אַ ראָזעווע קווייטעלע פֿונעם צײַג און עס פֿאַרוואַנדלט אין אַ רויטן, בלוטיקן פֿלעק. אין אַן אַנדער צײַט וואָלט עמע פֿאַרבליבן גלײַכגילטיק צו אָ־דעם פֿלעק. עפּשער נאָר

א טראכט געטאָן, וואָזוי אים פאַרוואַשן. איצט אָבער איז ער געווען פאַר איר, ווי עפּעס א סימען, א שלעכטער סימען.

זי איז אוועק צו דער מוטער זיך האַלטן אן אייצע, ווי בעסער איבער־נייען דאָס קלייד. זי פלעגט איצט אָפט אַרײַנכאַפּן זיך צו דער מוטער. זיי האָבן געהאַט זייער געמיינזאַמען סאָד: דאָס קינד. די מוטער פלעגט זי אויסהערן, בארוזיקן: „נישקאָשע. איך האָב געבוירן פינף, און ס'איז מיט מיר גאָרנישט ניט געשען".

— דעמלט, מאַמעניו, איז געווען עפּעס אַנדערש. ס'געווען א לעבן. אַצינד אָבער הערשט אומעטום שרעק און טויט. צוליב וואָס זשע האָבן קינדער?..

די מוטער האָט דערווידערט. מיט אירע שוואַכע הענט ווי אָפּגעטרייסלט זיך פון עמעס רייד:

— כ'בעט דיך, פאַרגיב מיר ניט אַזעלכע קאַשעס. מ'דאַרף ניט. ווען איך פלעג גיין צו קינד, האָב איך קיינעם קיין קאַשעס ניט געשטעלט. ניט דער מאַמען, ניט דער באָבען, און דו אויך — פרעג ניט! דאָס לעבן — איז א לעבן. עס קאָן ניט אויפהערן זײַן. עס טאָר ניט אויפהערן זײַן...

אַרויסגערעדט און א פאַרסאָפּעטע, אן אויסגעמאַטערטע, צוגעפאַלן צו דער קישן. עמע האָט זי א קוש געטאָן.

— גוט, מאַמעניו. גוט. ערגער זיך ניט.

ניט נאָר עמע, אויך אַנדערע בנייי־באָיס פלעגן אַלץ אָפטער קומען צו דער אַלטער, דערציילן וועגן זייערע צאָרעס. זי פלעגט יעדערן בארוזיקן, טרייסטן. מיינסטנס ניט מיט ווערטער, נאָר מיט דער שײַן פון אירע טונ־קעלע אויגן. זי איז ווי א ביסל געזינטער געוואָרן. צומאָל האָט זי זיך אויפגעהויבן פונעם בעט, פּאַמעלעך אַרומגעשפּאַנט איבער די צימערן, גע־וואָלט וויסן, צי אַלע אייניקלעך זײַנען אין דער היים. געהאָלפן דעם מאַן, ווײַל מייער איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ער פלעגט נאָך אַרבעטן אין קוזניע, נאָר גיכער צוליב פאַרטרײַבן מיטן האַמער־קלאַפּ די דריקנדיקע שרעק. דאָס פּאָנעם איז בא אים געוואָרן בלייך, ער איז ווי אײַנגעשרומפּן געוואָרן. און די אויגנלעפּלעך זײַנען נאָך רויטער געוואָרן.

אַצינד פלעגט ער אויך אָפטער באַזוכן זײַן קראַנק ווײַב, אַנידערזעצן זיך בא איר בעט און שווײַגן. זי האָט אויך געשוויגן. דאָס האָט געזאָלט הייסן, אז ער איז געקומען צו איר זיך אן אייצע האַלטן. און עפּשער איז דאָס טאַקע אַזוי געווען? זי האָט געוווּסט, צוליב וואָס ער איז געקומען. ער האָט געוווּסט, וואָס זי וועט אים זאָגן. נאָך אַזויפיל יאָרן פון געמיינזאַמען לעבן האָבן זיי גוט פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן אָן ווערטער.

אָפּגעשוויגן א שטיקל צײַט, פלעגט דער אַלטער אַרומכאַפּן מיט צוויי פינגער איר אויסגעדאַרטע דורכזיכטיקע לינקע האַנט און, באַוועגנדיק שטיל מיט די ליפּן, נעמען ציילן איר דויפעק.

דערנאָך פלעגט זי זיך א ביסל אונטערהייבן, אײַנבייגן מיט ניט זיכערע הענט זײַן גרויסן קאָפּ, אַנידערלייגן אַף אירע קני און אַרײַנטריפן אים אין די אויגן טראָפּנס. און ווײַל איר האַנט האָט געציטערט, האָט זי אָפּט־מאָל ניט געטראָפן אין אויג. דער אַלטער פלעגט אָנהייבן וואָרטשען, גע־זאָגט, אז אַשער טוט דאָס בעסער. דאָס האָט גוירעם געווען דערצו, זיי

זאָלןביידע שטיל א זיפץ טאָן, ווײַל אַשער... אַשער איז איצט א װעלטע־נער גאַסט אין שטוב. זינט ער איז אַרויס פון שפּיטאָל...

מיט פאַרמאַכטע אויגן, קעדיי די טראָפּנס זאָלן זיי בעסער דורכשווענ־קען, הייבט דער אַלטער אויף דעם קאָפּ, שטייט אויף און סטאַרעט זיך, אַז דער רעכטער פוס זאָל דער ערשטער צורירן זיך צו דער פּאָדלאָגע. מייער האָט אָנגעהויבן גלייבן אין אַזעלכע זאַכן, וועלכע ער האָט פריִער געהאַלטן פאַר נאַרישע, פּוסטע זאַבאַבאָנעס. ער איז אויך געוואָרן פרום.

— ניטאָ איצט אַף װעמען צו פאַרלאָזן זיך, — האָט ער געטײַנעט, — נאָר אַף גאָט. אויב ער פאַרמאָגט א ביסל געוויסן, וועט ער זיי מוזן פאַר־ניכטן, די ראָצכים. איך האָב נאָר מוירע, אַז ס'זאָל ניט זײַן צו שפּעט.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די טראָפּנס, נעמט דער אַלטער א סלאָיִקל, זעצט זיך ווידער צו אָפּן בעט. די אַלטיטשקע האַלט קעגן אים א קליין שפּיגעלע, און ער שמירט זיך אָן די אויגנלעפּלעך מיט עפּעס א שמירעכץ. דאָס טוט דער אַלטער שטענדיק אַליין, קעדיי ניט דערלאָזן קיין איבעריקע „צערטלעכקײַטן". ער הייבט אויף די אויגן, קוקט דורך די זיך צונויפּ־קלעפּנדיקע וויִעס און זאָגט:

— ווי דאָס לעבן, אַזוי אויך דער הימל. געל, ווי דער טויט. אָט אַזוי, כאַווע...

די אַלטע כאַווע דערמאָנט אים ווייך:

— דו קוקסט דאָך ניט אָפּן הימל, נאָר אַף דער סטעליע.

— אונדזער הימל איז די סטעליע, — ענטפערט ער, — אונטער דער סטעליע פון אונדזער שטוב לײַדן מיר. אָבער צוזאַמען. אונטערן הימל איז יעדערער באַזונדער. פאַר זיך. אונטערן הימל איז א סאַקאָנע צו באַווײַזן זיך. יעדער טאָג — אַן אַנדער צאָרע.

די אַלטיטשקע דערמאָנט זיך, אַז אַשער איז נאָך ניטאָ אין דער היים:

— וווּ קאָן ער עס זײַן?

דער אַלטער באַרויִקט זי:

— כ'מיין, ער וועט באַלד קומען. איך וועל אים שיקן צו דיר.

אָפּגעזאָגט — און אָוועק.

און כאַווע בלײַבט אַליין. אַליין מיט אירע אומרויִקע געדאַנקען: „אַשער האָט עפּעס פאַרטראַכט. קומט שפּעט אַהיים. ס'זאָל כאָטש קיין בייז ניט געשען".

זי האָט געדרעמלט און אײַנגעהערט זיך אין יעדן שאָרך. ביז זי האָט, ענדלעך, דערהערט אַשערס אײַליקע טריט. וואָס נעענטער צו איר צימער, ווערן זיי אַלץ שטילער און שטילער, פּונקט ווי ער וואָלט געטראָטן אַף די שפּיץ פינגער. „נאַרעלע, ער מיינט, אַז איך שלאָף. ווי קאָן איך דען אײַנשלאָפן, ניט דערוואַרטנדיק זיך אַף אים?..." אָט עפנט ער די טיר, רוקט אַרײַן דעם קאָפּ.

די באָבע זאָגט אים:

— קום אַהער, אַשערקע. אַלציינס שלאָף איך ניט. וווּ ביסטו עפּעס גע־ווען? פאַרוואָס קומסטו אַזוי שפּעט? איך האָב שוין געוואָלט אופשטיין און דיך גיין זוכן איבער דער גאַנצער שטאָט.

אַשער שמייכלט:

— דו וואָלסט מיך סײַוויסיי ניט געפונען.

— דו שפּאַסט. און באַ מיר שטאַרבט אָפּ דאָס האַרץ, אַז איך וואַרט אויף דיר. כ'האָב מוירע, מיט דיר זאָל עפּעס...

אַשער שלאָגט זי איבער:

— באָבעניו, — זאָגט ער איר ערנסט, — איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דאַרפסטו מוירע האָבן?.. וואָס איז איצט אַזוי גרויס די מוירע? מיר דאַרפן איצט זײַן דרייסט. דאַפקע איצט. דו פאַרשטייסט, מיר האָבן דאָך גאָרניט וואָס אָנצוּווערן. לאַכלוטן גאָרניט. ווען דאָס לעבן איז גוט, איז אָנגענעם, איז שיין — איז עפּעס אַנדערש. אַ מענטש האָט מוירע צו פאַרלירן אַזאַ לעבן. אָבער איצט?..

דאָס מאָל האָט די באָבע אים ניט דערווידערט.

— קום צו נעענטער, מײַן ייִנגעלע, איך וויל דיך אַ קוש טאָן פאַרן שלאָף.

אַשער איז צוגעגאַנגען צום בעט, אָנגעבויגן זיך. זי האָט אים אַ קוש געגעבן און געזאָגט:

— דו ביסט הײַנט עפּעס צעררודערט, וויל איך זיך ניט שפּאַרן מיט דיר. איינס אָבער פאַרגעדענק: אײַל זיך ניט שטאַרבן. ווען ס'וועט קומען די צײַט, וועלן מיר אַלע שטאַרבן. איינײַנעם.

אַשער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ־יאָ, באָבעניו...

זי האָט דערפילט: דעם אייניקלס געדאַנקען זײַנען ערגעץ אַנדערש. ער אײַלט זיך. „יאָ־יאָ, באָבעניו...", און אַליין טראַכט ער: „גוט, איך בין מאַסקים מיט דיר, נאָר לאָז מיך אָפּ. איך האָב זייער קיין צײַט ניט. און סטאַרע זיך אײַנשלאָפן".

די באָבע האָט פאַרמאַכט די אויגן.

אַשער איז טייקעף אַרויס פון שטוב.

אַ צענדליק שאַטנס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די ווענט. אַשער האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— כ'האָב געמיינט, אַז אַלע שלאָפן שוין. די באָבע, אָבער, שלאָפט נאָך ניט... נו, איז גייען מיר אין קוזניע.

אַ קוזניע — דאָס איז אַ פלאַמענדיקער האַרץ, דאָס איז אַ שטיק אײַזן, צעגליט ביז רויט, דאָס איז דער מעכטיקער אָטעם פון בלאָזזאַק, דער פרייליכער געקלאַנג פון האַמערס. אַזוי האָט זיך געמאָלט אַ קוזניע דעם יונגיינקן העלהאַריקן און בלאָוו־אויגיקן סטאַסיקן, אַלץ אויף דער וועלט פלעגט ער באַוואונדערן און אַן אויפהער קינדערש פרעגן: „אַזוי? יאָ? שוין זשע?.." אַצינד אָבער איז ער געוואָרן אַנטוישט. אַ קוזניע — און אַ בעסוירעס־שטילקײַט. און אַ קעלט.

אַשער האָט שטילערהייט געפרעגט באַ דעם באַכער, וואָס איז געשטאַנען לעם סטאַסיקן:

— נו, ווי האַלט עס, אילקאַ?

אילקאַ האָט געהאַט אַ צונאָמען — בוזיק. ער האָט געהאַט לאַנגע פיס און אַ קליין קעפּעלע. אַ באַדאַכטער, אַ ביסל אַ פלעגמאַטישער, האָט ער פאַמעלעך געענטפערט:

— דערווײַל איז ניט געלונגען אײַנשטעלן קיין פאַרבינדונג. מאָטל און וואַניא האָבן בעסערע בסורעס.

די לעוואַנע־שײַן, וואָס איז אַרײַנגעדרונגען דורכן שמאָלן פענצטער, איז געווען צו שוואַך בײַקומען די פינצטערניש אין קוזניע, האָט אילקאָ זיך ניט מאַטריִעך געווען אַרומגיין דעם אַנוואַלגער פון אײַזן, אים פּאַשעט אַריבערגעשפּאַנט מיט די לאַנגע פיס, צוגעגאַנגען נאָענט צו אַשערן און גענומען אים אַרײַנרוימען עפּעס אַ סאָד. מאָטל איז געשטאַנען ניט ווײַט און געדולדיק געוואַרט אַף זײַן ריי. ער האָט געדאַרפט מיטיילן אַשערן עפּעס גאַר וויכטיקס.

וואַניא האָט אַראָפּגענומען די ברילן, וואָס זײַנען אין דער כאַשכעס אים ניט נייטיק געווען. ער איז אַ פעסטער, געזעצטער, רויטבאַקיקער כעוורעמאַן, נאָר די לעוואַנע־שײַן האָט עפּעס מעשונעדיק איבערגעצויגן זײַן פּאָנעם מיט אַ בלייכער מאַסקע. אַזוי האָט זיך אויסגעוויזן סטאַסיקן, וואָס האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס וואַניא האָט שטיל דערציילט.

— איינמאָל איז גולאַס געפאָרן אַף אַ יאַריד...

— און ווער איז גולאַס? — שלאָגט אים איבער סטאַסיק.

— אַ פויער פון אַ נאָענטן דאָרף. דאַרף ער פונקט אָנטרעפן אַף ציופען. „דו, זאָגט ער, פאַסקודנער אַקטיוויסט! האָסט געוואָלט אַ קאָלווירט אָרגאַניזירן, איז נאַ דיר! וועסט אים שוין אָרגאַניזירן אַף יענער וועלט“. געזאָגט — און אויסגעשאָסן אין אים. דער פויער האָט זיך איבערגעקערט פון די קאָזלעס, די שטרוי איז פאַרשפּריצט געוואָרן מיט בלוט, און דער אויסוווּרף ציופּאַ קווועלט אָן...

— שוין זשע געקוואָלן? — פרעגט איבער סטאַסיק. — איז ער דאָך טאַקע אַ מענוּוול, וואָס די וועלט האָט ניט געזען... און וואָס איז ווײַטער געווען?

— דאָס פערד איז געשטאַנען־געשטאַנען, גלײַך ווי ס׳וואָלט זיך פאַרטראַכט...

— אַ פערד קאָן דען טראַכטן? — כידעשט זיך סטאַסיק.

— אַהאַ, נאָך וויִאַזוי. דאָס פערד האָט מיטאַמאָל זיך גערירט פונעם אָרט און אוועקגעפירט דעם וואָגן מיטן טויטן באַלעבאָס אַהיים. ערשט באַנאַכט האָט זיך עס דערשלעפּט צום דאָרף, אָפּגעשטעלט זיך פאַר די פאַרמאַכטע טויערן פונעם הויף און געדולדיק געוואַרט ביז אײַנדערפרי, ביז וואַנען מענטשן האָבן עס דערזען.

דער היציקער יִיסראָליק — ער איז געווען קלענער פון אַלע, נאָך גאָר אַ ייִנגעלע, — האָט אויסגעשריִען:

— לאָמיר דערהאַרגענען ציופען.

— ש־שאַ... — האָט מען אים פון אַלע זײַטן אײַנגעשטילט. פון גרויס אויפרעגונג האָט יִיסראָליק פאַרגעסן, אַז מ׳דאַרף ריידן זייער שטיל.

אַשער האָט אַרומגענומען יִיסראָליקן פאַר די פּלייצעס.

— ס׳וועט קומען אַ צײַט, וועלן מיר זיך מיט אים אויך צערעכענען. דערווײַל...

פּלוצעם האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר. אַלע זײַנען פאַרשטאַרבן גע־

וואָרן. אין דער האַלב־אָפֿענער טיר האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אַ קאָפּ, עטלעכע רעגעס געשטעקט אומבאַוועגלעך, ווי אונטערהערנדיק, און דער־נאָך פֿאַרשוווּנדן.

— דאָס איז מײַן זיידע, — האָט אַשער אַלעמען באַרויִקט.

— ניט באַמערקט אונדז, ווײַזט אויס, דער אַלטער, — האָט מאָטל גע־זאָגט.

— אָדער ניט באַמערקט, אָדער זיך ניט וויסנדיק געמאַכט...

2

מאַניק דער גרויסער האָט פֿאַרשריבן אין זײַן העפֿטל:

„שוין צוויי טעג, אַז איך נעם ניט דעם פֿידל אין די הענט. איך קאָן ניט לעבן אָן אים, נאָר איך קאָן אויך ניט שפּילן אַצינד. זיי האַלטן אין איין האַרגענען, ווען עמען זיי טרעפֿן אויף דער גאַס האַרגענען זיי.

אייערנעכטן האָט מען דערהאַרגעט שלוימקען. אַ דײַטש האָט בײַ אים געפֿרעגט דעם וועג אויף סטעפּעווש. שלוימקע, ווי געוויינלעך, איידער ער האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט אַ גאַנצע מינוט געקרימט דאָס מויל.

— אַ! דו קרימסט זיך מיר נאָך, דו פֿאַרפֿלוכטער יודע!

און אויסגעשאָסן. שלוימקע איז אַנידערגעפֿאַלן.

הײַנט האָט מען עמען געבראַכט אַ באַפֿעל פֿון ציופֿען: מאָרגן דאַרף זי זיך יאָווען צו אים, צען אַזייגער אינדערפֿרי. ער איז געוואָרן בײַ זיי אַ גרויסער נאַטשאַלניק, ציופֿאַ.

עמע איז שטאַרק בלייך געוואָרן, לייענענדיק דעם באַפֿעל. דערנאָך האָט זי געפּרוּווט עפּעס זאָגן. ניט אונדז, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, גלאַט אַזוי.

— דו ביסט געווען גערעכט, פּיאַדאָר.

דער זיידע האָט באַשלאָסן אונדז אַלעמען צוזאַמענרופֿן, זיך אָן אייצע האַלטן. מ׳האָט לאַנג ניט געדאַרפֿט רופֿן, מיר גייען אַצינד ניט אין ערגעץ, מיר געפֿינען זיך אַלע אינאיינעם. נאָר דער פֿעטער יעפֿים איז ניטאָ אין דער היים. ער איז שטענדיק אין שפּיטאָל. די מומע וועכנע טראָגט אים אָפּ אָפּטמאָל אהין דעם אָנבײַסן.

מ׳האָט באַשלאָסן, אַז עמע זאָל צו ציופֿען ניט גיין: זי איז קראַנק. דאָס איז ניט קיין אויסרייד. זי איז טאַקע קראַנק. די לעצטע צײַט איז זי אָפּט שלאָף. זי איז עפּעס מיִעס געוואָרן. אָפּן פּאָנעם — ברוינע פּלעקן.

דער געלערנטער פֿעטער נאַכמען האָט אָנגעשריבן אָפּן פּאַפּירל: „עמע סאַפּיר איז קראַנק". ווער וועט עס אָבער אָפּטראָגן? אַשער האָט זיך אַרויס־גערופֿן. אָבער דער זיידע האָט ניט געלאָזט: „ער איז צו הייס, אַשער, און שטאָלץ". עמעצער האָט פֿאָרגעלייגט, בראָניע זאָל גיין. האָט די באָבע דערוווידערט — „צו שיין". האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אָף מיר. איך בין אַ שטילער, אַ רויִקער. מײַן מאַמע אָבער האָט זיך גענומען יאָמערן: מע באַוואַלט אַ יאָסעם. האָט דער זיידע איר אַ זאָג געטאָן:

— איך בין אים אַ פֿאָטער. זאָל ער גיין.

איז די מאמע אנשוויגן געוואָרן. זי האָט דערעכערעץ פארן זיידן. ער איז טאקע ווי א פאָטער פאר מיר. כוץ דעם, וואָס ער איז א זיידע. ווען ניט ער, וואָלט איך ניט געשפּילט אף קיין פידל.

אז אלץ איז שוין געווען אָפּגערעדט, האָט זיך ארײַנגעמישט סאָפע.

— איך וועל גיין, — האָט זי אנטשלאָסן אויסגערופן. — איך בין ניט איבעריק שטאָלץ און ניט איבעריק שיין. איך וויל זיך פערזענלעך באקע־נען מיט אַ־דעם מענוויל, א שמועס טאָן מיט אים.

בא דעם פעטער נאכמען זײַנען די אויגן געוואָרן טרויעריק. ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט.

איך האָב אים זייער ליב, דעם פעטער נאכמען. דאָס האָט ער מיר גע־קראָגן דאָס פידעלע. זאָל זײַן, אז עס איז ניט אמאטי. איך אָבער רעכן, אז ס'איז אמאטי. מ'דאַרף נאָר האָבן צוליב דעם א ביסל פאנטאזיע. פארן פעטער אָבער איז דאָס א גרויסע טרייסט. ער האָט שוין אופגעהערט זיך מישפּעטן מיט קאָזעלניצקין. ער האָט מוירע אפילע א פּיפּס טאָן אצינד וועגן דעם. קאָזעלניצקי האָט אים איבערגעגעבן דורך איינעם א ניוויזיק, אז אויב ער וועט ניט אָפּשטיין, וועט ער צעברעכן דעם פידל אף זײַן נארישן זשידאָווסקי קאָפּ. ער האָט געפונען א גרינגן אויסוועג, קאָזעל־ניצקי.

איך הער אוף אף א רעגעלע שרײַבן, ווײַל אין צימער איז מיטאמאָל געוואָרן טונקל. איך ווייס פארוואָס. לעבן פענצטער איז דורכגעגאנגען מיראָשניטשוק. ער איז אזוי הויך און ברייט, אז ווען ער גייט דורך פארבײַ דעם פענצטער, ווערט אין צימער טונקל. ס'מאכט ניט אויס, וואָס ס'ווערט טונקל. איך וואָלט געוואָלט, אז ער זאָל טאָמיד פארשטעלן דאָס פענצטער מיט זײַנע ברייטע פּלייצעס. כ'וואָלט דעמלט אזוי ניט מוירע געהאַט. ער איז א גוטער מענטש, מיראָשניטשוק. דאָס האָט ער אופגעהויבן שלוימקען, ווען דער דײַטש האָט אויסגעשאָסן אין אים. איך בין ארויסגע־לאָפן העלפן, זאָגט ער מיר:

— לויף אהיים און פארבאהאלט דײַנע רויטע האָר. זיי וואַרפן זיך שטארק אין די אויגן. כ'וועל זיך אליין אן אייצע געבן.

מיראָשניטשוק פלעגט אָפט ארײַנכאַפּן זיך צום זיידן אין קוזניע. אויס־געפרעגט אים אלץ וועגן טאַטן. דער זיידע האָט אים צוערשט באגעגנט כמורנע. מיראָשניטשוק, ווידער, האָט גוטמוטיק צוגעשמייכלט.

— אנו, גיט מיר נאָר די קאָוואדלע. כ'וויל אויך א פּרווו טאָן מײַנע קויכעס.

א שפּײַ געטאָן אף די הענט, א רײַב געטאָן זיי, טוט ער א כאַפּ דעם האמער, פונקען פליִען פון אונטער די הענט. כ'האָב געמיינט, אז מײַן זיידע איז דער שטארקסטער מענטש אף דער וועלט. לאָזט זיך אויס, אז מיראָשניטשוק איז נאָך שטארקער. ער איז העכער פונעם זיידן און ברײ־טער אין די פּלייצעס. ס'איז א מעכײַע געווען צוקוקן, ווי צוויי האמערס טוען א פלי אינדערלופטן און לאָזן זיך אראָפּ מיט א געפּערלעכן געקנאַל אף א שטיק צעגליט אײַזן.

— אויב אזוי, — זאָגט אים דער זיידע, אראָפּציִענדיק פון זיך דעם

פארטעך, — טאַ לאָמיר גיין עפּעס איבערכאַפּן. שוין צײַט עסן װאַרמעס. גייען זיי אין שטוב אַרײַן.

— איר האָט ליב געריבענעם רעטעך מיט גענדזן־שמאַלץ? — פרעגט אים דער זיידע.

מיראָשניטשוק צעשמייכלט זיך ברייט. מ׳קאָן איבערציילן אַלע זײַנע גרויסע און ווײַסע ציין, כאָטש די וואָנצעס פאַרשטעלן זיי אַ ביסל.

— איך בין דאָך אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, — זאָגט ער. — האָב איך ליב אַן אוקראַאינישן באָרשטש און ייִדישע געפילטע פיש. אײַער לאָזער האָט מיך ניט איין מאָל מכבד געווען.

אָפּגעגעסן, ווישט דער זיידע אויס מיטן עק טישטעך די ליפּן און די וואָנצעס און פרעגט:

— איז וואָס עפּעס טוט זיך אויף דער וועלט, טאַראַס איוואַנאָוויטש?

— אָך־אָך־אָך... — זיפצט אָפּ קינדעריש אַ־דער גוואַר. — מ׳דאַרף זיך האַלטן.

אָנגעגעסן און אָנגערעדט זיך צו זאַט, פלעגן זיי אַמאָל מיך צווינגען אַ שפּיל טאָן אויפן פידל. דער זיידע זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. טאַראַס איוואַנאָוויטש — פאַרקערט. פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויף אַרויף, און זײַן פּאָנעם ווערט פאַרהילט אין קנוילן פון בלויען ציגאַרקע־רויך. אַ פאַרטרוימטער ריז...״

3

בראָניע האָט געשריבן רויטמאַנען: „איך קאָן הײַנט ניט קומען, באָריס. פאַראַן וויכטיקע סיבעס. אַנטשולדיק״.

איז באָריס געקומען צו איר. זי האָט ניט געקאָנט זיך קעגנשטעלן זײַן שמייכל און איז אַוועק מיט אים אין פּאַרק.

געגאַנגען זײַנען זיי מיט שטילע געסלעך, אויסמײַדנדיק דעם שטאָט־צענטער, געשפּאַנט שווײַגנדיק, צוטוליענדיק זיך צו די ווענט פון די שטיבער. ערשט ווען זיי זײַנען אַרײַן אין פּאַרק, האָט בראָניע געפּרוווט עפּעס זאָגן, נאָר באָריס האָט איר פאַרמאַכט דאָס מויל מיט אַ קוש.

— לאָמיר זיך דאָ אַנידערזעצן, — האָט פאַרגעלייגט בראָניע.

— ניין. לאָמיר בעסער גיין ווײַטער, טיפער אין פּאַרק.

— דאָרט איז געפערלעך.

— פאַרקערט. דאָרטן וועט אונדז קיינער ניט דערזען.

זיי האָבן אויסגעקליבן אַ גרין ווינקל, וווּ ס׳זײַנען געוועזן נאָרביימער און פייגל. די ביימער האָבן געשאַפן אַרום זיי אַ גרינע סוקע, באַהאַלטן זייער ליבע, און די פייגל האָבן אין געדיכטן געבלעטער געזונגען אַן אייביקע ליד לעקאָוועד דער אייביקער ליבע. בראָניע האָט געזאָגט:

— איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַזאַ פויגלשן קאָנצערט, מיט אַזאַ ברייטער פּראָגראַם.

באָריס האָט פאַרגעזעצט אין זעלבן נוסח:

— זיי געזעגענען זיך מיטן זומער. גיבן זיי פארן אפילו דעם לעצטן קאנצערט.

קיין באנק איז דא ניט געווען. האבן זיי זיך אוועקגעזעצט אפן גראז. באריס האט אונטערגעשפרייט זײַן מאנטל.

— נו, און אצינד דערצייל, וואס איז געשען?

בראניע האט אים אנגעהויבן צו דערציילן וועגן באפעל, וואס עמע האט באקומען.

— דאס אינגאנצן? — האט ער זי איבערגעשלאגן און ווידער גענומען זי קושן.

בראניע האט אים אפגעשטופט.

— מע דארף ניט, דו ווייסט, מ'האט דערשאסן שלוימקען.

— וואס קאן מען טאן?.. אזא לעבן איז אצינד. איבעריקנס, האט ער ווייניק וואס פארלארן, קיין איין מיידל וואלט אים קיינמאל ניט קיין קוש געטאן. און דאס איז דער איקער אין לעבן. דאס איבעריקע איז בלאטע.

— עפעס ביסטו געווארן... איך דערקען דיך ניט.

באריס האט א שמייכל געטאן.

— איך דערקען זיך אליין ניט. בייס א געפאר ווערן די געפילן שאר־פער. ליבע איז דאס וויכטיקסטע געפיל. און כוץ דעם, מוזן מיר זיך אײַלן. ווער ווייסט, וואס דער מארגן וועט אונדז ברענגען?.. גיכער פון אלץ — דעם טויט. האב איך באשלאסן: הײַנט, הײַנט נאך וועסטו זײַן מײַנע.

בראניע האט זיך אפגערוקט פון אים. ער האט זיך צעלאכט.

— וואס שרעקסטו זיך? פארקערט. דארפסט זײַן צופרידן. איינער א פילאסאף האט געזאגט: לעב אין געפאר. איך וואלט געזאגט: ליב אין גע־פאר. אצינד האסטו מיך פארשטאנען?

ער האט זיך צוגערוקט צו איר. זי האט זיך אופגעהויבן. איז ער אויך אופגעשפרונגען. בראניע האט געזאגט:

— אויב דו וועסט צוגיין צו מיר, וועל איך אנהייבן שרײַען.

באריס איז שטיין געבליבן, ווידער א שמייכל געטאן.

— אלציינס וועט קיינער ניט דערהערן. די פייגעלעך האבן זיך אזוי הילכיק צעזונגען...

ער האט זיך פלוצעם א ריס געטאן צו איר, גראב, נאר קלוימערשט ניט אומיסטן, זי אומגעוואלגערט אפן גראז. בראניע האט מיט אלע אירע קויכעס א קלאפ געטאן אים מיט דער פויסט אין פאנעם ארײַן.

ער האט זיך אופגעהויבן, א שפײַ געטאן מיט בלוט, און ניט אופהערנ־דיק צו שמייכלען („אקוראט ווי ער וואלט מעשוגע געווען”, האט א בליק געטאן בא איר אין קאפ), געזאגט:

— ריכטיק. אזוי טאקע קומט מיר. איך וואגע זיך מיט דיר אזויפיל צײַט, איז דיר א שאד. וועט זיך אנווארפן אף דיר א גאנצע באנדע, און זיי וועלן דוירעס זײַן דײַן לײַב...

זי האט זיך געלאזט לויפן. קיינער איז איר ניט נאכגעלאפן. האט זי זיך א ווארף געטאן אפן שמעקנדיקן גראז, פארדעקט דאס פאנעם מיט בײדע הענט און פארגאסן זיך מיט טרערן...

מיט שרעק און אומגעדולד האָבן אַלע געוואַרט אַף סאָפּעס צוריקקער. פּלוצעם האָט עמעצער אָנגעהויבן הילכיק קלאַפּן אין דער טיר. אַלע האָבן פאַרשטאַנען: סאָפּע וואָלט אַזוי ניט געקלאַפּט. דער אַלטער מייער האָט א ווונק געטאָן מיט די רויט געוואָרענע אויגן. אַלע האָבן זיך געלאָזט גיין צו עמען אין צימער, אַפילע סאָניעטשקע און מאָניק דער קליינער אויך. ערשט נאָכדעם איז מייער אוועק אָפּקייטלען די טיר.

דאָס איז געווען ציופּאַ. א ווײַלע איז ער געשטאַנען אַף יענער זײַט שוועל, אַרומגעקוקט זיך, דערנאָך האָט ער מיט גאָר א וואָזשנעם אויסזען איבערגעשפּאַנט איבער דער שוועל. צוזאַמען מיט אים האָט זיך אַרײַנגעריסן אין שטוב אַרײַן א שאַרפער רייעך פון בראָנפן.

— דאָ וווינט עמע סאַפּירז — האָט ער א פרעג געטאָן ווי מעגלעך בייזער, באַמיִענדיק זיך אַרײַנצוּיִען דעם בויך און האַלטן זיך גלײַך.

— דאָ, — האָט געענטפערט דער אַלטער.

מייער האָט אים אָנגעוויזן אַף עמעס צימער, נאָכגעגאַנגען אים פוסטריט, דערנאָך אָנידערגעשטעלט זיך הינטער זײַנע פּלייצעס, אַזוי, אַז עמע זאָל זען, אַז דער קאַפּיטאַן פון דער שטוב־שיף איז אַף דער וואַך.

עמע איז געלעגן אין בעט מיט א פאַרבונדענעם קאָפּ. באַם בעט, צוקאָפּנס און צופוסנס, זײַנען געשטאַנען און געזעסן מיט פאַרדײַגעטע, באַטריבטע פּנעמער גיטע, וועכנע, זלאַטע, נאַכמען, אָשער און די זייער בלאַסע בראָניע. זי האָט אויך געהאַט אַן אויסזען פון א קראַנקער. די קינדער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט באַ דער טיר, געגאַפט מיט אָנגעשראָקןפאַרכידעשטע אויגן אַף ציופּען, וועלכער האָט ניט געהאַט וווהין צו מאַכן זײַן ערשטן, זייער באַדײַטפולן טראַט. דאָס האָט אים קאַליע געמאַכט די שפּיל, און ער איז שוין בעעמעס געוואָרן בייז.

— פונוואַנען האָט איר זיך גענומען אַזויפילז — האָט ער באַרויגעז געפרעגט. — מע שלאָגט אײַך, מע מאָרדעוועט, און איר... ווער איז דאָ עמעז

— איך, — האָט זיך עמע אָפּגערופן מיט א שוואַך קאָל.

— דו בלײַב דאָ. די איבעריקע — העט פונדאַנען. אָבער שוין.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אַפן אַלטן מייער. ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ס'האָט געדאַרפט הייסן: „וויבאַלד מע באַפעלט, טאָ גייט אַרויס. אָבער ווײַט זאָלט איר זיך ניט צעגיין. זײַט אַף דער וואַך".

איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיך אַלע געלאָזט צום אַרויסגאַנג און געבליבן שטיין פון יענער זײַט טיר, אײַנהערנדיק זיך, וואָס עס קומט פאָר אין צימער.

מייער איז געבליבן.

— און דוז — האָט אים ציופּאַ בייז א פרעג געטאָן.

— איך בין איר פאָטער.

— איז וואָסז מאַרש פונדאַנען!

דער אַלטער האָט א ווונק געטאָן עמען: „אויב עפּעס־וואָס — איז רוף צו הילף..."

— איך בין א פּראָסטער קאָוועל,—האָט ער געזאָגט ציופען, קוקנדיק אין די אויגן דער טאָכטער,—נאָר איך מיין, אז א פאָטער וואָלט געקאָנט ביינזין...

געזאָגט—און ארויסגעגאנגען.

— פארוואָס האָסטו זיך ניט געיאָוועט לריט מיין באפעל?—ציופּא האָט זיך דערנעענטערט צו עמען, אָפּגעשטעלט זיך הארט בא דעם בעט און זיך אָנגעבויגן.

עמע האָט דערזען איבער זיך א פארשוואָלן פּאָנעם מיט קליינע אויגן און גראָבע ליפּן. א העסלעכער געררוך פון עסיק און בראָנפן האָט איר א זעץ געטאָן אין דער נאָז אזוי, אז זי איז שיר ניט פארכאלעשט געוואָרן.

— עפּשער וואָלט איר זיך בעסער אנידערגעזעצט?—האָט זי אים געזאָגט און א צי געטאָן די קאָלדרע ביזן קין.

— כ'פרעג, פארוואָס?

— איך בין קראנק.

— קראנק?

ער האָט מיטאמאָל א ריס געטאָן די קאָלדרע.

— באווייז, וווּ טוט דיר וויי.

עמע האָט מיט איין האנט פארשטעלט די ברוסט און מיט דער צווייטער באמיט זיך ווידער אָנציִען אויף זיך די קאָלדרע. זי האָט א געשריי געטאָן:

— לאָזט אָפּ די קאָלדרע!

אין דער זעלבער רעגע האָט זיך צעעפנט די טיר. דער אלטער מייער איז שווייגנדיק צוגעגאנגען צום בעט, צוגעדעקט די טאָכטער מיט דער קאָלדרע און ווידער ארויס.

— ווּהין האָסטו פארבאהאלטן דעם לייטענאנט?—האָט ציופּא געפרעגט עמען, ווען מייער איז ארויסגעגאנגען.

עמע איז געווען זיכער, אז ניט צוליב דעם איז ציופּא געקומען, אניט וואָלט ער באדארפט געווען זיין דאָ באלד, ווי די דייטשן האָבן פארכאפּט די שטאָט. ענטפערן אָבער האָט מען געמוזט.

— איך האָב אים ניט באהאלטן. ער איז אוועקגעפאָרן.

ציופּא האָט זיך געפּרווט דערמאָנען: ווען ער האָט זיך געצילט פונעם פּיסטאָלעט,—דאָס געדענקט ער גוט,—איז באנאנד מיטן לייטענאנט געשטאנען זייער א שיין שווארצהייניעוודיק מיידל. אצינד ליגט פאר זיינע אויגן א בלייכע צעשוומענע פרוי.

— ווּהין?

— כ'ווייס ניט. צו זיך, אין זיין טייל, געוויס.

— דו לייגסט. ער האָט ניט געקאָנט ארויס פון דער שטאָט. זי איז געווען ארומגערינגלט.

עמע איז נאָך בלייכער געוואָרן. „שוין זשע איז פּיאָדאָר ארייַנגעפאַלן אין זייערע הענט? ניין, ניין! ווען דאָס איז אזוי, וואָלט ציופּא זיך ניט נאָכגעפרעגט אָף אים".

— כ'ווייס ניט,—האָט זי קוים ארויסגערעדט.

— וואָס מאכסטו זיך, גלייך אָט פּייגערסטו אוועק?!

עמע האָט דערפילט, אַז זײַנע שיקערע אויגן הייבן ווידעראַמאָל אָן נישטערן איבער איר פּאַנעם און קערפּער. האָט זי שטיל געזאָגט:

— איך בין שוואַנגער.

— פון אים?

זי האָט זיך מעיאשעוו געווען אין געדאַנק מיט פיאַדאָרן און געענט־פערט:

— ניין.

— איז ווער איז דער פאָטער פונעם קינד?

עמע האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן. אַזוי איז איר גרינגער געווען פאַרצושטעלן זיך, אַז לעם איר בעט שטייט ניט ציופּאַ, נאָר דער פאָטער, און דאָס האָט טאַקע ער, איר אייגענער פאָטער, איר פאַרגעבן די זעלבע פראַגע: „איז ווער איז דער פאָטער פונעם קינד?" האָט זי אופגעעפנט די אויגן און געזאָגט:

— רוגמאַן.

— וואָס זשע האָסטו געשורעמורעוועט מיטן לייטענאַנט?

— ער איז פּאַשעט א באַקאַנטער.

— פונוואַנען איז ער דיר באַקאַנט געוואָרן?

עמע האָט זיך דערמאָנט אין דעם טאַטנס בליק, ווען ער האָט געזאָגט ציופּען — „איך בין א פּאָשעטער קאָוועל". און זי האָט געענטפערט:

— ער פלעגט קומען צום טאַטן אין קוזניע. אונטערקאָוועןן די פערד.

א שיקערע באַנומענקייט האָט א זעץ געטאָן ציופּען אין קאָפּ אַרײַן.

— דו לײַגסט! לײַגסט! פאַרשאַלטענע מויד וואָס דו ביסט! א שאַד, וואָס איך האָב דעמלט ניט געטראָפן אין דיר. נאָר ס'איז נאָך ניט שפּעט!

ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם פּיסטאָלעט, אָנגעצילט זיך. מיט פאַרגעניגן געוואַרט: אָט באַלד וועט זי אָנהייבן יאָמערן, בעטן זיך. זי האָט זיך אָבער פלוצעם צעשמייכלט:

— אַצינד וועט איר אומבאַדינגט טרעפן, ציופּאַ. איר זענט א טרעפלע־כער שיסער. און זייער א דרייסטער...

ווי שיקער ער איז ניט געווען, האָט ער דאָך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט קיין גרויסער קאָוועד פאַר אים דערשיסן אין בעט א קראַנקע שוואַנ־גערע פרוי. נאָר דער שמייכל איז געווען פאַר אים, ווי א שניט מיט א מעסער. האָט ער אויסגעשאָסן.

די קויל האָט געטראָפן אין דער סטעליע. עפּשער דערפאַר, וואָס ציופּאַ האָט נאָר געוואָלט איבערשרעקן עמען, און מעגלעך, אַדאַנק אָשערן. ער איז אויך געשטאַנען אָף דער וואַך, אָשער. אַרײַנגעקוקט דורך א שפּאַרונ־קעלע פון דער טיר. ס'איז גוט אַמאָל, ווען א שטוב איז אַלט און האָט שפּאַרונעס. ער האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צימער און א שטורכע געטאָן ציופּעס האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דעם פּיסטאָלעט.

ציופּאַ האָט זיך צעווילדעוועט:

— איך וועל אײַך אַלע דערשיסן, זשידי פּאַרשיווי!.. איר זײַט איצט אַלע בא מיר אין די הענט!

און פלוצעם האָט ער זיך פאַרהאַקט. נאָר געגלאָצט מיט די אויגן.

אף דער שוועל האָט זיך באַוויזן עפּעס אַן אויסגעדאַרטע, זייער בלייכע זקיינע מיט צעשפּרייטע ביינערדיקע הענט און מיט אַ שמייכל פון אַ סקע־לעט אויף די ליפּן.

— אַ, ציופּאַ! — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט. — אַ גוט אָוונט אײַך. וואָס מאַכט אײַער מוטער? גיט איר איבער אַ גרוס פון מיר...

ציופּאַ האָט אַלץ געגלאָצט מיט די אויגן אויף דעם מוירעדיקן לעבעדיקן מעס. און ווען די אַלטע האָט געמאַכט עטלעכע וואַקלענדיקע טריט צו אים, האָט ער ניט ווילנדיק אַנגעהויבן אָפּטרעטן.

— ווען אײַער מוטער, ציופּאַ, איז געגאַן צו קינד מיט אײַך, האָב איך איר געהאָלפן, אַז איר זאָלט דערזען די ליכטיקע שײַן פון גאָטס וועלט...

די זקיינע האָט מיטאַמאָל אופגעהערט צו שמייכלען, געמאַכט נאָך עט־לעכע טריט און געפרעגט נאָך שטילער, סוידעספול, דעם צוריקטרעטנדיקן ציופּאַ:

— ווי מיינט איר, ציופּאַ, איך האָב גוט געטאָן, העלפנדיק אײַך דערזען די ליכטיקע שײַן פון גאָטס וועלט?

די קויכעס האָבן זיך אויסגעשעפּט באַ דער אַלטיטשקער. זי איז אַני־דערגעפאַלן אויף עמעס בעט. אירע גרויע האָר האָבן זיך צעשיט און באַדעקט די מוטער איינגעם מיט דער טאָכטער. עמע האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך היסטעריש צעוויינט. מיטן עק טיכל האָט די מוטער אויסגעווישט עמען די אויגן און אַלץ באַרויקט זי:

— נו, שוין, טעכטערל, וויין ניט, זעסט דאָך, אַז ער איז שוין ניטאָ, דער מערדער.

ציופּאַ איז ווירקלעך ערגעץ פאַרשוווּנדן.

5

עמע האָט געשריבן פּיאַדאָרן:

„...איך בין זיכער, אַז ציופּאַ לײַגט. דו האָסט זיך דורכגעשלאָגן צו אונדזערע און ראַנגלסט זיך אַצינד מיטן גרויזאַמען סוינע. הונדערט מאָל אַ טאָג בעט איך גאָט, דו זאָלסט בלײַבן לעבן.

איך האָב אים אויך אָפּגענאַרט, ציופּען. כ'האָב אים געזאָגט, אַז ווע־ראַטשקעס פאָטער איז רוגמאַן. איך האָב זיך אָבער פריִער מעיאַשעוו גע־ווען מיט דיר, איידער איך האָב אים עס געזאָגט.

דאָס קלייד האָב איך שוין איבערגענייט. ס'איז געננוג געריום. ס'איז פאַרבליבן נאָר צונייען צו דעם אַ געלע לאַטע. איך וויל דאָס אָבער ניט טאָן. וועל איך בעסער אין ערגעץ ניט גייען.

גובער טאַדלט מיך פאַר דעם. ער זאָגט, אַז ער טראָגט די לאַטע מיט שטאָלץ. וואָס איז דאָס שוין פאַר אַ שטאָלץ? מיר ווערט ער ניט פאַרדרייען דעם קאָפּ. ער וויל פאַשעט ראַטעווען זײַן לעבן דורך האַכנאָע. דורך האַכ־נאָע און דורך געלט. ער סטאַרעט זיך אַזוי, אַז ער זאָל אַרײַן אין יודנ־ראַט! ער ווערט דאָרט פאַרפאַלן טאָג און נאַכט, העלפט זאַמלען געלט, וואַ־רעמע זאַכן. „וואָס מער געלט, וואָס מער געלט, און וואָס ווייניקער טראָ־

ציקײַט — אין דעם איז אונדזער אײנציקע רעטונג". אזוי האלט ער אין אײַן אײַנריידן אלעמען. דער פאָטער הערט אים אויס און זאָגט גאָרניט, ניט יאָ, ניט ניין. ער טראכט. ער טראכט זייער פיל די לעצטע צײַט. און שווײַגט. ווען אַשער דערוויַזט גובערן, אז וואָס מער מיר ווײַזן ארויס האכנאָע, אלץ פרעכער ווערן די פאשיסטן, זאָגט דער פאָטער אויך גאָר־ניט. ניט יאָ, ניט ניין.

אַשער איז זייער א ווילער באָכער. ער זעט אצינד אויס מענעריש. דו וואָלסט אים ניט דערקענט. ער באַדויערט ביז איצט, וואָס ער איז דעמלט געלעגן אין שפּיטאָל, ווען דו האָסט זיך געזעגנט מיט מיר. ער האָט גע־טרוימט אוועק צוזאמען מיט דיר אין ארמיי. געוואָלט דיך בעטן, דו זאָלסט אים נעמען מיט זיך אין דײַן טייל. אָפּט ווערט ער אצינד ערגעץ פארשוווּנדן. קומט אהיים זייער שפּעט. און די באָבע... די באָבע לעבט דערפון שטארק איבער. זי זאָגט, אז ער וועט זיך דערוואַרטן, אַשער, זי וועט זיך אופהייבן פונעם בעט און וועט זיך לאָזן אים זוכן איבער דער גאנצער שטאָט. אַשער, ווידער, שמייכלט צו, זאָגט, אז אים איז גרינג צו געפינען, ווײַל „ער איז צוויי מאָל געצייכנט", ער באַווײַזט די שפּורן פון דער סרייפע אפן פאָנעם און די געלע לאַטע אף דער ברוסט.

א גוטע נאכט דיר, מײַן טײַערער, מײַן ליבער.

קער זיך אום מיט ניצאָכן".

עמע האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און פארברענט. נאָך ציופּעס ווי־זיט איז זי געוואָרן מער פאָרזיכטיק.

6

מאָניק האָט געשריבן אין זײַן העפטל:

„ליבער גאָט! ווען זשע וועט נעמען א סאָף צו דעם אלעמען! יעדער נײַער טאָג איז ערגער פונעם נעכטיקן. מיינסט, אז ערגער קאָן שוין ניט זײַן, נאָר מאָרגן איז נאָך ערגער ווי הײַנט. יעדן טאָג הארגעט מען, מע פּײַניקט, מע מאכט אַבלאַוועס, זיצסט אין דער היים און ציטערסט. דעם פידל נעם איך קימאַט ניט אין די הענט, און ווען איך פּרוּוו יאָ א שפּיל טאָן, ווײַזט זיך מיר אויס, אז דער סמיק אין דער האנט ציטערט אויך, לייג איך אים אוועק און נעם די פּען. און די פּען אין דער האנט ציטערט אויך.

אצינד איז דער מאלכאַמאָוועס געקומען צו אונדז.

בא עמען האָבן זיך נעכטן אײַנדערפרי אָנגעהויבן געבורט־ווייען. כ'גע־דענק, אז ווען סאָניע איז געבוירן געוואָרן, זײַנען אלע ארומגעגאַנגען פריידיקע, צעשמייכלטע, און דער זיידע האָט געפראַוועט א גרויסע סודע, אלע האָבן געגעסן, געטרונקען, געפרייט זיך. אונדז, די קינדער, האָט מען געגעבן צוקערקעס און לעקעכלעך. אצינד אָבער גייען אלע ארום טריבע, עפּעס ווי אומצופרידענע.

די מומע וועכנע איז אוועק אין שפּיטאָל רופן דעם פעטער יעפים. ווען זי האָט זיך אומגעקערט, האָט מען זי ניט געקאָנט דערקענען. זי האָט זיך

אנידערגעוואָרפֿן אויף דער סאָפֿע און אַזוי צעוויינט זיך, אַז מיר זײַנען פֿאַר־ציטערט געוואָרן.

ערשט דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, וואָס ס'איז געשען.

מיט יעדן טאָג ברענגט מען קיין וולאָטשעווו אַלץ מער פֿאַרווּנדעטע דײַטשן. אונדזער שפּיטאָל איז אַ קליינער. האָט אַ דײַטשישער אָפֿיצער, — זײַן נאָמען, זאָגט מען, איז מילבור, — באַפֿוילן דעם פֿעטער יעפֿים אַרויס־געבן אים אַלע ציווילע קראַנקע, קעדיי עוואַקויִרן זיי אין געגנטלעכן שפּי־טאָל. דער פֿעטער יעפֿים האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופֿילן דעם באַפֿעל. ער איז געווען זיכער, אַז מילבור וועט אָוועקפֿירן די קראַנקע ניט אין שפּיטאָל, נאָר הינטער דער שטאָט, צו דער „לאַנגער באַלקע", קעדיי צו פֿאַרניכטן זיי דאָרטן. האָבן די פֿאַשיסטן מיט גוואַלד. אַרויסגעפֿירט די קראַנקע, און דער פֿעטער יעפֿים, — ניט באַוויזן אַפֿילו אַראָפּנעמען פֿון זיך דעם ווײַסן כאַלאַט, — איז אַוועקגעפֿאָרן אײַנײַנעם מיט זיי, און אײַנײַ־נעם מיט זיי האָט מען אים דערשאָסן. כ'האָב זיך גאָרניט פֿאַרגעשטעלט, אַז דער פֿעטער יעפֿים איז אַזאַ מענטש. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז אין אַ שווערער צײַט אַנטפּלעקט יעדער מענטש אַלץ, וואָס אין אים איז פֿאַר־באָרגן, סײַ דאָס גוטע, סײַ דאָס שלעכטע.

מע דערציילט, אַז ווען מע האָט אַרויסגעפֿירט און אַרויסגעטראָגן די קראַנקע פֿונעם שפּיטאָל, האָט עפּעס אַ מיידעלע זיך געוואָרפֿן מיט אַ גרויס געוויין אויפֿן האַלדז פֿון אַ קראַנקער פֿרוי. די פֿרוי האָט געזאָגט צום קינד:

— פֿאָר מיט מיר, טעכטערל. אַלצײַנס וועסטו אָן מיר פֿאַרפֿאַלן ווערן, האָסט דאָך קיינעם ניט אויף דער גאָרער וועלט.

דער פֿעטער יעפֿים האָט דערוויידערט דער קראַנקער:

— דאָס מיידעלע דאַרף לעבן.

אַלע קראַנקע האָבן זייער געשעצט דעם פֿעטער יעפֿים, און אָט די קראַנקע אויך. האָט זי אים איבערגעגעבן איר מיידעלע. ער האָט עס גע־נומען אויף די הענט, עפּעס ליבלעך און שטיל געזאָגט איר און געגעבן איר אַ בריוול צו דער מומע ווערכנען. דערנאָך איז ער אַרויף אויף דער מאַשין. דאָס מיי־דעלע איז געקומען צו אונדז מיטן פֿעטערס בריוול. „מײַן טײַערע און ליבע פֿרוי! — האָט דער פֿעטער געשריבן, — איך לאָז זיך אין מײַן לעצטן וועג. זײַ שטאַרק. וויין ניט. נאָר אויב ס'איז איבער דײַנע קויכעס, איז וויין זיך אַ ביסל אויס און באַרויִק זיך. באַמי זיך אויסהיטן אונדזערע קינדער. די קינדער דאַרפֿן לעבן. איך גלייב, אַז זיי וועלן זיך דערוואַרטן אויף בעסערע צײַטן. איך נעם אַרום און קוש דאָס לעצטע מאָל דיך, אַשקען און סאָ־ניעטשקען. דאָס מיידעלע, וואָס וועט דיר איבערגעבן דאָס בריוול, הייסט אויך סאָניעטשקע, סאָניע קאַטאַוואַ. איר קראַנקע מוטער פֿאָרט צוזאַמען מיט מיר אַהין, פֿונוואַנען מ'קערט זיך ניט אום. איר פֿאָטער איז אומגעקו־מען אין די שלאַכטן פֿאַר אונדזער שטאָט. זי האָט מער קיינעם ניט. איך בעט איך דיך, זײַ איר ווי אַ מאַמע. כ'ווייס, ס'וועט דיר זײַן שווער, זייער שווער מיט דרײַ קליינע קינדער אין אַזאַ כוישעכדיקער צײַט. אונדזערע וועלן דיר העלפֿן. עמע קען דאָס מיידעלע. זי רופֿט עס „סאָניע די פֿערטע".

עמען האָט מען גאָרנישט ניט דערציילט. זי גייט צו קינד. די מאַמע האָט מיך געשיקט נאָכן אַפּטייקער בליומענפֿעלד. דער אַלטער האָט דעם

גאַנצן וועג געוואָרטשעט: „געפונען א צײַט אַף צו קינדלען״. וואָס פאַר א גרויליקע צײַט מוז דאָס זײַן, אויב מ׳טאָר ניט האָבן קיין קינדער! דער פעטער נאַכמען זאָגט, אז אַזוי איז אַמאָל געווען אין מיצראַים, נאָר היט־לער איז הונדערט מאָל ערגער פון פאַרען.

דער באָבען האָט מען דערווײַל אויך גאָרניט געזאָגט. זי שטויסט זיך אָבער אָן.

איך כאַפּ זיך אַרײַן אַמאָל צו איר, שפּיל איר אָפּן פידל. קוקט זי אַף מיר און שווײַגט. אָפּט דוכט זיך מיר, אז זי וויל מיר עפּעס זאָגן, נאָר זי שווײַגט, ווײַל זי האַלט מיך נאָך פאַר א קינד.

די מומע סאָפּע איז אַלץ ניטאָ. און קיינער ווייסט ניט, וואָס מיט איר איז געשען.

הײַנט האָבן מיר געגעסן שוואַרצע טייגלעך, אָן זאַלץ, אָן שמאַלץ. ווען מ׳האָט אוועקגעשטעלט די שיסל אָפּן טיש, האָט דאָס קליינוואַרג זיך אַזוי צוגעכאַפּט צו זיי, פרײַער די צווײ סאָניעס, נאָכדעם אַשקע און מאָניק, אז פאַר די איבעריקע איז שוין גאָר ווייניק פאַרבליבן.

די מומע זלאַטע זאָגט, אז באַם פעטער מוישע איז נאָך פאַראַן געלט, נאָר ער באַהאַלט עס אויס.

— איר ווילט זיך אָפּקויפן מיט אײַער געלט,— מוסערט זי אים.

ענטפערט ער איר אַף זײַן אויפן:

— און איר, פּישעלע מײַנס, ווילט שוין גיכער אַף יענער וועלט? מאַכ־טייסע...

דערנאָך פאַלן זיי ביידע אָן אַף עמען.

— אַלע צאָרעס אין שטוב האָט אַרײַנגעבראַכט יענער לייטענאַנט.

עמע שווײַגט. שווײַגט און וויינט. כ׳האָב ראַכמאָנעס אַף איר.

דער זיידע שווײַגט אויך. קוקט אַף עמעס גרויסן בויך מיט פרעמדע אויגן און שווײַגט.

ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָט די מומע וועכנע אָנגעטאָן איר יאָמ־טעוודיקן אָנצוג, שוואַרצע דורכזיכטיקע הענטשקעלעך און גענומען אַרומ־שפּאַצירן לעם דער שטוב, פאָכנדיק הין און הער מיטן שירעם, זי האָט עפּעס געמורמלט צו זיך אַליין, דערנאָך אומגעדולדיק א רוף געטאָן אינעם אָפענעם פענצטער.

— פימע! וואָס זשע גייסטו ניט?

איך מיין, אז זי האָט זיך גערירט פונעם זינען.

בין איך אוועק צום זיידן. דערציילן אים. זיצן זיי, דער זיידע, דער פעטער נאַכמען און מוישע אַף דער פּאָדלאָגע, אָן שיך, נאָר אין די זאָקן. זיצן און זיפצן.

און די מומע עמע גייט נאָך אַלץ צו קינד.

און מאָרגן איז שוין פייסעך״.

7

די שטוב געהאָט א סאַך צימערלעך־קאַמערלעך. נאָר ס׳איז געווען אויך איין גרויסער, געראַמער צימער. דאָרטן פלעגט מען זיך צונויפקומען יאָמטעוו אָדער אַף א סימכע.

מייער סאפיר האָט ליב געהאַט יאָמטויווים. ערשטנס, קאָן מען זיך טאַקע אָפּרוען פון דער קוזניע. צווייטנס, האָט דער אַלטער ליב געהאַט די געשמאַקע יאָמטעוודיקע מײַכאָלים. עטלעכע מאָל אין יאָר קאָן מען זיך דאָס דערלויבן. דער איקער אָבער איז געווען אין דעם, וואָס די גאַנצע מישפּאָכע זאַמלט זיך צונויף אַרום דעם גרויסן טיש. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט פּייסעך. ער אַליין, מייער דער קאָוועל, זיצט אויבנאָן, אָנגעשפּאַרט אָפן קישן, און קאָן אַרומנעמען מיט זײַן שטאָלצן בליק, קיין אײַנהאָרע, גאַנצע דרײַ דוירעס, אויסגעהאָדעוועטע אונטער איין דאַך.

דער לאַנגער טיש האָט געבלישטשעט מיטן פּייסעכדיקן געפעס, וואָס מע פלעגט נוצן אַכט טעג אין יאָר, און דרײַ הונדערט זיבן און פופציק טעג איז דאָס געלעגן אָפן בוידעם אין אַ גרויסן קאַסטן.

דאָס יאָר איז אָבער דער יאָמטעוו קיין יאָמטעוו ניט געווען. דאָס, וואָס אָפן טיש איז געלעגן טונקעלע, גראָבע, ווי לעדער, מאַצע, קאָן מען נאָך איבערטראָגן. ערגער איז דאָס, וואָס בײַ דעם לאַנגן טיש זײַנען געזעסן ניט געבעטענערהייט צוויי שיינע, מישטיינסגעזאָגט, געסט: דער טויט און די מוירע. זיי האָבן פאַרנומען בײַם טיש די פרײַע ערטער פון יעפּים סיגאַל און זײַן פרוי וועכנע. יעפּים איז דערהאַרגעט. און וועכנע ליגט אין בעט, וויינט און רופט אים פון דער לאַנגער באַלקע.

די באָבע האָט מען אַנידערגעזעצט באַנאַנד מיט מייערן, אַרומגעלייגט זי מיט קישנס, זי זאָל אויך קאָנען פּראַווען דעם סיידער אײַנינעם מיט אַלעמען. אַז ס'איז יאָמטעוו, מוז מען זיך פרייען. כאָטש האָט זיך באַמיט עס טאָן מיט אַלע אירע קויכעס. אַזוי, אַז טרערן זײַנען גערונען איבער די טונקעלע קנייטשן אָפן פּאָנעם. טרערן פון פרייד, ווי בײַ איר טאָכטער, וועכנען.

עמע איז אויך געזעסן בײַם טיש. דער אַלטער בליומענפעלד האָט געזאָגט, אַז אַזאַ קימפּעט קאָן געדויערן אַ צוויי־דרײַ טעג. קעדיי צוליב טאָן דעם פאָטער, איז עמע מיט דער הילף פון דער בלייכער בראָניע אַראָפּגעגאַנגען פונעם בעט, זיך צוגעזעצט צום טיש. ווען מייער האָט צעגאָסן דעם ווײַן אין די גרינלעכע קויסעס פון גראָבן גלאָז, האָט ער, ווי דער מינהעג איז, אָנגעגאָסן איין איבעריקע קויסע. „פאַר עליִיאָהו האַנאָווי" — האָט געטראַכט דער אַלטער. „פאַר פיאָדאָרן" — האָט אַ טראַכט געטאָן עמע. נעכטן איז געווען זײַן געבורטסטאָג, וועט זי כאָטש הײַנט אויסטרינקען פאַר זײַן געזונט.

שווײַגנדיק האָבן זיי אויסגעטרונקען דעם ווײַן, אָוועקגעשטעלט די קויסעס. פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין דער טיר. פאַראַיאָרן נאָך וואָלט יעפּים סיגאַל זיך אַ ווינצל געטאָן: „עליִיאָהו האַנאָווי!" אָבער סיגאַל איז ניטאָ. די פרויען האָבן אופגעציטערט. די מענער האָבן מיט אומרו זיך איבערגעקוקט. די קינדער זײַנען פאַרגליווערט געוואָרן מיט ניט צעקײַטער מאַצע אין די האַלב־אָפענע מײַלער.

ניט עליִיאָהו האַנאָווי, ציופּאַ איז געקומען.

אים האָט באַגלייט, אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם פון אַ פּאָליצײַ, באָריס רויטמאַן.

נאָך זײַן ערשטן וויזיט צו די סאַפּירס האָט ציופּאַ פּעסט באַשלאָסן, אַז ער מוז זיך אײַן זיי נויקעם זײַן.

— די סאַפּירס מוז מען פֿאַרניכטן! — האָט ער געזאָגט דעם דײַטשישן קאָמענדאַנט מילבורן. ערשטנס, ווײַל זיי זײַנען ייִדן. צווייטנס, איז עמע סאַפּיר אַ געליבטע און עפּשער אַפֿילע דאָס ווײַב פֿון אַ סאָוועטישן לייטענאַנט. מעגלעך, אַז זי באַהאַלט אים ערגעץ אויס. דריטנס, איז לאַזער סאַפּיר אַ קאָמוניסט, וועלכער באַהאַלט זיך אויך ערגעץ אויס בײַ זיי. יעדנפֿאַלס, מוזן זיי וויסן, ווו ער איז. פֿערטנס, איז דאָ אַ פֿאַרדאַכט, אַז אַשער סאַפּיר איז פֿאַרבונדן מיט די פּאַרטיזאַנער. פֿינפֿטנס...

מילבור האָט געהערט ציופּען, געגלעט דערבײַ די האָר און געטראַכט: ציופּאַ סטאַרעט זיך. ער וויל דערווײַזן זײַן איבערגעגעבנקײַט, אויסזען גרויזאַמער פֿון אים אַליין, פֿון מילבורן. מיט דעם וועסטו אָבער הײַנטיקע צײַטן קיינעם ניט פֿאַרוווּנדערן. אַלע/פֿאַרמעסטן זיך איצט אין אַכזאָריעס. פֿאַרכידעשן קאָן מען איצט מיט עפּעס פֿאַרקערטס...

כוץ דעם, איז עס ניט עפֿעקטיוו. באַם קאָרבן דאַרף ביז דער לעצטער מינוט פֿאַרבלײַבן אַ האָפֿענונג. אַנדערש וועסטו אַרויסרופֿן אַ פֿאַרביטערטן ווידערשטאַנד. די קראַנקע עוואַקוּירט מען אין געגנטלעכן שפּיטאָל, מע פֿירט זיי ניט צו דער לאַנגער באַלקע... אָט אַזוי, ציופּאַ!

פֿון דער צווייטער זײַט...

יאָ, ס'איז גוואַלדיק אינטערעסאַנט לעבן אין אַ צײַט, ווען אַלץ איז דערלויבט. די לײַדנשאַפֿטן זײַנען אַנטבלויזט, ווילסטו — רויב, ווילסטו — הארגע, ווילסטו — פֿאַרגוואַלדיק. אַלץ איז העפֿקער...

מילבור איז געזעסן אַ גלײַכער, אַ שטרענגער. ציופּאַ איז געשטאַנען אַן אײַנגעהויקערטער, אַ געהאָרכזאַמער, אין די אויגן — כניפֿע, קנעכטישע איבערגעגעבנקײַט.

— גוט, — האָט מילבור געזאָגט ציופּען — פֿאָרשט אַלץ אויס און נעמט אָן אַלע מיטלען, וועלכע איר וועט האַלטן פֿאַר נייטיק, גוט.

דערנאָך, ווען ציופּאַ איז אַ צופֿרידענער שוין אַוועק, האָט מילבור נאָך דרײַ מאָל איבערגעכאַזערט: גוט. גוט. גוט. שוין פֿאַר זיך אַליין. צוליב זיך אַליין. אַ שאַרפֿער געדאַנק האָט אַ שניט געטאָן זײַן מויעך. „אייגנטלעך, בין איך פּונקט אַזאַ קנעכט ווי אָט דער ציופּאַ. אַ קנעכט פֿון אַכזאָריעס. אַ שרײַפֿעלע פֿון אַן אומגעהויערער פֿאַרניכטונגס־מאַשין. איך האָב ניט מײַן אייגענעם ווילן. דאָס איז נאָר באַרימערײַ. אין טאָך בין איך אַ פּאַכדן. אַ נבֿעכדיקער פּאַכדן. ווי ציופּאַ. כ'האָב מוירע פֿאַר דער געסטאַפּאָ. כ'האָב מוירע פֿאַר דער עסעס... כ'האָב מוירע פֿאַר מײַן אייגענעם שאָטן... גוט. גוט. גוט".

באַקומען פֿון מילבורן אומבאַגרענעצטע פֿולמאַכטן, האָט ציופּאַ געוואָלט טאַקע דעם זעלבן טאָג אַוועק צו די סאַפּירס. האָט ער זיך אָבער דערוווּסט, אַז מאָרגן איז די ייִדישע פּאַסכע. אויב אַזוי, קאָן דאָך גאָר בעסער ניט זײַן, ווי קומען מיטן וויזיט צום ערשטן סיידער.

דאס מאָל איז ער געקומען א ניכטערער. ערשטנס, ווײַל ער האָט נאָך ניט פאַרגעסן זײַן דורכפאַל בײַסן פריִערדיקן וויזיט. צווייטנס, וועט ער קענען נעמען א קויסע טאַקע בײַ זיי, באַ די סאַפּירס. צוליב מער אָפיציעל־קײַט האָט ער מיטגענומען רויטמאַנען. כּוץ דעם, וועט דער ייִדישער פּאָליצײַ אים העלפן דורכפירן די אונטערזוכונג. אויב עס וועלן זיך געפינען פּאַפּירן אַף ייִדיש, וועט ער אים זאָגן, וועגן וואָס ס׳גייט אין זיי א רייד.

דערזען די אומגעבעטענע געסט, האָט דער אַלטער מייער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי באַרויקט אַלעמען, און געהייסן, מע זאָל בלײַבן זיצן. אַליין האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אַרויס אַנטקעגן ציופען, וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט אינמיטן שטוב אין דער פּאָזע פון א הערשער, שטרענג און שווײַגנדיק באַקוקנדיק אַלעמען. רויטמאַן, ווידער, האָט זיך געהאַלטן אין שאָטן און איז שטיל געשטאַנען הינטער זײַנע ברייטע פּלייצעס.

— אַלע בלײַבן אַף די ערטער! — האָט ציופּאַ אָפּגעגעבן א באַפעל. — און דו, — האָט ער זיך געווענדט צום אַלטן, — וועסט גיין מיט אונדז. מיר וועלן מאַכן אַן אונטערזוכונג. ווו איז דער שליסל פונעם דאָזיקן צימער?

ער האָט באַקומען דעם שליסל. און ווען זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען, ציופּאַ, רויטמאַן און דער אַלטער, אַרויסגעגאַנגען, האָט ער פאַרשלאָסן די טיר און אַרײַנגערוקט דעם שליסל אין קעשענע. און דאָ האָט ער פּלוצעם באַמערקט, אַז אײנעם מיט זיי האָט זיך דורכגעשלײַכט דורך דער טיר מאַניק.

— וואָס טוסטו דאָ, רויטער שיבעניק? — האָט אים ציופּאַ געפרעגט שטרענג.

— איך דאַרף אין טואַלעט, — האָט מאַניק ניט דרייסט געזאָגט.

— נישקאָשע, וועסט זיך אײַנהאַלטן, קום מיט אונדז, וועסט העלפן.

מאַניק האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי און מיט שרעק געטראַכט וועגן זײַן העפטל. אויב זיי געפינען עס...

ציופּאַ האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט לעבן א צימער, פון וועלכן עס האָבן זיך דערטראָגן רייד. ער האָט א שטופּ געטאָן מיטן פוס די טיר און א קאָמאַנדעווע געטאָן:

— דאָ וועלן מיר אָנהייבן!

אינעם צימער איז געווען פינצטער. פונעם כּוישעך האָט זיך געלאָזט הערן א שוואַכע שטים פון א פרוי:

— דאָס ביסטו, פּימע?.. ווו ביסטו געווען אַזוי שפּעט?

דער אַלטער האָט אײַנגעשלאָסן די שײַן. אַפן דיוואַן איז געלעגן וועכ־נע, אָנגעטאָן אינעם יאַמעטעוודיקן אָנצוג. ניט עפענענדיק די אויגן, האָט זי אויסגעשטרעקט אירע הענט אין די שוואַרצע הענטשקעס און געזאָגט:

— נו, קום שוין גיכער צו מיר. ס׳איז דיר דאַרט, נעבעך, קאַלט אין יאַר, קום, וועל איך דיך דערוואַרעמען.

אַפן דיל, לעם דעם דיוואַן, האָט זיך געוואַלגערט א האַלב־צעעפנטער שירעם.

דער אַלטער האָט זיך א ריס געטאָן צו דער טאָכטער. א טרער האָט זיך אַרויסגעקײַקלט פון זײַן אויג. און ווײַל זי האָט זיך א ווײַלע פאַר־

האלטן אפֿן רויט־אָנגעצונדענעם אייגנלעפּל, האָט זיך מאַניקן אויסגעוויזן, אַז דער זיידע ווייגט מיט בלוטיקע טרערן.

— אנו, שטיי אויף! — האָט ציופּא א דונער געטאָן.

ווערכנע האָט אָפּגעעפֿנט די אויגן. אַזויפֿיל גרויל אין מענטשלעכע אויגן האָט מאַניק ניט געזען, זינט ער לעבט. זי האָט ווידער אויסגעשטרעקט די הענט און ווילד א קוויטשע געטאָן.

דער פֿאָטער האָט זי ארומגענומען, געהאָלפֿן אופהייבן זיך, איינגערעדט, ווי מע רעדט איין א קינד:

— שרעק זיך ניט, טאָכטערל. שרעק זיך ניט. איך בין דאָ. איך, דיין טאטע...

ציופּא האָט דערלאנגט דעם שליסל פֿונעם גרויסן צימער רויטמאנען:

— פֿיר זי אָפּ אהין און קום באלד צוריק.

מייער און דער פּאָליצײַ האָבן, אונטערהאַלטנדיק פֿון ביידע זײַטן ווערכנען, זי אוועקגעפֿירט, מאַניק איז פֿארבליבן מיט ציופּען.

אָנבייגן זיך איז ציופּען געווען שווערלעך, ס'האָט געשטערט דער בויך, האָט ער באפוילן מאַניקן:

— אנו, עפֿן די שאפֿע! לייג ארויס דאָס וועש! איצט — דעם אונטערשטן שופֿלאָד. גוט. איצט קאָנסטו פֿארמאכן.

מאַניק האָט געהאָרכזאם אויסגעפֿילט אלע באפֿעלן.

ווען מייער און רויטמאן האָבן זיך אומגעקערט, זײַנען זיי אינפּירען אוועק איבער די אנדערע צימערן. און ווידער: „עפֿן די שופֿלאָדן! הייב אוף די מאטראצן! נעם אראָפּ די קליידער!..”

איצטער האָבן זיי געארבעט אינצווייען: רויטמאן און מאַניק. אין יעדן צימער איז אָנגעוואלגערט געוואָרן א בארג מיט זאכן. ציופּא איז געווען צופֿרידן.

ווען זיי זײַנען ארײַן צו עמען אין צימער, האָט ציופּא זיך אוועקגעזעצט, איבערגעכאפּט דעם אָטעם און באפוילן רויטמאנען:

— דאָ דאַרף מען באזונדערס גוט א נישטער טאָן.

דאָס געלעגער איז ניט געווען פֿארבעט. עמע האָט זיך געקליבן באלד נאָך דער סודע ווידער זיך אוועקלייגן. רויטמאן האָט אָנגעהויבן פֿון דער שאפֿע. מאַניק האָט ווי א פֿארקישעפֿטער געקוקט אפֿן בעט. די נאכלעסיק אָפּגעוואָרפֿענע קאָלדרע איז געווען אין איין אָרט א ביסל ווי אופגעבלאָזן, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ווען מע נעמט אראָפּ די קאָלדרע, וואָלט מען דאָרט דערזען אַן אייפּעלע אין ווינדעלעך.

ציופּא אליין האָט אראָפּגעשלײַדערט אף דער פּאָדלאָגע די קאָלדרע, די קישן, דאָס לײַלעך, דעם מאטראץ. ער האָט צעשטעלט ברייט די פֿיס, אריבערגעבויגן דעם קאָפּ איבערן בויך און געכאפּט א קוק אונטערן בעט. ניט אנדערש, ווי ער וואָלט געמיינט דערזען דאָרטן דעם לייטענאנט זינטשענקאָ.

— און ווו איז דײַן צימער? — האָט ציופּא געפֿרעגט מייערן.

דער אלטער האָט זיי אָפּגעפֿירט צו זיך.

ביזוואנען רויטמאן האָט געעפֿנט און פֿארמאכט די שופֿלאָדן, האָט ציופּא ניט אראָפּגעלאָזט זײַנע אויגן פֿון דעם אײַזערנעם שטיבעלע אפֿן

גרויסן קאסטן. ער איז צוגעגאנגען, עס א טאפּ געטאָן מיט די הענט, א פּרוּוו געטאָן אופעפענען די טירלעך, בייז, מיט קויעך, א שטופּ געטאָן עס, נאָר דאָס שטיבעלע האָט זיך אפילע ניט קיין ריר געטאָן.

— קום אהערו — האָט ער א געשריי געטאָן צום פּאָליצײַ. — דאָ מוז זײַן גאָלדו

ביידע האָבן זיי זיך אָנגעכאפּט פאר די טורעמלעך פונעם שטיבל. אָבער רירן עס פונעם אָרט האָבן זיי ניט געקאָנט.

— שוין זשע איז דאָס צוגעשמידט צום קאסטןו — האָט זיך רויטמאן געוווּנדערט.

— אנו, עפן נאָר אויף די דאָזיקע קיילע, — האָט ציופּא באפוילן מייערן.

— זי עפנט זיך ניט.

— לײַג ניט, דו, אלטער טערעךו

ער האָט צעשפּיליעט די קאָבורע, ארויסגענומען דעם פּיסטאָלעט.

— עפן, אָדער איך וועל דיך דערשיסן ווי א הונט.

מאָניק איז צוגעקומען נעענטער צום זיידן. דער אלטער האָט רויק איבערגעכאזערט:

— זי עפנט זיך ניט.

— נאָר איר זענט דאָך א קאָוועל, — האָט זיך ארײַנגעמישט רויטמאן.

— איך האָב דאָ ניט קיין געצײַג, — האָט אים געענטפערט מייער.

— גיי מיט אים נאָכן געצײַג, — האָט ציופּא באפוילן רויטמאנען.

ווען רויטמאן האָט אופגעעפנט די טיר, האָבן זיך דערהערט שרעקלעכע געשרייען.

— וואָס איז געשעןו — האָט ציופּא געפרעגט.

מאָניק האָט שטיל געזאָגט:

— זי גייט מיסטאמע צו קינד.

ציופּא האָט אויסגעשאָסן א געלעכטער. ער האָט אויסגעשריגן די זעלבע ווערטער, וועלכע ס'האָט אמאָל שטיל ארויסגעבראכט דער אלטער אפּטייקער:

— געפונען א צײַט פאר קינדלעןו

צוזאמען מיט די געשרייען האָט זיך איצט געהערט א שטארק קלאפּן, פונקט ווי צענדליקער פויסטן וואָלטן געפויקט אין דער פארשלאָסענער טיר.

שטיל און זייער פעסט האָט דער אלטער געזאָגט רויטמאנען:

— עפנט אוף דעם צימער, אויב ניט, גיי איך אין ערגעץ ניט.

רויטמאן האָט אויך שטיל געענטפערט:

— כ'וועל א פּרוּוו טאָן. דער שליסל איז בא אים.

ער האָט עפּעס אײַנגערוימט ציופּען, בא וועלכן די שטימונג האָט נאָך דעם שאַרפזיניקן זאָג („געפונען א צײַט פאר קינדלעך") זיך אופגעהויבן, און יענער האָט אים דערלאנגט דעם שליסל.

מאָניק איז אוועק מיט רויטמאנען.

אין דער טיר האָט מען געקלאפּט אלץ שטאַרקער, רויטמאן האָט אופגעשלאָסן דעם צימער, און צו מאָניקס אויערן האָבן קימאַט אייננצײַטיק זיך דערטראָגן צוויי אויסגעשרייען:

— זי גייט צו קינדז

— זי שטאַרבט!

מאַניק איז אַרײַן אין צימער נאָך פּאָר רויטמאַנען. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, איז געווען קעפּ. אַ סאָך קעפּ. אָנגעבויגענע איבער עפּעס, וואָס איז געלעגן אויפן דיל. ווען מאַניק האָט זיך אײַנגעקוקט, האָט ער דערזען אין איין ווינקל עמען. זי איז געלעגן מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ אויף אַ צעקנייטשטער קישן. אין צווייטן ווינקל איז געלעגן די באָבע. אויף דער זעלבער איבערבעט, אויף וועלכער מ׳האָט זי געבראַכט צום יאָמטעווריקן טיש. עמע האָט זיך אײַנגעקלאַמערט מיט די פינגער אין קישן. אַלעמאָל האָט פון איר פאַרטריקנטע ליפּן זיך אַרויסגעריסן אַ וויי־געשריי. די באָבע איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ביידע הענט צוגעדריקט צו דער ברוסט, און שטיל געקרעכצט.

ווי נאָר די טיר האָט זיך צעעפנט, האָט גיטע זיך אַ לאָז געטאָן אין קיך נאָך וואַסער און אַשער איז אַוועק נאָך בליומענפעלדן.

— קום, — האָט רויטמאַן געזאָגט צו מאַניקן, און זיך געלאָזט פּאַמעלעך גיין. אָבער ניט צו דער טיר. ער האָט געמאַכט אַ קרײַז און זיך אָפּגעשטעלט לעם בראַניען.

— דו האָסט מיך? — האָט ער זי שטילערהייט געפרעגט.

— יאָ, — האָט זי אים פּונקט אַזוי שטיל געענטפערט. — איך קאָן ניט קוקן אויף דיר. איך פאַראַכט דיך...

רויטמאַן איז פּלוצעם צוגעגאַנגען צו איר אַזוי נאָענט, אַז זײַן פּנים האָט שיִר ניט אָנגערירט זיך אין בראַניעס פּנים, און געזאָגט:

— איך קאָן זיך אַליין ניט אָנקוקן...

עמען מיט דער באָבען האָט מען אַריבערגעטראָגן אין זייערע צימערן. דאָ איז געוואָרן פּוסט. מאַניקן האָט זיך איצט אויסגעוויזן מאָדנע אָט דער לאַנגער טיש מיט די אַקוראַט צעשטעלטע גרינלעכע קויסעס, אָנגעפּילטע מיט רויטן ווײַן, אין דעם פאַרוויסטן ליידיקן צימער. ער איז נאָכגעגאַנגען רויטמאַנען, אומקוקנדיק זיך אַלעמאָל אויף צוריק, גלײַך ווי ער וואָלט דאָרט, אין צימער, איבערגעלאָזט דאָס טײַערסטע, וואָס ער האָט, און איצט קוקט ער, צי איז עס נאָך פאַרבליבן, און דאָס האַרץ אין אים וויינט...

דער אַלטער מייער האָט געזען, ווי מ׳האָט אַריבערגעטראָגן צוערשט די טאָכטער, דערנאָך דאָס ווײַב. די טאָכטער האָט געקרעכצט, דאָס ווײַב האָט געשוויגן. אַזוי טיף־שטיל געשוויגן, אַז ער האָט באַשלאָסן, אַז זי איז געשטאָרבן. ניט וועגנדיק קיין אַכט אויף ציפּעס געשרייען, האָט ער זיך געלאָזט לויפן נאָך איר. ציפּאַ האָט אויסגעשאָסן. ס׳האָט זיך אים שוין לאַנג געוואָלט אויסשיסן. די שטוב איז פול געוואָרן מיט געשרייען און געוויין.

ציפּאַ האָט דעריאָגט מייערן, ווען דער אַלטער איז אַרײַן אין זײַן ווײַבס צימער, ער האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן מיטן הענטל אונטעם פּיסטאַלעט איבערן קאָפּ און אַ צישע געטאָן:

— כ׳וועל דיך דערש־שיס־סן, ווי אַ הונט!

מוישע גובער איז געווען באַ זיך אין צימער — בײַס דער אַלגעמיינער מעהומע איז ער אַוועקגעלאָפן באַהאַלטן זײַן געלט, — ווען ער האָט פּלו־

צעם דערהערט דעם שאָס. די שרעק האָט אים צוגעשמידט צום דיל, און ער האָט זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. ער האָט זיך צוגעהערט צו די גוואַלדן און דעם געוויין פון די קינדער און געטראַכט בייסמײַסע: „מיט וואָס זשע קען איך אײַך העלפן, קינדערלעך, אַז איר האָט, קיין אײַנהאָרע, אַזאַמין זיידעלע, אַזאַ אָשערל, אַזאַ עמעלע, און נאָך אַזאַ לאָזערן דערצו...״ ווען ס׳איז שטילער געוואָרן, האָט ער זיך אַ ביסל באַרוּקט, פאָרזיכטיק געעפנט די טיר, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אַרומגעקוקט זיך, ווידער פאַר־מאַכט די טיר און געבליבן שטיין הינטער איר, אײַנהערנדיק זיך צו דעם מינדסטן שאָרך.

דערהערט באַקאַנטע טריט פונעם שווער, האָט ער געעפנט די טיר. דער אַלטער האָט שווער געשפּאַנט מיט אַ האַמער אין דער האַנט. גובער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— וואָס האָט איר פאַרטראַכט?

— גייט אַוועק! — האָט אים בייז באַפוילן מייער.

גובער האָט אַרויסגעשטעלט זײַן בײַכל:

— שווער! באַטראַכט זיך, כ׳בעט אײַך. איר ווילט, אַז מע זאָל אונדז אַלע אויסהאַרגענען? אַלעמען? אײַך און מיך, און מײַן בראָניען, און מײַן מילען, און מײַן מאָניקן, און דאָס אייפעלע, וואָס אײַער טאָכטער האָט נאָך ניט באַוויזן צו ברענגען אויף דער וועלט...

ער האָט צוגעדריקט זײַן רעכטע האַנט צו דער ברוסט. אָנגעבויגן אַ ביסל דעם קאָפּ:

— פאַרלאָזט זיך אויף מיר. איך וועל אַלץ אײַנאָרדענען. איך האָב זיך ניט איין מאָל באַגעגנט מיט ציופּען אין יודנראַט.

ווייך, אָבער אײַנגעשפּאַרט, האָט ער פאַנאַנדערגענומען דעם אַלטנס פינגער און אַרויסגעשלעפּט דעם האַמער.

— נעמט אַ־דעם שליסל, — האָט מייער אַ בורטשע געטאָן. — איך וועל מער ניט גיין אַהין.

— און מ׳דאַרף טאַקע ניט, שווער. מ׳דאַרף ניט. כ׳וועל אַליין גיין.

גובער איז געשווינד אַרײַן צו זיך, פאַרשטופּט דעם האַמער אונטערן בעט, אַרײַנגעשטעקט אין קעשענע אַ פּעקעלע געלט און אַוועק צו ציופּען.

— פּאַן ציופּאַ, זײַט אַזוי גוט אויף אַ מינוטקעלע, — האָט מוישע אים געזאָגט ווי מעגלעך זיסער, צורירנדיק זיך מיט צוויי פינגער צו דער אויפגעשוואָלענער קעשענע.

פּאַן ציופּאַ האָט פאַרגעזוצט בייזערן זיך:

— נו, וואָס אַזוינס איז געשען?

— אויף איין רעגעלע נאָר... זייער וויכטיק.

זיי האָבן זיך פאַרשלאָסן אין גובערס צימער. און, ווירקלעך, פאַר „איין רעגעלע״ האָט דאָס פּעקל געלט איבערגעוואַנדערט פון גובערס קע־שענע אין ציופּעס.

— איר ווילט זיך אָפּקויפן מיט אַ פּעקל פּאַפּירלעך פאַר דעם גאָלד, וואָס געפינט זיך אינעם אײַזערנעם קאַסטן? — האָט ציופּאַ געפרעגט.

— וואָס רעדט איר? וואָס פאַר אַ גאָלד איז באַם אַלטן? ער איז אָרעם, ווי דער טויט.
— פאַרוואָס זשע עפנט ער ניט?
— אַן אַלטער אַזיוועראַבאָטל! ביטע, פאַן ציופּא, איך פאַרזענלעך וועל אײַך אופעפענען אָט דעם קאַסטן. אָט איז ער, דער שליסל.
כאָטש דער שליסל איז שוין יאָ געווען, האָבן זיי זיך נאָך לאַנג געפּאָרעט, ביזוואַנען זיי איז געלונגען אופעפענען דאָס אײַזערנע שטיבל. ווײַזט אויס, אַז מ׳האָט עס לאַנגע יאָרן ניט געעפנט, און דער שלאָס איז דורכויס פאַרזשאַווערט געוואָרן.
ווען מע האָט, ענדלעך, אופגעשפּאַרט דאָס שטיבל, איז ציופּא ביז גאָר אַנטוישט געוואָרן. ניט קיין גאָלד, ניט קיין פּראָקלאַמאַציעס. בלויז עפּעס אַ פאַרגעלט פּאַפּירל, פאַרשריבן מיט מאָדנע אויסיעס.
— אַנו, לייען איבער, וואָס איז דאָרטן אָנגעשריבן,— האָט ציופּא באַפוילן רויטמאַנען.
רויטמאַן האָט גענומען לייענען און איבערזעצן:
„טײַערע קינדער, אייניקלעך, און, אויב איך וועל, מירצעשעם, דערלעבן, אורייניקלעך!
ווען ס׳וועט קומען דער טאָג און מע וועט מיך רופן אַף יענער־וועלט, וועל איך אײַך הייסן אופשליסן אָט דעם קאַסטן און איבערלייענען עטלעכע ווערטער, וועלכע איך וויל, איר זאָלט זיי לייענען יעדן שאַבעס פאַרן גאַנצן הויזגעזינד, זיי זאָלן אײַך דינען ווי אַן אָנדענק און פאַר אַ צוואָע.
איך שרײַב אַזוי, ווי איך פאַרשטיי מיט מײַן באַלמעלאָכישן סייכל: לעבט צווישן זיך גוט. לעבט אייניגעם. צעפליט זיך ניט אין אַלע זײַטן. יעדער פינק, וואָס איז באַזונדער, לעשט זיך באַלד אויס. ווען זיי זײַנען אָבער צוזאַמען, פלאַקערט אַ פײַער. קלײַבט אײַך אויס אַן עלטסטן צווישן זיך, און זאָל ער...“
— פוסטע זאַכן!— האָט איבערגעריסן ציופּא.— לאָמיר גיין ווײַטער.
דאָס פּעקל געלט האָט אים גוט געוואַרעמט, איז די שטימונג געווען באַ אים אַן אויסגעצייכנטע. און באַ מוישע גובערן אויך.
„אַ גוטער מענטש אָט דער ציופּא... דעריקער, וואָס קאָל יאָמאָוו קאָן מען זיך פון אים אָפּקויפן. אַמאָל וועלוולער, אַמאָל טײַערער... נו, איז וואָס? גאָרניט. פאַשעט געקומען אַפן געדאַנק. אַן היטלערן, וואָלט ציופּא ניט געווען סטראַשנע...“
הײַנט איז ציופּא געווען ניכטער, האָט ער אין גאָרנישט ניט פאַרגעסן.
— און ווו איז לאַזערס צימער?
מוישע גובער, וואָס איז אים נאָכגעגאַן פוסטריט, האָט ליבלעך געענטפערט:
— לאַזער וווינט ניט דאָ, פּאַן ציופּא, שוין אַ יאָר צען וווינט ער ניט דאָ. מיר ווייסן אַפילע ניט, ווו ער איז. ווײַזט אויס, געשטאָרבן. אַניט וואָלטן מיר געהאַט פון אים אַ יעדיִע. דאָ וווינט בלויז דאָס ווײַב מיטן יינגל. אָט איז זייער צימער.
ציופּא האָט זיך, אַפּאַנעם, געײַלט (מע וועט נאָך הײַנט קאָנען אויס־

6—2485

טרינקען. ס'איז דאָ פּאָר וואָס), ער האָט אָפּגיך אַראָפּגעשלײַדערט די קישן פון מאַניקס בעטל. אונטערן קישן איז געלעגן אַ בלאָוו העפטל. ציופּאַ האָט עס מיט פאַרדאַכט אַ בלעטער געטאָן. פאַרוואָס עפּעס ליגט עס אונ־טערן קישן?

— אנו, כאַפּ אַ לייען, — האָט ער באַפוילן רויטמאַנען.

באַ מאַניקן איז פאַרשטאַרבן געוואָרן דאָס האַרץ.

רויטמאַן האָט געלייענט פאַר זיך, צוגעקומען צום אָרט, וווּ מאַניק האָט פאַרשריבן נאָכמענס ווערטער „היטלער איז הונדערט מאָל ערגער פון פאַרעו", האָט ער אַ זאָג געטאָן ציופּען:

— נאַרישקײַטן, קינדערשע שרײַבעכצן.

ענדלעך האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן, ציופּאַ און רויטמאַן. מאַלע־גדולע האָט גובער פאַר זייער אַוועקגיין אונטערגעטראָגן ציופּען די פולע קויסע מיט ווײַן, וואָס האָט געוואַרט אויף עליאַהו־האַנאָווי. ניט פּיאָדאָר זינ־טשענקאָ האָט זי באַקומען. נאָר ציופּאַ, ווײַל קיינער פון די עלטערע איז נאָענט ניט געווען, האָט מוישע גובער געזאָגט מאַניקן:

— ווען ניט איך און מײַן געלט, וואָלטן מיר שוין אַצינד געבאַקן בייגל... אַן אַלטער אידיאָט! טראָגט זיך מיטן האַמער!

מאַניק האָט ניט געהערט, וואָס ער זאָגט. ער האָט געטראַכט, ווי באַ־האַלט מען דאָס העפטל. אַ צווייט מאָל קאָן עס קאָסטן אַלעמען זייער טײַער. פאַרניכטן דאָס קאָן ער אָבער ניט. ער קאָן ניט און וויל ניט.

פון הויף האָט זיך דערטראָגן אַ ווילד בילן פונעם הונט. „רעזוס באַ־גלייט די אומגעבעטענע געסט". מאַניק האָט גענומען דאָס העפטל, אַרויס אין הויף, צוגעגאַנגען צו דער קאָנורע און אַרײַנגעשטעקט אַהין דאָס העפטל. רעזוס האָט געמיינט, אַז מאַניק האָט אים געבראַכט עפּעס עסן, איז ער מיט גרויס אימפּעט אַרײַן אין דער קאָנורע, אַרומגעשמעקט דאָס העפטל און, אַן אַנטוישטער, אַנידערגעלייגט זיך אויף דעם.

ווען דאָס יינגל האָט זיך אומגעקערט אין שטוב, איז אים געווען אַזוי פּאַסקודנע אויפן האַרצן, אַז די הענט האָבן פון זיך אַליין זיך אַ צי געטאָן צום פידל. ער האָט אַרויסגענומען דעם פידל פונעם שיידל, נאָר אַנשטאָט צו שפּילן, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, און אַזוי שטיין געבליבן. אויף דעם קליינעם עקראַן פון זײַן מויעך האָבן אופגעטויכט די געשעעענישן און גע־שטאַלטן פון אָט דער גרויליקער נאַכט. די מומע ווערכנע מיט אירע אומ־זיניקע אויגן... עמעס פאַרקרימט פּאָנעם... די באָבע, די שטאַרבנדיקע באָבע...

מאַניק האָט דערפילט אַ שטאַרקן ווייטעק אין האַרצן. ניט עפענענדיק די אויגן, האָט ער אָנגעטאַפּט מיט זײַנע דינע נערוועזע פינגער דעם פידל, אים אָנגענומען מיט ביידע הענט פאַרן גריף, הויך אופגעהויבן און מיט אַלע קויכעס אַ קלאַפּ געטאָן מיט אים איבערן טיש. ס'האָט זיך דערהערט אַ טראַסק און נאָך עפּעס אַ צוגעטויבטער קלאַנג, גלײַך דער פידל האָט, גויסעסנדיק, אַ קרעכץ געטאָן.

פונקט דעמלט האָט מאַניקס שאַרפער אויער דערהערט נאָך אַ קלאַנג. עפּעס גאָר אַן אַנדערן. אַ שוואַכן פּיפּס. דאָס האָט געגעבן צו וויסן וועגן זיך דאָס נײַגעבוירענע אייפעלע.

מאַניק האָט כאַראַטעָ באַקומען. „גאָטעניו, וואָס האָב איך געטאָן?״ טרערן האָבן אַ טריף געטאָן אויף די אָפּגעריסענע סטרונעס פון דעם שטום געוואָרענעם פידל.

9

א מטשונעדיקער הימל איז געהאַנגען איבער דער ערד יענעם אָפּ־דערנאַכט. אַ קאַלאַמוטנע־ראָזעווער, ערטערווײַז אַ העל־ברוינער, און קיין איין שטערנדל.

דער אַלטער מייער האָט זיך אײַנגעקוקט אינעם הימל, ווי באַראַטן זיך מיט אים, ער האָט נאָך אַלץ געזוכט שטיצע בײַ גאָט, ווײַל ער האָט פאַר־לוירן די האָפענונג געפינען זײַ בײַ מענטשן. דער הימל אָבער איז געווען טריב. דער הימל איז געווען פוסט. קיין שטערנדל, קיין סימען פון האָ־פענונג.

הײַנט האָט מען געמאָלדן: אַלע יידן דאַרפן מאָרגן צען אַזייגער אײַנ־דערפרי זיך יאַווען אַפן וואָקזאַל־פּלאַץ מיט אַלע זייערע זאַכן, מיטן געלט און צירונג. זיי וועלן געשיקט ווערן אויף אַרבעט אין אַ גרויסער שטאָט. ווער ס׳וועט ניט קומען — וועט דערשאָסן ווערן.

גייט די גאַנצע צײַט אַ קריג אין שטוב: יאַווען זיך צי נייִן? מוישע גובער זאָגט: יאָ. אָשער דערווידערט. זאָגט אים גובער מיט איראָניע:

— מײַן טײַער הענעלע! איך קאָן דיר ניט גאַראַנטירן קיין פלאַצקאַרטנע ערטער. נאָר מיילעך אַדערמאַן האָט מיך פאַרזיכערט, אַז די דײַטשן וועלן אונדז פירן אויף אַרבעט. און ער ווייסט דאָך עס באַשטימט. ער איז דאָך דער פאָרזיצער פונעם יודנראַט. איז וואָס פאַרלירן מירז אויב מיר וועלן ניט קומען, איז אויף הונדערט פראָצענט טויט. אויב מיר וועלן יאָ קומען — בלײַבט דאָך פאָרט עפּעס אַ האָפענונג, זאָל זײַן אַ קליינע, אַ פּיצעלע, אַ הונדערטל פראָצענט, אַז מיר וועלן בלײַבן לעבן. איך פערזענלעך וויל בעסער שטאַרבן, ווען ס׳וועט שוין ניט פאַרבלײַבן אַפילע אַ הונדערטל פראָצענט. אַזוי האָבן אונדז געלערנט אונדזערע אָוועס.

דאָס דערמאָנען די אָוועס צווינגט דעם אַלטן מייער פאַרטראַכטן זיך. דאָס וואָרט אַליין — „אָוועס״ — פלעגט שטענדיק אַרויסרופן פון די טיפע־נישן פון זײַן האַרץ עפּעס אַ געפיל, וואָס איז באַשטאַנען פון אָפּשײַ, היס־לײַוועס, פאַרערונג. ער אַליין פלעגט צײַטנווײַז מיט גאַדלעס באַטראַכטן זיך אַלס אַזעלכן, וואָס קאָן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר פאַרעכנט ווערן צו די אָוועס, און געזען זײַן נאָמען ערגעץ באַם סאָף פון אַ לאַנגער קייט, וואָס הייבט זיך אָן מיט די נעמען פון אַווראָם, ייִצכאָק און יאַנ־קעוו...

אַצינד אָבער איז דער אײַזערנער קאַסטן העפקער, אָפן, פוסט, די צאַ־וואָע וואַלגערט זיך אויף דער ערד, צעטאָפּטשעט פון ציופּעס ברודיקן שטיוול, און די גאַנצע מישפּאָכע זײַנע און ער אַליין אויך, שטייען פאַר אַ געפאַר אומגעבראַכט צו ווערן, אָן אַ שפּור צו לאָזן, און דאָס איז טאַקע

שוידערלעכער פון אלץ, וואָס אָן אַ שפור, אָן אַ זייכער. קיין לעבעדיקע שפּראַצונג, קיין בליט וועט די סאַפּיר־מישפּאָכע נאָך זיך ניט לאָזן.

ווי אין שלאָף דערגייען צו זײַן באַוווסטזײַן אַשערס צאַרנדיקע ווערטער:

— כ׳מיין, אַז מע וועט אונדז ניט אַרײַנזעצן אין קיין שום וואַגאָנעס. ניט אין פּלאַצקאַרטנע, ניט אין פּאַשעטע, ניט אַפילע אין פראַכט־וואַגאָנעס. גיכער פון אַלץ וועט מען אונדז אָפּפירן צו דער „לאַנגער באַלקע״.

אַשער איז זײַן באַליבט אייניקל. ווען אַשער וואָלט ניט געווען אַזוי יונג, וואָלט ער, מייער, גלײַך אָנגערופן אַשערן אין זײַן צאַוואָע, ווי זײַן יוירעש־עצער.

— וואָס זשע לייגסטו פּאָר? — פרעגט סאָפּע איר זון, קוקנדיק ניט אָף אים, נאָר עפּעס פאַרבײַ, אין אַ זײַט.

אַשער איז שוין ניט געווען אַזוי יונג, ווי דער זיידע האָט געמיינט. אין יענער גרויליקער צײַט האָבן זיך קינדער שנעל געעלטערט. זיי האָבן נאָך קליינע הענט און פיס, אַ שמאָלבלעכע ברוסט, אַ ווייכלעכן שאַרבן, נאָר אין אָט דער ברוסט קלאַפּט אַ געעלטערט געוואָרן האַרץ, און אונטער דעם שאַרבן לעבן ניט קיין קינדערשע מאַכשאָוועס.

און אַשערן גייט דאָך שוין דאָס נײַנצנטע יאָר.

„פאַרוואָס קוקסטו מיר ניט גלײַך אין די אויגן? — האָט ער האַרב, ווי דער זיידע, ווי ער וואָלט שוין אַליין געווען אַ זיידע, געדאַנקלעך געפרעגט די מוטער. — דו האָסט עפּעס פאַרטראַכט? איז זאָג, וואָס? איך בין דאָך דײַן זון... האָסט זיך עפּעס שטאַרק געביטן. גוט. וועגן דעם שפּעטער. און איצטער...״

איצטער האָט ער אָנגעשטרענגט זײַנע געדאַנקען, וואָס דאַרף ער ענטפערן דער מוטער? ניין, ער וועט איר ניט ענטפערן. דאַכט זיך, אַז זי ניי־טיקט זיך ניט שטאַרק אין קיין ענטפער. אָף דער מוטערס פראַגע וועט ער בעסער ענטפערן דעם פאָטער. אָט זיצט ער, דער טאַטע, אײַנגעהויקערט, מיט אַן אויסגעשלאָסן גלײַכגילטיקן אויסדרוק אָפן אויסגעדאַרטן, באַוואַקסענעם פּאָנעם, אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון זײַן לעצטן אָפּאָריזם — „אַלץ מוז זיך אַמאָל ענדיקן, סײַ גוטס, סײַ שלעכטס״. ווען ער שלאָפט אײַן, נאָכמען, הערט זיך אים מאַצאַרטס רעקווי׳עם. ער האָט אים זייער ליב, אָט דעם טרויעריקן ניגן, וואָס פרווט זיך שאָלעם מאַכן צווישן גוטס און שלעכטס, און ער פלעגט אָפט בעטן מאָניקן, יענער זאָל אים אויסשפּילן דעם ניגן.

דער זון אָבער שפרינגט אויף, ווי פון אַ שאַרפן קלונג פון אַ װעקזייגער, שפרינגט אויף, רײַבט זיך די אויגן, צי דערפאַר, וואָס ער איז נאָך ניט אײַנגאַנצן וואַך, צי דערפאַר, וואָס ער גלייבט זיי ניט, די אויגן זײַנע. צי דען איז שוין געקומען די צײַט? און דאָס וואַרט מען שוין אָף אים, אָף אַשערן? און ער מוז, ער מוז גיין!

די מוטער האָט געמיינט, אַז אַשער האָט ניט דערהערט, וואָס זי פרעגט. האָט זי ווידער איבערגעכאַזערט די פראַגע, וואָס זשע לייגט ער פּאָר? ער וואָלט געקאָנט ענטפערן מיט איין קלינגענדיק וואָרט: קעמפן! ווען

ער וואָלט געוועזן בלויז נײַנצן יאָר אַלט. ער פֿילט זיך שוין אָבער עלטער. אַ סאַך עלטער. כּוץ דעם, קאָן ער ניט איבערטראָגן דעם פּעטער מוישעס גיפּטיקע איראָניע: אַפֿילע דאָ האָט ער זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן פּראַצענטן.

אויב ער וועט זאָגן: „קאַמפֿן", וועט גובער טייקעף קלוימערשט מאַסקים זײַן.

— נו, פֿאַרשטייט זיך, מײַן טײַער פּייגעלע, קעמפֿן. נאָר קעמפֿן! וואַדען?.. ווער קאָן עס צווייפֿלען, מיט וואָס דער דאָזיקער קאַמף וועט זיך אויסלאָזן? פֿון איין זײַט אַ זיבעציקיאָריקער זיידע, אַ קראַנקע באָבע, אַ דולע וועכנע, צווײ פֿינפֿיאָריקע סאָניעס, מאָניק, אַשקע, מײַן גיטע, דײַן מוטער סאָפֿע, נו, און איך, און דו... און פֿון דער צווייטער זײַט — היטלער... ווער וועמען, אַ?

און בעעמעס: וויאַזוי ווערן זיך?.. ביז איצט האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו פֿאַרבינדן זיך מיט די פּאַרטיזאַנער, קיין וועלדער איז נאָענט ניטאָ. קיין געווער האָבן זיי קימאַט ניט. עפּעס־וואָס האָבן זיי געקראָגן, אָבער זייער ווייניק.

נאָר ענטפֿערן דאַרף מען דאָך! און ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס די מוטער האָט צוויי מאָל פֿאַרגעבן די זעלבע פֿראַגע. ער מוז אַלעמען דײַטלעך ענטפֿערן, און זיך אַליין אויך. און טאַקע באַלד. קיין צײַט איז ניטאָ מער. מאָרגן אינדערפֿרי וועט באַשטימט ווערן זייער גורל. מאָרגן אינדערפֿרי וואָרט אַף זיי זייער גזר־דין. האָט אָשער געזאָגט:

— ווירדיק שטאַרבן.

נאָכמען האָט אופֿגעהויבן זײַנע אויגן אַפֿן זון. אָשער האָט איבערגעלייענט אין זיי אַ שטומע האַסקאָמע. „אַלץ מוז זיך אַמאָל ענדיקן..."; האָט אָשער אײַליק צוגעגעבן:

— איך האָב אין זינען — שטאַרבן אין קאַמף. פֿאַרניכטן וואָס מער פֿאַשיסטן.

— איז דאָס מעגלעך? — פֿרעגט עמעצן דער בלייכער מייער. — איז דאָס מעגלעך, אַז מ'זאָל אונדז אַוועקפֿירן אַף שכיטע?.. ווי פֿי... מיר זענען דאָך מענטשן!.. און צוליב וואָס, אַ?.. פֿי קוילעט מען אַף פֿלייש. און אונדז אַף וואָס? זיי זענען דאָך אויך מענטשן, קריסטן... איז דען מעגלעך אַזוינס?..

— ס'איז מעגלעך, זיידע, — האָט שטיל געענטפֿערט אָשער. — ווײַל פֿאַשיסטן זײַנען ניט קיין מענטשן. זיי זײַנען מענטשנפֿרעסער!

גובער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן. האָט זיך דער זאָקן אופֿגעהויבן און געמאָלדן, געמאָלדן פֿעסט, ווי מע טראָגט אַרויס אַ פּסק:

— איך וועל אין ערגעץ ניט גיין. איך וועל פֿאַרבלײַבן דאָ. שטאַרבן איז בעסער אין אַן אייגענער שטוב... נאָר איך האַלט ניט קיינעם.

גובער איז אופֿגעשפּרונגען פֿונעם אָרט:

— אויב אַזוי, גיי איך שוין אַוועק פֿונדאַנען. קלײַבט זיך, גיטע, בראָניע, מילע, מאָניק!

בראָניע, זייער אַ בלאַסע, איז אופֿגעשטאַנען:

— טאַטע, איך וועל אין ערגעץ ניט גיין.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געוואוּסט, אַז דער פֿאָטער וועט אָנ־הייבן שיטן מיט קללות. געוואוּסט אַפּילו אַף אַ פּאַטש. נאָר דער טאַטע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך אַראָפּגעלאָזט אַפֿן בענקל.

— כ׳וועל אויך ניט גיין, טעכטערל. וווּהין וועל איך אַליין, אָן אײַך, גיין, וווּהין וועל איך זיך אַהינטאָן?..

סאָפּע האָט די גאַנצע צײַט שווײַגנדיק געקוקט אַף איר זון, גלײַך ווי זי וואָלט אים געזען דאָס לעצטע מאָל. איר האָט זיך זייער געוואָלט אים זאָגן עטלעכע גוטע, וואַרעמע ווערטער. דערמוטיקנדיקע. „קיינער וויל ניט שטאַרבן, אשערל. און דו אויך. ביסט נאָך אַזוי יונג״...

זי האָט געוואָלט זיך איבערבעטן מיטן זון. זיי האָבן, אייגנטלעך, זיך קיינמאָל ניט געקריגט. נאָר זינט די דײַטשן זײַנען אַרײַן און זינט אשער האָט אָנגעהויבן אָפּט פֿאַרשווינדן ווערן, איז צווישן זיי ווי אויסגעוואַקסן אַ וואַנט. זיי האָבן דאָס ביידע געפֿילט און ביידע אויסגעמיטן ריידן וועגן דעם. אַזוי האָבן זיי די לעצטע צײַט זיך אַלץ דערווײַטערט איינער פֿונעם אַנדערן. און דערפֿאַר האָט זי, ווי שליסנדיק ווידער שלום מיט אים, געזאָגט:

— גוט, אשערל, איך בין מסכּים מיט דיר. נאָר לאָמיר מאַכן נאָך איין פּרוּוו. איך וועל גיין אין דער קאָמענדאַטור. עפּשער וועט מיר געלינגען עפּעס דערוויסן זיך... וואָס קלײַבן זיי זיך מאַכן מיט אונדז מאָרגן אינ־דערפֿרי.

— וועסט אין ערגעץ ניט גיין! — האָט אשער האַרב געזאָגט, גלײַך ווי ער וואָלט גערעדט ניט מיט קיין מוטער, נאָר מיט אַ טאָכטער.

— האָב ניט מורא, אשער. איך בין דאָך שוין איין מאָל געווען דאָרטן און אַרויס אַ לעבעדיקע... זאָגסט דאָך אַליין, אַז מיר האָבן שוין ניט וואָס אָנצווווערן...

אונטערשפּאַרנדיק זײַן לאַנגן קאָפּ מיט אַן אײַנגעבויגענער האַנט, איז נאָכמען געזעסן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און געשוויגן. ער איז נאַרוואָס גע־ווען אַן איידעס פֿון אַ שאַרפֿן געראַנגל צווישן גובערן און זײַן טאָכטער און האָט ניט געצווייפֿלט אינעם אויסגאַנג פֿונעם געראַנגל צווישן דעם זון און דער מוטער. דערפֿאַר האָט ער זיך פֿאַרכידעשט, — און דאָס איז אויך געווען פֿאַר אים אומגעריכט, ווײַל ער האָט לעצטנס אויפֿגעהערט עפּעס צו באַוווּנדערן, — ווען דער אַלטער מייער האָט געזאָגט:

— זאָל זי גיין.

דעם אַלטן זײַנען געפֿעלן געוואָרן די ווערטער פֿון דער שנור „לאָמיר מאַכן נאָך איין פּרוּוו״. אשער איז אוואַדע גערעכט אין זײַן צאָרן, מייערן האָט זיך אַפּילו אויסגעוויזן, אַז אויך מיט דער האַרבקײַט פֿון זײַן טאָן הייבט דער אייניק אָן ווערן ענלעך אַף אים, דעם זיידן. ער איז אָבער יונג, אשער, ער איז נאָך שטאַרק יונג. ער טראָגט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט נאָר פֿאַר זיך, פֿאַר זײַן אייגן לעבן. און ער, דער אורפֿאָטער, טראָגט די אַכ־רײַעס פֿאַרן לעבן פֿונעם גאַנצן שטאַם.

האָט דער אַלטער אַרומגעשפּאַנט איבערן הויף און געפֿרעגט דעם קאַ־לאַמוטנע־ראָזעווון, אַן איין שטערנדל, הימל, צי האָט ער ריכטיק גע־

האנדלט, דערלויבנדיק זײַן שנור, סאַפּען, אוועקלאָזן זיך אין דער הייל פון מענטשנפרעסער?

ער האָט זייער איבערגעלעבט, דער אלטער, געערגערט זיך. שוין צווייי שאָ, אז זי איז אוועק, און נאָך אלץ ניטאָ.

אצינד לעבט ער שוין איבער פאר דרײַען. מיט א האלבער שאָ צוריק איז צו אים שטיל צוגעגאנגען נאכמען און געזאָגט:

— איך וועל גיין נאָך איר.

מייער האָט שווײַגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

און אָט נאָרוואס איז אָשער צוגעגאנגען און געזאָגט:

— איך וועל גיין נאָך זיי.

האָט ער ווידער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ארומשפאנענדיק איבערן הויף, האָט ער איצט טיף באדויערט זײַן ניט באקלערטע האסקאָמע.

די לעצטע טעג איז דער אלטער באזונדערס אומרויִק. פאלן פון ווילדער העפקיירעס און מאָרד האָבן זיך געמערט מיט יעדן טאָג. נעכטן איז א דײַטשישע מאשין אָנגעפלויגן אפן אלטן רוגמאַן, ווען ער האָט געוואָלט איבערגיין די גאס, איבערגעפאָרן אים אף טויט. דעם אפטייקער בליומענפעלדן האָט דערשאָסן א דײַטשישער אונטעראָפיצער, ווען דער אלטער האָט ניט געגוג גיך דערלאנגט אים א רעפוע. שלוימקעס טאטע, ארן פאך, איז זיך שטיל געגאנגען בא א זײַט, געטוליעט זיך צו די ווענט. האָבן אים באמערקט עטלעכע שיקערע זעלנער, ארומגערינגלט און געפאָדערט, אז ער זאָל זיי באווײַזן א ייִדיש טענצל. ארן פאך האָט געהאט א לאנגן אויסגעבויגענעם האלדז, ס'פלעגט זיך אויסווײַזן, אז זײַן קאָפּ און זײַן גוף געפינען זיך אין פארשיידענע פלאכן. דאָס איז אזוי געווען דערפאר, ווײַל פערציק יאָר איז ער געזעסן אײַנגעבויגן איבער דער ניי־מאשין. די דײַטשן, ווידער, האָבן זיך מיט אים לוסטיק געמאכט, ארויסגענומען פאָטאָ־אפאראטן אף פאָטאָגראפירן דאָס טענצל פון א קליינשטעטלדיקן ייִדן. ווי גרויס איז געווען זייער שטוינונג און צארן, ווען אָט דער „געמיינער ייִדע" האָט אויסגעגלײַכט די פלייצעס און אָפּגעזאָגט זיך טאנצן. איינער פון די זעלנער האָט טאקע באלד ארויסגעלאָזט אין אים א קוילן־ריי פון אויטאָמאט.

דאָס אלץ איז געשען אין מעשעך פון איין טאָג.

מייער האָט אומגעדולדיק געשפאנט איבערן הויף, און זײַן אומרו איז אלץ געוואקסן. ער האָט וואכזאם זיך אײַנגעהערט אין דער שטילקײַט, עפשער וועט ער דערהערן באקאנטע טריט?

פון דער פינצטערער הויף־טיפעניש האָט זיך מיטאמאָל דערהערט א שאָרך. מייער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, דערזען רעזוסן. ער איז געשטאנען לעם זײַן קאָנורע און געשורשעט מיט עפּעס א פאפירל. „געלייענט". דער הונט וואָלט גערן צוגעלאָפן צום אלטן, ארופגעשפרונגען מיט די פאָדערשטע לאפעס אף זײַן ברוסט. האָט ער אָבער גוט געוווּסט, אז ווען דער באלעבאָס איז פארזונקען אין זײַנע געדאנקען, טאָר מען אים ניט שטערן. ער וועט ברויגעז.

מייער איז צוגעגאַנגען צו דער קאָנורע. אויפגעהויבן דאָס פאַפירל. עפּשער איז דאָס עפּעס אַזוינס... דער אַלטער האָט באַמערקט, אַז עמעצער שרײַבט אָפט. מאָניק שרײַבט אויך. ווער ווייסט, וואָס זיי שרײַבן... ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, אונטערגעטראָגן דעם ציטערנדיקן פלאַם צום פאַפיר און איבערגעלייענט: „וואָס פאַר אַ גרויליקע צײַט מוז דאָס זײַן, אויב מע טאָר ניט האָבן קיין קינדער!..״ דאָס ווײַסע פאַפירל האָט שוין אָפגעברענט, און ער האַלט עס נאָך אַלץ אין די פינגער און טראַכט, וועגן דעם, וואָס ער האָט נאָרוואָס איבערגעלייענט. קיין שרעקלעכערע צײַט איז טאַקע נאָך קיינמאָל ניט געווען. קינדער ווערן פאַרוואַנדלט אין זקיינים, און זקיינים ווערן ווי קינדער. דאָס לעבן הענגט אָף אַ האָר, און ער לייענט עפּעס אַ ברודיק פאַפירל. ער וואָלט דאָך באַדאַרפט... וואָס באַדאַרפט?.. אַ, יאָ, אַ קאָנורע. רעזוס האָט זײַן קאָנורע. ער, מייער סאַפּיר, האָט געהאַט זײַן שטוב. נו, איז וואָס מיינט ער?.. ניט ער. דאָס האָט זײַן איידעם, דער דאָקטער יעפים סיגאַל, צוגעגלײַכט: שטוב — קאָנורע. פאַרגלײַכט און צוגעשמייכלט, פויל צוגעשמייכלט, ווי זײַן שטייגער איז געווען. איצט שמייכלט ער מער ניט. איצט טליעט זײַן געביין אין דער „לאַנגער באַלקע״. וואָס האָט ער אָבער געמיינט? עפּשער האָט ער...

פלוצעם האָט רעזוס זיך צעוואָיעט. דער אַלטער האָט אַ ציטער געטאָן און אָנגעשפּיצט די אויערן. טריט, אײַלנדיקע און אומרויִקע, נאָך ווײַטע, זײַנען געוואָרן וואָס אַמאָל נעענטער און דײַטלעכער. ער מעג שווערן, דער אַלטער, אַז ער דערקענט סאָפּעס טריט, דאָס קלאַפּן פון אירע אָפּצאַסן. איז ער צוגעלאָפן און געעפנט די פאָרטקע. עטלעכע מענטשן, פאַרומערטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָבן אַרײַנגעטראָגן נאָכמענען. ער איז געווען טויט. פון פאָרנט איז געגאַנגען אָשער, און ס'איז געווען צו זען, ווי ער פאַרבײַסט די ליפּן אַף אײַנהאַלטן דעם געשריי. און פון הינטן, ווישנדיק די אויגן מיט אַ טיכעלע, איז נאָכגעגאַנגען סאָפּע. די געוויינען און די גוואַלדן האָבן ווי אויפגעריסן די אײַנגעשטילטע גאַס.

— מיר וועלן נעקאָמע נעמען, — האָט אָשער אַרויסגערעדט, קוים אײַנהאַלטנדיק דאָס כליפּען.

דער אַלטער מייער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך אַף איין אָרט און אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ניט קאָנענדיק אײַנהאַלטן אים.

— ווער וועט נעקאָמע נעמען?.. מיר האָבן דאָך שוין קימאַט קיין מאַנצבלען ניט!

— עס וועט זײַן ווער, — האָט אָשער געענטפערט. — אָט זײַנען זיי געקומען מיט מיר. ס'וועלן קומען נאָך. אַלע די, וואָס ווילן... וואָס ווילן קעמפן. און לאָמיר נאָר אָנהייבן. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז די פאַרטיזאַנער זײַנען ניט ווײַט. און זיי וועלן אונדז קומען צוהילף. די טעג האָט מען ערגעץ דאָ געזען לאָזערן...

— ווער האָט אים געזען? ווו האָט מען אים געזען?

— דאָס ווייס איך ניט. דאָס דאַרף קיינער ניט וויסן. נאָר ער איז ניט ווײַט, לאָזער... און מיראָשניטשוק אויך... זייערע אָטריאַדן...

— לאָזער, מיראָשניטשוק... — דער אַלטער האָט עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט די נעמען, — לאָזער, לאָזער...

פאר זײַנע אויגן איז ווי עפּעס א גוטער צײכן געשטאַנען זײַן זון לאַ־זער, צו וועמען ער האָט אלע יאָרן געהאַט נאָר טײַנעס. וואָרעם אויב א זון פאַרלאָזט דעם טאַטנס הויז... איז עפּשער גראָד לאַזער... דער הימל איז פּוסט. פּוסט. ניטאָ אַף וועמען צו פאַרלאָזן זיך. כאָטש עפּשער... לאַזער? מיראָשניטשוק?..

ס׳האָט זייער זיך געוואָלט גלייבן אין דעם. דאָס האָט אונטערגעמוני־טערט דעם אַלטן, אונטערגעמונטערט אלעמען. אין זייער פאַרשטייענדיקן געראַנגל, וואָס האָט ביז איצט אויסגעזען האָפענונגסלאָז, אפילו זינלאָז, האָט זיך באַוויזן א קליין פונקעלע פון עפּעס א האָפענונג...

בראָניע איז צוגעקומען צו אַשערן.

— כ׳וויל אויך זײַן מיט דיר. כ׳וועל ניט זײַן ערגער פון קיין מאַנצבל.

עמע, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פונעם פענצטער מיטן אייפּעלע באַ דער ברוסט, האָט אוועקגעלייגט דאָס קינד אין בעטל, אַרויס אין הויף, גע־שטעלט זיך באַנאַנד מיט בראָניען.

— און איך אויך.

סאָפּע האָט אויסגעווישט די טרערן און האָט זיך געשטעלט לעבן עמען. און זלאַטע. און גיטע. נאָך גיטען האָט זיך נאָכגעשלעפּט גובער. פּלוצעם אָבער האָט ער זיך א קער געטאָן, צעפּראַלט די פאַרטקע און אַרויסגעלאָפן. מאַניק האָט גענומען מילען פאַר דער האַנט, און זיי זײַנען צוגעגאַנגען צוזאַמען:

— און מיר אויך.

און אַזוי — איינער נאָכן אַנדערן. אפילו אַשקע אויך...

ניט צוגעגאַנגען איז נאָר איין נאָכמען. ער איז געלעגן טאַקע אין הויף, אַף א לײַלעך, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אומבאַוועגלעך געקוקט אַפן כמורנע־ראָזעווען הימל, דאָס מויל איז געווען האַלב־אָפן, גלײַך ער האָט געקליבן זיך עפּעס זאָגן, נאָר ניט געקאָנט שוין. וואָס האָט ער געוואָלט זאָגן?.. ווער קאָן וויסן? עפּשער דאָס זעלבע: „אַלץ מוז זיך אַמאָל ענ־דיקן”. אַלץ אַף דער וועלט האָט זײַן אָנהייב און זײַן סאָף. און עפּשער האָט ער זיך געוואָלט פאַרקלאָגן, אז מ׳האָט אין אים פאַרגעסן. אַנידער־געלייגט — און פאַרגעסן. ווען ער לעבט, וואָלט ער קיין טײַנעס ניט גע־האַט. געוווינט געווען. ער איז דאָך אָבער געשטאָרבן. דעם לעצטן כּיוו און דעם לעצטן קאָוועד דאַרף מען דאָך אים אָפּגעבן.

דערמאָנט וועגן אים האָט רעזוס. ער איז צוגעגאַנגען, א לעק געטאָן אים אין דער האַנט, דערפילט א מאָדנע קרירע, עפּעס אַן אָפּשרעקנדיקע פאַרגליווערטקײַט און זיך מיטאַמאָל ווידער צעוואָיעט. אלע האָבן אופגע־ציטערט. איז וואָס טוט מען? מעקאַבער זײַן אַפן בעסוילעם אַזוי שפּעט באַנאַכט טאָר מען ניט, ס׳איז א סאַקאָנע. וואַרטן ביז אינדערפרי?.. ווער ווייסט, וואָס וואַרט אַף זיי אַלעמען דעם קומענדיקן אינדערפרי?

דער אַלטער האָט באַשלאָסן ברענגען צו קוווּרע זײַן בכאָר טאַקע דאָ, אין הויף. ער האָט גענומען אין די הענט אַן אײַזערנע לאָפּעטע און אָנגע־הויבן גראָבן א קייווער...

ער האָט לאַנג געגראָבן. ס׳איז אים געקומען אַפן זינען א געדאַנק: דער קייווער מוז זײַן א גרויסער. ער מוז קלעקן פאַרן גאַנצן שטאַם. דערנאָך

אָבער האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק. מ׳טאָר אַפילו ניט טראַכטן וועגן דעם. קאַלזמאַן דער מענטש לעבט...

— קאַלזמאַן דער מענטש לעבט, דאַרף ער האָפן. אַפילו ווען דאָס מעסער איז באַם האַלדז.

ווער האָט עס אַרויסגעזאָגט אין דער הייך זײַנע פאַרבאָרגענע געדאַנקען?

מײַלעך אַדערמאַן. דער פּאַרזיצער פונעם יודנראַט. ס׳האָט אים געבראַכט אַהער גובער. ביידע זײַנען זיי אַרײַן שטיל, ווי שאָטנס.

מײַלעך אַדערמאַן איז געווען אַ פּולבלעכער, ווייכער און ליבלעכער מענטש. די גראָווע האָר האָבן אים צוגעגעבן האַדרעס־פּאָנעם, זיי האָבן זייער געפּאַסט צו זײַן בענימעסדיקן שמייכל. דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל. אַצינד איז ער באַשטאַנען פון הוילע נערוון, פון שרעק און ייִעש, און די גראָווע האָר האָבן שוין גאָרנישט ניט געקאָנט צוגעבן צו זײַן בלייכן, אײַנגעפאַלענעם פּאָנעם.

— איך וועל אײַך ערגעץ ניט פֿאָרן, רעב מײַלעך,— האָט געטײַנעט מייער און געהאַלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ, גלײַך ווי ער וואָלט מוירע געהאַט איבערצוטראַכטן, האָט ער אַלץ איבערגעכאַזערט — „איך וועל אין ערגעץ ניט פֿאָרן!״, און ערשט דערנאָך, ווען מײַלעך האָט אויך, ערגערנדיק זיך, אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ, האָט ער צוגעגעבן:

— איך וויל שטאַרבן באַ זיך אין שטוב.

— אויב איר ווילט שטאַרבן,— איז דאָס אײַער זאַך. פאַרוואָס אָבער דאַרף אומקומען די גאַנצע איידע איבער אײַער אַקשאָנעס? אונדזער איינציק געוועזער איז האַכנאָע.

מייער האָט אויפגעהערט שאָקלען מיטן קאָפּ, אַ קער געטאָן זיך צו גובערן:

— נאָך וואָס האָסטו אים געבראַכט אַהער?

— צוליב אײַער טאָכטער און אײַערע אייניקלעך,— האָט שאַרף און בייז געענטפערט גובער, פאַרגעסנדיק וועגן זײַן שטענדיקער מידע — ריידן ווייך און ליבלעך.— רעב מײַלעך איז געווען אַזוי גוט, אַז ער האָט אײַנגעשלאָסן מיך און צוליב מיר — אײַך אויך אין דער געטאָ „א״, און ניט אין דער געטאָ „ב״. און איצט...

— אַזוי גאָר?.. געטאָ „א״... זײַנען מיר, הייסט עס, טאַקע פּריווילעגירטע לײַט. זייער פײַן...

מײַלעך אַדערמאַן האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— פאַרוואָס דאַרף איך אַלע אײַנריידן, האַ? זאָגט מיר, רעב מוישע, פאַרוואָס דאַרף איך אַלעמען אײַנריידן?.. גיט מיר אַ לאָפּעטע, וועל איך זיך אויך אויסגראָבן אַ קייווער... איר מיינט, אַז מיר ווילט זיך אַזוי לעבן? וואָסי?.. אַזאַ שיין, אָנגענעם, פריידיק לעבן, האַ? די פּאַשיסטישע בלוטזויגערס האָבן שוין אויסגעצאַפּט באַ מיר דאָס גאַנצע בלוט. איך האָב שוין ניט קיין ברעקל קויעך. איך מוז דאָך אָבער ראַנגלען זיך פאַר יעדער ייִדיש לעבן! און ער לאַכט זיך אויס פון מיר. ער מאַכט כויזעק. פּריווילעגירטע לײַט! הער נאָר, דו... באַרעמהאַרציקער גאָט,— האָט מײַלעך אויסגעשטרעקט זײַנע הענט צום הימל,— וואָס האָסטו געמאַכט מיט

אונדז?.. וואָס איז פון אונדז געוואָרן? ווער זײַנען מיר אצינד?.. מיר זײַנען הנ״ו מיר זײַנען מיסט! מיר...

פלוצעם האָט ער א שפרונג געטאָן אין גרוב אַרײַן. פון דאָרטן האָבן זיך געלאָזט הערן זײַנע ווילדע אויסגעשרייען:

— גענוג! גע־נוג! ווער דאַרף דאָס האָבן, דאָס פאַרשאָלטענע לעבן! פאַרשיט מיך מיט ערד! פאַרשיט מיך מיט פאַרעך, זאָג איך אײַך! גענוג! גע־נוג!..

מייער האָט אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ער איז פון זינען אראָפּ...

ער האָט צוגערופן אַשערן, און אינצווייען האָבן זיי ארויסגעשלעפּט מיילעכן פון דער גרוב. גובער האָט אָפּגעטרייסלט זײַן מאַנטל, גענומען אים אונטער דער האַנט און אָפּגעפירט צו דער פאַרטקע.

מוישע גובער האָט זיך געטרייסלט, ווי אין פיבער. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ער פירט א מעס אונטער דער האַנט. מיילעך האָט זיך אָפּגע־שטעלט, אויסגעקערעוועט זיך צו גוברן מיטן פּאָנעם: יאָ, טאַקע א מעס. א בלאָוולעך־בלייכער מעס, פון וועלכן מ׳האָט אויסגעצאַפּט דאָס לעצטע ביסל בלוט... און פלוצעם האָט דער מעס געעפנט דאָס מויל:

— איר געדענקט, רעב מוישע, איר האָט מיך אַמאָל געפרעגט, צי מע וועט קאָנען בא היטלערן האַנדלען?.. פאַרוואָס זשע האָט איר מיך ניט געפרעגט, צי מע וועט קאָנען בא היטלערן לעבן?.. האַ?.. פאַרוואָס?..

10

די רעשט פון דער נאַכט איז אויסגענוצט געוואָרן אף צו באַפּעסטיקן און פאַרבאַריקאַדירן די שטוב און דעם הויף. מיט דעם האָבן זיך פאַר־נומען די כעווריע, וואָס אַשער האָט געבראַכט מיט זיך. אַלע איבעריקע האָבן געהאָלפן, מיט וואָס זיי האָבן געקענט. באַזונדערס האָבן זיך גע־סטאַרעט בראָניע און עמע. אָנגעפירט מיט דער אַרבעט האָט אַשער, און זײַן בעסטער און זיכערסטער מיטהעלפער איז געווען איזיע בארנבוים.

איזיען האָבן אַלע געהאַלטן פאַר א באַגרענעצטן באָכער. ער האָט זיך ניט איבעריק אויסגעטיילט ניט מיט זײַן סייכל, ניט מיט זײַן אויסזען. דאָס איז געווען א נידעריק באָכערל מיט העלע, א ביסל געלבלעכע האָר. דאָס פּאָנעם זײַנס איז געווען באַשפּרענקלט מיט קלײַנע זומער און ווינ־טער. אָפּטמאָל פלעגט מען כויזעק מאַכן פון אים. איינמאָל האָבן שטעטל־דיקע לייצים אים פאַרשפאַרט אין קלוב, אָפּן צווייטן שטאָק. פאַרשפאַרט און אַליין ארויס אף דער גאַס כאַפּן א קוק, וואָס זשע וועט ער טאָן? שרייַען, מע זאָל אים עפענען? בעטן ראַכמים? פלוצעם האָבן זיי דערזען: ס׳עפנט זיך דאָס פענצטער פון אינווייניק. איזיע קלעטערט ארוף אף דער פענצטער־ברעט און שפרינגט אראָפּ. אָט אַזוי זיך. גלײַך ס׳איז בא אים א געוויינלעכע זאַך. דער גאָרן איז געווען א הויכער, די שטרעקע צווישן די ווענט פונעם קלוב און דער שכיינעסדיקער געבײַדע איז געווען אַזוי קליין און שמאָל, אַז א דיקער מענטש וואָלט געבליבן דאָרטן שטעקן.

א סאקאַנע צעמאַזיקט ווערן איז בעפּיירעש געווען א גרויסע. איז מען אלע צוגעלאָפן צו אים העלפן. איזיע האָט זיך טאַקע פאַרטשעפּעט פאַר עפּעס א רינווע און אַנידערגעפאַלן. נאָר ער האָט זיך אופגעהויבן און גאַנץ רויִק, אפילע עפּעס ווי א ביסל שולדיק, א זאָג געטאָן:

— פאַרשטייט איר מיך... איך האָב קיין צײַט ניט. אין פינף מינוט אַרום דאַרף איך זיך זען מיט מײַנער. ווען איך וואָלט געהאַט צײַט, וואָלט איך א ביסל צוגעוואַרט, ביז איר וואָלט מיר געעפנט.

אָשער האָט ניט אָנטיילגענומען אין דעם שפּיצל. ער איז צופעליק פאַרבײַגעגאַנגען און געזען, ווי איזיע „פּיקירט״. אָבער ער איז דערפון ניט ניספּאָעל געוואָרן. סאַפּקאָלסאַף איז דאָס שוין ניט אזא העלדישקײַט. וואָס ס'האָט אים יאָ איבעראַשט, איז געווען איזיעס אויסערגעוויינלעכע רויִקײַט דערבײַ. ער, אָשער, אָדער עמעץ אַנדערש וואָלט מיסטאַמע אויך געקאָנט אזוי א שפּרונג טאָן, אָבער דעמלט נאָר, ווען ס'וואָלט שוין קיין אַנדער ברייַרע ניט געווען. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, וואָלט ער אומ־באַדינגט א קוק געטאָן אַראָפּ, אויסגעמאָסטן מיטן אויג די שטרעקע, און ס'וואָלט זיך אים געוויס אויסגעוויזן, אַז דער שפּרונג איז א סאַך א גע־פערלעכערער, ווי ער איז אינדערעמעסן געווען, נו, און נאָכדעם, נאָכן שפּרונג, וואָלט ער עס שוין געוווּסט, ווי צו באַמאָלן...

איזיען האָט מען געהאַלטן פאַר א באַגרענעצטן, מאַכמעס ער איז גע־ווען עפּעס זייער וואָכעדיק. אָשער אָבער האָט אים דאַפקע דערפאַר גע־שעצט, און כאָטש אליין אָשער איז געווען א גרויסער פאַנטאַזיאָר, האָט ער געהאַלטן, אַז טאַקע ווײַל איזיע איז ניט קיין פאַנטאַזיאָר און פאַרגרע־סערט דעריבער קײנמאָל ניט די שוועריקײַטן, וואָס שטייען אים פאַר, איז ער פּראַקטיש נוצלעכער, ווי אַנדערע.

אַצינד האָט איזיע רויִק און פלײַסיק געשלעפּט קלעצער, פאַרזשאַווערט אײַזן, שטיינער, מעבל, אָנגעהויפנט עס לעבן דער פאַרטקע, בא די טירן און פענצטער, און געטאָן האָט ער דאָס אלץ אזוי זאַכלעך, גלײַך ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס געמאַכט באַריקאַדעס. שײַע, איציק און אַנדערע האָבן אים פלײַסיק געהאָלפן.

שײַע איז איינער פון דער כעווערע לייצים אין שטאָט. אפילע איצט, העלפנדיק בראָניען אונטערקײַקלען צו דער טיר א שווערן קלאָץ, מוז ער א שפּאַס טאָן:

— אויב מיר וועלן מאָרגן ניט שטאַרבן, וועלן מיר איבערמאָרגן כאַ־סענע האָבן.

איציק האָט אומעטיקע אויגן און א וואַרעמע האַרציקע שטים. ער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, טוט זײַן אַרבעט זייער ערנסט און זינגט זיך שטיל צו עפּעס א טרויעריק ניגנדל.

דאָווידן און מאָטלען, וועלכע זײַנען די גאַנצע צײַט געווען אין זײַן גרופּע, האָט אָשער געשיקט נאָכן געווער, וואָס איז געלעגן פאַרבאַהאַלטן אין א פאַרוואָרפענער כאַלופּע ניט ווײַט פון דער שטאָט. די דאָזיקע גע־פערלעכע אָפּעראַציע האָט אָשער פאַרטרויט גראָד זיי, ווײַל דער פאַר־ברוינטער מאָגערלעכער דאָוויד איז געווען זייער א דרייסטער יאַט און

דער בלאָנדער מאָטל האָט גוט גערעדט דײַטש, אָן אַן אַקצענט, און פאַר א נויט קאָן ער זיך אָנגעבן פאַר א „פאָלקסדויטשע".

דעם סאַמע ייִנגסטן צווישן זיי אַלעמען, ייִסראָעליקן, האָט אַשער געשיקט נאָך די כעוורע, וועלכע וואַלטן, לויט זײַן מיינונג, געווען גרייט צו פּאַרטיי־ניקן זיך צו זיי. ייִסראָעליק האָט נישט געהאַט ניט קיין פאָטער, ניט קיין מוטער (די פאַשיסטן האָבן זיי דערהארגעט). ער האָט פאַרגעטערט דעם שלאַנקן שיינעם אַשערן, מוירע געהאַט דורכלאָזן כאָטש איין וואָרט זײַנס.

אַשערס גרופּע איז קיינמאָל ניט געווען גרויס אין צאָל. די אויסשליס־לעכע באַדינגונגען האָבן געפאָדערט שטאַרקע פאַרקאָנספּירירטקייט. אצינד זײַנען זיי פאַרבליבן גאָר ווייניק, ווײַל ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די אַקציעס, זײַנען אייניקע פון זיי אומגעקומען צווישן די ערשטע.

אַז מיילעך אַדערמאַן איז אוועק, האָט מייער צונויפגערופן דאָס הויז־געזינד, און מ׳האָט גאַכמענען אַראָפּגעלאָזט אין גרוב. די קינדער, וועלכע מ׳האָט זיבן מאָל געליגט שלאָפן און זיי זײַנען זיבן מאָל ווידער אויפ־געשטאַנען, זײַנען געשטאַנען, ווי אַלע, באַם פרישן קייווער און שטיל געכליפּעט צוזאַמען מיט זייערע מוטערס און שוועסטער. זיי האָבן מוירע געהאַט ווײנען אף א קאָל, ווײַל הויך ווײנען איז אויך געווען געפערלעך.

ווען איציק האָט אָנגעהויבן זאָגן קאַדעש, האָט דער אַלטער מייער פּלוצעם א זאָג געטאָן:

— ווײנט אײַך אויס. צום לעצטן מאָל.

אין דעמלט דאָס געוויין שטאַרקער געוואָרן. אַשער האָט געוואָלט אָנ־שרײַען אף די ווײַבער. נאָר דער זיידע האָט אים מילד פאַרשטעלט דאָס מויל מיט זײַן דלאָניע:

— טשעפּע זיי ניט, לאַזער. זאָלן זיי זיך אויסוויינען.

באַם זיידן האָט לאַזערס נאָמען זיך אַרויסגעכאַפּט אומגעריכט. מעגלעך דערפאַר, וואָס ער האָט די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן אים. נאָר פאַר אַשערן איז דאָס געווען ווי א פאַראַל. ער איז געווען שטאָלץ, וואָס דער זיידע האָט אים אָנגערופן מיטן נאָמען פונעם פעטער.

פּלוצעם האָט אַשער דערהערט א לאַנגן פײַף. דאָס איז געווען א סי־מען, אַז דאַוויד און מאָטל האָבן געבראַכט דאָס געווער. האָט אים שוין ניט געקימערט, וואָס מע ווײנט אף א קאָל. קאָנספּיראַציע איז שוין איצט איבעריק. זאָלן זיי ווײנען. דעם פעטער נאַכמען האָט אָפּגעגליקט. מע האָט אים דעם ערשטן דערהארגעט. איז נאָך דאָ, ווער ס׳זאָל אים באַווײנען.

מאַניק האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר א דערוואַקסענעם. ער האָט אָבער אויך געוויינט. ער האָט זייער ליב געהאַט דעם פעטער נאַכמען. ס׳האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז פאַר אים, פאַר מאַניקן, האָט זיך אַלץ איבערגערוקט אף איין דאָר. דער זיידע איז געווען פאַר אים ווי א טאַטע, און דער פע־טער נאַכמען — ווי אַן עלטערער ברודער. ער האָט זיך דערמאָנט אצינד, ווי דער פעטער פלעגט אָנבייגן צו אים זײַן לאַנגן קאָפּ און מיט א שטי־לער שטים דערציילן דאָס, וואָס די דערוואַקסענע האָבן ניט געוואָלט הערן: דאָקטאָר זאַמענהאָף האָט דערלאָזט א טאָעס. ער האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט זײַן עספּעראַנטאָ, האָבנדיק אין זינען נאָר די אייראָפּייִשע פעלקער. ער האָט פאַרזען די גוואַלדיק גרויסע אַזיִע און די אופוואַכנדיקע אַפריקע. ער,

נאכמען, וועט א פרווו טאָן רעפאָרמירן עספעראַנטאָ, קעדיי זי זאָל ווירקלעך ווערן א שפּראַך פון פאַרבינדונג, פרײַנטשאַפט און שאָלעם פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט. „ליבער, טײַערער און צעטראָגענער פעטער נאַכמען...״

ווי נאָר דאָוויד און מאָטל זײַנען געקומען מיטן געווער, האָט סאָפּע אופגעהערט וויינען. זי איז אוועק פונעם מאַנס קייווער מיט טרוקענע און ברענענדיקע אויגן, אָפּגערופן דעם זון אָן א זײַט און שטילערהייט אים געזאָגט:

— אָשער, גיב מיר א רעוואָלווער.

דער זון האָט ניט געפרעגט די מוטער: „נאָך וואָס דאַרפסטו א רעוואָלווער?״, ער האָט איר זאכלעך געזאָגט:

— דאָס געווער וועל איך צעגעבן א ביסל שפּעטער. איך דאַרף פריִער וויסן, וויפל מ׳האָט געבראַכט.

— איך דאַרף אָבער שוין.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אזוי, אז אָשערן איז פאַרבליבן נאָר צו ענטפערן:

— גוט, מאַמע, אָט האָסטו.

— ער האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע א בראַונינג און געגעבן דער מוטער.

— ווײַז מיר, וויאזוי שיסט מען פון דעם.

אָשער האָט איר באַוויזן.

— אצינד גיב מיך א קוש.

— גייסט אוועק?

— יאָ.

— וואָס האָסטו פאַרטראַכט? ווּעסט אין ערגעץ ניט גיין.

— איך מוז גיין. איך מוז!

דאָס איז ווידעראמאָל געזאָגט געוואָרן אזוי, אז אָשער האָט געוווּסט, לויט זיך האָט ער געוווּסט, דערווידערן איז ניט שײַעך, ס׳וועט ניט העלפן.

ער האָט ארומגענומען און א קוש געטאָן די מוטער. סאָפּע האָט אָנגעטאַפּט מיט די פינגער די שפּורן פון די בראַנדוווּנדן אף זײַן פּאָנעם, איבערגעקושט זיי אַלע און געזאָגט:

— זײַ געזונט, אָשערקע!

11

געווער איז געווען ווייניק.

מענטשן זײַנען געווען ווייניק.

האָפענונגען זײַנען געווען ווייניק.

ווייניק? און מיראָשניטשוק?.. לאָזער?.. עפשער... זיי מוזן דאָך!..

דערווײַל אָבער מוז מען זיך פאַרלאָזן אף די אייגענע קויכעס. זיך פאַרלאָזן און גלייבן, פעסט גלייבן, אז עס זײַנען דאָ בא אונדז טרײַע און מוטיקע מענטשן... א סימען, אָט זײַנען צוגעקומען נאָך צוועלף כעוורע.

דאָס האָט זיי אילקאַ געבראַכט מיט זיך. אילקאַ און וואַניע און יִסראַליק. סטאַסיק רופט אויס באַגײַסטערט, אַף זײַן אויפן:

— מיר זײַנען איצט אַן אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע.

דערמיט וויל ער דערמאָנען, וואָזוי מע האָט אין שפּאַניע געקעמפט קעגן פאַשיזם.

אין הויף איז מיטאַמאָל געוואָרן ענגער, אַפן האַרצן וואַרעמער. געוואָר האָט איצט ניט געסטײַעט פאַר אַלעמען. דער אַלטער האָט געבראַכט פון דער קוזניע האַמערס. דעם שווערסטן האָט ער גענומען זיך.

ס'האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, איזיע אָבער האָט נאָך אַלץ זיך געייִ־סעקט, עפּעס נאָכאַמאָל אויסגעפּרווּוט, עפּעס צורעכט געמאַכט. ער איז גע־ווען ענלעך אַף אַ מוליער, וועלכער האָט אויסגעבויט פאַר דער נאַכט אַ שטיינערנע וואַנט און איצט, בײַ דער שײַן פון טאָג, קוקט ער איבער, צי אַלץ איז ווי ס'דאַרף צו זײַן. פּלוצעם האָט ער דערהערט אַ קלאַפּ אין דער פאַרטקע און אַ צוגעטויבטע שטים:

— לאָזט מיך אַרײַן. דאָס בין איך, רוגמאַן.

איזיע האָט אים דורכגעלאָזט און ווידער פאַרשפּאַרט דאָס טירל.

עמע איז געזעסן מיטן קינד אַף די הענט. דאָס קינד האָט געזויגן די ברוסט. זי האָט ניט געזען, אַז לעאָן איז אַרײַנגעקומען. ער האָט געכאַפּט אַן אומעטיקן קוק אַף איר בלייך, אָבער נאָך אַלץ זייער שיין פּאָנעם און געזאָגט:

— איך וועל בלײַבן מיט אײַך. אויב איר וועט מיר דערלויבן. איך האָב איצט מער קיינעם ניט.

— גוט, לעאָן. בלײַבט מיט אונדז.

זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס קינד אין וויגל, אַ וויג געטאָן עס פונדער־גרינג און ערשט איצט גענומען באַקוקן לעאָנען.

— איר ווייסט, לעאָן, כ'האָב געזאָגט ציפּען, אַז איר זענט דער פאָ־טער פון מײַן קינד.

לעאָן איז צוגעגאַנגען צום וויגל, אָנגעבויגן זיך און לאַנג אײַנגעקוקט זיך, ווי דאָס קינד האָט מיט גרויס פאַרגעניגן צוגעטשמאָקעט מיט די רויטע פײַכטע ליפּעלעך און געלאָזט פּוכירן. דערנאָך האָט ער גענומען עמעס האַנט און אַ קוש געטאָן.

— איר האָט ציפּען ניט געזאָגט קיין ליגן. איך בין גרייט זײַן אַ טאַטע דעם קינד...

אַ ביסל שפּעטער איז געקומען צו לויפן רויטמאַן. מ'האָט אים ניט אַרײַנגעלאָזט. האָט ער געבעטן צורופן בראָניען צו דער פאַרטקע.

— בראָניעו! — האָט ער גערופן, — בראָניע, לאָז מיך אַרײַן!

בראָניע האָט געשוויגן. רויטמאַן האָט פאַרביטערט געשריגן:

— אַלע ייִדן האָבן זיך שוין צונויפגעקליבן אַפן פּלאַץ. מ'האָט באַ־פוילן שוין אַראָפּברענגען אײַך. אַניט וועט מען אײַך אַלעמען שיסן.

בראָניע האָט אים געענטפערט:

— מיר וועלן אין ערגעץ ניט גיין, באָריס.

זי האָט צוגעלייגט דעם אויער צו דער פּאַרטקע. גאָרנישט ניט דער־הערט. ניט קיין ענטפער, ניט קיין קלאַנג פון זיך דערווײַטערנדיקע טריט. רויטמאַן איז געשטאַנען און געטראַכט.

— בראָניעו! — האָט ער ווידער א רוף געטאָן.

— יאָ, איך הער.

ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט.

דעמלט האָט בראָניע אים געפרעגט:

— דו ווילסט, מיר זאָלן דיך ארײַנלאָזן און וועסט פארבלײַבן מיט אונדז?

— יאָ. איך דארף אײַך עפּעס זאָגן. זייער וויכטיקס.

בראָניע האָט צוגערופן אָשערן.

— אויב ער איז אליין, וועלן מיר זיך מיט אים אן אייצע געבן, — האָט אָשער געזאָגט און געהייסן ארײַנלאָזן רויטמאַנען.

ער איז ארײַן און אָנגעהויבן אויסליידיקן די קעשענעס, ארויסגעלייגט דרײַ רעוואָלווערן. א צופרידענער האָט אָשער אים א קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און דאָ באלד געוואָלט צעגעבן די רעוואָלווערן. פּלוצעם האָט ער אָנגעשטעלט די אויגן אף רויטמאַנען:

— וויאַזוי האָט געטראָפן צו אײַך אָט דער בראַונינג?

— איר האָט אים דערקענט?

— יאָ, דערקענט, — איז אָשער געוואָרן בלייך ווי די וואַנט.

— מיט דעם בראַונינג האָט מען באַנאַכט דערשאָסן מילבורן.

— און וואָס איז געשען מיט...

— אײַער מאַמען האָט מען אפן אָרט דערהארגעט. כוץ מיר, האָט זי דערווײַל קיינער ניט דערקענט. זי איז אינגאנצן גראָו געוואָרן.

אָשער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ... דערנאָך זיך אופגעטרייסלט, אָפּ־געגעבן צוויי רעוואָלווערן זײַנע כאַווײרים. דעם בראַונינג האָט ער ארײַנ־געלייגט צו זיך אין קעשענע.

באָריס האָט געזאָגט אָשערן:

— איך וועל אײַך ברענגען נאָך געוועו׳, נאָר לאָזט אָפּ בראָניען...

— מיר האנדלען ניט מיט בראָניען. ווילסט איר עפּעס זאָגן, איז זאָג איר אליין.

— בראָניעו! טו א גוטן טראַכט. איך וויל ניט, זאָלסט שטארבן, — האָט באָריס געזאָגט בראָניען.

— און איך וויל אַזוי ניט לעבן, — האָט בראָניע געענטפערט.

ער איז אוועק.

דער אלטער מייער האָט געזען, ווי אָשער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איז ער צוגעגאַנגען צו אים. געוואָלט אים זאָגן עפּעס א וואַרעם וואָרט, וואָס זאָל אים דערמונטערן, טרייסטן. וואָס?.. דער אלטער האָט נאָך אליין ניט געוווּסט. ער שטייט שוין אָבער באַנאַנד מיטן אייניק. האָט ער א זאָג געטאָן, גלײַך ווי ס׳איז גאָרנישט ניט געשען:

— ווייסט וואָס, אָשערל, קאָפּע מיר ארײַן די טראָפּנס אין די אויגן.

זיי זײַנען ארײַן אין שטוב. אָשער האָט אָנגענומען אין דער פּיפּעטקע עטלעכע טראָפּנס, ארײַנגעקאַפּעט אינעם זיידנס אויגן.

דער אלטער האָט געפרעגט:

— מע האָט זי דערהארגעט?

— דערהארגעט, — האָט געענטפערט אָשער.

— וואָס קאָן מען טאָן, יאָסעמל מײַנס... — האָט מייער ארומגענומען אָשערן, — אזא גורל וואַרט הײַנט אַף אונדז אַלעמען.

ווי קעדיי צו באשטעטיקן די דאָזיקע ווערטער, האָט זיך פלוצעם דער־הערט א דונערנדיקער קלאַפּ אין דער פאַרטקע און באלד נאָך דעם — ציר־פּעס דראָענדיק־הייזעריקע שטים.

— עפנט שוין אוף! אניט דערשיס איך אײַך אלע!

אָשער איז ארויסגעלאָפן אין הויף. דער אלטער — נאָך אים.

מע האָט ניט אופגעהערט צו קלאַפּן. דערנאָך האָט אָפּגעהילכט א שאָס. און ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. דערנאָך א צווייטער שאָס, א דריטער.

אָשער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האנט דאָווידן, וואָס איז געשטאַנען בא דעם פאַרבאַריקאַדירטן ארײַנגאַנג מיט אן אווטאָמאַט אין די הענט. דאָוויד האָט אויסגעשאָסן. ציופּא האָט זיך צוגעזעצט, האַלטנדיק זיך מיטביידע הענט פאַרן לינקן פוס.

ווען דאָס איז דערגאַנגען צו לײַדקען, וועלכער האָט פאַרנומען דאָס אָרט פונעם דערשאָסענעם מילבורן, האָט ער ארויסגערופן דעם אונטער־אָפיצער שטומבאכן און אים באַפוילן:

— גייט און מאכט א סאָף דערמיט.

— וועמען נעמען מיט זיך?

— קיי־נעם ניט. גייט אליין. דעם וואָלף איז אלצייַנס, וויפל שעפסן ס'זײַנען פאַראַן אין דער טשערעדע.

לײַדקע האָט ליב געהאַט נוצן אָט דעם אַפאָריזם, זיך באַרימט, אז ער האָט אים צוגעטראַכט, כאָטש אוועקגעלאַקכנט האָט ער אים בא ווערגילי׳ען.

— אָבער, ציופּא... — האָט א פּרוּוו געטאָן דערווידערן שטומבאַך.

— ציופּא איז ניט קיין וואָלף. ער איז א סלאַוו און א שיקער. ווי קומט ער צו אײַך? איר זײַט אן עכטער דײַטשישער וואָלף. אָט האָט איר אן אויספּרוּוו. טוט עס אלץ אָפּ אליין. איר ווייסט, אז איך האָב ניט קיין מענטשן. אלע זײַנען פאַרנומען מיט דער אקציע אין דער „לאַנגער באַלקע".

איבער א מינוט צוואַנציק האָט מען ראַפּאָרטירט לײַדקען, אז שטומ־באַך איז דערהאַרגעט.

דאַן האָט לײַדקע ארויסגערופן דעם פעלדפעבעל בראַק, דערלויבט אים מיטנעמען מיט זיך אן אָפּטיילונג זעלנער, וואָס איז געווען פאַרנומען אַף דער „אקציע", און אים באַפוילן ליקווידירן די „נעסט".

— פאַרגעסט ניט מיטנעמען א צענדליק גראַנאַטעס, — האָט ער צוגע־געבן, — און פאַרענדיקט דערמיט אַנטשיידן און גיך.

מאַניקן האָט מען נישט פאַרטרויט ניט קיין ביקס, ניט קיין רעוואָלווער. ער האָט זיך ניט באַליידיקט, סײַווי האָט ער ניט געוווּסט, וויאַזוי באַגיין זיך מיטן געווער. איז ער געשטאַנען און געוואַרט אַף דער מינוט, ווען מע וועט אים הייסן עפּעס טאָן. אַלץ, וואָס קומט פאָר, האָט אים אויסגעזען ניט רעאַל, ווי א כאַלעם.

— איר קאָנט האַרגענען מענטשן? — האָט ער געפרעגט בא שײַען, וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט פון אים מיט א ביקס אין דער האַנט.

— יאָ, כ'קאָן.

— און איר האָט שוין עמעצן געהאַרגעט?

— אַ־האָ! דו האָסט ניט אַזױפיל קלײַען אפן פּאָנעם, — האָט שײַע, ווי זײַן שטייגער איז זיך געוויצלט.

— און זיי כאַלעמען זיך אײַך ניט באַנאַכט?

שײַע האָט ניט באַוויזן עפּעס זאָגן, ווי ס'האָבן איינע נאָך דער אַנדערער, זיך אָנגעהויבן אופרײַסן גראַנאַטעס. מאַניק האָט דערזען, ווי שײַע האָט זיך א שאָקל געטאָן און אַנידערגעפאַלן. מאַניק האָט זיך אָנגעבויגן צו אים און דאָ האָט ער דערהערט עמעס פאַרצווייפלטן געשריי.

עמע האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַף א רעגע צו זיך אין צימער. באַם וויגל איז געשטאַנען, שטיל געשטאַנען, דער אַלטער מייער. זיי האָבן געקוקט איינער אפן אַנדערן, דער סאַמע עלטסטער אין דער שטוב און דאָס סאַמע יינגסטע, א זאָקן און אַן אייפעלע. „זיי גענזעגענען זיך שווײַגנדיק פאַרן טויט" — האָט א טראַכט געטאָן עמע. פּלוצעם האָט זיך דערהערט א קנאַל און באַלד נאָך דעם קינדערשע יעלאָלעס. זיי האָבן זיך דערטראָגן פון א ווײַטן צימער, ווו מע האָט באַשטאַט די קינדער. יענער צימער, האָט אַשער געהאַלטן, איז דער סאַמע זיכערסטער. די קינדער האָט מען באַפוילן זיצן שטיל און שפּילן זיך מיט ליאַלקעס. ווען עמע איז אַרײַנגעלאָפן, האָט זי דערזען אפן דיל ביידע סאָניעס, וואָס האָבן זיך פאַרכלינעט אין זייער אייגן בלוט.

די קינדערשע יעלאָלעס האָט מאַניק אויך דערהערט. ער האָט אופגעהויבן די ביקס, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון שײַעס טויטער האַנט, זייער אופמערקזאַם צוגעקוקט זיך, ווי ייסראַליק, וואָס האָט פאַרנומען שײַעס אָרט, שיסט, אָנגעצילט זיך, אויסגעשאָסן, און דערשטוינט געוואָרן, ווען א מעגושעמדיקער זעלנער האָט זיך א שאָקל געטאָן און איז אַנידערגעפאַלן. מאַניק האָט געשאָסן נאָך און נאָך.

עמע איז ווידער געשטאַנען באַנאַנד מיט בראָניען. די קינדער האָט זי געלאָזט אַף גיטען. רעכטס פון בראָניען איז געשטאַנען וואַניאַ. ער האָט געשאָסן רויִק, דערבײַ באַוויזן אונטערצומונטערן בראָניען. מיטאַמאָל האָט זיך איבער זייערע קעפּ אופגעריסן א גראַנאַטע. וואַניאַ איז אומגעפאַלן. עמע האָט געשאָסן און געציילט: „דאָס איז פאַר סאָניען דער ערשטער. דאָס — פאַר סאָניען דער פערטער..." איזיע האָט איר באַמערקט, אַז זי זאָל שאַנעווען פּאַטראָנען. ער האָט געהאַט אַזאַ אויסזען, איזיע, גלײַך ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס דורכגעפירט אין שלאַכטן. דאָס האָט ער דער ערשטער דערזען, אַז דרײַ דײַטשן פּרוּוון מאַכן די פּלייטע. זיבן זעלנער און דער פעלדפעבעל בראָק אַליין זײַנען געלעגן אפן ברוק. מיט שטאָלץ און

ביטערקייַט האָט אָשער א טראכט געטאָן: בא זיי — אכט, בא אונדז — פיר. שייַע, וואניא, רוגמאן און איציק... אָבער ס'איז נאָך פארבליבן א הייַפל. עך, ווען לאָזער זאָל זיך א יאווע טאָן!

אז ליודקע האָט זיך דערוווּסט וועגן דער מאפּאָלע, האָט ער ארויסגערופן א גרופּע סאָלדאטן און אליין אוועק מיט זיי צו מייערס שטוב. אויב ער 'וועט וואָס גיכער ניט מאכן קיין ענדע צו אָט דער געשיכטע, וועט ער כאפּן א מיִעסן פּסאק.

אָשער האָט פארשטאנען, אז אצינד שטייט פאָר אויסצוהאלטן אן אנטשיידענע אטאקע. ער האָט אָבער ניט דערוואַרט, אז דאָס וועט געשען אזוי גיך. ער האָט געמיינט, אז צו נאכט־צו וועלן די דייַטשן גאָרנישט ניט פאָרנעמען.

— אזויארום, — האָט אָשער געייצעט זיך מיט איזיען, — וועלן מיר האָבן א גאנצע נאכט, איז עפּשער וועלן מיר עפּעס צוטראכטן, עפּשער וועלן אונטערקומען די פארטיזאנער, עפּשער וועלן מיר אפילע אליין א פּרווו טאָן זיך ראטעווען אין וואלד...

אָשער האָט אפּסנייַ צעשטעלט די מענטשן, דערלויבט זיי אפּגיך עפּעס איבערכאפּן. זלאטע, גיטע און די פּופּצניאָריקע מילע האָבן פאנאנדערגעטראָגן פאר די קריגסלייַט (אזוי האָט זיי מילע שטאָלץ אָנגערופן, אייַנשליסנדיק אויך איר עלטערע שוועסטער, בראָניען) הייסע בולבעס אין שאָלעכץ, וואָס מ'האָט אין אייַלעניש אָפּגעקאָכט.

לעבן נאכמענס קייווער האָט מען אוועקגעלייגט שייַען, וואניען און רוגמאנען. לעאָנס און וואניעס פארטונקלטע אומבאוועגלעכע פּענעמער זייַנען געווען ערנסט, אָנגעשטרענגט. בא שייַען איז דאָס מויל געווען האלב־אָפּן, גלייַך ער האָט געוואָלט אוועק פון דער וועלט מיט אן אייביקן שמייכל אף די ליפּן. קוקנדיק אף אָט דעם פארגליווערטן שמייכל, האָט זיך בראָניע דערמאָנט: „אויב מיר וועלן מאָרגן ניט שטארבן, וועלן מיר איבערמאָרגן כאסענע האָבן”. עמע האָט געקוקט אף לעאָנען. ס'האָט זיך איר געוואָלט וויינען, און זי האָט ניט געקאָנט. דאָס הארץ איז געווען ווי פארשטיינערט. דאָס קלעמעניש האָט זיך אָנגעהויבן ערשט שפּעטער, ווען זי האָט איבערגעבונדן איציקן זייַן פארוווּנדעטע האנט. איר האָט זיך מיטאמאָל לייַדנשאפטלעך פארוואָלט, אז עפּעס וועגן אָט די לעצטע שאָען אירע זאָל אף וועלכן־ניט־איז אויפן דערגיין צו פּיאָדאָרן. כאָטש א קלייניגק קוויטעלע. עפּעס א פּיצעלע יעדיִע וועגן איר און וועגן זייער קינד. וויִאזוי?.. דאָס האָט זי ניט געוווּסט. און וואָס קאָן זי אים באשרייַבן אף א פּיצל פּאפּיר? גאָרניט. עפּשער נאָר דאָס: פון פיר סאָניעטשקעס איז קיין איינע ניט געבליבן...

בלויז איזיע איז געווען רויִק. ער איז ארויף אף דער באריקאדע און וואכזאם נאָכגעשפּירט נאָכן וועג. פּלוצעם איז ער אראָפּגעשפּרונגען און צוגעלאָפן צו אָשערן. אפן וועג האָבן זיך באוויזן סאָלדאטן, ניט ווייניקער, ווי א ווזוואָד. אָשער האָט באפוילן אלעמען פארנעמען זייערע ערטער. „וועלן מיר, הייסט עס, ניט האָבן אפילע קיין איין נאכט אין אונדזער רעשוס, — האָט א טראכט געטאָן אָשער. — נו, ס'איז שוין אלצייַנס...”

די דייַטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט גאנץ ווייַטלעך פון דער באריקאדע.

איגגיכן האָט זיך פון צווישן זיי אָפּגעטיילט איינער. ער האָט זיך דערנעענטערט און עפּעס אויסגעשריגן.

— וואָס שרײַט ער? — האָט אָשער געפרעגט בא מאָטלען, וואָס האָט זיך אופגעהויבן אף דער באַריקאַדע.

— זיי פאָדערן, מיר זאָלן זיך אונטערגעבן.

— אף וועלכע באַדינגונגען? — האָט אף יעדן פאַל געפרעגט אָשער.

מאָטל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום דײַטש, דערנאָך צו אָשערן.

— קיינע באַדינגונגען. פאַרלאָזן זיך אף זייער גנאָד. זיי גיבן אונדז צען מינוט אף באַטראַכטן.

— שיקט אים צו אלדי רוכעס, — האָט אויסגעשריגן אָשער.

מאָטל האָט דאָס וואָרט אין וואָרט איבערגעזעצט דעם דײַטש.

די אַטאַקע האָט זיך אָנגעהויבן פּינקטלעך אין צען מינוט אַרום. די דײַטשן האָבן פאַרוואָרפן די שטוב מיט אַזויפיל גראַנאַטעס, אַז זי האָט אָן אופהער זיך געטרייסלט, און ס'האָט זיך אויסגעוויזן אָט־אָט וועט זי א פאַל טאָן. אין די קורצע פּאַוזעס צווישן די אופרײַסן האָט זיך געלאָזט הערן דאָס פאַרצווייפלטע געוויין פון די קינדער.

אָשער האָט ניט געקאָנט באַנעמען, פאַרוואָס די דײַטשן, אַנשטאָט צו אָנגרײַפן די אָפּגיך אופגעשטעלטע שוואַכע באַריקאַדע, אַטאַקירן די שטיינערנע געבײַדע. מיט עפּעס א טײַוולאָנישער אַנטשלאָסנקײַט האָבן זיי געוואָלט פאַרניכטן, פאַרטיליקן, אָפּווישן פון דער ערד אָט די שטוב מיט אירע ווידערשפּעניקע אײַנוווינער, וועלכע האָבן געוואַגט זיך קעגנשטעלן דעם דײַטשישן רײַך.

איגגיכן האָט ליודקע זיך איבערצײַגט, אַז דאָס וועט אים צו טײַער קאָסטן. דאָרטן, פון יענער זײַט באַריקאַדע, שטייען, זעט אויס, טרעפּלעכע שיסער. די רייען פון די דײַטשן ווערן אַלץ שיטערער. און ער האָט באַפוילן ווענדן דאָס פײַער קעגן דער באַריקאַדע.

אָשער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער סאָף איז נאָענט. די באַריקאַדע איז שוין קימאַט צעשמעטערט. קוילן זײַנען אויך געבליבן ווייניק. ער האָט אוועקגעוואָרפן זײַן אויטאָמאַט, ווײַל ער האָט מער ניט געהאַט מיט וואָס צו שיסן. א ביסל העכער פון זיך האָט ער דערזען דאָווידס אונטערגעהויבענעם אַקסל. הייסט עס, ער שיסט. דאָוויד איז ווערט א צענדליק אַנדערע. באַנאַנד מיט אים האָט געשאָסן אילקאָ. פּלוצעם האָט דאָווידס אַקסל א ציטער געטאָן, ער איז אומגעפאַלן. אילקאָ האָט אונטערגעכאַפּט זײַן אויטאָמאַט און איבערגעוואָרפן אָשערן. ער דאַרף איצט, אָשער, שיסן פאַר צוויי. אילקאָ האָט זיך אויך א וואַקל געטאָן און אַנידערגעפאַלן. אַצינד דאַרף ער, אָשער, שיסן פאַר דרײַ...

נאָר איין איזיע האָט ניט פאַרלוירן זײַן קאַלטבלוטיקײַט. ער האָט אוואַדע ניט געריכט זיך אף קיין ניצאָכן. ער האָט אָבער געהאַט פאַר זיך א קלאָרן ציל — דערשיסן וואָס מער דײַטשן. ער האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אין א באַקוועם באַהעלטעניש און פון דאָרטן געצילט זיך, און יעדער שאָס האָט אַנידערגעוואַלגערט א פאַשיסט. ליודקע איז געווען זיכער, אַז אין יענעם אָרט האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די לעצטע באַריקאַדע־באַשיצער, און ער האָט באַפוילן פאַרוואַרפן עס מיט גראַנאַטעס. איזיע איז געפאַלן,

ניט ארויסלאָזנדיק דעם אויטאָמאַט פון די הענט. ניט ווײַט פון אים זײַנען געפאַלן מאָטל און ייִסראָליק. בלויז עטלעכע מענטשן זײַנען פאַרבליבן לעם אָשערן, צווישן זיי — עמע און בראָניע.

„כאָטשבי איין מאָל נאָך א קוק טאָן אָפן קינד, — האָט א בליץ געטאָן אין עמעס באַוווסטזײַן. — ניין. ס'איז אומעגלעך".

אָשער האָט אוועקגעוואָרפן דעם צווייטן אויטאָמאַט, ס'האָבן זיך געענדיקט די פאַטראָנעס. ער האָט אָבער נאָך געהאַט א גראַנאַטע. דערווײַל האָט ער ארויסגענומען פון דער קעשענע דעם בראַונינג, עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן און אים איבערגעגעבן בראָניען:

— נעם. ס'איז נאָך פאַרבליבן איין קויל...

אצינד, ווען דאָס פײַער פון דער באַריקאַדע האָט אופגעהערט, האָבן די דײַטשן זיך געלאָזט לויפן צום הויף. דעמלט האָט אָשער א שלײַדער געטאָן אין זיי די גראַנאַטע און אנידערגעפאַלן באַנאַנד מיט עמען...

ווען די פאַשיסטן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין הויף, האָבן זיי דערזען א סאַך הארוגים. צווישן זיי איז געשטאַנען אָן איבערגעשראָקן מענטשל מיט אופגעהויבענע הענט. דאָס איז געווען מוישע גובער. ער איז אָבער באַלד אומגעפאַלן מיט א קויל אין הארצן. די דײַטשן האָבן זיך אומגעקוקט. הינטער דער באַריקאַדע, האָט זיך פאַרטײַעט א מיידל. דאָס איז געווען בראָניע. מיט דער לעצטער קויל, וואָס זי האָט פאַרהיט פאַר זיך, האָט זי דערשאָסן איר פאָטער. די דײַטשן זײַנען צוגעלאָפן צו איר. צווישן זיי און בראָניען איז פלוצעם אויסגעוואַקסן רויטמאַן, א בלייכער, א שרעקלעכער.

— טשעפּעט זי ניט, דאָס איז מײַן קאַלע.

ליודקע האָט אויסגעשאָסן א געלעכטער:

— אזוי גאָר?.. אַנטשולדיקט, ביטע.

ליודקע האָט אַרײַנגעשטעקט רויטמאַנען אין די הענט א פּיסטאָלעט:

— אַנטשולדיקט אונדז, הער יודן־פּאָליצײַ. דערשיסט זי אליין.

ליודקע האָט א דריי געטאָן רויטמאַנען מיטן פּאָנעם צו בראָניען:

— נו?

רויטמאַן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

ליודקע האָט מיט איין האַנט אָנגעכאַפּט רויטמאַנען פאַרן קין און מיט דער צווייטער אים דערלאַנגט אין פּאָנעם.

— דערשיס זי באַלד! אַניט...

רויטמאַן האָט אופגעהויבן זײַן ציטערנדיקע האַנט, אָנגעצילט זיך. אָף עפּעס אַן אויגנבליק האָבן זיך זײַנע אויגן באַגעגנט מיט בראָניעס, ער האָט דערזען אין זיי דעם אָפּגרונט, אין וועלכן ער געפינט זיך, און איר א וואָרף געטאָן דעם פּיסטאָלעט. זי האָט אויסגעשאָסן זיך אין ברוסט.

רויטמאַן איז אומגעפאַלן באַנאַנד מיט איר, א דורכגעשטעפּטער פון אַן אויטאָמאַט.

כאַרעוו מאַכן, אויסגלײַכן מיט דער ערד סאַפּירס שטוב און אלע ארומיקע ייִדישע הײַזער, האָט ליודקע באַשלאָסן, ווען ער מאָרגן. ס'איז שוין געווען שפּעטע נאַכט, און די סאָלדאַטן זײַנען געווען מיד. איצט האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט א קוק טאָן, וואָס אין שטוב טוט זיך, וואָס איז דאָרטן פאַראַן, אין אָט דער פאַרשאָלטענער הייל? עפּשער עפּעס ציקאַווע זאַכן?

ווי אַ זיגער האָט ער זיך אױפֿגעהױבן אױפֿן האַלב־כאַרעװון גאַנעק. אַ שטופּ געטאָן מיטן פֿוס די טיר, צוגעהערט זיך. שטיל. אַרײַן. פֿינצטער. אָנגעצונדן דאָס לאַמטערנדל. די אױגן זײַנען אים שיר ניט אַרױסגעקראָכן — גלײַך אױף אים האָט אָנגעגריפֿן אַן אַלטער מיט אַ װײַסער באָרד און רױטע אױגן. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ שװערן האַמער. מיט אַלע זײַנע קױכעס האָט דער אַלטער אַ זעץ געטאָן מיטן האַמער איבער ליודקעס קאָפּ, װי איבער אַ קאָװאַדלע.

דער קאָמאַנדיר פֿונעם װזװאָד, קערנער, האָט געזען, װי ליודקע האָט זיך אױפֿגעהױבן אױפֿן גאַנעק, נאָר אױב ליודקע האָט אים ניט פֿאַרבעטן גײן צוזאַמען מיט אים, האָט ער געמוזט פֿאַרבלײַבן אױף זײַן אָרט. אָבער די צײַט גײט, און ליודקע באַװײַזט זיך ניט, איז קערנער געװאָרן אומרויִק. ער איז אָבער געװען מער פֿאָרזיכטיק און װײניקער גיריק, װי ליודקע. האָט ער גענומען מיט זיך צװײ זעלנער און מיט לאַמטערנס און אָנגעצילטע אױטאָמאַטן האָבן זײ אַ שפּאַן געטאָן אין דער פֿינצטערניש. װי נאָר קערנער האָט איבערגעטראָטן די שװעל, האָט ער זיך פֿאַר עפּעס פֿאַרטשעפּעט. אָנגעצילט זײַן לאַמטערנדל, האָט ער דערזען ליודקען מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ און באַנאַנד מיט אים — אַ װײַסבערדיקן זאָקן מיט קראַמפּהאַפּטיק אײַנגעקלאַמערטע פֿינגער אינעם הענטל פֿון האַמער. אױסגעשעפּט דאָס לעצטע ביסל קױכעס אױף אַט דעם לעצטן קלאַפּ, איז מײַער אױך געפֿאַלן אַ טױטער.

קערנער האָט איבערגעשפּאַנט איבער בײדע מײסים און געלאָזט זיך װײַטער, ניט אױפֿהערנדיק דורכשפּיזן די געדיכטע כאַשכעס מיט די שטראַלן פֿון זײַן לאַמטערנדל. די האַנט האָט בײַ אים קעגן זײַן װילן אַ ביסל געציטערט, האָבן די שטראַלן געטאַנצט און אונטערגעשפּרונגען. פּלוצעם איז ער געבליבן שטײן. צװײ געשפּענסטער! גלײַך אױף אים! צװײ געשפּענסטער... אַ בײנערדיק־מאָגערע, װי דער טױט אַלײן, זקײנע, מיט אױסגעשראָקטע הענט און נאָך אַ פֿרױ מיט אַ טױטן שמײכל אױפֿן פֿאַרװײנטן פּנים און מיט אַ שירעם אין דער האַנט. קערנער האָט אױסגעשאָסן צװײ מאָל. אױב דאָס זײַנען מענטשן — װעלן זײ אומפֿאַלן. אױב געשפּענסטער — איז קױלן פֿאַר זײ װי גאָרנישט מיט נישט.

זײ זײַנען ניט אומגעפֿאַלן. זײ זײַנען נאָך אַלץ געגאַנגען אױף אים. מיט ציטערנדיקע פֿינגער האָט קערנער װידער אָנגעדריקט אױפֿן צינגל. די געשפּענסטער אָבער האָבן װידער באַװעגט זיך גלײַך אױף אים. קערנער האָט װילד אַ געשרײ געטאָן און איז אומגעפֿאַלן.

אײן זעלנער האָט זיך אָנגעבױגן צו קערנערן. דער צװײטער האָט אַרױסגעלאָזט אַ קױלן־רײ איבער די געשפּענסטער. זײַנען זײ אומגעפֿאַלן.

און אױף גאָר דער װעלט, אױף דער גרױסער שײנער װעלט, איז קײן אײן לעבעדיקער סאָפֿיר מער ניט פֿאַרבליבן.

אַלע זײַנען געלעגן טױט. געלעגן טױט בײַ זיך אין שטוב. אין אַ שטוב, װוּ טאָג און נאַכט האָט געברױזט אַמאָל אַ לעבן. אַצינד איז דאָ געװען טױט־שטיל. װי אױף אַ בעסוילעם. געװען אַמאָל אַ שטוב, װי אַ שטוב. דערנאָך געװאָרן אַ פֿעסטונג. און איצט — אַ בעסוילעם. שאַ. שטיל. װײנט ניט. יאָמערט ניט. װעקט ניט קײן טױטע. ס'איז אומזיסט...

און פּלוצעם האָט די טויטע שטילקײַט דורכגעשניטן א לאנגדויערנדיקער געוואָי פון א הונט. דאָס איז געווען רעזוס. ער איז ארומגעגאנגען צווישן די טויטע קערפּערס, באשמעקט זיי, און זײַן געוואָי איז געווען פול מיט בענקעניש, פול מיט ווייטעק, פול מיט גרויל. קימאט א מענטשלעך געוויין. ביז איצט האָט ער נאָך ניט אָפּגעזוכט דעם הויפּט־באלעבאָס.

די טיר פון דער שטוב איז געווען ברייט צעפּראלט. רעזוס איז ארײַן אין הויז, א שמעק געטאָן, צוגעלאָפן צום אויסגעצויגענעם אפן דיל באלעבאָס, גענומען לעקן אים דאָס פּאָנעם און ווידער צעוואָיעט זיך. פּלוצעם האָט ער אָנגעשפּיצט זײַנע לאנגע אויערן. ער האָט דערהערט א ביטער קינדערש געוויין.

איז רעזוס אוועק אף אָט דעם קלאנג.

אין יענעם צימער איז געווען ליכטיקער, ווי אין אנדערע, ווײַל די לעוואָנע האָט געשײַנט גלײַך אין פענצטער ארײַן. רעזוס איז צוגעלאָפן צום וויגל, פונוואנען ס׳האָט זיך דערטראָגן דאָס געוויין, אופגעשפּרונגען און אָנגעשפּארט זיך מיט זײַנע פּאָדערשטע לאפּעס אפן ראנד פונעם וויגל. דאָס קינד האָט דערזען איבער זיך א מעשונעדיקע בריַע מיט א לאנגער רויטער צונג, וואָס הענגט אראָפּ פונעם מויל, האָט עס זיך צעיאָמערט נאָך שטארקער, נאָך ביטערער...

דאָס איז געווען א צײַט, ווען מ׳האָט ניט געטאָרט האָבן קיין קינדער.

12

...ווער האָט עס אים דערציילט?.. שלוימקע?.. ער האָט דאָך אָבער ניט געקאָנט זען. עפּשער האָט ער אליין, זינטשענקאָ, אלץ צוגעטראכט. עפּשער אין כאָלעם געזען?.. דאָס קינד און רעזוסן. און עפּשער טאקע שלוימקע?.. דאָס איז דאָך זײַנע ווערטער: „...דער הונט האָט זיך ארויסגעוויזן מענטשלעכער פון יענע „מענטשן". זײַנע ווערטער. ער, זינטשענקאָ, איז געשטאנען צווישן די כורוועס. מער גאָרניט. כורוועס און שיימעס. כורוועס, פארזייטע מיט שיימעס. און שלוימקע, וואָס האָט, אונטערטאנצנדיק, פּאָרזיכטיק געשטעלט די טריט, ער זאָל כאסוועכאָלילע ניט אָנטרעטן אף קיין שיימע, און דערציילט אים זאכן, וועלכע ס׳איז אפילע שווער געווען זיך פאָרשטעלן...

פון מידקײַט אָדער פון נערוון־אָנשטרענגונג איז זינטשענקאָ אנדרעמלט געוואָרן. אצינד, אופעפענענדיק די אויגן, האָט ער זיך דערזען אין א פּוסטער סוקע. נאָכן רעגן האָט זי אויסגעזען דערשלאָגן, פאריאָסעמט. צוליב דעם, וואָס אלץ אף דער וועלט ציט זיך צו דער מיט, איז דער דיל פון דער סוקע געווען אינדערמיט (טויזנטער פיס האָבן אים געטאָפּטשעט) נידעריקער, ווי אף די ראנדן, און די רעגן־שטרעמעלעך, וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די שפּארונעס אין די דינע ווענטלעך, זײַנען געגרונען אהער פון אלע זײַטן. ער איז דאָך אָבער ניט געשלאָפן דעמלט! ער געדענקט, ווי ער איז ארומגעגאנגען די קאליוזשע אינמיטן דער פּאָדלאָגע. איז דאָס דאָך אומעגלעך אין שלאָף! אים אָבער ווײַזט זיך נאָך אלץ אויס,

אז ער שלאָפֿט. אָט הייבט אָן צו דעמערן דער גרויער קאַיאָר. באַלד וועט ער אופֿשטיין, זיך אָפּוואַשן, אָפּפּרישטיקן און אַוועק אויף דער אַרבעט. דער ריין־אויסגעגאָלטער וויקטאָר וולאַדימיראָוויטש וועט אים אַ פֿרעג טאָן מיט אַ מילד־וויבערינדיקער שטים:

— איר זײַט שוין געקומען?

— געקומען.

— נו, איר האָט געפֿונען אײַער טאַטער?

וואָס זאָל ער אים ענטפֿערן? ער ווייסט נאָך אַליין נישט.

אין אַ פּוסטן צימער פֿון אַ פּוסטער שטוב — אַ פּוסט וויגעלע.

ניין. רעזוס ראַטעוועט דאָס קינד געשיקט און קלוג, ווי דאָס וואָלט געטאָן די באַרימטע „לעסי". געראַטעוועט און אויסגעהאָדעוועט, ווי די נאָך מער באַרימטע וואָלפֿיכע האָט אויסגעהאָדעוועט רעמען און ראָמולן...

און די מענטשן? ווו זײַנען געווען די מענטשן? שלוימקע, ווו זײַנען געווען די מענטשן?..

אַצינד זעצט ער פֿאָר דעם שמועס מיט שלוימקען, וואָס ער האָט אָנגעהויבן נאָך אין טויזנט נײַן הונדערט פֿיר און פֿערציקסטן.

— שלוימקע, — זאָגט ער אים און וווּנדערט זיך אַליין. ער רופֿט אים „שלוימקע", און יענער איז גראָוו און אויסגעשמאַכט. קרימען, קרימט ער זיך, עמעס, אַ ביסל וויניקער, ער האָט שוין פֿאַשעט קיין קויעך ניט. — שלוימע, איר האָט מיר דאָך דעמלט געזאָגט: „דערמאָרדעט, אַלע דערמאָרדעט..." איז אויב מע האָט אַלע אויסגעהאַרגעט, איז פֿונוואַנען זשע האָט מען זיך דערוווּסט וועגן די אומשטענדן פֿון זייער אומקום?

שלוימקע ענטפֿערט אַצינד רויִק. ער שמייכלט אַפֿילע אַ ביסל צו. זײַן טשענקאָ אײַלט אים ניט אונטער. זאָל ער זיך ניט אופּרעגן. זאָל ער וויניקער זיך קרימען. אַניט, וועט ערווידער אַ זאָג טאָן, ווי דעמלט: „שרעקט אײַך ניט. איך בין נאָך ניט מעשוגע".

— איר זענט דאַן געווען זייער צעמישט, — האָט ער פֿאַמעלעך אָנגעהויבן, — האָט איר מיך פֿאַרשאָטן מיט פֿראַגן: „ווו איז מײַן עמע? ווו איז מײַן קינד?.." דאָס איבעריקע האָט אײַך, ווײַזט אויס, ניט אינטערעסירט. איך האָב אײַך אָנגעהויבן דערציילן וועגן אַלעמען. איר האָט אָבער דעמלט קיין געדולד אָדער קיין צײַט ניט געהאַט אויסהערן מיך, צוווּאָרטן, ביז־וואַנען איך וועל זיך אופּהערן קרימען. איר געדענקט, ווי איר האָט מיך דאַן אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט, מוירע געהאַט, איך זאָל ניט אַנטלויפֿן, איך זאָל פּלוצעם ניט סטײַען, ווי עפּעס אַ געשפּענסט. איך בין געווען הונגעריק, ווי אַ כײַע. איר האָט מיר געגעבן ברויט, קאָנסערוון, איך האָב גיריק געשלונגען אי דאָס, אי יענץ, אויכעט ווי אַ כײַע, וואָס שטענדיק אײַלט זי זיך פֿרעסן, ווען ס'איז אַפֿילע ניטאָ נאָענט קיין שטאַרקערע כײַע, וואָס קאָן אַוועקנעמען בא איר די רויב. און ווען איך האָב זיך ענדלעך אָנגעזעטיקט, האָב איך אײַך דערציילט דאָס, וואָס איך האָב זיך אַליין דערוווּסט פֿונעם רויטן מאָניקן.

— איז דען מאָניק דעמלט ניט אומגעקומען, ווי אַלע?

— ניין. איך האָב עס אײַך געזאָגט. איר האָט אַלץ פאַרגעסן. מע האָט דאָך געמיינט, אַז אויך איך בין אומגעקומען. מע קאָן ניט, ווײַזט אויס, אָפּווישן פון דער ערד, פאַרטיליקן אַלץ אַזוי, עס זאָל קיין זייכער ניט בלײַבן. אַפילע ווען מיט דעם באַשעפטיקן זיך אַזעלכע סאַדיסטן, ווי היטלער, הימלער, אייכמאַן. עפּעס בלײַבט. עמעצער בלײַבט לעבן. און אַלץ ווערט באַוווּסט...

אַצינד הייבט זינטשענקאָ אָן זיך דערמאָנען. יאָ, שלוימקע האָט אים ווירקלעך עפּעס אַזוינס דערציילט. ער שטרענגט אָן זײַן זיקאָרן. ברויט... קאָנסערוון... יאָ, יאָ, ס׳איז טאַקע ווירקלעך געווען אַזוי. שלוימקע האָט אין אײַלעניש געשלונגען די שפּײַז, דער הונגער האָט פאַרשטיקט די גרימאַסעאימפּלוסן. ווען אָבער ער האָט זיך געמוזט אַ קרים טאָן, פּלעגט ער פאַרשטעלן מיט דער האַנט די באַנקע קאָנסערוון, גלײַך ווי ער, זינטשענקאָ, וואָלט זיך אויך געקליבן אַרײַן אַהין מיט זײַן לעפל. מיטן לעצטן שטיקעלע ברויט האָט שלוימקע זאָרגזאַם אויסגעווישט פון אינווייניק די ווענטלעך און דעם דעק פון דער בלעכענער פּושקע, דעם רעשט פעטס, אײַנגעשלונגען עס און ערשט דערנאָך גענומען דערציילן. נאָר זינטשענקאָ איז דאַן ניט בעקויעך געווען עפּעס באַנעמען, („עמע... עמע... און דאָס קינד... דאָס אייפּעלע...”), האָט ער דעמלט קימאַט גאָרנישט ניט געהערט און גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. מוז ער איצטער אויסהערן שלוימקעס דערציילונג נאָכאַמאָל.

13

שלוימקען האָט דאַן אויפגעהויבן טאַראַס איוואַנאָוויטש מיראָשניטשוק. ער האָט אים אַריבערגעפּעקלט צו זיך אין דאָרף, צו די עלטערן. און יענע האָבן אים געשטעלט אויף די פיס. קאָלזמאַן שלוימקע איז געלעגן אין שטוב, אַ פאַרווונדעטער, אַ קראַנקער, אַ׳ז געווען צו דערלײַדן. נאָר ווען ער איז געזונט געוואָרן און אָנגעהויבן באַווײַזן זיך אויף דער גאַס מיט זײַנע שרעקלעכע גרימאַסן, האָבן די אַלטע אָנגעשריבן טאַראַסן, ער זאָל צוריקנעמען „אָט דעם שלוימקען”, ווײַל ער וואַרפט זיך אַלעמען אין די אויגן.

טאַראַס האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער האָט דאַן באַקומען אַ פאַראָרדענונג פונעם אונטערערדישן צענטער שטעלן זיך בעראָש פון אַ גרופּע פאַרטיזאַנער אין די קרולעווטשאַנער וועלדער. ווּהין זשע ווערט ער אַהינטאָן שלוימקען? נעמען אים מיט זיך? ווי קאָן מען שלעפּן מיט זיך אַזאַ שוואַכן נעפּעש מיט אַזעלכע קרימעניישן דערצו?

מיראָשניטשוק, אַ געבוירענער פון קרולעווטשאַנע, האָט אין וואָלאָטשעוו געוווינט צײַטווײַליק. ער האָט קימאַט גאָרניט געוווּסט וועגן שלוימקען, ווער איז ער, וואָס איז ער, צי לעבן זײַנע עלטערן אָדער נאָענטע קרויווים. האָט ער טאַקע געמוזט נעמען שלוימקען מיט זיך.

אומגעריכט האָט שלוימקע זיך גיך און גוט צוגעפּאַסט צום פאַרטיזאַנישן לעבן. ער איז געווען אַ ווילער, פאַרשטאַנדיקער באָכער.

— קוקט ניט אויף מײַנע ליפּן, — האָט ער געזאָגט די פאַרטיזאַנער, ווען

יענע האָבן אָנגעהויבן גוטמוטיק אָפּלאַכן פון מיראַשניטשוקס „טראַפּיי".— קוקט א ביסל העכער אָדער נידעריקער. איך וועל אײַך צוניץ קומען.

און אינגיכן האָט זיך טאַקע געפונען פאר אים די געהעריקע „אמפּלוא". ער האָט גוט באַהערשט די ראָל פון א „נאַרעלע", זיך פרײַ אַרומגעדרייט איבער שטאַטישע גאַסן, איבער די בײַשטאַטישע וועגן, און קיינער האָט אַף אים ניט געווענדט קיין אַכט. און ווען עמעצער זאָל יאָ געווען ווענדן, וואָלט ער א מאַך געטאָן אַף אים מיט דער האַנט, נאָך איידער ער וואָלט זיך דערשלאָגן פון אים עפּעס א פאַרשטענדלעך וואָרט אין דער פּאַוזע צווישן די גרימאַסן. און שלוימקע פלעגט דערווײַל אויסשפּירן אַלץ, וואָס איז געווען מעגלעך, וועגן די דײַטשישע מיליטער־טיילן, און דערנאָך דער־ציילן עס זײַן „צווייטן פאָטער", וואָס האָט אים פון טויט געראַטעוועט, טאַ־ראַס איוואַנאָוויטשן.

איינמאָל האָט מיראַשניטשוק באַקומען א פאַראַנטוואָרטלעכע אופגאַבע, וועלכע ער האָט אויסגעפירט צוזאַמען מיט לאָזער סאַפּירס פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. לאָזער האָט באַלד דערקענט שלוימקען. ער האָט לאַנג גערעדט מיט אים, אויסגעפרעגט וועגן מאַניקן, זלאַטען, וועגן די עלטערן און דער גאַנצער מישפּאָכע. וועגן דער לאַגע אין וואָלאָטשעוו. שלוימקעס ענטפערן זײַנען געווען טרויעריקע. לאָזער האָט פעסט באַשלאָסן, אַז באַלד נאָך דער אָפּעראַציע וועט ער אום יעדן פּרײַז זיך דערקלײַבן אַהיים כאָטש אַף איין טאָג, עפּשער קאָן מען א פּרווו טאָן זיי ראַטעווען.

ער איז געקומען צו פאָרן קיין וואָלאָטשעוו איינציינעם מיט מיראַש־ניטשוקן, איבערגעטאָגענע ווי פּויערים, אַף א דראַבינע, צו וועלכער ס'איז געווען צוגעבונדן א קו, וואָס מ'דאַרף זי, קלוימערשט, פאַרקויפן אַפן יאַריד.

געקומען זײַנען זיי פרי, ווען ס'איז נאָך געווען פינצטערלעך. לאָזערן האָט עפּעס שטאַרק דורכגענומען די קעלט. ער האָט געציטערט. נאָר עפּ־שער גאָר ניט פון דער קעלט, נאָר פון אופרעגונג. וויאַזוי וועט פאַרקומען די באַגעגעניש?.. לאָזער סאַפּיר, דער שרעקלאָזער פּאַרטיזאַן, האָט א ביסל מוירע געהאַט פאַר דער באַגעגעניש מיט זײַן שטרענגן פאָטער, וועלכער האָט געהייסן אויסמעקן אים פון צווישן די לעבעדיקע.

„א־האַ! סקאָצל קומט! — וועט זאָגן דער אַלטער. — א שיינער זון, אַן איבערגעגעבענער. שליאָנדערט אַרום איבער פרעמדע הײַזער, און די איי־גענע שטוב געלאָזט אַף הפקר. איך באַדאַרף זײַן א טאַטע פאַר זײַן קינד און אויסהאַלטן אַן אַלמאָנע פון א לעבעדיקן מאַן..."

און באַלד טאַקע וועט אויך זלאַטע אָנהייבן אויסלייגן אירע טײַנעס. „א מאַן! אויך מיר א מאַן! באַ אַלעמען זײַנען די מענער ווי מענער. נאָר באַ מיר, דער אומגליקלעכער שטרויענער אַלמאָנע..." און וועט זיך צע־שלוכצן.

נאָר איין מאַניק וועט אים גאָרניט פאַרוואַרפן. ער וועט אים פּאַשעט אַרומנעמען און זאָגן: „אוי גוט, טאַטעלע, וואָס דו ביסט געקומען. מיר האָבן אַזוי געוואַרט אַף דיר. נו, אַצינד, וועלן מיר זיך שוין ניט צעשיידן, איאָ?.."

און ערשט דאַן וועט זיך אָנהייבן... ווײַל ער וועט דאָך מוזן זאָגן מאַ־ניקן, אַז ער איז געקומען נאָר אויף עטלעכע שאָ. באַנאַכט וועט ער אוועק־פאָרן. נאָר ער וועט זיך סטאַרען אַריבערפירן זיי אינגיכן אין וואַלד אַרײַן.

מאַניק וועט אים עפּשער גאָרנישט ניט זאָגן. דער אַלטער אָבער וועט אים דורכלעכערן מיט די אָנגעצונדענע אויגן און שווײַגנדיק אָנווײַזן מיט דער האַנט אויף דער טיר. זלאַטען וועט ער זאָגן:

— געדענקו ביסט טאַקע אַן אַלמאָנע!...

און זי וועט ענטפערן דעם שווער, קוקנדיק מיט האַס אויפן מאַן:

— כ׳געדענק. כ׳בין אַן אַלמאָנע. איך בין דאָס גאַנצע לעבן געווען אַן אַלמאָנע...

פונדערוווײַטנס האָט זיך שוין באַוויזן דער מאַרק־פּלאַץ. טאַראַס איוואַ־נאָוויטש לאָזט אַראָפּ פונעם וואָגן די פיס אין די שווערע שטיוול, און לאָזער שטעלט זיך פאַר אין אַנדער מין באַגעגעניש.

אויב גלייבן שלוימקען, איז דער טאַטע זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ניט אַזוי פון די יאָרן, ווי פון די גרוילן. און דער טאַטע וועט זיך דער־פרייען מיט אים. עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זײַן.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, — וועט ער אים זאָגן, גלײַך ווי לאָזער וואָלט ערשט נעכטן אוועק פון דער היים. — ווייניק מאַנצבלען זײַנען בײַ אונדז פאַרבליבן.

לאָזער וועט אַ ווײַלע שווײַגן. אַזוי זיך, צוליב כשיוועס, קלוימערשט ער האָט שוין פון לאַנג אַלץ באַטראַכט, און וועט זאָגן:

— טאַטע, איך בין זייער צופרידן, וואָס דו האָסט מיך אַזוי גוט אויפ־גענומען. איך בין אָבער געקומען ניט קעדיי איך זאָל פאַרבלײַבן מיט אײַך. איר דאַרפט גיין מיט מיר...

— וווהין?

— אין וואַלד.

— און די שטוב?

אַצינד, ווען די מוירע, וויאַזוי עס וועלן אַדורך די ערשטע מינוטן פון דער באַגעגעניש, איז פאַרבײַ, וועט ער, לאָזער, שוין מעגן זאָגן:

— וואָס מיר שטוב! ווער מיר שטוב! וואָס האַלט איר זיך אַזוי פאַר אַ־דער אַלטער כאַלופּעז!.. איר ווילט דאָ אַלע אונטערשטעלן די קעפּ אונ־טער דער האַק, ווי די שעפּסן. איך זאָג אײַך — קאַמף! לאָמיר קעמפן פאַרן לעבן! און איר קלײַבט גאָר אויס דעם טויט. איז טוט ווי איר ווילט. איך נעם אַראָפּ פון זיך די שולד. איך גיי אוועק.

דער אַלטער וועט שטיל זאָגן:

— כאַפּ זיך ניט אַזוי אַראָפּצוואַרפן די שולד פון זיך. וואַרט אַ ביסל. עפּשער וואָלסטו בעסער געפרעגט אַ פרעג געטאָן, ווי פילט זיך דײַן מוטער. איידער דו וועסט איר זאָגן, זי זאָל זיך לאָזן מיט דיר אין וואַלד?..

דער אַלטער האָט געטראָפן גלײַך אין פינטל אַרײַן. ער איז פולקום גערעכט. די מוטער איז די איינציקע, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אים, איבער אים איז זי דאָך אַזוי קראַנק געוואָרן. און ער האָט אפילע ניט קיין פרעג געטאָן וועגן איר.

ניין, ער וועט ניט זאָגן „איך נעם אַראָפּ פֿון זיך די שולד". מע טאָר ניט אַזוי.

ער וועט נאָך אַ טראַכט טאָן. מעגלעך, אַז די באַגעגעניש וועט גאָר אויסזען אַנדערש. ער וועט אָנהייבן פֿון דער מאַמעס צימערל. דאָרטן וועט די פֿרייד פֿון דער באַגעגעניש ניט געשטערט ווערן.

— איך האָב דיך ליב, — וועט זאָגן די מאַמע און וועט אים אַרומנעמען מיט אירע שוואַכע, אויסגעדאַרטע הענט.

ער וועט פֿאַרזיכטיק פֿאַרפֿירן מיט איר אַ שמועס וועגן דעם ציל פֿון זײַן קומען, און זי וועט מיט אומרו, אַפֿילע מיט מוירע אין די אויגן, זיך אַרומקוקן:

— רעד שטילער. לעמאַנהאַשעם, רעד שטילער.

דעמלט וועט ער איר זאָגן:

— דאָס גאַנצע לעבן דײַנס האָסטו מוירע. פֿריִער פֿאַרן טאַטן. דער־נאָך — פֿאַרן מאַן. און אַצינד...

אַן אָפּגעבראַכטע, וועט די מאַמע אַ מאַך טאָן מיט בײדע הענט.

— ווי רעדסטו עס אַזוינס!.. ווי קאָנסטו פֿאַרגלײַכן?.. דער טאַטע, דער מאַן — דאָס איז איינס. און דאָס, וואָס ס'טוט זיך אַצינד... ס'איז דאָך איי־מעס־מאָוועס!..

— איר זענט דאָ אַלע באַם פּאַכעד אין די הענט!

און דאַן וועט די מוטער, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, אַ זאָג טאָן מיט איראָניע:

— וואָס פֿאַר אַ העלד דו ביסט! וואָלסט אַ פּרוּוו געטאָן לעבן אונטער איין דאַך מיטן פּאַכעד! דרײַ הונדערט טעג נאָכאַנאַנד... וואָלסטו געוואָרן דער זעלבער... ווי מיר אַלע. ס'איז דאָך קיין גרעסערע פּײַן אויף דער וועלט ניטאָ! ער דרינגט אַרײַן אין אַלע דײַנע אייוורים. פֿאַרסאַמט דײַן האַרץ און דײַן מויעך...

און אָט איז ער געקומען, לאָזער. און קיין שום באַגעגעניש איז ניט פֿאָרגעקומען. אומזיסט געווען דאָס טראַכטן און באַטראַכטן. ס'האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך פֿון אַלץ.

קיינעם האָט ער ניט באַגעגנט. אַלע זײַנען געלעגן טויט.

ער האָט אַרומגעבלאָנקעט איבערן הויף, אַ לעבעדיקער צווישן טויטע, און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער אַליין איז שוין אויך טויט. ווען די לעצטע שפּורן פֿון דער נאַכט וועלן פֿאַרשווינדן ווערן און אויפֿן הימל וועט זיך באַווײַזן אַ שײַנענדיקע זון, וועט ער... יאָ. וואָס וועט ער?.. אַלץ איז אין אים ווי אָפּגעשטאָרבן. כאָטש די פֿיס. די פֿיס האָבן נאָך געלעבט. זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט צווישן מייסים. עמע... בראָניע... אָשער... דאָוויד... אילקאָ... שײַע... מאָטל... וואַניאַ... איזיע... איציק... יִסראָליק... סטאַסיק... און נאָך... און נאָך...

דער הויף איז געווען ווי אַ בעסוילעם. אַ קלענער בעסוילעם צווישן

כורוועס. אַט איז אַ פרישער קייווער. ווער ליגט אין אים? דער טאַטע? די מאמע? זלאטע? צי עפשער גאָר מאָניק, זײַן זון, זײַן רויטער מאָניק?

שאַל נעאַלעכאַ מעאל ראַגלעכאַ... ווארף אַראָפּ די שיך פון דײַנע פיס, לאַזער. זאָג קאַדעש. טרויער...

די קויכעס האָבן אים פאַרלאָזט. ער האָט קוים אַרופגעקלעטערט אַפן גאַנעק, אָנמעכטיק זיך אַנידערגעזעצט אָף דעם אייבערשטן טרעפּל און פאַרדעקט דאָס פּאָנעם מיט די הענט. אים האָט ניט אופגעהערט צו בויערן אַ געדאַנק, וואָס וועט אים דערנאָך פאַרפאָלגן און ניט לאָזן רוען לאַנגע יאָרן: פאַרשפּעטיקט!

ווען ער זאָל געוועזן קומען מיט אַ פּאָר טעג פריִער! אינגאַנצן צוויי טעג!

אים האָבן איצט אויסגעזען ביז גאָר לעפיש זײַנע אויסגעטראַכטע באַ־געגעניש און זײַנע אַמפּערנישן. מיט וועמען האָט ער זיך געאַמפּערט? מיט מייסים! איצט וואָלטן זיי געקאָנט זאָגן, אַז דאַפקע זיי זײַנען גע־ווען גערעכט. דערוויזן אָבער האָבן זיי עס צו שפּעט. דערוויזן מיט זייער טויט. מיט זייער אומקום. און ער? וואָס פאַר אַ זון איז ער, צו אַלדי רו־כעס! ניט קיין זון, ניט קיין טאַטע, ניט קיין מאַן, ניט קיין ברודער... אַט ליגן זיי דאָ אַלע. איז וואָס האָט ער געטאָן אָף צו ראַטעווען זיי. וואָס? געקעמפט, געווען פאַרנומען, יאָ, געווען... און זיי?

— זײַט מיר מויכל, מײַנע ליבע, זײַט מיר מויכל, וואָס איך האָב פאַר־שפּעטיקט. אַזוי שווידערלעך פאַרשפּעטיקט.

מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אָף זײַנע הענט, וואָס זײַנען געווען צוגע־דריקט צום פּאָנעם, עפּעס פּײַכטס, שאַרסטקע. לאַזער האָט געעפנט די אויגן און דערזען רעזוסן. דער הונט האָט אַ קוויטשע געטאָן פון פרייד און אַלץ געלעקט לאַזערס הענט. דער הונט, ווײַזט אויס, האָט דעם אומ־באַוועגלעכן לאַזערן אָנגענומען פאַר אַ טויטן און ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען לאַזער האָט פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן. כאָטש איין לעבע־דיקער אין שטוב.

לאַזער האָט אַ גלעט געטאָן רעזוסן, און דער הונט, פאַרלויפנדיק אָף אַ פּאָר שפּאַן פאָרויס, האָט אים געוויזן דעם וועג צום פאָטער, צום הויפּט־באַלעבאָס. און אַט איז אים פאָרגעקומען די באַגעגעניש. אַ שטומע, אַ שטיל־שווײַגנדיקע. אַזאַ באַגעגעניש האָט לאַזער ניט פאָרויסגעזען. אַ פאַרלאָרע־נער, אַ דערשלאָגענער, איז ער געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ס׳איז אים שווער געווען צו קוקן אַפן טויטן טאַטן, אָף אָט דעם געזונטן, שטאַרקן קאָוועל, וואָס ליגט איצט אָנמעכטיק צעשפּרייט אָף דער ערד, נאָר דערנאָך ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, האָט לאַזער ווידער אַ קוק געטאָן אָף אים און פאַרשטאַנען, וואָס ס׳האָט אים געצווונגען זיך אומ־קוקן. דער האַמער! דער שווערער האַמער אין די טויטע פינגער! הייסט עס, דער טאַטע איז אומגעקומען, ניט ווי קיין שעפּס. ער האָט ניט אונטערגע־שטעלט דעם קאָפּ מיט האַכנאָע. נאַט, האַקט אים אָפּ! אומזיסט האָט ער, לאַזער, אים געמוסערט, טרייסלענדיק זיך אין וואָגן.

רעזוס האָט אים ווײַטער געפירט איבער די כורוועס, לאַזער האָט דער־זען די מוטער. ווען זי וואָלט ניט געלעגן אַפן דיל, נאָר אָף איר בעט,

וואָלט ער געמיינט, אַז זי שלאָפט. צוויי לאַנגע שווערע יאָר האָט זי גע־האַלטן אין איין שטאַרבן. דער טויט איז פאַר איר אויסגעצערטן גוף ניט געווען אומדערוואַרט. זי האָט פּאַמעלעך, טראָט נאָך טראָט, זיך צוגעפּאַסט צום איבערגאַנג פון קוים פולסירנדיקן לעבן צום אומפאַרמײַדלעכן סאָף.

לאָזער האָט אויסגעשפּרייט אַ לײַלעך און אַריבערגעטראָגן די מוטער אַפּן בעט. אויף אַ צווייט בעט האָט ער אוועקגעלייגט וועכנען. און אַפּן דריטן — דעם פאָטער. באַנאַנד מיט אים, אויף אַ ריינעם ווײַסן לײַלעך, האָט ער אַנידערגעלייגט דעם האַמער.

דערנאָך איז ער אַרויס אין הויף, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פּעלצל און, אויפהייבנדיק פאַרזיכטיק יעדן קערפּער, גלײַך ווי ער וואָלט אים דאָס לעצטע מאָל אַרומגענומען, אַריבערגעטראָגן און אוועקגעלייגט אים לעבן נאַכמענס קייווער.

באַם פּלויט האָט לאָזער דערזען אַרויסשטעקן צוויי פּאָר אומבאַוועג־לעכע פיס. די קערפּערס זײַנען געווען פאַרוואַלגערט מיט ברוכשטיקער פון דער באַריקאַדע. לאָזער האָט זיך גענומען אָפּרייניקן דאָס אָרט. פּלוצעם האָט ער דערהערט אַ קרעכץ. מיט אַלע קויכעס האָט ער אַ שלײַדער געטאָן עפּעס אַ גוואַלדיק־גרויסן קלאָץ, און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן וואַרפן זיך, קלאַפּן גיך־גיך, ווי אַ וואַנטזייגער, בײַ וועלכן מ׳האָט אַראָפּגענומען דעם אומרו. ער האָט דערזען מאָניקס רויטן קאָפּ. אויף מאָניקס קערפּער, ווי וועלנדיק אים באַשיצן, איז געלעגן דער טויטער קערפּער פון זײַן מוטער, פון זלאַטען, — לאָזערס שטרויענע אַלמאָנע.

15

ער האָט קוים געזשיפּעט, מאָניק. דאָס פּנים — צענעריקט, פאַרקוילט. לאָזער וואָלט עפּשער גאָרניט דערקענט זײַן זון, ווען ניט די רויטע, צע־שויבערטע האָר. ער האָט אים גענומען מינטערן אַזוי לאַנג, ביז מאָניק האָט שוואַך אַ קרעכץ געטאָן און געעפנט די אויגן. דערזען דעם טאַטן, האָט ער אַ צאַפּל געטאָן. פון אַלע באַגעגענישן, וואָס לאָזער האָט זיך פאָרגע־שטעלט, פון אַלע רייד, וואָס ער האָט אויסגעשטעלט אין געדאַנק, זײַנען מעקויעם געוואָרן בלויז מאָניקס:

— אוי, טאַטע, מיר האָבן אַזוי געוואַרט אויף דיר! אַרויסגעקוקט... ביז דער לעצטער מינוט, — האָט מאָניק אַרויסגעשעפּטשעט מיט די פאַרזאָ־טענע ליפּן.

דוכט זיך, אַלץ, וואָס לאָזער האָט געזען ביז איצט, אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט פאַר די לעצטע מינוטן, האָט אים אַזוי ניט אַ שניט געטאָן באַם האַרצן, ווי מאָניקס עטלעכע ווערטער. און ווידער האָט אַ בליץ געטאָן אין מויעך: פאַרשפּעטיקט, אַזוי שרעקלעך פאַרשפּעטיקט! ער האָט געוואָלט זאָגן עפּעס מאָניקן, זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים פאַרענט־פערן. פאַר די טויטע און פאַר די לעבעדיקע...

לעבן פּלויט האָט זיך באַוויזן מיראָשניטשוק און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— שוין צײַט!

לאָזער האָט אים אַ רוף געטאָן, און דאָס קאָל האָט בא אים געציטערט:

— קומט אהער, טאראס איוואנאָוויטש! כ'האָב געפונען מײַן זון. ער איז פאַרווונדעט.

— באַרויִק זיך. מיר וועלן אים מיטנעמען מיט זיך און אָפּפירן, וווהין מע דאַרף.

„וווהין מע דאַרף"—האָט געזאָלט הייסן. ווידער אין דאָרף צו מי־ראָשניטשוקס עלטערן.

— מיר קאָנען נאָך ניט פאָרן,—האָט לאָזער געזאָגט מיראָשניטשוקן.

— פאַרוואָס?

— גייט אַרײַן אין הויף, וועט איר זען פאַרוואָס.

ווען מיראָשניטשוק האָט דערזען דעם קייווער און די טויטע קערפּערס אַרום אים, האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל, געשטאַנען עטלעכע רעגעס שטיל. דערנאָך האָט ער אַ פּאַך געטאָן מיט דער פויסט.

— כײַעס! מענטשנפרעסער! מיר וועלן זיך צערעכענען מיט אײַך פאַר אַלץ.

לאָזער האָט איבערגעבונדן מאָניקס פאַרווונדעטן אַקסל. דאָס ייִנגל האָט פאַרקריצט מיט די ציין פאַר ווייטעק, געקוקט אָפן טאַטן און אַלץ ניט געקאָנט גלייבן, אַז דאָס איז ניט קיין כאַלעם.

טאַראַס איוואַנאָוויטש האָט אַרופגעלייגט זײַן האַנט אָף לאָזערס פּליי־צע:

— וואָס זשע קלערסטו טאָן איצטער?

— מע דאַרף זיי ברענגען צו קווורע.

— ווו?

— כ'מיין טאַקע דאָ, אָפן הויף. קיין אַנדער ברירע איז ניטאָ.

— ס'איז געפערלעך. די דײַטשן קאָנען יעדע מינוט זיך אומקערן.

— כ'ווייס, אַז ס'איז געפערלעך. נאָר אַנדערש קאָן איך ניט. איר קאָנט פאָרן.

טאַראַס איוואַנאָוויטש האָט אַ קוק געטאָן אָף אים פון אונטערן שטערן, גאָרנישט ניט געענטפערט און אַוועק.

— מאָניק, ליג רויִק. איך קום באַלד צוריק,—האָט לאָזער געזאָגט.

ער האָט אָפּגעזוכט אַן אײַזערנע לאָפּעטע, די זעלבע, מיט וועלכער מייער האָט געגראָבן דעם קייווער פאַר נאַכמענען, און אָנגעצייכנט אַן אָרט פאַר אַ ברודער־קייווער. ער האָט ניט באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן „אויב איך וועל אַליין גראָבן, וועט עס פאַרנעמען עפּשער אַ טאָג צײַט", ווי אין הויף איז אַרײַן מיראָשניטשוק און נאָך אים עטלעכע פּויערים.

דעם קייווער האָט מען אויסגעגראָבן גיך. אַראָפּגעלאָזט די מייסים און פאַרשאָטן מיט ערד. דאָס אַלץ האָט מען געטאָן שווײַגנדיק און אין גרויס אײַלעניש. יעדע רעגע האָט געקאָנט אָנטראָגן די דײַטשן.

אינצווייען מיט טאַראַס איוואַנאָוויטשן האָבן זיי אַוועקגעלייגט מאָניקן אָפן וואָגן. מיראָשניטשוק האָט אַ טרײַב געטאָן די פערד. לאָזער האָט דאָס לעצטע מאָל געוואָרפן אַ קוק אָף דעם הויף. רעזוס איז געשטאַנען בא

דער פֿאַרטקע און זיי באַגלייט מיט אומעטיקע אויגן. לאָזער האָט אַ פֿײַף געטאָן. דער הונט האָט מיט אימפּעט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, דעריאָגט זיי אין איין אויגנבליק, אַרופֿגעשפּרונגען אויפֿן וואָגן.

נאָך דעם, ווי מאָניק איז מיט דער הילף פֿון מיראַשניטשוקס עלטערן געקומען צו־זיך, האָט לאָזער אים גענומען אין זײַן אַטריאַד. זיי האָבן געאַרבעט אינצווייען, מאָניק און שלוימקע. מאָניק איז געוואָרן אַ גאַסן־פֿידלער. און בייס ער האָט געשפּילט אויפֿן סקריפּענדיקן פֿידל, פֿלעגט שלוימקע, מיט אַ צעקנייטשט היטל אין דער האַנט, צונויפֿנעמען בײַ די צוהערער די עטלעכע קופּערנע מאַטבייעס.

איינמאָל האָבן זיי באַקומען אַן אויפֿגאַבע דערוויסן זיך, ווי ווערט באַוואַכט די אײַזנבאַן־בריק לעם וולאָטשעוו.

זיי זײַנען אוועק אויף דער באַן־סטאַנציע, דורכגעשמוגלט זיך אין אַ וואַגאָן. מאָניק האָט געשפּילט אויפֿן פֿידל, און שלוימקען האָט זיך אײַנגעגעבן אומבאַמערקט אַראָפּגליטשן פֿונעם וואַגאָן־טרעפּל, ווען דער צוג האָט בײַ דער בריק פֿאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג.

זיי האָבן זיך צונויפֿגערעדט זיך באַגעגענען בײַ די הויכע טאַפּאָלן הינטער וולאָטשעוו.

אָפּדערנאַכט, ווען מאָניק איז פֿאַרזיכטיק, דורך די הינטערגעסלעך, קעדיי ניט באַגעגענען זיך מיט קיין פּאַטרול, געגאַנגען צום אָפּגערעדטן אָרט, האָט ער אין איינעם אַ געסל פּלוצעם דערהערט פֿידל שפּילן. מאָניק איז דערציטערט געוואָרן. ער האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען, ווער ס'שפּילט. אין דעם געסל האָט געוווינט באַקוטאַ.

מאָניקן האָט זיך לײַדנשאַפֿטלעך פֿאַרוואָלט אַ קוק טאָן אויף זײַן אַלטן לערער, כאָטש אַ רגע אַ שפּיל טאָן אויף אַן עכטן פֿידל.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אַ באַקאַנטע שטים האָט פֿון יענער זײַט טיר זיבן מאָל געפֿרעגט: „ווער? ווער? ווער?...״ מאָניק האָט צוגעשמייכלט דער פֿינצטערניש און זיבן מאָל געענטפֿערט: „איך! איך! איך!..״ וווּנדערנדיק זיך, וואָס באַקוטאַ דערקענט ניט דאָס קאָל פֿון זײַן באַליבטן שילער. דאָס קאָל איז געווען אַ ייִנגלשׂ, קיין סאַקאָנע, הייסט עס, איז ניטאָ, און באַקוטאַ האָט ענדלעך אויפֿגעעפֿנט די טיר. אַ פֿריידיק־צעשמייכלטער, האָט מאָניק געוואַרט, אַז דער אַלטער וועט אים אַרײַנכאַפּן אין זײַנע אָרעמס, באַקוטאַ אָבער האָט געקוקט אויף אים מיט אַן אָפּגעפֿרעמדטן בליק.

— איר דערקענט מיך ניט, מיראָן אילאַריאָנאָוויטש?

באַקוטאַ האָט אַ מאַך געטאָן אויף אים מיט דער האַנט.

— גיי אוועק! גיי אוועק גיכער! איך האָב דיך ניט געזען, און דו האָסט מיך ניט געזען...

און מאָניק איז אוועק.

„גאַטעניו! — האָט ער אַ צעררודערטער געטראַכט, — וואָס איז געוואָרן מיט די מענטשן פֿאַר אַ יאָר! פֿאַר איין יאָר! ס'איז שרעקלעך, שרעקלעך...״

הינטער אים האָבן זיך פּלוצעם דערהערט היל־כיקע טריט פֿון אַ נאַכט־פּאַטרול. מע האָט אים אַ רוף געטאָן. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. מ'האָט

אים באפוילן זיך אָפּשטעלן. האָט ער זיך געלאָזט לויפן. אָבער ווײַט איז ער ניט אַנטלאָפן. א קויל האָט אים דעריאָגט. א סאָף געמאַכט מיט מאַניקן... און מיט זײַן שרעקלעכער פאַרצווייפלונג.

שלוימקע האָט ניט געטראָפן מאַניקן בא די טאָפּאָלן. ער האָט לאַנג געוואַרט, און מאַניק איז אַלץ ניט געווען. הייסט עס, עפּעס האָט געטראָפן. האָט שלוימקע זיך אומגעקערט אין שטאָט. געזוכט מאַניקן איבער די נאַכטגאַסן. צוערשט — פאַרזיכטיק, אַרומקוקנדיק זיך. דערנאָך פאַרגעסן אין קאָנספּיראַציע. ער דאַרף אים געפינען. ער מוז זיך דערוויסן, וואָס איז געשען. ער מוז! ער קאָן דאָך ניט אומקערן זיך אין וואַלד אָן אים. וואָס וועט ער זאָגן לאַזערן?

האָט שלוימקע ווידער זיך פאַרשטעלט פאַר א נאַרעלע און אוועק צום פּאָליצײַ־באַצירק, אַרײַנגעקוקט אין די באַלויכטענע פענצטער. מע האָט אים פאַרהאַלטן. געפּײַניקט. דערנאָך אָפּגעשיקט אין א לאַגער. אַלפי־נעס איז ער לעבן געבליבן, נאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גראָוון זאַקן. ס'האָבן אים געראַטעוועט די שטערן־סאָלדאַטן.

— די שטערן־סאָלדאַטן? — פרעגט זינטשענקאָ.

— יאָ, די סאָלדאַטן מיט די שטערנדלעך אַף די פּילאָטקעס, — ענטפערט פאַרטראַכט דער גראָווער שלוימקע, — מיר, די געראַטעוועטע, האָבן זיי אַזאַ נאָמען געגעבן. מיר זײַנען שוין געווען מער טויט, ווי לעבעדיק. מיר האָבן געבעטן אַף זיך דעם טויט. נאָר ער איז בעקויעך געווען אויסלייזן אונדז פון אָט דעם לעבן, פון א לעבן, וואָס איז טויזנט מאָל ערגער, ווי דער טויט...

שלוימקע האָט זיך פאַרכליגעט, פאַרקרימט זיך, א ווײַלע געשוויגן און פאָרגעזעצט:

איינמאָל, איז פּלוצעם געוואָרן טויט־שטיל. מיר האָבן זיך צונויפגערוקט אַלע איינעם און אופגעהויבן די אויגן צום הימל. מיר האָבן געמיינט, אַז אויב ס'וועט געשען א נעס, וועט ער קומען פונעם הימל. איז ער אָבער געקומען פון דער ערד. נאָר עפּעס פון אַן אַנדער ערד, פון אַן אויסגעשטערנטער ערד. דאָס האָט געזאָגט א גויסעס, וואָס איז געלעגן לעבן מיר. מיט אַן איבערנאַטירלעכער אָנשטרענגונג האָט ער זיך אופגעהויבן אַף זײַנע געשוואָלענע פיס, און מיר האָבן דערזען, מיט די אייגענע אויגן דערזען, ווי ס'איז געשען א נעס, ווי דאָס לעבן קערט זיך אום אין זײַנע אָפּגעשטאָרבענע איוורים. מיט זײַן שוואַך קאָל האָט ער קוים אַרויסגערעדט: „אַזויפיל יאָרן וואַרטן, האָפן, און אַציגד ווען די שטערן־סאָלדאַטן זײַנען געקומען, שטאַרבן... ניין! ניין! ניין!" און דער מאַלכאַמאָוועס האָט געמוזט אָפּטרעטן. ווײַל אויסלייזן קאָן נאָר דאָס לעבן. ניט דער טויט, נאָר דאָס לעבן...

16

זינטשענקאָ האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט. די נאַכט איז געווען א פּײַכטע און א קאַלטע. עס האָט אים געפּיבערט. דאָ אין דעם פּאַרק, ווו ער האָט דאָס צווייטע מאָל אויסגעהערט שלוימקעס טרויעריקע

געשיכטע, וואָס איז באַשטאַנען האַלב פון קלאַנגען און האַלב פון קרימערײַען, האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען.

עמע, די לעבעדיקע עמע, מיט די שטראַלנדיקע אויגן איז ניטאָ. שוין דרײַסיק יאָר ניטאָ. פאַר אים אָבער איז זי דאָ. און ער האָט פאַרהיט זײַן טרײַשאַפט צו איר. אָט דאָס האָט זיך אים פאַרוואָלט איר זאָגן, ווען שלוימקע וואָלט איר אָפּגעטראָטן דאָס אָרט. זיצט ער אָבער און זיצט „עמע! עמעלע מײַנע! מאָניק האָט דערציילט שלוימקען און שלוימקע האָט מיר דערציילט, ווי דו ביסט געשטאַנען מיט אַשערן און געשאָסן אין די מערדער, און אונדזער מיידעלע איז דעמלט איין־אַליין געלעגן אין וויגעלע. דו האָסט אַמאָל זיך איבערגעשראָקן — דו געדענקסט? — ווען איך האָב פּלוצעם אָנגעצילט מײַן רעוואָלווער אויף דיר, דו האָסט פאַרשטעלט די אויגן, האָב איך דיר באַפוילן: „לאָז אַראָפּ די הענט!“ האָסטו מיך געפרעגט: „דו ווילסט מיך דערשיסן, איך זאָל ניט אַרײַנפאַלן צו די פאַשיסטן?“ האָב איך דיר ווידער באַפוילן: „לאָז אַראָפּ די הענט! לערן זיך קוקן דעם טויט אין די אויגן!“ און פּונקט דעמלט איז אַרײַנגעלאָפן סאָניע די ערשטע. זי האָט דערזען, ווי איך ציל זיך אין דיר און אַ קוויטשע געטאָן: „שיסט ניט די מאַמע!“ ווײַל אַלע פיר סאָניעס האָבן דיך גערופן: „עמע־מאַמע!“ זינטשענקאָ האָט זיך געלאָזט גיין. געשפּאַנט פּאַמעלעך, פאַרזונקען אין טרויער. שוין קימאַט באַם סאַמע אַרויסגאַנג פון פּאַרק האָט ער פּלוצעם פאַרקערעוועט אויף צוריק, פּונקט ווי ער וואָלט עפּעס פאַרגעסן אויף דער באַנק, וווּ זיי זײַנען געזעסן מיט שלוימקען. ער קאָן זיך נאָך ניט דערמאָנען, וואָס ער האָט פאַרגעסן, נאָר ער איז זיכער, אַז ער וועט זיך אומבאַדינגט דערמאָנען, ווי נאָר ער וועט צוקומען אַהין און אַ רוף טאָן שלוימקען.

און ווירקלעך, ווי נאָר ער איז צוגעקומען נעענטער, האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט דאָ איבערגעלאָזט — אַ קינד, וואָס פאַרגיסט זיך מיט ביטערע טרערן, און אַ הונט, וואָס פאַרוויגט עס. ווּ איז עס, דאָס קינד? צען מאָל האָט ער איבערגעפרעגט שלוימקען און צען מאָל האָט אים שלוימקע גאָרניט געקאָנט זאָגן. ער ווייסט ניט. מאָניק האָט אים גאָרנישט ניט געזאָגט. אַליין איז ער דאָך דאָרטן ניט געווען. נו, פּרוּוו זשע, שלוימקע, נאָכאַמאָל אַ גריבל טאָן זיך אינעם זיקאָרן. עפּשער עפּעס אַ שפּור, עפּעס אַ סימען... עפּשער איז דאָס קינד פאָרט געבליבן לעבן? ס'האָט זיך דאָך געקענט געפינען אַ גוטע נעשאָמע, ווי מיראָשניטשוק, אַשטייגער, וואָס זאָל דאָס נעמען און אויסכאָווען... זינטשענקאָ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק. פּונקט אויף דעם זעלבן אָרט, ווּ ער איז פריִער געזעסן. ס'האָט זיך אים אַפילע אויסגעוויזן, אַז דאָס אָרט האָט נאָך פאַרהיט די וואַרעמקײַט פון זײַן גוף. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך פאַרטראַכט. שלוימקע איז ניט געווען. וויפל ער האָט אים ניט גערופן, איז ער אַלץ ניט געקומען. און עפּשער איז ער ערגעץ יאָ דאָ פאַראַן, נאָר ער, זינטשענקאָ, זעט אים אָבער ניט. דער בלייכער גראָוער שלוימקע האָט דעם זעלבן קאָליר, וואָס דער טריבער האַרבסטיקער קאַיאָר, זעט ער אים פּאַשעט ניט. ער וועט זיך פּרוּוון אָפּזוכן לאָזערן אָדער מיראָשניטשוקן, עפּשער ווייסן זיי עפּעס וועגן גוירל פון דעם קינד.

און קאָן זײַן, אַז דער אַלטער שיקער איז טאַקע יאָ ציופּאַ? עפּשער געדענקט ער עפּעס, אויב זײַן זיקאָרן איז נאָך ניט אינגאַנצן דערטרונקען געוואָרן אין בראַנפֿן? ער וועט איצט פֿרעגן באַ אַלעמען, באַ אַלעמען.

אָפּגעשטעלט זיך אַף דעם, האָט זינטשענקאָ זיך אַ ביסל באַרויִקט — און מעגלעך געוואָרן עטוואָס מונטערער, ווײַל ס'איז אָנגעקומען דער פֿרײַ־מאָרגן.

דער ווינט האָט אָנגעטריבן געלע בלעטער צו דער באַנק, זיי זײַנען געשוואומען איבער דער קאַליוזשע און זי קימאַט אינגאַנצן באַדעקט. און ווען זינטשענקאָ האָט זיך אופגעהויבן, האָט ער אַ שפּאַן געטאָן גלײַך אַף איר. דאָס קאַלטע וואַסער האָט דורכגענעצט די שיך, ער האָט אַ ציטער געטאָן און אוועק מיט גיכע טריט איבערן פּאַרק.

אַ ברייטער, אַ געדיכטער, האָט דער פּאַרק גאַדלעסדיק געשאָקלט מיט די געלבלעכע קרוינען, ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ניט דער ווינט וויגט זיי און רוישט צווישן זייערע בלעטער, נאָר דאָס טאַנצן זיי אויס אַן אייגנ־אַרטיקן טאַנץ אונטער דער מוזיק, וואָס זיי האָבן באַשטעלט באַם ווינט. און טאַקע ווײַל דאָ, אַף אָט דעם אָרט, זײַנען אַמאָל געשטאַנען שטיבער און געלעבט האָבן אין זיי מענטשן, וועלכע ער האָט געקענט און ליב באַ־קומען, — האָט זיך זינטשענקאָן אָנגעהויבן אויסווײַזן, אַז ער קען אָט דעם פּאַרק פֿון יאָרנלאַנג, קען דאָ יעדן בוים באַם נאָמען, ווי ער האָט געקענט די מענטשן באַ די נעמען. יעדער מענטש האָט זײַן נאָמען, יעדער בוים מוז האָבן אַ נאָמען... ווײַל... וואָס ווײַל?.. וואַרט. דער מויעך קאָן פּלאַצן, די געדאַנקען עגבערן דעם מויעך, דעם קאָפּ, דאָס האַרץ. ער מוז זיי אויס־שרײַען, די געדאַנקען, אויסשרײַען פֿאַר דער גאַנצער וועלט:

— וואַכט אוף, מענטשן — ביימער! ביימער, אויסגעוואַקסענע פֿון אומ־געבראַכטע מענטשלעכע לעבנס! עס גייט, עס דאַרף נאָך אַלץ גיין דער מישפּעט איבער די מערדער, מוזט איר זיך שטעלן פֿאַר איידעס. דערציילט דער וועלט דעם עמעס! דערציילט וועגן די אומגעבראַכטע מיליאָנען מענטשן...

שטייט אוף, מענטשן — ביימער! אָט וועל איך אײַך אופרופֿן איינער נאָכן אַנדערן באַ די נעמען:

— סאַפּיר! מייער סאַפּיר! דער קאָוועל מייער סאַפּיר!

שטיל. קיינער רופֿט זיך ניט אָפּ. בלויז דער ווינט רוישט צווישן די בלעטער.

— אָשער! אָשער סאַפּיר! דו הערסט? עס קלינגט דער וועקזייגער! עס קלינגט דער גלאָק! שטיי אוף, מײַן שרעקלאָזער אָשער!

און ווידער שטיל. און ווידער בלויז דער געוואָי פֿונעם ווינט...

אָט דער בורער שטאַרקער דעמב — דאָס איז ער, דער פֿאָטער, דער אַלטער קאָוועל מייער סאַפּיר. און ניט ווײַט פֿון אים — אַ פֿעסט יונג דעמבל. דאָס ביסטו, אָשער. דו זעסט אַפֿן ראַנד פֿונעם פּאַרק ווײַסע דינע בערעזקעס? — פֿרעגט זינטשענקאָ זיך אַליין. — דאָס זײַנען עמע, בראָניע און מילע. קימאַט באַנאַנד מיט זיי ציִען זיך אין דער הייך שטאַלטנע טאָ־פּאָלן. דאָס זײַנען דאָוויד, אילקאָ, איזיע, שײַע, סטאַסיק, מאָטל, וואַניאַ. און אַנטקעגן, אַף דער צווייטער זײַט — צוויי יאַנקעס קאַשטאַנעס. דאָס זײַנען

יִיסראָליק און מאַניק. בא איינעם פון די קאַשטאַנעס לאָזט זיך זען פּונקט אַזאַ רויטע קרוין, ווי בא מאַניקן די האָר. און לעבן דעם קאַשטאַן האָט צעשפּרייט אירע צווײַגן אַ ליפּע. דאָס איז מאַניקס מוטער, זלאַטע. זי פֿאַרשטעלט אים מיט איר לײַב. און אָט איז נאָך אַ ליפּע, אַן אַלטע, אַ פֿאַרטונקלטע. דאָס איז עמעס קראַנקע מוטער. אָט שטייען צוויי איבערגעפּלאָכטענע מיט זייערע צווײַגלעך דינינקע ראַבינעס, איבערגעפּלאָכטענע, גלײַך ווי זיי וואָלטן זיך גענומען פֿאַר די הענט, — דאָס זײַנען בײדע סאָניעס. די ערשטע און די פּערטע. אָפּגעזונדערט אין אַ זײַט שטייט אַ פֿאַרטראַכטער קליאַן. דו הערסט דאָך, ווי ער פּליסטערט מיט די בלעטער אויף דער אוניווערסאַלער עספּעראַנטאָ־שפּראַך: „אַלץ מוז זיך אַמאָל ענדיקן... סײַ גוטס, סײַ שלעכטס". דאָס איז נאָכמען מיט זײַן אויסגעצויגענעם קאָפּ. און אָט שטייט מיט אויסגעשטרעקטע אינדערלופטן הענט — צווײַגן אַן אָסינע. אירע בלעטלעך האַלטן אין איין ציטערן, כאָטש ס'איז קיין ווינט ניטאָ. דאָס איז מוישע גובער. סיגאַל איז דאָ ניטאָ. ער ליגט, יעפּים סיגאַל, אין דער „לאַנגער באַלקע". זינטשענקאָ האָט וועגן דעם פֿאַרגעסן. ער האָט אויך פֿאַרגעסן, אַז מאַניק איז ניט דאָ אומגעקומען. ווי דער אַלטער סאַפּיר, וויל ער, זינטשענקאָ, אַז דער גאַנצער שטאַם זאָל זײַן דאָ. זוכט ער דעם דאָקטער. זוכט די סאַפּירס...

מענטשן —ביימער! מענטשן — ביימער! פֿון די קדושים, וואָס לאָזער און מיראָשניטשוק האָבן מעקאַבער געווען אין מײַער סאַפּירס הויף, אין דעם הויף, וואָס מייער און זײַן הויזגעזינד האָבן ניט פֿאַרלאָזט אַפֿילו אין אַנבליק פֿון טויט, אַפֿילו טויטע, אַזוי טיף פֿאַרוואָרצלט זײַנען זיי דאָרט געווען, פֿון זיי, פֿון אָט די מוטיקע מענטשן זײַנען זיי אַרויסגעוואַקסן, די שיינע ביימער, וואָס הייבן שטאָלץ זייערע קעפּ צום הימל און רוישן און רופן, רוישן און רופן אָן אויפֿהער, טאָג און נאַכט, ווי דער גלאָק אין בוכענוואַלד...

זינטשענקאָ איז צוגעגאַנגען צו דער ווײַסער בערעזע, צו דער עמעבערעזע, און צוגעטוליעט דעם קאָפּ צו איר שטאַלטנעם שטאַם...

17

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום אַלטן דעמב. דער זאַקן האָט שטרענג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זינטשענקאָ האָט אַ קוק געגעבן אין דער ריכטונג, וווּהין עס האָט געוויזן די האַנט — צווײַג פֿונעם מענטשן — בוים און דערזען דערנעבן ניט קיין גרויסן הילצערנעם טאַנץ־פּלאַץ.

איצט האָט ער אויסגעזען פֿאַריאָסעמט, נאַס און וויסט. נאָר זומער... זומער טאַנצט מען דאָ, מע טאַנצט און מע טרייסלט זיך אונטער די קלאַנגען פֿון עפּעס אַן עכט־הײַנטצײַטיק שייק־ניגנדל.

אָט דאָ־אָ? אויף דעם אָרט טאַנצן?

זינטשענקאָ האָט אָנגעכאַפּט אַ סטאַרטשענדיקן עק פֿון אַ ברעט, אַ שלעפּ געטאָן מיט קויעך און אַרויסגעריסן, אָנגעכאַפּט אַ צווייטע ברעט... נאָר דאָ האָט ער פּלוצעם דערהערט שרײַען:

— היי, וואָס טוט איר דאָרט?

זינטשענקאָ האָט זיך אומגעקוקט. א באַיאָרטער פולבלעכער מענטש האָט געקוקט אף אים מיט בייזע אויגן.

— וואָס טוט איר? — האָט ער ווידער געפרעגט זינטשענקאָן.

— איר זעט דען ניט?.. איך צעשטער אָט דאָס־אָ...

— פאַרוואָס?

— דאָ איז ניט קיין אָרט פאַר דעם.

— ווער זענט איר עס, וואָס איר נעמט אף זיך לייזן אזעלכע זאכן?

— מײַן פאַמיליע איז זינטשענקאָ. איר קענט מאכן א פּראָטאָקאָל.

— זינ־טשענ־קאָ־אָ?.. — האָט דער מענטש צעצויגן איבערגעפרעגט, גריבלענדיק זיך אין זיקאָרן. — און ווי איז אײַער נאָמען, דער פאָטער־נאָמען?

— פיאָדאָר פיאָדאָראָוויטש.

דער מענטש איז געוואָרן עפּעס שטאַרק צערודערט.

— פיאָדאָר פיאָדאָראָוויטש? און עפּשער פעדיא פעדיאיעוויטש?..

— פונוואַנען ווייסט איר עס? ווער זענט איר? פונוואַנען? — האָט איצט זינטשענקאָ אָנגעהויבן זיך דערפרעגן באַם אומבאַקאַנטן.

— איך בין סאַפּיר. לאַזער סאַפּיר.

„ניט שוין זשע קומט עס ווידער פאַר אין שלאָף?"

זינטשענקאָ האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט:

— איך בין פיאָדאָר זינטשענקאָ. דער מאַן פון אײַער שוועסטער עמע.

— כ׳האָב געהערט. געהערט פון אײַך. ווו זשע זענט איר געווען די גאַנצע צײַט? און...

— דערנאָך, — האָט אים איבערגעשלאָגן זינטשענקאָ, — וועגן דעם דער־נאָך. אצינד בעט איך אײַך, ענטפערט מיר אף איין פראַגע נאָר, איר ווייסט, אז עמע האָט געהאַט א קינד?

— פאַרשטייט זיך.

— און וואָס איז מיט דעם געשען?

לאַזער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דאָס ווייס איך ניט.

— וואָס הייסט, איר ווייסט ניט? איר מוזט וויסן. ס׳קאָן ניט זײַן, איר זאָלט ניט וויסן. איר זענט דאָך דער לעצטער אוועק פון אָט דער שטוב. איר האָט דאָך אלעמען דאָ צו קווורע געבראַכט.

לאַזער האָט זיך פאַרטראַכט, געפּרוווט דערמאָנען זיך. דערנאָך גע־ענטפערט:

— ווען איך בין דעמלט אהער געקומען, האָב איך קיין קינד ניט געזען.

— איר געדענקט עס גוט?

— איך בין דעמלט דורכגעגאַנגען דורך אלע צימערן, כאָטש כ׳האָב זיך זייער געאײַלט. ווען ס׳וואָלט געווען ערגעץ דאָרטן א קינד, וואָלט איך עס דערזען.

— און עפּשער ווייסט עפּעס מיראַשניטשוק?

— ער איז געווען צוזאַמען מיט מיר און קאָן ניט וויסן מער, ווי איך.

— עפשער ווייסט וועגן דעם עמעצער פון די היגע אײַנוווינער? — האָט זינטשענקאָ אַלץ געהאַלטן אין איין פרעגן, און דאָס שטיקל האָפענונג האָט אָנגעהויבן גויסעסן.

לאָזער האָט ווידער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין. ווען עמעצער וואָלט געוווסט, וואָלט ער שוין לאַנג מיר גע־וועז געזאָגט וועגן דעם. ס'איז דאָך פאַריבער אַזויפיל יאָרן!

— איר האָט די גאַנצע צײַט געוווינט דאָ?

— יאָ. איך וווין און אַרבעט דאָ קימאַט די גאַנצע צײַט נאָך דער מילכאָמע.

— מיט מאַניקן? — האָט א פרעג געטאָן זינטשענקאָ און אַליין ניט געוווסט, צוליב וואָס ער פרעגט עס. אף דער סאַמע וויכטיקער פראַגע האָט לאָזער דרײַ מאָל געענטפערט „ניין", איז איצט שוין קיין אונטערשייד ניט, וואָס ער זאָל פרעגן:

— ניין. מאַניק איז אומגעקומען.

— לעבט איר, הייסט עס, אַליין?

— ניין. איך האָב א נײַ געזינד. א ווײַב, צוויי קינדער.

— וויאַזוי זשע... — האָט זינטשענקאָ אָנגעהויבן און זיך פאַרהאַקט.

סאַפיר האָט געענטפערט פּאַשעט:

— אז מע לעבט, מוז מען לעבן.

זיי זײַנען בײדע אַנשוויגן געוואָרן. נאָר זינטשענקאָ האָט אין געדאַנק נאָך פאַרגעזעצט דעם געשפּרעך מיט לאָזערן: „...און איך, אָט, לעב ביז איצט אַליין. איך האָב ניט קיין צווייט געזינד. איך האָב אפילו דאָס ער־שטע קימאַט ווי ניט געהאַט..." און נאָך, און נאָך האָט ער אים געוואָלט זאָגן. וועגן די מענטשן — ביימער, וואָס רינגלען זיי אַרום. און וועגן דער צעפּעכערטער ליפּע, וואָס האָט צוגעדעקט מיט אירע צווײַגן דעם רויט־בלעטערדיקן יונגן קאַשטאַן. געוואָלט, — נאָר גאָרנישט ניט געזאָגט. גאָר־נישט ניט געפרעגט מער. צוליב וואָס? אף אַלע פראַגן וועט קומען א פּאַ־שעטער, אײַזערנער ענטפער: אז מע לעבט, מוז מען לעבן.

זינטשענקאָ האָט אויסגעשטרעקט סאַפירן די האַנט.

— זײַט געזונט!

— וואָס הייסט?! איר וועט אפילו ניט ארײַנכאַפּן זיך צו מיר?.. מיר האָבן דאָך זיך אפילו ניט דורכגערעדט, ווי עס דאַרף צו זײַן. נו, און עפּעס איבערבײַסן...

— א דאַנק. איך אײַל זיך צום צוג.

אף דער באַן־סטאַנציע איז זינטשענקאָ צוגעגאַנגען גלײַך צום פענצ־טערל פון דער בילעטן־קאַסע.

— קיין בוגאָוו.

דאָס מיידל פון יענער זײַט פענצטערל האָט אים דערלאַנגט א בילעט. זינטשענקאָ האָט זיך צעצאָלט. געוואָלט ארײַנלייגן דעם בילעט אין קע־שענע און זיך א כאַפּ געטאָן:

— איך האָב דאָך געבעטן א בילעט קיין ראַדיטש, און איר האָט מיר געגעבן קיין בוגאָוו.

— איר האָט געזאָגט בוגאָוו, ניט ראַדיטש.

— ניין. כ'האָב געזאָגט ראַדיטש, ניט בוגאַוו, — האָט זינטשענקאָ א געשריי געטאָן.

— איר זײַט פון עפּעס צערודערט זייער, — האָט אים ווייך געזאָגט דאָס מיידל.

זינטשענקאָ האָט זיך אַנטשולדיקט.

— האָט קיין פאַריבל ניט. ניט געשלאָפן א גאַנצע נאַכט. מעגלעך, אַז איך האָב א טאָעס געהאַט.

— איז פאַרבײַטן דעם בילעט אויף ראַדיטש?

— יאָ. ביטע. אומבאַדינגט ראַדיטש.

דאָס מיידל האָט פאַרביטן דעם בילעט.

זינטשענקאָ האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע דעם צײַטונג־אויס־שניט מיט דער פאָטאָ פונעם אומבאַוווּסטן מיידל און זאָרגזאַם אײַנגע־וויקלט אין אים דעם בילעט.

פון יענעם ברעג, פון קאיאָריקן

1

גיטל איז קראנק. האָב איך האַנאָע. זי זיצט די גאַנצע צײַט אין דער היים, גייט אין ערגעץ ניט, ליגט אין בעט. דער קאָפּ אירער איז פאַרוואָרפן אַף דער קישן, דאָס גריבעלע אַפן האַלדז זעט אויס טיפער און טינקעלער, גלײַך ווי אַלע שאָטנס פון איר פּאָנעם, וואָס מינעט זיך און פיבערט, וואָלטן זיך דאָרטן צונויפגעזאַמלט. אַף די אויגן זײַנען טאָמיד אַראָפּגעלאָזט צוויי שוואַרצע פאָרהענגלעך, און לאַנגע לאָקן שלענגלען זיך איבער דער ווײַסער קישן. איינמאָל נעמט זי, אָט די גיטל, צעלאָזט אירע לאָקן און לאָזט זיך גיין שפּאַצירן איבערן דאָרף, אַ שטאַלטנע, אַ שטאָלצע, שיין ווי די וועלט. טיר־און־טויערן עפענען זיך, מע קומט אַרויס, קליין און גרויס, דערנאָך נעמט מען איר נאָכגיין, צוערשט אָפּגעווײַטערט, דערנאָך נעענטער און נעענטער, דעריקער דאָס קליינוואַרג. האָט דאָס אויסגעזען, ווי עפּעס אַ קרייץ־פּראָצעסיע מיט אַ לעבעדיקער גאָטס־מוטער, מאַרי׳ע, בעראָש. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווײַס קלייד, און זונען־שטראַלן האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין אירע געדיכטע האָר.

אַצינד ליגט זי צו בעט. האָב איך מיט איר קיין דײַגעס ניט. צווישן דעם אוילעם איז דעמלט געווען אויך גאָרדי, אונדזער שאָכן. איז מיר ניט געפעלן געווען, מיט וואָס פאַר אַ באַלעכעס ער האָט אַף איר געקוקט.

מײַן שוועסטערקינד גיטל איז עלטער פון מיר אַף גאַנצע פיר יאָר. דײַגענען אָבער פאַר איר מוז איך. ווער דען?

עפּשער איר מוטער? זאָגט זי, אַז זי איז אַליין קראַנק, די מומע זעלדע. כ׳פאַרשטיי ניט, צו וואָס דאַרף מען אַזוי ציטערן איבערן געזונט, ווען מ׳איז ניט זיכער מיטן לעבן? אַוואַדע האָט די מומע זעלדע שטאַרק ליב איר גיטעלען, אַניט וואָלט זי ניט פאַרלאָזט די שטאָט און געקומען צו אונדז אין דאָרף, אין אויסרײַסעניש, קעדיי איר קינד, ס׳הייסט גיטעלע, זאָל אָטעמען מיט פרישער לופט, וואָס דער דאָקטער האָט איר צוגעשריבן. אַזוי זאָגט זי, די מומע זעלדע. איז ערשטנס, די שטאָט, פונוואַנען די מומע האָט זיך אין איינעם אַ שיינעם טאָג געיאָוועט, גאָר ניט אַזאַ גרויסע שטאָט, גיכער אַ גרויס שטעטל. און צווייטנס, איז דאָס דאָרף אונדזערס שוין ניט אַזאַ פאַרוואָרפנס, עס ליגט אַפן טראַקט, און די שטרעקע צווישן ליובאַטש, ס׳הייסט די „גרויסע שטאָט״, און ראַקיטנע איז קאַרגע צען ווערסט. און דריטנס, סטאַרעט זיך די מומע אויסנוצן אַזאַ געלעגנהײַט, קעדיי צו אָנ־

דעכען זיך מיט דארפישער לופט. זיצט די מומע מער באַם טײַך צי אין סאַד, ווי בא איר טאָכטערס בעט.

עפשער דער זיידע? וואָרעם קיין פאָטער האָט זי ניט, גיטל האָט ניט קיין פאָטער, און איך האָב ניט קיין מוטער. מיר האָבן אָבער בעשוטפעס א זיידן, ס׳הייסט דער פאָטער פון מײַן טאַטן און איר מאַמען. נאָר ער איז פארבליבן, דער זיידע, אין ליובאַטש, גיט אכטונג אף דער שטוב, מע זאָל זי כאָלילע ניט באַגאַנווענען. איר וואָלט געמעגט, אף טשיקאַוועס, כאַפּן א קוק אף דער שטוב, אף דעם זיידנס פאַרמעגן! א צימערל, פול מיט ביכער. קאָלערליי ביכער. אף די פּאָליצעס פון א זייער אַלטן, נאָר בעקאָוועדיקן שראַנק. פון אויבן — אפן שראַנק. אפן צעפּאָרענעם טיש, אף די הינקעדיקע בענקלעך. ס׳א סוואָרע, אז איבער די דאָזיקע ביכער האָבן די מומע זעלדע און גיטל געמאַכט די פּלייטע צו אונדז, אין דאָרף. די מומע זאָגט, אז די ביכער נעמען אוועק די גאַנצע לופט פון דער שטוב, האָט נישט גיטל מיט וואָס צו דעכען. איז זי קראַנק געוואָרן אף די לונגען. דעם זיידן, ווידער, שאַדט דאָס נישט. די ביכער קערן אים אום א ביסל לופט, וואָרעם ער פאַרעט זיך מיט זיי טאָמיד, לייענט און גלעט זיי. אַלעמאָל, ווען איך קום צום זיידן, טרעף איך אים זיצן באַם טיש און לייענען עפּעס א סייפער מיטן לינקן אויג. דאָס רעכטע אויג איז בא אים דערבײַ פעסט פאַרזשמורעט.

עפשער מײַן פאָטער? וואָס זאָגט איר אזוינס! ער איז, נעבעך, אזוי פארטאַראַראַמט מיט זײַן באַלעבאַטישקײַט, פאַרהאַרעוועט. די מאַמע איז געשטאָרבן, איז דער גאַנצער אָל געפאַלן אף זײַנע פּלייצעס. קען ער דען האָבן אין זינען א פּלעמעניצע?

נו, און דער קאַוואַלער אירער, מאַקס רומער? ער מוז דאָך דײַגענען פאַר זײַן... וואָס זײַן? קאַלע? געליבטע? — דאָס ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אז ער טוט זיך אמאָל א יאַווע, א פארשטויבטער, א באָרוועסער. די שיך באָמבלען זיך אף אן אַקסל, צונויפגעבונדענע מיט שוואַרצע בענדלעך. אָט אזוי־אָ קומט ער צופוס פון ליובאַטש און טוט א קאָמאַנדעווע:

— הער נאָר, קונדעסעוויטש! ברענג מיר אן עמער וואַסער, וועל איך א וואַש טאָן די פיס.

כ׳האָב אים ניט ליב. דעם־אָ קאַוואַלער. ערשטנס, וואָס רופט ער מיך עפּעס „קונדעסעוויטש״? צווייטנס, נאָך דעם, וואָס ער וואַשט זיך אָפּ ווי־סע־ניט־איז די פיס מיט דער לינקער האַנט, גייט ער אַרײַן אין שטוב, צעזעצט זיך ברייטלעך בא גיטלס בעט און כאַפּט אף מיר א קוק מיט א מיין. ס׳הייסט, טראָג זיך אָפּ, קונדעסעוויטש, פונדאַנען. דו שטערסט אונדז. „אונדז״ — באַטײַט: אים, דעם קאַוואַלער, און גיטלען. די רעכטע האַנט רומערס בייגט זיך ניט — געווען פאַרוווּנדעט אינעם עלנבויגן, א שפּליטער פון א האַרמאַטן־קויל האָט אים געטראָפן בעשאַס א שלאַכט מיט די פּעטליוראָווצעס. די שלאַכט, דערציילט ער, איז געווען א שווערע, א פאַרביטערטע, פון האַרמאַטן איז מען אריבער אף קוילנוואַרפערס און פון קוילנוואַרפערס — אף ביקסן, און פון ביקסן — אף באַגנעטן, און ווען ער הייבט אָן אזוי־אָ דערציילן, בין איך גרייט מויכל זײַן אים, וואָס ער רופט מיך קונדעסעוויטש. כ׳מוז אָבער אָפּטראָגן זיך, וואָרעם זיי ווילן זיך א סוידע

טאָן, עפשער ניט אזוי גיטל, ווי מאקס. דערוויַיל נעמט ער ארויס פון דער קעשענע מיט דער לינקער האנט א רויטן בלייַער, שטעקט אים ארייַן צווישן די פינגער פון דער רעכטער האנט און הייבט אָן פירן מיט אים איבער א שטיקל פאפיר. מיין איך, אז ער שרייַבט עפעס גיטלען. גיי איך צו נעענטער, רוק קלוימערשט ארונטער אונטערן בעט א גלעזערנע באנקע מיט גיטלס שפּייַעכץ, סע פאסט ניט, פּאַרט א גאסט, — כאַפּ איך א קוק מיט איין אויג. לאָזט זיך אויס, אז ער מאָלט גאָר, רומער. מיט ברוינע פינגער מאָלט ער רויטע פערדלעך. א סאַך רויטע פערדלעך. און רויטע רייַטערס אַף די פערד. מיט רויטע שפּיציקע היטלען. מאָלט און טופּעט אונטער אומגעדולדיק מיט די שיך אַף די הוילע פּיס. כ׳מאַך זיך אָבער נאָך אַלץ ניט וויסנדיק. ערשט ווען די טופּערייַ ווערט ענלעך אַף א קוילנוואַר־פּער־שיסערייַ, טו איך א פרעג גיטלען מיט די אויגן: „דאַרף איך שוין ארויסגיין?” ענטפערט זי מיר מיט א שמייכל: „יאָ”. פאַר אַ־דעם בלייכן שמייכעלע אירן בין איך גרייט אין פייַער און אין וואסער. לויף איך באַלד ארויס אין הויף ארייַן און נעם זיך האקן האָלץ.

2

האק איך האָלץ און טראכט זיך בעשאסמייַסע: וואָס טוט ער אצינד, רומער, מיט גיטעלען? ער קושט זי? און עפשער אפילע נעמט ער זי ארום?

איך טו א צאָרנדיקן פּאַכע מיט דער האק. טרעפט זי אָבער אין א סוק. די האק שפּרינגט אָפּ פונעם קלאָץ מיט א שארפן קלונג, און איך ווער ברוגעז אַף זיך אליין. ביסט דאָך טאקע א קונדעסעוויטש! זי איז דאָך קראנק, גיטעלע. איז ווער קושט זיך און האלדזט זיך, ווען מע איז שלאַף? איז וואָס זשע האָט ער געוואָרפן אַף מיר אזא רעציכעדיקן קוק? און וואָס האָט גיטל א פינטל געטאָן מיר מיט א ליב בלייך שמייכעלע? סוידעס האָבן זיי מיסטאמע און קאָלערליי סעקרעטן. ווילן זיי ניט, אז איך זאָל זיך דערוויסן וועגן זיי. ס׳הייסט, איך בין נאָך יונג, א קונדעס. אזוי זאָגט מאקס רומער, און גיטל שטימט אייַן מיט אים מיט א בלייך שמייכעלע אַף די ליפּן. בלויז אין דעם שטימען זיי אייַן. ביכלאַל אָבער האלטן זיי זיך אין איין שפּארן. כ׳וויס ניט געגוי, וועגן וואָס אמפּערן זיי זיך, נאָר עפּעס האָב איך פונדעסטוועגן געגאשט. ווען ער זאָגט, אז די ענדגילטיקע יעשוע וועט ברענגען די וועלט־רעוואָליוציע, — זאָגט זי, אז רעוואָליוציע שמעקט מעסוקן מיט בלוט. פרעגט ער זי: „און וואָס שמעקט ניט מיט בלוט?” פאַרטראכט זי זיך און ענטפערט מיט איין־און־איינציק וואָרט: „שיינקייַט”.

כ׳וויס ניט, וואָס זי מיינט מיט דעם. נאָר עס געפעלט מיר. רומער ווידער ווערט אויסער־זיך. וואָס אַרט עס אים, אשטייגער? ער איז אָבער א גרויסער אקשן און נאָך א היציקער דערצו. ציינדט ער זיך אָן, הייבט אָן מאכן ווילדע טנועס מיט דער לינקער האנט, כ׳פּיל, אז ער וויל א הילך טאָן אַף א קאָל, טאָר מען דאָך ניט, רעדט ער אויס פאַרשטיקט:

— שייניקע, גוטינקע, גוטמוטיקע גוטווילִיקייַט...

פארשטיי איך ווידער ניט. וואָס מיינט ער מיט די דרײַ מאָל אויסגע־רעדטע „גוט"? אזא וואָרט, מיין איך, דאַרף ארויסגעבראכט ווערן מיט א מילד קאָל. און ניט מיט א שטימע, וואָס איז אויסגעווייקט אין גיפט און אין איראָניע.

גיטעלע שווײַגט. זי האָט, נעבעך, ניט קיין קויעך צו קריגן זיך מיט אַ־דעם בלוטדאָרשטיקן מאקסן. און עפּשער וויל זי פארלעשן דעם פלאם פון זײַן צאָרן מיט וואסער פון שטילשווײַגן. איך האלט זיך אין איין בײַ־דעשן אַף דער טעמפּקײַט פון דעם דאָזיקן רומערן, וואָס האלט זיך פאַר א גרויסן קאָמפּענטש. זאָל ער ניט קוקן אַף דעם מיידלס שיינעם האלדז. זאָל ער אַף א ווײַלע אראָפּלאָזן זײַנע אויגן אַפן דיל און א קוק טאָן אַף דער באנקע מיט שפּײַעכץ, וואָס כ'האָב ארונטערגערוקט אונטערן בעט. זאָל ער, דער בלינדער, דערזען די ראָזעווע הײַטלעך, וואָס שווימען פון אויבן. וועט ער עפּשער דעמלט פארשטיין, איבער וואָס גיטעלע האסט אזוי אלץ, וואָס שמעקט מיט בלוט.

מיטאמאָל דערהערט זיך מיקס האווקערײַ. לאָז איך דאָס צוערשט דורך פארבײַ די אויערן. כאָטש מיק איז אַן ערנסטער הונט, נאָר ער האָט א טעווע א ביל טאָן אמאָל גלאט אזוי, אין דער וועלט ארײַן. איבערהויפּט ווען ער דערזעט מיך אין הויף. כ'ווייס, וואָס ער וויל. ער וויל, אז איך זאָל צוגיין צו אים, אָפּבינדן פון דער לאַנגער קייט און דורכשפּאצירן זיך מיט אים. מיק איז שווארץ, ווי די נאכט, און האָט צוויי גרויסע ברוינע אויגן. מיק איז מײַן בעסטער כאווער. כ'האָב ביכלאַל ליב כײַעס. בא אונדז אין הויף איז פאראַן פיר באלעכאִים. דער הונט — מיק. א פערד — ניק. א קעצל — טיק. און א קו — קאַלינע.

זיי זײַנען אלע שיין, באשיידן און שווײַגן, אויב קיינער טשעפּעט זיי ניט.

ניק איז א בולאנער, א געלבלעכער, מיט א שווארצן ווײדל און א שווארצער גריווע. ער זעט אויס, ווי א בלאָנדינקע מיט שווארצע האָר.

טיק איז א ווײַס בריִעלע מיט א גרויסן גרויען פלעק איבער ביידע זײַטן פונעם רוקן, גלײַך ווי עס וואָלט געווען אָנגעטאָן, דאָס קעצל, אין א קראָליק־פּעלצעלע. אמאָל איז דאָס אויך געווען באשיידן. נאָר פון זינט גיטל איז געקומען צו פאָרן, איז דאָס געוואָרן צעפּעסטעט און ליגט טאָג און נאכט אונטער דער קאָלדרע צוזאמען מיטן שוועסטערקינד. גיטל גלעט דאָס מיט אירע ווײַסע דורכזיכטיקע פינגער, און דאָס קעצל מורקעט זיס און זינגט איר א לידל. דאָס לידל איז א ביסל ענלעך אַף דעם סאמאָווארס זעמערל, ווען ער הייבט אָן זידן.

די קו רופט מען קאַלינע, וואָרעם זי איז דורכויס רויטלעך. זי האָט א פּאָר גרויסע קײַלעכיקע גרויסארטיקע הערנער, און ווען זי פארבײַסט אמאָל שטאָלץ דעם קאָפּ און טוט א מעקע, איז א מעכײַע א קוק טאָן אַף איר.

מיק אָבער נעמט זיך ווידער האווקען. טו איך א הייב די האק אינדער־לופטן, לאָז זי אראָפּ מיט קויעך אַפן קלאָץ, בלײַבט זי שטעקן אין אים, און איך גיי צו צום הויף־טירל. מיק סטארעט זיך, שפּרינגט ארום מיר, קלינגט מיט דער קייט און ווײַזט מיר אָן מיט זײַנע ברוינע פארשײַטע אויגן, וועמען ער מיינט מיט זײַן בילערײַ. ערשט אצינד דערזע איך פון

יענער זײַט פּלויט, אונטער די צווײַגן פון א ווײַנשלבוים, וואָס הענגען אריבער איבער די שטאַכעטן מיט רויטע געשמאַקע שמייכלענדיקע ווײַנשל צווישן די בלעטער,— דערזע איך, הייסט עס, גאָרדיען. מיק האַלט זיך אין איין דרייען אונטער די פּיס, קלינגט מיט דער לאַנגער קייט, און וועל־כער ער פאַרפּלאָנטערט זיך, מאַכמעס גרויס פלײַס זײַנעם און אייפער. גלעט איך אים איבערן שוואַרצן קאָפּ און זאָג אים: „וואָס איז דער טאַראַ־ראַם? וואָס אַרט דיך? גאָרדי וויל מיסטאָמע קוויקן דאָס האַרץ מיט זויער־לעכע ווײַנשל נאָכן ביטערן טראָפּן. איז זאָל אים וויל באַקומען. וואָסי, עס וועט אונדז ניט סטײַען?"

מיק הערט מיך אויס און נעמט זיך ווידער האווקען. אָפּאַנעם, אַז ער איז מער קריגעריש געשטימט, ווי איך.

טײַנע איך צו אים ווײַטער:

— הער מיך אויס, מיק. דו ביסט דאָך א קלוגער קעלעוו. מיר טאָרן זיך ניט צעקריגן מיט אונדזערע שכיינים. און ביכלאַל מיט קיינעם ניט אין דאָרף. ווייסט דען ניסט, אין וואָס פאַר א צײַט מיר לעבן?

ווערט מיק אַנשוויגן.

איך, ווידער, קוק נאָך אַלץ אַף גאָרדיען. ניין, ער רײַסט ניט און עסט ניט קיין ווײַנשל. איז וואָס האָט ער זיך דאָ פאַרטײַעט? ער שטייט אומ־באַוועגלעך, ווי א בוים אונטער א בוים. ער איז טאַקע קרעפּטיק, ווי א דעמב, ברייטפּלייציק און געזעצט. דאָס פּאָנעם איז אָנגעשטרענגט, די ברע־מען שוואַרץ און געדיכט, די אויגן פאַרלאָפן און שיקער. דעריקער — די אויגן. זיי קוקן עפּעס מיט טײַווע און רעציכע אין אָפּענעם פענצטער. איצט טוט מיר באַנק, וואָס כ׳האָב פאַרהויבן דאָס פאַרהענגל. כ׳האָב דאָס געטאָן צוליב גיטעלען. לופט! פרישע לופט! וואָס מערער פרישע לופט, ריינע לופט זאָל פליסן פונעם שמעקנדיקן סאָד צו גיטעלעס בעט, צו גיטעלעס לונגען. פונוואַנען האָב איך געקאָנט וויסן, אַז צוזאַמען מיט דער לופט וועט אַרײַנפליסן אין צימער שיקערער אָטעם? וואָלט כאָטש רומער אָנגע־שטויסן זיך און אופגעהערט גלעטן גיטעלעס הענט! וואָלט כאָטש גיטל אָנגעשטויסן זיך און פאַרשטעלט איר שוואַנען־האַלדז מיט דעם ווײַס־גרויען קעצל! נעם איך אַרום מיקן פאַרן האַלדז און רוים אים אײַן זײַן שוואַרצן סטאַרטשענדיקן אויער:

— טרײַב אים אוועק! זאָלסט אָבער אים ניט בײַסן.

דערנאָך בינד איך אָפּ דעם הונט פון דער קייט און כאַזער ווידער איבער.

— בײַס אים ניט! טרײַב אים נאָר אוועק.

כ׳עפן דאָס טירל. מיק רײַסט זיך אַרויס מיט א האווקערײַ און פאַלט אָן אַף גאָרדיען. דער באָכער מאַכט די פּלייטע. ניט אויס פּאַכעד, פאַרשטייט זיך, נאָר מאַכמעס בושע, וואָס מע האָט אים געכאַפּט פאַר דער האַנט. וואָ־רעם אין פענצטער באַווײַזט זיך רומערס גרויסער קאָפּ מיט בלאָנדע קרוי־זעלעך בא די שלייפן. ער שפּאַרט זיך אָן אַף דער פענצטער־ברעט מיט צעשפּרייטע פינגער, קוקט זיך אַרום, דאָס פּאָנעם איז בא אים פאַרויטלט, זעט מען ניט די שיטערע קלײַען אַרום דער נאָז.

— מיק! — טוט ער א רוף. — וואָס איז געשען?

אצינד באמערקט ער, ווײַזט אויס, גאַרדיען, וואָס שפּאַנט האַסטיק אוועק. טוט ער א ברום:

— האָ!

ער איז א קײַסן, מאַקס. וואָס עפּעס — צינדט ער זיך גלײַך אָן און דאָס פּאַנעם ווערט אים רויט. נאָר באַלד טוט ער א שמייכל. זייער מילד צעשמייכלט זיך פּלוצעם זײַן קלײַנעדיק פּאַנעם. א סימען, הייסט עס, אַז ער האָט כאַראַטע אָף זײַן היציקײַט, נאָר מוידע זײַן זיך אין דעם שטייט אים פונדעסטוועגן ניט אָן, פאַרענטפערט ער דאָס מיט א שמייכל. איך קען די דאָזיקע מידע זײַנע. גיטל — אויך. גאַרדי אָבער קען זי ניט. מוז איך וואָרענען מאַקסן, ער זאָל זײַן פאָרזיכטיקער. עס קען זיך מאַכן, אַז גאַרדי ווייסט, איבער וואָס רומערס רעכטע האַנט בייגט זיך ניט.

3

פרײַער פלעג איך גיטעלען מוסערן. ס׳הייסט, א ביסל געמוסערט, א ביסל געוואָלט איבערבעטן. פאַרוואָס עפּעס איבערבעטן? איז די מײַסע דערפון געווען אזא. איינמאָל, ווען כ׳האָב דערזען רומערן א פאַרשטויבטן, א באָרוועסן, מיט די שיך, וואָס באָמבלען זיך אפן אקסל, צונויפגעבונדענע מיט שוואַרצע בענדלעך, בין איך צוגעלאָפן צו מיקן, אים אָפּגעבונדן פון דער קייט, אים ארומגענומען פאַרן האַלדז און אײַנגערוימט אין זײַן שוואַרצן אויער:

— טרײַב אים אוועק צו אַלדי רוכעס! נאָר בײַס אים ניט.

מיק האָט אָפּגעטאָן זײַן שטיקל אַרבעט גאָר פײַן. איך, ווידער, האָב זיך געוואָלט מאַכן ניט וויסנדיק. ס׳האָט מיר אָבער ניט געהאָלפן. די מומע האָט געטײַנעט א ביסל צו הויך און צו קוויטשיק פאַר א גרויסשטאָטי־שער:

— וואָדען! דער הונט האָט זיך אוודע אליין אָפּגעבונדן... הער נאָר, גערשן, — טוט זי א זאָג צו מײַן טאַטן, — אויב דו וועסט ניט געבן קיין פעטש, נאָר טאַקע באַלד, דײַן קאַדעש, פאַר איך מיר טייקעף אוועק מיט גיטעלען.

מײַן פאָטער איז א גרויסער שווײַגער. און ביפראַט, אַז ער עסט וואַר־מעס. האָט ער פאַרטראַכט אונטערגעכאַפּט מיט דער אויסגעשטאַרצטער אונטערשטער ליפּ א לאַנגן לאָקש, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פונעם לעפל, און פויל א זאָג געטאָן מיר:

— וואָס טראַכטסטו זיך?.. ביסטעך שוין א באַרמיצווע, ביסטעך...

קיין פעטש אָבער האָט ער מיר ניט געגעבן, נאָר צוגעזאָגט זײַן שוועס־טער, אַז ער פירט א גענויעם כעזשבן פון מײַנע אווירעס, וועט ער שוין צערעכענען זיך מיט מיר פאַר אַלץ אײַנײַנעם. ער האָט פּאַשעט ניט קיין צײַט איצטער לערנען מיט מיר באַלעק.

זאָגט אים די מומע זעלדע מיט א כיינדל:

— אַז דו ביסט שטאַרק פאַרנומען — ווייס איך. ווער איז דיר אָבער שולדיק? וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז זאָלסט כאַסענע האָבן. א

שטוב קאָן זיך דען פירן אָן א פרוי? ס'איז אפילע ניטאָ ווער עס זאָל די קו אויסמעלקן, מײַנע סאָנים.

דער פאָטער שווײַגט.

בעט איך זיך באַם פאָטער אין מײַנע געדאנקען:

„הער זי ניט, די מומע. האָב ניט כאסענע, מע דארף ניט. קאלינען וועל איך אליין מעלקן".

ערשט דערנאָך, ווען ער האָט זיך שוין אָפּגעפּארטיקט מיט די לאָקשן, האָט דער טאטע א כאפּ געטאָן זיך מיט דער האנט פארן קין און געפרעגט שטילערהייט די שוועסטער:

— און דו? וואָס האָסטו ניט כאסענע? אָן א מאנצבל קאָן זיך דען פירן א שטוב?

פרעגט — און האָט באלד כאראָטע. וואָרעם די מומע הייבט אָן גלײַך וויינען. איר מאן איז אומגעקומען, קעמפנדיק אין א זעלבשוץ־אָטריאַד. עפּשער איבער דעם אויך טראָגט גיטל ניט איבער, ווען עס נעמט שמעקן מיט בלוט.

ס'איז אָף כידושים, וואָס אליין מאקס, דער היציקער מאקס, האָט זיך באצויגן צו מײַן שפּיצל קאלטבלוטיק. ער האָט אראָפּגעכאפּט פון דער פלייצע די שיך און א מאך געטאָן מיט זיי אָפן הונט. דאָס האָט מעסוקן צערייצט מיקן, און ער האָט זיך א וואָרף געטאָן נאָך מיט א גרעסערער רעציכע אָף רומערן. האָב איך זיך געמוזט ארײַנמישן, וואָרעם ווער ווייסט, ער האָט אים נאָך געקאָנט צעבײַסן, דער שווארצער שעד. האָב איך אים אוועקגעשלעפּט, צוגעבונדן צו דער קייט, און רומער האָט א קאָמאנדעווע געטאָן גלײַך ווי גאָרנישט:

— אנו, קונדעסעוויטש! ברענג מיר אָן עמער וואסער. אָבער אָף איין פוס!

גיטל האָט זיך דעמלט פּלוצעם באוויזן אָף דער שוועל, דאָס פּאָנעם שמאָל און בלייך, ווי בא א היילׂיקער, און די אויגן — שײַנענדיקע. זי האָט אָבער ניט קיין שמייכל געטאָן צו מיר, ווי געוויינלעך. האָב איך פארשטאנען, אז זי איז ברויגעז אָף מיר. זי האָט א כאפּ געטאָן דאָס קעצל, וואָס לויפט איר שטענדיק נאָך, און אוועקגעזעצט זיך אין סאָד אָף א באנק. מאקס, ווי נאָר ער האָט אָפּגעוואשן די פיס, האָט זיך באלד צו־געזעצט צו איר. מע זיצט אָף דער באנק, די זון שײַנט און בריט, רוקט מען זיך און מע רוקט זיך אָף דער באנק, מע ראטעוועט זיך פון דער גליִענדיקער זון, אהין, ווו אָן אראָפּהענגענדיקע צווײַג פארהיט א ביסל שיטערן שאָטן, מע רוקט זיך אזוי לאנג, ביזוואנען ס'איז שוין ניטאָ וווהין צו רוקן זיך, זיצט מען אינצווייען אָף א שטיקעלע באנק, וואָס אפילע אײנער קאָן זיך ניט אײַנמאָסטען, מע זיצט אזוי ענג צוגעטוליעט, אז איצ־טער האָב איך שוין ניט קיין כאראָטע, וואָס כ'האָב אָפּגעבונדן מיקן און אָנגערייצט אים אָף רומערן.

אפדערנאכט אָבער, ווען מאקס האָט אראָפּגעצויגן די שיך און געלאָזט זיך גיין באָרוועס צוריק אין שטאָט ארײַן, האָב איך זיך ארײַנגעכאפּט צו גיטלען, קעדיי א ביסל מוסערן זי און א ביסל איבערבעטן. ס'איז שוין געווען פינצטערלעך. שוין לאנג, ווי די זון איז פארגאנגען, דער הימל־

ראנד אָבער האָט נאָך אַלץ געפּלאָקערט, און דער גויסעסדיקער טאָג ווערט זיך און וויל נישט אָפּטרעטן זײַן אָרט דער יונגער שוואַרצכיינעוודיקער נאַכט, און די שוואַרצכיינעוודיקע גיטעלע שטייט, ווי אַ שטיקעלע נאַכט, ווי אַ דינינק טיילעכל אירע, און שנײַדט מיט אַ מעסער אַ דינינק ריפּטעלע לימענע. אַ, די לימענע! ס'האָט זיך געטאָן כוישעך, ביזוואַנען מע האָט זי געקראָגן. און איך האָב געמוזט מאַטריען זײַן ניקן און אַ פּאָר טאָג רײַטנדיק אין שטאָט אַרײַן צוליב איין־און־איינציקער לימענע, וואָס די מומע האָט ערגעץ אָפּגעזוכט. האָב איך פֿאַרגעסן, וואָס איך דאַרף זאָגן גיטלען, און אויסגעשטאַמלט עפּעס אומעגריכט:

— פֿאַרן שטאַרבן האָט מײַן מאַמע זיך אַלץ געבעטן: „גיט מיר אַ שטיקל ציבעלע, כ'בעט אײַך..." ס'איז איר, ווײַזט אויס, זייער ניט גוט געווען אויפֿן האַרצן. איר איז אַפּילע אויפֿן זינען ניט געקומען, אַז ס'איז פֿאַראַן אויף דער וועלט לימענעס.

גיטל האָט געכאַפּט אויף מיר אַ מאָדנע קוק, און איך — אויכעט. אויף זיך אַליין. צוליב דעם אָבער האָב איך געמוזט צוגיין צום שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. דאָרטן האָב איך דערזען גיטעלעס האַלדז, מיט אַ מאַלעטאַמעדיקן אויסבייג, זייער אַ ווײַסן, אַ בלייכן, האָב איך באַקומען ראַכמאָנעס אויף איר. שטיי איך אַזוי אַקעגן דעם שפּיגל און וואַרט, ביז איר געשטאַלט ווערט פֿאַרשווונדן. ווײַזט אויס, צוגעלייגט זיך אַ ביסל. אָפּרוען זיך? וואָס דאַרף זי זיך אָפּרוען, אַז זי טוט גאָרניט. נאָר מוסערן מוסער איך זיך, אָנשטאָט זי: „ביסטעך טאַקע אַ קונדעסעוויטש! וואָסי, האָסט פֿאַרגעסן, אַז זי איז, נעבעך, קראַנק". עט, קראַנק־שמאַנק. אַלע שלאָפֿקײַטן נעמען זיך פֿון צעפּעסטעטקײַט.

און טראַכטנדיק אַזוי, קערעווע איך זיך אום מיטן רוקן צום שפּיגל. יאָ, זי ליגט טאַקע אויף דער סאָפֿע. זי איז עלטער פֿון מיר אויף פֿיר יאָר, דאָס בלייכקײַט אָבער מאַכט איר פּאָנעם קינדעריש־אומבאַהאָלפֿן. זי איז העכער פֿון מיר, דעריקער איבערן האַלדז און די האָר. זי האָט אַ לאַנגן האַלדז און געדיכטע געקרויזלטע האָר. און איך האָב אַ מיטלמעסיקן האַלדז און בין קורץ געשוירן. און כוץ דעם — איבער די שיך. זיי זײַנען מיט זייער הויכע אָפּצאַסן, און אַז גיטל טוט זיי אָן, ווערט זי מיטאַמאָל העכער עפּעס אויף צוויי ווערשקעס. אַצינד אָבער ליגט זי, און איך שטיי לעם דער סאָפֿע און קוק אויף איר פֿון אויבן־אַראָפּ. דערנאָך פֿאַרקאַטשע איך דעם אַרבל אויף מײַן רעכטער האַנט, נעם איר האַנט און לייג אַוועק אירע נאָכגיביקע פֿינגער אויפֿן עלנבויגן־אויסבייג פֿון מײַנער. דערנאָך דריק איך צונויף מײַן האַנט שטאַרק פֿעסט, קעדיי אירע פֿינגער זאָלן דערפֿילן, וואָס פֿאַרא גרויסע שטײַפֿע מוסקולן איך פֿאַרמאָג. ניט מאַכמעס באַרימערײַ. כאָטש... ניין... כ'וויל פּאָשעט, אַז זי זאָל זיך אָנשטעקן מיט מײַן געזונט, וועט איר ווערן גרינגער, איך זאָג איר:

— קום, גיטל, מיט מיר. כ'וויל דיר ווײַזן, וויאַזוי דו זאָלסט זיך אויסהיילן.

גיטל פֿרעגט מיך:

— ביסט דען אַ דאָקטער?

ענטפֿער איך איר ניט באַשטימט:

— ווּעסט שוין זען.

איך העלף איר אופהייבן זיך. דער קאָפּ פּאַרדרייט זיך מיר פונעם רייד פון אירע האָר. כ׳נעם זיך אָבער פעסט אין די הענט, שטעל זי אוועק אפן דיל און זאָג שטרענג:

— קום מיט מיר.

גיטל פאָלגט מיך. זי שמייכלט. זי רופט מיך ניט „קונדעסעוויטש״, ווי איר קאַוואַלער. כ׳פיל אָבער, אַז זי האַלט מיך פאַר אַ קינד. אַ סימען — דאָס שמייכעלע אירס.

אין סאָד איז אפּדערנאַכט מעכטיַיעדיק פריש. גיטל זעצט זיך אוועק אַף דער באַנק פראַנק־און־פריַי, אין דער סאַמער מיט, וואָרעם מע דאַרף זיך אַצינד ניט ראַטעווען פון דער סאַרפּענדיקער זון. זי פאַרוואַרפט איר קאָפּ און קוקט דער לעוואָנע גלייַך אין פּאָנעם אַריַין. ביידע פּענעמער זיַינען בלייך, און ווייך, און לויכטנדיק — גיטלס און דער לעוואָנעס. עפּעס ווי צוויי אויסטערליש־שיינע בילדער. איינס איז אָבער וויַיט אין הימל. און דאָס צווייטע... דאָס צווייטע איז אויכעט ווייַט. זייער וויַיט. אַ מערכעק פון פיר יאָר, און עפּשער נאָך מערער. מיַין האַנט איז אָבער פעסט. פעסט און לאַנג. ריר איך זיך ווילנדיק ניט ווילנדיק צו מיט איין פינגער צו איר כיינעוודיק אויסגעבויגענעם האַלדז און איַיל זי צו:

— קום וויַיטער, גיטל.

אין עק סאָד, צווישן צוויי פעסטע צוויַיגן, איז איבערגעלייגט אַ לאַנגער גראָבער דראָנג. ער ליגט אַ ביסל הויך פאַר מיַין וווּקס. איז וואָס? כ׳צעלויף זיך, שפּרינג אונטער, כאַפּ זיך אָן מיט ביידע הענט פאַרן דראָנג, וואָס דינט מיר, ווי אַן עמעסער טורניק, צי זיך אונטער און פיל, ווי די מוסקולן אונטער מיַין דין העמדל גיסן זיך אָן מיט פריילעכער שפּילנדיקער קראַפט. פאַרוואָרף איך די פיס איבערן דראָנג און זע, אַז זיי זאָלן דערביַי זיַין אויסגעצויגן גלייַך און שטיַיף, ווי אַ ווירע, וואָרעם גיטעלע שטייט באַנאַנד און שפּירט מיט שיַינענדיקע שמייכלענדיקע אויגן נאָך מיַינע איבונגען. דערנאָך שפּרינג איך אַראָפּ פונעם „טורניק״ און זאָג גיטלען:

— האָסט געזען? אַצינד פּרווו דו. ס׳איז די בעסטע רעפּוע פאַר דיר.

גיטל שטרעקט אויס אירע הענט. זי איז העכער פון מיר, נאָר אַלציינס דערלאַנגען ניט די פינגער ביזן דראָנג. טו איך אַ קאָמאַנדעווע:

— שפּרינג אונטער, נ־נו!

דאָס קען זי ניט. דער שפּרונג באַקומט זיך באַ איר לעפּישעוואַטע. אַז מע שפּרינגט, דאַרף מען שפּרינגען מיטן גאַנצן קערפּער, עלעהיי וואָלסט געוואָלט זיך אָנשטויסן מיטן קאָפּ אין הימל. באַ איר, ווידער, שפּרינגען נאָר די פיס אַליין. באַקומט זיך ניט. לויף איך אין שטוב און ברענג איר צו טראָגן די שיך מיט די הויכע אָפּצאַסן. איך זעץ אַנידער גיטלען אַף דער באַנק, שלעפּ אַראָפּ פון אירע פיס די פּאַנטאָפּל און גיב איר די שיך. נאָר עס העלפט אָבער ניט, ווער איך אין קאַס און ברענג צו טראָגן פונעם הויף אַ קלאָץ.

— שטעל זיך אַפן קלאָץ און צי זיך אונטער! — באַפעל איך ווידעראַמאָל און אַזוי הויך, אַז מיק רופט זיך אָפּעט מיט אַ בילעריַי.

מײַן שוועסטערקינד סטארעט זיך, נעבעך, מיט אלע קויכעס, און ווען זי ציט זיך א ביסל אונטער, וואלגער איך אוועק דעם קלאָץ, שלעפּ אראָפּ די שיך פון אירע פיס, בלײַבט זי הענגען אינדערלופטן.

— סימ־כע־לע! — שרײַט זי, — כ׳פאל אראָפּ. העלף מיר אראָפּלאָזן זיך.

לויף איך צו, כאפּ זי אָן מיט די הענט, און זי גליטשט זיך אראָפּ אין מײַנע אָרעמס. גיטל לאכט, מיק בילט, און איך קאָן שוין ניט מער אויס־האלטן און טו זי א קוש אין האלדז. גיטל זאָגט מיר גארניט. כ׳פיל אָבער, ווי דאָס בלוט האָט זיך מיר א וואָרף געטאָן אין פּאָנעם ארײַן, א גליק, וואָס ס׳איז געוואָרן פינצטערער, שטארק איך זיך און רעד ארויס מיט א פרעמד קאָל:

— אָט אזוי... דארפט איר... איבן זיך... יעדן טאָג... גי...

כ׳האָב געוואָלט זאָגן — „גיטעלע", און געשעמט זיך. אזא אָנשיקעניש! כ׳בין מיט איר די גאנצע צײַט אף „דו", און איצטער הייב איך פלוצעם אָן זי אירצן. זאָג איך איר אומיסטן:

— דו פארשטייסט, גיטעלע... דו פארשטייסט, גיטעלע... ווען דו ביסט געהאנגען אינדערלופטן, האָט זיך דיר ניט אויסגעוויזן, אז דײַנע לונגען אָטעמען פרײַער?

אומיסטן און באטאָנט רעד איך אויס דרײַ מאָל „דו", און ניט ווארטנ־דיק אף איר ענטפער, גיב איך צו:

— אצינד לאָמיר א לויף טאָן צום טײַכל באָדן זיך. דאָס וואסער איז מעכײַעדיק ווארעם.

איך רײַס אראָפּ פונעם ווײַנשלבוים צוויי פּאָרלעך ווײַנשל מיט שטענ־געלעך, טו זיי אָן גיטעלען אף די אויערן, ווי רויטע אוירינגלעך, וואָס מי־נען זיך אין דער לעוואָנע־שײַן. מיר נעמען זיך פאר די הענט, לאָזן זיך צו דער פירטקע, הייבט אָן מיק שפּרינגען און האווקען און סקאוווטשען, ניט ער האווקעט, נאָר ער וויינט פּאָשעט. בינד איך אים אָפּ פון דער קייט, שפּרינגט ער אזש אונטער פון פרייד, און מיר לאָזן זיך אינדרײַען צום טײַך, וואָס רופט זיך ניט מער און ניט ווייניקער, ווי גרויס־סאטע, קעדיי צו אונטערשיידן אים פון קליין־סאטע, וואָס איז נאָך קלענער פון גרויס־סאטע, רינט אָפּגעזונדערט עטלעכע ווערסט און פאלט ארײַן אין גרויס־סאטע.

ווען מיר זײַנען ארויס אין דרויסן, האָט מיק א האווקע געטאָן. זאָג איך אים:

— הער אוף פּראוועז דײַנע שטיק, אניט בינד איך דיך באלד ווידער צו.

כ׳זאָג דאָס אָבער אף יויצע־זײַן. און עפּשער אויך צוליב באווײַזן גי־טעלען, וואָס פאר א מאכט כ׳האָב איבער מיקן. וואָרעם די האווקערײַ פונעם הונט איז געווען אָנגעזאפּט מיט גרויסער פרייד. מיק בילט ניט טאָמיד אלציינס. אויב דו, גיטעלע, מיינסט אזוי, האָסטו א גראָבן טאָעס, ווײַל דו ביסט א שטאָטישע און פארשטייסט ניט די הינטישע שפּראַך. איך אונטערשייד עפּשער א שאָק מינים בילערײַ. ווען מיק איז דערצאָרנט — איז דאָס איין מין האווקען, ווען ער איז הונגעריק — א צווייטער. ווען ער בענקט א צוגעבונדענער און קוקט אף דער לעוואָנע מיט טריבע אויגן, — א דריטער. ווען סע הייבט אָן דונערן און בליצן און ער באהאלט זיך גע־

שווינד אין זײַן קאַגורע,— אַ פּערטער. ווען ער דערזעט אַ פרעמדן,— אַ פינפטער. ווען ער דערזעט אַן אייגענעם,— אַ זעקסטער... אַצינד איז ער מאַלע־גדולע, וואָס ער פּילט ניט אָפּן האַלדז דעם פאַרהאַסטן אײַזערנעם האַלדזבאַנד, שפּרינגט ער און וויל דיך אַרומנעמען מיט זײַנע שוואַרצע לאַפּעס.

ער איז אָבער שטענדיק אָף דער וואַך, דער טרײַער הונט. איך באַ־מערק באַלד, איבער וואָס ער האָט פּלוצעם אַ האַווקע געטאָן. לעבן שאָכנס פּלויט שטייט אַ וועגעלע. אינעם וועגעלע זיצט מיט זײַנע געליימטע פיס וואַסיל, גאַרדיס עלטערער ברודער. זײַנע פיס האָט ער געפּאַטערט אָף דער מילכאָמע. ער האָט זיך צוקאַראַבקעט מיט זיי ווי־עס־איז אַהיים און אַליין אויסגעמײַסטערט זיך דאָס דאָזיקע וועגעלע, קעדיי מיט צאַרעס קאָנען זיך באַוועגן איבערן הויף און פּראַווען מיט זײַן באַלעבאַטישקײַט. דער הויף איז צעטיילט אָף צוויי טיילן. און די שטוב — אויך. איין האַלב שטוב איז אָפּגעפּאַרבט ווײַס, די צווייטע — געל.

וואַסיל באַגריסט אונדז מונטער און מיט סימכע:

— דאָברי וועטשער!

מיר ענטפערן אים, און איך טראַכט זיך דערבײַ — הערט אַ מײַסע! צוויי לײַבלעכע ברידער זאָלן זיך אַזוי אונטערשיידן! גאַרדי איז אַ כמור־נער און אַ פאַרביסענער. זײַנע גרויע אויגן קוקן פון אונטער די געדיכטע צונויפגעוואַקסענע שוואַרצע ברעמען עפּעס וואָלפיש, מיט אומצוטרוי. וואַ־סיל, ווידער, האָט אַן אָפן פּאָנעם, אַ פאַרברוינטס,— כאָטש דעם שטערן, וואָס זעט אויס ווײַסלעך, מאַכמעס אים פאַרשטעלט פון דער זון אַ פּאַסמע בלאָנ־דע האָר,— און צוויי קאַרע שמייכלענדיקע אויגן. די ברידער זײַנען צע־קריגט צווישן זיך, איז דערפאַר טאַקע דער הויף צעטיילט, און די שטוב זעט אויס ווי אַ קלאָון.

כ׳האָב ליב זיך דורכשמועסן מיט וואַסילן איבערן פּלויט. עפּעס איינ־מאָל, דאָ ניט לאַנג, רופט ער מיך צו און טוט אַ פרעג:

— ווען דאַרף קומען מאַקס רומער?

פונוואַנען זאָל איך וויסן? אַז כאָטש „אַנו, קונדעסעוויטש! ברענג מיר אַן עמער וואַסער" זאָגט ער מיר גאָרנישט ניט.

זאָג איך אים אַ ביסל ברויגעזלעך:

— כ׳ווייס ניט.

כ׳ווייס טאַקע בעעמעס ניט. און וואַסיל מיינט, אַז איך מאַך זיך ניט וויסנדיק. פרעגט ער מיך מיט אַ שמייכעלע:

— אָבער גיטל מוז דאָך געוויס וויסן?

ער איז בעפּיירעש געדערכט. לויף איך צו גיטלען. פרעגט זי מיך:

— וואָס דאַרפסטו וויסן?

ווער איך אָף איר אין קאַס. אַ סאָד פּאַר גאַנץ בראָדז מע וואָלט געקאָנט מיינען...

וויל מיך גיטל איבערבעטן. זאָגט זי בענימעסדיק, מיט אַ שמייכל:

— כ׳ווייס אַליין ניט.

גיי ווייס, צי זי ווייסט טאַקע ניט, צי זי מאַכט זיך ניט וויסנדיק. מיך

קאַרטעט אָבער שטאַרק טאָן א טויווע וואַסילן. לויף איך צו צו וואַסילס וועגעלע און זאָג אים שטילערהייט:

— אָדער מיטוואָך, אָדער דאָנערשטיק, אָדער פרײַטיק.

לאַכט ער און זעצט פּאָר מיט דעם זעלבן נוסעך:

— אָדער שאַבעס, אָדער זונטיק...

דערנאָך טוט ער מיך א קלאַפּ איבער דער פּלייצע און זאָגט:

— דו ביסט א פײַן באָכערל. פונוואַנען ווייסטו, אז מע דאַרף ריידן וועגן דעם שטילערהייט?

כ׳ווייס ניט. איך שטויס זיך פּאַשעט אָן. מאַקס און וואַסיל שמועסן טאָמיד צווישן זיך שטילערהייט. איבערהויפּט, ווען גאַרדי סטאַרטשעט אין זײַן האַלבן הויף. כ׳האָב אליין געהערט, ווי וואַסיל האָט געזאָגט מאַקסן, אז גאַרדי איז א פאַרברענטער פּעטליוראָוועץ. כ׳האָב זיך דעמלט אומיסטן גענומען פלײַסיק האַקן האָלץ, קעדיי כ׳זאָל זײַן נעענטער צו זיי. וואַסיל האָט מיר דעמלט געמאַכט אפילע א באַמערקונג, אז כ׳זאָל ניט האַקן איי־בערן סוק, אניט וועל איך נאָך צעברעכן די האַק און מער גאָרניט. כ׳ווייס דאָס אליין. איך בין אָבער דעמלט געווען מעסוקן אין קאָס אָף דער מו־מען, וואָס האָט געוואָלט אוועקפאָרן און מיטנעמען מיט זיך גיטעלען. ווילסטו אוועקפאָרן? מאַכעטייסע. גיטעלען אָבער לאָז אונדז איבער. זי איז געזעסן מיט מײַן פאָטער, די מומע, און אַלץ אײַנגעטײַנעט:

— מיר דאַרפן אלע אריבערפאָרן קיין ליובאַטש. דאָ, אין דאָרף, איז ניט בעספּעטשנע. יעדן טאָג קאָן עפּעס טרעפן.

די מומע זעלדע איז נאָך שיין. זי האָט שוואַרצע אויגן, וואָס שײַנען קימאַט אזוי, ווי בא גיטעלען. אצינד זײַנען זיי א ביסל פאַכטלעך, בלישטשען זיי נאָך מער.

דער טאַטע טוט זיך פויל א גלעט איבערן קין און פרעגט זײַן שוועס־טער:

— אייסעך־וואָס... נו, און אין ליובאַטש איז שטאַרק בעספּעטשנע?

די מומע ענטפערט אים א ביסל צערייצט:

— פאָרט א שטאָט. און ווייניגסט צווישן יידן. איז טאַקע היימלעכער. דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס...

שלאָגט זי דער טאַטע איבער. כ׳מיין, ער האָט זיך פּאַשעט איבערגע־שראָקן, וואָס זי האַלט ערשט באַם „צווייטנס”, זאָגט ער איר:

— מיר איז דאָ אויכעט היימלעך. אין א דאָרף זענען מענטשן בעסער, צוגעלאָזטער, ווי אין א שטאָט.

— וואָדען! — זאָגט די מומע זעלדע מיט א כיינדל. — כ׳זאָג דיר — אזוי צוגעלאָזט, כאָטש לייג זיי צו צו א מאַקע. ערשטנס, לאָמיר טאַקע אָנהייבן פון דײַן שאָכן, פון גאַרדי׳ען, דער רועך זאָל אים נעמען! ס׳אי גענוג נאָר איינמאָל כאַפּן א קוק אָף אים, אָף אָט דעם כוליגאַן, אָף זײַן געמבע, אָף זײַנע רעציכישע באָלעכעס, בעשאַס ער קוקט אָף מאַקסן אָדער אָף גיטע־לען, קעדיי צו האָבן א פאַרשטעלונג וועגן זײַן צוגעלאָזטקײַט, מישטיינס־געזאָגט, וועגן זײַן טײַערער נעשאָמע. צווייטנס...

מײַן פאָטער האָט אָבער דאָס מאָל אויך געהאַט אָן „ערשטנס” און א „צווייטנס”. ערשטנס — האָבן מיר געוווינט דאָ דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס,

מיר, אונדזערע פּאַטערס, אונדזערע זיידעס, איז וואָזוי נעמט מען און מע ריַיסט אַרויס פון אַזאַ אײַנגעפּונדעוועטער טיפעניש די צעצווײַגטע וואָרצ־לען? צווייטנס, וואָס וועט זײַן מיט גיטעלען? ווו נאָך וועט זי קענען אָטע־מען מיט אַזאַ פרישער רייַנער לופט?

דאָס „צווייטנס" האָט, זעט אויס, רעכט פריטשמעליעט די מומע. זי איז אַנשוויגן געוואָרן. אין אירע נאָך שיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שטילע טרער. אָט אַזאַ פלעגט מיר די מומע געפעלן. כ׳בין אָבער געווען זיכער, אַז מאָרגן וועלן זיך ווידער אָנהייבן פונקט אַזעלכע ריידערײַען. ס׳הייסט, מיר דאַרפן אַלע אַריבערפאָרן קיין ליובאַטש. דאָ אין דאָרף איז ניט בעספּעטשנע. יעדן טאָג קאָן עפּעס טרעפן...

4

האָבן מיר זיך, הייסט עס, אײַנדרײַען געלאָזט צום טײַך, גיטל, איך און מיק. ס׳איז געווען נאָך דעמלט, ווען אין דער גלעזערנער באַנקע מיט גיטלס לייכעץ האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן קיין ראַזעווע הײַטלעך, און די גאַנצע היילונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס אָפּגעשוואַכטע מיידל האָט געדאַרפט אַרײַנאָטעמען וואָס מער פרישע לופט און אויסטרינקען דרײַ מאָל אין טאָג אַ גלאָז קאַלינעס נאַרוואָס אויסגעמאָלקענע מילך. איז ווו קאָן אַ לופט זײַן פרישער, ווי זומער־לעבן אָפּדערנאַכט באַם טײַך גרויס־סאַטעץ?

ווען מיר האָבן זיך אַ ביסל דערוויַיטערט פון אונדזער שטוב, האָב איך זיך פלוצעם אין עפּעס דערמאָנט און געזאָגט גיטלען און מיקן:

— וואַרט צו אַ רעגע, כ׳קער זיך באַלד אום.

כ׳האָב זיך אַ לאָז געטאָן צוריק. דאָס וועגעלע איז נאָך געשטאַנען לעבן פּלויט. האָב איך געפרעגט וואַסילן:

— עפּשער ווילט איר אויך צום טײַך?

וואַסיל האָט אַ גלעט געטאָן מיט זײַן אָדערדיקער אויסגעהאָרעוועטער האַנט די בלאָנדע פּאַסמע האָר אָפן פאַרברוינטן שטערן און אַ קוק געגעבן אָף מיר מיט שמייכלענדיקע אויגן.

— מיט פאַרגעניגן. כ׳וועל אײַך אָבער פאַרהאַלטן. מײַן וועגעלע רירט זיך קוים.

— נישקאָשע, כ׳וועל אײַך העלפן, — האָב איך אים געענטפערט און גענומען זיך אונטערשטופּן דאָס וועגעלע פון הינטן.

אָט אַזוי האָבן מיר זיך געלאָזט אײַנפירען צום טײַך. פון פאָרנט איז געלאָפן, ווי אַ שוואַרצער שאָטן, מיק. אַלעמאָל שטעלט ער זיך אָפּ, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, טוט אַ שמעק אָף רעכטס און אָף לינקס און נעמט זיך גלײַך ווידער לויפן אַ צופרידענער, מיט אַ באַשיידענער הינטישער פרייד, וואָס ער איז פרײַ פון דער קייט, און ער לויפט מיטן גלײַכן ווייך־שטוי־ביקן וועג, און טאָמער פאַרגלוסט זיך אים, קאָן ער אָף אַ רעגעלע פאַר־קערעווען צו עפּעס אַ פּלויט, אַ שמעק טאָן, וואָס עס הערט זיך דאָרטן, און ווידער אַרויס מיט אַ האַסטיקן שפּרונג אָפן גרוי־וואָרעמלעכן, פון דער

לעוואַנע באַשײַנטן שליאַך, אומקוקן זיך, צי איך גײ אים נאָך, און נעמען זיך ווידער יאָגן.

גיטעלע האָט פּאַמעלעך שפּאַצירט אָפּן וועג־ראַנד, דעם קאָפּ אַ ביסל פּאַריסן צום הימל, געקוקט אַף דער לעוואַנע, וואָס האָט זיך לײַכט גע־שיפּלט צווישן ווײַסע קימאַט דורכזיכטיקע פּוכיקע כמאַרעלעך. אירע שוואַרצע לאָקן האָבן זיך צעשיט איבערן ווײַסן קלייד. איך שטופּ אונטער וואַסילס וועגעלע פון הינטן און פרעג זיך פאַרכידעשט, ווער איז זי, אָט דאָס אומבאַקאַנט־אומבאַגרײַפלעך מיידל, וואָס פּאַר אַ קישעף, פּאַר אַ צווי־בער באַזיצט זי, אויב טיר־און־טויער עפענען זיך און קליין און גרויס קוקן אַרויס מיט ברייט־צעעפנטע פאַרכידעשטע אויגן אַף דעם שפּרײַזנדיקן וווּנדער, און אַפילע וואַסיל אַליין רײַסט איבער פּלוצעם זײַן מילכאָמע־געשיכטע וועגן אָקאָפּעס, באַדעקטע מיט אַ שיטערן שניי, וואָס זעען דע־ריבער אויס פון אויבן אומשולדיק־ווײַס, און אינווייניק זײַנען זיי רויט, רויט פון בלוט, וואָס רינט פון די ווונדן פון די נאַרוואָס פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער אַטאַקע־כוואַליע פונעם אָנגרײַפנדיקן סוינע. ער רײַסט איבער, דער בלאָנד־פאַרברוינטער וואַסיל, זײַן מילכאָמע־געשיכטע און קוקט מיט פאַרכאָלעמטע אויגן אָפּן פרעכטיקן ווײַסן געשפּענסט, וואָס זעט אויס אַזוי זויבער־ווײַס איבער די שוואַרצע געקרויזלטע האָר, וואָס זעען אויס אַזוי פּעך־שוואַרץ איבערן בלייך־ווײַסן קלייד, וואָס איז ווי אויסגעוועבט פון לעוואָנע־שײַן. באַקומט זיך, אַז איר שלאַנקער דינער קערפּער שווימט ווי אַן אײַנגעהילטער אין ליכט, וואָס באַשטייט פון שטילע און מילדע לעוואָנע־שטראַלן. וויל איך אַראָפּוואַרפן פון זיך אַ־די קינדערשע כאַלוימעס, עס פּאַסט שוין עפּעס ניט, כ׳בין דאָך שוין אַ גרויסער, טו איך אַ געשריי צו גיטלען פון הינטער דעם וועגעלע:

— מאָרגן זאָלסטו זיך ניט וואַלגערן אין בעט. שטיי אויף גאַנצפרי און מעלק אויס די קו.

מיר שטייען אײַנפירען לעבן אַ בריקל, דרייען מיט די קעפּ אַף רעכטס און אַף לינקס און קוויקן זיך מיט די בלישטשענדיקע פינטעלעך, וואָס טאַנצן אַף די ראַנדן פון שוימיקע כוואַליעלעך. ווען אומעטום איז שאַ־שטיל, בלאָזט סײַווי באַם טײַך אַ ווינטעלע. עס קומט צו פליִען פון יענעם ברעג און נעמט שויבערן גיטעלעס שוואַרצע און וואַסילס בלאָנדע האָר.

ווען מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום טײַך, האָט מיר גיטל געהאָלפן, וואָרעם דאָ האָט מען ניט געדאַרפט אונטערשטופן דאָס וועגעלע. נאָר, פאַרקערט, אײַנהאַלטן עס מיט אַלע קויכעס, עס זאָל זיך ניט אַראָפּקײַקלען שוואַליאַם. דערנאָך האָבן מיר זיך צעטיילט: וואַסיל און איך זײַנען פאַר־בליבן באַם אָפענעם ברעג, און גיטל האָט זיך געלאָזט גיין צום אָטשערעט. מיקן האָב איך געהייסן גיין מיט גיטעלען, קעדיי צו באַוואַכן זי.

איך האָב געשווינד אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס העמדל און די מײַט־קעס, צעלאָפן זיך, אַ שפּרונג געטאָן אין טײַך און גענומען זיך כליופּען אין דעם מילד־וואַרעמען וואַסער. מיטאַמאָל האָב איך זיך אָפּגעשטויסן מיטביידע פיס פונעם זומפּיקוואַטן גרונט און זיך אַ לאָז געטאָן שווימען צום אָטשערעט, וואָרעם מיך האָט אַ ביטל באַאומרויִקט די פּולקומע שטילקײַט, וואָס האָט דאָרטן געהערשט. קיינע קלאַנגען.

פונדערוויַיטנס באמערק איך א שטאלטנע זויבער־וויַיסע סטאטוע, וואָס שטייט אומבאוועגלעך אין פליטקע וואסער, אומבאוועגלעך און אומאנט־שיידן: צי לאָזן זיך וויַיטער, צי גיין? און פונקט אזוי שטיל־אומבאוועג־לעך איז געשטאנען באם צופוסנס פון דער סטאטוע א שווארצער שוימער. וויבאלד אזוי, בארו:ק איך זיך, פארקערעווע צוריק, שווים צו צום ברעג, טרייסל אָפּ פון זיך, פונקט ווי מיק טוט עס, פליסנדיקע טראָפּנס וואסער, העלף וואסילן אראָפּשלעפּן פון זיך די פארשטויבטע בגאָדים און טו א שטופּ דאָס וועגעלע אין טיַיך אריַין. וואסיל זיצט, ווי א קינד אין א וואנע, קוועלט פון נאכעס און מיט פריידיקע אויסגעשרייען אף יי:דיש און אוק־ראַי:ניש נעמט ער זיך שעפּן מיט האלב־צוגעמאכטע דלאָניעס פולע זשמע־ניעס וואסער און באגיסט מיט זיי זיַין קרעפטיקע ברוסט און געזעצטן רוקן. דורכזיכטיקע טראָפּנס רינען אראָפּ פון זיַינע ברוינע מוסקולן, ווי פּערל. איז מיר אן אויירע, כ׳באדויער זייער, וואָס אזא גווורעדיקער קערפּער שטייט אף א געליימטן פאָסטאמענט.

— אוי, גוטו! איַי, דאָברע! א מעכיַיע! הארא:זד! טשודאָוואָ!..[1] — שריַיט אויס וואסיל און פּליעסקעט זיך מיט זיַינע גרויסע הענט אינעם זילבערנעם וואַ־סער, וואָס איז דורכגעוועבט מיט מילדער לעוואָנע־שיַין.

זאָג איך אים אף האלב אוקראַי:ניש און האלב יי:דיש:

— יאק בי טאָ דאָברע בולאָב, קאָליב זאווזשדע בולאָב, יאק טעפּער![2] מילדע וואסער, פרישע לופט, א הימל איבערן קאָפּ, איַינגעהילט אין א גרוילעך־בלויען לעוווש, באצירט מיט א לעוואָנע, און...

כ׳האָב נאָך געוואָלט צוגעבן: און א שטאלטנע זויבער־וויַיסע סטאטוע, א פארגאָסענע מיט לעוואָנע־שיַין... נאָר איך האָב זיך מעיאשעוו געווען. וואָרעם כ׳האָב זיך געשעמט מוידע זיַין, אז איך האָב געזען גיטעלען א נאקעטע.

5

ווען איך האָב ארויסגעשטויסן דאָס וועגעלע אפן ברעג און געהאָלפן וואסילן אָנטאָן זיך, האָט ער מיר געזאָגט:

— הער נאָר, סימכעלע, ווילסט זיך א שיפל טאָן?

כ׳האָב אזש א שפרונג געטאָן פון פרייד:

— אוי, וויל איך!

האָט וואסיל אויסגעשטרעקט די האנט און געוויזן מיר:

— אָט זעסטו דאָרטן, באם ברעג, צוויי צוגעקייטלטע שיפלעך?

— כ׳זע, יאָ, כ׳זע.

— איינס, פון רעכטס, איז מיַינס, און דאָס צווייטע איז גאָרדיעס.

— איך פארשטיי! — שלאָג איך אים איבער מאָלע־גדולע, טו זיך גע־שווינד אָן און לויף צום שיפל.

[1] גוט, וויל, וווּנדערלעך; [2] ווי גוט וואָלט געווען, ווען סע וואָלט שטענדיק געווען, ווי איצטער. (אוקר.)

כ׳פאַר ארויס מיטן שיפל אפן טײַך, לייג אוועק די וועסלעס, מאַך פון דער האנט א רערל און שרײַ צום אַטשערעט:

— גיי־טע־לעז! טו זיך אָן! מיר וועלן זיך שיפּ־לע־ען...

נאָכדעם פאַרקערעווע איך דאָס שיפל און באַם סאַמע ברעג טו איך א האסטיקן שטויס מיטן רודער איבערן טייך־גרונט, און דאָס שיפל קאַטשעט זיך גלאַטיק ארויס אפן ברעג אקוראַט לעם וואסילס וועגעלע. כ׳מוז אָבער צוּווארטן אף גיטלען, זי זאָל מיר העלפן ארופּשטעלן דאָס וועגעלע אפן שיפל.

גיטעלע טויכט פּלוצעם ארויס פונעם אַטשערעט ווי א טײַך־נימפע, מיט צעלאָזטע פײַכטע האָר, א באָרוועסע, מיט די שיך אין די הענט. מיך האָט זי איבערגעיאַגט און א שפרונג געטאָן מיט די פאָדערשטע לאַפּעס אף מײַן ברוסט. מיר האָבן זיך לאנג געמאַטערט, איך און גיטל, ניט געקאָנט אָבער אײַנמאָסטען וואסילס ברייטלעך וועגעלע אינעם שמאָלן שיפל. האָט וואסיל גוטמוטיק געזאָגט:

— האָדי! שיפלט זיך אליין, און איך וועל אף אײַך דאָ צוווארטן.

ווען גיטעלע איז מיט ניט זיכערע טריט, אין די שיך אף די הויכע אָפּצאַסן, ארײַנגעטראָטן אין שיפל, האָט זי זיך א וואקל געטאָן, און כ׳האָב געמוזט זי ארומכאַפּן, קעדיי זי זאָל ניט פאלן. כ׳האָב זי אוועקגעזעצט אף דער קאָרמע, און אליין זיך אײַנגעמאָסטעט אף דער ברעט אינמיטן שיפל, אײַנגעקלאַמערט זיך פעסט מיט די פיס אין א ברעטל פון דעק, שאַרף א בייג געטאָן זיך אף אהינטער מיטן גאנצן קערפּער און טיף א גראָב געטאָן מיט ביידע וועסלעס אין דעם רויקן וואסער. דאָס שיפל האָט זיך לײַכט א גליטש געטאָן פונעם אָרט, און אָט זײַנען מיר שוין אינמיטן טײַך צווישן הימל און וואסער, גיטעלע און איך, צוויי מענטשן נאָר אף דער גאנצער וועלט, וואָס ליגט צווישן צוויי ריזיקע ברייטע פלאכן, אלציינע קימאַט, כאָטש טונקל־גרויע, נאָר עטוואָס דורכזיכטיקע, פאַרשפּיליעטע אף בלי־שטשענדיקע, פינטלענדיקע שטערן־קנעפּלעך, מיט א העלער לעוואָנע־שפּראָנצקע אינדערמיט, א וועלט, וואָס איז אײַנגעהילט אין א שײַנענדי־קער שטילקײַט, א מילדע, ווי גיטעלע.

ווען עס וואָלט געווען געווענדט אין מיר, וואָלט איך זיך געשיפלט אזוי שווײַגנדיק דאָס גאנצע לעבן. נאָר כ׳פּיל הינטער מײַן רוקן גיטעלעס אָטעם. רײַס איך זיך ארויס פון דער געבענטשטער פאַרגליווערטקײַט, דריי אויס דעם קאָפּ צו איר און פרעג:

— נאָך וואָס האָסטו געדאַרפט די שיך מיט די הויכע אָפּצאַסן? ביסט דאָך געגאַן באָדן זיך, ניט אף קיין שפּאַציר.

ענטפערט מיר גיטל מיט א געלעכטער:

— כ׳האָב געוואָלט געפעלן וואסילן.

פאַרטראַכט איך זיך עפּשער אף פינף מינוט און זאָג איר:

— האָסט דען געוווּסט, אז וואסיל וועט גיין מיט אונדז?

ענטפערט זי מיר מיט א גלעקל־געלעכטערל:

— כ׳האָב געוואָלט געפעלן די שטערן.

פאַרטראַכט איך זיך נאָך מער. דערנאָך פרעג איך זי:

— נו, און אז דו וועסט געפעלן די שטערן?

אפאַנעם, אז זי האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען מײַן מיין. וואָרעם זי האָט מיר געענטפערט, און שוין אָן א געלעכטער:

— שיינקײַט ברויכט ניט קיין נוץ, סימכעלע.

ווען כ'האָב זיך ווידער פאַרטראַכט, האָבן זיך צווישן די ווימלענדיקע מאַכשאָוועס אויסגעטיילט צוויי: זי האָט מיך אָנגערופן „סימכעלע"; איך פאַרגיב איר נאַרישע פראַגעס („וואָס האָסטו געדאַרפט די שיך מיט די הויכע אָפּצאַסן?"), און זי ענטפערט מיר מיט טיפזיניקע ווערטלעך („שיינ־קײַט ברויכט ניט קיין נוץ"). האָב איך זיך אופגעהויבן פונעם אָרט און געזאָגט גיטעלען:

— זעץ זיך איבער צום רודער.

דאָס מיידל האָט פאַרוווּנדערט געקוקט אף מיר.

— וואָס פּלוצעם?

האָב איך פאַרטײַטשט:

— עס באַקומט זיך, אז איך רעד צום לאָמפּ. ס'הייסט, צום טײַך, און דו — צו מײַן רוקן. ניט גוט אזוי. כ'מוז זען דײַן פּאָנעם, קעדיי דיך צו פאַרשטיין.

איך האָב אוועקגעזעצט גיטעלען מיטן פּאָנעם צו זיך, גענומען זיך ווידער פאַר די וועסלעס און אײַנצײַטיק א פרעג געטאָן:

— גיטל, האָסט ליב רומערן?

די פראַגע האָב איך אויסגעשאָסן מיטאַמאָל, קעדיי דערוויַיזן זיך אליין, אז איך בין שוין באַרמיצווע און קען כאַפּן אַן ערנסטן שמועס. גיי־טעלע אָבער האָט זיך גענומען אזוי לאַכן, אז זי האָט זיך אזש פאַרכלינעט פאַר געלעכטער, און איר שמאָל בלייך פּענעמל האָט זיך צערויטלט.

כ'האָב געוואַרט און געוואַרט אף אַן ענטפער, און זי האָט געלאַכט און געלאַכט. האָב איך זיך אָנגעלייגט אף די וועסלעס מיט אזא אומגעלומ־פּערטן אימפּעט, אז דאָס שיפל האָט זיך שיר ניט איבערגעקערט. גיטלס פּאָנעם איז ווידער בלייך געוואָרן פון שרעק, און זי האָט גלײַך אופגעהערט לאַכן.

זי האָט דערנאָך לאַנג געשוויגן און שפּעטער געענטפערט מיט א פראַ־גע:

— פאַרוואָס האָסטו ניט ליב מאַקסן?

גיב איך א טראַכט און ענטפער איר אויך מיט א פראַגע:

— פאַרוואָס מאָלט ער רויטע פערד מיט רויטע רײַטער?

ענטפערט זי מיר ווידער מיט א פראַגע:

— וואָסי, זיי געפעלן דיר ניט?

ענטפער איך אויך מיט א פראַגע:

— און דיר?

און אָט אזוי פירן מיר א שמועס, וואָס באַשטייט פון הוילע פראַגעס. א גליק, וואָס וואַסיל האָט פאַרצויגן א לידל. זײַנען מיר אנשוויגן גע־וואָרן און אויסגעקערט די אויערן צום ברעג, און די אויגן — אויכעט. ער האָט א שיין קאָל, וואַסיל, א האַרציקס. אָט זיצט ער אין זײַן וועגעלע, זיצט און זינגט א לויבגעזאַנג דער שיינער וועלט. פאַרגעס איך, אז וואַ־סיל מיט אנדערע סאָלדאַטן האָבן געמוזט אריבערגיין אף יענער זײַט

טײַך איבער דעם דינעם אײַז, ווײַל די בריק האָט מען אופגעריסן. דאָס אײַז האָט ניט אויסגעהאלטן, געפּלאַצט, און וואסיל האָט אָנגעהויבן זינקען אין דעם אײַז־קאַלטן וואַסער. נאָר וואסיל איז ניט גיטל, וואסיל קען שווימען. האָט ער זיך ווידער ארויסגעדראַפּעט אפן גלאַטן אײַז. און ווידער האָט דאָס אײַז געפּלאַצט. וואסיל אָבער האָט זיך ווידער ארויסגעקאַראַבקעט, צוגעקראָכן צום ברעג און געלאָזט זיך לויפן צום נאָענטן וועלדל. און דאָ האָט אים אָנגעיאָגט דעם סוינעס קויל. איז ער געבליבן ליגן אין א דורכגענעצטער שינעל און אין שטיוול פול מיט וואַסער. איבער דעם איז ער געקומען אהיים מיט געליימטע פיס. הער איך זיך צו צו וואסילס בענקענדיק קאָל און שווײַג. ער זינגט:

Віють вітри, віють буйні, аж дерева гнуться...
Ой, як болить моє серце, а сльози не ллються [1].

ווערט מיר אומעטיק אפן הארצן, אומעטיק און זיס. אומדערווארט כאפט גיטעלע אונטער מיט איר דין און קלינגעוודיק קעלכל:

Де ти, милий, чорнобривий? Де ти? Озовися!
Як я, бідна, тут горюю, прийди, подивися![2]

און אָט אזוי זינגען זיי — וואסיל אפן ברעג, גיטעלע אפן טײַך, און איך — צווישן זיי. און ס'איז מיר גוט אין דער קילבלעכער פינצטערקײַט, וואָס איז ניט איבעריק פינצטער, ווײַל זי גרענעצט מיטן הימל פון איין זײַט, און מיטן טײַך — פון דער צווייטער, מיט גיטעלען אינעם ווײַסן קלייד — פון דער דריטער, און מיט אן אומעטיקער, נאָר ליכטיקער אוקראַאִנישער ליד — פון דער פערטער. איך אָטעם מיט דער לופט, וואָס שמעקט מיט אָטשערעט. א פאַרשײַט ווינטל בלאָזט ארום מײַן לײַב דורכן צעשפּיליעטן קאָלנער, און דאָס שיפל גליטשט זיך איבערן וואסער לײַכט, שוועבנדיק, עפּעס ווי פון זיך אליין, אזוי אז איך קאָן אפילע צומאכן די אויגן און א טויך טאָן זיך אין מײַנע כאלוימעס, וואָרעם פון א ייִדיש בארמיצווע־ייִנגל ווער איך מיטאמאָל פאַרוואַנדלט אין אן אוקראַאִנישן באָכער מיט שוואַרצע ברעמען, ניט אָבער אזעלכע געדיכטע און צונויפגעוואַקסענע ווי בא גאָרדיען. מוז איך זיך אָפּרופן אף מאַריִעס צי אָקסאַנעס פאַרייִעשטן געבעט, און ענטפער איר מיט א ליד, וואָס האָט ניט קיין ניגן, וואָרעם דאָס הארץ זינגט, ענטפער איך איר מיט א ליד, וואָס כ'האָב נאָרוואָס צוגעטראַכט, ס'הייסט, דו פרעגסט די נאכט Де ти? Озовися! איז אָט בין איך! איך קום, איך פלי צו דיר אף אָדלער־פליגל! צעשפּרייט די אָרעמס דײַנע, ליבע מײַנע, און פריידיק זײַ! איך קום, איך פלי צו דיר, איך בין דיר טרײַ... טרײַ!.. ווײַזט אויס, כ'בין טאקע

[1] בלאָזן ווינטן, בלאָזן שטורמישע, אזש דיביימער בייגן זיך... אוי, ווי ס'קלעמט דאָס הארץ און ווייטעקט, און קיין טרערן גיסן זיך ניט! [2] ווו ביסטו, אָ, ליבער, מיט ברעמען מיט שוואַרצע? ווו ביסטו? רוף זיך אָפּ! קום צו מיר און טו א קוק, ווי איך לײַד און פּײַניק זיך! (אוקר.).

אָף אָן עמעס אַנדרעמלט געוואָרן, וואָרעם איך זאָג גיטלען: „וואָס דאַרפסטו קאָקעטירן מיט אַלע, אַפילע מיט וואַסילן, וואָס האָט, נעבעך, געליימטע פיס?“, און באַ גיטעלען איז דאָס שמאָלע פּענעמל פאַרקרימט פון גרויל. גלײַך אָף אונדז טראָגט זיך האַסטיק אַ צעיאָגט שיפל, ווי אַ לעבעדיקע בריַע, וואָס האָט גאָרדיעס פּאָנעם מיט שוואַרצע געדיכטע ברעמען און ווײַסע שטשירענדיקע ציין. וואַסיל שרײַט עפּעס פונעם ברעג און פאָכעט מיט די הענט. כ׳האָב זיך פאַרלוירן, ווײַל אָף אַזאַ מין שטורעם האָב איך זיך ניט גערעכט, און איידער כ׳האָב באַוויזן קומען צו־זיך, האָבן מיר שוין ביידע — גיטל און איך, — געבאָברעט זיך אין וואַסער אינמיטן טײַך. גאָרדי האָט זיך גאַלאַנט אַראָפּגעלאָזט אָף די קני אין זײַן שיפל, אונטערגעכאַפּט מיט ביידע הענט דאָס איבערגעשראָקענע מיידל און אַרופגעשלעפּט זי אָף זײַן שיפל. מיר האָט ער אויסגעשטרעקט די וועסלע. כ׳האָב אָפּגעשטויסן די וועסלע, האַסטיק אַ שווים געטאָן צום איבערגעקערטן שיפל, אויפגעשטעלט עס, אַרײַנגעקראָכן, אָפּגיך אויסגעשעפּט דאָס וואַסער פון דעק און גענומען זיך אָניאָגן גאָרדיעס שיפל. וואַסיל האָט נאָך אַלץ עפּעס צאָרנדיק געשריגן און געפּאָכעט מיט זײַנע פויסטן. גאָרדי האָט פאַרקערעוועט צום ברעג און צוגעשטאַנען האַרט לעבן זײַן ברודערס ווענעלע. האָב איך זיך באַרויקט, ניט געײַלט צושיפּלען זיך צום ברעג, ווײַל ס׳איז מיר געווען אַ בושע צו קוקן אין גיטעלעס אויגן. אַ העלד! אַ רעטער, מישטיינסגעזאָגט! און אָט דער נימעסער גאָרדי, ניט נאָר ער האָט איבערגעקערט דאָס שיפל, נאָר קלוימערשט געראַטעוועט גיטעלען.

ווען כ׳האָב צוגעטריבן דאָס שיפל צום ברעג, איז גאָרדי שוין געשטאַנען אָף דער ערד. ער האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און געהאָלפן גיטלען אַראָפּגיין פונעם שיפל. פון איר קלייד און פון די צעשויבערטע האָר רינען אַראָפּ שטרעמעלעך וואַסער. דאָס פּאָנעם אירס איז געוואָרן נאָך בלייכער, און זי האָט געציטערט מיט איר גאַנצן קערפּער. כ׳האָב זיך געשעמט אַ קוק געבן אָף איר. האָב איך אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אין דעם וואַסער האָב איך דערזען גיטלען און גאָרדיען. זיי זײַנען געשטאַנען מיט די קעפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרוף. כ׳האָב דערהערט, ווי גאָרדי שטאַמלט צום מיידל, מיט אַ שיקערן שמייכל:

— וויבאַטשטע, בוד לאַסקאַ, דאָראָגענקאַ... יאַ זאַנאַדטאָ ראַזיגנאַוו טשאָווען... נע אָבראַכוואַוו יאַק סליד...[1]

גיטל האָט אַ שמייכל געטאָן מיט פאַרבלאָוטע ליפּן, כ׳האָב אַליין געזען, ווי זי האָט אַ שמייכל געטאָן, און געזאָגט אים:

— ניטשאָהאָ. מאַגלאָ בוטי הירשע[2].

האָב איך אַ געשריי געטאָן צו גיטלען:

— קום גיכער! קאָנסט זיך נאָך צוקילן.

און גענומען אונטערשטופּן דאָס ווענעלע.

וואַסיל האָט געהאַלטן אין איין זידלען זיך:

---

[1] אַנטשולדיקט, מײַן טײַערינקע... כ׳האָב שטאַרק צעטריבן דאָס שיפל... ניט אויסגערעכנט ווי געהעריק...[2] נישקאָשע, ס׳האָט נאָך געקאָנט זײַן ערגער (אוקר.).

— אזא מענוול! אזא שיקערער כאזער!

מיק איז געלאָפן פון פאָרנט מיט אן אראָפּגעלאָזטן שווארצן קאָפּ און געשמעקט זײַן אייגענעם שאָטן.

6

אפן דריטן טאָג האָט גיטעלע אָנגעהויבן שפּײַען מיט בלוט. צוויי טעג אָבער האָט זי נאָך אויסגעזען נישקאָשעדיק, כאָטש זי האָט געהוסט אָפּטער ווי פריִער מיט א טרוקענעם הוסט.

ניט די מומע, ניט דער פאָטער האָבן ניט געוווּסט וועגן דעם, וואָס עס האָט מיט איר געטראָפן אפן טײַך. און איך האָב בישטיקע געהיילט גיטעלען אזוי, ווי מײַן שווײַגנדיקער פאָטער פלעגט היילן מײַן מוטער. ס'איז אים געווען מעסוקן שווער ארויסריידן אן איבעריק וואָרט, פלעגט ער איר זאָגן קורץ:

— וואָס מער מע האָרעוועט, אלץ ווינציקער צײַט פארבלײַבט אף צו קרענקען.

אויב אזוי, וואָלט מײַן מאמע געדארפט לעבן הונדערט און צוואנציק יאָר, וואָרעם זי האָט, נעבעך, שווער געהאָרעוועט דאָס גאנצע לעבן אירס.

כ'האָב זיך אופגעכאפּט גאנצפרי, ניט געוואשן זיך, ניט פארקעמט, און ארײַנגעשטעקט מײַן צעשויבערטן קאָפּ צו גיטעלען אין איר אלקער. כ'בין צוגעלאָפן צום בעט מיט אומיסטן האסטיקע טומלדיקע טריט און געטראָפן זיך מיט צוויי פּאָר פארשלאָפענע אויגן. איין פּאָר — גרויסע, שווארצע, און די צווייטע — קליינינקע, גרינינקע. האָב איך געכאפּט דאָס קעצעלע און, בימכילע, ארויסגעוואָרפן פונעם בעט. דאָס קעצעלע האָט זיך ווייך אראָפּגעלאָזט אפן דיל מיט די סאמעטענע לאפּקעס און באלײדיקט א ניאווקע געטאָן. כ'האָב אָנגעצויגן גיטעלעס קאָלדרע — אזש ביזן קין אירן, — זי האָט געשמייכלט צו מיר, ווי א קינד צו דער מאמען. כ'האָב ברייט צעפּראלט דאָס פענצטער. דערנאָך כאפּ איך ארויס פון אונטערן בעט די גלעזערנע באנקע מיטן לייכעץ — ביכלאל בין איך א גרויסער מעפונעק, איך קערעווע זיך אוועק, ווען עמעצער טוט א שפּײַ אָדער שנײַצט די נאָז, דאָ אָבער הייב איך זיך אפילע ניט אָן צו מיִעסן, — לויף ארויס אין הויף, גיס דאָס אויס לעם אָפּטריט, וואש אויס די באנקע, קער זיך אום צוריק אין אלקער, פארמאך דאָס פענצטער, עפן אוף די פאָרטקע און באפעל גיטלען:

— טו זיך אָן און מארש מעלקן די קו. און זאָלסט ניט פארגעסן אויסטרינקען א פארנע גלאָז מילך.

די מומע זאָגט, אז דער דאָקטער האָט איר געזאָגט, אז דער בעסטער לונגען־רויפע איז א קו. שטעל איך זיך פאָר אונדזער רויטלעכע קאלינע מיט ריזיקעברילן אף אירע קײַלעכיקע גרויסארטיקע הערנער.

פונדעסטוועגן האָב איך יעסורים, וואָס דער קו־דאָקטער קאָן אמאָל א דוצקע טאָן מיטן הינטערשטן פוס, אויב עס געפעלט אים ניט, וויאזוי מע מעלקט. בין איך צופרידן און שעפּ אפילע נאכעס, ווען איך דערזע גיטע־

לען, ווי זי שווימט ארויס פון דער שטאָל מיט אַן עמער שוימענדיקער מילך. איך בין זיכער, אַז איידער גיטל האָט זיך גענומען מעלקן די קו, האָט זי אַ גלעט געטאָן קאַליִנעס אונטערן האַלדז. זי איז זייער אַ ליב־לעכע, גיטעלע, און קען זיך צולאַשטשען צו אַלעמען, און זי טוט דאָס מיט עפּעס אַ נאַטירלעכער פײַנקייט אַן שום מיִען.

דערנאָך האָבן מיר זיך געלאָזט גיין אין סאָד אַרײַן צו אונדזער „טורניק". אונטערוועגנס בייג איך אָן צווײַגן, באַשאָטענע מיט ווײַנשל, פּײַטלעכע נאָך פונעם פּרימאַרגן־טוי, און גיטעלע רײַסט אָפּ אַ ווײַנ־שעלע מיט די ציין גלײַך פון אַ שטענגעלע.

— הײַנט מוזסטו זיך אונטערציִען שוין צען מאָל, — זאָג איך גיטלען. גוט, וואָס די מומע שלאָפט נאָך, אַניט וואָלט זי באַלד געזאָגט:

— וואָס מוטשעסטו דאָס קינד?

כ'וואָלט געצווונגען די מומע, זי זאָל זיך אויכעט פאַרנעמען מיט גימנאַסטיקע. וואָרעם ווי נאָר זי כאַפּט זיך אויף, הייבט זי זיך גלײַך אָן קלאָגן, אַז עס ברעכן איר אַלע ביינער. מײַן טאַטע הערט זי אויס קלוי־מערשט מיט איין אויער און שווײַגט. און איך וואָלט ניט געשוויגן. איך וואָלט איר געזאָגט: אויב איר ציטערט אַזוי איבער גיטעלען, איז טראַכט ווייניקער וועגן אײַערע ביינער.

פינף מאָל האָט זיך גיטעלע ווי־ניט איז אונטערגעצויגן. די אַרבל האָבן זיך איר פאַרקאַטשעט, און איך האָב דערזען צוויי קײַלעכיקע צייכנס פון פּאָקן אויף איר רעכטער האַנט. דערנאָך האָט זי זיך פאַרהוסט. האָב איך זי געלאָזט צורו, צוגעוואַרט, ביז זי האָט זיך אויסגעהוסט, און דערלאַנגט איר אַ גרויסן בעזעם מיט אַ שטעקן. אַליין האָב איך גע־כאַפּט די גראַבליע, און מיר האָבן זיך גענומען אופראַמען דעם הויף.

— אײַ, אַרבעטסטו הײַנט פלײַסיק! — לויב איך גיטעלען. — דערפאַר וועל איך דיך מעכאַבעד זײַן מיט יונגע קאַרטאָפל. דו מוזסט מיר אָבער העלפן אויסגראָבן זיי.

ס'הייסט, כ'האָב זיך געקענט באַגיין אָן איר. כ'האָב אָבער געוואָלט, אַז אירע צאַרטע הענטעלעך זאָלן ווערן גרעבער, די פינגער שטײַפער, און דער אָטעם טיפער. אָן אַנדערשמאָל האָט די מומע געזאָגט, אַז דער דאָקטער האָט איר געזאָגט, אַז דער בעסטער לונגען־רופא איז לופט. האָבן מיר, הייסט עס, שוין צוויי דאָקטוירים — די קו און די לופט.

מיר האָבן פאַרזיכטיק אונטערגעגראָבן די קאַרטאָפל־קלובניעס — אָן אווירע, זיי זײַנען נאָך קליין און נאַקעט, זייערע העמדעלעך זײַנען דין און דורכזיכטיק, — און די הינער גייען אונדז נאָך פוסטריט און פּיקן קונציק אויס מיט זייערע שנאָבלען די ווערעם, וואָס באַווײַזן זיך מיטאַ־מאָל אויף דער שוואַרץ־פּײַכטער ערד. ס'איז בײַ זיי, אַפּאַנעם, אַ גרויסע באַשערטע. וואָרעם וויפל איך טרײַב זיי ניט אַוועק, קערן זיי זיך באַלד אום צוריק, גייען אונדז נאָך פוסטריט און פּיקן די ווערעם מאַמעש פון אונטער די הענט, ס'הייסט פון אונטער דער אײַזערנער לאָפּעטע, וואָס איז אַרומגעקלעפּט מיט פרישער ערד.

דאָס ביסל קאַרטאָפל האָב איך אָפּגעטראָגן דער מומען אין קיך. זי

האָט געכאַפּט אַ שנעלן קוק אויף מיר מיט אירע נאָך שײנע אויגן און גע־זאָגט בענימעסדיק:

— ביסט טאַקע אַ װוּילער באָכער, סימכע. כ׳בעט דיך, זע, אַז גיטעלע זאָל זיך כאָלילע ניט צוקילן. זי הוסט עפּעס היינט מער װי געװײנלעך.

די מומע זאָגט עס, גלײַך װי איר טאָכטער װאָלט געװען ניט עלטער, נאָר ייִנגער פון מיר. פונדעסטװעגן האָב איך גאָרנישט ניט געענטפערט, געכאַפּט דעם גרויסן מעשענעם סאַמאָװאַר פאַר די הענטלעך, אַרויסגע־טראָגן אים אין הויף אַרײַן און געזאָגט גיטלען:

— ט׳האָסטו דעם סאַמאָװאַר, און אָט איז זאַמד. פּוץ אים אויס, אַז ער זאָל בלישטשען װי אַ נײַער.

און אָט אַזוי האָב איך געצװוּנגען גיטעלען אַרבעטן אַזש ביזן װאַר־מעס. נאָך דעם האָב איך שוין אויף איר קײן שליטע ניט געהאַט, װאָרעם אין הויף האָט זיך באַװיזן מאַקס רומער, אַ פאַרשטויבטער, אַ באָרװעסער, מיט שיך, װאָס באַמבלען זיך פון בײדע זײַטן פלײצע, צונויפגעבונדענע מיט שװאַרצע בענדלעך. ער האָט אַ קאָמאַנדעװע געטאָן:

— הער נאָר, קונדעסעװיטשו! ברענג מיר אַן עמער װאַסער, װעל איך זיך אָפּװאַשן די פּיס.

װער איך אויף אים באַרויגעז און זאָג אים קימאַט מיט דעם זעלבן נו־סעך, מיט װעלכן כ׳האָב נאָרװאָס געזאָגט זײַן קאַלע:

— אָט איז די קרענעצע, און אָט איז אַן עמער. ברענגט זיך אַלײן װאַסער און װאַשט זיך אַלײן אײַערע פּיס.

װען כ׳האָב אָבער דערזען, װי ער שלעפּט אַרויס אומגעלומפּערט דעם עמער מיט דער לינקער האַנט, האָב איך כאַראָטע באַקומען, צוגעלאָפן צו דער קרענעצע, אַרויסגעריסן בא אים דעם שטריק און אַרויסגעצויגן ניט קײן פולן עמער, װײַל כ׳האָב זיך געײַלט צו פאַרגלעטן מײַן זינד, און צעכליופּעט עפּשער אַ העלפט. רומער האָט געכאַפּט אויף מיר אַ מאָדנע קוק, דערנאָך אַרויסגעשלעפּט מיט דער לינקער האַנט פון דער רעכ־טער קעשענע אַ צונויפגעלײגט צעקנײטשט פּאַפּירל און געזאָגט:

— הער נאָר, סימכע! (שוין! דאַנקען גאָט! אויס קונ־דע־סע־װיטשו!) טראָג אָפּ דאָס קװיטל װאַסילן. גיב אַכטונג, אַז גאָרדי זאָל דיך ניט באַ־מערקן.

אָט דאָס איז עפּעס אַנדערש. כ׳בין מיטאַמאָל געװאָרן סטאַטעטשנע, אַרײַנגערוקט דאָס פּאַפּירל טיף אין דער הויזן־קעשענע און אויסגערעדט נאָר אײן־און־אײנציק װאָרט:

— גוט.

כ׳האָב געװאָלט גלײַך לויפן צו װאַסילן. פּאַסט דאָך אָבער ניט. האָב איך מיט פּאַמעלעכע סאָלידע טריט געלאָזט זיך גײן צום שאָכנס שטוב, װאָס איז געװען ענלעך אויף אַ קלאָון, װאָרעם אײן העלפט איז געװען װײַס און די צװײטע — געל. װאַסיל האָט געװוינט אין דער װײַסער העלפט. די טיר איז געװען אָפן, װי דער שטײגער איז. אַפילע אין יענע צײַטן, װען קײנער איז ניט געװען זיכער מיטן לעבן, זײַנען בא װאַסילן די טירן געװען אָפן. בין איך אַרײַנגעגאַן און אויסגעשריגן גלײַך אויף דער שװעל:

— דאָברי דען!

ס'האָט מיר קיינער ניט געענטפערט, ווײַל קיינער איז ניט געווען אין צימערל. אין דרויסן איז געווען העל־ליכטיק. דאָס קליינע פענצטערל האָט קאַרגלעך דורכגעזײַט די דרויסנדיקע שײַן. איז געווען א ביסל פינצ־טערלעך. פון דער וואַנט האָט אויף מיר געקוקט די יונגפרוי מאַריע. מיט איר שמאָלינק פּאָנעם, טונקעלע אויגן און זייער ווײַסן לענגלעכן האַלדז איז זי געווען שטאַרק ענלעך אויף גיטעלען.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אז דער באַלעבאָס פאַרעט זיך ערגעץ אין הויף. בין איך אַרויסגעגאַן און דערזען וואַסילן אין זײַן וועגעלע בא דער שטאַל. ער האָט צורעכט געמאַכט לייצעס.

וואַסיל האָט מיך באַמערקט, ברייט צעשמייכלט זיך, און מיר האָבן זיך באַגריסט. איך האָב געכאַפּט א קוק אויף דער געלער העלפט שטוב און דערלאַנגט וואַסילן רומערס קוויטעלע. וואַסיל האָט אָוועקגעלייגט די לייצעס אין א זײַט, צעוויקלט דאָס פּאַפּירל און גענומען זיך לייענען מיט א פאַרקנייטשטן שטערן. נאָכדעם האָט ער אונטערגעהויבן די רעדנע, מיט וועלכער ס'איז געווען אויסגעבעט דאָס וועגעלע, אַרונטערגעשטופּט דאָס פּאַפּירל און געזאָגט צו מיר מיט א שמייכל:

— וואַרט צו א ביסל, סימכע. באַלד וועט קומען די באַלעבאָסטע פון פעלד, וועלן מיר עפּעס איבערכאַפּן. מײַן גאַליע קאָן פּאַר א ווײַלע אויסמײַסטרעווען עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכס.

איך האָב געמאַכט א פאַרדרײַגעט פּאָנעם.

— א דאַנק. כ'קאָן ניט וואַרטן. כ'האָב קיין צײַט ניט. כ'אײַל זיך.

„כ'אײַל זיך"! וואָס? ווען? וווהין אײַל איך זיך אַזוי? אז עס הייבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס.

וואַסיל האָט אויף א רעגע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אז ער באַקוקט מיט פרעמדע אויגן זײַנע געליימטע פיס. דער־נאָך האָט ער אויסגעגלײַכט דעם ברייטן, נאָר א ביסל אײַנגעהאָרבעטן רוקן, אופגעהויבן זײַן פּאָנעם, א פאַרברויגטס, כוץ דעם שטערן, וואָס זעט אויס ווײַסלעך, וואָרעם א פּאַסמע בלאָנדע האָר פאַרשטעלט אים פון די זונען־שטראַלן, און האָט מיר געזאָגט:

— גיב איבער מאַקסן, אז אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

כ'שטיי באַם וועגעלע און וואַרט. איך פיל, אז וואַסיל וויל מיר נאָך עפּעס זאָגן, כאָטש ער נעמט זיך ווידער פאַר די לייצעס.

— זאָג מאַקסן, אז ער זאָל זײַן פאָרזיכטיק. בעסער, אז ער זאָל זיך ניט לאָזן אין וועג שפּעט באַנאַכט.

שווײַג איך און פאַרגעדענק.

וואַסיל טוט א שלײַדער אַוועק די לייצעס און פרעגט מיך:

— דו גלייבסט אין ווונדער?

פאַרטראַכט איך זיך אויף א רעגע און ענטפער אַנטשיידן:

— יאָ.

וואַסילן געפעלט מײַן ענטפער.

— אויב אַזוי, — זאָגט ער מיר, — ביסטו א ווויל באַכערל. כ'גלייב אויך.

דערנאָך כאַפּט ער ווידער אַ ביטלדיקן קוק אויף זײַנע אומבאַוועגלעך־צונויפגעלייגטע פיס און זאָגט מיר:

— אַצינד באַפעל מיר...

און ווערט אַנשוויגן. פרעג איך אים:

— וואָס באַפעלן?

ענטפערט ער מיר האַרב און קורץ:

— באַפעל מיר: „שטעל זיך אויף, וואַסיל, אויף דײַנע פיס!"

באַפעל איך אים:

— שטעל זיך אויף, וואַסיל, אויף דײַנע פיס!

טוט זיך וואַסיל אַ ריר, פּונקט ווי ער וואָלט טאַקע געוואָלט שטעלן זיך גלײַך אויף זײַנע פיס, און זאָגט מיר:

— העלף מיר אַרויסקריכן פונעם וועגעלע.

האָב איך אים געהאָלפן. אַצינד זיצט ער אויף דער הוילער ערד:

— כאַזער איבער.

באַפעל איך אים ווידער:

— שטעל זיך אויף, וואַסיל, אויף דײַנע פיס!

הייבט ער זיך אָן אופשטעלן. דאָס פאַרברויזנטע פּאָנעם ווערט אַזש טונקל־רויט פון אָנשטרענגונג. פּלוצעם דערהער איך, ווי עמעצער כלײַפעט. קוק איך זיך אום. צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט פון דער שטאַל, שטייט וואַסילס פרוי, גאַליע, שטייט און וויינט.

וואַסיל זיצט אויף דער הוילער ערד און שרײַט אויף גאַליען:

— וואָס וויינסטו, נאַרעלע?

גאַליע ווישט אויס די אויגן מיטן עק טיכל און לאָזט זיך שווײַגנדיק אין שטוב אַרײַן. איך גיי איר נאָך. וואָס גיי איך איר נאָך?.. כ'ווייס אַליין ניט. איך מוז עפּשער זאָגן עפּעס אַ האַרציק וואָרט דער דאָזיקער פרוי, וואָס טראָגט אויף אירע ווײַבערשע פּלייצעס אַ שווערן אָל. איז וואָס זאָל איך איר זאָגן?.. זי שטייט שווײַגנדיק אַנטקעגן דער יונגפרוי מאַריִע, וואָס הענגט אויף דער וואַנט און וואָס איז אַזוי ענלעך אויף גיטעלען, שטייט און ציילעמט זיך. גיי איך אַרויס שטילערהייט. וואַסיל זיצט אויף דער ערד און מאַכט צורעכט די לייצעס. ער זעט שוין ווידער אויס רויק און שמייכלט.

— אַ ראַכמאָנעס אויף גאַליען, — זאָגט ער.

דערנאָך כאַזערט ער איבער:

— זאָג מאַקסן, אַז אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

ער זיפצט אָפּ און טוט עמעצן אַ פרעג:

— ווו נעמט מען געזונטע פיס?

7

אַ גרויער הימל, שיטער באַדעקט מיט שטערן. אין הויף איז ליכטיקער, אין סאָד — טינקעלער. די ביימער פאַרשטעלן דעם הימל מיט זייערע געדיכטע קרוינען. אַ שטילקײַט, אַן אומבאַוועגלעכקײַט אַרום־און־אַרום. איינעם מיט דער זון פאַרגייט דאָס לעבן אין דאָרף. דאָס פענצטער איז

אפן, אָבער גאָרניט הערט זיך ניט פונעם צימער. וואָס טוען זיי, גיטל און רומער, אין דער האַלב־פינצטערניש? אָדער זיי קושן זיך, אָדער זיי קריגן זיך...

דערנאָך דערהערט זיך אַ ניגון, און איך דערקען רומערס שטימע. ער זינגט שטיל און באַגײַסטערט:

От пролитой крови заря заалела,
Могучая всюду борьба закипела...[1]

איך שטיי צוגעשפּאַרט מיטן רוקן צו דער וואַנט, אַז מע זאָל מיך ניט זען דורכן צעפּראַלטן פענצטער, שטיי און הער זיך צו. גיטל שלאָגט איבער זײַן ליד און בעט זיך בײַ אים:

— זינג עפּעס אַנדערש, מאַקס.

רומער באַליידיקט זיך און ווערט אַנשוויגן. נאָכדעם טוט ער אַ פרעג, און איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין צוליב וואָס:

— האָסט ליב געהאַט דײַן פאָטער?

„יאָ, — זאָג איך אונטער גיטעלען. — וואָדען?"

— יאָ, — ענטפערט זי.

— דו שאַנעוועסט זײַן אָנדענק? — פרעגט ער ווײַטער.

„יאָ", — זאָג איך אונטער גיטעלען.

— יאָ, — ענטפערט מײַן שוועסטערקינד.

— איז געדענקסטו, איבער וואָס ער איז אומגעקומען?.. איבער וואָס ער האָט זײַן בלוט פאַרגאָסן?

מיר שווײַגן ביידע, איך און גיטל. וואָרעם מיר ווייסן ביידע, וואָס ער מיינט. מאַקס שווײַגט אויך. אָפּאָנעם, אַז ס'איז אים אַלציינס, צי דאָס מיידל וועט אים ענטפערן, צי ניין. ס'אַזאַ פראַגע, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַן ענטפער. כ'בין זיכער, כאָטש כ'קאָן דאָס ניט זען, אַז ער באַקומט אַרויס פון דער קעשענע מיט דער לינקער האַנט אַ רויטן בלײַער, שטעקט אים אַרײַן צווישן די פינגער פון דער רעכטער האַנט און נעמט זיך מאָלן רויטע פערד. אַ סאַך רויטע פערד. מאָלט און טופּעט אונטער מיט די פיס איבערן דיל, ווי אַ געקאָוועט פערד מיט די פּידקאָוועס.

— דו שווײַגסט, ווײַל האָסט ניט וואָס צו ענטפערן, — דערהער איך רומערס צערייצט קאָל.

קומט אויס, אַז ס'איז אים טאַקע ניט אַלציינס.

פּלוצעם דערהער איך אַ כליפּערײַ. ווער? איך מאָלע־רעציכע אַף רומערן. וואָס שיט ער איר זאַלץ אַף די ווונדן, וואָס? אַ קלייניקייט! פאַרלאָרן אַ טאַטן, דאָס האַרץ בלוטיקט נאָך, און ער... לויף איך, גלײַך אַרײַן אין צימער און זאָג רומערן:

— כ'דאַרף אײַך עפּעס זאָגן.

מיר גייען ביידע אַרויס, רומער און איך. נאָר פאַר דעם כאַפּ איך אַ גיכן בליק אַף גיטעלען. זי וויינט שוין מער ניט. זי קוקט אַף מיר מיט

---

[1] דער באַגינען איז רויט געוואָרן פונעם פאַרגאָסענעם בלוט, און אומעטום אַ מעכטיקער געראַנגל קאָכט... (רוס.)

10—2485

פּיַכטע אויגן און שמייכלט. ווען זי שמייכלט, גיטעלע, ציטערן א ביסל אוף בא איר די ליפּן, גלײַך ווי זי וואָלט געוואָלט לאַכן און זי האַלט זיך איין. זי וויל מיר עפּעס זאָגן און פאַרהוסט זיך מיטאַמאָל.

ווען מיר זײַנען ארויסגעגאַן, האָב איך געזאָגט מאַקסן:

— וואַסיל האָט געזאָגט, אַז אלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

רומער פאַרקנייטשט אומצופרידן די נאָז מיט די שיטערע קלײַען ארום איר.

— האָסט עס געקאָנט מיר זאָגן אין גיטלס אַנוועזנהײַט אויכעט.

האָט איר געזען אזא לעקיש! איך סטאַרע זיך שאַ־שטיל, בעסאַד־סוי־דעס, און ער האָט נאָך צו מיר טײַנעס. זאָג איך אים:

— וואַסיל האָט אויך געוואָרנט, אַז איר זאָלט זײַן פאָרזיכטיק. בע־סער, אַז איר זאָלט זיך ניט לאָזן אין וועג שפּעט באַנאַכט.

מאַקס טוט מיט ביטל א מאַך מיט דער לינקער האַנט:

— אייסעך־וואָס! צו וואָס דאַרף איך זיי, די וואָרענישן!

זאָג איך אים:

— איר קענט דאָך זיך שלאָגן נאָר מיט איין האַנט.

כאַפּט ער אָף מיר א נײַגעריקן קוק. כ׳פּיל, אַז סע ווילט זיך אים א וויצל טאָן: „הער נאָר, קונדעסעוויטשו.. וואָס דײַגעסטו פאַר מיר? האָסט דען ניט מער פאַר וועמען צו דײַגענען?״

און אזוי האָט ער טאַקע אָנגעהויבן:

— הער נאָר, קונדעסעוויטשו..

און פאַרהאַקט זיך. א קלאַפּ געטאָן מיך מיט דער האַנט איבער דער פלייצע און א זאָג געטאָן מיט א שמייכל:

— און דײַנע צוויי?

ס׳איז מיר מעסוקן געפעלן. ער פאַרלאָזט זיך אָף מײַנע הענט, פאַר־לאָזט ער זיך. כ׳מאַך זיך אָבער ניט וויסנדיק. און פרעג אינמיטנדערינען:

— וואָס הייסט עָס — אָט פּראָליטאַי קראַווי זאַריא זאַאַליעלאַ? ווי קומט עס בלוט צום באַגינען?

קוקט ער מיך אָן נאָך נײַגעריקער. ער טוט א טראַכט און ענטפערט מיר, אצינד שוין אָן א שמייכל:

— ווען מע פאַרגיסט א סאַך בלוט, גרייכט עס אזש ביז צום הימל.

פרעג איך אים אײַנגעשפּאַרט:

— וואָס דאַרף מען עפּעס פאַרגיסן אזויפיל בלוט?

ענטפערט ער מיר ערנסט, ווי זײַן גלײַכן:

— לײדער, קען מען זיך דערווײַל אָן דעם ניט באַגיין.

רומער איז א מעסוקענער קײַסן. נאָר ווען מיר קערן זיך אום אין צימער, זאָגט ער בעגימעסדיק גיטלען:

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר עפּעס איבערלייענען.

ניט וואַרטנדיק אָף איר האַסקאָמע, צעעפנט ער עפּעס א בוך און נעמט זיך לייענען. כ׳וואָלט געקרן אויך געהערט. מוז איך אָבער לויפן שטעלן דעם סאַמאָוואַר. כ׳צעהייץ די קוילן, טו אָן אָפן „קאַפּ״ פונעם סאַמאָוואַר דעם טאַטנס שטיוול און נעם זיך רודעווען מיט אים, ווי מיט א בלאָזזאַק. כ׳וואַרט צו, ביז ער נעמט זיך זינגען א געמיטלעך ניגנדל,

און דערמאָן זיך אין מײַן מאמען. אַלעמאָל, ווען דער סאַמאָוואַר הייבט אָן זײַן זעמערל, דערמאָן איך זיך אין איר. עפּשער איבער אַ כאַראַקטער־געפֿיל, וואָס הייבט אָן טיאָכקען אין האַרצן. אָפּטמאָל פֿלעג איך ניט פֿאָלגן די מוטער, ווען זי פֿלעגט מיר הייסן שטעלן דעם סאַמאָוואַר. כ׳פֿרעג זיך און שטראָף זיך: ווער דען האָט געזאָלט שטעלן? כ׳האָב געהאַט אַ קליין ברודערל, וואָס איז געבוירן און געשטאָרבן אין איין טאָג, אַזאַ קליינס, אַזאַ פּיצל, האָט דאָס מיטגעשלעפּט מיט זיך אויף יענער־וועלט די מוטער. שטאַרבנדיק, האָט די מאַמע שטאַרק געבעטן, מע זאָל איר געבן אַ שטיקל ציבעלע, ס׳האָט זי, ווײַזט אויס, מעסוקן גענודיעט. גאַליע, וואַסילס ווײַב, האָט אונדז געבראַכט צו טראָגן, דעם טאַטן און מיר, אַ גרויסן טאָפּ מיט הייסן באָרשטש, אָפּדערנאַכט, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פֿונעם פֿעלד. מיר האָבן אָפּגעגעסן, דערנאָך האָב איך איר אָפּגעטראָגן דעם ליידיקן טאָפּ, האָט זי מיך באַגעגנט אין הויף, אַ גלעט געטאָן מיר דעם קאָפּ און אָנגעוויזן מיר מיטן פֿינגער אויפֿן הימל. „זעסט, — האָט זי מיך געפֿרעגט, — אָ־די צוויי שטערן איבער אײַער כאַטע? איינער אַ גרעסערער און דער צווייטער אַ קלענערער. ס׳איז, — זאָגט זי, — די נעשאָמעס פֿון דײַן מאַמען און דײַן ברודערל...“ נו, דער מאַמעס נעשאָמע — פֿאַרשטיי איך, נאָר וואָס פֿאַר אַ נעשאָמע קאָן האָבן אַ פּיצל אייפּעלע, וואָס איז אַלט געווען איין טאָג? זיי האָבן אויסגעזען רויט, די שטערן... יאָ, איך מוז פֿרעגן רומערן, צי קאָן ער האַרגענען אַ מענטשן, ווען אַפֿילע דער מענטש איז אַ פּעטליוראָווועץ...

כ׳האָב געבראַכט צו טראָגן דעם סאַמאָוואַר און מעכאַבעד געווען מאַקסן און גיטלען מיט טיי. מאַקס האָט געטרונקען אָן צוקער. דאָס ביסל ברוינע זאַמדצוקער, וואָס איז געווען אין אַ שעלכל, האָט ער ניט געטשעפּעט, ווײַל ס׳איז געווען באַשטימט פֿאַר דער קראַנקער קאַלע זײַנער, אַזוי האָט ער באַשלאָסן, כאָטש כ׳מיין, אַז איין לעפּעלע וואָלט ער זיך געקאָנט פֿאַרגינען. ער האָט געהאַט ניט קיין וואַזשנע אויסזען, עפּשער איבער גריזאָטע, און עפּשער איבער עפּעס אַ כאַלאַס, וואָס איז איבערגעגאַן צו אים פֿון גיטלען דורך די הייסע קושן.

ווען רומער האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים, זײַנען מיר אים נאָכגעגאַן, איך און מיק, אַ שיינעם שטיק וועג. מיר זײַנען אים נאָכגעגאַן פֿונדערווײַטנס, אַניט, ווען ער וואָלט אונדז דערזען, וואָלט ער גלײַך אַ געשריי געטאָן:

— אַנו, קונדעסעוויטשעס! מאַרש אַהיים! אַבער טאַקע באַלד!

ער איז אַ מעסוקענער קיסן, מאַקס. עמעס, סע גייט באַ אים גיך איבער. וואָלט ער דערנאָך אַ שמייכל געטאָן צו מיר, קעדיי צו פֿאַרגלעטן זײַן היציקייט, און וואָלט געזאָגט:

— זאָרג ניט, ברודערל, מײַן לינקע האַנט איז פֿעסט.

מיר זײַנען אים נאָכגעגאַן פֿונדערווײַטנס אַזש ביזן עק דאָרף. דערנאָך האָב איך זיך מעיאַשעוו געווען און געלאָזט זיך גיין ווײַטער אַזש ביזן וועלדל. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, איך און מיק, נאָכגעקוקט, ווי מאַקס שפּאַנט מיט פֿעסטע זיכערע טריט, און זײַן שאָטן, וואָס האָט אויסגעזען מאָדנע איבער די שיך, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אויף דער פּלייצע

אהין און אהער, קריכט נאָך אים, ווי א שווארצע שלאַנג. ווען ער איז צוגעקומען צום וועלדל, האָבן מיר פארקערעוועט אהיים. די [illegible] איז געווען א ליכטיקע, א ווארעמע. מיק איז געלאָפן פון פאָרנט מיט אן אראָפּהענגענדיקער לאנגער צונג. כ׳האָב געקוקט מיט גרויסע פארכידעשטע אויגן אף דער וועלט, וואָס רינגלט מיך ארום. עפּעס האָט מיר אָבער געקלעמט דאָס הארץ. עפּשער איבער דער סוידעספּולער אָנגעשטרענגטקייט פונעם וועלדל, וואָס האָט זיך געשווארצט ניט ווײַט פונעם וועג. האָב איך זיך אויסגעדרייט צו דעם מיטן רוקן, איבערגעשפּרונגען איבערן ריוו. דאָ הייבט זיך אָן א ברייט פעלד, א יאַם מיט זאנגען. ערשט דאָ האָב איך דערפילט א לײַכט ווינטעלע. מיק האָט זיך פארציקאוועט, וואָס בין איך פּלוצעם געבליבן שטיין. ער האָט אימפּעטדיק א שפּרונג געטאָן צו מיר און אופגעהויבן זײַנע ברוינע קלוגע אויגן. ער איז געווען שווארצער פון זײַן שאָטן, וואָרעם דער שאָטן האָט זיך געוואלגערט פון אונטן אין גרויען שטויב. די רויטע צונג איז אים איצט ניט נאָכגעהאנגען, דאָס מויל איז געווען פארמאכט, האָט זײַן שווארצע געמבע אויסגעזען-פײַן און כיינעוודיק. כ׳האָב א גלעט געטאָן דעם שווארצן קאָפּ פונעם הונט און די געלע קעפּלעך פון די זאנגען. דאָס הארץ האָט מיר אופגעהערט קלעמען. כ׳האָב פארזשמורעט די אויגן, ווי דער זיידע, ווען ער לייענט א סייפער, און צוגעהערט זיך, ווי דאָס פעלד דעכעט. דאָ האָב איך זיך טייקעף דערמאָנט אין גיטעלעס לונגען און א טראכט געטאָן, אז עס וואָלט געווען א סייכל ארויספירן גיטעלען אהער און אוועקשטעלן צווישן די זאנגען. און...

א נאכט־פויגל, וואָס יאָגט זיך נאָך פלאטערלעך, האָט זיך פּלוצעם צעצוויטשערט אף א קאָל און געשטערט מיר דערטראכטן, וואָס וואָלט גיטעלע געדארפט טאָן צווישן די זאנגען. וואָס הייסט וואָס? דאָס פעלד איז מילד. ס׳איז ברייטהארציק. עס וועט אָנפילן אירע לונגען מיט פריישער, מיט רייַנער לופט.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אהיים און כ׳האָב אָפּגעפירט מיקן צו זײַן בודע און צוגעבונדן אים צו דער קייט, האָט ער פּלוצעם א ברום געטאָן און אָנגעשפּיצט זײַנע אויערן. איבערן פּלויט איז איבערגעשפּרונגען עפּעס א שאָטן. כ׳וועל ניט שווערן, אז ס׳איז געווען גאָרדי, ווײַל כ׳האָב באמערקט נאָר דעם רוקן פונעם מענטשן. ווייס איך אליין ניט, וואָס עפּעס איז מיר גלײַך געקומען אפן געדאנק גאָרדי. דאָס הארץ אָבער האָט ווידער אָנגעהויבן קלעמען. נאָך מײַן שמועס מיט וואסילן איז דאָס די גאנצע צײַט אָנגעשטרענגט. עפּעס א פאָרגעפיל האָט געדריקט. א שווערער פאָרגעפיל און א מעטושטעשער אומרו. דער שפּרונג פונעם אומבאוווסטן האָט צעפּלאָכעט דאָס קעצל אוגדזערס, וואָס האָט ווייך שפּאצירט בא די שטאכעטן און געשמעקט דאָס גראָז. ס׳איז ארויסגעלאָפן מיט א הויך אויסגעבויגענעם רוקן און מיט א מעסוקענער צישערײַ, וואָס איז באלד פארטויבט געוואָרן פון א לאנגדויערנדיקן טרוקענעם הוסט, וואָס האָט זיך דערהערט דורכן אָפענעם פענצטער.

כ׳נעם דאָס קעצל, גיי ארײַן אין אלקער, הייב א קאָפּעטשקעלע אוף די קאָלדרע, מיט וועלכער גיטעלע איז צוגעדעקט, און לייג אנידער דאָס

קעצל. גיטל הערט אוף הוסטן... כ׳פאַרמאַך דאָס פענצטער און עפן אוף די פאָרטקע. דאָס פענצטער וואָלט איך עפשער ניט געדאַרפט פאַרמאַכן. נאָר דער שפרונג איבערן פלויט... כ׳וויס... כ׳וועל בעסער אופשטיין גאַנצפרי און אופעפענען דאָס ווידער, ווען אין דרויסן וועט שוין זײַן ליכטיק.

באַנאַכט האָב איך זיך פּלוצעם אופגעכאַפּט. כ׳האָב אָנגעטאַפּט דעם טאַטנס ביינערדיקע פּלייצע און באַרויִקט זיך. ס׳איז געווען שטיל. וואָס זשע האָט מיך אופגעוועקט? אפּאָנעם, א בייזער כאָלעם. איבערן דאָרף, איבער דער באַנאַכטיקער שטילקײַט האָט זיך מיטאַמאָל א קײַקל געטאָן א האַווקערײַ פון הינט. עס טרעפט זיך אָפט. עפּעס איינעם א הונט דאַכט זיך אויס א געשפּענסט אין דער פינצטערניש, טוט ער א ביל. די שכיינישע הינט זענען גאָרניט. זיי האָבן אָבער דערהערט אַן אַליאַרעם־סיגנאַל פון זייער כאַווער, האַלטן זיי אים גלײַך אונטער, און איבערן דאָרף צעטראָגט זיך א מעסוקענע בילערײַ. כ׳דערקען מיקס קאָל אויכעט. ער האַווקעט סטאַטעטשנע, באַסאָווע און דראָענדיק, מיט א כריפּענדיקן שאַלשעלעס צום סאָף. מיקס היימישע בילערײַ באַרויִקט מיך, און כ׳ווער ווידער אַנדרעמלט.

8

ווען כ׳האָב גאַנצפרי דערזען אין דער באַנקע די ראָזעווע הײַטלעך, בין איך געוואָרן דערשיטערט. בלוט! בלוט זעט מען ניט פון אויבן. עס רינט ערגעץ אינווייניק. און קוים באַווײַזט עס זיך, הייסט עס, אַז עפּעס אינווייניק איז קאַליע געוואָרן.

איך האָב זיך שטאַרק איבערגעשראָקן.

— וואָס קוקסטו עפּעס אַזוי אָף מיר? — האָט מיך גיטעלע געפרעגט מיט א בלייכן שמייכל.

איך בין געוואָרן צעמישט.

— גאָרניט... גלאַט אַזוי... וואָסי, מע טאָר ניט קוקן אָף דיר? עפשער ביסטו מיר געפעלן!

כ׳בין ארויס מיט דער באַנקע אין הויף און א טראַכט געטאָן: מע דאַרף באַלד זאָגן דער מומען. זי פּאַפּט אָבער נאָך. זי האָט ניט ליב, די מומע, אַז מע וועקט זי. זי קאָן ניט, זי טאָר ניט אופשטיין, — זאָגט זי, — איבער אירע קראַנקײַטן. האָב איך א סגולע: מיק.

כ׳גיי צו צו אים, טו אים א ווונק, ווערט ער מאָלע־גדולע, הייבט אָן האַווקען און גרימפּלען מיט דער קייט מיט אַזא אימפּעט, אַז א טויטן וואָלט ער געקאָנט אופוועקן. די מומע באַווײַזט זיך אָף דער שוועל אין א כאַלאַט, זייער א דערצאָרנטע:

— ניט קיין הונט, מײַנע סאָנים, נאָר א בייז אָנשיקעניש! קענסט אים ניט זאָגן, אַז ער זאָל פאַרמאַכן דעם פּיסק?

באַפעל איך מיקן:

— פאַרמאַך דעם פּיסק!

ווערט ער אנשוויגן.
זאג איך דער מומען:
— כ׳מוז אײַך עפּעס זאָגן.
שלאָגט זי מיך איבער:
— אצינד ווערט מיר שוין דער קאָפּ ווײ טאָן א גאנצן טאָג. כ׳מוז נאָך כאפּן א דרעמל.
אָט אזוי טוט זי א וואָרטשע און קערט זיך אום אין שטוב אַרײַן.
דערצײלן דעם טאַטן? איז ער שוין אוועק אין פעלד אַרײַן. איז וואָס?..
ווען איך בין געקומען צו לויפן צו אים א פאַרסאָפּעטער, האָט דער טאַטע אויסגעהערט מיך שווײַגנדיק. נאָכדעם זאָגט ער מיר:
— שפּאַן אײַן דעם בולאנעם און פאָר נאָכן דאָקטער.
האָב איך זיך געלאָזט לויפן צוריק איבער סטעזשקעס, איבער מע־זשעס, אבי גיכער, געלאָפן פײַל־אויסן־בויגן דורך א שמאָלן קאָרידאָר צווישן צווײ זאנגען־ווענט, און ווי נאָר כ׳בין געקומען צו לויפן, האָב איך גלײַך אײַנגעשפּאנט ניקן און מיט דער בײַטש אין דער האנט אַרײַן אין שטוב צו דער מומען:
— גיט אכטונג אף גיטלען, כ׳פאָר אין שטאָט אַרײַן.
די מומע האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ פון דער קישן:
— וואָס עפּעס אזוי פרי?
— נאָכן דאָקטער.
די מומע זעלדע האָט זיך האסטיק א הייב געטאָן און אוועקגעזעצט זיך אין בעט:
— וואָס הייסט נאָכן דאָקטער? נאָך וואָס? נאָך וואָס?
— גיטל כראַקעט מיט בלוט.
כ׳האָב דאָס ווי אויסגעשאָסן. און גלײַך כאַראַטע געהאַט. צווײ אויגן, פול מיט גרויל און יִיִעש, האָבן זיך אײַנגעשטאָכן אין מיר:
— וואָס? וואָס זאָגסטו?
האָב איך א פאָכע געטאָן מיט דער בײַטש און גענומען טרעטן אף צוריק.
— ניט אזוי מעסוקן. נאָר א ביסעלע... כ׳מיין, נאָר א קאַפּעטשקעלע בלוט.
די מומע איז שוין געשטאַנען אף די פיס, געציטערט און בעשום־אויפן ניט געקאָנט טרעפן מיט דער האנט אינעם אַרבל פונעם כאַלאַט. האָב איך איר געהאָלפן אָנטאָן אים, און די מומע האָט בעשאַסמײַסע געשלונגען טרערן. זי האָט זיך געלאָזט גײן צום אלקער. האָב איך זי פאַרהאַלטן און געזאָגט, אז זי זאָל אויסווישן די אויגן, גיטל דאַרף ניט זען אירע טרערן. און עפּשער האָב איך איר דאָס ניט געזאָגט. כ׳געדענק שוין ניט. נאָר אצינד, מיט א פּופציק יאָר שפּעטער, האַלט איך, אז כ׳וואָלט דאָס גע־דאַרפט איר זאָגן, אַניט וואָלט זי געמוזט דערצײלן איר טאָכטער די סיבע פון אירע טרערן. און גיטעלע, ווידער, האָט ניט געדאַרפט וויסן, אז איר בלוט רינט אַרויס פון א צעבראָכענעם געפעס. די מומע האָט מיך געפּאָלגט, אויסגעווישט די אויגן און געהאַלטן אין אײן אונטערבײַלן מיך:

— פאַר גיכער! פאַר גיכער! און קער זיך ניט אום אַנעם דאָקטער! און איך וועל דערוויַיל שטעלן באַנקעס.

אין אַלקער האָב איך ווידער אַ מאָך געטאָן מיט דער בייַטש און געפרעגט גיטלען:

— כ׳פאָר קיין ליובאַטש. וואָס ברענגען דיר?

די מומע איז צוגעגאַן צום בעט, אייַנגעזויגן זיך מיט די ליפן אין שטערן פון איר טאָכטער און געזאָגט:

— קיין היץ, דאַנקען גאָט, האָסטו ניט...

איר שטימע איז געווען טרוקן, קיין סימען פון טרערן. דערנאָך ענט־פערט זי מיר אַנשטאָט דער טאָכטער:

— ברענג איר דאָס סעקל און די מופטע. די נעכט זייַנען שוין קילע.

די מומע זעלדע געפעלט מיר איצטער בעפּיירעש. זי האָט, אַפּאַנעם, פאַרגעסן אין אַלע אירע קראַנקייַטן. געשטאַנען לעבן דער טאָכטערס בעט, געקוקט אַף איר מיט טרוקענע, שמייכלענדיקע, נאָך גאָר שיינע אויגן און געשוויגן אַזוי טיף, ווי נאָר מייַן טאַטע קען שווייַגן.

כאָטש כ׳האָב געהאַלטן די בייַטש אין דער האַנט, איז דאָס געווען ווי אַף יויצע־זייַן. ניקן האָב איך ליב געהאַט ניט ווינציקער פון מיקן, און כ׳וואָלט קיינמאָל ניט געפויעלט בא זיך אַ שמיץ טאָן אים מיט דער בייַטש. און נאָך וואָס? ס׳איז מיר גענוג געווען אַ צי טאָן די לייצעס, האָט ער שוין אַליין פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף אונטערייַלן זיך. אַ קלוג פערדל געווען און נאָך אַ שיינס דערצו. אַ געלבלעכס, מיט אַ שוואַרצן ווײדל און אַ שוואַרצער גריווע, זעט עס אויס, ווי, לעהאַודל, אַ בלאָנדינקע מיט שוואַרצע האָר. כ׳קאָן אָבער ניט טראַכטן וועגן ניקן. מייַן מויעך עגבערן שווערע געדאַנקען. ראָזעווע הייַטלעך... בלוט... בלוט... געשיקט זיך, אַז גיטעלע קאָן נעמען און שטאַרבן? עס ווערט מיר ניט גוט אַפּן האַרצן פון דער דאָזיקער פראַגע. זידל איך זיך מיט די ערגסטע זידלערייַען: וויאַזוי האָט דיר געקאָנט קומען אַף דייַן נאַרישן סייכל אַזאַ שוידערלעכע מאַכשאָווע?.. איך בין געווען גרייט שענקען גיטעלען אַ העלפט פון מייַן בלוט, אַבי זי זאָל געזונט ווערן. דערמאָן איך זיך אין דער מומעס פאַרייַעשטן אָנזאָג: „קער זיך ניט אום אַנעם דאָקטער", — טו איך אַ צי פאַר די לייצעס, נעמט דאָס פערדל לויפן מיט אַזאַ אימ־פעט, אַז די שוואַרצע גריווע זייַנע הייבט אָן אונטערטאַנצן. כ׳ווייס גוט די טייַטש פון „קער זיך ניט אום אַנעם דאָקטער". כ׳האָב געהאַט אַ קליין ברודערל, וואָס איז געבוירן און געשטאָרבן אין איין טאָג, אַזאַ קליינס, אַ פיצל, האָט דאָס מיטגעשלעפּט מיט זיך אַף יענער־וועלט די מוטער. דאָס ערשטע מאָל אין מייַן לעבן האָב איך דעמלט אַ שמיץ געטאָן ניקן, ער זאָל יאָגן גיכער. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. ניק איז ניט שולדיק. דער דאָקטער איז שולדיק. ניט געוואָלט פאָרן אין דאָרף ראַטעווען מייַן מאַ־מען און מייַן ברודערל. און עפשער איז דער דאָקטער אויך ניט שול־דיק? עפשער האָט ער ניט געקאָנט פאָרן? ס׳איז געווען אַקוראַט נאָך דער פּאָגראָם־נאַכט. אַ סאַך פאַרווונדעטע געווען, און ער איז דער איינ־און־איינציקער דאָקטער — אַזוי האָט ער מיר געזאָגט. צווישן די שווער־פאַרווונדעטע איז געווען גיטלס פאָטער, וואָס האָט צוזאַמען מיט רומערן

און נאָך עטלעכע יונגען פֿאַרטיידיקט די ייִדן מיט געווער אין דער האַנט. איז וואָס זשע האָט ער געדאַרפֿט טאָן, דער דאָקטער? פֿאַרלאָזן די פֿאַר־וווּנדעטע און פֿאָרן מיט מיר אין דאָרף צו מײַן מאַמען און דעם אייפּעלע?

ווען איך בין געקומען צו פֿאָרן מיטן פּוסטן פֿורל, האָט גאַליע, וואָס ילס ווײַב, אַרויסגעריסן פֿון מײַנע הענט די בײַטש, אַרויף אַף דער קעל־ניע און אַ שמײַס געטאָן ניקן מיט אַזאַ רעציכע, אַז דאָס האַרץ האָט זיך מיר אָפּגעריסן. וואָסי? אויב אַזוי, — זאָגט זי, — איז צו אַלדי רוכעס דעם דאָקטער! מיר פֿאָרן צום זנאַכאַר, צו דעם שפּרעכער, צו דעם מעכאַשעף. וואָס? ווען? ווער? גאַליע האָט זיך אַ ביסל באַרויקט. זי זיצט באַנאַנד מיט מיר אַף די קאָזלעס און דערציילט מיר, אַז אין בערעזיווקע, אין שכיי־נישן כוטאָר, הייסט עס, לעבט אַ באַרימטער זנאַכאַר, אַזוינס ווי אַזער לעכס, מע פֿאָרט צו אים, ווי צו אַ הייליקן, אַפֿילו פֿון ווײַטע דערפֿער, און ער היילט אַלעמען אויס. מע רופֿט אים „גאָט פֿון דער ערד”. אַזוי דערציילט מיר גאַליע און האַלט אין איין אונטערטרײַבן דאָס פֿערד. ניק דערפֿילט אַ פֿרעמדע האַנט און נעמט זיך בריקעווען.

באַלד צעשפּילט זיך מײַן דימיען, און כ'שטעל זיך פֿאַר דעם מעכאַ־שעף, ווי עפּעס אַ גוואַר, אַ ריז מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט צוויי ברענענדיקע אויגן. און עפּשער נאָר מיט איין ברענענדיק אויג? בין איך געוואָרן שטאַרק אַנטוישט, ווען מיר זײַנען אַרײַנגעפֿאָרן מיט אַ טראַסק אין בערעזיווקע און אָפּגעשטעלט זיך קעגן דעם מעכאַשעפֿס „פּאַלאַץ”, אַ כאַטקעלע מיט אַ שטרויענער סטרעכע. גאַליע איז גלײַך אַנשוויגן גע־וואָרן און מיט גרויס דרעככערעץ אָנגעוויזן מיר אויפֿן מעכאַשעף, וואָס איז געזעסן אײַנזאַם אַף דער פּריזבע. אַ דאָס־אַ געפֿעשל איז דער גרוי־סער מעכאַשעף? עפּעס אַ קאַליקע, אַ קליינס, אַן אײַנגעשרומפּנס, מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ קליינטשקן קערפּער, פּיצינקע פּיסעלעך און הענ־טעלעך, מיט אַ בלײַך פּאָנעם אָן אַ סימען פֿון אַ באָרד, נאָר מיט לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע בלאָנדע וואָנצעס. דאָס איקערדיקס אין זײַן פּאָנעם זײַנען געווען צוויי גרויסע העלע בלויע אויגן. ווי נאָר כ'האָב זיך פֿאַר־טשעפּעט פֿאַר זיי, האָב איך גלײַך פֿאַרגעסן, וויאַזוי ער זעט אויס, און ווען ניט די לאַנגע וואָנצעס, וואָלט איך אים באַטראַכט, ווי אַ ייִנגל פֿון מײַן עלטער, ווי עפּעס אַ „קונדעסעוויטש”, אַ ביסל אַ פֿאַרשײַטער, אַ ביסל אַ קאַפּריזער, וואָרעם ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿאָרן מיט אונדז, ווײַל — זאָגט ער — זײַן היילונג־קויעך איז גילטיק נאָר פֿאַר פּראַוואָ־סלאַוונע.

גאַליע, אַ געזונטע פֿרוי מיט שטאַרקע מענערישע הענט — זי איז דאָך געווען דער מאַן אין איר באַלעבאַטישקײַט, — האָט אַ כאַפּ געטאָן מיט קוי־עך דעם, מישטיינסגעזאָגט, גאָט פֿון דער ערד און געריידט צו אים, ווי מע רעדט צו אַ צעפּעסטעטע קינד:

— איוואַנציו, דו טאָרסט אונדז ניט אָפּזאָגן. דו מוזט ראַטעווען צוויי לעבנס.

איוואַן האָט עפּעס נעבעכדיק געשטאַמלט, כ'האָב קוים פֿאַרשטאַנען:

— וואָס ווילט איר פֿון מיר? כ'בין אַליין קראַנק. כ'שטיי קוים אַף די פֿיס.

ער איז טאקע, נעבעך, קוים געשטאנען אף זײַנע דינע פיסלעך.
גאליע איז געוואָרן רעכט אופגעבראכט. זי האָט אים א הייב געטאָן, ארײַנגעשמיצט אין פורל, אוועקגעזעצט זיך לעבן אים, אנידערגעלייגט איר שווערע האנט אף זײַן פלייצע און א קאָמאנדעווע געטאָן מיר:
— נאָ, פאָר שוין גיכער!
האָב איך א צי געטאָן פאר די לייצעס. ניק האָט דערקענט מײַן האנט און א יאָג געטאָן גלײַך פונעם אָרט.
ווען מיר זײַנען ארויסגעפאָרן פונעם כוטאָר, האָט איוואן געהייסן אָפּשטעלן זיך. ניט ווײַט פונעם וועג האָב איך דערזען א קליינע לאָנקע, וואָס האָט אויסגעזען ניט גרין, נאָר שווארץ איבערן לאנגן פארנאכטיקן שאָטן פונעם שכיינעסדיקן בערגל, וואָס האָט זי באדעקט. גאליע האָט געהאָלפן איוואנען ארויסקריכן פונעם פורל און געלאָזט זיך גיין מיט אים, גלײַך ווי זי וואָלט מוירע געהאט, אז איר גאָט זאָל ניט מאכן די פלייטע. ער האָט אָבער שטרענג באפוילן איר אומקערן זיך צוריק צו דער פור און אליין געלאָזט זיך צום בערגל. ווי נאָר זײַנע פיסלעך האָבן אָנגעטאפּט די פײַכטלעכע באגראָזטע ערד פון דער לאָנקע, זײַנען זיי געוואָרן ספּריטנער. פונדעסטוועגן האָב איך מוירע געהאט, אז ביז ער וועט זיך דערקלײַבן צום בארג, וועט אונדז אויסקומען נעכטיקן אין פעלד. באם בארג־פוס האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט אָף די קני — אין דער שטילער סוידעסדיקער בייִנהאשמאָשעס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז ער נעמט זיך דאוונען, — ער האָט אָבער ניט אופגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל, נאָר אראָפּגעלאָזט אים נידעריק צו דער ערד, גלײַך ווי ער וואָלט געוואָלט אײַנעטעמען די רייכעס, וואָס זי דעמפּט אויס. איצט האָב איך פארשטאנען, פארוואָס די דאָרפסלײַט האָבן אים א נאָמען געגעבן „גאָט פון דער ערד". זײַנע פיצינקע הענטעלעך האָבן גענומען רײַסן פארשיי־דענע גראָזן און פעלד־קווייטן. געטאָן האָט ער דאָס פּאוואָלינקע. גאליע איז ארויס פון די קיילים און אים אָנגעהויבן זידלען. דערנאָך האָט זי טאקע ניט אויסגעהאלטן, א לויף געטאָן צו אים און געבראכט אים צו שלעפּן איניינעם מיט די פריש־אָנגעריסענע קרײַטעכצער.
מיר זײַנען פארפאָרן צו גאליען. זי האָט זיך גלײַך גענומען קאָכן די קרײַטעכצער לויט איוואנס אָנווײַזונגען, און איך בין איבערגעשפּרונ־גען איבערן פּלויט, ארײַן אין שטוב צו מײַן מאמען און מײַן קליין ברור־דערל, וואָס האָט אָפּגעלעבט זײַן לעבן אף דער וועלט, ווי א פלאטערל, פאר איין מעסלעס.
די מאמע איז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן און האָט געקרעכצט. דער טאטע איז געשטאנען באם בעט און האָט געשוויגן. ווען כ׳בין צוגעגאנגען צום בעט, האָט די מאמע אופגעעפנט די אויגן, און דריבנע טרערעלעך האָבן זיך א קײַקל געטאָן איבער אירע אויסגעמאָגערטע באקן.
— קום אהער... יאָסעמל מײַנס...
כ׳האָב זיך אײַנגעהאלטן מיט אלע קויכעס. כ׳זאָל זיך ניט צערעווען. מע טאָר ניט. כ׳קאָן נאָך אופוועקן מײַן ברודערל. מע הערט עס עפּעס ניט. עפּשער שלאָפט עס? כ׳האָב ארײַנגעלייגט דער מאמעס הייסע האנט אין מײַנער, וואָס האָט נאָך פארהיט אין זיך דאָס פעלד־קילבלעכקײַט, —

וועט דער מאמען זײַן אַנגענעם. שטיל. ס'איז צו שטיל. פֿאַרוואָס שווײַגט דער טאַטע? פֿאַרוואָס זאָגט ער גאָרניט? מע מוז דאָך צעווייען א ביסל די טויטע שטילקייט. זאָג איך דער מאַמען:

— מיר האָבן געבראַכט אַן אַנדער דאָקטער.

די מאַמע שווײַגט, און איך הער זיך צו: פֿאַרוואָס שווײַגט דאָס ברודערל? מע שלאָפֿט דען אַזוי שטיל? ערשט אַצינד באַמערק איך אין א ווינקל, אויף א ברייטן טאַבורעט, ליגט עפּעס איבערגעדעקט מיט מײַן מאַמעס יאָמטעוודיקער זײַדענער שוואַרצער שאַל.

אויף דער שוועל באַווײַזט זיך דער „דאָקטער" איוואַן מיט זײַן „אַסיסטענטקע" גאַליע, וואָס טראָגט אים נאָך א פֿולע גלאָז מיט עפּעס א פֿליסיקייט, אַפּאַנעם, פֿון די געקאָכטע קרײַטעכצער. כ'האָב געזען, ווי די מאַמע האָט געכאַפּט א האַסטיקן קוק אויפֿן קריפּל, און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט א גרויליקער בענקעניש. זי האָט געשווינד אָפּגעווענדט דעם בליק פֿונעם מעשונעדיקן מענטשעלע, און טאַקע דעמלט האָט זי, גענעך, אויסגערופֿן:

— גיט מיר א-שטיקל ציבעלע, כ'בעט אײַך... עס מעלויעט מיך אַזוי אויפֿן האַרצן, אַז איך קאָן שוין ניט אויסהאַלטן...

איוואַן האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס זי זאָגט. נאָר ער האָט זיך, ווײַזט אויס, אָנגעשטויסן, ווי ביטער ס'איז איר אויפֿן האַרצן. איז ער צוגעגאַנגען האַרט צום בעט און אָנגעשטעלט אויף מײַן מאַמען זײַנע גרויסע בלויע ליכטיקע אויגן, וועלכע האָבן געשײַנט אויף זײַן קינדעריש-אומבאַהאָלפֿן געזיכט, וואָס איז געווען לעכערלעך פֿאַרגרימירט מיט צוויי לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס. דער מוטערס בליק איז געוואָרן ווייכער. איוואַן האָט גענומען בײַ גאַליען די גלאָז, דערלאַנגט דער מאַמען און געזאָגט איר שטיל און ווייך, ניט אַראָפּלאָזנדיק פֿון איר זײַנע בלויע שײַנענדיקע אויגן:

— טרינקט אויס. ס'עס וועט אײַך ווערן גרינגער.

די מאַמע האָט אים געפֿאָלגט, ווי א קינד. זי האָט אויסגעטרונקען די גלאָז מיט א טיפֿן זיפֿץ, און ס'איז איר, אַפּאַנעם, טאַקע געוואָרן גרינגער. די אָנגעשטרענגטע קנייטשן אויפֿן שטערן האָבן זיך אויסגעגלעט, דער אָטעם אירער איז געוואָרן לײַכטער און רויִקער. נאָר ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אַהיים נאָך דעם, ווי כ'האָב אָפּגעפֿירט איוואַנען אין זײַן כוטאָר, האָב איך געטראָפֿן די מאַמע א טויטע. דער טאַטע איז געשטאַנען אָנגעלענט מיט ביידע הענט אויף דעם בעט-ווענטל און געשוויגן. כ'האָב געזען, ווי זײַן ברוסט ציטערט אויף פֿון אינווייניקסטע שלוכצן. כ'האָב אים געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר בײַ מיר אַליין זײַנען געשטאַנען טרערן אין האַלדז. ערשט העט שפּעטער, נאָך דעם ווי איך האָב זיך גוט אויסגעוויינט און פֿאַמעלעך אַנדערעמלט געוואָרן, זיצנדיק בײַ דער מאַמעס בעט, האָב איך זיך פּלוצעם אופֿגעכאַפּט. דער טאַטע איז נאָך אַלץ געשטאַנען און געשוויגן. דעמלט בין איך צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— טאַטע, גיי, שלאָף זיך אויס א ביסל. כ'וועל דאָ אַליין וואַכן.

דער טאַטע האָט מיר גאָרניש ניט געענטפֿערט. האָב איך צוגעגעבן:

— עס זיך ניט אָפּ אַזוי דאָס האַרץ, טאַטע.

ער האָט אָבער אַלץ געשוויגן, און איך האָב שוין ניט געהאַט וואָס צו זאָגן אים. ערשט דערנאָך האָב איך זיך דערמאָנט און געפרעגט:

— טאַטע, די קו איז שוין געמאָלקן?

דער טאַטע האָט געכאַפּט אויף מיר א מעשונעדיקן קוק און מיטאַמאָל זיך מעסוקן צעוויינט. און מיר איז געוואָרן שטאַרק פּאַסקודנע אויפן האַרצן, וואָרעם כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען, אַז מײַן טאַטע זאָל וויינען.

9

דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳וועל נישט טרעפן דעם דאָקטער אין דער היים. כ׳האָב זיך געשעמט אופהייבן די אויגן אויף דער שלאַנקער פרוי, וואָס האָט מיר אופגעעפנט די טיר. כ׳בין געשטאַנען א צעמישטער אויף דער שוועל, ניט געוואָלט פאַרשטויביקן מיט מײַנע שטיוועלעך דעם ציכטיקן דיל, און דערנאָך האָב איך זי שטיל געפרעגט:

— זײַט אַזוי גוט... זאָגט מיר, ווען וועט זײַן דער דאָקטער?

די פרוי איז געשטאַנען מיט דער האַנט אויף דער קליאַמקע. זי האָט אומגעדולדיק געענטפערט:

— כ׳ווייס אַליין ניט. א סאַך קראַנקע פאַראַן, און ער מוז זיי אַלע באַזוכן.

כ׳האָב מוירע געהאַט, אַז באַלד נעמט זי און טוט א פאַרמאַך די טיר. האָב איך געשווינד און אָפגעהאַקט א געשריי געטאָן.

— איז וואָס זאָל איך טאָן?!

די פרוי האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט פון דער קליאַמקע, און איך האָב שטילער צוגעגעבן:

— מע האָט מיר באַפוילן ניט אומקערן זיך צוריק אָנעם דאָקטער. גיטעלע איז מעסוקן קראַנק...

די פרוי איז אָפּגעטראָטן פון דער שוועל.

— גיי אַרײַן, יינגעלע. דו ביסט ניט קיין היגער?

— ניין. כ׳בין פון ראַקיטנע.

— און ווער איז גיטעלע? דײַן שוועסטערל?

כ׳האָב זיך א קווענקל געטאָן און געענטפערט:

— יאָ.

א שוועסטער צי א שוועסטערקינד — וואָס איז דער כילעק? נאָר „שוועסטערל״? א שוועסטערל, וואָס איז עלטער פונעם ברודער אויף פיר יאָר. כ׳האָב אָבער געוואָלט, אַז די פרוי זאָל מיר מיטפילן, וועט זי מיר העלפן אָפזוכן דעם דאָקטער. זי האָט א טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— אַרום דריי אַזייגער וועט ער קומען צום מיטיק. דעמלט וועסטו אים טרעפן.

איז מיר געוואָרן א ביסל גרינגער אויפן האַרצן. איך בין אַרויס אויף דער גאַס כאַפּן א קוק, וואָס טיק טוט. כ׳האָב אַנידערגעלייגט די האַנט אויף זײַן

גריווע און זיך געהאלטן מיט אים אן אייצע, וואָס טוט מען ווייטער. ביז דריי אזייגער האָבן מיר נאָך קימאט גאנצע צוויי שאָ צייט. וואָס זשע וועלן מיר זיך מאטערן דאָ צוויי שאָ? לאָמיר צופאָרן צום זיידן, האז וועלן מיר געווירע ווערן, וואָס ער מאכט. זיין שטיבל שטייט אין א קליין הייפל. וועלן מיר אריינפאָרן, כ'וועל דיך אויסשפאַנען, געבן דיר אין טאָרבע א ביסל האָבער, עס זאָל דיר ניט נאָגן דאָס הארץ, און נאָכ־דעם וועלן מיר זען.

דעם זיידן האָב איך געטראָפן ווי טאָמיד אינעם צימערל, וואָס איז פול מיט קאָלערליי ביכער. אָף די פאָליצעס פון א זייער אלטער, נאָר בעקאָוועדיקער שאפע. פון אויבן — אָף דער שאפע, אָפן צעפאָרענעם טיש, אָף די הינקעדיקע בענקלעך. זיצט ער, דער זיידע, באם טיש און קוקט אריין אין עפעס א סייפער מיטן לינקן אויג. דאָס רעכטע איז בא אים פעסט פארקוועטשט. אדהײַנט ווייס איך ניט, צי ס'איז געווען בלינד, צי ער פלעגט דאָס פארזשמורען, קעדיי עס זאָל אים זיין באקוועמער לייענען מיטן לינקן.

ער איז שוין אלט, דער זיידע. זיין לאנגע גראָווע באָרד איז צוויי מאָל גרעסער פונעם איינגעשרומפענעם פאָנעם, וואָס באשטייט פון הוילע טונקעלע קנייטשן. ער איז געזעסן פארטיפט אינעם סייפער, און עפשער האָט ער פאַשעט געדרעמלט און ער האָט ניט געהערט, ווען איך בין אריינגעגאנגען.

— א גוט־העלף, זיידע! — האָב איך אויסגעשריגן א ביסל העכער, ווי מע דארף. — וואָס זײַנען עפעס די טירן בא אײַך אָפן? מע קאָן נאָך, כאָלילע, אײַך באגאַנווענען.

דער אלטער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, דאָס רעכטע אויג איז בא אים נאָך אלץ געווען פארזשמורעט, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט איין אויג אזוי גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט מיך ערשט נעכטן געזען, און א שטאמל געטאָן מיט עפעס א פארדומפּט־אָפּגעהאקט קאָל פון א מענטשן, וואָס האָט שוין עפשער א וואָך צייט מיט קיינעם ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט.

— א ראכ־מאָ־נעס. א ראכמאָנעס, נעבעך. אָף די גאנאָווים... וואָס... וואָס האָבן זיי בא מיר צו גאנווענען?

שוין אָפּגערעדט, הייסט עס. און ווידער אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צום סייפער. עפשער וויל ער עפעס דערלייענען? עפשער האלט ער בא א פארדרייטער הילכטע, וואָס מע טאָר ניט מאפסיק זײַן? פארבעט איך זיך אליין: „זײַ אזוי גוט און זעץ זיך אוועק אָף א הינקעדיק בענקל און וואָרט צו געדולדיק, ביז דער זאָקן וועט קומען צו־זיך". און כ'האָב טאקע אזוי געטאָן. כ'האָב זיך אנידערגעזעצט מיטן פאָנעם צום אלטיטשקן וואנטזייגער מיט דעם פארגעלטן ציפערבלאט. פאַשעט אָף ציקאָוועס. גע־וואָלט וויסן, וויפל צייט דארף האָבן מײַן זיידע, קעדיי צו אומקערן זיך פון יענער־וועלט.

האָב איך געוואָרט און געוואָרט, און מיטאמאָל האָט מיר פארדראָסן אָפן זיידן, און איך האָב אָף א קאָל אויסגעשריגן:

— כ׳בין געקומען צו פארן נאכן דאקטער! גיטל בראקעט מיט בלוט!

אויסגעשריגן און גלייך כאראטע געהאט. צו וואס האב איך געדארפט אנזאגן דעם ייִדן אזא גוטע בשׂורה? ער פארמאגט אזוי ווייניק לעבן אין זיך, אזוי שלאבעריק־שוואך איז דאס פייערל, וואס טליעט, — אז דאס מינדסטע ווינטעלע קאן דאס פארלעשן.

דער ייִדע האט שווער אופגעהויבן דעם ווייסן קאפ אין דער שווארצער יארמלקע, א קער געטאן צו מיר פאמעלעכן דאס פּאָנעם מיט דער לאנגער בארד און ארויסגעשטאמלט עפּעס. כ׳האב ניט פארשטאנען וואס. עפּעס א געמיש פון אומדייטלעכע ווערטער, און צווישן זיי איינס אזעלכס, וואס האט געמאכט אף מיר א מעשונעדיקן איינדרוק, ווארעם עס האט אנטהאלטן אין זיך אזש פיר סוישטשענדיקע סאמעכן, האט עס דורכגעליאסקעט מאדנע ווילד און דראגעדיק.

דער ייִדישער פּנים זייגער האט זיך ניט קיין ריר געטאן פונעם ארט אפילו אף א האר. עפּעס איבער דעם געדיכטן שטויב, וואס האט באַדעקט דעם זייגערס קײַלעכיק פּאָנעם. אוי, שטויב! אומעטום איז ער געווען. און איבערהויפּט אף די טאוולעך פון די פּילצאליקע ספורים. מיט ליבע צו ציכטיקייט האב איך זיך אנגעשטעקט פון מײַן מאמען. און מיט ליבע צו ביכער — בא רומערן. אליצמאל פלעגט ער ברענגען גיטעלען עפּעס א בוך, פלעגט אים לויבן אין טאג ארײַן. האט שוין גיטל געמוזט אים העפלעכקייט איבערלייענען. און ערשט דעמאלט פלעגט זיך אנהייבן א מעדרע רייקונגען צווישן זיי מיקיינער דעם בוך. איך, ווידער, האב אזוי־כעס געוואלט ווייסן, איבער וואס שפארן זיי זיך אזוי, פלעג איך ארויסלאקבענען בישטיקע דעם בוך און אים איבערלייענען. האבן מיר, ווייסט עס, דא, באם ייִדן, פיל ביכער און א סאך שטויב. טו איך א קלער, אז מיט איין אומטר קאן מען דערגרייכן צוויי צילן: אויסווישן דעם שטויב און איינציקווייז באקענען זיך מיט די ביכער. איך ווייס ארום בוך נאך בוך און פרעג באם ייִדן, ווו איז גיטלס סעקל און איר מוטטע. ווארעם כ׳האב באקומען א שטרענגן באפעל פון דער מומע ברענגען זיי צוזאמען מיטן דאקטער. איצטער מיר דער ייִדע, אז איך זאל אליין א זוך טאן, ווארעם ער ווייסט ניט ווו. ווען מע זאל אים פרעגן ווען עפּעס א סייפער, האלט ער געוווסט וואס צו ענטפערן. סעקלעך און מוטטעס אבער האבן צו אים קיין שייכעס ניט. האב איך געמוזט אליין אפזוכן די זאכן אין א שאפע, וואס שטייט אין אלקערל. ווען כ׳האב אן עפן געטאן דאס טירל פון דער שאפע, האב איך דערפילט א שטארקן ריח פון פארפום און נאפטאלין. ערשט נאך דעם, ווי דער געריך האט זיך אויסגעווערפט, האב איך דערשמעקט גיטעלעס רופּט. אי דאס סעקל, אי די מוטטע האבן אויסגעזען מאדנע קליין און צוויס.

פונקט דרײַ אייגער בין איך ווידער געווען באם דאקטער. איך האב שענדלדיק געווארט, ביז ער האט געוואשן און אויסגעווישט די הענט. און ערשט דערנאך אופגעהויבן אף מיר א פאר מידע אויגן און א קוק געגעבן אף מיר גלײַכגילטיק דורך די גלעזלעך פון די פענסנע.

— פרוואונען ביסטו?

— פון ראַקיטנע.
— און וואָס ווילסטו?
— איך זאָלט פאָרן מיט מיר צו מײַן קראַנק שוועסטערל.
— כ׳קאָן ניט פאָרן.
— די מומע האָט געזאָגט, אַז אָן אײַך זאָל איך זיך ניט דערוועגן אומקערן.
— האָסט אַ שטרענגע מומע? ווער איז זי?
— זעלדע גרויבערג.
— אַ! כ׳קען זי. מ׳האָט איר מאַן דערהאַרגעט?
— יאָ.
— איז וואָס איז מיט איר?
— מיט איר איז גאָרניט. מיט איר טאָכטער.
— איז וואָס איז מיט איר טאָכטער?
— זי איז קראַנק אויף די לונגען.
— איז נאָך וואָס דאַרף איך פאָרן קיין ראַקיטנע? זיי וווינען דאָך דאָ.
— ניין. אצינד זײַנען זיי אין ראַקיטנע.
— וואָסי?
— איר האָט געזאָגט דער מומען, אַז דער בעסטער דאָקטער איז פרישע לופט און אַ קו.
ערשט אצינד איז דער דאָקטער געוואָרן אַ ביסל ווייכער. ער האָט אַפילו אַ שמייכל געטאָן:
— האָט איר שוין צוויי דאָקטוירים. וואָס זשע דאַרפט איר נאָך אַ דריטן?
האָב איך אים שוין געמוזט זאָגן:
— גיטל כראַקעט מיט בלוט.
אצינד וועט ער אַ פרעג טאָן: „ווער איז גיטל?״. ניין, ער פרעגט ניט געדענקט, ווײַזט אויס. עס קען דאָך ניט זײַן, אַז די מומע זאָל ניט געווען זײַן בא אים. אַניט, איז וואָס האָט ער איר געדאַרפט זאָגן, אַז פרישע לופט איז דער בעסטער דאָקטער?
ער זעצט זיך צום טיש און פרעגט:
— זי ליגט?
— יאָ.
ער שנײַדט זיך אָפּ אַ ריפטל ברויט און זאָגט:
— ניין. כ׳קאָן ניט פאָרן, כ׳האָב קיין צײַט ניט.
לאָזט זיך אויס אַ בוידעם! וואָס זשע האָט ער מיר געדרייט דעם קאָפּ און אַזוי געגעבן אויסגעפרעגט?! ס׳איז מיר דערווידער געוואָרן קוקן, ווי זײַנע קינבאַקן באַוועגן זיך, בעשאַס ער קײַט.
— וואָס הייסט איר קענט ניט פאָרן?..
— כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך האָב קיין צײַט ניט.
איך קאָן זיך שוין מער ניט אײַנהאַלטן, און ניט איך זאָג, נאָר איך שרײַ אויס אַזוינס, וואָס כ׳האָב זיך אַליין ניט געריכט:

— קיינמאָל האָט איר ניט קיין צײַט! איבער אײַך האָב איך פאַרלאָרן מײַן מוטער און מײַן ברודערל!

דער דאָקטער כאַפּט אָף מיר אַ קוק איבער די פּענסנע.

— ביסטעך אַן אויספּאַנעם! וואָס באַלעבעטשעסטו?! וואָס פאַר אַ מאַמע און וואָס פאַר אַ ברודערל?!

— מײַן מאַמע! מײַן ברודערל!

לייגט ער אוועק דעם לעפל און זאָגט מיר:

— וואָס זשע דאַרפסטו וויינען, נאַרעלע?.. אָט עס איך אָפּ, פאָרן מיר גלײַך קיין ראַקיטנע.

ניט עמעס. כ׳האָב ניט געוויינט. עפּשער האָט זיך אים אויסגעוויזן איבער די פּענסנע. ערשט דעמלט, ווען די פרוי האָט מיר אָנגעגאָסן אַ טעלער יויך און ליבלעך אַ זאָג געטאָן מיר: „עס קינד מײַנס. ערגער זיך ניט. דער דאָקטער וועט אומבאַדינגט צופאָרן צו אײַך...". ערשט דעמלט האָבן מיר זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. נאָר כ׳האָב סײַווי ניט געוויינט.

ווי נאָר מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט, האָט דער דאָקטער געפרעגט:

— וואָס האָסטו עפּעס געזאָגט וועגן דײַן מאַמען און דײַן ברודערל?

האָב איך גענומען געבוי דערציילן, וואָרעם כ׳האָב אים געוואָלט אײַנרעדן. אפילו וועגן זנאַכאַר איוואַן האָב איך אויך דערציילט. כ׳האָב געוואָלט נויסע־כיין זײַן בא אים. ניט צוליב מיר, נאָר צוליב גיטעלען. האָב איך אים געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט דעמלט געפאָרן מיט מיר, וואָלט ער אָפּגעראַטעוועט מײַן מאַמען און מײַן ברודערל.

— אַיאַ!

עפּשער אַ מינוט פינף האָב איך געוואַרט אָף זײַן ענטפער. דערנאָך האָב איך זיך אויסגעדרייט אָף דער קעלניע און אומגעקוקט זיך. דער דאָקטער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געדרעמלט.

כ׳האָב אַ צי געטאָן די לייצעס אין אַ זײַט. ניק האָט זיך מיסטאָמע, געפּירשט: וואָס ריכטעט מען אים אין אַ ריוח? איז גיי דערצייל אים וועגן מחיה געפילן, וואָס אָמפּערן זיך אין מיר — ראַכמאָנעס און פאַרדראָס אָפן דאָקטער. דאָס פּורל האָט שאַרף אַ טרייסל געטאָן. דער דאָקטער האָט זיך אופגעכאַפּט, אַ הייב געטאָן דערשראָקן דעם קאָפּ, די פּענסנע האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער נאָז און געבליבן הענגען אָפן שנירעלע. ער האָט צעמישט אַ ברום געטאָן:

— תאָו וואָס?..

האָט ער דערשראָקן געפרעגט:

— פאַראָן אין ראַקיטנע באַנדיטן?

האָב איך אים גלײַכגילטיק געענטפערט:

— יאָ, פאַראַן, אַ סאַך.

באַלד אָבער האָט דער דאָקטער ווידער גענומען כראָפּען. האָב איך אָנגעקנעלט די לייצעס און אָנגעמאָסטן אָף זיך גיטלס סעקל.

די בײַטש האָב איך אוועקגעלייגט אין א זײַט — ניק ווייסט גוט זײַן ארבעט און קען זיך באגיין אָן איר. ארײַנגעשטעקט בײדע הענט אין דער מופטע, איז מיר געוואָרן מעכייעדיק ווארעם.

10

מיק האָט אונדז דערשמעקט נאָך פונדערווײַטנס און זיך צעהאַווקעט, אלע זײַנען ארויסגעלאָפן באגעגענען דעם כאַשעוון דאָקטער. די מומע, דער טאַטע, די שכיינים. מע האָט געהאָלפן דעם דאָקטער אראָפּקריכן פונעם פורל און פײַערלעך ארײַנגעפירט אים אין שטוב ארײַן. ער האָט זיך געהאלטן גײַוועדיק און ארומגעקוקט אלץ און אלעמען דורך זײַנע קאלטע גלעזלעך.

די מומע האָט געהאָלפן גיטלען אראָפּלאָזן די טאשמעלעך פון איר העמד, דער דאָקטער האָט דערזען אָף גיטלס לײַב די פלעקן פון די באַנ־קעס און איז געוואָרן מעסוקן אין קאַס. ער איז אָנגעפאלן אָף דער מו־מען:

— וואָס פאר אָן אידיאָט האָט אײַך געהייסן שטעלן באנקעס? עפּשער דער־אָ איוואַן, דער זנאכאר?

די מומע האָט זיך נעבעכדיק פארענטפערט:

— קײנער האָט מיר ניט געהייסן... כ׳האָב אליין... כ׳מיין, אז באנקעס מאכן קײנמאָל ניט קאַליע...

דער דאָקטער האָט זי איבערגעקרימט:

— קײנמאָל ניט! ווען א קראנקער כראקעט מיט בלוט, איז דאָס פאר אים געפערלעך. איר פארשטייט?

די מומע האָט גארנישט ניט געענטפערט. זי האָט זיך גלײַך גענומען ברעכן די פינגער. דער טאטע איז געשטאנען און האָט געשוויגן. גיטעלע איז געלעגן מיטן פּאָנעם אראָפּ און מיטן געפלעקטן רוקן ארויף, געלעגן רויִק, געלאסן, גלײַך ווי ניט זי מיינט מען. דערנאָך האָט זי זיך איבער־געדרייט מיטן פּאָנעם צום דאָקטער, א שמייכל געטאָן צו אים און געזאָגט:

— די מאמע האָט געוואָלט וואָס בעסער, פונוואנען קאָן זי וויסן, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט.

דערזעענדיק א שיין שמייכלענדיק פּאָנעם, איז דער דאָקטער געוואָרן ווייכער, און ער האָט זיך גענומען פארטיפט אויסקלאפּן מיט די האַריקע פינגער גיטעלעס ברוסט.

דער דאָקטער האָט לאנג געוואַשן די הענט אין קיך. די מומע דער־לאַנגט אים א פרישן האנטעך און פרעגט אים אויס בעשאַסמײַסע:

— וואָס זשע איז בא איר, הער דאָקטער? עפּשער וואָלט גלײַכער געווען אָפּפירן זי צוריק אין שטאָט ארײַן, איר זאָלט זי קענען היילן? וואָס וועט זײַן מיט איר, הער דאָקטער?

דער דאָקטער ווישט די הענט, קוקט אָף דער מומען דורך די קאלטע גלעזלעך און שווײַגט. די מומע צעיאָמערט זיך מיטאמאָל:

— וואָס שווײַגט איר, דאָקטער? וו־וואָס זאָגט איר גארנישט? וואָס... וואָס איז מיט איר, דאָקטער?

דער דאָקטער האָט צוגעמאַכט די טיר פון דער קיך און געזאָגט:
— כ'האָב מוירע... סקאַראַטעטשנאַיאַ טשאַכאָטקאַ...

די מומע האָט זיך אַ שאָקל געטאָן. דער פֿאָטער האָט זי שווייַגנדיק אונטערגעהאַלטן.

ניק איז נאָך אַלץ געשטאַנען אייַנגעשפּאַנט, וואָרעם איך דאַרף אָפּפירן דעם דאָקטער אַהיים. דער טאַטע האָט אָוועקגעזעצט די קרעכצנדיקע מומע אויף אַ בענקל, שעמעוודיק אַרייַנגערוקט דעם דאָקטער אין פּידזשאַקקעשענע געלט און אים געפרעגט, עפּשער וואָלט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ הון. דער דאָקטער האָט געשוויגן, האָט דער טאַטע פאַרשטאַנען, אַז ער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט און האָט מיר געלייַך אַ ווונק געטאָן. האָב איך אויך פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף כאַפּן אַ הון. ס'איז שוין געווען שפּעט אָפּדערנאַכט, די הינער זייַנען געשלאָפן אויף דער סידעלע. מיר האָבן געהאַט צוועלף הינער. איינע פון זיי האָט געדאַרפט אַרייַן אין אַ דאָקטערס אַ טעפּל. וועלכע? כ'האָב געהאַט ראַכמאָנעס אויף אַלע. מאַלע־וואָס עס איז געווען שטאָקפינצטער אין הינערשטאַל, האָב איך נאָך פעסט פאַרזשמורעט די אויגן, ווי דער זיידע, און אויסגעשטרעקט מייַן האַנט. און מייַן האַנט איז געווען ווי אַליין דער בלינדער גורל. אָט אַ־די הון, וואָס איך זע זי אַפילו ניט, וועט זייַן דער קאָרבן. זי האָט אופגעהויבן אַ מעסוקענעם גוואַלד, און אירע עלף כאַווערטעס האָבן זי אונטערגעהאַלטן. האָב איך טייקעף געמאַכט די פלייטע פון דער שטאַל, איבערגעבונדן דער הון די פיסלעך און די פליגל און אַנידערגעלייגט אין פורל.

דער דאָקטער איז שוין געזעסן אויף אַ ווייך־אויסגעבעט בערגעלע היי.

— וואָס זאָמסטו זיך? — האָט ער אָנגעהויבן. נאָר דערזען די הון, איז ער שטיל געבליבן.

ערשט אַצינד באַמערק איך גאַליען. עפּעס דרייט זי זיך אַרום דעם פורל. האָב איך גלייַך אָנגעשטויסן און געווענדט זיך צום דאָקטער, ווי די מומע זעלדע:

— הער דאָקטער! כ'האָב צו אייַך אַ גרויסע באַקאָשע...

— דעהייַנע?

— עפּשער וואָלט איר זיך מאַטריען געווען און אַרייַנגעגאַן צו אונדזער שאָכן. ער ווינט אָט אַ־דאָ, באַנאַנד מיט אונדז.

— וואָס איז אים דען?

— די פיס זייַנען בא אים געליימט.

— און מיט וואָס קאָן איך אים העלפן?

— טוט אַ קוק, כ'בעט אייַך. עפּשער וועט איר אים קענען געבן אַן אייצע.

דער דאָקטער האָט שוין גענומען אַראָפּלאָזן די פיס פונעם פורל, און די דערפרייטע גאַליע איז טומלדיק צוגעלאָפן העלפן אים. מיטאַמאָל אָבער האָט ער אָוועקגעזעצט זיך צוריק.

— מע שיסט ערגעץ.. דאָ ניט ווייַט, — האָט דער דאָקטער אַרויסגעשטאַמלט.

איך האָב אויך דערהערט אַ שאָס. נאָר כ׳האָב זיך געמאַכט ניט הויטב־דיק און אויסגערופן מיט אַ מונטער קאָל:

— וואָס! ווער! קיינער שיסט ניט.

די קלוגיטשקע גאַליע האָט מיך גלייך אונטערגעהאַלטן:

— ס׳האָט זיך אײַך אויסגעוויזן.

דער דאָקטער אָבער האָט זיך פאַראַקשנט:

— ניין. כ׳האָב אליין געהערט. לאָמיר פאָרן. ס׳איז שוין שפּעט.

גאַליע אָבער שטייט און בעט:

— קומט אַרײַן, פאַניע. אַף אַ רעגעלע.

איך, ווידער, איל זיך ניט אַרופּקלעטערן אַף די קאָלעס.

האָט ער פאַרשטאַנען, דער דאָקטער, אַז ס׳איז גלײַכער פאַר אים אַרײַנכאַפּן זיך צו וואַסילן אַף אַ ווײַלע, אַניט וועט אים קאָסטן טײַערער.

וואַסיל איז געזעסן אין זײַן וועגעלע. ווען די טיר האָט זיך געעפנט, האָט ער אויסגעדרייט צו אונדז דאָס פּנים. ער האָט זשוואַווע אַ בליק געטאָן אַף אונדז מיט זײַנע קאַרע שמייכלענדיקע אויגן. דעם דאָקטער איז, ווײַזט אויס, געוואָרן אַ ביסל גרינגער אַפן האַרצן, וואָרעם ער האָט זיך געגרייט צו אַ טרעפונג מיט אַ ווילדן קאַליקע, אַ פאַרבוישעבטן. ער האָט זיך באַגריסט מיט וואַסילן און געפרעגט:

— מילכאָמע?

— מילכאָמע, — האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ וואַסיל.

— איר האָט זיך געווענדט צו עמעצן?

— ניין.

גאַליע האָט געפרעגט:

— צו וועמען?

דער דאָקטער האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס?

וואַסיל האָט געענטפערט:

— ניטאָ קיין צײַט.

גאַליע האָט צוגעגעבן:

— און קיין געלט.

דער דאָקטער פרעגט:

— עס טוט אײַך ערגעץ ווײ?

וואַסיל, קוים וואָס ער איז זיך מודה:

— יאָ.

גאַליע גיט צו:

— נאָך וויאַזוי.

זאָגט דער דאָקטער:

— גוט, וואָס סע טוט ווײ...

שלאָגט אים איבער גאַליע:

— נאָך אַ מין גוט! בעסער קאָן שוין ניט זײַן.

זאָגט איר וואַסיל:

— מיש זיך ניט, גאַליע.

וויל גאַליע עפּעס ענטפערן, פאַרלויפט איר דער דאָקטער דעם וועג:

— אַז סע טוט וויי — הייסט עס, אַז סע לעבט. דאָס, וואָס איז טויט, טוט קיינמאָל ניט וויי...

אַט אַזוי ריידן זיי איבערדרייען, ביז דער דאָקטער כאַפּט א קוק אויף זיין זייגערל, הייסט גאַליען אַראָפּציִען פון וואַסילן די הויזן. איך העלף איר, דער דאָקטער קוקט אַרום וואַסילס געליימטע פיס, קוועטשט זיי קונציק ערטערווייז מיט די פינגער. וואַסיל פאַרקרימט זיך פון ווייטעק, ער טוט אָבער אַפילו ניט קיין קרעכץ. דערנאָך, וואַשנדיק און ווישנדיק די הענט, זאָגט דער דאָקטער, אַז ער איז ניט קיין ספּעציאַליסט אויף אַזעלכע קראַנקייטן, ער מיינט אָבער, אַז עס וואָלט קעדיי געווען אַראָפּ־כאַפּן זיך קיין קיִעוו, דאָרטן עפּשער וואָלט מען פון די פיס געמאַכט א ליים.

וואַסיל דאַנקט דעם דאָקטער און זאָגט אים:

— עפּשער וואָלט געווען בעסער, אַז איר זאָלט בא מיר איבערנעכטיקן?

— וואָסי? — פרעגט דער דאָקטער און פּרווּט א שמייכל טאָן. עס באַקומט זיך אָבער ניט בא אים.

וואַסיל ענטפערט אים רויִק:

— גאָרניט. הייַנטיקע צייַטן איז באַנאַכט בעסער זיצן אין דער היים.

דער דאָקטער ענטפערט אים מיט א בלייך שמייכעלע:

— ניין. ס'איז אויסגעשלאָסן. מייַן פרוי קאָן נאָך אַראָפּ פון זינען, וואַרטנדיק אויף מיר... הייַדא, — זאָגט ער מיר, — פאַיעכאַלי.

פאַיעכאַלי — איז פאַיעכאַלי. כ'טו א צי פאַר די לייצעס, און ניק נעמט זיך גלייַך לויפן, ווי געוויינלעך. דעם דאָקטער געפעלט עס אָבער ניט.

— א פויל פערדל האָסטו.

— וואָסי? — פרעג איך באַליידיקט. ניט פאַר זיך, פאַר ניקן.

— סע לויפט פאַמעלעך. גיכער קאָנסטו ניט?

זאָג איך אים:

— איך קאָן. ניק אָבער קאָן נישט.

פרעגט ער מיך:

— ווער איז ניק?

ענטפער איך אים:

— דאָס פערד.

טוט ער א צוק מיט די פּלייצעס:

— וואָס עפּעס ניק?

נאָכדעם גיט ער צו:

— האָסט אים שלעכט אויסגעקלויבן, ניקן. אַט וועל איך דיר באַלד באַווייזן, וויאַזוי מע דאַרף פאָרן!

ער רייסט אַרויס בא מיר די בייַטש און טוט א שמייץ דעם בולאַנעם. ניק שפּרינגט אַזש אונטער. כ'מיין, ניט אַזוי פון ווייטעק, ווי פון פאַר־

דראָס פאַר דער אומגערעכטיקייט. נעם איך צו די בײַטש באַם דאָקטער און זאָג אים:

— גיטע. ניק האָט זיך מעסוקן באַליידיקט.

כ'האָב אים געוואָלט ארײַנזאָגן האַרבער, אַ־דעם גיװעדיקן און פאַכ־דאָנעסדיקן דאָקטער. נאָר כ'האָב דאָס ניט געטאָן צוליב דעם געשפּרעך, וואָס כ'האָב געדאַרפט מיט אים האָבן.

ווי נאָר ניק האָט זיך באַרויִקט, און מיר זײַנען ארויסגעפאָרן פונעם דאָרף, האָב איך געפּרעגט:

— גיטעלע וועט שטאַרבן?

געפרעגט און געבעטן גאָט, אַז ער זאָל מיר ניט ענטפערן. און ער האָט מיר טאַקע ניט געענטפערט. עפּשער איז ער אַנדרעמלט געוואָרן. ערשט דערנאָך האָט ער זיך מיטאַמאָל א כאַפּ געטאָן, ווי פונעם שלאָף. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער בײַטש, האָב איך זי אַליין גע־נומען אין דער האַנט אַרײַן. האָט ער געגומען בורטשען:

— א פּאַסקודנע צײַט! אוי, א פּאַסקודנע... אז מע ווייסט גאָר ניט, אף וואָסער וועלט מע לעבט! נעכטן זײַנען געווען די רויטע, הײַנט — די פּעטליוראָווצעס, מאָרגן — די דעניקינצעס...

כ'מוז דאָך אָבער וויסן. ס'איז זייער וואַזשנע. פרעג איך אים ווי־דעראַמאָל:

— הער דאָקטער, גיטעלע וועט שטאַרבן?

איך פרעג — און בעט גאָט, אַז ער זאָל מיר ניט ענטפערן. און ער ענטפערט ניט. איצטער אָבער דרעמלט ער דאָך באַשטימט ניט.

ערשט אין א צײַט אַרום, ווען לינקס פונעם וועג באַווײַזט זיך דאָס שווארצע וועלדל, טוט ער א זאָג, דער דאָקטער:

— זי איז זייער שיין... אָן אווײַרע, אַז זי זאָל שטאַרבן. מע דאַרף זי ראַטעווען...

פּלוצעם האָט זיך ניק אָפּגעשטעלט. ס'איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי שטיל, גלײַך ווי ניט נאָר גיטעלע, נאָר די גאַנצע וועלט איז אויסגע־שטאָרבן. כ'האָב פאַרטײַעט דעם אָטעם, אײַנגעצויגן די פּלייצעס. אָט וועט זיך באַלד א וואַלגער טאָן אף מיר א שוידערלעכע לאַסט — כ'ווייס אַליין ניט פונוואַנען. פונעם וואַלד? פונעם הימל? נאָר כ'פיל, אַז עס וועט געשען א צאָרע. כ'ווייס אַליין ניט פאַרוואָס. עפּשער דערפאַר, וואָס ניק האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט. אַזוינס טרעפט מיט אים ניט. און עפּשער דערפאַר, וואָס ווען כ'האָב אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ און געכאַפּט א קוק אפן דאָקטער, האָב איך דערזען, אַז זײַן פּאָנעם איז שרעקלעך ווײַס.

שווײַגנדיק בין איך אַראָפּ פון די קאָזלעס. אינמיטן וועג, מיט צע־שפּרייטע הענט און פיס, איז אומבאַוועגלעך געלעגן א מענטש. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז ער שלאָפט, ווען ניט דאָס בלוט, וואָס איז צערונען געווען איבערן פּאָנעם. ס'איז שוין פאַרבאַקן געוואָרן, דאָס צערונענע בלוט, און באַ דער קאַלטער שײַן פון דער לעוואָנע האָט דאָס פּאָנעם אויסגעזען מעשונעדיק, ווי טאַטוירט. כ'האָב ניט געקענט אָפּרײַסן דעם

בליק פון דעם דאָזיקן פּאָנעם. כ׳האָב געזוכט אויף דעם א ווינקעלע אָן בלוט. ארום דער נאָז האָב איך דערזען עפּעס שטארק באקענטע שיטערע קליַיען. זיי האָבן אויסגעזען באַנאַנד מיט די צערונענע בלוט־שפּורן, ווי צוויי רויטע פּערדלעך.

דער דאָקטער האָט שוויַיגנדיק זיך אָנגעבויגן צום קערפּער.

— טויט?

— טויט.

און שוין. וואָס נאָך האָבן מיר געהאַט צו ריידן?

דערנאָך האָבן מיר אופגעהויבן מאקסן און אַנידערגעלייגט אים אין וועגעלע. זיַין רעכטע, שטיַיפע, פאַרשטאַרטע האַנט האָט זיך שווער אראָפּ־געלאָזט אויף דער געבונדענער הון, וואָס האָט זיך צעפּלאַכעט און מע־סוקן צעקוואָקעט זיך.

11

גיטלען האָב איך, נאַטירלעך, ניט דערציילט וועגן רומערס טויט. נאָר ווען ס׳אריבער עטלעכע טעג, האָט מיך גיטל צעמישט א פרעג געטאָן:

— דו ווייסט ניט?.. כ׳מיין, עפּשער האָסטו עפּעס געהערט. מאקס קומט עפּעס ניט...

האָב איך איר געענטפערט געלאסן:

— כ׳ווייס ניט. כ׳וואַרט אויף אים אויך.

גיטל האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אירע שטראַליקע אויגן, וואָס האָבן אַציַנד אויסגעזען נאָך שווארצער איבער דער דורכזיכטיקער בלייכקיַיט פון איר פּאָנעם.

— וואָס עפּעס וואַרטסטו אויף אים?

ענטפער איך איר נאָך געלאסענער:

— כ׳האָב אים געוואָלט פרעגן, וויפל ביכער האָט ער איבערגעלייענט.

גיטל האָט אַלץ געקוקט אויף מיר מיט די שטראַליקע פאַרכידעשטע אויגן.

— וואָס עפּעס פּלוצעם? וואָסי, סע גייט דיר אין לעבן דערוויסן זיך דאָס־אָ?

האָב איך איר געענטפערט:

— גלאַט אזוי.

און וויַיל כ׳האָב גערעדט צו געלאסן, האָט זי זיך, אפּאָנעם, אָנגע־שטויסן, אז ס׳איז ניט אזוי גלאַט. זי האָט א שמייכל געטאָן — א ביסל מאָדנע האָט זי א שמייכל געטאָן, ווארעם די ליפּן האָבן בא איר געצי־טערט מער ווי אלעמאָל, און געזאָגט:

— א שאָד, וואָס דו האָסט זיך ניט אריַינגעכאַפּט צו אים, ווען דו ביסט געפאָרן נאָכן דאָקטער. דאָס הארץ קלעמט מיר עפּעס. ס׳האָט נאָך קיינ־מאָל ניט געטראָפן, אז ער זאָל אזוי לאַנג נישט קומען. עפּעס איז גע־שען...

און ווײַל די אויגן מײַנע זײַנען אראָפּגעלאָזט, באַמערקן זיי אפֿן דיל, לעם דער באַנקע, עטלעכע טראָפּן בלוט. און אין דער באַנקע רויט־לען זיך געדיכטע הײַטלעך. ניט אומזיסט איז זי אַזוי בלייך, מײַן שוועס־טערקינד. יעדן טאָג פֿאַרלירט זי בלוט. דאָס האַרץ רײַסט מיר, קוקנדיק אויף איר. גיטעלע ליגט. אירע אויערן זײַנען אָנגעשפּיצט. אָט־אָט וועלן זיך דערהערן מאַקס׳ טריט. ניין. קיינמאָל ניט. און איך האָב נאָך ניט צוגע־טראַכט ביז אַהער קיין טערעץ, פֿאַרוואָס ער קומט ניט, מאַקס. מיר האָבן אים דעמאָלט אָפּגעפֿירט אַהיים, קיין ליובאַטש, און די מוטער זײַנע האָט געריסן אויף זיך די האָר. און איך שטיי אַצינד לעבן גיטעלעס בעט און קען ניט צוטראַכטן קיין טערעץ...

עס ווערט מיר מעסוקן שווער אפֿן האַרצן. לויף איך אַרויס אין הויף און נעם זיך האַקן האָלץ. דערהער איך פּלוצעם וואַסילס קאָל פֿון יענער זײַט פּלויט:

— סימכע! קום אַהער אויף אַ ווײַלע.

איך האַק אַרײַן די האַק אין קלאָץ און לויף צו וואַסילן. זײַן קאָל געפֿעלט מיר ניט. עפּעס זייער אָן אופֿגערודערטס. און דאָס פּאָנעם זײַנס געפֿעלט מיר אויכעט נישט. זייער אַ פֿאַרדײַגעטס.

— וואָס איז געשען? — פֿרעג איך אים.

— ס׳איז שלעכט, סימכעניו. פּאַרט אַוועק.

בין איך געוואָרן צעמישט:

— וואָס הייסט פּאַרט אַוועק! וואָס פּלוצעם? און ווען? און וווהין? טוט וואַסיל אַ שעפּטשע:

— באַלד! טייקעף פּאָרט אַוועק. זאָל זײַן, קיין ליובאַטש. פּאַרט אַ שטאָט. איר וועט מוזן דאָרטן איבערוואַרטן, ביז אונדזערע וועלן זיך אומקערן.

שטיי איך אַ צעמישטער און ווייס ניט וואָס צו טאָן, וואָס צו זאָגן, וואָס צו טראַכטן. צעדרויבלטע געדאַנקען שטויסן זיך, אַמפּערן זיך, שטיקן זיך אין קאָפּ — און וואָס וועט זײַן מיט גיטעלען? און וואָס וועט זײַן מיט מיקן? מיט ניקן? מיט טיקן? מיט קאַלינען? מיט די עלף הינער? שטיי איך אַזוי. וואַסיל קוקט אויף מיר פֿאַרזאָרגט און שעפּטשעט:

— זוך אָפּ טייקעף דעם טאַטן און זאָג אים דאָס אין מײַן נאָמען.

דאָס פּינפּטע מאָל כאַזערט ער איבער דאָס וואָרט „באַלד״ און „טײַ־קעף״. לויף איך אין פֿעלד צום טאַטן און דערצייל אים.

דער טאַטע האָט מיך אויסגעהערט, געשטאַנען, געווישט דעם שוויס פֿונעם שטערן און געשוויגן. עפּשער פֿינף מינוט איז ער געשטאַנען אומ־באַוועגלעך, ווי אַ פּריטשמעליעטער, און געשוויגן. דערנאָך האָט ער גע־זאָגט:

— כ׳פֿאָר אין ערגעץ ניט. ס׳איז מײַן היים.

אַפּדערנאָכט האָב איך אָפּגעבונדן מיקן. דער הונט האָט גלײַך גענומען שפּרינגען אויף מיר. דער הימל איז געווען טונקל, און די שטערן העל. צווישן זיי — צוויי באַקאַנטע, היימישע, די־אָ, וואָס גאַליע האָט געזאָגט אויף זיי, אַז דאָס זײַנען די נעשאָמעס פֿון מײַן מאַמען און מײַן ברודערל.

כ׳האָב זיך געלאָזט גיין אין סאָד אַרײַן. נאָך וואָס? כ׳האָב דאָך עפּעס געהאַט אין זינען? יאָ. געוויס. נאָר עפּעס אַן איימעדיק פֿײַער האָט מיר איבערגעשלאָגן די געדאַנקען. צווישן די ביימער און איבער זיי האָב איך דערזען אַ העל באַשײַנטע שטאָט, וואָס העגנט אײַנדערלופּטן, אַ צוגע־נאַגלטע צום מײַרעוודיקן הימל־ראַנד מיט גילדענע גויסעסדיקע זונען־שטראַלן. שוואַרצע רײַטער אַף רויטגריוויקע אופגעשטיגענע אַף די הינ־טערשטע פיס פערד. האָב איך זיך גלײַך דערמאָנט, וואָס כ׳האָב געהאַט אין זינען. גוואַרע! אָט איז ער, דער טורניק מײַנער. וועל איך באַלד אַ פּרווו טאָן, וויאַזוי די מוסקולן מײַנע שפּילן. גוט. פעסט. גייענדיק, האָב איך אָפּגעריסן פון אַ ווײַנשלבוים צווי רויטע אוירינגלעך, דערנאָך האָב איך פאַריגלט די פירטקע, ארויסגעשלעפּט די האַק פונעם קלאָץ און שטרענג אָנגעזאָגט מיקן, ער זאָל ניט שלאָפן אין זײַן קאַנורע, נאָר וואַכן באַם טויער. נאָכדעם האָב איך אַ שטופּ געטאָן מיטן פוס די טיר — ביידע הענט זײַנען באַ מיר געווען פאַרנומען, איינע האָט פעסט פאַרקוועטשט די האַק, און אין דער צווייטער האָב איך זאַרגעוודיק געהאַלטן צווי ווײַנשל־אוירינגלעך — אַזוי בין איך איבערגעטראָטן די שוועל. איך האָב אַ טראַכט געטאָן: וואָסיל האָט געקאָנט זיך טויע זײַן. מאַלע־וואָס דער שיקערער באַרימער גאַרדי האָט געקאָנט אָנבאַלעבעטשען. און עפּשער האָט ער ניט געוואָלט ריזיקירן, וואָסיל? ער האָט מעסוקן איבערגעלעבט רומערס טויט און ער האָט, מיסטאָמע, געוואָלט, מיר זאָלן אויסמײַדן יעדער מין סאַקאָנע, וואָרעם וואָס קאָן ער אונדז העלפן מיט זײַנע גע־ליימטע פיס?

צוערשט בין איך אַרײַנגעגאַנגען אין קיך און אומבאַמערקט אוועקגע־שטעלט די האַק אין אַ טונקל ווינקל, וואָרעם ווען די מומע זעלדע וואָלט מיך דערזען מיט דער האַק אין דער האַנט, וואָלט זי גלײַך אָנגעהויבן כאַלעשן. דערנאָך בין איך אַרײַנגעגאַנגען אין אַלקער און אופגעהאַנגען אַף גיטעלעס אויערן די צווי ווײַנשל־אוירינגלעך. און קימאַט באַלד האָט זיך דערהערט מיקס האַוקערײַ און אַ הילכיק קלאַפּערײַ אינעם טויער. גיטעלע איז געוואָרן בלייך.

ניין. גיטעלע איז ניט געוואָרן בלייך. גיטעלע איז געווען בלייך. ס׳האָט זיך מיר עפּשער אַזוי אויסגעוויזן די ערשטע רעגע. אין דער צווייטער רעגע האָט זיך, פאַרקערט, איר פּאָנעם צערויטלט, און ווען די איבערגעשראָקענע מומע, און נאָך איר — דער טאַטע זײַנען אַרײַנ־געלאָפן אין אַלקער, זײַנען זיי געוואָרן געפּלעפּט: דאָס מיידל איז גע־שטאַנען קעגן שפּיגל, געפאַרבט די פאַרטריקנטע ליפּן, געפּודערט דעם שווייסיקן שטערן און די נאָז, זי האָט צעקעמט אירע לאָקן און צעלאָזט זיי איבער די פּלייצעס. ס׳האָט זיך דערהערט אַ געפּערלעכער טראַסק — דער טויער האָט געפּלאַצט. מיק איז שוין הייזעריק געוואָרן פון בילערײַ. דערנאָך האָט דורכגעשאַלט אַ שאָס, די האַוקערײַ האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעריסן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן דערשאָסן מיקן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ טופּערײַ איבערן הויף. די מומע איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרגליווערט־געפּלעפּט, מיט ברייט צעעפנטע אויגן, דער טאַטע האָט אָנגעשטרענגט געשוויגן. איך בין אַרײַן אין קיך. געכאַפּט די האַק און

געשטעלט זיך לעבן דער שוועל. גיטעלע אָבער האָט מיך מיט קויעך אָפּגעשטופּט, געעפנט די טיר, איבערגעטראָטן איבער דער שוועל, ארויס אין הויף און געלאָזט זיך גיין גלייך אָף די צעיושעטע שיקערע קוילערס. און ווען זיי האָבן פּלוצעם דערזען קעגן זיך א ווײַסע זעונג מיט צעלאָזטע שווארצע האָר, זײַנען זיי מיטאמאָל געבליבן שטיין. א שווארצע וואנט קעגן א ווייס געשפּענסט. א ווײַלע, ניט מערער, האָט געדויערט די פאר־גליווערטע שטיל־שווײַגעניש. און ווען גאָרדי האָט זיך שווער אָפּגעטיילט פון דער וואנט, אנטשלאָסן א שפּאַן געטאָן צו דער ווײַסער זעונג און רעציכעדיק א כאַפּ געטאָן גיטעלען פארביידע הענט, און מיר אלע דריי האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו אים, איך — מיט דער האַק, די מומע — מיט א שרעקלעכן קוויטש, און דער פאָטער, שווײַגנדיק, מיט זײַנע שווע־רע פויסטן, האָב איך פלוצעם פארשטאנען, אז מע וועט אונדז הארגענען. נאָר גאָרדי האָט סײַוויסײַ פארשפּילט, די שווארצע וואנט האָט זיך גע־שפּאָלטן, און אין דער שפּאַרונג האָט זיך באוויזן גאַליע. זי האָט האַס־טיק אונטערגעשטופּט דאָס וועגעלע. וואסיל רײַסט זיך פון דעם און שרײַט, טרייסלענדיק מיט די פויסטן, מיטן גאנצן וועזן זײַנעם:

— גאָרדי! גאָר־די! האָב גאָט אין הארצן! איין מאמע האָט אונדז גע־בוירן!

גיטעלע האָט זיך פלוצעם צעהוסט. א שטרעמעלע בלוט האָט זיך א גאָס געטאָן דורך איר האלדז און פארפלעקט דאָס ווײַסע קלייד. עטלעכע טראָפּן בלוט האָבן א שפּריץ געטאָן אָף גאָרדיס פּאָנעם. ער האָט אָפּגע־לאָזט אירע הענט און פארקערעוועט צו דער פירטקע. דאָס געזעמל איז אים נאָכגעגאנגען, און אינעם הויף איז ווידער געוואָרן געראַם, שטיל. מיר האָבן ארײַנגעפירט גיטעלען אין שטוב און באלייגט זי אין בעט. איך בין טייקעף ווידער ארויסגעלאָפן, געשווינד אײַנגעשפּאנט ניקן און צע־פּראַלט דעם טויער. אין אײַלעניש האָב איך זיך פאר עפּעס פארטשעפּעט. כ'האָב זיך אומגעקוקט — מיק. כ'האָב זיך אָנגעבויגן, א גלעט געטאָן זײַן שווארצן קאָפּ, ניט געקאָנט מער אויסהאלטן און צערעוועט זיך, ווי א קינד. דערנאָך בין איך ארוף אָפן פורל, א צי געטאָן די לייצעס און שטארק געבעטן ניקן, ער זאָל לויפן וואָס גיכער, וואָרעם מע דאַרף ראַ־טעווען גיטעלען.

ווען איך בין געקומען צו פאָרן מיטן דאָקטער, איז גיטעלע שוין גע־ווען טויט. זי איז געלעגן אין בעט, ווי א לעבעדיקע. דאַפּקע די בלוטיקע פלעקן אָפן ווײַסן קלייד האָבן געמאכט זי לעבעדיק. די ליפּן אירע זײַנען געווען נאָך רויטלעך פון דער פארב, און די רויטע ווײַנשל־אוירינגלעך האָבן באלעבט איר זייער ווײַס געזיכט. די מומע זעלדע טרײַבט פּונעם בעט דאָס קעצל, וואָס האָט זיך פארטײַעט צופוסנס און געקוקט אָף אונדז פון ווינקעלע מיט גרינע אויגן. זי טרײַבט עס און הערט ניט אוף שטיקן זיך מיט די טרערן. אלעמאָל שלעפּט זי ארויס דאָס נאסע טיכעלע, וואָס איז ארײַנגעשטעקט אונטערן ארבל פון איר קאָפטל, און דריקט דאָס צו די אויגן. דער טאטע שטייט און שווײַגט. איך קוק שטאַר אָף דעם ראָזעווע מופּטעלע, וואָס וואלגערט זיך אָפן דיל, קוק שטארק אָנגע־שטרענגט און דערמאָן זיך פלוצעם דאָס וואָרט, וואָס דער זיידע האָט

אויסגערעדט מיט א פארזשמורעט אויג, א מעשונעדיק וואָרט מיט פיר סווישטשענדיקע סאַמעכן... מיס־בוי־סע־סעס... וואָערע אויסאָך מיסבוי־סעסעס בעדאָמאָך... דער זיידע פלעגט נאָך צוגעבן: וואָוימאר לאָך בע־דאָמייִך כייִ, וואָוימאר לאָך בעדאָמייִך כייִ...[1] צוויי מאָל פלעגט ער דאָס איבערכאַזערן. ווי עפּעס א רעפרען פון א ליד. ניט שטארב, גיי־טעלע, נאָר לעב מיט דייַן בלוט...

דער דאָקטער איז געשטאַנען און פארכידעשט געקוקט אף מיר דורך די פענסנע, געכידעשט זיך, וואָס איך רעד מיט זיך אַליין און סווישטשע צו דערבייַ. ער האָט, אפּאָנעם, איבערגעטראַכט, אז איך קאָן נאָך אראָפּ פון זינען, וועט ניט זייַן, ווער סע זאָל אים אָפּפירן אהיים.

[1] און ב׳האָב דערזען, ווי דו וואלגערסט זיך אין דייַן בלוט... האָב איך דיר געזאָגט: מיט דייַן בלוט זאָלסטו לעבן... (העבר.).

נױקע, מײַן דרײַסטער, מײַן אָרעמער ברודער



דער נ״סתר

מישמאש. יאָרן, מענטשן, געדאַנקען, געשעענישן.

יאָרן. צוויי לעבנס. און צווישן זיי — פופציק אויסגעמאַטערטע יאָר.

מענטשן. דעריקער, מענטשן. יאָרן זײַנען קאַלט. זיי שווימען אָן אופהער. גלײַכגילטיקע, שאָטנס פון אייביקײַט. ווי כמאַרעס אפן הימל, שווימען זיי אין איין ריכטונג, אין איין ריכטונג, אומבעראַכמאָנעסדיק אין איין און דער זעלבער ריכטונג, קיינמאָל ניט אָף צוריק.

מענטשן — ניין. מענטשן זײַנען וואַרעם. זיי זײַנען צאַפּלדיק וואַרעם. די סאַמע קלענסטע — אויך. וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב אַ האַרץ. און איך האָב אַ מויעך. און זיי לעבן דאָרט, די קליינע מענטשעלעך. פופציק יאָר לעבן זיי דאָרט און ווילן ניט שטאַרבן. איך וויל אויך ניט, אַז זיי זאָלן שטאַרבן. אויב יאָ, איז עפּשער נאָר אינאיינעם מיט מיר. ווען ס'וועט אָפּשטאַרבן מײַן נעשאָמע און פאַרטריקנט ווערן מײַן מויעך. קליינע מענטשעלעך, לעכערלעכע: קונצנדאָרף מיט די שווערע בלײַענע פיס, פראָ֑ים פלוי מיט איין האַנט און מיט אַ פּאָנעם פון גאָלע קנייטשן, דאָדיע טאָטער, אַ פאַרשײַטער ווײַסערכעווריעניק, אַ פאַרברוינטער אי זומער, אי ווינטער, דאָקטער פײַנבערג מיט די העלע און געדיכטע וואָנצעס, אין וועלכע ס'איז באַקוועם פאַרבאַהאַלטן אַ שמייכעלע, וועלוול מירלאַס, אַ גוואַר מיט ברייטע פּלייצעס... נו איז וואָס? נו איז וואָס, אַז לעכערלעכע?.. אַזאַ איז דאָס לעבן. אָדער מ'לאַכט, אָדער מ'וויינט. ס'איז דאָך לעבעדיקע מענטשן. זײַט מויכל, געוועזענע לעבעדיקע. ניטאָ. קיינער פון זיי ניטאָ מער. זיי זײַנען פאַרבליבן נאָר אין מײַן האַרצן, וואַרעמע, צאַפּלדיקע, זיי שרײַען פון אומבאַוווּסטע טיפענישן. מיט וואָס קאָן איך זיי העלפן? עפּשער אַ מאַצייווע אוועקשטעלן?.. אַ קלייניקע מאַצייווע פאַר קלייניקע מענטשעלעך פון אַ קלייניק שטעטעלע? ס'האָט זיך פלוצעם אָפּגעריסן דער פאָדעם. פאַרפאַלן. ניטאָ. גאָרנישט ניטאָ. די מאַצייווע האָט אַ געשטאַלט פון אַ גרויסן ניין. אַ לעכערלעך געשטאַלט. און אַ שרעקלעכס. ווי פראָ֑ים פלוי, וואָס האָט געהאַט צוויי פיס, איין האַנט און אַ פּאָנעם פון גאָלע קנייטשן... יִזקאָר אדויני!

1

דאָס שטעטל איז געשלאָפן. ס'האָט גאָרניט כוישעד געווען, אַז אַליין דער גרויסער קונצענדאָרף, דער וועלט־טשעמפּיאָן, דער שימשן האַגיבער פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, קלײַבט זיך עס באַזוכן, און ווען

דאָס שטעטל האָט אינדערפרי אופגעוואכט, איז עס מאמעש געווען צעריר־דערט. א העלע שרײַענדיקע אפישע איז געהאנגען אף דער געבײַדע פונעם קלוב, וואס האָט צײַטנווײַז געהייסן אויך טעאטער: „בלויז איין פאָרשטעלונג! אײַלט זיך, אויב איר ווילט ניט פארשפעטיקן! קונצענ־דאָרף — קלימענקאָ! פראנצויזישער רינגען־קאמף".

ווײַטער איז שוין אין א מער רויקן טאָן געווען געמאָלדן די פּראָ־גראם פון דער פאָרשטעלונג. מ'האָט זי געקאָנט לייענען אָן א באזונדע־רער הארצקלאפעניש. אָבער דאָס איז בלויז געווען א כיטרער קונץ פון דעם וועלט־טשעמפּיאָן קונצענדאָרף. ווײַל באלד נאָך דעם האָט די אפישע מיט רויטע, גוואלדיק גרויסע אויסיעס מעוואסער געווען: דער וועלט־טשעמפּיאָן קונצענדאָרף, „סאמסאָן" פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט, וועט אופעסן א לעבעדיקן מענטשן!

אזוי גאָרן דער אוילעם האָט געלאכט. מ'האָט געהאלטן אין איין לאכן. א יימאכשמויניק, אָט א־דער קונצענדאָרף! נארט די וועלט, און שוין!

אלע האָבן געלאכט, אָבער נויקע, מײַן עלטערער ברודער, האָט זיך געבייזערט:

— א שאר־לא־טאָן! ער מיינט, דער דאָזיקער שווינדלער, אז אויב ס'איז א שטעטל, איז וווינען דאָ גאָלע יאָלדן.

אזריל האָט אים גוטמוטיק דערווידערט:

— ווילסט ניט, גלייב ניט. וואס מעשאיעט עס דיר? אפדעראָך איז ער א קונצנמאכער!..

אזריל האָט געהאט צוויי צונעמען: אזריל דער פעמפּיק און אזריל דער נעפמאן. ער איז געשטאנען באנאנד מיט נויקען, געפּירט מיט זײַנע קורצע גראָביטשקע פינגער איבער די רויטע שורעס, פּאמעלעכן, אף א קאָל, איבערגעלייענט זיי פון דער ערשטער ביז דער לעצטער, א גלעט געטאָן זײַן בײַכעלע און, שמייכלענדיק, געזאָגט:

— נארן קען איך אליין. אָבער פון דער אנדערער זײַט, וואס ארט מיך?.. יעדערער פארדינט זײַן שטיקל ברויט, אזוי ווי ער קאָן. איז פּריי־טשאָם טוט שארלאטאן?

מיר איז אויך ניט געפעלן נויקעס גאדלאָנעס. אזא מאניר האָט ער שוין געהאט, נויקע: זיך געהאלטן גרויס. ער, הייסט עס, איז ערנסט און קלוג, שטייט הויך אף א בארג, און אונטן, ערגעץ גאָר נידעריק, איז דאָס קליינשטעטלדיקע געמויזעכץ. פלעגט ער אמאָל זיך יאָ אראָפּלאָזן פונעם בארג און שענקען מיר א פּאָר ווערטער, האָט זיך אים, ווײַזט אויס, געדאכט, אז ער האָט מיר געטאָן די גרעסטע טויווע. ער איז, עמעס, געווען עלטער פון מיר אף גאנצע פינף יאָר, נאָר ער איז נאָך ניט אלט געווען אפילע אלע נײַנצן. איך בין געווען שטאָלץ מיט אים, דאָס איז עמעס. ער האָט שוין באוויזן זײַן אפן פּראָנט, און ניט ווײַט פון לוואָו האָט אים א פּוילישע קויל דורכגעשאָסן א לונג. איך פלעג זיך אײַנהערן צו זײַנע זעלטענע ווערטער און צו זײַן אָפּטן הוסטן, ווי צו די ווערטער און הוסטן פון א דערוואקסענעם און דערפארענעם מענטשן. ער אָבער האָט מיך געהאלטן א סאך קלענער פון זיך, נאָך קלענער, ווי

איך בין אינדערעמעסן געװען. און נאָר קעדײ צו באַװײַזן אים, אַז כ'קען האָבן מײַן אײגענע מײנונג, האָב איך זיך אַ דרײ געטאָן אויף אײן פֿוס און אַ זאָג געטאָן, אָבער אַזוי, אַז אַלע, אי ער, אי אַזריל פּעמפּיק, אי די איבעריקע נײַגעריקע כּװורעלײַט, װעלכע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט בײַ דער אַפּישע, זאָלן הערן:

— און עפּשער טאַקע איז ער נישט קײן שאַרלאַטאַן... עפּשער איז ער אַן אַרטיסט. פּונװאַנען װײסטו?

נויקע האָט אַפֿילו ניט אַ קוק געגעבן אין מײַן זײַט. דאָס האָט מיך אינגאַנצן אַרױסגעפֿירט פֿון גלײַכגעװיכט, און דרײענדיק זיך נאָך אַלץ אויף אײן פֿוס, בין איך פּלוצעם אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד. אַלע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט. נו, און איך?.. איך האָב זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהױבן און מיט פֿאַרניכטנדיקער איראָניע — אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט — צוגעגעבן:

— מיר װעלן שױן זען, װער װעט דער ערשטער פֿאַרנעמען די רײ... יאָ, דער ערשטער... צו דער בילעטן־קאַסע... צוליב דעם... צוליב דעם שאַרלאַטאַן...

כ'האָב טאַקע קײן טאָעס ניט געהאַט. ס'איז געװען אַ גרױסע רײ. אַ לאַנגע און בײגעװדיקע, װי אַ שלאַנג. און אײנס פֿון די ערשטע ערטער האָט טאַקע פֿאַרנומען נויקע, ביכװױדו אוװעצמו. אָט האָסטו דיר! עמעס, אױסגעזען האָט ער גלײַכגילטיק, אַפֿילו אַ ביסל אומעטיק. כ'האָב אומיסטן הױך באַגריסט זיך מיט דאַדיע דעם טאָטער, װעלכער האָט, פֿאַרשטײט זיך, ניט געקאָנט ניט זײַן דאָרט, װוּ עס נעמט זיך צונויף אַ כאַליאַסטרע. און װען נויקע האָט זיך אומגעקוקט, האָב איך באַמערקט, אַז זײַנע גרױסע שװאַרצע אויגן קוקן עפּעס טרויעריקלעך. כ'האָב געהאַט בעדײַע אַ זאָג טאָן: „אַהאַ! כ'האָב טאַקע געטראָפֿן!". נאָר איך האָב דאָס פֿאַרשלונגען, װײַל די גרױסע שװאַרצע אויגן פֿון מײַן ברודער נויקע זײַנען געװען פֿול מיט אומעט. האָב איך אים געדאַרפֿט פֿרעגן — פֿאַרװאָס?.. כאַלילע! אויב אַזוי, קענט איר, הײסט עס, ניט נויקען. ער האָט פֿײַנט, װען מ'באַדױערט אים. און איך האָב פֿײַנט, װאָס ער האָט פֿײַנט, װען מע באַדױערט אים. אַ טעװע פֿון אַ גאַדלען. זאָל איך אים טאַקע זאָגן: „אַהאַ! כ'האָב געטראָפֿן. װער איז געקומען פֿריִער פֿון אַלעמען?.."

נו איז װאָס װעט זײַן?

נויקע װעט אַפֿילו ניט אַ קנײטש טאָן מיט די אַקסל. ער שטײט אין דער רײ, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, ניט צוליב זיך. אים, נויקען, אינטערעסירט ניט לאַכלוטן דער דאָזיקער שאַכרײַ. נאָר זיסעלע...

אָט. גרינג געפֿונען אַ טערעץ. אַלע פֿאַרענטפֿערן זיך אַזוי. אַזריל פּעמפּיק האָט אויך פֿאַרזיכערט, אַז ער נעמט אַ בילעט פֿאַר זײַן קאַדעש. װעלװל מירלאַס — פֿאַר זײַן אַלטיטשקער מוטער. נו, און פּעניאַמאָר פּלױ? צוליב װעמען לאַנגװײַליקט ער זיך אין דער רײ? ער לעבט דאָך אײנער אַלײן. האָט ניט קײנעם. צוליב װעמען?.. אײַלט זיך ניט. אָט װעט ער אַ קרים טאָן זײַן בלײך אױסגעשיקערט פּאָנעם, — ניט קײן פּאָנעם, נאָר אַ מאַסקע, מ'קאָן שװערן, אַז ער װיל אַ שמײכל טאָן, נאָר ס'באַקומט זיך ניט, דער שמײכל זינקט צװישן די קנײטשן, — און װעט אַ װוּנק טאָן מיטן

לינקן אויג, ווי איינער זאָגט: אַזוי, הייסט עס, דאַרף זײַן. איר וועט נאָך זען, וואָס ס'וועט אַרויסקומען און אַף וואָס איך בין פֿײַזק...

כ'הייב גאָר ניט אָן צו פֿאַרשטיין, צוליב וואָס איז אַט אַ־דער טאַטער געשטאַנען אין דער רייז בײַ אים, ווי בײַ מיר, איז קיין גראָשן ניט גע־ווען אין קעשענע. אין דעם בין איך געווען זיכער.

יאָ, דאָס איז טאַקע געווען אונדזער צאָרע, מײַן צאָרע אויך. און אָפּ־דערנאָכט האָב איך זיך געמוטשט דערנידעריקן פֿאַר נויקען און בעטן זיך בײַ אים אַזוי לאַנג, ביז טרערן האָבן זיך ניט באַוויזן אין מײַנע אויגן, אַז ער זאָל אומבאַמערקט מיר איבערגעבן דעם צווייטן, זיסעלעס, בילעט. ערשט נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגע וויקוכים צווישן אונדז און מאַניע ליפשיץ, וואָס האָט קאָנטראָלירט בײַם אַרײַנגאַנג די בילעטן. ער האָט געטײַנעט, אַז מײַן בילעט איז שוין אָנגעריסן. הייסט עס, עמעצער איז שוין דורכגעגאַנגען אַף דעם בילעט. און מיר, פֿאַרשטייט זיך, האָבן געלייקנט שטיין אוןביין. מיר זײַנען געשטאַנען ביידע, איך און נויקע, פֿאַרלאָרענע, פֿאַרשעמטע. און פּונקט דאַן האָבן זיך באַוויזן אַף דער שוועל אזריל מיט זײַן ווײַב. ביידע זײַנען זיי געווען נישקאָשעדיק פּולב־לעך, פֿאַרנומען מיט זייערע קערפּערס דעם גאַנצן אַרײַנגאַנג. האָט נויקע מיטאַמאָל מיך אַ שטופּ געטאָן איבער דער שוועל, הינטער זייערע פּליי־צעס, אַזוי אַז דער פּליכעוואַטער מאַניע זאָל מיך ניט באַמערקן. איך בין גרייט געווען אַרומנעמען און צעקושן נויקען, אזריל דעם פּעמפּיק, זײַן פֿרוי און די גאַנצע וועלט, אַזוי גליקלעך האָב איך זיך געפֿילט, ווען כ'בין ענדלעך אַרײַן אין די קאָדשיי־קאָדאָשים.

וואָס איז שײַעך מאַניע ליפשיצן, בין איך אים געוואָרן אַ דאָם־סוי־נע. הערט נאָר אַ ביסל! אַמאָל האָט ער זיך געכאַוועט מיט נויקען. איצ־טער פֿאַרײַסט ער די נאָז. רופֿט זיך אַליין אָן ניט מער און ניט ווייני־קער, ווי „סטאַרשי קאָנטראָליאָר", כאָטש אַלע ווייסן גאַנץ גוט, אַז די דאָזיקע הויכע שטעלע ברענגט אים ניט קיין קאָפּעקע האכנאָסע. וואָלט ער פּאַשעט געזאָגט, אַט אַ־דער איינער, אַז ער איז אַ קאָנטראָליאָר — אַ ליבהאָבער, איז ניין. „סטאַרשי" — דער עלטסטער, ניט אַנדערש. וואָס דען!

כ'האָב פֿאַרטײַעט דעם אָטעם, פֿאַרבאָרגן אין זיך די פֿרייד און דאָס גליק, גליק אָן אַ שיר און אָן אַן עק. דערווײַל, ביז די געפֿאַר וועט ניט אַדורך. כ'האָב נאָך אַלץ מוירע געהאַט פֿאַר מאַניעס שאַרפֿן בליק. ער קאָן מיך נאָך דערזען צווישן אוילעם. עמעס טאַקע, אַ געדיכטן אוילעם. כ'האָב זיך לאַנגזאַם דורכגעשטופּט צווישן די ענג צונויפֿגעשטעלטע בענק. פֿאַר מײַנע אויגן איז געווען נויקעס רוקן. ער איז געווען ווי אַ פּאַנצער. דאָך האָב איך וואָס טיפֿער אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס. נאָר זיסל, די גוטע זיסעלע, וועלכע האָט אָנטיילגענומען אין אונדזער פֿאַרשווערונג קעגן מאַניע ליפשיצן, האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ ליב שמייכעלע אַפֿן ברוינעם פּענעמל, און איך האָב זיך טייקעף באַרויִקט. זי האָט פֿאַרנומען צוויי פּלעצער פֿאַר אונדז, אוועקלייגנדיק אַף דער באַנק, לינקס פֿון זיך, איר האַנט־טאַש און רעכטס, בײַ דער וואַנט, אַ קליין ווײַס נאָזטיכעלע.

נויקע האָט אַראָפּגענומען דעם טאַש, אַנידערגעזעצט זיך און אַוועקגעלייגט אים אַף די קני. איך האָב אַראָפּגענומען דאָס נאָזטיכעלע. ס'האָט געשמעקט מיט פּאַרפֿום און מיט זיסעלען. כ'האָב פֿאַרהאַלטן דאָס נאָזטיכעלע אין מײַנע הענט, און ניט איך, נאָר די הענט, מײַנע הענט אַליין, האָבן עס געהויבן אַלץ העכער און העכער צו מײַנע ליפּן. נויקע האָט עס אַ ריס געטאָן פֿון מײַנע הענט, פֿאַרבאַהאַלטן אין טאַש, גענומען, מײַסע באַלעבאָס, זיסעלעס האַנט אין זײַנער און אָנגעהויבן עפּעס דערציילן זייער שטיל.

איך האָב זיך באַשיידן אויסגעדרייט צו דער וואַנט. נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפֿן. ווײַל די וואַנט האָט געהאַט אויגן. און אַ צונג איז געווען בײַ דער וואַנט, אַ לאָשן, אַ שאָטן־לאָשן. און זי האָט מיר אַלץ דערציילט, די וואַנט. ווען צווישן נויקען און זיסלען האָט געהערשט ליבע און שאָלעם, פֿלעגט זיסלס שאָטן אַרײַנזינקען אין נויקעס און ווערן זײַנע אַ ריפּ. נאָר אַז די שאָטנס פֿלעגן זיך פֿאַנאַנדערוואַרפֿן און נעמען שפּרינגען, ווי דולע, איבער דער וואַנט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז בײַ זיי איז ניט אַלץ גלאַט. דאַן פֿלעגט די שטילקייַט געבראָכן ווערן דורך דעם קרענקלעכן הוסטן פֿון מײַן ברודער, און מײַן האַרץ האָט געוויייטעקט פֿון ראַכמאָנעס אַף אים. איך בין געווען גרייט בײַטן זיך מיט אים מיט מײַנע לונגען. צוליב אים, און צוליב זיסעלען אויך. ווײַל אַ גוטע ליבע פֿאָדערט געזונטע לונגען. אין דעם האָב איך זיך שפּעטער איבערצײַגט.

דער וועלט־טשעמפּיאָן קונצענדאָרף האָט טאַקע אויסגענוצט די לאַגע און באַפֿוילן פֿאַרקויפֿן צוויי מאָל מער בילעטן, ווי ס'איז געווען ערטער אין זאַל. אויב נאָך צוגעבן דאָס שיין ביסל „זײַצעס“, וואָס האָבן, ווי איך, אַף דעם אָדער יענעם אויפֿן דורכגעשמוגלט זיך אין טעאַטער, וועט זײַן גרינג זיך פֿאָרצושטעלן די ענגשאַפֿט און דאָס שטופּעניש, וואָס האָט געהערשט אינעם זאַל. ס'האָט ניט געהאָלפֿן דאָס, וואָס מאָניע איז נעבעך געוואָרן הייזעריק, שרײַענדיק, מע זאָל זיך אויסזעצן. קיינער האָט אים ניט געהערט. דאָס קליינוואַרג האָט זיך גאָר געפֿילט אויסגעצייכנט. אין אַזאַ מין שטופּעניש זײַנען די שנעקעס פֿאַר מאָניען געווען אומדערגרייכבאַר, האָבן זיי געגוואַלדעוועט נאָך העכער ווי שטענדיק. דעריקער האָט זיך געסטאַרעט דאָדיע דער טאָטער. ער האָט טאַקע זיך אויך דורכגעשמוגלט אין טעאַטער. ער איז געזעסן הינטער מיר און געהאַלטן זיך אין איין באַרימען. דערציילט אַ גאַנצע געשיכטע וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט אָפּגעטראָטן זײַן ריי דעם דאָקטער פֿײַנבערג, און יענער האָט אים, דאָדיען, גאַנץ פֿרײַ דורכגעפֿירט אין זאַל, אַזוי אַז מאָניע ליפּשיץ האָט ניט געוואַגט אַפֿילע אַ פּיפּס צו טאָן, ווײַל צום דאָקטער פֿײַנבערג האָבן אַלע געהאַט אָפּשײַ. קיינער איז דאָך ניט גאַראַנטירט פֿון קראַנק ווערן. מאָניע אַליין, ווען ער איז געווען קראַנק אַף אינפֿלוענציע, האָט זיך אַמאָל אויך געהיילט באַם דאָקטער פֿײַנבערג.

אין דרויסן איז געווען ווינטער. אַ קאַלטער ווינטער, אַ פּראָסטיקער. און יעדער איינער האָט אַרײַנגעבראַכט אין די פֿאַלדן פֿון זײַן מאַנטל שטיקלעך פֿאַרגליווערטע קעלט. אָבער דאָ, אין זאַל, אין דער געדיכטער היץ, האָט זיך די קעלט גיך אויסגעוועפּט, און די צושוויער האָבן זיך

געגומען אויסטאָן די מאַנטלען, די רעקלעך, אַנידערגעלייגט די היטלען אויף די קני, און דערפון האָט די ענגשאַפט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט. איך בין געזעסן א גליקלעכער, א פריילעך־אויפגערעגטער, מײַנע אויגן זײַנען געלאָפן איבער די קעפ פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין אויסטאָן, — אָט צו דעם אראָפּגעלאָזטן פאָרהאַנג, אָט צו דער שאָטן־שפּיל אויף דער וואַנט. איצט האָט זיך דער קאָפּ פון איין שאָטן אָנ־געבויגן צאַרט צו דעם צווייטן, און איך בין געווען צופרידן פאַר נויקען און פאַר זיסעלען אויך.

שטראַלן פון גרויען ליכט האָבן זיך קוים דורכגעשלאָגן אין דער אַלץ מער געדיכט ווערנדיקער לופט. „דער אָנהייב פון דער פאָרשטעלונג וועט זײַן פּונקט אכט אזייגער" — אזוי האָט צוגעזאָגט די אַפישע. נאָר ס'איז שוין באַלד געווען נײַן, און דער פאָרהאַנג איז נאָך אַלץ געווען אראָפּגע־לאָזט. דער וועלט־טשעמפּיאָן, דער „סאַמסאָן" פונעם צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט קונצענדאָרף האָט אויסגעפּרוּווט די נערוון פון די צו־שויער.

דאַן איז אויסגעבראָכן אין זאַל א גרויסער וואַיצאַקו. דעם סיגנאַל האָט געגעבן — ווער? נו, פאַרשטייט זיך, דאָדיע דער טאָטער. ער איז געווען קוים אויף א יאָר עלטער פון מיר, אָבער אזעס האָט ער געהאַט מער ווי אַפילע פּענימאָר פלוי. אויב ס'איז דיר יאָ געלונגען אַרײַן אין טעאַטער, ווי א „האָז", טאָ זיץ שוין שטיל, ווי א האָז. אשטייגער, ווי איך. איז ניין, האָט דער טאָטער אַרײַנגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און א סווישטשע געטאָן אזוי הילכיק, אז די שאָטנס אויף דער וואַנט האָבן א ציטער געטאָן פון אומגעריכטקייט, און איינער פון זיי האָט זיך אזש פאַרכלינעט פון א לאַנגן ווייטעקדיקן הוסטן. ווינטערצײַט פלעגט נויקע ווייניקער הוסטן, נאָר דאָ, אין דער דושנער שטיקעניש, ווו ס'האָט ניט געקלעקט קיין פרישע לופט אַפילע פאַר געזונטע לונגען, איז דער הוסט אים אָפט באַ־פאַלן, און זיסעלע האָט אַלץ אָפטער אָפּגעקערעוועט איר פּײַן קעפּעלע פון די קליינינקע טראָפּנס, וואָס זײַנען דערפלויגן צו איר, כאָטש נויקע האָט פאַרשטעלט זײַן מויל מיט איר קליין זויבער־ווײַס שמעקנדיק נאָזטי־כעלע.

באַלד נאָך דעם טאָטערס סיגנאַל האָט א הילך געטאָן א שטאַרקע אומגעדולדיקע הונדערטפוסיקע טופּערײַ. יעדערער האָט אָנגעהויבן אויס־דריקן זײַן אויפגעבראַכטקײַט אזוי, ווי ער האָט געקענט. איינער האָט געפײַפט, דער צווייטער — געפּליעסקעט, דער דריטער — געטופּעט מיט די פיס איבער דער הילצערנער פאָדלאָגע. אמערסטן האָבן געטומלט דאָפקע יענע, וואָס זײַנען געקומען שפּעטער פון אַלעמען. די ערטער זײַנען ניט געווען נומערירט, בילעטן האָט מען פאַרקויפט א סאַך מער, ווי מ'האָט באַדאַרפט, די, וועלכע זײַנען געקומען שפּעטער, האָבן געמוזט שטיין אין די דורכגאַנגען. זײַנען זיי געשטאַנען און געזידלט קונצענדאָרפן. דער געשריי פון די צושויער, האָט זיך געדוכט, וועט באַלד אויפהייבן די פאָ־רייכערטע געוועלבטע סטעליע און דערגרייכן ביזן הימל. אָט דעמלט ערשט האָט דער וועלט־טשעמפּיאָן געגעבן א קאָמאַנדע אויפצוהייבן דעם פאָרהאַנג.

דעם עמעס זאָגנדיק, זײַנען מיר געװען אַ ביסל אַנטױשט. די אַפישע האָט צוגעזאָגט פיל מער. אױף דער סצענע זײַנען געשטאַנען און געשמײכלט צװײ רינג־קעמפער, אײנער פון מיטעלן װוקס, אַ מאָגערער, און אַן אָדערדיקער — קלימענקאָ, און דער צװײטער, דער װעלט־טשעמפּיאָן אַלײן, דער גװאַלדיק גרױסער און גראָבער קאָנצענדאָרף. מיר האָבן באַלד דערזען די מײַלעס און כעסרױנעס פון זײ בײדע. קלימענקאָ האָט אױסגעזען װי אַ קאַרליק אין פאַרגלײַך מיטן ריז קאָנצענדאָרף, אָבער זײַנע מוסקולן האָבן געשפּילט אונטער דער דינער שטײַפער הױט און די געטאָקטע פיס זײַנע זײַנען געװען װי פון קװעקזילבער, געהאַלטן אין אײן װיברירן, קױם צורירנדיק זיך צום דיל. די ריזיק גראָבע פיס־טומבעס פונעם װעלט־טשעמפּיאָן זײַנען, פאַרקערט, געװען װי אָנגעגאָסן מיט בלײַ, ער האָט אױסגעזען שװער, װי אַ העלפאַנד. און כאָטש אין זײַנע לאַנגע און דיקע הענט — לאַפּעס האָט זיך געפילט אַ גװאַלדיקע קראַפט, האָט ער אָבער געמוזט, װי אַ שפּין, װאַרטן אין געדולדיקער אומבאַװעגלעכקײַט, ביז עפּעס אַ פליג װעט אַלײן קומען צו פליִען אין זײַנע געפערלעכע אָרעמס.

אונדזערע סימפּאַטיעס האָבן מיר טאַקע באַלד און אָן שום קװענקלעניש אָפּגעגעבן דעם שטשופּלען קלימענקאָ. מיר האָבן מיט גרױס פאַרגעניגן געפּליעסקעט מיט די הענט, װען ער פלעגט מיטאַמאָל אָנשפּרינגען אױף דעם אומבאַװעגלעכן שװערלײַביקן טשעמפּיאָן, און זײער איבערגעלעבט, װען אים האָט ניט געלונגען באַצײַטנס אָפּצושפּרינגען, און קאָנצענדאָרפס ריזיקע לאַפּעס פלעגן זיך דאַן אַרומשליסן אַרום זײַן יינגלשן קערפּער און פּרוּװן אָפּרײַסן אים פונעם דיל. אײנמאָל, װען קאָנצענדאָרף האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט אַרומגעכאַפּט דעם האַלדז פון זײַן קעגנער און אָנגעהױבן לאַנגזאַם אײַנבײגן זײַן קאָפּ צו דער ערד, האָב איך, פאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם, פאַרגעסן, װוּ איך בין. װאָס איז דאָס פאַר אַ שרעקלעכע כײַע, אָן אַ פעל און אָן אַ געשטאַלט, אַ מיסטישע כײַע מיט צװײ קעפּ און פיר פיס?.. זײ האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט אײנער אינעם צװײטן. כ׳האָב זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר קלימענקאָס בײנער און אַלײן, אױך װי אַ כײַע, אַרױסגעלאָזט פון מײַנע גערעדערים עפּעס אַ װילדן געבריל. כ׳האָב זיך פאַרשעמט. מײַן אױסגעשרײ האָט אָפּגעשראָקן די שאָטנס אױף דער װאַנט, װעלכע האָבן מער געקוקט אײנער אױפן צװײטן, װי אױף דעם, װאָס עס קומט פאָר אױף דער סצענע. און דאָדיע דער טאַטער, װאָס איז געזעסן הינטער מיר, האָט מיך בײז אַ שטורכע געטאָן מיטן עלנבױגן:

— שױטע אײנער! װאָס רעװעסטו, װי אַן אָקס, װאָס מע קױלעט אים! זײ נאַרן אונדז אומיסטן, און דו, שױטע, לעבסט איבער.

...אױ, װאָס רעװע איך טאַקע, װי אַן אָקס, װאָס מע קױלעט אים! אַ מיסטישע כײַע! אַ מישמאַש פון מאַכשאָװעס! ס׳הײבט זיך שױן אָן... גאָטעניו געטרײַער, ס׳הײבט זיך שױן אָן! מ׳קאָן פון זינען אַראָפּ. ניטאָ. ניטאָ גאָרניט. װוּ איז ער, דאָדיע דער טאַטער, דער פאַרברױנטער דאָדיע? ניטאָ. װוּ זײַנען זײ, מײַן דרײסטער, מײַן אָרעמער ברודער נױקע און זײ־

סעלעז ניטאָ. ניט זיי, ניט זייערע שאָטנס, די טאַנצנדיקע שאָטנס אויף דער וואַנט. אַפילו אין כיראָסימע זײַנען שאָטנס געבליבן, שאָטנס — סילועטן, מענטשלעכע געשטאַלטן. געקומען אַ כײַע, אַ בלוטדאָרשטיקע כײַע, און אײַנגעשלונגען מײַן שטעטעלע. אײַנגעשלונגען מיט די מענטשן, מיט זייערע שאָטנס צוזאַמען. און ס'איז גאָרניט פאַרבליבן. אַלץ איז פאַרשוווּנדן. אויף אייביק פאַרשוווּנדן. איר פאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט? אויף אייביק! פאַרפאַלן. אויף אייביק פאַרפאַלן. יאָרן זײַנען קאַלט. זיי קאָנען זײַן קאַלט. זיי שווימען גלײַכגילטיקע אָן אויפהער, ווי פּופּציק קאַלטבלוטיקע פיש, ווי שאָטנס פון אייביקײַט, ווי כמאַרעס אויפן הימל, אין איין ריכטונג, נאָר אין איין ריכטונג, אומבעראַכמאָנעסדיק אין איין און דער זעלבער ריכטונג. קיינמאָל אויף צוריק. פאַרפאַלן!

וואָס זשע דאַרף איך זיך שעמען, אַז איך רעווע, ווי אַ געקוילעטער אָקס?

קומט, וועלן מיר אַלע רעווען, ווײַל ס'איז אומדערטרעגלעך.

וואַרט אַ ביסל, דאָדיע. כ'קום באַלד צוריק. מײַן דימיען איז שנעל ווי אַ בליץ. וואָס זעט זיך אָן פאַר אים אַ שטרעקע פון פּופּציק יאָר?

אָט זיץ איך שוין ווידער באַנאַנד מיט דיר. ניין. דו זיצסט הינטער מיר. דײַן באַמערקונג האָט אָפּגעקילט מײַן היץ. עמעס, מיר איז טאַקע ניט געפעלן דײַן אַזעס. אָבער, ווײַזט אויס, דו ביסט טאַקע געווען גערעכט. יאָ, זיי נאַרן אונדז אומיסטן. דער געראַנגל צווישן קונצענדאָרפן און קלימענקאָן האָט נאָך לאַנג געדויערט. ס'קאָן זײַן אַפילו צו לאַנג. און אָן שום רעזולטאַט.

זייער לאַנג... ווײַל אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם הויפּטנומער: ווי?אַזוי „סאַמסאָן" פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועט אויפרעסן אַ לעבעדיקן מענטשן.

נאָך אַ לאַנגדויערנדיקן אַנטראַקט, ווען דער פאָרהאַנג האָט, ענדלעך, זיך אויפגעהויבן, ווי פונעם אָטעם פון דעם אויפגערעגטן עולם, האָט זיך פון הינטער די קוליסן באַוויזן קונצענדאָרף. מיט אַ שווערן, נאָר מונטערן טראָט איז ער אַרויס אויף דער סצענע און, ווענדנדיק זיך צום „הויכגעשעצטן פּובליקום", מיט אַ ליבן שמייכל אויף די גראָבע פליישיקע ליפּן אַ פרעג געטאָן, ווער פון די „כאָשעווע צושויער" וויל, אַז מ'זאָל אים אויפעסן? אין זאַל איז געוואָרן שטיל, ווי אויפן בעסוילעם. קיינער האָט זיך ניט געאײַלט אַרויסזאָגן זײַן הייסן ווונטש אַריבערקלײַבן זיך אין קונצענדאָרפס מאָגן.

דער וועלט־טשעמפּיאָן האָט זיך אויך ניט געאײַלט. ער האָט זיך מעכײַע געווען. זײַן פּאָנעם האָט אַזש געשײַנט פון נאַכעס, פונעם עפעקט, וואָס ס'האָט אַרויסגערופן זײַן פראַגע. האָט ער ווידער אַ פרעג געטאָן דאָס זעלבע, שמעלצנדיק זיך פון פאַרגעניגן. און נאָכאַמאָל. און אָבעראַמאָל. פאַרוואָס ניט? ער איז דאָך געווען זיכער, אַז קיין ענטפער אויף זײַן פראַגע וועט ער דאָס מאָל אויך ניט באַקומען. האָט ער זיך אַרומגעשפּאַצירט אויף

דער סצענע, אַלע מאָל אויסגעדרייט זײַן קאָפּ, אַ קײַלעכדיקן, ווי אַ קעסל, און געשטשירעט די ציין.

איצט האָבן זיי בײדע געשוויגן: דער וועלט־טשעמפּיאָן קונצענדאָרף און דאָס „כּאָשעווע פּובליקום". רעכענענדיק, אַז די פּאַוזע האָט גענוג געדויערט, האָט קונצענדאָרף ווידער אַ פרעג געטאָן:

— נו, ווער איז דער סאַמע דרייסטער?

אזריל פעמפּיק פלעגט גיין אין טעאַטער איין מאָל אין אַ יאָר, צוליב דעם פלעגט ער דאַן אָנטאָן זײַן יאָמטעוודיק רעקל. איצט איז אים געוואָרן שטאַרק דושנע, ער האָט שווער געאָטעמט, ווי אַ פיש, וואָס מ'האָט געכאַפּט אין נעץ. האָט ער זיך פּאַמעלעך אופגעשטעלט און גענומען אַראָפּציִען פון זיך דאָס רעקל.

קונצענדאָרף האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף אזרילן און אויסגערופן:

— טאַקע אַ נישקאָשעדיק בײַכעלע. בענעמאָנעס, ניט קיין שלעכט מײַכל. אַנו, גיכער. טוט אויס די קאַפּאָטע און מאַרש אויף דער סצענע!

ס'האָבן אַ דונער געטאָן אַפּלאָדיסמענטן.

אזריל, אַ רויטער, אַ פאַרלאָרענער, האָט זיך אײַליק אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן פּלאַץ — דאָס רעקל האָט ער ניט אויסגעטאָן — און ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, מיט וואָס האָט ער פאַרדינט אַזאַ מין אָוואַציע. ער האָט אופגעהויבן די האַנט, קעדיי אָפּצווווישן דעם שווייס פונעם שטערן, האָט ווידער אַ דונער געטאָן. זײַן ווײַב האָט בייז אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל.

— נו, זיץ שוין רויִק, שלימאַזל. אַ בושע פאַר דער וועלט.

איצט, קעטויוו ליבוי, איז קונצענדאָרף געוואָרן נאָכגיביקער. גוט. זאָל דאָס פּובליקום וויסן, אַז ער, קונצענדאָרף, איז אַ גרויסמוטיקער מענטש. ניט אַבי ווער. הערט זשע אויס מיט סייכל. ער, קונצענדאָרף, איז גרייט צו גאַראַנטירן דאָס לעבן פון דעם אָפּגעגעסענעם מענטשן. דאָס הייסט, ער וועט אים טאַקע אופעסן, אָבער נאָכדעם וועט ער אים אויסברעכן אַ גאַנצן און אומבאַשעדיקטן.

— נו, איז שוין גוט!.. איצט, מיין איך, וועט זיך צווישן אײַך געפינען אַ באַלן!

ס'הייבט זיך ניט אָן. קיינער וויל ניט. קונצענדאָרף איז טאַקע אַ באַ־טועך, פרעגט ניט, מ'קאָן זיך טאַקע פאַרלאָזן אויף זײַנע „גאַראַנטיעס", אײַנשלינגען — עפּשער טאַקע יאָ, אָבער אויסשלינגען קאָן ער אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן. מעגט איר גיין מיט אים צו מענטשן.

אַזוי ווי קיין באַלאָנים האָבן זיך פאַרט ניט געמאָלדן, האָט קונצענ־דאָרף „דערלויבט זיך צו באַמערקן", אַז דער דאָזיקער וויכטיקסטער נומער פון זײַן פּראָגראַם קאָן ניט ווערן אויסגעפירט. אָבער ניט איבער אים, קונצענדאָרפן.

— טאָ הערט זשע, מײַנע טײַערע. איך וועל ציילן ביז צוואַנציק. אויב פאַר דער צײַט וועט זיך קיינער ניט אופהייבן אויף דער סצענע, טאָ דאַרף מען רעכענען, אַז די הײַנטיקע פאָרשטעלונג איז פאַרענדיקט. „פּאָניאַטנאָ?[1]

[1] פאַרשטאַנען? (רוס.).

פארשטאנען. אוואדע פארשטאנען. אָבער אזא מין סאָף איז קיינעם ניט געפעלן. און בייס קונצענדאָרף האָט פּאמעלעך, צעצויגן געציילט „איינס, צוויי, דריַי, פיר...". האָב איך מיט א שווער געמיט זיך אַרומגעקוקט: קיי־נער האָט זיך ניט געיַילט אופצוהייבן פונעם אָרט און לויפן אויף דער סצע־נע. „זעכצן, זיבעצן, אכצן, ניַינ... צן... צוואַ... אנצ...". און דאָ האָט זיך אַרויסגעריסן פון הונדערטער ברוסטן א זיפץ פון דערלייַכטערונג, ווייַל פּלוצעם האָט זיך אופגעהויבן פון זיַין אָרט פּעגימאַר פּלוי.

מאכט א וועג!

ער האָט נאָר איין האַנט, פּעגימאַר פּלוי, איז אים טאַקע, נעבעך, שווער דורכשטופן זיך צווישן די ענגע רייען. אָבער... יאָ. ער מאַניפּולירט גאַנץ ענערגיש מיט איין האַנט אויך. דאַרטן, וווּ ס'האָט בעדאַרפט זיַין די צווייטע, באַמבלט זיך נאָר א ליידיקער אַרבל. אָט דער דאָזיקער אַרבל, פּאַר־קערט, שטערט אים. ווייַל, יעדער מאָל בלייַבט ער שטעקן צווישן אַנדערע פרעמדע הענט און פאַרהאַלט פּלוצעם טרײַומפירנדיקן גאַנג צו דער סצענע. נו, טאָ מאכט זשע א וועג, דער רוער זאָל אייַך נעמען! מאַלע־וואָס דער דאָזיקער קרענקלעכער מענטש איז זיך מאַפקיר פּאַר דער גאַנצער אײדע, מוז ער נאָך, נעבעך, זיך שטופן.

פּעגימאַר פּלוי איז געווען א דאַר מענטשעלע מיט א בלייך פּאָנעם פון גאָלע קנייטשן, און געהאַט האָט ער אין שטעטל א שעם פון א גרויסן שיקער. געווען אָבער א צייַט, ווען ער האָט געהאַט ניט קיין קליינע אַמ־ביציעס. גראָד דעמאָלט האָט ער זיך צוגעטראַכט אָט אַ־דעם פּרעכטיקן „אויסלענדישן" נאָמען: „פּעגימאַר". ס'קאָן זיַין דערפאַר, וואָס אָט דער נאָמען איז געבליבן אין זיַין זיקאָרן נאָך פון די קינדער־יאָרן, ווען ער האָט איבערגעלייענט „דעם לעצטן מאָהיקאַנער" פון פּעגימאַר קופּער. אָפּגעפּאַר־טיקט זיך מיטן נאָמען, האָט ער אָבער געלאָזט צורו זיַין ניט גאָר שיינע פאַמיליע, און אין דער דאָזיקער מעשונעדיקער קאָמבינאַציע — „פּעגימאַר פּלוי", האָט זיך אים געדאַכט, איז פאַראַן עפּעס א מאָדנער שיק.

אופשטייענדיק פון זיַין אָרט, האָט ער א מורמל געטאָן צו זיַינעם א שאָכן, אז ער מוז זיך אָפּרעכענען מיט אָט אַ־דעם „מאַזוריק". נאָר איך בין זיכער, אז אים האָט זיך לייַדנשאַפטלעך פאַרוואָלט אַרויף אויף דער סצע־נע, אַלע זאָלן אויף אים קוקן. וויאַזוי לאָזט מען דורך אזא געלעגנהייַט, אויף וועלכער ער האָט געוואַרט, ס'קאָן זיַין, יאָרן און יאָרן?

קונצענדאָרף האָט אופגענומען פּעגימאַרן גוטמוטיק־פרייַנטלעך. ער האָט אים אפילו אויסגעשטרעקט זיַינע קרעפטיקע פּאָר יאַדאַיִם און געהאָלפן אים אַרופקריכן אויף דער סצענע. קיינער וואָלט ניט געקאָנט זאָגן, צי קונ־צענדאָרף איז צופרידן, וואָס, ענדלעך, האָט זיך געמאָלדן אן איש כאַיִל, וועלכער האָט אים, קונצענדאָרפן, אַרויסגעפירט פון דער שווערער לאַגע און איצט וועט ער טאַקע קענען דעמאָנסטרירן זיַין גלענצנדיקן נומער. מיך האָט אָבער איצט שוין אינטערעסירט עפּעס אַנדערש: די פּראָטים פון דעם נומער. וויאַזוי וועט ער אים עסן? א נאַקעטן, צי איניינעם מיט די שטיוול? פון א וואָסער אייווער וועט קונצענדאָרף אָנהייבן איַינשלינגען זיַין קאָרבן, פונעם קאָפּ צי פון די פיס, צי עפּשער גאָר פון זיַין איין־און־איינציקער האַנט?

קונצענדאָרף האָט אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט, און פון צווישן די קוליסן איז אַרויס זײַן אַסיסטענט, טאַקע דער זעלבער קלימענקאָ. ער איז צוגעשפּרונגען צו פּענימאָרן, פאַרגעלייגט אים אויסטאָן זיך ביז האַלב, ביזן פּאַסיק. בייסמײַסע האָט זײַן שעף, קונצענדאָרף, הייסט עס, זיך גענומען פּאַוואָליעטשקע שאַרפן אַף אַ שלײַפשטיין אַ גוואַלדיק לאַנג מעסער. צי דערפאַר, וואָס פּלוי האָט געהאַט נאָר איין האַנט, צי עפּשער דערפאַר, וואָס צו זײַנע אויערן האָט אָנגעהויבן דערגיין דער קריץ פונעם מעסער־שאַרפן, אָבער פּענימאָר האָט עפּעס זייער פּאַמעלעך אָפּגעשפּיליעט די קנעפּלעך פון דעם פאַרפלעקטן רעקל. קלימענקאָ האָט אים אַלץ אונטערגעטריבן, געהאָלפן אים אַראָפּשלעפּן איבערן קאָפּ דאָס קויטיקע העמד, אָפּגיך צונויפגענומען פּענימאָרס טראַנטעס און אַוועקגעשלעפּט זיי הינטער די קוליסן.

ווי אַ רויבער האָט קונצענדאָרף מיטן לאַנגן מעסער אין דער האַנט זיך אַ וואָרף געטאָן אַף דעם האַלב נאַקעטן, מיט שטעכיקע אַקסלביינער, צעקנייטשטן מענטשעלע. פּענימאָר האָט אַ שפּרונג געטאָן אַף צוריק, פלינק, טאַקע ווי אַ פּלוי. ער האָט דעריאָגט קלימענקאָן, אַרויסגעריסן פון זײַנע הענט דאָס פאַרפלעקטע רעקעלע, אַ טאָפּ געטאָן אין קעשענע, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן עטלעכע מעשענע מאַטבייעס און איבערגעלייגט זיי אין דער הויזן־קעשענע. אַוואָדע האָט דאָדיע טייקעף מיר אַ שעפּטשע געטאָן:

— האָסטו געזען עפּעס אַזאַ מין שוויטעז! מ׳וועט אים באַלד אָנהייבן פרעסן, און ער דײַגעט נאָך, אַז זײַנע פּאָר גראָשן זאָלן נישט פאַרפאַלן ווערן.

קונצענדאָרף האָט אַ צווייט מאָל אַ שפּײַ געטאָן אַפן שלײַפשטיין, צעשמירט די סלינע מיטן שפּיץ מעסער און מיט אימפּעט זיך גענומען שלײַפן און שלײַפן, כאַפּנדיק אַלעמאָל אַ קוק, וויאַזוי רעאַגירט די „פּלוי" אַף זײַנע מוירעדיקע צוגרייטונגען. דערנאָך האָט ער פּאַוואָליִנקע, מיטן מעסער אין האַנט, אומבאַדינגט מיטן מעסער, אַמאָל אין דער רעכטער, אַמאָל אין דער לינקער האַנט, געמאַכט אַ קרײַז אַרום פּענימאָרן, ווײַזט אויס קעדיי צו דערלערנען פון אַלע זײַטן דאָס מײַכל, וואָס ער מוז אויפעסן. דערזעענדיק די דאַרע שפּיציקע ביינער, האָט זיך דער טשעמפּיאָן פאַרקרימט. אַזאַ מין פלייש קאָן ער טאַקע ניט עסן אָן געווירצן. ער האָט אַ ווינק געטאָן צו זײַן אַסיסטענט. און טאַקע באַלד האָט קלימענקאָ געבראַכט צו טראָגן דרײַ טעלערלעך: מיט זענעפט, פעפער און זאַלץ.

ערשט דאַן האָט סאַמסאָן — קונצענדאָרף פײַערלעך געמאָלדן, אַז איצט קאָן ער צוטרעטן דירעקט אויסשפּילן זײַן נומער. נאָר, — האָט ער צוגעגעבן, — ער קאָן גאַראַנטירן די געפאַרלאָזיקייט פון זײַן נומער נאָר אין פאַל, ווען עס וועט זײַן אין זאַל טויט־שטיל. ווײַל, זאָגט ער, דער קלענסטער ראַש ווירקט קאָנוולסיוו אַף זײַן מאָגן, און ער וועט ניט קענען אויסברעכן די „פּלוי" אָפּצוריק, אַף גאָסט וועלט, הייסט עס.

דעמלט איז אין זאַל געוואָרן אַזוי שטיל, אַז איך האָב דערהערט נויקעס אויפגערעגט שעפּטשען:

— כ׳פאַרשטיי... כ׳פאַרשטיי אַלץ... ווען איך בין געווען געזונט, בין איך געווען גוט פאַר דיר. און איצט איז וועלוול מירלאַס אַוואָדע בעסער פון מיר...

און אַ שאָטן, נויקעס שאָטן, האָט אופגערעגט אַ שפּרונג געטאָן איבער דער וואַנט.

אומזיסט האָב איך אָנגעשטרענגט מײַן געהער, וואַרטנדיק אָף זיסלס ענטפער. נויקע, פאַרשטייט זיך, ווי אַלע קראַנקע, איז געוואָרן שטאַרק נערוועז. נאָר וואָס האָט דאָ צו טאָן וועלוול מירלאָס?.. זיסל האָט ליב אים, נויקען. אוואַדע אים. זי ליבט אים, ווי פריִער. די קראַפט פון איר גרויסער ליבע וועט אים אויסהיילן פון דער שווערער קרענק, און דעמלט וועלן זיי אָנהייבן אַ נײַ, שיין לעבן. איז עס דען אומעגלעך?

מיטן גאַנצן האַרצן האָב איך געגלייבט, האָב איך געמוזט גלייבן, אַז ס׳וועט זײַן אַזוי. נאָר אַזוי. ווײַל כ׳האָב ראַכמאָנעס געהאַט, כ׳האָב זייער ראַכמאָנעס געהאַט אָף מײַן ברודער נויקע. און אָף זיסעלען אויך.

טאַקע דערפאַר האָב איך גיריק געפאַנגען יעדן שאָרך, יעדן געפּליסטער, יעדע באַוועגונג פון די שאָטנס. ענטפער זשע אים, זיסעלע! גיב אים צו מוט. נו, וואָס שווײַגסטו גאָר? זאָג זשע אים: „איך האָב דיך ליב, נויקעלע. איך וועל דיך אייביק ליב האָבן. נאָך וואָס באַדאַרף איך וועלוולען, אַז דו האָסט אַזעלכע שיינע שוואַרצע אויגן? דו ביסט שענער פון מירלאָסן. דו ביסט דרייסטער פון אים. דו, אַזאַ יונגער, האָסט שוין באַוויזן צו קעמפן פאַר אונדזער היימלאַנד. דו ביסט אַזאַ... עפּעס...” ס׳באַקומט זיך ניט בײַ מיר, זיסעלע. דו ווייסט דאָך בעסער פון מיר, וואָס מ׳דאַרף זאָגן אין אַזעלכע פאַלן דײַן געליבטן. ניט אַזוי?.. ווען ס׳זאָל זײַן אַ רייד... כ׳מיין, ווען איך זאָל דאַרפן אונטערזאָגן נויקען ליבע ווערטער פאַר דיר, וואָלט מיר עפּשער גרינגער געווען. „זיסעלע, — וואָלט איך אים אונטערגעזאָגט, — כ׳האָב דיך ליב. כ׳האָב דיך שטאַרק ליב. דו ביסט פאַר מיר, ווי אַן אויצער. אַן אויצער פון ליכט און פון גליק”. זאָג זשע עס, נויקע, זיסעלען... הער אוף הוסטן. נעם זי אָן פאַר דער האַנט. בעט זיך בײַ גאָט... נו, גוט. כ׳ווייס. דו גלייבסט ניט אין גאָט. אָבער אין זיסעלען גלייבסטו דאָך. בעט זיך בײַ זיסעלען. זאָל זי זאָגן: „יאָ”. האָט כאַסענע. האָט קינדער. אַ סאַך קינדער. איר דאַרפט האָבן אַ סאַך קינדער. איר דאַרפט האָבן צען קינדער. אויב נײַן וועלן אומקומען, וועט עפּשער דאָס צענטע בלײַבן לעבן. ווײַ איז צו אײַך...”

ווידעראַמאָל. אַ מישמאַש פון יאָרן. איך זאָג נויקען איצט דאָס, וואָס כ׳האָב געדאַרפט זאָגן מיט פופציק יאָר צוריק. און זיסעלען אויך. זי האָט דעמלט געהאַלטן אין איין שווײַגן. עפּעס האָב איך יאָ דערהערט. נאָר דאָס זײַנען ניט געווען קיין ווערטער. דאָס איז געווען אַ געוויין. אַ שטיל שלוכצן. און איך האָב דערפילט אַ שאַרפן ווייטעק, גלײַך ווי קונצענדאָרפס לאַנג מעסער האָט אָנגערירט מיט זײַן שפּיץ מײַן האַרץ. נויקע האָט זייער גרויסע, זייער שוואַרצע, זייער שיינע אויגן. נאָר אויב אויסטאָן אים ביזן פּאַסיק, וועלן זיך אַנטבלויזן בײַ אים דאַרע שפּיציקעביינער, פּונקט ווי בײַ פּענימאָרן. אָבער בײַ מירלאָסן...

איך האָב זיך פּלוצעם דערמאָנט. יאָ, אַ דערציילונג, ניט לאַנג איבערגעלייענט. וועגן אַ קליינעם הויקער. צווישן אים און זײַן געליבטער איז געשטאַנען דער האָרב. ער האָט זיי געשטערט צו פאַרבינדן זייער לעבן. וואָס זשע טוט דער מעכאַבער? ער פירט זײַן העלד, זײַן הויקער, צו אַ

דערפארענעם כירורג, און יענער מאכט אים מיט האצלאָכע אן אָפעראציע. און דער קליינער הויקער ווערט פארוואנדלט אין א שיינעם שטאלטנעם יונג. און די געליבטע, דערזעענדיק אים, האָט פאר פרייד א פליעסקע געטאָן מיט אירע הענט. און זי האָט זיך אן איַיל געטאָן צו אים, ארומגענומען, געקושט. און אלץ האָט זיך פארענדיקט אזוי, ווי עס דארף זיַין — גוט, שיין, העל. איז פארוואָס ניט פרווון אריַינשטעלן נויקען ניַיע לונגען?.. אויב ניט, איז ווער ווייסט, ווער קען זיך איַינשטעלן פאר זיסלען?.. שיין. גוט. העל. נאָר דערטראכטן ביזן סאָף האָב איך ניט געקענט. וויַיל מיר, אפילע מיר, דעם דריַיצניאָריקן יינגל, מיט דער שטענדיקער גרייטקיַיט גלייבן אין אלץ אָף דער וועלט, אפילע מיר האָט זיך דאָס אויסגעוויזן פאר אוממעגלעך. פונקט אזוי ווי דאָס, אז קונצענדאָרף וועט אופעסן דעם לעבעדיקן פענימאָרן.

איצט האָט דער שווערגופיקער שימשן זיך אָנגעהויבן רירן. בעיאַד כאַזאָקע האָט ער א בייג געטאָן פלויס קאָפ. א מאך געטאָן מיט דער האנט קלימענקאָן, און יענער האָט אים דערלאנגט דאָס טעלערל מיט זענעפט. קונצענדאָרף האָט מיטן שפיץ מעסער אָנגעלייגט וואָס מערער זענעפט און גענומען צעשמירן און אריַינריַיבן אין פענימאָרס נאקעטן רוקן. באלד האָט ער ווידער א מאך געטאָן מיט דער האנט, און זיַין אסיסטענט האָט אים דערלאנגט דאָס צווייטע טעלערל — מיט פעפער. דער אָרעמער פענימאָר איז געשטאנען אָנגעבויגן קימאט אונטער א גראָדן ווינקל. ער האָט געקוקט פון אונטער דעם שטערן, אומעטיק, נעבעך, געקוקט אָף קונצענדאָרפס שווארצער מאגיִע און איז אזש פארציטערט געוואָרן פון דעם זייער שטארקן, זייער ביַיסנדיקן זענעפט. ווען אָבער קונצענדאָרף האָט זיך גענומען צושיטן מיט פעפער דעם רויט געוואָרענעם רוקן, האָבן זיך בא פענימאָרן אָנגעהויבן טרייסלען די פיס. דער אוילעם, ווידער, האָט געקוקט מיט הונדערטער אויגן אָף דער סצענע, איַינהיטנדיק א בעסוילעם־שטילקיַיט.

און דאָס דריטע מאָל האָט דער גרויסער צויבערער א מאך געטאָן מיט דער האנט. קלימענקאָ איז, וויַיזט אויס, געווען טאקע א גוטער באהעלפער, ער האָט באלד געבראכט דאָס דריטע טעלערל מיט דער קויטיק־גרויער זאלץ. קונצענדאָרף האָט גענומען בא אים דאָס טעלערל, א שמעק געטאָן, ווער ווייסט צוליב וואָס, — זאלץ שמעקט דאָך ניט, — וויַיזט אויס, ער האָט געצויגן די ציַיט, בא וועמען וועט דאָס געדולד גיכער פלאצן, בא דעם נישטיקן שטשופלען מענטשעלע, צי בא אים, דעם גרויסן קונצנמאכער, און פאמעלעך, אָבער טאקע זייער פאמעלעך, אָנגעהויבן שיטן זאלץ אָף פענימאָרס וווּנדן, אזוי אז דער רויטער רוקן זיַינער איז געוואָרן גרוי.

דאָ האָט פענימאָר שוין ניט געקאָנט אויסהאלטן מער, ער איז אזש אונטערגעשפרונגען, עלעהיי א שלאנג האָט אים א ביס געטאָן. ער האָט מיט אלע קויכעס א שליַידער געטאָן קלימענקאָן, וועלכער האָט אים געפרווּט, קלוימערשט, פארהאלטן, און איז אראָפגעשפרונגען פון דער סצענע, שיר ניט אומגעוואָרפן דעם דאָקטער פיַינבערג, וועלכער האָט אָפגעטראָטן זיַין אָרט עפעס א דאמע און איז דערפאר געשטאנען אינעם דורכגאנג און געשמייכלט אין זיַינע פרעכטיקע וואָנצעס.

דעמלט האָט א הילך געטאָן אזא מין דונערדיקער געלעכטער, גלײַך ווי א מייע וואסערפירער וואָלט דורכגעקנאקט איבער דעם באנאכטיקן שאָסיי מיט זייערע ליידיקע פעסער. מ׳האָט זיך געקאטשעט פון געלעכטער, מ׳האָט זיך פארכלינעט פון געלעכטער, מ׳האָט געוויינט פון געלעכטער. אָט אזוי, מײַנע טײַערע. ווער קאָן זאָגן, ווו איז די גרענעץ צווישן לאכן און וויינען? אפילו מאָניע, דער שטארק ערנסטער מאָניע, האָט אף א ווײַלע פארגעסן, אז ער איז פאָרט א סטארשי קאָנטראָליאָר, און צושפארנדיק זיך צו דער טיר, האָט ער זיך שטיל געטרייסלט, ווי אין קאדאָכעס. דאָס האָט באלד אויסגענוצט א באנדע ווײַסעכעווורעניקעס און האָט זיך דורכגעריסן פון דרויסן אין זאל, וואָס איז אויך אָן זיי געווען פולגעפאקט.

קונצענדאָרף האָט טריִומפירט. ער האָט מיט די בלײַענע פיס געשפאנט שווער, ווי א העלפאנד, איבער דער סצענע, געשטשירעט די ציין און זיך געבוקט אף אלע זײַטן.

כ׳האָב ניט געסווישטשעט פון אנציקונג, ווי דער הולטײַ, דאָדיע דער טאָטער. אָבער כ׳האָב אויך געלאכט, הויך, פריילעך, פונעם גאנצן הארצן. אז הונדערט מענטשן לאכן, מוז דער הונדערט ערשטער אויך צושמייכלען, ווען אפילו די נעשאָמע זײַנע איז פארפרוירן פון אומעט. און איך האָב מיט א ווארעמער האָפענונג געכאפט א קוק אף דער וואנט. דאָרט איז געווען נאָר איין שאָטן. נאָר איין־און־איינציקער.

זיסל איז אוועק. טאקע אוועק. נויקע איז געזעסן אליין. דער קאָפּ אראָפּגעלאָזט, די אויגן אראָפּגעלאָזט. כ׳האָב מיט געדולד געווארט, ביז ער וועט זיי אופהייבן. דעם קאָפּ. די אויגן. זיך דערווארט. און דאן האָב איך אנטדעקט, אז נויקע איז דאָ דער איינציקער צושויער, וואָס לאכט ניט. וואָס שמייכלט אפילו ניט. דער איינציקער.

באמערקט, אז איך שפיר אים נאָך, האָט ער זיך אײַליק אופגעהויבן און, הויקערנדיק זיך, אוועק צום ארויסגאנג. מײַנע צונויפגעדריקטע קני האָבן דערפילט א ראכוועס און זיך צעקראָכן איןביידע זײַטן. מיר איז עפּעס געוואָרן ניט מיט אלעמען. כ׳האָב אײַנגעלאדן דאָדיען, ער זאָל זיך זעצן לעבן מיר. ער איז גערן אריבערגעקראָכן איבער דער באנק.

קונצענדאָרף האָט עפּעס נאָך געדאבערט. זײַן פעט פּאָנעם האָט געבליי־שטשעט. איצט האָב איך אים גאָרניט געהערט. און ווי נאָר דער פאָרהאנג האָט זיך אראָפּגעלאָזט, האָב איך זיך א וואָרף געטאָן צום ארויסגאנג. דאָדיע האָט געהאלטן אין איין כידעשן זיך אף מײַן געשיקטקײַט און מיטן אקסל פּאָרויס האָט ער זיך באמיט ניט אָפּשטיין פון מיר.

אין דרויסן איז געווען א מעכײַע. פונעם הימל איז פויל געפאלן א פּוכקער שניי. פאר דער צײַט, וואָס קונצענדאָרף האָט אונדז פארווײַלט, איז אויסגעפאלן א גרויסער שניי, און איצט איז ער געלעגן א גרינגער, א ווייכער, א טיפער. דאָדיע האָט טאקע באלד אָנגעהויבן זיך שלאָגן מיט צוויי אנדערע קונדייסים, וועלכע האָבן אים פארוואָרפן מיט שנייקוילן. פילנדיק, אז ער איז שלעכט ארײַנגעפאלן, האָט ער מיך גערופן צו הילף. אוואדע, אז דײַן כאווער איז אין א נויט, קאָן מען ניט שטיין פון דער זײַט. כ׳האָב פארגעסן וועגן נויקען, א שטעק געטאָן ביידע הייסע הענט אינעם קאלטן שניי און זיך א לאָז געטאָן ארויסהעלפן דאָדיען. די צוויי יינגלעך

האָבן ניט אויסגעהאַלטן אונדזער פאַרייניקטן אָנגריף און באַלד אונדז באַ־וויזן זייערע שוואַרצע פּלייצעס מיט ווײַסע שניי־שפּורן. און פּונקט אין דעם מאָמענט האָט אַ גרויסע שנייקויל מיך אַ פּאַטש געטאָן אין אויער. אַ פאַרווונדערטער האָב איך זיך אַרומגעקוקט. דאָדיע דער טאַטער, אָט אַ־דער פרעכער קאַלבויניק און פאַרעטער, איז געשטאַנען היפש ווײַט פון מיר און געשטשירעט די ציין.

כ'בין געווען מאַמעש דערשיטערט פון דעם טאַטערס ברוטאַלן פאַראַט. ניט דער אויער האָט מיר ווי געטאָן, נאָר דאָס האַרץ. וואָס הייסט עס?! איז פאַראַן געטרײַשאַפט אויף דער וועלט צי ניין? יאָ צי ניין? האַ? ווו ביסטו, דאָדיע? דו האָסט מיר דעמלט ניט געענטפערט אויף מײַן אופגערעגטער פראַ־גע. עפּשער וועסטו מיר איצט, אין פופציק יאָר אַרום, ענטפערן?.. ווו באַ־דאַרף איך דיך זוכן? ניטאָ. דאָדיע איז ניטאָ. קיינער ניט געבליבן. ניטאָ זיי. ניטאָ אַפילע זייערע שאָטנס. ניטאָ אַפילע קיין מאַציייוועס, באַ וועלכע מ'וואָלט געקענט קנײען און אויסוויינען זיך. פאַרפאַלן.

כ'געדענק נאָר, אַז איך האָב דאַן דאָן אויסגעקנאָטן פון צאַרטן ווייכן שניי אַ האַרטע הליבע און אַ שלײַדער זי געטאָן דעם טאַטער אין פּאָנעם אַרײַן, אין זײַן פרעכער נימעסער צורע, וואָס איז געווען פאַרברוינט סײַ זומער, סײַ ווינטער. ער אָבער האָט נאָך אַלץ געקוועלט. אַ געדולע אויף אים! אונטערשפּרינגענדיק אויף איין פוס, אָפּטרייסלענדיק פון זיך דעם שניי, האָט ער זיך פּלוצעם גענומען דעקלאַמירן: „שטילער, כאַוויירים, די היט־לען אַראָפּ...״

כ'בין געווען אויף אים מאַלע־כיימע. נאָר איך מוז אָנערקענען, אַז דער דאָזיקער גאַזלען האָט ניט געקענט צוטראַכטן קיין בעסער מיטל, קעדיי איך זאָל טאַקע באַלד נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און פאַרשווונדן ווערן.

אָט איז ער, דער סאָד פון מײַן פּליטע. איינמאָל האָט מען מיר אָפּ־געגעבן גרויס קאָוועד. באַ אונדז אין קלוב האָט דאָס דראַמקרײַזל אײַנגע־אָרדנט אַן אָוונט, האָט מען מיר פאַרטרויט דעקלאַמירן אַ ליד. איך האָב אַליין זיך אויסגעקליבן די ליד. אַ קליינע. אַ גרינגע, מע זאָל זי קענען לײַכט פאַרגעדענקען. איך האָב זיך דעריבער ניט געדאַרפט גרייטן צו מײַן אַרויסטרעטונג. איז דאָך גוט. אָבער...

ווען איך בין אַרויס אויף דער סצענע, דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ שלאַל ווײַסע פּענעמער און גלאַנצנדיקע אויגן. פאַמעלעך, דורך עפּעס מאָדנע, כוואַליקע קרײַזן, האָט זיך די מאַסע געזיכטער צוזאַמענגעגאָסן און געוואָרן ווי איין מעשונע גרויס פּאָנעם מיט הונדערטער אויגן־פּינטעלעך, אַקוראַט ווי באַ אַרגוסן.

איך האָב זיך אַ ביסל פאַרלאָרן, נאָר אָנגעהויבן, צוערשט עטוואָס פּאַכ־דאָנעסדיק, דערנאָך וואָס אַמאָל זיכערער, דעקלאַמירן:

שטילער, כאַוויירים,
די היטלען אַראָפּ,
אַ רויטער אַרמייער
געלייגט האָט זײַן קאָפּ.
געגאַנגען אין שלאַכט,
דאָס האַרץ ווי פאַרקלעמט,

מיט אַן אײַזערנער ביקס
אין שטאָלענע הענט.
געשלאָגן זיך דרייסט,
אָן מוירע, אָן שרעק...

איז אָט. אױף דעם אָרט האָב איך זיך פּלוצעם פאַרהיקעט. פאַרגעסן, וואָס גייט ווײַטער, אַזאַ מין גוילעם, האַ?.. וואָלט עס כאָטשבי געווען אַ שווערע לידו אָבער דאָס איז דאָך געווען אַזוי גרינג, אַזוי פּראָסט, אַ דרײַיאָריק קינד וואָלט עס געקענט איבערכאַזערן פונעם ערשטן מאָל.

וואָס ווײַטער? פרעגט בעסער ניט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ סוויש־טשערײַ, אַז מ׳האָט געקאָנט טויב ווערן. העכער פון אַלעמען האָט, פאַר־שטייט זיך, געסווישטשעט דאָדיע דער טאָטער.

איך בין אַנטלאָפן הינטער די קוליסן. פאַרבאַהאַלטן זיך אין אַ פינצ־טער ווינקל. צוגעדריקט די דלאָניעס צו מײַן ברענענדיק געזיכט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַן עמעסע קאַטאַסטראָפע. אַזוי מ׳עס ארײַנפאַלן! דאָס גאַנצע שטעטל וועט האַלטן אין איין לאַכן. די שטעטלדיקע כעוורע האָט ליב אויסלאַכן. קיין טעלעוויזאָרס זײַנען דאַן ניט געווען, פלעגט מען זיך פאַרווײַלן מיט אַלץ, וואָס גאָט האָט צוגעשיקט.

איך בין ניט ארויס פון מײַן באַהעלטעניש אַזש ביז דער אָוונט האָט זיך ניט פאַרענדיקט און דער לעצטער צושויער איז ניט אוועק פונעם קלוב. דעמלט האָב איך, ענדלעך, פאַרלאָזט מײַן פינצטער ווינקל, ארויסגעגאַנ־גען פונעם קלוב, געזוכט שטילע קליינע געסלעך, אַז איך זאָל, כאָס־וועכאָלילע, קיינעם ניט באַגעגענען אַהיים גייענדיק. מער פון אַלץ האָב איך מוירע געהאַט פאַר דער שײַן. אַפילע אין דער היים. דערפאַר האָב איך זיך אויסגעטאָן אין דער פינצטער, זיך שטיל אוועקגעלייגט אַפן בעט און ארופגעצויגן אַפן קאָפּ די קאָלדרע.

די נאַכט איז געווען לאַנג. גלײַך ווי זי וואָלט זיך געצויגן אַ כוידעש צײַט. כ׳האָב ניט געקאָנט ניט אײַנשלאָפן, ניט אײַנדרעמלען. אױף אַ רעגע ניט. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָב איך זיך שווער געמוסערט, האַלעמײַ בין איך אַזאַ טויגעניכץ, אַזאַ שלימאַזל, אַזאַ נאַרישע בעהיימע. ניט געקענט אויסלערנען אױף אויסווייניק אַזאַ קליין קינדערש לידעלע, דערלאָזט אַזאַ שענדלעכן אומגעהערטן דורכפאַל! וואָס טוט מען?.. איך האָב זיך דערמאָנט אין פאַרגעסענעם גאָט. ריבוינעשעלוילעם! זײַ אַזוי גוט און מאַך אַזוי, ס׳זאָל מיך, צוזאַמען מיטן בעט, אױף וועלכן איך מאָרדעווע זיך אַ גאַנצע נאַכט, פאַרשלינגען די ערד. און אַן עק! און אַ סאָף זאָל זײַן צו מײַנע ליידן! מאַך דאָס טייקעף. באַווײַז אַ נעס! לערן זיך אָפּסנײַ אויס באַווײַזן ניסים. ס׳וועלן קומען גרויזאַמע צײַטן, זאָלסטו ניט קוקן פונעם הימל ווי אַ כאָלעש. מאַך דאָס באַלד. ביזוואַנען ס׳טאָגט נאָך ניט. ווײַל ווי׳אַזוי וועל איך ארויס אױף דער גאַס, דאָרטן איז דער טאָטער און אַנדערע מאַזיקים, וואָס וועלן שפּעטן פון מיר אַזוי לאַנג, ביז דאָס לעבן וועט מיר נימעס ווערן און וועט זיך אויסדאַכטן שווארצער פונעם טויט...

דאָס איז געווען די ערשטע שלאָפלאָזע נאַכט אין מײַן לעבן. דאָס בעט האָט געסקריפּעט אונטער מיר. מײַן מאַמע, אַ באָרוועסע, אין אַ ווײַס העמד, איז שטיל, אױף די שפּיץ פינגער, צוגעגאַנגען צו מײַן בעטל. כ׳האָב

זיך געמאַכט שלאָפנדיק. טיפער אַנגערוקט די קאָלדרע אפן קאָפּ. די מאמע האָט מיט ווארעמע הענט געטאַפּט, ווי א בלינדע, אונטער דער קאָלדרע, אַנגעטאַפּט מײַן פּאָנעם, צוגעדריקט איר האַנט צו מײַן הייסן שטערן. טרערן האָבן זיך א גאָס געטאָן פון מײַנע אויגן.

— אז מ׳לאָזט ניט שלאָפן גאַנצע נע־ע־עכט, — האָט זיך צעבורטשעט נויקע און זיך אויסגעדרייט אף דער צווייטער זײַט.

איך האָב זיך שטאַרק באַליידיקט אף אים. אויב איר ווילט וויסן, איז טאַקע ער, נויקע, שולדיק אין מײַן דורכפאַל. עמעס, אומגערן. און דאָ האָט פּלוצעם א בליץ געטאָן אין מײַן פאַרמאַטערטן מויעך עפּעס א געדאַנק און אלץ איז געוואָרן בוילעט.

א רויטער ארמייער געלייגט האָט זײַן קאָפּ...

כ׳האָב ארויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, ווען דאָס גוואַלדיק גרויסע ווײַסע פּאָנעם אין זאַל פון קלוב האָט זיך ווידער אַנגעהויבן טיילן אף פיל באַזונדערע געזיכטער. איך האָב דערזען דאָדיעס פארברוינט און פאַר־קרימט פּאָנעם (— וואָס איז? דו ביסט מיר מעקאַנע, דאָדיע, וואָס איך בין געוואָרן אן „ארטיסט״?), דעם דאָקטער פײַנבערגס געדיכטע וואָנצעס, צווישן וועלכע עס האָט געשפּילט א שמייכעלע, מאַניע ליפשיצעס ערנסטן פּליך. היינט האָט ער ניט געשפּילט די ראָל פון א סטראַשנע סטאַרשי קאָנטראָליאָר, ווײַל קיין בילעטן האָט מען ניט פארקויפט אפן אָוונט, דער ארײַנגאַנג איז געווען פרײַ, — נאָר ווי זײַן געוווינהײַט איז, האָט ער גע־דרייט מיטן קאָפּ אהין און אהער, און דערפון האָט זײַן פּליך אויסגעזען נאָך גרעסער, ווי ער איז.

איך האָב אָבער ־געזוכט מיט די אויגן מײַן ברודער נויקע, ווײַל כ׳האָב געוווּסט, אז באַנאַנד מיט אים דאַרף זיצן זיסל, די דארינקע, צאַרטע, מיל־דע זיסעלע. זי באַדאַרף מיט אירע אויגן — אַזעלכע טיפע, פאַרוווּנדערטע, מיט שײַן, מיט גלויבן, מיט בענקשאַפט האָבן זיי שטענדיק געקוקט פאַר־טראַכט, ווי פון דער זײַט, און אויסגעזען דערפאַר א קאַפּעלע קאָסאָקע — זי באַדאַרף מיט אירע אויגן קוקן אף דער סצענע, דאָס הייסט אף מיר, און מיך לויבן: אך, ווי שיין ער דעקלאַמירט, ווי באַגײַסטערט!

און ווען כ׳האָב, ענדלעך, געפונען נויקען, האָב איך דערזען, אז זײַן געזיכט איז בלאַסער ווי געווײנלעך, און זיסל זיצט ניט לעבן אים.

פאַראַמט! ווו איז זי? ווו קאָן זי זײַן?.. נו, פארשטייט זיך. אָט איז זי. איר קעפּל איז א סאַך נידעריקער, ווי וועלוולס קורץ־אָפּגעשוירענער קאָפּ. ס׳ליגט קימאַט אף זײַן ברייטן אַקסל.

איז אָט. כאָטש איך האָב פאַרגעזעצט מעכאַניש דעקלאַמירן אָט די לײַכטע פערזן „געגאַנגען אין שלאַכט, דאָס הארץ ווי פארקלעמט...״, נאָר איך האָב שוין געטראַכט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש.

מײַן דימיען האָט גיך־גיך אויסגעמאָלט א שלאַכטפעלד. א פעלד נאָך דער שלאַכט. באַנאַכט. טויטע קערפּערס, פאַרגליווערטע אין פארשיידענע פּאָזעס. און צווישן זיי בלאָנקעט ארום אן איינזאַמע פרוי. די פרוי האָט צוערשט געהאַט א דארינק פּענעמל מיט טיפע פארטראַכטע אויגן. אָבער ווען כ׳האָב דערזען זיסעלען באַנאַנד מיט מירלאַסן, האָט זיך דאָס פּאָנעם פון דער איינזאַמער פרוי אַזוי פארענדערט, אז זי איז געוואָרן ענלעך אף

מײַן מוטער, אונדזער מוטער, נויקעס און מײַנע. בלאָנקעט ארום מײַן מור־
טער איבער דעם שטילשווײַגנדיקן שלאַכטפעלד, קוקט זיך אײַן אין די טוי־
טע פּענעמער פון די אומבאַוועגלעכע זעלנער, און פּלוצעם... יאָ, דאָס איז
איר זון, איר נויקעלע. אָט ליגט ער, ברייט פאַנאַנדערגעוואָרפן די הענט,
פונקט אזוי, ווי ער פלעגט שלאָפן קינדווײַז, ווען ס'פלעגט אים ווערן הייס.
לעבן אים, אַף דעם צעטראָטענעם גראָז און אליין א צעטראָטענע וואַל־
גערט זיך זײַן בודיאָנאָווקע... ער ליגט אָבער ניט אליין, נאָר מיט אַן
אײַזערנער ביקס אין שטאָלענע הענט...

ווער זשע וועט קומען דערציילן מײַן מוטער, אונדזער מוטער, נויקעס
און מײַנער, אז דער זון אירער, נויקע, האָט געשלאָגן זיך דרייסט, אָן
מוירע, אָן שרעק. נויקע — און שרעק? דאָס איז אומעגלעך! ס'איז ניט גע־
ווען אין אונדזער שטעטל א מער מוטיקער שלאַכטמאַן, ווי נויקע, מײַן
דרייסטער, מײַן אָרעמער ברודער.

ווען אָבער איך האָב ווידער אָפּגעזוכט צווישן שלאַל פּענעמער דאָס
געזיכט פון מײַן איינזאַמען ברודער, האָט עס מיך דערשיטערט מיט זײַן
דרייסטקײַט, כ'האָב געוואָלט זאָגן — בלאַסקײַט... און כ'האָב זיך פאַרהיקעט.

אָבער גיי דערצייל דאָס אַלץ דעם טאַטער! ניט ער, ניט אַן אנדערער
וועט ניט אָנהייבן צו גלייבן אין דער דאָזיקער „געשיכטע". אוואַדע, אויס־
געטראַכט, קעדיי צו באַרעכטיקן דעם דורכפאַל. אָט האָסטו דיר א בערע־
לע, א מאַזיק! קאָן אײַנרעדן א קינד אין בויך.

האָב איך נאָך לאַנג געמוזט זיך גאַנווענען איבער פינצטערע געסלעך,
אַבי ניט וואַרפן זיך קיינעם אין די אויגן. כ'בין געווען איבערצײַגט, אז
קליין און גרויס ווייסט וועגן מײַן ביזאָיען, און ניט מע ווייסט, נאָר מע
זוכט ספּעציעל א געלעגנהײַט, קעדיי צו לאָזן א נײַ וויצעלע אַף מײַן אד־
רעס. און אז איך פלעג צופעליק באַגעגענען עמעצן, וואָס האָט מיט מיר א
שמועס געטאָן ניט וועגן דעם, וואָס האָט געטראָפן מיט מיר אין קלוב,
נאָר וועגן גאָר אנדערע זאַכן, בין איך אים געווען אזוי דאַנקבאַר, אזוי
אויפריכטיק דאַנקבאַר, פונקט ווי ער וואָלט מיר גאָט ווייסט וואָס פאַר א
כעסעד געטאָן.

דער טאַטער אָבער איז געווען א פּרעכער אַזעספּאָנעמניק, אָן האַרץ
און אָן געוויסן. ער האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנ־
הײַט, און מיך ניט א שטאָך טאָן אין סאַמע אָנגעווייטעקטן אָרט.

2

אונדזער שטעטל האָט אין יענעם ווינטער בעפּיירעש אָפּגעגליקט. קונ־
צענדאָרף, דער באַרימטער וועלט־טשעמפּיאָן, האָט נאָך ניט באַוויזן פאַר־
לאָזן דאָס שטעטל, ווי ס'איז אָנגעקומען א גאַנצע דראַמאַטישע טרופּע. און
ווידער האָט זיך די ווײַס־גרויע וואַנט פון אונדזער קלוב באַפּוצט מיט
אַפישן. עמעס, ניט אַזעלכע שרײַענדיקע, ווי קונצענדאָרפס. וואָס איז דען
קונצענדאָרף? א קוריאָז. א וויץ. ניט מער. אונדז, אָבער, האָבן אימפּאָנירט
דראַמעס, טראַגעדיעס, ווײַל די צײַט אליין, אין וועלכער מיר האָבן גע־

לעבט און ס'האָט זיך פאַרמירט אונדזער באַוווסטזײַן, איז געווען א דראַ־מאַטישע.

אָבער וויאַזוי קריגט מען בילעטן? קיין געלט איז בא מיר ניט געווען. ניט נאָר בא מיר. בא אונדז — אויך. נויקע האָט, עמעס, געאַרבעט אין א וואַרשטאַט צוזאַמען מיט וועלוול מירלאַסן, זיי האָבן געמאַכט רעדער, נאָר די קויכעס זײַנע האָבן געצאַנקט מיט יעדן טאָג. און דער מאַמען פלעגט קיינמאָל ניט קלעקן אַף עסנוואַרג. זי פלעגט אָפּט באַוויינען איר אלמאָנע־גוירל און מיך געשטראָפט מיט רייד פאַר מײַן לײַדנשאַפט צום טעאַטער.

און איך?.. איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט לעבן קלוב, אַמאָל אליין און אַמאָל צוזאַמען מיט דאַדיען דעם טאַטער, מיט וועלכן איך האָב שאָלעם געמאַכט צוליב אַזא הייליקן איניען. מיר פלעגן זיך דרייען אַרום דער גע־בײַדע, געזוכט עפּעס א געהיים טירל אָדער פּאַשעט א גרויסע לאָך, דורך וועלכער מיר וואָלטן געקענט אַרײַנדרינגען אין דעם פאַרקישעפטן שלאָס. באַטאָג פלעגן מיר ווי מעגלעך שטיל אָפּרײַסן עטלעכע ברעטער בא דער הינטערטיר, אָפּדערנאָכט אָבער האָט אונדז דערוואַרט א ביטערע אַנטוי־שונג: די ברעטער זײַנען ווידער געווען צוגעקלאַפּט מיט גרויסע צוועקעס. מאַניע, אָט אַ־דער פערזענלעכער סוינע אונדזערער, האָט אויסגעצייכנט געוווסט אלע אונדזערע שפּיצלעך און וואַכזאַם געהיט דעם שלאָס, ניט באַ־קומענדיק פאַר זײַן מי קיין קאָפּעקע, ווײַל ער האָט אויך ליב געהאַט דעם טעאַטער און אים באַוואַכט, ווי א ריטער, פון די ווילדע האָרדעס ווײַסע־כעוורעניקעס.

גאַנץ אָפּט האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אויך בא דעם אײַנפאָר־הויז, ווו ס'האָבן זיך אָפּגעשטעלט די אַקטיאָרן. ס'איז אונדז געווען אינטערע־סאַנט כאָפּן א קוק, וויאַזוי זעען זיי אויס באַם טאָג־ליכט. ווען עס פלעגט אונדז געלינגען, און עמעצער פון די שוישפּילער איז אַרויסגעגאַנגען פונעם הויז, האָבן מיר אים לאַנג געבויערט מיט די אויגן. אונדז איז געווען א פאַרדראָס, וואָס זיי זעען אויס, די אַקטיאָרן, אַזוי בלאַס, מיד, ניט פריש, גאָרניט אַזוי שיין, פרעכטיק, ווי אַף דער בינע. אָפּטמאָל פלעגן מיר זיי באַגלייטן ביז צום מאַרק און שטאַרק באַוווּנדערט זייער אַפּעטיט. זיי פלעגן קויפן זייער א סאַך פּראָדוקטן. אַנגעלאָדענע מיט טאַשן און קוישן, פלעגן זיי, אָט אַזוי גייענדיק, קײַען און שלינגען. ווער א בולקעלע, ווער אַן עפּע־לע, ווער ס'האָט געקנאַקט ניס, צעקוועטשנדיק מיטביידע הענט איין נוס אָן צווייטן. דער הונגער האָט געטריבן די דאָזיקע אָרעמע שוישפּילער פונעם „אָפּגעברענטן טעאַטער" פון גרויסע שטעט אין קליינע, נאָר זאַטע שטעטלעך, און זיי האָבן זיך געײַלט אָנשטאָפּן זייערע מאָגנס מיט וואָס גרעסערע שפּײַז־רעזערוון. ווען ניט דער הונגער, וואָלטן מיר געוויס ניט געזען קיינמאָל בא אונדז אין שטעטל אַזעלכע גוטע שוישפּילער. איז וואָס? גאָרניט. א צעדרייטע וועלט.

איז אָט, איינמאָל האָט מיר אָפּגעגליקט.

ווען איך האָב אַרומגעשפּאַצירט אין איינעם א פרימאָרגן לעבן דעם אײַנפאָר־הויז, האָט זיך פון דאָרטן באַוויזן עפּעס א מענטש, זייער א הוי־כער, זייער א דאַרער, מיט זייער א לאַנגער, נאָר א גאַנץ סימפּאַטישער נאָז. ער האָט געוואָרפן אַף מיר א בליק־בליק און אוועק ווײַטער. דערנאָך

האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אומגעקערט זיך צוריק, אַ שמעק געטאָן מיט דער נאָז, און, אַלץ שווײַגנדיק, צוגערופן מיך מיט זײַן לאַנגן מאָגערן פינ־גער. איך בין צוגעגאַנגען צו אים, און צווישן אונדז איז פֿאָרגעקומען אַזאַ געשפּרעך:

— דו האָסט ליב טעאַטער?

— יאָ, כ'האָב ליב.

— שטאַרק?

— זייער.

— נו, איז וועלן מיר טאַקע גיין הײַנט אין טעאַטער?

— כ'וואָלט געגאַנגען מיט פֿאַרגעניגן.

— מיט פֿאַרגעניגן וועט ניט אויסקומען.

— ווי־אַזוי דען?

— מיט אַ קישן.

— אַ קישן?

— נו, יאָ. דו האָסט אַ קישן?

— כ'האָב.

— נו, טאָ ברענג זי וואָס גיכער אַהער. באַקומסטו באַלד אַ קאָנטראַ־מאַרקע.

ווי אַ פֿײַל אויסן בויגן, האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן אַהיים.

— מאַמע! גיב מיר אַ קישן. אָבער גיכער.

די מאַמע האָט געוואָרפֿן אויף מיר אַזאַ מאָדנעם בליק, אַז מײַן פֿרייד, מײַן גרויסע פֿרייד, איז מיטאַמאָל אַנטרונען געוואָרן. זי האָט אַנטשלאָסן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן מיר אַ קישן, און מײַן ערשטע האַסטיקע אַטאַקע האָט געליטן אַ מאַפּאַלע.

האָב איך זיך דערנאָך גענומען דערקלערן מײַן מאַמען, לאַנג און גע־דולדיק, אַז די דאָזיקע קישן גיבן מיר ניט אָפּ אויף שטענדיק, נאָר אויף איין אָפּדערנאַכט. צוליב וואָס דאַרפֿן זיי אונדזער קישן?.. כ'ווייס צוליב וואָס? ווײַזט אויס, אַז זיי גיבן אַזאַ מין פֿאָרשטעלונג, ווו איינער פֿון די העלדן שלאָפֿט אויף אַ קישן.

— אַ העלד! וואָס פֿאַר אַ העלד? אויך מיר אַ העלד, שלאָפֿן אויף אַ קישן! נו, און אויב פֿון דעם דאָזיקן העלד וועלן אָנהייבן קריכן לײַז אויפֿן קישן, האַ?.. כ'גיב נישט און שוין!

מײַן מאַמע האָט געשרײַען און זיך געבייזערט טאַקע אויף אַן עמעס, און דערבײַ ניט אויפֿגעהערט שיילן בולבעס. אירע אויגן האָבן געקוקט ניט אויף מיר, נאָר אויף אירע אייגענע פֿינגער, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געצויגן, געשלענגלט און שטיל געפֿאַלן אויפֿן ערדענעם דיל די לאַנגע ווײַס־ברודיקע שאָלעכץ. זי האָט, ווײַזט אויס, געמיינט, אַז איך וועל אויך אָנהייבן שרײַען און בייזערן זיך, וואָלט זי דאַן רויִק פֿאָרגעזעצט איר אַרבעט. נאָר איך האָב געשוויגן. דאָס האָט זי געכידעשט. זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויף מיר און דערזען אין מײַנע אויגן טרערן.

דאַן האָט זי איבערגעריסן איר אַרבעט, אָפּגעטרייסלט דעם פֿאַרטעך פֿון דער שאָלעכץ, צוגעגאַנגען צום וואַשבעקן, אָפּגעשווענקט די הענט, אָפּגע־ווישט זיי מיטן האַנטעך פֿון גראָבן לײַוונט, און מיטן האַנטעך אויפֿן אַקסל

איז זי צוגעגאנגען צום קאסטן, אופגעעפנט אים, ארויסגענומען א פארוואשן ציכעלע, דערנאָך אופגעהויבן די געלע אָפּגעקראַכענע דעק אפן הילצערנעם בעט, א כאַפּ געטאָן פון אונטער איר איינע פון די צוויי קישנס, אראָפּגע־שלעפּט פון איר דאָס ציכל און אָנגעצויגן א נײַס, דאָס זעלבע, וואָס זי האָט ארויסגענומען פונעם קאסטן. און דאָ האָב איך באמערקט, אז אפן ציכל שײַנט א גרויסע לאטע.

— מאמע! ווער זשע וועט נעמען א קישן מיט אזא מין לאטע? — האָב איך זיך שיר ניט צעוויינט.

— וואָדען?.. זיי זאָלן צערײַסן מײַן איין־און־איינציקע ציך, די העלדן דײַנע? ס׳געפעלט דיר ניט, דארף מען ניט. שוין.

כ׳האָב פארשטאנען, אז דערווידערן איר ווײַטער איז געפערלעך. איר פּאָנעם האָט בוילעט אויסגעדריקט באדויערונג, וואָס זי האָט מיר נאָכגע־געבן און מוז זיך שיידן מיט דער קישן, זאָל זײַן אפילע אין אן אלט צי־כעלע. וועל איך פּרווון דערווידערן, קאָן זי נאָך כאראָטע האָבן. האָב איך שווער א זיפץ געטאָן, גענומען די קישן אונטערן אָרעם און א טראסקע געטאָן מיט דער טיר א ביסעלע העכער, ווי געוויינלעך.

— אָ, סקאָצל קומט!

כלעבן, א גוטער מענטש, דער אדמיניסטראטאָר. גאָט האָט אים גע־שענקט אזא לאנגע נאָז, אז ס׳איז א ביזאָיען צו באווײַזן זיך מיט איר אף דער גאַס, און דאָך איז ער אזא געלאַסענער, גוטמוטיקער. אָבער איצט דארף מען מיט אים זײַן פּאָרזיכטיק. איך האָב איבערגעקערט די קישן מיט דער לאטע אף אראָפּ און אים דערלאַנגט.

ער האָט אָבער אָנגעהויבן דרייען די קישן פון אלע זײַטן. ווער האָט מיך שוין געמאסערט? ניט אנדערש, ווי דאָדיע דער טאָטער, נאָר פונוואַ־נען האָט ער עס געקענט וויסן?.. אָבער וואַרט! אָט הערט ער אוף, דער אד־מיניסטראטאָר, צו דרייען די קישן. זײַנע קליינינקע אייגעלעך האָבן זיך אײַנגעצויגן אין דער אומגליקלעכער לאטע. דאָס הארץ האָט מיר שיר ניט געפּלאצט. פארפאלן!

מיטאמאָל האָב איך באמערקט, ווי זײַן נאָז און נאָכדעם דאָס גאנצע בלאָס־גרינבלעכע פּאָנעם האָט א שײַן געטאָן.

— טאקע א פײַן לאטקעלע!

כ׳האָב ניט געוווּסט, וואָס מיינט ער, נאָר אפן הארצן האָט נאָך אלץ עפּעס געשקראבעט.

— הער נאָר, קוציפּערדיק איינער! פונוואנען האָסטו געוווּסט, אז מיר דארפן א קישן מיט אזא מין לאטע?

ער האָט א שמייכל געטאָן, מיט צוויי לאנגע טרוקענע פינגער ארויס־געשלעפּט פון דער הויזן־קעשענע צוויי צעקנייטשטע פּאַפּירלעך.

— אָט האָסטו צוויי קאָנטראמארקעס. איינע — פאר דער קישן, די צווייטע — פאר דער כיינעוודיקער לאטע.

— א דאנק אײַך. א שיינעם דאנק.

צוויי דאנקען. פאר צוויי קאָנטראמארקעס.

כ׳בין שוין געלאָפן אהיים, ווען ער האָט מיך ווידער א רוף געטאָן:
— נו, און קיין קאָלדרע האָסטו ניט, קוציפּערדיקן? אויב יאָ, טאָ שלעפּ זי גיכער אהער, בעסער מיט לאַטעס.
אַנשטאָט צו לויפן אהיים, בין איך איצט געלאָפן צו דאַדיען.
— האָסט א קאָלדרע, קוציפּערדיקן? אויב יאָ, טאָ שלעפּ גיכער. בעסער מיט לאַטעס. באַקומסטו באַלד א קאָנטראַמאַרקע. נו?
דער טאַטער האָט ניט אראָפּגעלאָזט פון מיר זײַנע גנייוּוישע באַלעכעס. ער האָט שטארק זיך געוווּנדערט אף מײַן טאָן. נאָר דערוווּסט זיך וועגן וואָס עס גייט א רייד, האָט ער מיר פעסט געדריקט די האַנט. ער האָט גוט געפילט, דער מאַמזער, אז ער איז שולדיק, שטארק שולדיק, איז אים גע־ווען שווער צו פארשטיין, וויאַזוי קאָן מען עס צאָלן מיט גוטס פאר שלעכטס. פּונקט ווי מיר איז שווער געווען צו פארשטיין, וויאַזוי קאָן מען עס אזוי פארעטעריש, פון הינטער דעם רוקן, א קלאַפּ טאָן דײַנעם א כאַווער. ער האָט נאָך געקאָנט מיינען, אז איך כאַפּע אים אונטער. אף דעם האָט ער געמעגט לאַנג וואַרטן!
טיף אין הארצן אָבער האָב איך געהאָפט, אז ס׳קאָן זיך מאַכן, — איצט שוין וועט דער דאָזיקער טאַטער עפּשער מיך לאָזן צורו און וועט מיך מער ניט מוטשען מיט זײַן „שטילער, כאַווײַרים...״

3

אָ! גוט! באַלד קומט נויקע פון דער ארבעט, וועל איך אים אונטער־טראָגן אף א טעלערל א קאָנטראַמאַרקע. וועט ער זײַן דערבײַ געגוג ליב־לעך מיט מיר, וועל איך מיט אים זײַן נאָך איידעלער. נויקע, וועל איך אים זאָגן, אָט האָסטו ביידע קאָנטראַמאַרקעס, איינע, — דיר, די צווייטע — זיסעלען. און ווייס מײַן גוט הארץ! ווירקלעך. דאָס וואָלט געווען פון מײַן זײַט א גרויסער קאָרבן. גאָט איז אָן איידעס.
עמעס, טיף אין הארצן האָב איך געגלייבט, אז מײַן כמורנער, נאָר יוישערדיקער ברודער וועט מיר ניט טאָן אזא אוולע און ניט צונעמען ביידע קאָנטראַמאַרקעס. הייסט עס, אז איך ריזיקיר ווייניק. נאָר...
וואָס נאָר?.. אָט איז שוין זעקס אזייגער, זיבן, האַלב אַכט — און נויקע איז ניטאָ. ווו קאָן ער זײַן?.. דער פּאַרדראָס וואַקסט אין הארצן, ס׳זידט מאַמעש. אָבער נויקע איז ניטאָ. וואָס וועל איך זיצן און וואַרטן אף אים? ס׳איז דאָך בעסער א זוך טאָן. איך האָב מוירע פארשפּעטיקן אין טעאַטער. אזויפיל איבערגעלעבט, ביז כ׳האָב געקראָגן דאָס טײַערע פּאַפּירל, און פּלוצעם — פארשפּעטיקן!
כ׳גיב איין קאָנטראַמאַרקע דער מאַמען.
— דאָס איז פאר נויקען. באַלד ווי ער וועט קומען, זאָל ער טייקעף לויפן אין טעאַטער, אז ניט, פארשפּעטיקט ער.
די מאַמע ברומט ברויגעז:
— וואָס עפּעס לויפן? סע ברענט דען?.. האָט איר געזען אזא ליידיק־גייער! אָט דאָס איז דער גאַנצער נאַכעס פון אים, שליאָנדערן זיך איבער טעיאַטערס...

אָן אַנדערשמאָל וואָלט איך זיך באַליידיקט אַף מײַן מאַמען, אָבער איצט בין איך געווען מאָלע גדולע שוין אַליין פון דעם פאָרגעפיל, אַז כ׳וועל באַלד דערזען דעם אָפענעם פאָרהאַנג מיט אַ שטיק וווּנדערלעכער פאַנטאַסטישער וועלט אַף דער בינע, און כוץ דעם, האָב איך דערפילט אין מײַן מאַמעס ברויגעזן ברומען איר ערנסטע דײַגע פאַרן גורל פון אונדזער קישן, האָב איך אַ געשריי געטאָן פון דער שוועל:

— ניט גערדײַגעט, מאַמעניו. נאָך הײַנט אָפּדערנאַכט וועל איך דיר צושטעלן דײַן קישן גאַנץ און געזונט.

איך גיי. איך לויף. דער פראָסט איז שטאַרק. די פרייד איז גרויס. עמעס, עפּעס עגבערט מיך אין האַרצן. נויקע?.. ניין, ווײַזט אויס, אַז ניין. יעדנפאַלס, איצט ניין. איז וואָס?.. הער זיך אויף צו גריבלען. אָט אַ מאַניר! קאַפּע ניט קיין גאַל אין דער פרייד. ס׳קאָן זיך דאָך טרעפן אַמאָל אין אַ יאָר: גאָלע פרייד! איז ניין. אַ מיִעסער כאַראַקטער!

איז וואָס זשע קימערט מיך? אָ, מאַמעניו! וואָס פאַר אַ ליב, וואָס פאַר אַ צאַרט קינד דו האָסט! אַ ווייכס, אַ זיס. כאָטש לייג עס צו צו אַ טשערעק. און אָט דאָס ליבע צאַרטע, ווייכע, זיסע קינד האָט אַפילע ניט אַ טראַכט געטאָן, קיין איין מאָל ניט אַ טראַכט געטאָן, עפּשער איז קעדײַ כאָטש איין מאָל אין לעבן זאָגן דער מוטער אַזוי:

— מאַמע! (מעג זײַן אַזוי, ניט „מאַמעניו״) טו אָן דאָס זײַדענע טיכל, און לאָמיר גיין אין קלוב. ווען ניט דײַן קישן, וואָלט איך אויך געזעסן אין דער היים. מ׳האָט מיר געגעבן צוויי בילעטן, איינעם פאַר דער קישן און דעם צווייטן פאַר דער לאַטע. דו קענסט לייגן שיינע לאַטעס, מאַמע. נו, איז גייען מיר, האַ? דו ביסט דאָך נאָך קיינמאָל ניט געווען אין אונדזער שיינעם קלוב. ער איז אַזוי גרויסאַרטיק, אַז מ׳רופט אים אַפילע טעאַטער, אָדער „טריִאַטער״, ווי דו זאָגסט...

איז ווידעראַמאָל. איך וואָלט עפּשער מיט גאָרניט ריזיקירט. די מאַמע וואָלט אַלציינס אין ערגעץ ניט געגאַנגען. אַ זײַדן טיכל, וואָס איז דרײַסיק יאָר אַלט, אָפן קאָפּ? גוט. און אַף די פיס — וואָס? און אָפן לײַב? און ביכלאַל, וואָס איז עפּעס אינמיצקעדערינען אַ טריִאַטער! וואָס פאַר אַ סימכע אַף מיר, אַף אַ בידנער אַלמאָנע, האַ?..

גוט, מאַמעניו. זיץ אין דער היים און שייל קאַרטאָפּליעס. און בעסער זאָלסט ניט דערלעבן צו דער צײַט, ווען מ׳וועט דײַנע קינדער פירן צו דער שכיטע. שטאַרב שוין בעסער פריִער. דו מוזסט שטאַרבן פריִער, ווײַל אַלציינס וועט בא דיר דאָס האַרץ פּלאַצן. זאָלסטו כאָטש שטאַרבן אין אייגענעם בעט און קומען צו קווורע אַף אונדזער אַלטיטשקן בעסוילעם.

4

דערווײַל האָב איך זיך לוסטיק געמאַכט. אַ דײַגע מיר, וואָס ס׳וועט זײַן אין צוואַנציק יאָר אַרום, דערווײַל איז כײַ־געלעבט.

מײַן פריילעכע שטימונג האָט מיך ניט פאַרלאָזט. פאַרקערט, זי האָט זיך פאַרשטאַרקט פונעם פראָסט. אַ מונטערנדיקע לופט, אַ מעכײַע! דער

פראָסט איז טאַקע אומגעהייער בייז, נאָר ווער האָט זיך איצט פאַר אים דערשראָקן? מ׳הערט אים פאַר א פירער? זײַן צײַט איז אריבער. דער ווינ־טער האלט בא נילע. כ׳האָב נאָר טיפער אַנגערוקט דאָס היטל אָף די שפּיץ אויערן און א לאָף געטאָן, אזש דער שניי האָט זיך צעסקריפּעט.

דער אוילעם האָט געדיכט געשפּארט אין טעאַטער. איך האָב פעסט פאַרדריקט די קאָנטראַמאַרקע אין פויסט. באַהאלטנדיק זיך הינטער דעם דאָקטער פײַנבערגס ברייטע פּלייצעס, האָב איך געמאַכט אָן אַנשטעל, אז איך וויל זיך דורכגאַנוּוענען אומבאַמערקט. מאַניע ליפשיץ, ווידער, האָט געמאַכט אָן אַנשטעל, אז ער הייבט מיך ניט אָן צו זען. נאָר ווען איך האָב געוואָלט אריבערשפּאַנען איבער דער הייליקער שוועל, האָט ער מיך א כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער. שטיי! ערשט דעמלט האָב איך מיט א נאַכלעסי־קער טנוּע אופגעמאַכט די פויסט: אָט האָסטו דיר, מאַניע, פּרעס! ליפשיץ האָט לאַנג געדרייט די קאָנטראַמאַרקע אין די הענט, אונטערגעטראָגן זי צו זײַנע קורצזיכטיקע אויגן, אפילע א שמעק געטאָן מיט דער נאָז. און איך מאַך זיך אזוי טאַמעוואַטע, כ׳שטיי און וואַקס פון האַנאָע. ענדלעך, האָט ער אָנגעריסן די קאָנטראַמאַרקע און זי מיר אָפּגעגעבן, ס׳האָט זיך מיר אויס־געוויזן, אז אפילע מיט עפּעס א דערעכערעץ. כ׳האָב זי פאַרזיכטיק און צאַרט צונויפגעלייגט און פאַרבאַהאַלטן טיף אין דער הויזן־קעשענע, ווײַל דאָן, צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן, האָב איך געקענט אָפּשאַצן די קראַפט פון א געזעצלעך פּאַפּירל, וואָס אפילע מאַניע ליפשיץ, דער סטראַ־שנע סטאַרשי קאָנטראָליאָר, דער מוירעדיקער פאַרפאָלגער פון זײַצעס, האָט געמוזט זיך דעם אונטערגעבן.

דער פאָרהאַנג האָט זיך שוין אופגעהויבן, און נויקע איז ניטאָ. עפּעס האָט ווידער מיך אָנגעהויבן עגבערן. כ׳האָב געפּרוּווט אָפּזוכן זיסלען. עפּ־שער דורך איר וועל איך אנטפּלעקן די שפּורן פון מײַן ברודער. איך האָב געגנישטערט מיט די אויגן אין אלע זײַטן. מיטאַמאָל האָב איך דערזען איר קעפּעלע באַנאַנד מיט מירלאַסעס ברייטער פּלייצע. איך ווייס ניט פאַר־וואָס, צי דערפאַר, וואָס מיך האָט אַרומגעכאַפּט א געפיל פון ראַכמאָנעס צו מײַן ברודער, צי דערפאַר, וואָס ס׳האָט מיך פאַרדראָסן, האַלעמײַ זי האָט ניט דערפילט מײַנע הייסע בליקן און ניט אויסגעדרייט איר קאָפּ אין מײַן זײַט, — אָבער אין מײַן נעשאָמע איז אלץ געוואַקסן און געזאָטן א גרויסער צאָרן און אפילע א סינע צו זיסלען. ס׳האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס נויקע, דער קעמפער, דער זעלנער, דער דרייסטער ברודער מײַנער, ווערט אזוי צעקראָכן אין דער אָנוועזנהײַט פון דער קליינער זיסעלע. פּאָשעט, ניט צו פאַרשטיין. ווען איך זאָל זײַן אָף זײַן אָרט, וואָלט איך איר שוין געוויזן! ערשטנס... אָבער דאַדיע דער טאַטער, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, האָט מיך ניט געלאָזט דערטראַכטן מײַן געדאַנק. ער האָט מיך א שטורכע גע־טאָן מיט דער האַנט און אויסגעשריִען:

— זע נאָר, זע! דאָס איז דאָך מײַן קאָלדרע...

כ׳האָב זיך א קער געטאָן צו דער סצענע. ווירקלעך. אין רעכטן ווינקל איז געשטאַנען א שמאָל אײַזערן בעטל, אָפן בעט — מײַן קישן מיט דער גרויסער לאַטע אויבנאָן, אָף דער ווײַסער קישן — א שוואַרצער קאָפּ פון, ווײַזט אויס, א קראַנקן מענטשן, אָפן מענטשן — דאַדיעס צעריסענע קאָל־

דרע. לעבן בעט שטייט אף די קני א יונגע פרוי. און אף דער גאַנצער סצענע — אַזאַ אָרעמקייט, אַזאַ מין דאַלעס, וואָס נאָר איצט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האָט זיך דער לאַנגער אַדמיניסטראַטאָר אַזוי דערפרייט, קוקנדיק אף דער גרויסער לאַטע, אַזאַ גרויסע, אַז איצט האָט זי זיך געלאָזט זען אַפילע פון אונטערן קאָפּ פונעם קראַנקן.

מיך האָט שטאַרק דערשיטערט דער אויסזען פון דעם דאָזיקן, ווײַזט אויס, טויט־קראַנקן מענטשן. דאָס געזיכט זײַנס איז געווען בלאַס, ווײַס, ווי דאָס ציכעלע פונעם קישן, אף וועלכן ס׳איז געלעגן זײַן קאָפּ. ס׳האָט אויסגעזען נאָך בלאַסער מאַכמעס דעם, וואָס די פעך־שוואַרצע געקרײַזלטע האָר זײַנע זײַנען געווען ווי א מין ראַם פאַרן פּאָנעם. און וואָס מיך האָט דערהויפּט דערשיטערט — איז געווען דאָס, וואָס דער דאָזיקער מענטש אפן בעטל איז געווען וווּנדערלעך ענלעך אף גויקען. אַזוי ענלעך, אַז מיר איז געקומען אפן געדאַנק א ווילדע האַשאָרע... נאָר איין גאָט ווייסט, ווי:אַזוי און פונוואַנען זי האָט פאַרבלאָנדזעט אין מײַן פיבערהאַפטן מויעך.

גיט א קוק אף דער סצענע! די דעקאָראַציעס, די גאַנצע אויסשטאַטונג, איז מאַמעש א פיזיש אַריבערגעטראָגענע אף דער בינע שטיק שטעטל. אַלע זאַכן, וואָס אײַערע אויגן זעען, זײַנען אײַך ניט נאָר גוט באַקאַנט, דאָס איז, פּאָשעט, אײַער אייגנס. זיי געהערן אײַך, די צושויער. איך, אַשטייגער, האָב דערקענט מײַן קישן, אף וועלכן איך שלאָף. דאָדיע — זײַן קאָלדרע, מיט וועלכער ער דעקט זיך אײַן. מאָניע ליפשיץ — זײַן אַלט אײַזערן בעטל, מיט וועלכן ער איז זיך צוזאַמענגעוואַקסן פיל פרי:ער, ווי מיט זײַן פליק, ווײַל ער איז געשלאָפן אפן בעטל נאָך דעמלט, ווען אין זײַן געדיכטער שעוועליורע איז נאָך קיין סימען ניט געווען פון קיין ליסינע.

אוואַדע האָב איך גוט פאַרשטאַנען, אַז די אָרעמע בלאָנדזענדיקע טרופּעס האָבן דאָס געמוזט טאָן, ווײַל זיי האָבן ניט געהאַט קיין אייגענעם רעקוויזיט. אָבער כ׳האָב געמיינט, כ׳האָב געוואָלט מיינען, אַז זיי טוען דאָס אומיסטן, מיט א ספּעצי:עלער קינסטלערישער קאַוואָנע, אַז די קונסט און דאָס לעבן זאָלן זײַן ווי א צווילינג, אַז דאָס, וואָס זיי באַווײַזן אף דער בינע, זאָל זײַן וואָס נעענטער, וואָס פאַרשטענדלעכער דעם צושויער, אַז ס׳זאָל געשאַפן ווערן אווירקלעך היגער קאָלאָריט, ווען דעמלט די בינע און דער צושויער־זאָל זײַן פולקום איינהײַטלעך. צוליב וואָס דאַרף מען דאַן דעם פאָרהאַנג? מ׳דאַרף אים טאַקע ניט.

דאָ ניט לאַנג האָבן די ברידער רובין אונדז באַגליקט מיט א בליץ־וויזיט. די אַפישע האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געררייצט: נאָר איין אָוונט! בלויז איין קאָנצערט! זיי זײַנען געקומען צוויי אַזייגער באַטאָג. ביז פינף האָבן זיי זיך דערוווּסט און פאַרגראַמט אין קופּלעטן אַלע שטעטלדיקע נײַסן און פּליאָטקעס. און זיבן אַזייגער אָפּדערנאַכט האָבן שוין די ברידער רובין געזונגען פון דער סצענע, דער א פערז און דער אַנדערער א פערז:

— קומט אַהער! אי טאַ וואָס גיכער!
— ווי א וויכער! ווי א וויכער!
— וואָס אַזוינס? וואָס האָט פּאַסירט?
— אײַ, ניט פרעגט! מ׳האָט די פלוי
אופגעגעסן. אוי־אוי־אוי!

— טאקע אזוי?
— ניין. זי לעבט דאָך, עקזיסטירט.
— כאפט א קוק אף איר.
— אָך, ווי פלינק זי שפרינגט!
טאָ פארשפארט זשע שנעל די טיר!

אוואדע האָבן מיר „געכאפט אַ קוק" אין דער זײַט, וווהין ס'האָט אַנ־געוויזן איינער פון די רובינס, און זיך געקאטשעט פון געלעכטער. דאָרטן איז געזעסן פראָ‏ים פלוי. געזעסן און ניט געוווסט, צי זאָל ער לאכן, צי זאָל ער פראָטעסטירן. דערנאָך האָט ער טאקע זיך אָנגעשטויסן, אז קליגער איז לאכן. האָט ער אָנגעהויבן צו קוועלן מיט אונדז צוזאמען.

איך האָב א טראכט געטאָן: ניט אנדערש, ווי מײַן באקאנטער אדמיניס־טראטאָר האָט אײַנגערעדט נויקען, ער זאָל שפילן די ראָל פונעם גויסעס, שפילן זײַן אייגענעם טויט אף דער אייגענער קישן.

אָבער ווו איז דאן זיסל? פארוואָס האָט ער ניט פארבעטן זיסלען שפילן די ראָל פון אָט אָ־דער יונגער נאָבעלער פרוי? צי קאָן מען אָבער פאר־גלײַכן די קאלטע גלײַכגילטיקײַט פון זיסלעס פּאָנעם מיט די איידעלע גע־זיכט־שטריכן פון אָט דער פרוי?

כ'האָב צוגעמאכט די אויגן און אײַנגעלאדן זיסלען אף א דינטוירע. זי מוז זיך פארענטפערן. וואָס איז פאָרגעקומען מיט מײַן ברודער נויקע? און מיט איר — אויך?

נאָר ווען איך האָב ווידער אופגעעפנט די אויגן, איז זיסל שוין ניט געזעסן אף איר אָרט. זי איז ערגעץ פארשוווּנדן. ניין, אָט איז זי, דאכט זיך. באם ארויסגאנג. כ'האָב זיך א ריס געטאָן פון מײַן אָרט.

— וואָס אנטלויפסטו? — האָט מיך געפרוווט פארהאלטן דאָדיע.
— איך מוז גיין זוכן מײַן ברודער.
— נו, און די קישן?
— וועסט זי צונעמען אינײנעם מיט דײַן קאָלדרע.
— אויב אזוי, איז גוט. מעגסט זיך ניט זאָרגן.

דאָדיע סטארעט זיך איצט נויסע־כיין זײַן בא מיר אין די אויגן.

עפשער איז נויקע אין דער היים? — האָב איך א טראכט געטאָן. ס'איז א סאָפעק, פארשטייט זיך. נויקע האָט אויך זייער ליב טעאטער און וואָלט ניט דערלאָזט, אז די קאָנטראמארקע זאָל פארפאלן ווערן, סײַדן ער איז קראנק געוואָרן.

די מאמע האָט מיך באגעגנט אן אומרו‏יק־פארוווּנדערטע:
— וואָס אזוי פרי? און ווו איז נויקע?

כ'האָב רו‏יק געענטפערט:
— איך בין געקומען צו לויפן נאָך דער קאָנטראמארקע. נויקע וואַרט אף מיר באם טעאטער.

וואָס דען האָב איך געקענט זאָגן מײַן מאמען?

איך האָב לאנג געבלאָנקעט איבער די נאכטיקע וויסטע גאסן און געס־לעך און געהאלטן אין איין פרעגן זיי: ווו איז מײַן ברודער?

דער שניי האָט ברויגעז געסקריפעט אונטער די פיס. וואָס?.. ער פאר־

טויבט זיך אליין. שטעל איך זיך אָפּ צו הערן פון אים אַן ענטפער, פּור־נעם שניי, — ווערט ער אַנשוויגן.

ווו זשע איז ער, נויקע?

אין איינס בין איך געווען זיכער: אויב נויקע איז ניט אין דער היים, איז ער אין אַ צווייטער היים. דאָרטן, ווו זיסל איז. ער איז ברויגעז אויף איר. איך ווייס. אָבער כ'ווייס אויך, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז ער האָט זי שטאַרק ליב. אַז ער קאָן ניט לעבן אָן איר. ער האָט מיר וועגן דעם, פאַר־שטייט זיך, גאָרנישט ניט געזאָגט, אָבער איך האָב דאָס אויסגעלייענט אין זיינע גרויסע טרויעריקע אויגן.

און איך בין ווידער אַוועק צו זיסלס שטיבל. דער שניי האָט רוישיק מאַסקים געווען מיט מײַן באַשלוס. מיר האָט זיך אפילו אויסגעוויזן, אַז דער שניי באַווײַזט מיר די שפּורן פון נויקעס טריט.

ווירקלעך. ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו דער שטוב, ווו ס'האָט געוווינט זיסל, האָב איך דערזען נויקען. מיט ניט קיין זיכערע טריט איז ער פּונקט דעמלט אויך צוגעגאַנגען און אַ קוק געגעבן אין אַ באַלויכטן פענצטער. דאָס פענצטער איז געווען דאָס זעלבע, אָבער נויקע איז ניט געווען דער זעלבער. נאָך דאָ ניט לאַנג פלעגט ער אָנקלאַפּן אין אָט דעם פענצטער זיכער, פעסט, ווי אַ באַלעבאָס. איצט גאַנוועט ער זיך, ווי אַ שאָטן. דאַרער נאָך און פאַרשוואַרצטער ווי אַלעמאָל, איז ער איצטער טאַקע געווען גראָד אַ שאָטן.

נויקע האָט מיך ניט באַמערקט. איך האָב אָבער דערזען, ווי ער האָט זיך פלוצעם אַ וואָרף געטאָן פונעם פענצטער און גיך, קימאַט לויפנדיק, אַוועקגעשפּאַנט. וואָס האָט אים דאָרט געקאָנט אַזוי אָנשרעקן? פאַרזיכטיק און שטיל, אַזוי שטיל, אַז וויפל דער שניי האָט מיר עס דערלויבט, בין איך צוגעגאַנגען צום פענצטער, אויפגעהויבן זיך אויף די שפּיץ פינגער, אַרײַנגעקוקט צווישן די פּראָסטיקע קווייטן, וועלכע האָבן נאָך ניט פאַר־לוירן די וואַרעמע שפּורן פון נויקעס אָטעם. גאָרניט אַזוינס אויסערגע־וויינלעכס האָב איך ניט דערזען. ווערלוול מירלאַס האָט געהאָלפן זיסלען אַראָפּנעמען פון זיך דעם מאַנטל. ער האָט דערבײַ, ווײַזט אויס, דערציילט איר עפּעס לעכערלעכס, ווײַל זי האָט פריילעך געלאַכט. זי האָט געלאַכט, און איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט די זיסל איז אַ שיין באַשעפעניש, נאָר אָן געפילן, אָן געוויסן, אויב אַזאַ דין גלאָז האָט געקאָנט זײַן פאַר איר ווי אַ מין שטאָלענער פאַנצער, אַז ס'זאָלן ניט דערגרייכן צו איר האַרץ די לעצטע שטראַלן פון אַ גויסעדיק לעבן.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט מײַן מאַמעס שטימע:

— נוי־קע!

זי האָט געמיינט, אַז איך בין נויקע. ווער דען נאָך וועט זײַן אין אַזאַ פראָסט אונטער זיסלס פענצטער?.. די מאַמע האָט געבראָכן די פינגער.

— ווי איז מיר... ווו ביסטו געווען? ווו איז נויקע? דאַדיע האָט מיר געבראַכט די קישן און מיר געזאָגט, אַז דו ביסט שוין לאַנג אַוועק פונעם טיאַטער, און נויקע איז דאָרט ניט געווען...

איך האָב באַרויִקט די מאַמע, ווי כ'האָב געקענט. נויקע איז שוין געווים אין דער היים, אָט וועסטו זען.

ווען מיר זײַנען געקומען אהײם, איז נויקע, װירקלעך, געװען שױן אין שטוב. ער איז געלעגן אין בעט. זײַן קאָפּ האָט זיך געשװאַרצט אױף דער װײַסער קישן מיט דער גרויסער לאַטע. זײַן געזיכט איז געװען בלאַס. װײַס, װי דאָס קישן־ציכעלע, און אויסגעזען נאָך בלאַסער, מאַכמעס דעם, װאָס זײַנע פּעך־שװאַרצע געקרײַזלטע האָר זײַנען געװען װי אַ מין ראַם פֿאַרן פּנים. מיך האָט פּאַשעט דערשיטערט די איבעראַשנדיקע ענלעכקײַט פֿון מײַן ברודער מיט יענעם גויסעסדיקן מענטשן אױף דער סצענע. עס האָט אויסגעזען, פּונקט װי דאַדיע װאָלט צוזאַמען מיטן קישן געבראַכט דעם קראַנקן אַלײן, אַז ער זאָל שטאַרבן אין אַ ייִדישער שטוב.

איך האָב אַפּגיך אַראָפּגעכאַפּט די קישן פֿון מײַן בעטל.

— נויקע!

מײַן ברודער האָט געעפֿנט די אויגן.

— נויקע, לאָמיר זיך בײַטן מיט די קישנס.

נויקע האָט װידער ברייט צעעפֿנט די אויגן. אַ קנייטש געטאָן מיט אַן אַקסל.

די מוטער האָט אַ מאַך געטאָן אױף מיר מיט די הענט.

— לאָז אים שלאָפֿן, װאָס װילסטו פֿון אים?

— מאַמע... דאַכט זיך... כ׳האָב געזען, דאַכט זיך... אױפֿן ציכל קריכן לײַז...

— װאָס זאָגסטו?.. װאָס רעדסטו נאַרישקײַטן...

װאָס נאָך האָב איך געזאָלט זאָגן מײַן מאַמען, אַז דאָס זאָל דערגיין צו איר... איך האָב דאָך איר ניט געקאָנט זאָגן, אַז דער שװאַרצער קאָפּ פֿון יענעם מענטשן האָט איבערגעלאָזט אױפֿן ציכל טויט־מיקראָבן... און אַז איך האָב מוירע, איך האָב שטאַרק מוירע פֿאַרן לעבן פֿון מײַן אָרעמען ברודער.

װי נאָר די מאַמע האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, איז נויקע אופֿגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו מײַן בעט, אָנגעבויגן זיך צו מיר און מיר שטיל געזאָגט:

— אינדערפֿרי זאָלסטו גיין צו מירלאַסן און אים זאָגן, אַז כ׳װעל ניט קומען מאָרגן אױף דער אַרבעט.

איך האָב געקוקט אױף אים מיט דערשראָקענע אויגן און געשװיגן. נויקע איז געװאָרן אין כּעס.

— נו, װאָס קוקסטו אױף מיר, װי אַ גולעם? האָסט מיך ניט פֿאַרשטאַנען צי װאָס?.. זאָלסט אים מאָרגן זאָגן, אַז ער זאָל ניט װאַרטן אױף מיר. נו, שױן. שלאָף.

5

כ׳האָב געדרעמלט. אָבער אײַנשלאָפֿן האָב איך ניט געקאָנט. איך בין געלעגן. אָבער אװעקלייגן זיך אינגאַנצן האָב איך ניט געקאָנט. פֿענימאָר פּלויס האָט האָט מיך געהאַלטן אינדערלופֿטן פֿאַר אַ הױט־פֿאַלד פֿון דעם רוקן, װי אַ קאַץ האַלט אין די ציין איר קעצעלע, װען זי טראָגט עס איבער אױף אַן אַנדער אָרט. האָט מיך די האַנט געהאַלטן אינדערלופֿטן און ניט געלאָזט מיך ניט לייגן זיך, ניט אײַנשלאָפֿן.

איך האָב געוואָלט א געשריי טאָן צו פּעגימאָרן, אז איך וועל זיך זשאַלעווען אף אים נויקען, נאָר ער האָט מיך אויסגעלאַכט, געדראָעט מיט זײַן לײדיקן ארבל. כ'האָב זיך איבערגעשראָקן און בין אנידערגעפאַלן אף דער ערד. דעמלט האָט פּלוי אָפּגעריסן א ברעט פון דער טיר, אוועקגעלייגט זי מיר פּאָפּערעק אפן רוקן, אוועקגעשטעלט זיך אף איין עק ברעט, און דאַדיע דער טאַטער אפן צווייטן עק, און הוידענדיק זיך, האָבן זיי ביידע געשריגן אין טאַקט: סאַם־סאָם, סאַם־סאָם...

כ'האָב זיך אופגעכאַפּט פון געשרייען. ניט געקאָנט צו־זיך קומען. אונדזער שטוב איז געווען פול מיט מענטשן. אלע האָבן אויסגעזען ווי פרעמדע. כוץ מײַן פעטער געדאַליע. ער און נאָך עפּעס א מאַנצבל האָבן געהאַלטן מײַן מוטער פאַר די הענט. זי האָט זיך געריסן, געשלאָגן זיך מיטן קאָפּ אין זייערע ברוסטן, אָן אופהער געשריגן:

— נוי־קען נוי־קע־לע... לאָזט מיך צו מײַן זון... לאָזט מיך, לעמאַנהאשעם...

איך בין אראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט, א לאָז געטאָן זיך צו מײַן ברודער. עמעצנס שטאַרקע הענט האָבן מיך געכאַפּט פאַר די פּלייצעס. איך האָב זיך א ריס געטאָן מיט אלע מײַנע קויכעס. מײַן העמד האָט זיך צעריסן, נאָר איך האָב זיך באַפרײַט פון די אײַזערנע הענט, דורכגעשטופּט זיך צווישן די מענטשן, וואָס האָבן ארומגערינגלט נויקעס בעט.

ער איז געלעגן אזוי, ווי איך האָב אים געזען נעכטן אָפּדערנאַכט: א שווארצער קאָפּ אף א ווײַסן קישן. נאָר די אויגן זײַנע זײַנען געווען ברייטער ווי געוויינלעך, זיי האָבן פיבערדיק געבלישטשעט, און די הויט אף זײַנע ליפּן איז געווען פאַרטריקנט און פאַרקנייטשט. איך האָב געוואָלט כאַפּן זײַן בליק, נאָר ער האָט געקוקט איבער מײַן קאָפּ אין עפּעס א ווינקל אף דער סטעליע. דעמלט בין איך צוגעפאַלן צו דעם בעט. נאָכאַמאָל האָבן עמעצנס הענט געפּרוווט אוועקשלעפּן מיך. איצט האָב איך זיך ניט געווערט. דאָ בין איך איצט איבעריק. איך מוז זײַן ערגעץ אנדערש. און ווען די מאַמע האָט זיך א ביסל בארויִקט, און דער פעטער געדאַליע איז אוועק נאָכן דאָקטער, האָב איך זיך שנעל אָנגעטאָן און בין אויך אוועק. איצט איז מיר אלציינס. איך מוז איר זאָגן דעם עמעס. דעם גאַנצן עמעס. איך מוז איר ארויסזאָגן אלץ, וואָס איך פיל. מײַן האַס, מײַן לײַדנשאַפטלעכע סינע צו איר. כוץ דעם, איז מײַן כויוו איר דערציילן, וואָס עס איז געשען. זאָל זי וויסן. זאָל זי זיך מוטשען דאָס גאַנצע לעבן. זי און איר געוויסן.

מיט א טראַסק האָב איך געעפנט די טיר און ארײַנגעריסן זיך אין צימער. זיסל איז געזעסן אין א בלוי שלאָפּרעקל, באַשפּרענקלט מיט קווייטעלעך. א פאַרוואונדערטע, האָט זי אופגעהויבן דעם קאָפּ פונעם געניי, וואָס איז געלעגן אף אירע קני, און געוואָרפן אף מיר א פרעגנדיקן בליק. איך האָב געשוויגן. געדערט האָבן מײַנע אויגן. אזוי בייז, אזוי אופגערעגט, אז אירע הענט זײַנען מאַכטלאָז אנידערגעפאַלן אף די קני.

אלץ שטיל, אלץ שווײַגנדיק, האָב איך זיך דערנעענטערט צו איר מיט א הויך פאַרהויבענער שווערד אין דער האַנט. זי האָט זיך א הייב געטאָן

פונעם אָרט. איר שלאָפּרעקל האָט זיך צעכראַסטעט און א ביסל אַנטבלויזט־איר ברוסט. מײַן האַנט האָט א ציטער געטאָן, ווי בא מענעלײַען, די שווערד איז מיט א קלאַנג געפאַלן אַף דער ערד, און איך האָב אַרויסגעדריקט פון זיך נאָר פיר טרויעריקע ווערטער:

— נויקע האָט זיך געסאַמט.

דאָס דאַרינקע פּענעמל זיסלס איז געוואָרן אַזוי בלייך, אַז ס'האָט אופּגעהערט זײַן ברוין. אירע אויגן האָבן זיך פאַרברייטערט פון גרויל און פאַרנומען א האַלב געזיכט. איר האַנט האָט געכאַפּט די לופט, זוכנדיק אַן אָנשפּאַר. מיר האָט זיך פאַרוואָלט זײַן אַזאַ אָנשפּאַר. איך בין צוגעגאַנגען צו איר. זי האָט אַרומגענומען מײַן קאָפּ און צוגעדריקט צו איר ברוסט. איך האָב זיך צעוויינט.

זי האָט, ווי א מוטער, געגלעט מײַנע האָר.

— וויין ניט, מײַן יינגעלע... מײַן אָרעם יינגעלע... וויין ניט... מ'דאַרף ניט...

אָבער זי האָט אַליין געשלונגען טרערן.

און איך האָב זיך צעכליפּעט, ווי א קליין קינד. איך האָב באַדויערט נויקען. איך האָב באַדויערט זיסלען. זיסלען עפּשער נאָך מער, ווי נויקען. איך שעם זיך מודיע זײַן, נאָר איך בין געווען גרייט מויכל זײַן איר אַלץ. אַלצדינג. אפילו דעם טויט פון מײַן ליבלעכן ברודער.

ווײַזט אויס, אַז איך האָב טאַקע דערפילט א בושע, ווײַל איך האָב זיך באַפרײַט פון אירע אָרעמס. איך האָב אַנטשלאָסן גענומען זיסלען פאַר דער האַנט.

— לאָמיר גיין.

א דערשראָקענע האָט זי א קוק געגעבן אַף מיר.

— וווהין?

איך האָב איר געזאָגט, זי זאָל זיך אָנטאָן, און אָפּגעקערט זיך אין א זײַט.

זי האָט זיך אפגיך אָנגעטאָן. מיר זײַנען אַרויס אַף דער גאַס. זיסל איז געווען העכער פון מיר, און ווײַל זי איז געווען דין און שלאַנק, האָט זי אויסגעזען נאָך העכער, — נאָר איך האָב זי גענומען פעסט פאַר דער האַנט, ווי א טאַטע זײַן פאַרשולדיקט מיידעלע, און מיטגעשלעפּט זי איבער די פרימאָרגנדיקע, נאָרוואָס אופגעוואַכטע, שטעטלדיקע גאַסן.

דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן דערזען, ווען מיר זײַנען צוגעקומען צו אונדזער שטוב, איז געווען א ברישקע. יוינע דער באַלעגאָלע איז שוין געזעסן אַף איר, און דער דאָקטער פײַנבערג האָט ערשט גענומען שווער אַרופקלעטערן, ווען מײַן מאַמע איז צוגעפאַלן צו אים און אַלץ דערפרעגט זיך: „ער וועט לעבן? ער וועט לעבן?..", זי האָט זיך געבעטן באַם דאָקטער, ווי בא גאָט. מאַמעס אין די דאָזיקע שײַלעס דײַנע האָב איך צוזאַמען מיט דיר געפילט א פּוד שרעק און א לויט האָפענונג.

דאָקטער פײַנבערג האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. די מאַמע האָט אים געכאַפּט פאַרן אַרבל, פאַרהאַלטן אים, אַרײַנגעקוקט אים אין די אויגן און געהאַלטן אין איין פרעגן: „ער וועט לעבן?", „ער וועט לעבן?", איבערכאַזערנדיק אַזן א שיר און אַן אַן עק איינע און די זעלבע פראַגע, פּונקט ווי

זי וואָלט מיטאַמאָל פאַרגעסן די שפּראַך און פאַרגעדענקט נאָר אָט אַ־די דרײַ ווערטער.

דאָקטער פײַנבערג איז שוין געזעסן אַף דער בריטשקע און אופמערק־זאַם באַטראַכט די נעז פון זײַנע פײַן אויסגעפּוצטע שטיוועלעך. ער האָט אַרײַנגערוקט אין דער האַנט, וועלכע האָט אים געכאַפּט פאַרן אַרבל, עפּעס אַ פּאַפּירל מיט אַ רעצעפּט און געברומט אין זײַנע העלע פּרעכטיקע וואָנ־צעס: „סאַמסאָן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט! ווערטער פונעם צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט! דער רועך ווייסט, וואָס עס טוט זיך אין שטעטל... ער וועט לעבן? ער וועט לעבן? קטאָ יאָ? גאָספּאָד באָג, טשטאָ לי...[1]".

דאָקטער פײַנבערג פלעגט אַמערסטן ריידן רוסיש. מיט יידישע פּאַ־ציענטן פלעגט ער געברויכן געציילטע יידישע ווערטער: „סאַפּע יאָ, סאַפּע ניט. עפן דאָס מויל. פאַרמאַך דאָס מויל. באַווײַז די צונג. באַהאַלט די צונג. זאָג: א־א־א... נו, גענוג. שווײַג שטיל. האָסט געכאַפּט אַן אינפלוענציע".
דער דאָקטער האָט אַ ביסל צוגעפּאָנפּעט דערבײַ, פונקט ווי ער זאָל שפּרעכן פראַנצויזיש. איך האָב געמיינט, אַז ער פּאָנפּעט צו, ווײַל זײַנע געדיכטע וואָנצעס פאַרשטעלן אים די נאָזלעכער. ער האָט געוווינט ווײַט, אין עק שטעטל, האָט ער אונטערגעיײַלט דעם באַלעגאָלע. יוינע האָט אַ צי געטאָן מיט די לייצעס.

די מאַמע האָט פאַרלוירן נאָכגעקוקט, ווי די בריטשקע פאַרקערעוועט און ווערט פאַרשוווּנדן. איר פלייצע האָט פאַר איין נאַכט זיך אַזוי אײַנ־געבויגן, אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַ האָרבאַטע. זי האָט געריבן מיט די פינגער דעם רעצעפּט, און אירע אויגן, רויטע פון געזאַלצענע טרערן, זײַ־נען איצט געווען געווענדט אַף מיזרעך, זי האָט געבעטן הילף. זיסל האָט געמאַכט עטלעכע טריט צו איר. די מוטער האָט זי באַמערקט, בלאַס גע־וואָרן פון סינעס. זיסל האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב זיך געשטעלט באַ־נאַנד מיט איר. די מאַמע האָט זיך אָפּגעקערט.

איך האָב ווידער גענומען זיסלען פאַר דער האַנט און געלאָזט זיך מיט איר אין שטוב אַרײַן. די מאַמע האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט, אײַ־בערגעיאָגט אונדז, אוועקגעשטעלט זיך פעסט, אַנטשלאָסן אַף דער שוועל, צעשפּרייט די הענט.

— נאָר איבער מײַנע טויטע ביינער!

מײַן מאַמע האָט געהאַט אַ שרעקלעכן אויסזען. איך האָב איר געזאָגט ווי מעגלעך ווייכער:

— מאַמע... מאַמעניו... לאָז אונדז.. לאָז זי...

נאָר די מאַמע האָט איבערגעכאַזערט הויך, אַנטשיידן, פאַרצווייפלט:

— נאָר איבער מײַנע טויטע ביינער!

ס'איז געוואָרן טויט־שטיל. פונקט ווי צווישן טויטע ביינער.

ביינער! טויטע ביינער!

וואַרף אַראָפּ די שיך! דו ביסט אַף אַ הייליק אָרט. דאָס זינדיקע לע־

---

[1] ווער בין איך? גאָט צי וואָס? (רוס.).

בעדיקע שטעטל איז געוואָרן א טויט הייליק אָרט. ס׳איז טויט־שטיל. ניטאָ קיין לעבעדיקער נעפעש. ניטאָ. קיינער ניט. ניט נויקע. ניט זיסעלע. ניט וועלוול מירלאס. ניט דאָדיע דער טאָטער. ס׳איז ניטאָ מאָניע ליפשיץ. ס׳איז ניטאָ אזריל פעמפיק. יוינע באלעגאָלע איז אויך ניטאָ. ניטאָ דאָק־טער פײַנבערג. ניטאָ פראָים פלוי. ניטאָ קיינער ניט. קונצענדאָרף וועט ניט קומען צו פאָרן מיט קלימענקאָן. צו וועמען? צו ביינער? צו טויטע ביינער? די ברידער רובין וועלן אויך ניט קומען. ווײַל זיי זײַנען ניטאָ. ניטאָ. און דער גוטמוטיקער אדמיניסטראטאָר וועט אויך ניט קומען. ער איז ניטאָ. ער האָט געהאט צו א לאנגע נאָז.

דארף מען קלאָגן, קינע זאָגן?.. באוויינען, ווי יִרמעיאָהו?.. אייכאָ?.. ווִיאזוי?..

ניין. מ׳דארף ניט. כ׳קאָן נאָך אליין אָנהייבן וויינען און וועל ניט זען, ווי צו שרײַבן. כ׳וועל בעסער זינגען א ליד. א וויגלידעלע. כ׳האָב דאָס געזונגען לייעלען.

אמאָל איז געווען א שטעטעלע.
דאָס שטעטעלע האָט געהאט...
וואָס האָט עס געהאט?
גאָרניט, שמוץ, קויט. קונצענדאָרפן.
מ׳טאָר ניט אזוי...
דאָס שטעטעלע איז ווי א מאמע.
דאָס שטעטעלע איז ווי א וויגעלע.
אונדזער אלעמענס וויגעלע.
דאָס שטעטעלע איז געווען מילד,
אײַ ליר־ליו, מײַן קינד.
וויי איז דיר און ווינד.
אָבער וואָס קאָן מען טאָן?..
גאָרניט. ניטאָ. פארפאלן.
פארפאלן?.. ווִיאזוי זשע, גאָטעניו געטרײַער?
מ׳קאָן דאָך פון זינען אראָפּ!..

נו שוין. גענוג. ווילסט זיך אויסוויינען, טאָ וויין זיך אויס. נאָר שטי־לערהייט. טויט־שטיל. מאך ניט א טעל די שטימונג בא אנדערע...

אָבער, ביינער! טרוקענע ביינער!
איר קאָנט דאָך וואונדער באווײַזן!
און ער האָט מיך אוועקגעשטעלט אין מיטן פעלד.
און דאָס פעלד איז געווען פול מיט ביינער.
און די ביינער זײַנען געווען טרוקן.
און ער האָט מיך געפרעגט:
צי וועלן אופלעבן די דאָזיקע טרוקענע ביינער?..
ניין, ניין, ניין! נ־יי־ן!
אזאמין וואונדער קאָן ניט געשען.

ס׳איז דאָך, אפילע, קיין ביינער ניט געבליבן. מ׳האָט זיי צעקלאפט. מ׳האָט זיי צעברעקלט. מ׳האָט זיי צעמאָלט. מ׳האָט זיי פארברענט. מ׳האָט געמאכט פון זיי אש. און דאָס אש איז אויך ניט פארבליבן. א ביסעלע אש

אין אן אורנע איז ניט פארבליבן פון א גאנצער שטאָט. גאָרניט. גאָר־ניטו.. צוליב וואָס זשע טרייסטן זיך מיט קינדער־מײַסעלעך?.. און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א ראַש, און די ביינער האָבן זיך א ריר געטאָן פונעם אָרט, און זיי האָבן זיך דערנעענטערט, איין ביין צו דעם צווייטן... גאָרניט. פארפאלן. אויסגעלאָשן. אָבער מ׳קאָן ניט פארגעסן. מ׳טאָר ניט פארגעסן. איבעריקנס, כ׳האָב צו אײַך קיין טײַנעס ניט. אויב איר קאָנט — רײַסט עס ארויס פון אײַערע הערצער. איך קאָן ניט. שמוציק אָדער ניט שמוציק — ביסטו מײַן שטעטעלע. מײַן היים. מײַן וויגל. און איך וועל דיר זײַן טרײַ ביזן טויט! ביז דער שווארצער מענטש וועט אָנקלאַפּן אין טיר...

6

און ווען עס איז געוואָרן אזוי שטיל, איז זיסל געשטאַנען מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און די פּלייצע האָט זיך בא איר געהויקערט קימאַט אזוי, ווי בא מײַן מאמען. געהויקערט און געטרייסלט זיך פון אינווייניקסטע שלוכצן. זי האָט זיך אָפּגעקערט און לאנגזאַם זיך דערווײַטערט.

די מאמע האָט מיר ארײַנגעשטעקט אין דער האנט דעם רעצעפּט:

— לויף גיכער אין אפּטייק. ס׳ט נעמען די רעפּוע.

כ׳האָב א קוק געגעבן איר גלײַך אין די אויגן:

— די בעסטע רעפּוע גייט אוועק פון אונדז...

די מאמע האָט זיך פארטראַכט. אוועקגענומען בא מיר דעם רעצעפּט. האָב איך דעריאָגט זיסלען, נאָכאמאָל גענומען זי פאר דער האנט, געפירט זי צוריק. די מאמע איז נאָך אלץ געשטאַנען א פארלאָרענע. ווען זי האָט אונדז דערזען, האָט זי זיך מיטאמאָל א קער געטאָן, און דאָס וואַרעמע טיכל, וואָס איז נאכלעסיק אראָפּגעהאנגען פון די פּלייצעס, האָט זיך אראָפּ־געגליטשט אף דער ערד. זיסל האָט ארויסגעריסן איר האנט פון מײַנער, צוגעלאָפן צו מײַן מאמען, אָנגעבויגן זיך, אופגעהויבן דאָס טיכל, ארופגעוואָרפן איר אף די אקסל און זייער שטיל געזאָגט:

— איר וועט זיך נאָך צוקילן... איר טאָרט ניט שלאָף זײַן... איר זײַט נייטיק נויקען...

מײַן מאמע האָט זיך אויסגעקערעוועט צו איר. זי האָט זיך א וואַקל געטאָן. זיסל האָט זי אונטערגעהאַלטן, ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך. טרערן האָבן זיך א גאָס געטאָן איבער איר בלאַס פּאָנעם. מײַן מאמע האָט זיך אויך צעוויינט. איך בין צוגעגאנגען, ארומגענומען זיי ביידן. טרערן זײַנען געשטאַנען אין מײַנע אויגן, נאָר איך האָב זיך אײַנגעהאַלטן. פּאָרט א מאנצבל. און איך האָב גיכער זיך אָנגעשטויסן, ווי דערהערט דאָס, וואָס מײַן מאמע האָט געשעפּטשעט זיסלען:

— ראַטעוועט מײַן יינגעלע...

אינגיכן איז געקומען דער פארדײַגעטער פעטער גדאַליע, און ביידע, די מאמע און ער, זײַנען אוועק אין אַפּטייק.

און איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, ברייט אופגעעפנט זי, דורכגע־לאָזט פאַרויס זיסלען אין צימער, און אַליין געבליבן שטיין אַף דער שוועל.

מיט ניט זיכערע טריט, אין האַלב פינצטערן צימער, ווו זי איז נאָך קיינמאָל ניט געווען און אין וועלכן זי האָט נאָך ניט באַוויזן אַרומקוקן זיך, האָט זיך זיסל געלאָזט גיין צום בעט. אָנגעבויגן זיך, אַראָפּגעלאָזט זיך אַף די קני. כ'האָב באַמערקט, ווי נויקעס ברייטע האַנט, אַ שוואַכע, אַ ציטערנדיקע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף איר קאָפּ. כ'האָב שטיל פאַר־מאַכט די טיר און בין אַרויס אין דרויסן.

7

איך האָב זיך דערמאָנט וועגן נויקעס שליכעס צו מירלאַסן און אוועק צו אים.

די ערעוו־פרילינגדיקע זון האָט זיך הייס צעשפּילט. דער שניי איז נאָך ניט צעגאַנגען, אָבער געוואָרן געדיכטער, טינקעלער, קלעפּיקער, און זײַן סקריפּ איז איצט געווען צוגעטויבט. איך האָב דערפילט מיט דער פלייצע די וואַרעמקײַט, אָבער ניט געזען די העלע שײַן פון די זון־שטראַלן, ווײַל מיט טרויער־שאָרן זײַנען געווען פאַרשאָטנט מײַנע אויגן. איך האָב געזען איינס און דאָס זעלבע, איך האָב געהערט איינס און דאָס זעלבע, איך האָב געטראַכט נאָר וועגן נויקען, און מײַן קורצער שוואַרצער שאָטן אַפן ווײַסן שניי איז געווען פאַר מיר, ווי אַ שוואַרצער קאָפּ אַף אַ ווײַסער קישן.

דער וואַרשטאַט איז געווען ווײַט, אין עק שטעטל, און ביז איך בין דערגאַנגען, איז מיר געוואָרן הייס. איך האָב צעשפּיליעט מײַן רעקל.

נאָך פונדערווײַטנס האָב איך דערזען מירלאַסעס ברייטע פּלייצעס, דער־הערט זײַן באַס. ער איז אַרומגעלאָפן איבערן הויף אין אַן אַלט שמוציק לײַבל און געזידלט עמעצן. ווען ער האָט מיך באַמערקט, האָט ער געוואָרפן אַף מיר אַ בייזן אומגעדולדיקן בליק.

— נו?..

איך האָב געשוויגן. ער האָט גאָרניט איבערגעלייענט אַף מײַן פּאָנעם, ער האָט ניט געקאָנט לייענען אַף מענטשלעכע געזיכטער. ער האָט בכלל ניט ליב געהאַט לייענען.

— נו? ווו איז ער? — האָט ער מיך אונטערגעאײַלט.

כ'האָב אים געענטפערט זייער פּאַמעלעכן:

— נויקע האָט געהייסן איבערגעבן, אַז ער וועט ניט אַרויסגיין הײַנט אַף דער אַרבעט.

וועלוול איז צוגעלאָפן צו מיר, אַ ריס געטאָן פאַרן קאָלנער אַזוי, אַז ער האָט מיר שיִער ניט צעריסן דאָס רעקל.

— וו־אַ־אָס?.. וואָס האָסטו געזאָגט?

איך האָב צורעכט געמאַכט דאָס רעקל, פאַרשפּיליעט עס אַף אַלע קנעפּ־לעך און איבערגעכאַזערט:

— נויקע האָט געהייסן איבערגעבן, אַז ער וועט הײַנט ניט אַרויסגיין אַף דער אַרבעט.

— וואָס הייסט?.. וואָס הייסט ער וועט ניט אַרויסגיין?.. די הילצערנע באַלקעס האָבן זיך שוין צעפּאַרעט, זיי זײַנען שוין ווייך, ווי וואַקס, זיי טאָרן מער ניט ליגן אין גרוב, זיי וועלן דאָך ווערן ווי פּאַלאַווע... האָ?

איך האָב געשוויגן. געשוויגן און געכידעשט זיך. אָט אַ־דער טעמפּער מירלאַס קאָן זיך אַפילע ניט אָנשטויסן אַ פרעג טאָן מיך, פאַרוואָס קאָן ניט נויקע קומען אַף דער אַרבעט. ער האָט נאָר אומגעלומפּערט געמאַכט מיט די הענט און שיר ניט געוויינט:

— פאַרפאַלן. דער גאַנצער זאַדעל וועט אַ טעל ווערן.

פאַר אַזעלכע גרויסע יאַדאָים האָבן די מאָדנע הילפלאָזע זשעסטן אויס־געזען קאָמיש און אַפילע נעבעכדיק. מיר איז געוואָרן אַ ביסל גרינגער אַפן האַרצן.

אָבער מירלאַס האָט, ווײַזט אויס, אָנגענומען עפּעס אַ באַשלוס.

ער איז אוועקגעלאָפן אין ווײַטן עק פונעם הויף, דאָרט, וווּ ס׳האָבן זיך געפּאַרעט די באַלקעס אין אַ גרויסער פאַרדעקטער גרוב. אין אַ צוויי־דרײַ מינוט אַרום האָט ער זיך באַוויזן. ער האָט געשלעפּט אַ באַלקע, אַ הייסע, אַ צעפּאַרעטע, ווי נאָך אַ באָד.

באַלד האָט ער זיך גענומען פאַרפעסטיקן איין עק פון דער באַלקע אין אַ הילצערנער אומבאַוועגלעכער ראָד, וואָס איז געשטאַנען אַף קאָזלעס אין מיטן הויף. דערנאָך איז ער שווער און אָנטשיידן צוגעגאַנגען צו דעם צווייטן עק פון דער באַלקע. די פּיס אין לאַנגע שווערע שטיוול האָט ער צעשטעלט ברייט און אַ ביסל אַף צוריק, און מיט די הענט און דעם גאַנצן קערפּער אָנגעדריקט אַף דער באַלקע מיט אַזאַ רעציכע, אַז די ראָד האָט אַזש אַ סקריפּע געטאָן. נאָר די באַלקע האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן איין מענטשלעכן קויעך דאָרט, וווּ עס האָבן זיך געפּאַדערט ניט ווייניקער, ווי צוויי.

אָבער וועלוול מירלאַס האָט זיך אויך ניט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט אָנגעשטרענגט זײַנע מוסקולן, אַזוי ווי קלימענקאָ. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן טונקל־רויט. די באַלקע האָט פאַמעלעך זיך אָנגעהויבן בייגן. נאָר עס האָט אויסגעזען, אַז מירלאַס האָט לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטן אַזאַ אָנשטרענגונג. ריטשקעלעך שוויס האָבן אַראָפּגערונען פונעם ברוינעם פּאַרקנייטשטן שטערן, מאַכנדיק נאַס די אופגעשוואָלענע אָדערן אַף זײַנע שלייפן און אַרײַנדרינגענדיק אינעם אָפענעם מויל.

גענוג. איך בין צוגעלאָפן צום אײַנגעשפּאַרטן מירלאַסן, געשטעלט זיך לעבן אים, אָנגעשפּאַרט זיך מיט אַלע מײַנע קויכעס אַף דער באַלקע. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער ווידערשטאַנד פונעם האָלץ איז אָפּגע־שוואַכט געוואָרן, אַז די אַרבעט איז אוועק לעבעדיקער. איך האָב דערהערט וועלוולס קלוימערשט ברויגזע אויסגעשרייען:

— דאַווײַ־דאַווײַ, נויקעלע!.. ניט געפּוילט זיך, נאָר געפּראַצעוועט. אַרבעטן דאַרף מען. רעדער מאַכן דאַרף מען. דאַ־ווײַ־י־יי!.. אָט אַזוי!

איז גוט. דאַווײַ. איך האָב טאַקע אָנגעשטרענגט אַלע מײַנע קויכעס, גאַט איז און איידעס. מיר האָט אַפילע ניט געאַרט, וואָס וועלוול רופט מיך אָן מיטן נאָמען פון מײַן ברודער. ער איז פּאַשעט פאַרטומלט. נו, און טאַקע

געווינט, אז באנאנד מיט אים זאָל שטיין נויקע. ער האָט עפּשער אַ טראַכט געטאָן: גוט, וואָס נויקע האָט אַ ברודערל. גוט, וואָס דאָס ברודערל איז מיר געקומען העלפן. ער איז פאַר מיר, ווי נויקעלע, רוף איך אים טאַקע אַזוי...

ווען די צוויי עקן פון דער אײַנגעשפּאַרטער באַלקע האָבן זיך ענדלעך באַגעגנט, האָט וועלוול פעסט פאַרבונדן זיי מיט דראָט.

איך בין געווען שטאָלץ מיט זיך. איך אַרבעט.

מירלאַס האָט מיך אַ קלאַפּ — אַ גלעט געטאָן איבער דער באַק, און איך האָב דערפילט, אַז ער איז צופרידן מיט מיר. ער האָט זיך געווענדט צו מיר, ווי צו אַ דערוואַקסענעם:

— נעמט מען, הייסט עס, אַ קלאָץ, און מ׳פּאַרעט אים ווי אין באָד, און מ׳מאַכט אים ווייך, ווי וואַקס, און מ׳בייגט פון אים, וואָס דו ווילסט. ווילסטו אַ רייף, האָסטו דיר אַ רייף...

און טאַקע באַלד האָט ער ווידער אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען מיט מיר, ווי מיט זײַן געזעל:

— נעם אַראָפּ דאָס רעקל.

איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל.

— אָט אַזוי! נו, פאַרקאַטשע די אַרבל! קום!

אַף זײַן אײנעם אַ שפּאַן האָב איך געמוזט מאַכן צוויי. נאָר איך האָב זיך געסטאַרעט ניט אָפּשטיין פון אים. מיר זײַנען צוגעגאַנגען צו דער גרוב, אַרויסגעשלעפּט אַ צעפּאַרעטע שמעקנדיקע באַלקע, צוגעטראָגן זי צו דער ראָד. מירלאַס האָט זי פאַרפעסטיקט. מיר האָבן זיך ביידע אײַנגע־שפּאַנט. דאָס האָלץ האָט זיך געהאַרכזאַם געבויגן. שפּאַנענדיק שווער, ווי מירלאַס, האָב איך בייז געברומט און זיך אַליין געמוסערט:

— גענוג אַ ליידיקגייער צו זײַן, גענוג צו שליאָנדערן איבער טריאַ־טערס. אַרבעטן דאַרף מען, רעדער מאַכן דאַרף מען! דאַווײַ־דאַווײַ! אָט אַזוי!

* * *

אַ קלונג, אַ שנײַדנדיקער קלונג האָט מיך אויפגעוועקט פון אַ פּופּציקיאַ־ריקן דרעמל.

ווו בין איך?

אַ! איך ווייס. איך זיץ אַף אַ קלאָץ אין מירלאַסעס הויף, אַ מידער, אַ צופרידענער. וועלוול האָט אַף קאַטאָוועס אַ קלונג געטאָן אין אַ קליין גלעקעלע. שאַבאַש, הייסט עס. אָנבײַסן.

אָבער די קלונגען ווערן וואָס אָפּטער.

אַ! איך ווייס. דאָס איז לייעלע. איך דערקען איר אומגעדולדיקע מאַניר פון קלינגען. וואָס אײַלט זי זיך אַזוי?

צווישן צוויי קלונגען — פּופּציק יאָר.

איצט בין איך שוין וואַך. איך עפן די טיר. געטראָפן. לייעלע. מיט די ליזשעס אין די הענט, אַ פאַרוויטלטע פונעם פראָסט, שטופּט זי זיך דורך

דער טיר מיט דער זײַט, און ווײַל די לאַנגע שטעקנס שטערן איר באַם אַרײַנגאַנג, ווערט זי אַף זיי ברוגעז און שלאָגט איין שטעקן מיטן צווייטן.

— לייעלע, צוליב וואָס האָסטו געמומען די ליזשעס? קיין שניי איז דאָך קימאַט ווי ניטאָ.

לייעלע קלינגט איצט מיט איר קעלכל:

— אַ שניי! ווען זשע קאָן איך זיך דערוואַרטן אָפן שניי!

זי האָט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס פוטערל, ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייט אירע הענט. אָ! קלאָר. באַלד וועט זי צוגיין צום בעט און נעמען אַ קישן. די קישן איז גרויס, און די הענט זײַנען קליין. צעשפּרייט זי די הענט באַ־צײַטנס, נאָך ווײַט פונעם בעט. געטראָפן. געכאַפּט אַ קישן, אַ שלײַדער געטאָן אַף דער קאַנאַפּע, אוועקגעלייגט זיך. שלאָפן? ניין. ניט גע־טראָפן.

— לייעלע! וואָס איז עפּעס מיט דיר?

נאָר ווי אַ מענטש, וועלכן מ׳האָט ראַפּטאָם אופגעוועקט פון אַ טיפן שלאָף, קאָן איך נאָך אַלץ ניט קומען צו־זיך. איך קוק אַפן מיידעלע מיט פרעמדע אויגן.

לייעלען איז נימעס געוואָרן וואַרטן, זאָגט זי שוין אַליין:

— זיידע, איך בין קראַנק.

כ׳האָב זיך צוגעזעצט לעבן איר. אָבער עפּעס שטײַף, פונקט ווי אַף אַ קלאָץ, און ניט ווי אַף אַ קאַנאַפּע.

— וואָס איז מיט דיר?

— איך האָב געזען אַ מאַשין מיט אַ רויטן קרייץ.

— נו איז וואָס?

— וואָס הייסט — וואָס?

ניט געוואַרט קיין רעגע אַף מײַן ענטפער, און באַלד זיך גענומען פלוי־דערן. אָבער גיך־גיך. אַז שטענדיק אײַלט זי זיך. פונקט ווי איך אַמאָל. פאַרוואָס?

— אַז ס׳פאָרט דורך אַ מאַשין מיט אַ רויטן קרייץ, דאַרף מען באַלד צונויפנעמען די האַנט אין אַ פויסט, אויב ניט, ווערסטו קראַנק. און מ׳דאַרף אים האַלטן, און האַלטן, און האַלטן, אַזש ביז די מאַשין וועט ניט דורכ־פאָרן, און נאָכדעם נאָכאַמאָל האַלטן און האַלטן, ביז דו וועסט ניט באַגע־גענען אַ מענטשן אין ברילן, ערשט דעמלט מעג מען צעעפענען דעם פויסט און ביסט זיכער, אַז דו וועסט ניט קראַנק ווערן. נאָר איך האָב אים גע־עפנט פריִער, און איצטער וועל איך קראַנק ווערן...

איך האָב זיך צעלאַכט. געלאַכט און געלאַכט. ביז טרערן אין די אויגן.

— ווער זשע האָט דיר דאָס געזאָגט?.. ניט קונצענדאָרף?

לייעלע האָט זיך באַליידיקט.

— וואָס פאַר אַ קוציִדאָף!.. דאָס האָט מיר מישקע לויטמאַן אַליין גע־זאָגט.

נו, אַז מישקע לויטמאַן אַליין, — איז דאָך קיין פראַגע ניט.

— פונוואַנען ווייסט ער עס, דײַן מישקע?

— וואָס הייסט — פונוואַנען?.. ער האָט אויך געעפּנט דעם פּויסט פּריִער, איז ער קראַנק געוואָרן אַף געלזוכט.

קלאָר.

נאָר ווײַל איך האָב ווידער אָנגעהויבן שמייכלען, האָט לייעלע אויסגע־דרייט זיך צו דער וואַנט.

איך האָב אַרויסגערוקט דעם טיש־שופלאָד, גענומען דעם טערמאָמעטער.

— הייב אוף די האַנט.

— ניין. גיב מיר. איך וועל אַליין.

אַליין איז אַליין.

מיטאַמאָל איז זי שטיל געוואָרן. זי הערט זיך צו, ווײַזט אויס, ווי דאָס קוועקזילבער הייבט זיך אוף אין דעם טערמאָמעטער. מוז מען אָבער אַכ־טונג געבן, אַז די קליינע זאָל אים ניט צעברעכן אָדער אַרויסוואַרפן. האָב איך גענומען אַ קליין קישעלע אין אַן אויסגענייט ציכעלע און צוגעלייגט זיך אַף דער קאַנאַפּע לעבן לייעלען. דאָס איז איר, דאַפקע, געפעלן. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאַנעם צו מיר און געוויזן מיר דעם טערמאָמעטער. איך האָב געכאַפּט אַ קוק אַף אים און אַ זיפץ געטאָן:

— יאָ, לייעלע. דו ביסט טאַקע קראַנק. האָסט זייער גרויסע היץ. אַזש פינף און דרײַסיק...

לייעלע האָט זיך דערפרייט.

— אָט זעסטו! איך האָב דאָך דיר געזאָגט...

מער פון צוויי מינוט האָט לייעלע ניט געקאָנט שטיל זײַן. האָט זי זיך ווידער גענומען פּלאַפּלען. איצט שוין וועגן עפּעס אַנדערש.

— דײַנע פיס, זיידע, זײַנען לענגער פון מײַנע אַף גאַנצע צוויי מע־טער. איין פוס — אַף איין מעטער און דער צווייטער פוס אויך אַף אַ מעטער...

איך האָב געשמייכלט און געשוויגן. לייעלע האָט פאַרגעזעצט אירע באַאָבאַכטונגען:

— בא דיר איז אַ גרויסער קאָפּ און אַ קליין קישעלע, און בא מיר איז אַ קליין קעפּעלע און אַ גרויסע קישן, דאָס איז עפּעס ניט ריכטיק...

זי האָט מיר אונטערגערוקט איר קישן.

— לאָמיר זיך בײַטן מיט די קישנס, גוט?

איך האָב גאָרניט געענטפערט. ס'איז געוואָרן שטיל. אין דער שטיל־קײַט און עפּשער פון דער שטילקײַט — אַ טיק־טאַק פון אַ זייגער. און עפּשער אַ זשומען פון אַ פליג. זשום־זשאָם. סאַם־סאָם. סאַם־סאָם...

ווי קומט אַ פליג אינמיטן ווינטער?

זי איז געווען פאַרפרוירן. פּופּציק יאָר איז זי געלעגן ערגעץ אין אַ לעכעלע, אַ פאַרפרוירענע. איצט האָט זי אופגעלעבט. געקומען צו פליִען פון אַ ווײַט טויט שטעטעלע. ביסט געשטאָרבן, נויקע? צי ביסט געבליבן לעבן? עפּשער וואָלט גלײַכער געווען זאָלסט טאַקע געווען שטאַרבן? וואָס שווײַגסטו, נויקע, מײַן דרייסטער, מײַן אָרעמער ברודער?

לייעלע האָט פאַרוווּנדערט געקוקט אַף מיר.

— וואָס ביסטו אַזוי בלאַס געוואָרן, זיידע?.. עפּשער האָב איך דיך אָנגעשטעקט?

זי האָט מיך אָנגעהויבן טרייסטן:

— זאָרג זיך ניט, ס׳קאָן אַפּילע זײַן, אַז איך בין ניט קראַנק, ווײַל די מאַשין איז אַריבערגעפאָרן איבער דער בריק, און אויב זי איז אַריבערגעפאָרן איבער דער בריק, האָב איך שוין געמעגט עפּעגען דעם פּויסט, ווײַל אַ בריק...

בריק. בריק. איך האָב זיך דערפרייט מיט אָט דעם וואָרט, ווי... יאָ, ווי דער לאַנגנאָזיקער אַדמיניסטראַטאָר מיט דער לאַטע. יאָ־יאָ. ס׳איז פּונקט דאָס וואָרט, דאָס קליינע טרעפלעכע וואָרט, וואָס איך האָב געדאַרפט האָבן, קעדיי צו פאַרענדיקן מײַן דערציילונג. אַ בריק איבערן טײַך. איבערן טײַך פון אַ מענטשלעך לעבן. פון זײַן ווינטער־צײַט ביזן צווייטן פרילינג.

נאָכעמקע עסרעג

ראָמאַן

מײַן מוטער און מײַן קאָפּין —
אָנשטאָט א מאַצייווע

1. קאָפּין

ען נאָכעמקע עסרעג האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם פאָלקאָווניק פלאוויצקיס אולטימאטום, אז קאָפּין דארף אין מעשעך פון פיר און צוואנציק שאָ ארויסגעבן דעם שולדיקן, וואָס האָט געטויט דעם פוילישן סאָלדאט, און אויב ניט, וועט דאָס שטעטל אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד, איז ער, נאָכעמקע, ניט דערשיטערט געוואָרן. מיסטאָמע דערפאר, וואָס ער האָט זיך פּאָשעט ניט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס דאָס באטײַט. אָט אזוי־אָ נעמט מען און מע ווישט אָפּ פון דער ערד א גאנץ שטעטל מיט א גרויסן מארק, מיט א שול, א קלויסטער און א קאָסטיאָל, מיט דרײַ בעסוילעמס, א ייִדישן, א קאטוילישן און א פראוואָסלאוונעם, מיט שטיבער און הויפן, און מיט פיר טויזנט אײַנוווינער?

ווען מע האָט אָבער צעשטעלט בא אלע וועגן, וואָס האָבן געפירט פון קאָפּין, הארמאטן און קוילנווארפערס, האָט זיך נאָכעם פארטראכט. און אויב טאקע יאָ? וואָס זשע וועט פארבלײַבן פונעם שטעטל? א ביסל אש? און מער גאָרניט? ניין, ס'איז אומעגלעך! עפּעס אן אָנדענק מוז דאָך בלײַבן, א זייכער לעדוירעס.

ער האָט געהאָפט, אז דאָס וועט אופטאָן דער פעטער אײַזיק. ער שרײַבט א פּינקעס וועגן די ליידן פונעם ייִדישן פאָלק מײַעמיי פארע־מעלעך־מיצראַיִם און ביז פעטליורען און דעניקינען, וועט דאָס לעצטע קאפּיטל הייסן — „כורבן קאָפּין".

עס טויג אָבער ניט. פארוואָס עפּעס נאָר „וועגן די ליידן"? און וועגן די פריידן? און וועגן דעם פולבלוטיקן לעבן פון די בניי־קאָפּין ביכלאל?

האָט ער א פרווו געטאָן, נאָכעמקע, פארקריצן אין זײַן מויעך גאנץ קאָפּין. ס'איז אָבער אומעגלעך, דער קאָפּ קאָן פלאצן פון די טויזנטער קאָ־פּינער, יונגע און אלטע, שיינע און מיִעסע, טונקעלע און העלע, קלוגע און נארישע, וואָס פּלאָנטערן זיך אין זײַן זיקאָרן. איז זאָל זײַן ניט אלע. זאָל זײַן א טייל. א קליין טיילכל כאָטש פון נאָענטע און אייגענע. נאָר, ניטאָ קיין ברײרע. מע מוז ראטעווען דאָס, וואָס סע לאָזט זיך.

1. די באָבע

מײַן באָבע האָט מיר געזאָגט, אז איך זאָל צוגיין צו אלטערן דעם באלעגאָלע, כאפּן א קוק אָף זײַן גאסט.

— אלע גייען, איז גיי אויכעט. מע זאָגט, אז ער איז געקומען צו פאָרן פון אמעריקע. עפּשער האָט ער עפּעס געהערט וועגן טאטן.

און אויב ער וועט זיך נעמען מיך אויספרעגן וועגן מײַן טאַטן, איז וואָס קאָן איך אים זאָגן?

מײַן פאָטער איז אוועקגעפאָרן, ווען איך בין אלט געווען קנאפע דרײַ יאָר. און אויך פון די־אָ דרײַ יאָר איז ער צוויי, אָדער אפילע עפעס מערער, ניט געווען אין דער היים. דאכט זיך, אז ער איז געווען אין קיִעוו, דער־פאר געדענק איך אים קימאט אינגאנצן ניט. אויסער דעם האָב איך ניט ליב שליאָנדערן איבער פרעמדע שטיבער. כוץ איינער. דאָרטן, ווו אָקסאנע וווינט.

„בעסער וואָלסטו אליין געגאנגען צו אים״, — האָב איך געוואָלט זאָגן דער באָבען. נאָר כ׳האָב זיך מעיאשעוו געווען, אלציינס וועט די באָבע ניט גיין צום כאָשעוון גאסט פון אמעריקע. וואָרעם זי איז בלינד אף איין אויג. שעמט זי זיך. ווען די באָבע גייט ארויס אין גאס, ציט זי אָן דאָס טיכל, ווי עפעס א דאשעק, אפן לינקן אויג און קוקט אף דער וועלט פון אונטער דעם טיכל מיט איין אויג. מיטן רעכטן.

— גוט, — ענטפער איך דער באָבען, — כ׳גיי שוין.

די באָבע שרײַט מיר נאָך דורך דער אָפענער טיר:

— זאָלסט אָבער זײַן געהיט, נאָכעמקע. ט׳האָסטו די בעקעשע, טו זי אָן, ס׳איז קילבלעך.

גלײַך ווי זי וואָלט מיך ארויסבאגלייט אין א ווײַטן וועג. אז טאָמיד ציטערט זי, ס׳זאָל זיך מיט מיר, כאָלילע, עפעס ניט טרעפן. אוי, האָב איך א ווױלע באָבע. און איך בין א פריקרע, כ׳מוז זיך מודע זײַן, כ׳פאָלג ניט די באָבע. איך פויל זיך אפילע אמאָל ברענגען נאָך אן עמער וואסער פון דער קרענעצע.

— כ׳וואָלט אזוי ניט געציטערט איבער דיר, ווען דו וואָלסט, נעבעך, ניט געווען קיין יאָסעם. כ׳בין דיר א באָבע, א מאמע און א טאטע.

אזוי זאָגט מיר מײַן באָבע. און זי איז גערעכט. זי איזווירקלעך מיר א מוטער, א פאָטער און א באָבע. דער טאטע, אויב ער לעבט, איז ערגעץ זייער ווײַט, אין אמעריקע. און די מאמע ליגט אפן דעק פונעם אָקעאן. זי איז געפאָרן צום פאָטער און ניט דערפאָרן. זי האָט געוואָלט מיך אויך מיטנעמען, נאָר די באָבע האָט זי אָפּגערעדט. „ער איז צו א שלאבעריקער, נאָכעמקע, ער וועט ניט אויסהאלטן אזא מין ווײַטע רײַזע״. די מאמע גע־דענק איך. וואָרעם ווען זי האָט זיך געלאָזט אין וועג, בין איך שוין געווען צוויי מאָל עלטער ווי דעמלט, ווען דער טאטע איז אוועקגעפאָרן. מײַן מאמע איז געווען א שיינע. א פיגור האָט זי געהאט ווי אָקסאנע, א דינע, א שלאנקע. נאָר אָקסאנע האָט העלע האָר. די מאמע איז געווען א שווארצ־כיינעוודיקע, געהאט גרויסע טונקעלע אויגן. ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט מיר, האָט זי מיך פלוצעם געפרעגט: „פארוואָס ביסטו אזא קאלטער מאַ־לעדן?״ כ׳מיין, אז איר האָט זיך עס אויסגעוויזן איבער דעם, וואָס זי האָט געקוקט אף מיר דורך טרערן. זי האָט געמיינט, אז איך ברויגעז זיך, מאכ־מעס זי לאָזט מיך איבער. זי האָט מיך געקושט און אײַנגערעדט: „איבער־איאָר, נו, אין מערסטן, איבער צוויי, ווען דו וועסט א ביסל געזיינטער ווערן, וועלן מיר קומען צו פאָרן נאָך דיר, איך אָדער דער טאטע״. איז אָט וואַרט איך און וואַרט. שוין באלד אכט יאָר אריבער, און קיינער קומט

ניט נאָך מיר. גוט, וואָס איך האָב אזא באָבע, אניט וואָלט איך פארפאלן געוואָרן. איך באדויער ביז איצט — איך האָב די מאמע אפילע קיין קוש ניט געטאָן. פּאָשעט צוגערירט זיך מיט די ליפּן צו איר נאָז — און שוין.

ערשט שפּעטער האָב איך זי געקושט הונדערט מאָל. אף אונדזער גרויסער פאמיליען־פאָטאָגראפיע. די באָבע האָט דעמלט שרעקלעך געוויינט. ווען מײַן מאמע האָט געלעבט, האָט די באָבע ניט זייער זי ליב געהאט. „מײַן שנור איז צו שיין. צו שיינע קאָנען ניט זײַן קיין איבערגעגעבענע מאמעס...״ אזוי פלעגט זאָגן די באָבע.

נאָר ווען ס׳איז אָנגעקומען די יעדיִע, אז איר שנור איז דערטרונקען געוואָרן צוזאמען מיטן „טיטאניק״, האָט די באָבע עטלעכע טעג נאָכאנאנד ניט אופגעהערט צו וויינען. דערנאָך איז זי אוועק אפן אלטן בעסוילעם און ווידעראמאָל געגומען קלאָגן. די באָבע זאָגט, אז דאָרטן איז איר גרינגער אויסוויינען זיך, ס׳הייסט, אפן קייווער פון מײַן זיידן, וועלכן איך האָב קיינמאָל ניט געזען. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געוווסט וועגן אים, איז אז מע האָט אים גערופן פראָ:ים עסרעג. מערער וואָלט איך גאָרנישט ניט געוווסט, ווען ניט די באָבע. זי האָט ליב מיר דערציילן וועגן אים. שוין לאַנג, אז דער זיידע איז געשטאָרבן, נאָך אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט, א יאָר צוואנציק צוריק. די באָבע ווידער דערציילט וועגן אים אזוי, גלײַך ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געשען. ווען דער זיידע וואָלט ניט געשטאָרבן, וואָלט ער אציַנד געוועזן א בען־שיווים. זינט ער האָט איבערגעוואנדערט אפן אלטן בעסוילעם, האָט זיך די צײַט ווי אָפּגעשטעלט. עס טרעפט, אז די באָבע נעמט אראָפּ פון דער וואנט די גרויסע פאמיליען־פאָטאָגראפיע, בלאָזט אראָפּ פון איר דעם שטויב, טײַט אָן מיט א טרוקענעם פינגער אף דעם זיידנס געזיכט און זאָגט:

— כאַפּ נאָר א קוק אף אים, ווי יונג ער זעט אויס!

וואָלט זי כאָטשבי געזאָגט „אויסגעזען״. איז ניין — „זעט אויס״.

פרעג איך די באָבע:

— קאָן דען א זיידע זײַן יונג? און אויב דער זיידע איז יונג, איז פאר־וואָס ביסטו אלט?

צעלאכט זיך די באָבע. גלײַך ווי עס גייט ניט וועגן א געשטאָרבענעם, נאָר א לעבעדיקן זיידן, וועלכן זי קאָן באלד א רוף טאָן פונעם שכיינעס־דיקן צימער און א זאָג טאָן אים:

— אוי, פראָ:ים, האָבן מיר אן אייניק! אן אלטער קאָפּ!

מײַן באָבע האָט ליב א לאַך טאָן און א שפּאס טאָן. דאָס לאכן פּאסט איר זייער. א ביסל מאכט קאליע דאָס פארמאכטע אויג. עס באקומט זיך ווי א טונקעלע לאטע אף א העלן געלעכטער. מיר זײַנען אָבער אלע צופרידן, ווען די באָבע קוועלט. כוץ דעם פעטער אײַזיק. ער זאָגט, אז פאר אן אלטן מענטשן איז ניט אָנשטענדיק צו לאכן, ווי עפּעס א דאָרפס־מויד.

די באָבע באליידיקט זיך ניט. זי ווישט אויס דאָס טרערנדיקע אויג מיטן עק פונעם טיכל און זאָגט, אז זי האָט זיך אָנגעשטעקט פון איר פראָ:־מען. דער זיידע האָט ליב געהאט א געשמאקן געלעכטער. איז וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן?.. ווידער פארפלאָנטערט זיך. ס׳איז, אפּאָנעם, ד׳ערפּאר, וואָס איין געדאנק לויפט אָן אפן צווייטן, ווי א כוואליע אף א כוואליע.

די באָבע האָט געוויינט און געוויינט און דערנאָך אוועק אפֿן בעסוילעם און גענומען ווידער קלאָגן אפֿן זיידנס קייווער. זי טוט שטענדיק אזוי, ווען ס'איז איר שווער אפֿן הארצן. ווען זי מוז זיך אויסוויינען אָדער זיך אן אייצע האלטן. אויסוויינען זיך — דאָס לאָזט זיך פארשטיין. דאָס קאָן מען אומעטום. און אף א הייליק אָרט אוואדע. טרערן רינען דאָרט פֿון זיך אליין. אָבער אן אייצע האלטן זיך? וויאזוי איז דאָס מעגלעך? מיט א טויטן?

כ'ווייס ניט, וואָס פאר א שמועס איז דאָרטן פאָרגעקומען צווישן דער באָבען און דעם זיידן, נאָר זי האָט אָנגעהויבן אזוי, גלייך ווי זי וואָלט געהאלטן באם פארענדיקן דעם געשפּרעך מיט אים.

— ווען כ'וואָלט געוועון וויסן, וואָס פאר א סאָף ס'וועט ארויסקומען, וואָלט איך דען געלאָזט עלקען פאָרן?

ווען אירע ווערטער וואָלטן געווען געווענדט נאָר צו מיר, וואָלט די באָבע דען אָנגערופן מיין מוטער באם נאָמען?

— כ'וואָלט שוין בעסער אליין געפאָרן. נאָר ווער האָט געקאָנט וויסן? ס'איז דאָך פאָרט „טיטאניק"!

מיין טאטע האָט בעשאסמייסע געכאפּט א גוטן פּסאק פֿון איר.

— ווען יויסעף זאָל געווען זיין א לייטישער זון, וואָלט ביכלאל גאָר־נישט ניט געשען. אלע צאָרעס און שלעק זיינען איבער אים. ווען ער פארנעמט זיך ניט מיט די דאָזיקע געשעפטן, וואָלט ער ניט באדארפט זיך ראטעווען, פאָרן קיין אמעריקע, און עלקע וואָלט אויך פארשפּאָרט זיך לאָזן צו אים. און איך אויך. איך וואָלט אויך ניט געדארפט אָנציִען דאָס טיכל איבער די אויגן.

יויסעף — דאָס איז מיין טאטע. ווידער, ווען זי ווענדט זיך צו מיר, וואָלט זי זיך אויסגעדריקט אנדערש: „ווען דיין פאָטער זאָל געווען זיין א לייטישער מענטש..." זי וועט מיר אָבער דאָס קיינמאָל ניט זאָגן. פארקערט. טאָמיד זאָגט זי מיר, אז איך האָב געהאט זייער א לייטישן טאטן. פאר־וואָס — געהאט? ער לעבט דאָך ערגעץ. כ'האָב אויך ניט פארשטאנען, וואָס הייסט — „די דאָזיקע געשעפטן"? אצינד ווייס איך. און דאן האָב איך ניט געוווּסט. איך פארשטיי אויך ניט, וואָס האָט דאָ צו טאָן — „איך וואָלט ניט געדארפט אָנציִען דאָס טיכל אף די אויגן".

איצטער נעמט די באָבע מיט ציטעריקע הענט די גרויסע פאמיליען־פאָטאָגראפיע. כ'ווייס, צוליב וואָס. זי וועט זיך נעמען אויסמעקן מיין מאַ־מען פֿונעם צעטל פֿון די לעבעדיקע. זי איז פֿול מיט זאבאָבנעס, מיין באָבע. מע דארף, הייסט עס, אָפּטיילן די טויטע פֿון די לעבעדיקע. איך האָב פארגעדענקט די דאָזיקע ווערטער. כאָטש ניט איבעריקס ארייַנגעדרונ־גען אין זייער זין. כ'האָב נאָר געזען, ווי די באָבע שטעכט דורך מיט א נאָדל צוויי קליינינקע לעכעלעך פֿון ביידע זייטן פֿון מיין מאמעס שיינעם קאָפּ. אזעלכע לעכעלעך האָט די פאָטאָגראפיע פארמאָגט ניט ווינציק. לעבן זיידן. לעבן דעם פעטער מענדל... עפּעס ענלעכס אפילע לעבן טאטן. צי עפּשער האָט זיך מיר דאָס נאָר אויסגעוויזן. כאָטש די ווייטע אמעריקע אף יענער זייט אָקעאן איז קימאט פּונקט ווי אף יענער־וועלט.

די באָבע איז מעסוקן בייז אף מיין טאטן. צוליב וואָס האָט ער גע־דארפט אויסשרייבן עלקען צו זיך קיין אמעריקע? וואָלט דען ניט געווען

טויזנט מאָל בעסער, ווען ער וואָלט זיך געווען אומגעקערט אהער, אין דעם פּאַטערס שטוב מיטן אַלטן עפּלבוים?

אָ, דער עפּלבוים! ער איז ווירקלעך מעסוקן אַלט. קוים וואָס ער לעבט. דער שטאַם האָט זיך אויסגעקרימט, האַרבאַטע געוואָרן, צעשפּענדלט זיך און האַלט זיך „אַף די פּיס" נאָר אַדאַנק זייער אַ קונציקן אונטערשפּאַר, וועלכן די באָבע האָט אויסגעמײַסטרעוועט מיט אירע אייגענע הענט. וואָ־דען! זי קאָן זיך דען פאַרלאָזן אַפן פּעטער אײַזיקן! מײַן באָבעניו האָט זייער ליב דעם עפּלבוים. אַ קוק טאָן אַף אים, איז דאָס ניט מער ווי אַ טשאַכלע ביימל. אָבער ווי פּרוכטבאַר דאָס איז! בייס אַ גערעטעניש ברעכן זיך די צווײַגן פון דער שעפּע רויטע עפּעלעך. יעדן פרימאָרגן ברענגט די באָבע אַ פולן פאַרטעך, פאַרזוך, הייסט עס, נאָכעמקע, וואָס פאַר אַ געשמאַקע עפּל!

דער דאָזיקער עפּלבוים איז ווי אַ מיטגליד פון אונדזער מישפּאָכע. ער האָט זיך אַרײַנגעפּאַקט אפילע אין אונדזער פאָטאָגראַפיע. טאַקע אַדאַנק דער באָבען. קוים אײַנגערעדט דעם פאַן קאַזימיר קאַרפּאָוועצקין, אונדזער פאָטאָגראַף, וועלכער האָט גוואַלדיק־גרויסע רויטע וואָנצעס, ער זאָל קומען צו אונדז. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט שלעפּן דעם שווערן אַפּאַראַט צוליב „דעם־אָ עפּלבוים". באַ זיך אין הויף האָט ער אַ פּיל בעסערן פּאָן. אַ גאַנצן גאָרטן, און ניט עפּעס אַ נישטיק ביימל. גוט, וואָס דער פּעטער מענדל האָט זיך אַרײַנגעמישט. אויב, זאָגט ער, דעם פּאַן קאַזימיר איז ניט באַקוועם שלעפּן זיך מיטן אַפּאַראַט, וועט ער אים אַליין ברענגען צו טראָגן. „וויאַזוי אָבער וועסטו דאָס טאָן, אַז דו ביסט קימאַט פּאַראַליזירט?" — פרעגט מיך די באָבע, דערציילנדיק וועגן דעם, גלײַך ווי איך וואָלט געווען דער פּעטער מענדל. מײַן באָבע פאַרבײַט אָפט די יאָצרעס. זי זאָגט, אַז די פראַגע האָט זי דעמאָלט פאַרגעבן הויך אַף אַ קאָל, וואָרעם זי האָט גע־מיינט ניט דעם פּעטער מענדל, נאָר דעם פּעטער אײַזיק. ער אָבער, דער פּעטער אײַזיק, האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. אַזאַ טעווע האָט ער. אפילע ווען ער שווײַגט, האָט ער אָדער אַן איראָניש, אָדער אַ באַליידיקט פּאָנעם. דעמאָלט האָט ער אויכעט איראָניש געשמייכלט: „אַן עפּלבוים! אַ מעשוגאַס פון אַן אַלטער יידענע, מישטיינסגעזאָגט..." דער פּעטער אײַזיק האָט אַ בלייכע בלאָווקײַט אונטער די אויגן. ער איז געווען ייִנגער פונעם פּעטער מענדל, נאָר אויסגעזען האָט ער עלטער.

דער פּעטער מענדל האָט טאַקע אויסגעפּירט זײַנס. ער איז ניט געווען אינגאַנצן געליימט. מיט דער הילף פון אַ שטעקעלע פלעגט ער זיך באַוועגן גאַנץ נישקאָשעדיק. דער רעכטער פוס האָט אָבער ניט געשפּאַנט, נאָר נאָכ־געשלעפּט זיך. ווען ער האָט פּעכקענדיק און סאָפּענדיק געבראַכט צו שלעפּן דעם אַפּאַראַט, האָט ער געזאָגט דער באָבען:

— שוויגער, כ'מיין, אַז כ'האָב פאַרדינט באַ אײַך אַ פרישן פּיפּאַלעק מיט סמעטענע, נו, זאָל כאָטש זײַן מיט פּידסמעטענע.

דער פּעטער מענדל האָט געהאַט אַ ברייט פּאָנעם און אַ ברייט מויל, ווי אַלע וואַסערבערס. ווען ער פלעגט שמייכלען, האָט זײַן פּאָנעם זיך צעטיילט אַף צוויי כאַלאָקים — דער אונטערשטער איז געווען באַשײַנט מיט אַ שמייכל, דער אייבערשטער אָבער איז באַדעקט געווען מיט אַ שאָטן, וואָרעם ער האָט געליטן פון שטאַרקע ווייטעקן. די באָבע האָט ליב

געהאט איר אײדעם און אונטערגעהאָדעוועט אים יעדן פרײַטיק, ווען זי האָט געבאַקן ברויט, מיט א הייסן, געשמאַקן פּיפּאַלעק.

טשיקאווע, ווען דער עפּלבוים וועט שטאַרבן, וועט אים די באָבע אױ־כעט אויסמעקן פונעם צעטל פון די לעבעדיקע מיט נאָדל־שטעכן?

כ׳ווייס, וויאַזוי די באָבע וועט מיר ענטפערן אַף דער פראַגע:

— דער עפּלבוים וועט איבערלעבן מיך. אַלע אונדז...

ווײַל דער בוים איז טיף אײַנגעגראָבן אין דער ערד מיט זײַנע וואָרצ־לען.

2. דער פאָטער

קאָפּין רוישט. אַלטער דער באַלעגאָלע האָט געבראַכט אַף זײַן בריטשקע עפּעס א האַלב טויטן מענטשן פונעם וואָקזאַל. ווער דאָס איז, ווייסט קיי־נער ניט. פונוואַנען? „מע זאָגט...״ פון פראָסקוראָוו. פון קיִעוו. און אַפילע — אַזש פון אַמעריקע. אַלטער, ווידער, שווײַגט. ער ווייסט אַליין ניט, זאָגט ער. ער דערציילט מיט א פאַרטײַעט פּײַערל אין זײַנע צעפּאָלאָ־כעטע אײגעלעך:

— הערט א מײַסע! נעמט ער, מײַן פאַרשווינדל, הייסט עס, און פאַלט אינמיטצקעדערינען כאַלאָשעס. אינמיטן וועג, הייסט עס. קוים דערפירט אים.

— וואָסי?

— כ׳ווייס וואָס? דאָקטער טויבעס זאָגט — דאָס האַרץ איז שולדיק.

וויבאַלד די באָבע האָט דערהערט „אַמעריקע״, זאָגט זי מיר:

— גיי, נאָכעמקע, כאַפּ א קוק אַף אים. עפּשער ווייסט ער עפּעס וועגן דײַן טאַטן.

גיי איך צו אַלטערן. כאָטש כ׳מיין, אַז ס׳איז פּוסטע כאַלוימעס, פּליאָט־קעס. „מע זאָגט...״ וואָס פּלוצעם פון אַמעריקע? ס׳איז פאָלג מיך א גאַנג. און נאָך הײַנטיקע צײַטן. און אויב אַפילע יאָ, איז דאָך אַמעריקע ניט קאָפּין. א מענטש איז דאָרטן א זעמדעלע. איז וואָס זשע קאָן ער וויסן, דער־אָ גאַסט, וועגן מײַן טאַטן?

אינעם צימערל איז געווען פּוסט און שטיל. א קליין לעמפּל האָט שוואַך געלויכטן און אַרויסגעלאָזט א שאַרפן נאַפט־רייעך. כ׳האָב ניט באַמערקט צוערשט, אַז אַף דער קושעטקע ליגט א מענטש. און ווען איך האָב אים דערזען צווישן די לאַנגע שאָטנס, האָב איך ניט געקאָנט אונטערשיידן, צי ער שלאָפט, צי די אויגן זײַנען בא אים פאַרמאַכט אָדער אָפן. אַף יעדן פאַל האָב איך א זאָג געטאָן מיט א קאָל, וואָס שעמט זיך פאַר זיך אַליין:

— גוט־אָוונט.

און געטראַכט: אויב איך וועל ניט דערהערן קיין ענטפער, הייסט עס, אַז ער שלאָפט. וועל איך גלײַך זיך אָפּטראָגן.

דאָס האַרץ אָבער האָט בא מיר געקלאַפּט ווי אין א פיבער. כ׳ווייס ניט פאַרוואָס. געדאַנקען באָברען זיך אין קאָפּ א גאַנצן טאָג. און פון דעם שאַרפן נאַפט־רייעך האָט ער זיך אַצינד פאַרדרייט. האָב איך זיך צוגע־שפּאַרט מיט אַן אַקסל צו א שאַפע.

— גוט אָוונט,—האָט זיך דערהערט פון ערגעץ ווײַט, ווי פון יענער זײַט פענצטער.

גלײַך ווי איך וואָלט זיך באמיט וואָס גיכער פאַטער ווערן פון עפּעס אומאָנגענעמס, האָב איך אפגיך אויסגעשאָטן דאָס, וואָס איך האָב פאַרגרייט, גייענדיק אהער.

— איך בין נאָכעם עסרעג. מײַן טאַטן האָט מען גערופן יויסעף עסרעג. ער איז אוועקגעפאָרן אין טויזנט נײַן הונדערט זיבעטן יאָר קיין אַמעריקע. אין פינף יאָר ארום איז מײַן מאמע געפאָרן צו אים. זי איז אָבער ניט דערפאָרן ווײַל... ווײַל...

— מאַך צורעכט דעם לאָמפּ, ס'איז פינצטער,—האָט זיך דערהערט, איצט שוין פון דער זײַט פענצטער.

איך האָב זיך צוגעאײַלט, ארויסגעדרייט דעם קנויט אזוי, אז דעם פלאַם איז געוואָרן ענג אינעם לאָמפּ־גלעזל, דאָס רויטע צינגל האָט א צי געטאָן זיך אין דער הייך, שיר ניט ארויסגעריסן זיך פונעם גלעזל.

— גיי צו נעענטער.

בין איך צוגעגאנגען. דער מענטש האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פונעם קישן, שארף א קוק געגעבן אף מיר מיט שײַנענדיקע אויגן און געזאָגט:

— דערצייל ווײַטער. נאָר מע דאַרף ניט...

כ'האָב זיך אָנגעשטויסן, אז ער האָט געוואָלט זאָגן, „נאָר מע דאַרף ניט וויינען". כ'האָב אָבער אזוי אויך ניט געוויינט. כ'האָב זיך פּאַשעט פאַרהיקעט. דאָס טרעפט זיך מיט מיר אלעמאָל, ווי נאָר כ'דערצייל וועגן דעם זינלאָזן טויט פון מײַן מאמען.

— זי איז דערטרונקען געוואָרן. פונעם פאָטער האָבן מיר גאָרניט באַקומען. מיר ווייסן ניט, וואָס ס'איז מיט אים. מע האָט אונדז געזאָגט, אז איר זײַט געקומען פון אמעריקע. האָט מיר מײַן באָבע געהייסן, אז איך זאָל בא אײַך פרעגן, עפּשער האָט איר עפּעס געהערט פון מײַן טאַטן.

דער מענטש האָט געשוויגן. האָב איך ווידער איבערגעכאַזערט:

— מײַן טאַטנס נאָמען איז יויסעף עסרעג.

כ'האָב געוואַרט אף אן ענטפער א גאַנצע מינוט, און עפּשער צוויי. נאָר אָנשטאָט אן ענטפער, האָט ער מיך פּלוצעם א פרעג געטאָן:

— נאָכעמקע, דו ביסט א מאַנספאַרשוין?

פונקט אזא מין פראַגע האָט מיר אנומלטן פאַרגעבן גרישע וואַסערבער. אלע פאַרגיבן מיר די דאָזיקע פראַגע. אלע צווייפלען, צי איך בין א מאַנצבל. אָקסאַנע אויכעט. עמעס, זי פרעגט מיך ניט. נאָר איך פיל דאָס. און נאָר דערפאַר, וואָס איך בין אף א יאָר ייִנגער פון איר.

ענטפער איך קורץ און שארף, ווי א מאַנצבל, און אפילע א קאַפּעלע גרויסהאַלטעריש:

— יאָ.

— איז גוט. וועסטו קאָנען, הייסט עס, האַלטן די צונג הינטער די ציין?

ער האָט ווידער געכאַפּט א שאַרפן קוק אף מיר און ארויסגעבראַכט:

— איך בין דײַן טאַטע.

— —

ער האָט מיר שטרענג אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל קיינעם קיין וואָרט וועגן אים ניט דערציילן, אפילו דער באָבען. ביז אַ געוויסער צײַט. „ווען מיר וועלן פאַרטרײַבן די ווײַספּאָליאַקן, וועל איך אַליין צו אײַך קומען". קומט אויס, אַז דער פֿאָטער איז אַרויסגעפֿאָרן פון אמעריקע נאָך אין 1917, ווי נאָר ס'האָט אויסגעבראָכן די רעוואָליוציע אין רוסלאַנד און די בשׂורה וועגן איר איז דערגאַנגען קיין אמעריקע. דערקליבן האָט ער זיך אַהיים ערשט אין אַ יאָר אַרום. פון דעמלט אָן איז ער געווען אין אַ סאַך ערטער פון רוסלאַנד, געקעמפט די גאַנצע צײַט ווי אַ פּאַשעטער „רעוואָליוציע־סאָל־דאַט". וויאַזוי האָט ער זיך פּלוצעם געיאָוועט אַהער, קיין קאָפּין, האָט ער מיר ניט אויפגעקלערט. און איך האָב אים ניט אויסגעפרעגט. אויב ער דער־ציילט ניט, איז עס, געוויס, אַ סאָד. ער האָט זיך מעסוקן געבייזערט אַף זײַן הארץ, וואָס האָט אים „אונטערגעפירט אין אַזאַ מאָמענט", און אויס־געפרעגט מיך וועגן די שטימונגען און ריידערײַען אין קאָפּין און אין די אַרומיקע דערפער. צי אַרבעט דער קאַלך־קאַריער, די אָליאַרניע, די מיל? צי ס'איז פאַראַן אַ סאַך אַרבעטער, און ווער פון די אַלטע אַרבעטער איז דאָרטן פאַרבליבן? כ'האָב געענטפערט אַף זײַנע פראַגעס אַזוי, ווי כ'האָב געקאָנט. דערנאָך האָט ער מיר געהייסן קומען צו אים איבערמאָרגן אָפּ־דערנאַכט. ער דאַרף מיך נייטיק האָבן.

— נו, און אַצינד גיי אַהיים, — האָט מיר דער טאַטע געזאָגט.

מער האָב איך אים ניט געזען. כוץ איין מאָל, נאָר אַף אַ ווײַלע. ווען דער פֿאָלקאָווניק סלאָוויצקי האָט אים דערשאָסן.

אַלטער האָט דערציילט, אַז עטלעכע באַוואָפנטע מענטשן האָבן זיך אַרײַנגעריסן באַנאַכט צו אים אין שטוב אַרײַן, און זײַן פאַרשוין איז אַנט־לאָפן, „ניט טויט, ניט לעבעדיק".

3. דער פעטער

מיר וווינען מיטן פעטער אײַזיק צוזאַמען. ער רעכנט, אַז איך און די באָבע זײַנען בא אים אַף קעסט. נאָר דאָס איז ניט עמעס. כוץ אַלע אירע בעריעשאַפטן איז די באָבע נאָך אַ שטיקל נייטערן אויך. באַשטייט זי אַליין איר שטעטל. ער זאָגט דאָס ניט, עס פּאַסט ניט, נאָר ער שווײַגט איראָניש און גיט אָנצוהערן: „ווער ביזן איך דען? אָן אָרעמער לערער, ניט מער". ער איז טאַקע אָן אָרעמער לערער, נאָר זײַן קאַרגשאַפט איז נאָך גרעסער פון זײַן אָרעמקײַט. דאָס איינציקע, אַף וואָס ער קאַרגט ניט, דאָס איז אַף ביכער. די מומע באַסיע, דאָס ווײַב זײַנס, וואָס טוט אַלץ פאַמעלעך און צעקראָכן, אַפילו זי גייט אַרויס פון די קיילים, וויבאַלד עס האַנדלט זיך וועגן די ביכער.

— כ'רעד שוין ניט וועגן זיך. כ'זע אויס, מישטיינסגעזאָגט, ווי אַ שלע־פּערקע, נאָר האָסט דאָך צוויי טעכטער. איידער פּאַטערן די לעצטע גראָשנס אַף ספּאָרימלעך, וואָס קיינער לייענט זיי ניט, וואָלט דאָך גלײַכער געווען צוקליידן אַ ביסל די טעכטער.

דער פעטער ענטפערט גאָרנישט ניט, ער שווײַגט. וואַרט, ביז זײַן „פּלוינעסטע וועט אויסשעפּן איר מײַנעלאָשן״. דערנאָך נעמט ער אַרויס פון דער שאַפע אַ באַנד גיוֹאָ און לייענט איר. „...די שטעכיקע בלעטער פון אַן אַגאַווע, אײדער זיי צעלאָזן זיך און ציִען זיך אויס אין לאַנגע פּאַסן, פאַרבלײַבן אַ לאַנגע צײַט צונויפגעלייגט איינע מיט דער צווייטער אַזוי בילדן אויס ווי עפּעס איין האַרץ. פאַר דער דאָזיקער צײַט דרוקן זיך אָפּ די שטעכלקעס פון יעדער בלאַט אויף דער שכײנעסדיקער. שפּעטער צע־וואַקסן זיך די בלעטער פּראַכטפול און טיילן זיך אָפּ. די צייכנס אָבער פאַרבלײַבן און וואַקסן צוזאַמען מיט זיי. דער דאָזיקער שטעמפּל ליגט אויף זיי דאָס גאַנצע לעבן. דאָס זעלבע קומט פאָר אין אונדזער האַרץ, ווו עס פאַרקריצן זיך נאָך אין דער מוטערטראַכט אַלע פאַרגעניגנס און אַלע ליידן פונעם מענטשן־שטאַם: אויף יעדערן פון אונדז, וואָס מיר וואָלטן ניט געטאָן, פאַרבלײַבט דער דאָזיקער שטעמפּל״.

ווען דער פעטער לייענט אַזעלכע זאַכן, ווערט בא אים לאַכלוטן פאַר־פאַלן דער איראָנישער נוסעך. עס פילט זיך נאָר אַ מין אומעט אין קאָל. דער פעטער לייענט, און די מומע באַסיע הערט זיך צו און פאַרגעסט וועגן דעם, אַז זיי האָבן צוויי דערוואַקסענע טעכטער, פאַניע און סאָניע, און אַז ס׳איז שוין פון לאַנג צײַט צוקליידן זיי אַ ביסל. נאָר פּלוצעם טוט זי זיך אַ ריס פונעם אָרט:

— אוי, די מילך איז שוין מיסטאָמע אויסגעלאָפן!

די טרויעריקע ווערטער פונעם בוך זײַנען מיר דעמלט געפעלן געוווען. איך האָב זיי אַרויסגעשריבן און אויסגעלערנט אויף אויסווייניק. שפּעטער האָב איך פאַרפאַסט אַ ליד, אין וועלכער יעדער פערז הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אַגאַוועס שטעכיקע בלעטער״. אומבאַמערקט האָב איך זי פּאַ־רוקט אונטער אָקסאַנעס קישן, ווען זי איז געלעגן קראַנק. כ׳ווייס ניט, צי זי האָט דאָס געלייענט. כ׳מיין, אַז ניין. אַניט וואָלט איך עס דערקענט אין אירע גרויע אויגן.

בּיכלאַל באַציט זיך דער פעטער אײַזיק איראָניש צו אַלעמען אויף דער וועלט. אַפילו צום אייבערשטן אויך. ער איז בעפּיירעש באַנקראָט, גאָט. זײַנע פײַערלעכע האַוטאַכעס, וואָס ער האָט ברייטהאַרציק געגעבן אונדזע־רע אָוועס, זײַנען מער ניט, ווי אַ זייפנבלאָז, ווי אַ פּוסטער בלאָף, און די ניסים זײַנע — ווי רויך, עס טוט אַ בלאָז אַ ווינט, ווערפן זיי זיך אויס און עס בלײַבט גאָרניט. אייגנטלעך, האָט ער ניט געגלייבט אין גאָט, געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ (ווי׳אַזוי אָבער קאָן מען קוקן אויפן הימל פון אויבן אַראָפּ?) מיט אַ שמייכל פון אַ געלערנטן מענטשן, אַ געבילדעטן. נאָר אין אַזאַ געפערלעך־שרעקלעכער צײַט קאָן מען דאָך ניט אויסקומען מיט אַ גוטמוטיק שמייכעלע. פּלעגט ער זיך ווענדן ניט צו גאָט, נאָר צו אַן אָפּ־גאָט. צו זעוועס. ווי זעווס, נעמט ער שיטן פּעך און שוועבל, דונערן און בליצן. אין געדאַנק, פאַרשטייט זיך. אָדער אויף פּאַפּיר. ער שרײַבט אַ „גע־שיכטע פון די ליידן פונעם ייִדישן פאָלק פון פאַרען ביז פּעטליורען און דעניקינען״. כ׳לייען זײַנע שרײַבעכצן אַמאָל ביגנייווע. ווערט מיר סומנע אויפן האַרצן. עפּעס אַ מעשונעדיק־גרוילִיקע אויסשטעלונג פון ליידן, פּײַ־ניקונגען, בלוט און גוואַלדטאַטן.

איין געבאָט גאָטס אָבער פּילט ער אויס מיט גרויס דרערכערעץ — קיבעד־אָוו. וואָס עפּעס טײַנעט ער:

— מײַן טאַטע האָט מיך אזוי ניט דערצויגן...

ער פאַרופּט זיך אָפּט אַף זײַן פּאָטער. כאזוערט איבער זײַנע ווערטלעך. א היפּש שטיקל צײַט איז שוין אריבער, זינט ער איז געשטאָרבן. פאַר אַ־זיקן איז דאָס אָבער גאָלע גאָרניט. פאַרקערט, זײַן פּאָטער, א געוויינ־לעכער שטעטלדיקער ייִד, ווערט בא אים בעהאדראָגעדיק פאַרוואַנדלט אין א הייליקן. מע וואָלט געקאָנט מיינען, אז אלע זײַנע צוויי און זעכציק יאָר האָט ער זיך פאַרנומען נאָר מיט טוירע און כאָכמע, ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ניט ארומגעלאָפן מיט אן אויסגעשטרעקטער צונג, קעדיי צו מעפאַרנעס זײַן דאָס גרויסע הויזגעזינד, נאָר געלעבט בלויז מיט גײַסט־זאכן.

4. פּאַניע

שטיל האָב איך זיך ארײַנגעגאַנוועט אינעם פעטערס כיידער. כ׳מוז פּאַקן דאָס ביכל וועגן שטיין, וואָס מיינט, אז ער פּליט לויט זײַן ווילן. מע קאָן אים אויסלאכן, דעם שטיין. ער וועט זיך ניט באַליידיקן. אַף דערוף איז ער דאָך א שטיין. נו, און א מענטש? ער לעבט דען לויט זײַן ווילן? מע שטופּט אים פון אלע זײַטן, און ער, דער נאַר, מיינט, אז ער מאַכט די אומגעלומ־פּערטע טנועס לויט זײַן באַגער.

שטילינקערהייט עפן איך די טיר און וואַרף א זשעדנעם בליק אַף דער שאַפע. אפן טיש, וואָס איז צוגערוקט צו דעם צעעפנטן שראַנק, שטייט מיטן רוקן צו מיר א מיידל אין א שווארץ קלייד און ווישט אָפּ מיט א שמאַטע דעם שטויב פון די ביכער. עפּעס א שטיינערנע אומבאַוועגלעכ־קײַט איז אין איר פיגור. און ווען ניט די פּאַמעלעכע מעכאַנישע באַוועגונ־גען פון אירע הענט, וואָס קלײַבן איבער די ביכער, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז דאָס האָט דער פעטער אַ־זיק געבראַכט פונעם צווינטער א שווארצן דענקמאָל און אוועקגעשטעלט אים אפן טיש. ער זיצט באַנאַנד, דער פעטער, מיט איראָניש צעצויגענע גרויע ליפּן, שווײַגט, און דער צי־מער איז פול מיט א בעסוילעם־שטילקײַט, וואָס עס הויכט ארויס פון זיך דער שווארצער דענקמאָל. האָב איך זיך אויך אונטערגעגעבן דער שטיל־קײַט און פאַרטײַעט זיך אינעם טונקעלן ווינקל, און ביידע — דער טאַטע מיט דער טאָכטער האָבן מיך ניט באַמערקט.

— זע נאָר זע, וואָס פאַר א געטרײַע טאָכטער איך האָב, — האָט דער פעטער געזאָגט צו די פיר ווענט, — ווי נאָר זי איז געקומען צו פאָרן, האָט זי זיך גלײַך גענומען צו דער אַרבעט.

דעם מיידלס קאָפּ מיט די הויך אופגעקעמטע שווארצע האָר האָט א צאַפּל געטאָן און קוים־קוים א קער געטאָן זיך צום פאָטער. ער האָט אָבער אלץ אײַנגעטײַנעט מיט די טויבע ווענט וועגן זײַן טאָכטער, גלײַך ווי זי וואָלט דאָ ניט געווען.

— ווּ האָט איר עס געזען אַזאַ איבערגעגעבענע טאָכטער, האַ? כ'האָב עפּעס קיינמאָל ניט געהאַט דעם נאַכעס צו זען, אַז זי זאָל זיך פון דער הוילער הויט נעמען אַליין ראַמען דעם פאָטערס שאַפע.

וואָס עמעס, איז עמעס, זי האָט ווירקלעך ניט געהאַט אַזאַ מידע. פאַני'ע פלעגט אויסמײַדן טאָן עפּעס פאַר איר טאַטן.

— זע נאָר זע, ווי באַשיידן זי איז געוואָרן! קיין איין גראָב וואָרט האָט זי נאָך ניט באַוויזן צו זאָגן איר פאָטער, זינט זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, די באַלטשוועניצע.

דאָס האָט מיך אויך געכידעשט. ער עסט זי, און זי שווײַגט. קיין איין וואָרט. ס'איז אויך ניט איר גאַנג. זי האַלט זיך אײַן?

מיטאַמאָל טוט זי אַ טרייסל מיטן קאָפּ, די לאַנגע האָר אירע צעשיטן זיך איבער די פּלייצעס און איבערן פּאָנעם. זי ציט אויס די האַנט צו דער סאַמע אייבערשטער פּאָליצע און טוט זיך מיטאַמאָל אַ וואַקל. דאָס האַרץ איז מיר אָפּגעשטאָרבן. דער פעטער האָט זיך אַפילע ניט קיין ריר געטאָן. ער זאָגט:

— פון אַזאַ הייך קאָן מען ניט געהאַרגעט ווערן. אויב דו ווילסט באַגיין זעלבסטמאָרד, איז פאַראַן מער זיכערע מיטלען. ס'איז ווינטשנסווערט, אַז דאָס זאָל ניט פאָרקומען אין דער היים. גלײַכער ערגעץ־ווּ אין אַנדער אָרט. וואָס ווײַטער פון קאָפּין.

דער פעטער איז אופגעשפּרונגען פונעם אָרט, גענומען לויפן איבערן צימער. איך האָב זיך פעסטער צוגעדריקט אין מײַן ווינקל צו דער וואַנט.

פּלוצעם איז ער געבליבן שטיין אינמיטן צימער. אַרײַנגעכאַפּט אין די פינגער דעם שטעכיקן קין. אױף דעם־אָ אָרט איז אַמאָל געוואַקסן אַן אַקוראַט בערדל. דאָס איז געווען שוין פון לאַנג, ווען ער איז נאָך געווען אין גוטע באַציִונגען מיט גאָט. דאָס בערדל האָט ער אָפּגעשוירן, די טנוע איז אָבער פאַרבליבן.

— וואָס זשע שווײַגסטו, דו זוי... זוי...

ווען דער פעטער ערגערט זיך שטאַרק, הייבט ער זיך אָן פאַרהיקען. און עפּשער האָט ער ניט געוואָלט דערזאָגן דאָס וואָרט, אַפּאָנעם, ניט קיין גוטס.

פאַניעס פאַרשטיי איך, ווידער, אויך ניט. נו, זאָג זשע עפּעס? זאָג שוין! אַ וואָרט, וואָס ווערט באַצײַטנס אַרויסגעבראַכט, קאָן אַמאָל ראַטעווען פון אַ סאַקאָנע. איז ניין. זי שווײַגט פאַרביסן, ווי זי וואָלט, מײַנע סאָנים, שטום געוואָרן.

און ווען דער פעטער אײַזיק האָט ווידער אופגעעפנט דאָס מויל, האָט ער גאָר פאַרגעסן, אַז מע דאַרף ריידן אירוניש, ער האָט קוויטשיק אַ געשריי געטאָן:

— באַסיע! באַ־סיע!

די מומע באַסיע איז אַרײַנגעלאָפן מיט אַ בעזעם אין דער האַנט.

— וואָסי? וואָס איז געשען?

דער פעטער איז געווען אַ ביסל נידעריקער פון דער מומען. האָט ער געמוזט פאַרײַסן דעם קאָפּ.

— וואָס איז געשען? גאָרנישט איז ניט געשען! גרייט צו ווינדעלעך. מיר וועלן שוין, מירצעשעם, האָבן אן אייניקל, א מאמ...
— וואָס פלאפלסטו נארישקייטן, וואָס?
— איך — נארישקייטן? און עפשער דו? וואָס איז דאָס, מישטיינסגעזאָגט, פאר א מוטער, וואָס דערוויסט זיך אמלעצטן, אז די טאָכטער אירע...
— פאַניעו! — האָט די מוטער ווילד אויסגעשריגן.
און אזוי הויך, גלייך ווי די טאָכטער וואָלט ניט געשטאנען באנאנד מיט איר, נאָר וואָלט געווען ערגעץ אין פראָסקוראָוו.
פאניע האָט זיך צעוויינט.
— קריך אראָפּ פונעם טיש, — האָט באפוילן דער פאָטער.
פאניע האָט זיך אראָפּגעלאָזט.
— טו זיך אָנעט.
פאניע האָט ארופגעוואָרפן אף זיך א שאַל.
— קום מיט מיר.
פאניע האָט זיך געלאָזט גיין נאָכן פאָטער.
די מוטער האָט זיך אנידערגעשטעלט אף דער שוועל. פארשטעלט דעם וועג מיט זיך און מיטן בעזעם.
— וווהין?
דער פעטער האָט געזאָגט:
— כ'וועל זי הארגענען.
די מומע באסיע האָט געכאפּט אף אים א מעשונעדיקן קוק און פּלוצעם אויסגעשאָסן א געלעכטער.
— דו?.. וועסט הארגענען?.. כאַ־כאַ־כאַ...
דער פעטער אייזיק האָט געקוקט אף איר מיט אויגן פון א רעצייעך און געשוויגן. ער האָט ניט געקאָנט, ווייזט אויס, אָפּזוכן קיין געהעריקע ווערטער אף אויסצודריקן דעם צאָרן.
די מומע באסיע, ווידער, האָט געקייכט, ווי קיינמאָל ניט אין איר לעבן.
— „כ'וועל זי הארגענען!..״ כאַ־כאַ־כאַ... ווען עס קריכט ארויס פון צווישן די ביכער א שפּין, רופט ער מיך, כ'זאָל זי דערהארגענען... כאַ־כאַ־כאַ...

5. סאָניע

זיי זיצן איצטביידע, דער פּיסקעוואטער כאָסן ארקאדי לייבאָוויטש און דער פעטער, און דינגען זיך. וועגן וואָס? וועגן סאָניען, וועגן סאָניעלען, וואָס דרייט זיך שטענדיק קעגן דעם שפּיגל, מאכט פון צוויי צעפּ איינעם, נאָכדעם צעפלעכט זי אים ווידער אף צוויי, און מיינט, אז די וועלט איז באשאפן צוליב דעם, אז זי, סאָניע, זאָל נאָר שעפּן נאכעס, ניט געקוקט אף די זיבן מיסע־מעשונעס, וואָס לויערן בא דער שוועל. זי וויל ניט וויסן ניט פון די הארמאטן און קוילנוואָרפערס, ניט פון די ביקסן און פון די פּאָגראָמען, ניט פון די סרייפעס, עפּידעמיעס און גוואלדטאטן...

ווען פאַניע, איר עלטערע שוועסטער, איז אוועקגעפאָרן קיין פּראָסקו־ראָוו, האָבן מיר זי באַגלייט, איך און סאָניע, צו דער סטאַנציע בעלענזשאַ־נע. סאָניע האָט, פאַרשטייט זיך, אָנגעטאָן דאָס שענסטע קלייד אירס און, שפּאַנענדיק מיט גיכע דריבנע טריט איבערן פּעראָן, האָט זי געשאָסן מיט די אויגן אַרום־און־אַרום זיך און איינציִיטיק טמימעסדיק קאָקעטירט. הויך, אַף א קאָל, הייבט זי אָן שיטן מיט פּראַגעס: „ווען וועט, ענדלעך, אָנקומען דער צוג? פאַרוואָס פאַרשפּעטיקט ער?", גלייך ווי ניט פאַניע, נאָר טאַקע זי אַליין פאָרט קיין פּראָסקוראָוו, און איבער דער צוג וועט, כאַלילע, ניט אָנקומען צו דער צייַט, וועט אויסברעכן אַן ערדציטערניש. ווען די צוג־טעמע איז אויסגעשעפּט געוואָרן, האָט זי זיך גענומען פאַרן פּריילינג. זי האָט דאָס אָפּגעטאָן פּאַשעט: געשטעלט די זעלבע פּראַגעס, נאָר אָנשטאָט דעם וואָרט „צוג" האָט זי אַרייַנגעשטעלט „פּריילינג". „ווען וועט, ענדלעך, אָנקומען דער פּריילינג? פאַרוואָס פאַרשפּעטיקט ער, דער פּריילינג?" ווען זי האָט זיך אָפּגעפאַרטיקט מיטן פּריילינג, האָט זי זיך גענומען פאַר דער לעוואָנע. איך האָב דערזען, אַז ס'איז א מייַסע אָן א סאָף, אַז מע הייבט זיך אָן אומקוקן אַף אונדז... האָב איך שוין געמוזט זאָגן, קימאַט מיט איר פאַטערס נוסעך:

— סאָניעטשקע, מע קוקט שוין אַף אונדז.

— טאַקע? — האָט זי אויסגעזונגען, גלייך ווי איך וואָלט איר געזאָגט גאָט ווייסט וואָס פאַר א קאָמפּלימענט. זי האָט מיך ניט געהערט און גע־וואָרפן בליקן אַף א יונגן כעוורעמאַן, וואָס איז געשטאַנען אַף זייַנע ברייט צעשטעלטע פיס, מיט די הענט אין די קעשענעס און געגלאָצט די אויגן אַף איר.

— סאָניע, — זאָג איך צו איר מיטן זעלבן נוסעך, — פּרעס ניט די וועלט מיט דייַנע אויגאַנעס, א מענטש איז דען בעקויעך אייַנשלינגען א וועלט?

— וואָסי? מע קאָן זיך נאָך דערוואַרגן? — האָט סאָניע אויסגעצווי־טשערט.

— יאָ. כ'מיין טאַקע אַזוי. און איך מיין נאָך, אַז דו שטעלסט נאַרישע פּראַגעס. אַבי פּלוידערן. „פאַרוואָס פאַרשפּעטיקט דער פּריילינג?" ווו זשע פאַרשפּעטיקט ער, אויב אַף דייַן נעזל האָבן זיך שוין אויסגעשאָטן קלייַען? דאָס־אָ איז דאַפקע יאָ דערגאַנגען.

— דו לייַגסט. כ'האָב ניט קיין שום קלייַען. ביסט אַליין א קלייַען, — האָט סאָניע זיך באַליידיקט, אַקוראַט ווי א קליין קינד.

כידעשט מיך טאַקע ניט, וואָס דער פעטער אייַזיק האַלט אין איין מו־סערן סאָניען: זיי שטיל! זיי באַשיידן! זיי־זיי־זיי...

און איצטער וועט סאָניעלע געהערן דעם „פּיסקעוואַטן כאָסן", און ער דינגט זיך נאָך.

איך קען אים. ער איז עטלעכע מאָל געווען בא אונדז. מע רופט אים אַרקאַדי לייבאָוויטש. נאָר „לייבאָוויטש" איז ניט זייַן פאָטער־נאָמען. ס'איז זייַן פאַמיליע. זייַן פאָטערנאָמען איז סאַמסאָנאָוויטש. הייסט עס, אַז דער גאַנצער טיטל זייַנער איז אַרקאַדי סאַמסאָנאָוויטש לייבאָוויטש, אָט אַזוי! געיאָוועט האָט ער זיך קיין קאַפּין דאָ ניט לאַנג. מע האָט אים אַפילע נאָך

ניט באַוויזן צוטראַכטן קיין צונעמעניש. דערווײַל האָט אים פּערעץ דער שוואַרצער צוגעטראַכט — „פּיסקעוואַטע”. נאָר דער־אָ צונאָמען האָט נאָך ניט באַקומען באַ די קאָפּינגער זײַן אַנערקענונג. אייניקע האַלטן אים פֿאַר אַן אָנגעזעענעם, אַפֿילע שטאַלטנעם מאַנצבל. ער איז אַ הויכער, דערפּאַר וואַרפֿט זיך ניט אין די אויגן זײַן בײַכל. ער האָט אַ היפּש פּולבלעך און בלייך פּאָנעם. טוט זיך אָן, ווי אַן עמעסער פּראַנט. ער טראָגט אַ ברוינעם מאַנטל, אַ בלוילעכן קאַפּעליוש, עסיק־גרינע שיך. ווען ער רייכערט, האַלט ער נאַכלעסיק דעם פּאַפּיראָס צווישן צוויי שוואַרצע פֿינגער, וואָרעם ער נעמט ניט אַראָפּ פֿון די הענט די לעדערנע הענטשקעס. ער איז אַלט צוויי און דרײַסיק יאָר, און דאָס פֿאַרשאַפֿט גריזאָטע דער מומע באַסיע. „עפּשער האָט ער שוין ערגעץ אַ ווײַב און אַפֿילע קינדערלעך? הײַנטיקע צײַטן אין אַלץ מעגלעך...” די מומע באַסיע האָט ניט ליב, אַז מע אײַלט זיך, זי איז ניט קיין אַנטשלאָסענע. דאָך האָט זי אַנומלטן גענומען אים אויספֿרעגן מיקויעך דעם. פֿאַרשטייט זיך, זייער פֿאָרזיכטיק. האָט איר לייבאָוויטש געענטפֿערט, צולייגנדיק צום האַרצן די האַנט אין דער לעדערנער הענטשקע:

— איר קענט מיך ניט, האָט איר די רעכט צו טראַכטן וועגן מיר וואָס איר ווילט. מענטשן אָבער, וואָס קענען מיך, ווייסן גוט, אַז אַרקאַדי סאַמסאָנאָוויטש וועט קיינמאָל ניט אָפּטאָן אַזאַ געמיינהײַט.

— איז וואָס פֿאַרא מענטשן קענען אײַך? — פֿרעגט די מומע באַסיע פֿאַמעלעך, אָבער אַף כידושים אײַנגעשפּאַרט. עס גייט דאָך וועגן גוירל פֿון איר באַליבטער טאָכטער.

— מיך? — האָט זיך לייבאָוויטש פֿאַרוווּנדערט. — מיך קענען די נודעלמאַנס, די קרעגנבערגס, די זאַלצבערגס, די קירשנבוימס, די קאַנטאָרס, יאַקאָוו שרײַבמאַן און יעפֿים מאַרקאָוויטש פּילשטינסקי...

— איך קען דאָך אָבער זיי ניט, — שלאָגט אים איבער די מומע באַסיע.

— נו, פֿאַרשטייט איר מיך, דאָס בין איך שוין ניט שולדיק, ווער זשע קען ניט יעפֿים מאַרקאָוויטש פּילשטינסקין?

— ווו זשע איז ער, יעפֿים... ס'הייסט, ווו זשע וווינט ער?

— וואָס הייסט, ווו? — ווערט לייבאָוויטש שטאַרק פֿאַרכידעשט, וואָס באַסיע איז אַזאַ אָפּגעשטאַנענע ייִדענע, אַז זי ווייסט אַפֿילע ניט, ווו יעפֿים מאַרקאָוויטש פּילשטינסקי וווינט. — אין קיִעוו, פֿאַרשטייט זיך.

— איר אַליין זײַט אָבער ניט פֿון קיִעוו.

— איז וואָס? מע קען מיך, דאַנקען גאָט, אין קיִעוו אויך.

— איז דאַרף איך, הייסט עס, ספּעציִעל זיך אַראָפּכאַפּן קיין קיִעוו? — שטייט ניט אָפּ פֿון לייבאָוויטשן די מומע באַסיע.

— ווייסט איר וואָס? שיקט אים אַ דעפּעש, וועט ער עפּשער קומען צו פֿליִען צו אײַך קיין קאָפּין.

ער כאָכמעט זיך, לייבאָוויטש, און דער מומען איז אָנגעזאָליעט אַפֿן האַרצן. זי פֿרעגט אים אָבער מער ניט אויס. זי האָט מוירע פֿאַרן מאַן. אויסערלעך זעט די מומע אויס מענערישער פֿונעם פֿעטער. זי איז העכער פֿון אים, לײַביקער און אַפֿילע ברייטער אין די פּלייצעס. זי שרעקט זיך אָבער פֿאַרן גאַליקן כאַראַקטער פֿון איר שטשופּלען מאַן. ער קאָן נאָך

אויסברייען, אז זי האָט קאַליע געמאַכט דעם שידעך, ביפראַט אז מע דינגט זיך נאָך.

דער פעטער טײַנעט:

— אויב איר זײַט אזוי רײַך, איז נאָך וואָס דאַרפט איר האָבן נאָך געלט?

— כ׳דאַרף עס טאַקע ניט. דאָס געשעפט אָבער דאַרף עס. כ׳האָב פאַר־טראַכט א היפּש געשעפט. און צוליב ווען סטאַרע איך זיך דען צוליב אײַער סאַניעטשקען טאַקע. דער דאַלעס פּאַסט איר ניט צום פּנים. זי דאַרף האָבן א גוט לעבן, דאַרף זי.

דער פעטער האָט איראָניש געשוויגן א ווײַלע און נאָכדעם געפרעגט:

— צי האָט איר צופעליק ניט פאַרגעסן, אין וואָס פאַר א צײַט מיר לעבן? ווער דאַרף איצט געלד?

— אין אויב איר דאַרפט עס ניט, טאָ גיט עס מיר.

פון יענער זײַט טיר איז געוואָרן שטיל. כ׳שטויס זיך אָן פאַרוואָס. דער פעטער אײַזיק נעמט אַראָפּ די פּענסנע, ווישט אויס די גלעזלעך מיטן נאָז־טיכל, נאָכדעם טוט ער זיי ווידער אָן און שטעלט זיי איראָניש אָן אויף לייבאָוויטשעס פאַרצעף.

— האָט איר דען ניט געהערט, אז פון גאָלד וועט מען מאַכן קלאָזעטן?

— געהערט. פאַרוואָס האָב איך ניט געהערט? ווען וועט דאָס אָבער זײַן?

איצט האָט דער פעטער גערעדט מיט אזא טאָן, אז איך האָב זיך אליין פאַרכידעשט, וואָס ער קאָן אזוי ריידן, אָן קרימענישן.

— כ׳וואָלט אײַך געגעבן נאַדן, וויפל איר ווילט. כ׳האָב אָבער גאָרניט.

ס׳איז עמעס. דער פעטער אײַזיק איז ווירקלעך א קאַפּצן אין זיבן פאַ־לעס. ער האָט קוים געצויגן די כאַיונע פון האַנט צום מויל. ווער האָט עס אצינד אין זינען לערנען? ווער דאַרף דאָס האָבן? און אז ער פלעגט שוין כאַפּן א פּאָר קאָפּעקעס, האָט ער זיי גלײַך געפּאַטערט אויף ביכער.

דעריקער בין איך געוואָרן מעסוקן אופגעבראַכט, ווען לייבאָוויטש האָט א פרעג געטאָן:

— נו, און די ביכער?

דער פעטער הייבט זיך אָן פאַרהיקען, כ׳האָב ראַכמאָנעס אויף אים.

— ב־ב־ביכער? איר ווייסט, וואָס די ביכער באַטײַט־ן פאַר מיר?.. און אַף וו־וואָס טויגן זיי אײַך? איר פאַרשטייט דען עפּעס אין זיי?

לייבאָוויטש באַליידיקט זיך ניט. ער ענטפערט רויק און זאַכלעך.

— כ׳דאַרף זיי טאַקע ניט. כ׳וועל זיי פאַרקויפן.

דער פעטער שווײַגט. דערנאָך שטאַמלט ער עפּעס. איך זע ניט, נאָר איך שטעל זיך פאָר, אז דורך די פּענסנע־גלעזלעך האָט א בלישטשע געטאָן א טרער.

— פּ־פּ־פאַרקויפן? איר ווילט פאַרקויפן מײַן ביבליאָטעק? כ׳האָב דאָך געזאַמלט זי דאָס גאַנץ לעבן מײַנס, א ביכל צו א ביכל...

ווען די באָבע האָט מיר אָנגעזאָגט די בסורע, אז באַלד האָבן מיר א כאַסענע, האָב איך געפרעגט:

— נו, און סאָניע? ער געפעלט איר?

— סאָניע! קענסט דען ניט סאָניעטשקען? אבי א כאַסענע. מע וועט איר אופנייען א שיין ווײַס קלייד. און עס וועלן זײַן א סאך געסט. און זי וועט זיך דרייען אין דער סאמע מיט — פּאַרט א קאַלע. וועגן דעם, וואָס עס וועט זײַן נאָך דער כאַסענע, טראַכט זי לעסאָטע ניט.

דערנאָך האָט די באָבע צוגעגעבן:

— כוץ דעם, דו מיינסט, אז ס׳איז איר שטאַרק זיס מיטן טאַטן? זי פּילט דאָך, אז ער וויל וואָס גיכער זי אויסגעבן, עס זאָל זיך ניט באַקומען א צווייטע פאַניע...

6. גרישע וואַסערבער

ער האָט א ברייט פּאָנעם, גרויסע שוואַרצע באַלעכעס. אַזעסדיקע און צוצינדיקע, און נאָך עפּעס האָבן זיי אין זיך די אויגן — עס דוכט זיך, אז עס שפּיגלט זיך אין זיי א שטראַל פון דער זון. ער איז עלטער פון מיר אף צוויי יאָר און זיכער אין זיך — אף צען. גלײַך ווי ער וואָלט צו אַלץ זיך שוין דערגרונטעוועט, און אַלץ איז אים קלאָר. אַלע וואַסערבערס זײַנען געווען ברייטפּנעמדיקע, זיכערע אין זיך און מעסוקן אײַנגעשפּאַרטע.

גרישעס פאָטער, מענדל וואַסערבער, האָט אויסגעהויכט זײַן פרייליכע און פּאַראַקשנטע נעשאָמע איבער א שרעקלעכן רעוומאַטיזם, וואָס ער האָט אַרײַנגעפּאַקט אינעם קאַלך־קאַריער, ווו ער האָט געאַרבעט. ער האָט געזאָגט זײַניקע:

— אָט האָט איר הייס ברויט, ערשט פונעם אויוון. איז נעמט אַראָפּ די סקאָרינקע און לייגט צו דאָס ווייכס צו מײַנע פיס און מײַנע הענט. טאָמער וועל איך אָנהייבן גוואַלדעווען, טאָ מאַכט זיך טויב. בינדט מיך צו צום טאַפּטשאַן, כ׳זאָל ניט קאָנען אַנטלויפן. איר זאָלט ניט האָבן קיין טראָפּן ראַכמאָנעס אף מיר. און דערפירט, זײַט מויכל, די אָפּעראַציע ביזן סאָף.

די מומע רייזל האָט שרעקלעך געקלאָגט, געריסן אף זיך די האָר, וויאַזוי נעמט א מענטש און ברענגט זיך אליין אַראָפּ דעם מאַלכאַמאָוועס! מײַן באָבע האָט געטרייסט די טאָכטער, געטרייסט, און אליין געוויינט דערבײַ. זי האָט ליב געהאַט איר איידעם, מענדלען, ווי א „לײַבלעכן זון".

דער פעטער אײַזיק, ווידער, א כמורנער, א ברויגעזער, טײַנעט צו זיי, קנייטשנדיק דעם שטערן:

— הערט אוף יאָמערן! געשטאָרבן איז געשטאָרבן. א נאַפקעמינע! הײַנט — ער, מאָרגן — איך.

נאָכדעם טוט ער איראָניש א פרעג:

— עפשער קענט איר מיר אויסטײַטשן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס לעבן בא הײַנטיקע צײַטן? פוף־ף! א בלאָז, ניט מער. קעדײַ זיך אויסרײַסן דאָס האַרץ איבער דעם?

אַזוי טײַנעט ער און דריקט בעשאַסמײַסע צו צו דער באַק א שטיקל פאַרבלוטיקט פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. דער פעטער אײַזיק פלעגט אָפּט צעשנײַדן דאָס פּאָנעם מיטן גאָלמעסער. אין אַזעלכע פאַלן קלעפּט ער צו שטיקעלעך פּאַפּיר צו די אײַנשניטן.

ווען איך לייען א ביכל, האָב איך ליב זיך שטעלן אַפֿן אָרט פֿונעם העלד. אויב דאָס, וואָס ער טוט, געפֿעלט מיר, בין איך צופֿרידן, טו איך אים א פּאַטש איבער דער פּלייצע און בין גרייט נאָכמאַכן אים. אויב ניט, פֿאַרקרים איך דאָס פּאָנעם און זאָג זיך: אַף זײַן אָרט וואָלט איך געהאַנדלט אַנדערש. דערהיינע... כ׳האָב שוין באַוויזן איבערלייענען א סאַך ביכער. דעם פּעטערס א האַלבע שאַפֿע. געוויס מער פֿון דעם פּעטער אײַזיק אַליין. טאַקע דערפֿאַר רינגלען מיך פֿון אַלע זײַטן אַרום פֿאַרשיידענע פֿאַרשוינען.

ס׳איז ניט קיין מוז, אַז די העלדן זאָלן זײַן פֿון דעם פּעטערס ביכער. זיי קאָנען זײַן גלײַך פֿונעם לעבן. זיי זײַנען מיר אַפּילע נעענטער און טײַערער. ווײַל איך האָב זיי אָנגערירט מיט מײַנע הענט און געבליבן לעבן. און די הענט זײַנען געבליבן גאַנץ.

אָט אַזאַ מין העלד איז געווען פֿאַר מיר גרישע וואַסערבער. ער האָט אַליין געבערענט און אופֿגעפּלאָמט אַנדערע. זײַן עלטערער ברודער וועלוול, איז בעליסאָפּעק געווען ערנסטער פֿון אים, נאָר וועלוול איז אָבער געווען א בוך־מענטש. גרישע פֿלעגט זאָגן, אַז וועלוולען פֿעלט אויס „רעוואָליוציאָנערער ברען". באַ גרישען, ווידער, איז דער דאָזיקער ברען געווען איבערגעגנוג. זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט אַף דער וועלט קלאָר און פֿריידיק. אָפּטלעך איז ער געווען גראָב, אַזעסדיק. מיט מיר אויכעט, נאָר ניט דערפֿאַר, וואָס ער האָט געוואָלט זײַן אַזעסדיק־גראָב, אַנדערש האָט ער פּאַשעט ניט געקאָנט. קיין אײַנגעשטעלטע דערעכערעץ־קלאָלים פֿלעגט ער ניט אָנערקענען. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס זײַנען נאָענטע קרויווים מיט צוויִעס. ער האָט געקאָנט אײַך באַליידיקן און אַפּילע זיך ניט פֿאַרשטעלן, אַז ער באַליידיקט אײַך. ס׳איז אים ניט געווען קיין נאַפּקעמינע, צי זײַט איר ברויגעז אַף אים, צי ניין. מיר אָבער איז דאָס ניט אַלציינס. איך לעב מעסוקן איבער, ווען עמעצער באַליידיקט זיך אַף מיר. ניט נאָר אָקסאַנע צי די באָבע. אַפּילע דער פּעטער אײַזיק. אַפּילע מוישעלע, דער באָבעס מיזיניק, וועלכן קיינער פֿלעגט ניט רופֿן באַם נאָמען. אַלע, כוץ דער באָבען, האָבן פֿאַרגעסן, אַז ער האָט א נאָמען, מע פֿלעגט אים רופֿן גוילעם, אידיאָט. ער איז טאַקע געווען א גוילעם. א קלײנינקער, מיט א באַוואַקסן פּאָנעם, מיט אַרויסקריכנדיקע אויגן. ער פֿלעגט שטענדיק שמייכלען מיט נאַסע רויטע ליפּן. דער פּעטער אײַזיק האָט געפֿאָדערט, מע זאָל אים האַלטן פֿאַרמאַכט אין קעמערל, ער זאָל זיך ניט באַווײַזן אַף די גאַסן און ניט „מעוויִעש זײַן די מישפּאָכע".

געוויינלעך ווערט מען אָנציקט פֿון דעם, וואָס מע האָט אַליין ניט. מיר איז שטאַרק געפֿעלן, וואָס גרישע איז אַזאַ שטאַרקער. די שעפּע פֿון קויכעס גייט באַ גרישען פֿיל מאָל איבער אין אַזעס. ער האָט איינמאָל געשיקט „צו אַלדי רוכעס" יִיסראָעל כאָנעס אַליין, דעם רעבן אונדזערן.

מיר האָבן צוזאַמען מיט גרישען געלערנט באַ איין רעבן. זיצן גאַנצענע טעג אין כיידער איז פֿאַר אונדז געווען א פּײַנלעכע זאַך. האָבן מיר ביגנייווע אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער און, שווײַגנדיק, געבעטן זיך באַם שאָטן, וואָס איז געלעגן אַף דער וואַנט פֿון דער אַנטקעגנדיקער שטוב, ער זאָל זיך צווײַלן און אַראָפּלאָזן זיך וואָס נידעריקער. לויטן אָרט, וואָס דער שאָטן פֿאַרנעמט אַף דער וואַנט, פֿלעגן מיר פּינקטלעך וויסן די שאָ, אַפּילע

א האלבע און פערטל שאָ. מיר האָבן אומגעדולדיק געוואַרט, ביז דער שאָטן וועט פאַרדעקן די גאַנצע וואַנט פון אויבן ביז אַראָפּ. און דעמלט — הײַדאַ! ביסט פראַנק־און־פרײַ!

מיר האָבן נאָכגעשפּירט נאָכן שאָטן ביגנייווע, וואָרעם מיר האָבן מוירע געהאַט פאַר א צווייטן שאָטן, וואָס האָט נאָכגעשפּירט נאָך אונדז. דער רעבע האָט ליב געהאַט זיצן ווײַטער פונעם פענצטער אין דער נעפּלדיקער טיפּעניש פונעם צימער מיט דער נידעריקער סטעליע. אין זײַן שוואַרצער קאַפּאָטע איז ער געווען אליין ענלעך אף א שאָטן, וועלכער האָט אָבער געהאַט א שווערע האַנט, וואָס איז שטענדיק גרייט געווען געבן מוירעדיקע פּעטש.

גרישען איז עס איינמאָל נימעס געוואָרן. דאָס איז געשען דעמלט, ווען דורכן אָפענעם פענצטער איז אין כיידער פּלוצעם אַרײַנגעפלויגן א ליד. מאַכמעס דעם, וואָס דעם זינגער האָט מען ניט געזען, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ליד זינגט זיך אליין...

Смело, товарищи, в ногу!
Духом окрепнем в борьбе.
В царство свободы дорогу
Грудью проложим себе [1].

גרישע האָט אף א קאָל, אָן אַנציקטער, איבערגעכאַזערט די לעצטע צוויי שורעס. און ניט באַמערקט, ווי דער רעבע האָט זיך אונטערגעגאַנ־וועט צו אים מיט אַן אופגעהויבענער שווערער האַנט. גרישע האָט די האַנט אָנגעכאַפּט, א מעסט געטאָן דעם רעבן מיט זײַנע באַלעכעס פונעם קאָפּ ביז די פיס און א געשריי געטאָן צום רעבן: „שוין לאַנג צײַט, אַז איר זאָלט זיך אָפּטראָגן צו אלדי רוכעס!”, און א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר אַזוי שטאַרק, אַז דער ווײַסער קאַלך פון דער סטעליע האָט פאַרפודערט די צע־עפּנטע פאַרגעלטע ספאָרים.

גאַנץ קאָפּין האָט געקאָכט. גרישעס מאַמע, די מומע רייזל, האָט גע־פרעגט דעם זון:

— וואָס זאָל איך אַצינד מיט דיר טאָן?

האָט גרישע געענטפערט:

— אַרויסטרײַבן.

— ווהין? וווהין וועסטו גיין?

— אין דער פרײַער וועלט אַרײַן.

די מוטער האָט זיך צעוויינט.

— דער טאַטע איז געשטאָרבן, טוסטו וואָס דו ווילסט, ניטאָ ווער ס'זאָל דיר געבן פּעטש.

זאָגט גרישע:

— מאַמע! גיב מיר גיכער עסן.

---

[1] דרייסט, כאַווײרים, טראָט אין טראָט! אונדזער גײַסט וועט זיך שטאַרקן אין קאַמף. אין קיניגרײַך פון פרײַהײַט מיר וועלן מיט דער ברוסט זיך דורכלייגן א וועג (פון א רעוואָליוציאָנערער ליד (רוס.).

— וואָס האָסטו עס פאַרטראַכט?
— כ׳פּאַר אין אַרמיי.
— וואָס הייסט? וואָס טראַכסטו זיך?
שלאָגט זי גרישע אומגעדולדיק איבער.
— מאַמע, גיכער עסן, זאָג איך. אַניט גיי איך גלײַך אַוועק אַזוי. ס׳וועט דיר גאָרניט העלפן. כ׳האָב אַזוי באַשלאָסן, פאַרשטייסט?

7. אַקסאַנע

ווען כ׳הייב אָן קלינגען מיט דער לאַנגער קייט, וואָס דרייט זיך אָן אַף דער קאָרבע, ווייסט שוין אַקסאַנע, אַז איך בין באַם ברונעם. דאָס איז ניט קיין צייכן, מיר האָבן זיך ניט צונויפגערעדט. ס׳הייסט, איך וואָלט געוווען גערן, נאָר זי לאַכט. און נאָר דערפאַר, וואָס זי, אַקסאַנע, איז אַף א יאָר עלטער פון מיר. און מיר ביידע זײַנען אַלט דרײַ און דרײַסיק יאָר.

איך בין גליקלעך, וואָס אַקסאַנע איז איצט קראַנק. זי ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן. די קאָלדרע האָט זי אָנגערוקט אַזש ביזן נעזל, און איך לייען איר פאַר „אָדיסייע״, א שיינעם בוך, וואָס כ׳האָב צוגעלאַקכנט פון דעם פעטער אײַזיקס גרויסן ביכער־שראַנק. לאַנגע שורעס, שאַרסטקע מיט אומדערוואַרטע אָפּשטעלן אינדערמיט. „...זיי האָבן דאָרט לאָטאָפאַגן געפונען, קיין שלעכטס ניט געטאָן האָבן זיי די מענטשן אונדזערע, ליבלעך און פרײַנטלעך באַגעגנט און לאָטאָס פאַרזוכן געגעבן. ווי נאָר זיי האָבן דעם לאָטאָס פאַרזוכט דעם זיס־האָניקדיקן, האָבן זיי גלײַך וועגן אַלץ פאַרגעסן, פאַרלוירן דעם כיישעק אהיים צוריק זיך אומקערן, אין לאַנד לאָטאָפאַגן האָט זיך פאַרוואָלט זיי פאַרבלײַבן, קעדיי מיטן לאָטאָס געשמאַקן זיך אָנזעטיקן, אַף אייביק פונעם פאָטערלאַנד זייערן זיך אָפּגעזאָגט...״

אַקסאַנע האָט פאַרכידעשט אופגעעפנט אירע גרויסע גרויע אויגן, גלײַך ווי זי וואָלט ניט געקאָנט, צי ניט געוואָלט פאַרשטיין דעם באַטײַט פון די ווערטער — „אַף אייביק פונעם פאָטערלאַנד זייערן זיך אָפּגעזאָגט״.

— מע דאַרף ניט. לייען ניט ווײַטער. נעם אַן אַנדער ביכל. אָט טו א קוק אַף דער טומבע.

איך האָב איר דערלאַנגט דאָס ביכל.

„מײַן פאָלק פאַרפײַניקטס און פאַרפלאָגטס, ווי איינער א געליימטער אַפן שיידוועג...״

כ׳האָב זיך אופגעכאַפּט, ווי פון שלאָף.

— וואָס לייענסטו?

אַקסאַנע האָט א שמייכל געטאָן.

— איוואַן פראַנקאָס פּאָעמע — „מוישע״.

— ווי באַגײַסטערט! מײַן פאָלק פאַרפײַניקטס און פאַרפלאָגטס... כ׳האָב קיינמאָל דאָס ניט געלייענט.

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר א ביסל לייענען.

— ניין. אַצינד ניט. דו ביסט דאָך קראַנק. ליג רויִק.

געזאָגט און כּאַראַטע געהאַט. כ׳האָב אַזוי געוואָלט, אַז זי זאָל מיר לייענען, און איך זאָל קוקן אויף די גריבעלעך פון אירע באַקן, וואָס אָט באַווייַזן זיי זיך און אָט ווערן זיי פאַרשוווּנדן.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען זי איז געזונט געוואָרן, האָב איך טאַקע געפּוּיעלט בא איר, זי זאָל זיך אַרייַנכאַפּן צו מיר מיטן ביכל.

— לייען. כ׳בעט דיך.

כ׳האָב פאַרמאַכט די אויגן, כ׳זאָל קענען בעסער הערן. און פּלוצעם האָט זיך דערהערט אָקסאַנעס אויסגעשריי:

— אוי!

כ׳האָב פאַרכידעשט געעפנט די אויגן.

אָקסאַנע איז געשטאַנען מיטן פּאָנעם צו דער טיר.

אויף דער שוועל האָב איך דערזען מייַן פעטער מוישעלע מיט אַ פאַר־גליווערטן שמייכל אויף די ליפּן. אַ נידעריטשקער, מיט אַ ייִנגלשער פיגור, אין אַ פאַרשמאָלצן רעקל, מיט אַ ווייַס־בלייך פּאָנעם אין אַ שוואַרץ רעמל פון צעשויבערטע האָר. שטייט ער אַזוי און שמייכלט נאָר מיט זייַנע רויטע נאַסע ליפּן, און אַליין דער שמייכל זייַנער איז פאַרגליווערט ווי אויף אַ מאַסקע.

— שרעק זיך ניט, אָקסאַנעלע, ער איז אַ רויִקער, — האָט זיך בא מיר אַרויסגעכאַפּט, גלייַך ווי עס וואָלט געווען אַ רייד וועגן אַרגוסן, דעם הונט אירן.

כ׳האָב זיך געשטעלט צווישן זיי, צווישן דעם מיידל און דעם גוילעם, און ווי אַנטשולדיקנדיק זיך געזאָגט:

— מוישעלען איז אומעטיק צו זייַן אַ גאַנצן טאָג אין זייַן קעמערל, כאַפּט ער זיך אַמאָל אַרייַן צו מיר.

אָקסאַנע האָט צוגערוקט מוישעלען איר בענקל. האָב איך איר געזאָגט:

— אַלע ווייסן, אַז דו האָסט אַ שיין פּאָנעם. און נאָר איך ווייס, אַז דו האָסט אַ שיינע נעשאָמע.

אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען פּאַוולאָ ווערעטע וואָלט ניט געזונגען קיין שיינע אוקראַיִנישע לידער הינטער אָקסאַנעס פענצטער.

Ой, умру я, мила...
Як ти будеш жива
Чи згадаєш, мила,
Де моя могила?
Чи згадаєш, мила,
Де моя могила? [1]

ער וויינט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר איר. „אוי, כ׳וועל, ליבע, שטאַרבן...״ טאַקע אַ צאַרבאַלעכאַים. און זי קאָן נאָך אַמאָל אים גלייבן. אַ שטים האָט ער דאַפּקע, דער יימאַכשמויניק, אַ שיינע. ער קאָן לאָזן אַ

---

[1] אוי, כ׳וועל ליבע, שטאַרבן, און דו וועסט בלייַבן לעבן, צי וועסטו זיך דער־מאָנען, ליבע, ווו מייַן קייווער איז? (אוקר.).

טרער. „צי וועסטו זיך דערמאָנען, ליבע, ווו מײַן קײוועך איז?..“ זי ווייסט אָבער ניט, אַז די זעלבע ליד זינגט ער אויך אַנדערע מײדלעך. אַפילו סאָ־ניעטשקען אויך. איך אָבער ווייס עס. כ׳האָב אַליין געהערט.

8. דער קריפּל

פּלוצעם דערפיל איך, ווי צוויי אויגן זויגן זיך אײַן אין מײַן רוקן. קער איך זיך אום און טו א צאַפּל פון אומדערוואַרטקײַט. אויף א גאַנעקל זיצט מיט אומבאַוועגלעך צונויפגעקרייצטע פיס דער קריפּל. ער האָט ניט קיין נאָמען. זײַן נאָמען איז קריפּל. יעדן אינדערפרי טראָגט מען אים אַרויס און מע זעצט אים אַוועק אויף די ברעטער פונעם גאַנעק. און אָפּדערנאַכט טראָגט מען אים אַרײַן אין שטוב. נעכטן אָפּדערנאַכט האָט מען אים, זעט אויס, פאַרגעסן אַרײַנטראָגן, איז ער אָפּגעזעסן אויף די ברעטער די גאַנצע נאַכט.

א גרויסקעפּיקער, מיט אויף טויט איבערגעקרייצטע פיס, איז ער ענלעך אויף אַן אָפּגאָט. ער האָט גוואַלדיק גרויסע אויגן. כ׳ווייס ניט, וויפל יאָר לעבט ער שוין אויף דער וועלט — פּופּצן, צי עפּשער הונדערט פּופּצן.

— עס כאַלעמט זיך אײַך אַמאָל א שוואַרצער כאַלעם? — פרעג איך דעם קריפּל.

איך אירץ אים, ווײַל כ׳ווייס ניט, וויפל יאָר איז ער אַלט. ער שווײַגט. זײַן גרויסער קאָפּ איז ווי א קײַלעך, און די גרויסע אויגן זײַנע — ווי צוויי ליכט, וואָס שטראַלן אויס שוואַרצע שײַן. ער איזווירקלעך ענלעך אויף א שוואַרצן כאַלעם, ווען ניט דאָס ווײַסע העמד, וואָס איז ווי צוגעוואַקסן צו זײַן לײַב, גלײַך ווי דאָס וואָלט געווען זײַנע א צווייטע הויט. די שוואַרצע שײַן, וואָס רינט אַרויס פון זײַנע אויגן, ווי צוויי שטראָמעלעך, איז א רוי־קע, א געלאַסענע.

— ס׳איז אײַך קאַלט?

ענטפערט ער ווידער ניט. עפּשער איז ער א שטומער? עפּשער איז ער א טויבער? עפּשער שלאָפט ער גאָר? שלאָפט מיט אָפענע אויגן, וועלכע שטראַלן אויס שוואַרצע שײַן.

שווײַג איך אויך. שווײַגן מיר בײדע. שווײַגן און קלערן. לויט די אויגן זע איך, אַז ער פאַרשטייט מיך. מײַנע געדאַנקען.

ווײַזט אויס, אַז ער דאַרף עס ניט, דאָס וואָרט. ער נעמט אויף יענעמס געדאַנק דירעקט. האַגאַם אומגערן האָט ער אַרויסגעלאָזט פון מויל עטלעכע באַזונדערע קלאַנגען. כ׳האָב גאָרניט פאַרשטאַנען. זיי זײַנען ניט געווען ענלעך ניט אויף ייִדישע, ניט אויף אוקראַיִנישע, ניט אויף רוסישע, ניט אויף פּוילישע ווערטער. קלאַנגען. קאַלטע ווילדפרעמדע קלאַנגען.

די קינדער מײַדן אויס דעם קריפּל. זיי שרעקן זיך פאַר אים. און ער איז אַזאַ ווילער. די מוטער האָט ניט געהאַט קיין צײַט צו פאַרפירן מיט אים ריידערײַען. פון א לערער האָט ער קײנמאָל ניט געוווסט. קיין פרײַנט, וואָס זאָלן זיך מיט אים דורכשמועסן, האָט ער אויך ניט געהאַט. האָט ער זיך אויסגעלערנט פילדײַטיק שווײַגן.

ס'האָבן זיך ווידעראמאָל דערהערט עטלעכע איינזאמע קלאנגען. דער קריפּל האָט זיי ארויסגעבראכט, ניט עפענענדיק דאָס מויל. איך האָב זיך איינגעהערט אין זיי. זיך אנידערגעזעצט אנטקעגן דעם קריפּל, אויף די ברעטער, פאַרכטע פון טוי. אנידערגעזעצט זיך אומבאַוועגלעך מיט צונויפגעקרייצטע פיס. אונדזערע בליקן האָבן זיך באגעגנט און פארגליווערט געוואָרן. ער האָט, ווייזט אויס, דערזען אַן אומעט אין מײַנע אויגן. אניט וואָלט ער מיך ניט געטרייסט מיט א וואָרעמען אָפּשײַן פון זײַנע. „כ'ווייס, אַז דו עקסט זיך אויס ליבע... האָסט אָבער א גרויס גליק — געזונטע פיס..."

9. דער בלינדער

די זאָווייע האָט מיך א קערעווע געטאָן צוריק. זי האָט געריסן פון מיר שטיקער. כ'האָב געבויערט מיטן קאָפּ די זאָווערוכע. פאר א קאָמפּאָס האָבן מיר געדינט די ווײַט-נאָענטע, שוואכע פײַערלעך פונעם שטעטל. דערגאנגען צום ברעג, האָב איך מיט גרויס מי זיך ארופגעקאראבקעט אויף אים און צוגעזעצט זיך אויף אן איבערגעקערט שיפל איבערכאַפּן דעם אָטעם. דעמלט האָב איך דערזען דעם בלינדן. א שווארצער, א באוואקסענער, א פארשוואָלענער. מע זאָגט, אַז ער איז בלינד געוואָרן פון „די נירן", האָט ער אויסגעזען אי מוירעדיק, אי אומבאהאָלפן מאכמעס דעם, וואָס דער שניי האָט אים פארדרייט, און ער האָט פארלוירן דעם אָריענטיר — ניט געוווּסט, אין וואָס פאר א זײַט זאָל ער זיך לאָזן גיין.

— ס'איז עמעצער דאָ? מענטשן! ס'איז עמעצער דאָ?! — האָט ער פארצווייפלט געשריגן אין דער ווײַטער פינצטערניש. נאָר דער שטורעם כאַפּט אונטער זײַנע געשרייען און טוט א שלײַדער זיי צוריק אין זײַן בלינד געשוואָלן פּאָנעם ארײַן.

איך האָב אויך ניט פארשטאנען, וואָס ער וויל. פונדעסטוועגן האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אין וואָס עס קאָן זיך נייטיקן א בלינדער אין אזא זאָווערוכע. האָב איך זיך געלאָזט לויפן צו אים. נאָר מע האָט מיך איבערגעיאָגט. א כאליאסטרע באָכערים איז געשטאנען אפן ברעג. זיי האָבן געטופּעט מיט די פיס, דערלאנגט טערעבענצן איינער דעם צווייטן און אלע מאָל אויסגעשאָסן א געלעכטער אין דעם פּאָנעם פון דער זאָווייע. מיר איז דאָס געפעלן. צווישן זיי האָב איך באמערקט פּאווליאָ ווערעטען. ער איז דער ערשטער צוגעלאָפן צום בלינדן. דאָס איז מיר נאָך מער געפעלן, און איך האָב גלײַך באשטימט דערציילן וועגן דעם דער באָבען, און זאָל זי ענדערן איר מיינונג וועגן אים. און ניט אזוי וועגן אים, ווי וועגן זײַן פאָטער, וואָס איז אנטלאָפן פון דער שטאָט, ווי נאָר ס'האָט זיך באוויזן דער ערשטער רויטארמייער.

פּאווליאָ האָט גענומען דעם בלינדן אונטערן אָרעם און געלאָזט זיך גיין מיט אים. נאָר א מאָדנע זאך, אַנשטאָט דעם, ער זאָל אים אוועקפירן צום ברעג, איז ער אוועק מיט אים אין דער אנטקעגנדיקער זײַט, ווײַטער צום טײַך. נאָר עפּשער האָט אים דער בלינדער אזוי געבעטן?

ווערעטע האָט ארויסגעפירט דעם בלינדן אפן הוילן אײַז, און אליין איז ער צוגעלאָפן צו זײַנע כעוורע. איך האָב דערהערט, ווי ער האָט קוועלנדיק אויסגערופן:

— באלד וועט איר זען א באלעט — „דער בלינדער אפן אײַז".

אומבאהאָלפן באוועגט זיך דער בלינדער, גליטשט זיך אויס און פאלט אנידער, פאלנדיק פארלירט ער זײַן שטעקל, נעמט ער טאפן מיט די הענט ארום־און־ארום. דערנאָך, קרעכצנדיק און זיפצנדיק, הייבט ער זיך אוף און מיט אויסגעשטרעקטע הענט נעמט ער זיך שלעפן פאמעלעך, פאָרזיכ־טיק, ניט אָפרײַסנדיק די פיס פונעם אײַז. די כעוורע אפן ברעג לאכן, קרי־מען זיך און טומלען ווי די שיידים.

בין איך געשווינד אראָפּגעלאָפן אפן טײַך, גענומען דעם בלינדן אונטערן אָרעם. האָט ער אָבער מיך אָפּגעשטויסן.

כ׳האָב אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן. איצטער רופן אים אלע „דער בלינ־דער". נאָר ער איז דאָך ניט געווען שטענדיק קיין בלינדער. און א נאָמען האָט ער אוואדע אויך געהאט, ווי אלע מענטשן. דאכט זיך, לייזער? יאָ, טאקע לייזער.

זאָג איך אים:

— האָט פאר מיר קיין מוירע ניט, לייזער. דאָס בין איך, נאָכעם.

טוט ער א שמייכל און ענטפערט:

— כ׳האָב ניט קיין מוירע פאר דיר, מײַן טײַער קינד. הײַנט האָב איך פאר קיינעם ניט קיין מוירע.

כ׳האָב אים ארויסגעפירט אפן ברעג און א פרעג געטאָן:

— ס׳איז אײַך קאלט?

ענטפערט ער מיר:

— ניין. ס׳איז מיר ווארעם.

און כאזערט ווידער איבער:

— הײַנט איז מיר ווארעם. כ׳האָב הײַנט געהערט א געזאנג. „לאָמיר אָפּזאָגן זיך פון דער אלטער וועלט..." האָב איך זיך געלאָזט גיין נאָכן ניגן. בין איך געגאנגען און געגאנגען, ביזוואנען כ׳בין...

— ווער זשע האָט געזונגען?

— צוערשט — א מענטש. דערנאָך — די ערד. נאָכדעם — די זאווייע...

— די זאווייע אויך?

— יאָ. די זאווייע אויך.

— זי זינגט אצינד אויך?

— יאָ. זי זינגט אצינד אויך. דו הערסט דען ניט?

הער איך זיך אײַן אין דער זאווייע. און מיר האָט זיך גענומען דאכטן, אז איך הער...

מיר איז דעמלט געווען ניט מער ווי דרײַצן. נאָר איך געדענק גאנץ גוט, אז איך האָב א קלער געטאָן: „אלע פארנעמען זיך הײַנט מיט רעוואָ־ליוציע". אפילע די באָבע, אפילע דער־אָ בלינדער. טאקע דעריבער האָט ער געזאָגט: „הײַנט האָב איך ניט מוירע".

און כ׳האָב זיך אויך דערמאָנט, וואָס מע דערציילט אין שטעטל וועגן בלינדן. ער איז בלינד געוואָרן „פון די נירן". און די נירן האָט ער פאר־

קילט אין א קאַרצער. איך ווייס ניט פּינקטלעך, וואָס איז אַזוינס א קאַר־צער. די באָבע זאָגט, אַז ס'איז נאָך ערגער פון א טפיסע.

זאָג איך דעם בלינדן:

— לאָמיר זיך אָפּשטעלן אַף א ווײַלע. כ'וועל אָפּטרייסלען פון אײַך דעם שניי.

דער בלינדער האָט דרײַ מאָל איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט — „אָפּ־טרייסלען". כ'ווייס ניט, וואָס איז דאָס אים אַזוי געפעלן. א געוויינלעך וואָרט, ניט אַזוי?

איצט אָבער פאַרשטיי איך, פאַרוואָס עס האָט יעדעס וואָרט דעמלט געקלונגען יאָמטעוודיק. נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעכאַזערט דרײַ מאָל דאָס דאָזיקע וואָרט, האָט ער געזאָגט:

— גוט, קינד מײַנס. טרייסל אָפּ. לאָמיר אָפּטרייסלען דעם שטויב פון די פיס!

דעם שטויב פון דער אַלטער וועלט...

10. דער קאַרליק

„שוין יענע כאַסענעס! געפונען א צײַט פאַר כאַסענעס!"

אָט אַזוי טײַנעט מען אין שטעטל און מע זיפצט דערבײַ טיף.

טראָץ דעם זײַנען אַלע געקומען אַף דער כאַסענע. אַלע פאַרבעטענע. און אייניקע ניט־פאַרבעטענע אויך. אין א צײַט פון צאָרעס טוליעט מען זיך איינער צום צווייטן. מע שטייט רעדלעכווײַז אַף די גאַסן, מע זיצט אַף בענק צי אַף קעסטלעך ענג — איינער לעבן אַנדערן. זײַן אַף א כאַ־סענע הייסט זײַן מיט מענטשן.

צווישן די ניט־פאַרבעטענע האָט זיך דער ערשטער באַוויזן צאַלע דער קאַרליק אין א שאַבעסדיקער קאַפּאָטע און מיט א צעקעמט בערדל. קיינער פלעגט אים קיינמאָל ניט פאַרבעטן. ער באַליידיקט זיך אָבער ניט און קומט צו לויפן אַף א סימכע פריִער פון אַלעמען.

צאַלע האָט זיך סטאַטעטשנע אָפּגעשטעלט בא דער שוועל, אונטערגע־הויבן זיך אַף די שפּיץ פינגער, א צי געטאָן זיך מיט דער האַנט צו דער מעזוזע, קוים באַרירט זי מיט צוויי פינגער און א קוש געגעבן זיי. און טאַקע באַלד איז ער הענדעם־פּענדעם ארײַנגעלאָפן אין קיך, געכאַפּט צוויי עמער און אַוועק צו דער קרעניצע.

באַם ברונעם זײַנען געלעגן שטיינער — טרוקענע אינדזלעך צווישן בלאָטע און קאַליוזשעס. צאַלע בייגט זיך אָן פאַרזיכטיק, קעדיי ניט פאַר־שמירן די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע, וואָס האָט זיך געטעלעפּעט אַזש ביז צו די פּיאַטעס, לייגט אַוועק איין שטיין אַפן צווייטן, דערנאָך קלעטערט ער אַרויף אַפן בערגל פון די צונויפגעוואַלגערטע שטיינער, טוט א טופּע מיט א פּיצל פּיסל, קעדיי צו איבערצײַגן זיך, אַז סע שטייט פעסט, לאָזט אַראָפּ דעם עמער אין דער קרעניצע, בייגט זיך אָן איבער איר שוואַרצן כאַלעל, ער וויל בוידעק זײַן, צי דער עמער האָט זיך שוין פאַרניוירעט אינעם וואַסער, און נעמט זיך אים אַרויסשלעפּן, אָבער זייער פּאַמעלעך, קעדיי ניט אויס־

גיסן קיין טראָפּן. אַט אַזוי שעפּט ער אָן צוויי פּולע שעבעפּולע עמער און לאָזט זיך מיט זיי צו דער שול.

פיס האָט ער קורצינקע, און הענט — לאַנגע. איז קעדיי די עמער זאָלן זיך ניט שלעפּן איבער דער ערד, מוז ער זיי טראָגן מיט אונטערגעהויבענע אָנגעשטרענגטע הענט, דערפון ווערט ער גיך מיד. שטעלט ער זיך אָפּ אַפּ.

אין דער זעלבער צײַט שטעלט מען אוועק א סאַמעטענע כופּע אַפן פּלאַץ, וואָס אַנטקעגן דער שול, און אַרקאַדי לייבאָוויטש, וואָס איז אויסגעפּוצט אין א שוואַרצן אָנצוג מיט א ווײַס־רויטן שניפּס, אין א העלבלויען קאַפּעליוש און אין עסיק־גרינע שיך, ברענגט אַרויס אין דער אָנוועזנהײַט פון דער קאַלעס עלטערן און קרויווים און דעם ראַוו רעב נאַכמען־בער אַליין די פאַרצײַטיקע כאַסענע־פאָרמולע: „האַריי אַט מעקודעשעס לי בעטאַבאַאַס זו קעדאַס מוישע וועיִסראָעל”, אָנטוענדיק דאָס פינגערל אַף דער קאַלעס פינגער. געטאָן האָט ער דאָס נאַכלעסיק, אַפּילע א קאַפּעלע אָפּשפּעטעריש, ס׳הייסט, נאַרישע זאַבאַבאָנעס. נאָר וואָס קאָן מען טאָן מיט די־אַ קליינשטעטלדיקע יידעלעך! — און דאָס פינגערל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זײַנע גראָבע פינגער און אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד. אַלע האָבן אַזש אָן אויקע געטאָן. נאָר איין סאָניע האָט זיך ניט פאַרלוירן. זי האָט זיך האַסטיק אָנגעבויגן, אופגעהויבן דאָס פינגערל און אַליין עס אָנגעטאָן זיך אַפן פינגער.

סאָניעטשקען איז געווען ניט צו דערקענען. די באָבע האָט געווישט דאָס רעכטע אויג מיט די שוואַרצע פראַנדזן פונעם זײַדענעם טיכל, וואָס איז אַלט געווען עפּשער פופציק יאָר. זי האָט זייער ליב געהאַט סאָניען. נאָר אַצינד האָט זי אויך קימאַט ווי ניט דערקענט איר אייניקל. די צעפ זײַנען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין איין מאָמענט, גענומען א שער און אָפּגעקאַרנייעט זיי. נאָך דער אָפּעראַציע איז סאָניע אָפּגעשטאַנען א פּאָר שאָ אַנטקעגן דעם שפּיגל און טאַקע אויסגעמײַסטערט זיך א קורצע געקרײַזלטע פריזור.

צו אַזאַ מין פריזור דאַרף מען האָבן גאָר אַנדערע אויגן. אויגן אָבער זײַנען ניט קיין צעפּ, אָפּשערן זיי קאָן מען ניט. סאָניע דערקלערט, אַז זי איז פּלוצעם געוואָרן קורצזיכטיק, און שוין.

לויט איר פאָרשטעלונג זשמורען קורצזיכטיקע די אויגן. און זי, זי האָט צו גרויסע אויגן. זיי פּאַסטן ניט פּאַר א קורצער פריזור. הייבט זי זיך אָן ווידעראַמאָל דרייען אַנטקעגן דעם שפּיגל און לערנט זיך זשמורען די אויגן אַזוי, אַז די ווײַסלעך ווערן פאַרלאָרן און סע פאַרבלײַבן הוילע שוואַרצאַפּלען, אַזעלכע העלע, אַזעלכע שײַנענדיקע, ווי צוויי פּיצינקע שוואַרצע שטערנדלעך.

סאָניעס נעזל האָט א קליין האָרביקל. זי האָט אָבער נאָך ניט באַשלאָסן, צי אַזאַ נאָז פּאַסט צו א קורצער פריזור און צו שמאָלע כינעזישע אויגן. לאָזט זי עס דערווײַל צורו. דערפאַר אָבער האָט זי באַשלאָסן, אַז פּאַר טונקעלע שטערנדלעך דאַרף מען האָבן שוואַרצע ברעמען. וואָס קאָן מען אָבער טאָן, אַז זיי זײַנען אַזוי אויכעט שוואַרץ־שעבעשוואַרץ?

האַקלאַל, ווען זי וואָלט געהאַט גענוג צײַט, וואָלט זי אויסגעמײַסטערעוועט פון זיך שוין איינמאָל א קאַלע! אַלע וואָלטן געגאַפּט און געכידעשט

זיך. וואָס קאָן מען אָבער אופּטאָן אין אזא אײַלעניש? גלײַך ווי מע וואָלט זיך געקליבן אַף אַ יאָריד פאַרקויפן זי.

און סאָניעטשקע, אין אַ זויבער־ווײַס קלייד מיט געהאַפּטעטע זוימען, האָט געמאַכט דעם לעצטן קרײַז פאַרן שפּיגל און פלוצעם געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט. דאָרטן, אינעם שפּיגל, האָט זי דערזען ניט נאָר זיך. פון הינטער אירע פּלייצעס האָבן געקוקט פאַרכידעשט־אנציקטע פּענעמער: יונגע, אַלטע, אפילע קינדערשע. זעט נאָר, זעט, ווער סע גייט! ס'איז דאָך סאָניעטשקע זלאַטקיס, די ערשטע יעפּייפע אונדזערע! זי האָט הײַנט כאַסענע. איז אײַלט אײַך, קומט צו לויפן און כאַפּט אַ קוק, ווי די קאַלע זעט אויס אונטער דער כופּע. מאַלע כיין!

ווען די כופּע־צערעמאָניע האָט זיך פאַרענדיקט און סאָניע איז אַרויסגעשווומען פון אונטער דער ווײַנשל־קאָליריקער סאַמעטענער כופּע און איז אַרײַנגעשווומען אונטערן בלויען הימל, האָט זי פאַריסן דעם קאָפּ אַרופּצו — די הימל־כופּע איז געווען אומגעהייער העכער, ראַכוועסדיקער פון דער סאַמעטענער. אַרומגעקוקט זיך פון אַלע זײַטן מיט צוגעזשמורעטע אויגן, האָבן אירע צוויי קליינע שטערנדלעך זיך געטראָפן מיט נאָכעמקעס בליק. זי האָט אַ שמייכל געטאָן, מיטאַמאָל פאַרגעסן, אַז זי איז שוין אַ כאַסענע־געהאַטע, פאַרלאָזט דעם פאַרכידעשטן מאַן אַף דער באָבעס באַראָט, צוגעלאָפן צו נאָכעמען און אויסגעשטרעקט איר האַנט.

— גיב אַ קוק, וואָס פאַר אַ שיין פינגערל כ'האָב! אַ גאָלדנס.

— יאָ, אַן אַנטיקל, מאַזלטאָוו דיר, סאָניע!

— אַ שיינעם דאַנק דיר, מײַן טײַערער.

אַף כידושים! זי פלעגט קיינמאָל ניט ריידן מיט אים אזוי צאַרט. וואָס זשע איז געשען?

— נאָכעמקע, די פריזור פּאַסט מיר?

— די צעפּ האָבן דיר בעסער געפּאַסט.

— אָ! וואָס פאַרשטייסטו! האָסט אַ קליינשטעטלדיקן געשמאַק.

סאָניע האָט מיטאַמאָל אָנגעווווירן דעם כיישעק פאָרזעצן דעם שמועס מיט דעם אָפּגעשטאַנענעם באָכער. זי האָט דעריאָגט די באָבע און געפרעגט זי:

— באָבעניו! וויפל דאַרף מען וואַרטן, ביז ס'וועלן אונטערוואַקסן נײַע צעפּ?

די באָבע האָט געענטפערט קורץ און שאַרף.

— פינף יאָר.

— אַז־זוי לאַנג?

— עס קאָן זײַן, אַז גיכער. אויב דו וועסט נאָר ווערן אַ ביסל ערנסטער. בא ערנסטע פרויען וואַקסן די האָר גיכער.

אפן פּלאַץ האָט זיך באַוויזן צאַלע.

דער קליינינקער צאַלע אפן אָפענעם פּלאַץ, אַ באַלויכטענער פון דער פאַרגייענדיקער זון, האָט אויסגעזען, ווי אַ בערדיקער גנאָם. מאַכמעס דעם, וואָס ער האָט געשטעלט קליינע טריט, האָט זיך פונדערווײַטנס אויסגעוויזן, אַז ער באַוועגט זיך ניט. די שווערע פּולע עמער האָבן קימאַט באַרירט די ערד. האָט ער באַשלאָסן אָפּרוען זיך נאָכאַמאָל, דאָס לעצטע מאָל

פארן פּײַערלעכן מאָמענט. לאָזט ער אראָפּ פאָרזיכטיק די עמער אף דער ערד, נעמט ארויס פון דער קעשענע א גרויס רויט טיכל און ווישט אויס די פארשוויצטע האָר, אונטערהייבנדיק דערבײַ דאָס היטל, גלײַך ווי ער וואָלט זיך געזעגנט מיט דער פארגייענדיקער זון. ער האָט אָבער מוירע פארשפּעטיקן און קומען נאָך אלעמען, כאַפּט ער אימפּעטדיק די עמער און לאָזט זיך שפּאַנען.

סאָניע האָט א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— וווּנדערלעך! ווי א שיין מײַסעלע!

זי האָט ניט באמערקט, ווי אפן פּלאַץ האָט זיך פון ערגעץ באוויזן פּאַוולאָ ווערעטע. אנדערע האָבן באמערקט. און לייבאָוויטש אויך. ער האָט זיך אָבער געמאכט ניט ווויסנדיק.

מיט א פּאריסענעם קאַפּ, מיט א פּאַריסן ברוין בערדל, איז צאַלע גע־שטאַנען און געגאַפט אף דער ווונדערבארער קאַלע. עמעס, ס׳איז טאַקע אן אויירע פארקוקן זיך אף פּרויען. נאָר דאָס איז דאָך ניט קיין פּרוי. ס׳איז די שיינהײַט אליין! פון דער הייליקער טוירע, פון שיר־השירים...

נאָר גאָט, דער אייפּערזיכטיקער, נעקאָמעדאָרשטיקער גאָט, האָט גלײַך געשטראָפט דעם אָרעמען קארליק פאר זײַן, מישטיינסגעזאָגט, פּיצל נאָ־כעסרועך. ווען ער, צאַלע, האָט געמאכט א ניט זיכערן טראָט אנטקעגן שולאמיסן, האָט ער אף א ווײַלע פארגעסן, אז אין זײַנע הענט האלט ער צווי פולע עמערס, פארגעסן, וואָרעם אלץ ארום האָט אויסגעזען מײַסעדיק־לײַכט, לופטיק. און פארגעסנדיק, האָט ער זיך א שטארקן בייג געטאָן אנט־קעגן דער קאַלע, ווי ער וואָלט געוואָלט אָניאָגן מיטן קערפּער דאָס, וואָס עס קאָנען ניט אופטאָן זײַנע ליאַלקע־פיסעלעך. האָט ער פארלוירן דאָס גלײַכגעוויכט און איבערגעקערט אן עמער...

אלע האָבן ווידער נאָך העכער אן אויקע געטאָן, קוקנדיק אף די קאָ־ליוזשעס פונעם צעגאָסענעם מאזל. אפילע סאָניע אליין איז געבליבן א מעוווּלוועלע שטיין, ארומקוקנדיק זיך אומבאהאָלפן־דערשראָקן. לייבאָ־וויטש איז איר ניט געקומען צוהילף. ער האָט געשמייכלט מיט זײַנע פולע ליפּן און צוגעזשמורעטע אויגן.

מיטאמאָל האָט זיך באוויזן פּאַוולאָ. ער האָט ארויסגעריסן דעם פולן עמער וואסער בא דעם גנאָם, פּעסט א דריק געטאָן סאָניעס האנט און, קוקנדיק אף איר מיט זײַנע שיינע ברוינע אויגן, פרײַנטלעך געזאָגט:

— מאזלטאָוו!

ערשט אצינד איז צאַלע געקומען צו־זיך. ער האָט אויסגעשטרעקט אײַ־זיקן די האנט. יענער האָט בייז אים ארײַנגערוקט א מאטבייע. צאַלע האָט זיך א קראַץ געטאָן אין דער פּאָטיליצע און געזאָגט:

— ווינציק.

אײַזיק האָט מיט פאראכטונג א קוק געגעבן אפן קארליק און געלאָזט זיך גיין ווײַטער. וואקלענדיק זיך, ווי א קאטשקע, האָט צאַלע אים אָנ־געיאָגט, און, ארײַנקוקנדיק אים אין זײַנע פּענסנע פון אונטן ארוף, האָט ער צו אים געזאָגט מיט א קינדעריש־קוויטשיק קעלעכל:

— ס׳א סוואָרע, אז איר האָט מיר באצאָלט פאר איין עמער וואסער. און איך האָב דאָך פאָרט געטאסקעט צוויי.

אײַזיק האָט אים שווײַגנדיק אַרײַנגערוקט אין דער האַנט נאָך אַ מאַט־בייע. געמאַכט האָט ער דערבײַ אַזאַ בייז־אומצופרידענע מינע, אַז צאַלע האָט אַ פּרוּוו געטאָן איבערבעטן אים מיט אַ טשיקאַווע פראַגע.

— פונוואַנען ווייסט ער דאָס וואָרט „מאַזלטאָוו״?

אײַזיק איז אַרויס פון די קיילים און מיט רעציכע אַ געשריי געטאָן אָפן קאַרליק:

— וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט! גייט און פרעגט אים אַליין.

11. הערשל גלייזער

פערעץ דער שוואַרצער האָט גלײַך פאַרגעלייגט אײַזיקן, אַז ער זאָל פאַרנעמען זײַן בעקאָוועדיק אָרט אויבנאָן באַם טיש. נאָר אײַזיק האָט געענטפערט, ווי זײַן שטייגער איז געווען:

— מײַן פאָטער האָט מיך אַזוי ניט דערצויגן. זײַט מיר מוחל, כ׳מוז אַרויסגיין אַף אַ ווײַלע.

באַלד האָט ער זיך אומגעקערט. די טיר האָט זיך צעעפנט און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ גראָווע זקיינע. אײַזיק האָט זי זאָרגעוודיק אונטערגעהאַלטן.

דאָס איז געווען זײַן מוטער. זי איז געווען מעסוקן אַלט, מעסוקן שוואַך, מיט אַ רוקן, וואָס איז געווען אײַנגעבויגן קימאַט אונטער אַ גראַד ווינקל אַזוי, אַז ווען זי לאָזט אַראָפּ אירע לאַנגע הענט, ווײַזט זיך אויס, אַז זי איז אַלט אַ מיליאַרד יאָרן און אַז זי איז געבוירן געוואָרן נאָך אין דער צײַט, ווען דער מענטש האָט ווי אַ קינד געמאַכט די ערשטע פרוּוון שטעלן זיך אַף די פיס.

די געסט האָבן טומלדיק זיך אַ הייב געטאָן פון די ערטער און גע־מאַכט אַ ווערע דער אַלטיטשקער און איר זון. אײַזיקן איז דאָס געפעלן, אַ שטילע צופרידנקײַט האָט זיך אויסגעלייגט איבער זײַן פּאָנעם.

ער האָט אוועקגעזעצט די מוטער אויבנאָן באַם טיש, אַף דעם זעלבן אָרט, וואָס פערעץ האָט אים פאַרגעלייגט. באַנאַנד מיט איר האָט ער פאַר־בעטן זעצן זיך פון איין זײַט דעם ראָוו, רעב נאַכמען־בער, און די שוויי־גער, און פון דער צווייטער זײַט — סאָניען און לייבאָוויטשן. אַליין האָט ער זיך באַשיידן אַנידערגעזעצט באַ דער זײַט.

דעם ערשטן לעכאַיִם האָט אויסגעשטאַמלט די זקיינע. אַף דעם איז באַשטאַנען אײַזיק. קיינער האָט גאָרנישט ניט געהערט. מע האָט נאָר געזען, ווי אירע פּיאַלעטעווע ליפּן באַוועגן זיך פון דער גרינג. דער אײַנ־געבויגענער רוקן האָט זי ניט געלאָזט אויסגלײַכן דעם קאָפּ, איז ער גע־האַנגען מעשונעדיק אַראָפּגעלאָזט. נאָר די ברעמען האָבן זיך געהויבן, געקראָכן אָפן שטערן, און די פאַרטרערטע אויגן האָבן זיך געדרייט אין אַלע זײַטן, באַמיִענדיק זיך באַקוקן די געסט. זי האָט ווייניק וועמען דער־קענט. די האַנט האָט געציטערט, און די אויסגעטריקנטע פינגער האָבן זיך געגליטשט איבערן גלעזל מיט ווײַן. צונויפשליסן זיי אַרום דעם האָט זי ניט געקענט.

סאָניע איז אופגעשפּרונגען פון אָרט און האָט געוואָלט מיט עפּעס העלפן דער באָבען. נאָר כּוץ דעם, האָט זי געהאַט אַ ביסל פּאַרדראָס, וואָס ניט זי, סאָניע, וועלכע האָט היינט כּאַסענע, איז אין צענטער פון די געשעענישן, נאָר איר באָבע גאָר, וואָס האָט געפּראַוועט איר כּאַסענע מיט אַ שאָק יאָרן צוריק.

סאָניע האָט פלינק אונטערגעטראָגן די קויסע צו דער אַלטערס איינגעפאַלן מויל. די זקיינע האָט באַנעצט די ליפּן אינעם היימישן זיסלעכן וויין, די אָנגעשטרענגטע ברעמען האָבן זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אויף זייער אָרט און ס'האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט איינגעדרעמלט. זי האָט אָבער פאַמעלעכן אופגעהויבן די ציטערנדיקע האַנט און אַרופגעלייגט זי אויף סאָניעס קאָפּ. דאָס אייניקל האָט נידעריקער אָנגעבויגן דעם קאָפּ. קעדייי דער באָבען זאָל לייכטער זיין אַ גלעט טאָן איר. אין דער זעלבער צייט האָט זי מוירע געהאַט, אַז די טרוקענע האַנט זאָל ניט קאַליע מאַכן איר געקרייזלטע פריזור.

מיטאַמאָל האָט זיך האַסטיק געעפנט די טיר. אַלע האָבן אַ צאַפּל געטאָן און אויסגעדרייט די קעפּ. מע האָט אָבער קיינעם ניט געזען. די פרויען האָבן געקוקט אויף די מענער. די מענער האָבן זיך דורכגעקוקט צווישן זיך.

די באָבע האָט זיך אופגעהויבן און אָנגעצויגן דאָס טיכל אויפן לינקן אויג. סאָניע האָט אַ ווונק געטאָן צו איר מאַן. לייבאָוויטש האָט זיך שווער אופגעהויבן און געלאָזט זיך גיין נאָך דער באָבען.

— ס'אי מיסטאָמע אַ שפּעטער גאַסט,— האָט די באָבע געזאָגט.

— איז אויב אַזוי, טאָ ווו איז ער?— האָט געפרעגט אַרקאַדי.

דורך דער אָפענער טיר האָט זיך דערהערט אַ טעמפּער באַס.

— גענענדל! קום גיכער. מיר האָבן אַזוי אויך פאַרשפּעטיקט, האָבן מיר!

סאָניע האָט זיך אופגעכאַפּט פון אָרט.

— ס'איז דאָך גלייזער.

— טאַקע ער אַליין מיט זיין אייגענעם קאָוועד,— האָט הערשל גלייזער אַ הילך געטאָן, באַווייזנדיק זיך אויף דער שוועל.

דאָס איז געווען אַ וווּקסיקער ברייטפּלייציקער מאַנצבל, מיט אַ רויטפאַרווינטיקט פּאָנעם, מיט אַ געדיכטן הייזעריקלעכן באַס. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברוין פליסן רעקל, די שוואַרצע פּאַרקאַטשעטע הויזן האָבן אַנטבלויזט אַ פּאָר באָרוועסע פאַרשטויבטע פּיסיילעס. איבער דעם אַקסל זיינען, צונויפגעבונדענע מיט בענדלעך, געווען אַריבערגעוואָרפן אָנגעוועקסלטע שטיוועלעך.

הערשל איז געווען אַ ווייטער קאָרעוו פון די עסרעגס. ער האָט געוווינט אין אַ דאָרף. אויף דער כּאַסענע איז ער געקומען מיט זיין ווייב גענענדל, אַ דאַרע פרוי מיט אַ ברייטלעך פּאָנעם און מיט גרויסע ציין, וואָס האָבן זיך קוים איינגעמאָסטעט אין איר מויל און וואָס האָבן איר צוגעגעבן אַן איימעדיקן אויסזען. געווען איז זי אָבער אַ שעמעוודיקע, ווילע פרוי. זי האָט געהאַלטן אין די הענט אַ גרויסן געפלאָכטענעם קויש, וואָס איז פול געווען מיט קאָלטווו.

פערעץ האָט זיך אָפּגערוקט און געמאַכט לעבן זיך אַן אָרט פֿאַר גליי־זערן. ער האָט דאָס געטאָן מיט א מיין. וואָרעם ער האָט שוין אפריער זיך פאָרגעשטעלט, וואָס פאַר א פאַרגעניגן ער וועט האָבן פון דעם שמועסל מיט דעם דאָזיקן גוואַלדאָוונעם רענדאר, וואָס טראָגט די שטיוועלעך אף די פּלייצעס און ניט אף די פיס.

— פונוואַנען איז א ייִד? — פרעגט אים ליבלעך פערעץ.

— פון דובנעווקע.

— אַ! דובנעווקע. געהערט. איז מיט וואָס זײַט איר געקומען צו פאָרן?

— מיט די פיס.

— צופוס?

— נו, יאָ.

דער רענדאר איז בעפּיירעש געפעלן געוואָרן פערעצן. האָט ער אים געפרעגט נאָך ליבלעכער:

— איז פאַרוואָס האָט איר ניט געדונגען קיין פור?

— נאָך וואָס? כ'האָב אליין א פערד.

— איז וואָס זשע גייט איר צופוס?

— ווײַל איך שאַנעווע זי.

— וועמען? — האָט פערעץ העפלעך איבערגעפרעגט, פאַרבעטנדיק מיט די פינטלענדיקע אויגן דעם אוילעם אפן טשיקאַוון ספעקטאַקל.

— וואָס הייסט, וועמען? די שקאַפע, מיין איך.

— נו, און אײַערע פיס, און די פיס פון אײַער פלוינעסטע שאַנעווט איר ניט?

— וואָס עפּעס דאַרף מען זיי שאַנעווען? מיר זײַנען דאָך געקומען צו־ליב א פאַרגעניגן. ס'הייסט, א הוליע טאָן אף א כאַסענע. אָבער נאָך וואָס דאַרף זי זיך מאַטערן א גאַנצע נאַכט און וואַרטן אף אונדז?

— ווער — זי? — שטעלט אונטער פערעץ אַן אויער, און מיט זײַן פּאָ־נעם, מיטן לעכערלעך־פאַרקנייטשטן פּאָנעם פון אַן אלגעמיין־אַנערקענטן שטאָט־לעץ, טוט ער זיך א קער צום אוילעם. עס שיסט טאַקע באַלד אויס א געלעכטער. נאָר הערשל גלייזער ענטפערט רויק, גלײַך ווי דער דאָזי־קער געלעכטער האָט צו אים קיין שום שײַכעס ניט.

— וואָס הייסט, ווער? מײַן שקאַפע.

— אײַער שקאַפע איז אזוי איידל געפּאַצקעט, אז זי קאָן זיך ניט מאַ־טערן?

— וואָדען? איר וואָלט געמעגט כאַפּן א קוק אין אירע אויגאַנעס. זיי זעען אמאָל אויס אזוי אומעטיק, אז סע רײַסט פּאָשעט אויס דאָס האַרץ אף איר קוקנדיק. אפילע בא מײַן געגענדל זעען זיי אזוי ניט אויס.

פערעץ דער שוואַרצער האַלט זיך קוים אײַן. נאָר ער שטיקט דעם געלעכטער אין זיך און פרעגט מעסוקן ערנסט:

— זי האָט ליב מוזיק?

אצינד פרעגט גלייזער:

— ווער — זי? געגענדל?

— ניין, אײַער טײַערע שקאַפע.

— כ'ווייס ניט. כ'האָב זי ניט געפרעגט. וואָס איז דען?

— זי וואָלט אויך געקאָנט כאַפּן אַ פריילעכס, קעדיי ניט מאַטערן זיך.
— אַ פריילעכס? כ׳זע אָבער, אַז ס׳אַ כאַסענע אָן קלעזמער.
— פאַרוואָס? פאַראַן. אַ גראַמאָפאָן.
— אַ וואָס? אַ גראַמפאָן? וואָס הייסט עס — גראַמפאָן?
פערעץ איז אַפּן זיבעטן הימל. ער פילט, ווי די געסט דרייען אויס די קעפּ אין זײַן זײַט. און ער האָט ביז גאָר ליב, ווען עס רינגלט אים אַרום אַן אוילעם, וואָס שטיקט זיך פון געלעכטער.
— גראַם־פאָן, — כאַזערט איבער פערעץ פונקט אַזוי, ווי הערשל האָט עס אויסגערעדט. — איז אַזאַ... נו, ווי אַ גרויסער טאָפּ, אָדער אַ קעסל.
— אויב אַזוי, — שלאָגט איבער גלייזער, — האָט מײַן געגנעגדל אַ סאַך גראַמפאָנס. בײַ איר אין קיך איז עפּשער אַ האַלבע וואַנט פאַרהאַנגען מיט טעפּ און קאַסטרוליעס... נאָר וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט עס צו קלעזמער?
— אַ־דאָס איז דאָך עס, — שײַנט פערעץ מיט אַלע זײַנע דריבנע קנייטשעלעך. ער זעט בעפּיירעש, ווי רעב נאַכמען־בער אַליין האָט אונטערגעשטעלט זײַן טויבלעכן אויער און הערט זיך אײַן.
— אַ־דאָס איז דאָך עס, — כאַזערט איבער פערעץ, גלעטנדיק ליבלעך הערשלס קני. — ס׳איז ניט קיין געוויינלעכער קעסל, וואָס אײַער געגנעגדל פּרעגלט אין אים אײַנגעמאַכטס, נאָר אַ מוזיקאַלישער. ער איז זייער גרויס, אָט אַזאַ, — צעשפּרייט פערעץ די הענט. — דאָרטן קאָן זיך פרײַ אײַנמאָסטען די שקאַפע אײַערע מיטן לאָשעקל אינײַנעם.
— אַ־האָ! — האַלט הערשל אין איין כידעשן זיך.
— און דאָרטן, אינעווייניק הייסט עס, זיצט אַ קופּערן מענטשעלע און האַקט אַ טשײַניק. ס׳הייסט... כ׳האָב געוואָלט זאָגן, אַז ער האַקט אין קעסל מיט העמערלעך.
— וואָס זאָגט איר! אײַ־אײַ־אײַ! אַ קופּערן מענטשעלע, זאָגט איר? און טאַקע איר אַליין האָט אים, דעם גראַם־פאָן?
— אוואַדע.
— איז ווײַזט זשע מיר אים, כ׳בעט אײַך זייער.
פערעץ האָט אַ קלער געטאָן, אַז אין פאַרגלײַך מיט אָט דעם רענדאַר, איז אַפילע גיוניע אײַזנבערג אַ גרויסער כאַכעם.
— מע קאָן אים אָנקוקן נאָר מיט פאַרבונדענע אויגן.
— וואָס זשע וועל איך זען מיט פאַרבונדענע אויגן?
— אַ־דאָס איז דאָך עס, — האָט דער שוואַרצער לעץ ווידער איבערגעכאַזערט פילדײַטיק. — באַלד וועט איר זיך אין דעם איבערצײַגן.
ער האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ נאָזטיכעלע, אַ גרויס און ניט גאָר קיין ריינס, צונויפגעלייגט עס און געגומען פאַרבינדן הערשלען די אויגן. גלייזער האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעשטופּט פערעצעס האַנט און אַ ברום געטאָן מיט זײַן הייזעריקלעכן באַס:
— נו, טײַערינקער, עפּשער וואָלט שוין געווען גענוג פּראָווען אַ קאָמעדיע. וואָס מאַכסטו זיך נאַריש וואָס?!
פערעץ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן אָרט מיט אַן אָפּן מויל.
— וואָס? וואָס הייסט? דאָס האָט איר דאָך זיך נאַריש געמאַכט.

הערשל האָט אויסגעשאָסן מיט א דונערדיק געלעכטער.

— כ׳האָב פּאַשעט געהאט אף אײַך ראכמאָנעס. איר זיצט, נעבעך, און נודיעט זיך. ניט קיין כאסענע, נאָר טישעבאָוו. איז פארוואָס זאָל איך זיך ניט מאכן פאר א נארעלע, וויבאלד איר האָט פון דעם נאכעס?

— האָסטו געזען א רענדארטשוק, האז! — האָט אויסגערופן אלטער דער באלעגאָלע.

גלייזער האָט א קאָמאנדעווע געטאָן.

— געזעגנדל! אנו, גיב אהער דעם קויש.

אלטער האָט א צי געטאָן מיט דער נאָז. ער האָט דערפילט, דער באלע־גאָלע, א קרויוויִשע נעשאָמע, אין דעם־אָ פעסטן רענדאר, און געקײַכט, ביז טרערן האָבן זיך ניט באוויזן אין זײַנע קליינע אייגעלעך. הער א מײַסע! גאָר אזא מין רענדארטשוק! נעמט און לאכט אויס דעם גרעסטן כויזעקמאכער אליין! דעריקער איז אים געפעלן, וואזוי גלייזער האָט געלויבט אין טאָג אריַין זײַן שקאפּע.

— אצינד, טײַערער פרײַנט, — האָט גלייזער בענימעסדיק געזאָגט צו פערעצן, — העלף מיר מאכן א פרײַען פלאץ אף דעם דאָזיקן פארעווען טיש.

הערשל האָט אוועקגעשטעלט דעם קויש פונויבן אָן, אופגעהויבן דאָס דעקל און ארויסבאקומען פון דאָרטן א גרויסן בוטל.

— איר טרינקט, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, עפּעס א בורדאָ! אנו, גיט אהער די קויסעס. איר וועט, כלעבן, לעקן די פינגער. באסיע, האָסט ניט קיין גרעסערע קעלישעקלעך? כאָטש איינס, טאקע פאר מיר. כ׳קאָן ניט טרינקען פון קיין פינגערוט. וואָס, האָסט ניט? איז דערלאנג א גלאָז.

גלייזער האָט אָנגעגאָסן אלעמען.

— נו, לעכאַים!

— הארב מיט רוכעס! — האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ דער באלעגאָ־לע. — אפּאָנעם, סאמאגאָן, נאָר ריין און געשמאק, ווי שנאפּס.

הערשל האָט א געשריי געטאָן אזוי הויך, אז מע זאָל אים דערהערן אין קיך.

— גיסיע! דערלאנג צום טיש די געפילטע פיש. נו, און איך וועל אויך עפּעס צוגעבן.

ער האָט ארויסגענומען פונעם קויש סלאָיקעס מיט שוואָמען, געזײַער־טע אוגערקעס, קרויט, און נאָך, און נאָך... איין קלומעקל האָט ער אוועק־געלייגט באזונדער, נעענטער צו זיך.

די פארויטלטע גיסיע, אן אָרעמע פארזעסענע מויד, א קרעפּטיקע, א הויכברוסטיקע, וואָס האָט געהאָלפן באסיען גרייטן די כאסענע־סודע, איז געקומען צו לויפן מיט א גרויסער טאץ אף די אויסגעצויגענע הענט.

די קויסע סאמאגאָן, וואָס די געסט האָבן גענומען, האָט צעבונדן בא אלעמען די צונגען. מע איז געוואָרן אופגעלעבט, גענומען פלאפּלען.

פאר גלייזערן, ווידער, איז א קויסע צו א קליינע קיילע. ער האָט אויסגעזויפט א האלבע גלאָז מיטאמאָל, א קנאק געטאָן מיט דער צונג, אויסגעווישט די ליפּן. מיט איין האנט האָט ער גענומען צעוויקלען דאָס

פעקעלע, און מיט דער צווייטער פֿארשטעלט עס פֿון נײַגעריקע בליקן. א נישקאָשעדיק פּעקעלע, א געשמאַקס. א פֿײַן שטיקל כּאַזער־פֿעטס, א צוויי פֿונט ניט ווייניקער, קנאָבל, ציבעלעס, זאַלץ און א האַלב לעבל שוואַרץ ברויט.

פֿערעץ האָט געקוקט אויף דעם, ווי א פֿאַרקישעפֿטער.

— פֿע! — האָט ער ענדלעך געזאָגט. — ס׳איז דאָך טרייף... ווי שעמט איר זיך ניט?

שלאָגט אים הערשל איבער.

— ש־ש! זײַ ניט קיין כניאָק, איך בעט דיך.

ער כאַפּט א קוק אַפֿן ראָוו און גיט צו:

— כ׳וועל שטילינקערהייט. אז רעב נאַכמען־בער זאָל, כאַלילע, ניט באַמערקן. נאַ דיר אויכעט. אַנו, גיב א פּרוּוו. וואָס פֿאַר א ווערט האָבן אײַערע בלייכע מײַכאָלים און די בולקעלעך. אָ־דאָס איז טאַקע עפּעס עמעסדיקס. ווי זאָגט יענער: פֿון כאַזער מיט ברויט ווערן די באַקן רויט.

אַלטער באַלעגאָלע לאָזט ניט אַראָפּ זײַנע שיקער־אַנציקטע אייגעלעך פֿון גלייזערן.

— איר האָט ניט מער די־אָ... די־אָ...

הערשל קערט איבער דעם בוטל.

— קיין טראָפּן. אויסגעזשליאָקעט.

זאָגט אים אַלטער ליבהאַרציק:

— כ׳האָב אײַך אַלציינס ל־ליב... הערט נאָר, כ׳וויל אײַך פֿרעגן... איר האָט דען ניט מוירע וווינען צ־צווישן... כ׳מיין אין דאָרף, אין אַזאַ צ־צײַט... האַ?

ענטפֿערט אים גלייזער און האַלט נאָך אַלץ דעם בוטל אין דער האַנט:

— וואָס דאַרף איך עפּעס מוירע האָבן? און פֿאַר וועמען? עס וווינען דאָרטן פּונקט אַזעלכע פֿײַנע לײַט, ווי דאָ בא אײַך.

נעמט אַלטער און טוט אים א שטורכע אין דער זײַט.

— ביסט א מאַזיק! א כ־כוואַט! האָסט מער ניט די־אָ...

צעקוועלט זיך הערשל.

— כ׳האָב דאָך שוין געזאָגט, אז עס איז ניטאָ.

טוט אים אַלטער א פּאַטש איבער דער פּלייצע.

— מיילע. ניטאָ איז ניטאָ. כ׳האָב אָבער אַלציינס אײַך ליב. הערט נאָר כ׳האָב, הייסט עס, צו אײַך א פֿראַגע. איר זײַט ניט טשאַסאָם א גער, האַ? איר זײַט עפּעס ניט געראָטן אויף קיין יידן.

ענטפֿערט אים גלייזער מיט א פּאַטש אויף א פּאַטש.

— נאָך א מין ייד! פֿון יידנלאַנד.

— טאַקע?.. הערט א מײַסע! און איך האָב געמיינט... הערט נאָר. כ׳האָב צו אײַך, הייסט עס, א פֿראַגע. אײַער שקאַפּע איז עפּשער א שוואַרצע?

— יאָ. איז וואָס?

— ז־זייער גוט. איז גיט מיר אײַער לאַפּע.

דער באַלעגאָלע האָט הילכיק א פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט איבער הערשלס ברייטער דלאָניע.

— איז לאָמיר זיך בײַטן מיט די סוסים, האַ? איך אײַך — די צעדרייי־טע, און איר מיר — די שווארצע שקאַפּע. גוט? מיינט ניט, אז אויב זי האָט אזא מין צונאָמען, טויג זי ניט. ס'א פײַער, ניט קיין פערד!

— איז וואָס דארפט איר דעם בײַט?

— כ'דארף א שווארצע. ס'הייסט, מיט א שווארצער גריווע. זי זאָל פלאַטערן.

— ע־העו! ווען כ'וואָלט געהאט אזא פערדל, וואָלט מען שוין דאָס פון לאנג צוגענומען אף דער מילכאָמע.

— נו, אויב ניין — איז ניין. זאָגט מיר אָבער, וואָס לייגט איר צו־נויף די טעלער וואָס? ס'דען אן אייסעק פאר א מאנצבל? טוט א רוף גי־סיען, וועט זי זיך שוין געבן אַן אייצע.

גלייזער האָט צוגעלייגט די פינגער צו די ליפּן, אָנגעבויגן זיך צו אלטערס האָריקן אויער און אַרײַנגערוימט אים עפּעס.

אלטער האָט זיך ברייט צעשמייכלט.

— גוט, כ'שווײַג.

אין א ווײַלע ארום האָט דורכגעשאַלט א הילכיקער טראסק פון צעבראָ־כענע טעלער. אלע האָבן זיך פארכידעשט, דערשראָקן זיך אומגעקוקט אף די ווײַסע שערבלעך.

צושמייכלענדיק, האָט הערשל אויסגערופן:

— אײַ־אײַ! כ'האָב פארטשעפּעט מיטן עלנבויגן!

— מאזלטאָוו! זאָל זײַן מיט מאזל און מיט גליק! — האָבן זיך דער־הערט פון אלע זײַטן פריידיקע אויסרופן.

און קימאט טייקעף האָבן זיך דערטראָגן פארטויבטע געשרייען.

— גוואלד! גוואלד! ראַ־טע־וועט! ראַ־טע־וועט!

די געשרייען האָבן זיך אהער אַרײַנגעריסן פון דרויסן, פון דער טי־פער נאכט.

אין שטוב איז געוואָרן שטיל מיט עפּעס א פארטײַעטער שטילקײַט.

— ס'הייבט זיך שוין אָן, — האָט די שטילקײַט צעריסן גלייזערס באַס.

ער האָט אָפּגעזוכט מיט די אויגן אלטערן און א מאך געטאָן צו אים מיט דער האנט.

— קום, אלטער, וויבאלד מע דארף ראַטעווען.

צוזאמען מיט זיי זײַנען אוועק נאָך עטלעכע מאנצבלען.

אצינד איז אלץ פארוואנדלט געוואָרן אין איין גרויסן אויער — אלע האָבן זיך צוגעהערט צו דער נאכט, וואָס איז געלעגן הינטערן פענצטער.

מע שיסט אין שטאָט, עמעצער גרײַפּט שוין ווידער אָן און עמעצער טרעט אָפּ.

הערשל גלייזער, אלטער דער באַלעגאָלע, בענציע דעם פישערס צוויי זין — עליע און עזרע, וועלוול וואסערבער, נאָכעם עסרעג, געדאליע קוי־העז, איוואן וואָראָניאַק, ביניאָמין דרילבערג מיט עטלעכע ארבעטער פון צימעסמאנס אָליארניע, די קאָוועלס און די ליווערענטן פון דער טאַרהאָ־וויצע — אלע זײַנען זיי ארומגעגאנגען פון שטוב צו שטוב. די גוואלד־געשרייען האָבן אופגעהערט. נאָר די מענטשן האָבן באשלאָסן ארומגיין

אלע שטיבער נאָכאַנאַנד, מיט די דרענגלעך אין די הענט, וואָס זיי האָבן ארויסגעריסן פונעם פלויט בא כאַזים כאַוועס סאַד.

פון אָנפאַנג זײַנען זיי געגאַנגען אלע צוזאַמען, נאָכדעם אָבער, ווען עס האָבן זיך פאַרייניקט צו זיי די ארבעטער פון דער אָליאַרניע און די ליוועראַנטן, האָבן זיי זיך צעטיילט אף צוויי גרופּעס. דער אָנפירער פון דער ערשטער גרופּע איז געווען הערשל גלייזער, פון דער צווייטער — ביניאָמין דרילבערג, א דאַרער מאַנצבל, וואָס זעט אויס רויק, ווען ער שטייט צו אײַך מיט דער רעכטער זײַט. וויבאַלד אָבער ער קערט זיך אויס מיט דער לינקער זײַט פּאָנעם, ווערט איר דערשטוינט פון דעם גרויסן בלוטיקן ריץ, וואָס פלאַמט איבער דער גאַנצער באַק.

אין אייניקע שטיבער זײַנען געלעגן אפן דיל הויפנס שערבלעך פון צעבראָכן געפעס, צעטאָפּטשעטע קליידער און צעטאָפּטשעטע לעבנס. זעט אויס, אז די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך געװײַלט. געמאַכט די פּלייטע. אזעלכע שטיבער זײַנען געווען ניט קיין סאך און ווײַט פונעם מיט שטעטל.

ווער זײַנען זיי, די באַנדיטן? גיי ווייס, אז זיי זײַנען שוין אנטרונען געוואָרן. עפשער ארומשליאָנדערנדיקע דעניקינצעס, און עפשער אָפּטרעטנ־דיקע פּעטליוראָווצעס, גיי ווייס!..

דרילבערג מיט א טייל מענטשן איז פאַרבליבן העלפן די פאַרוווּנדעטע. עליען האָט מען געשיקט אָפּזוכן דעם דאָקטער טויבעס. און גלייזער מיט א קליינעם אָטריאַד האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער דער אומגעגנט, וואָס גרענעצט מיט דער טאַרהאָוויצע.

12. די שוויע

א פריטולעק פּאַניען? יאָ, אוואַדע, אָקסאַנע וועט איר געבן. איר און איר קינפּטיק קינד. זי וועט צײַטווײַליק ווױנען בא איר און אויסבאַהאַלטן די כאַרפּע.

ליגט זי, פּאַניע, אף א קושעטקע, און דער קאָפּ שפּאַלט זיך בא איר. און אלע מאָל הייבט זיך אָן פון אים. „ווער איז ער?” זי ווייסט קימאַט אליין ניט. ער איז געקומען אזאַ, ווי זי האָט אים אליין אויסגעטרוימט: א הויכער. א שלאַנקער. האָט זי שוין ניט געוווּסט, וואָס מיט איר קומט פּאָר.

אינעם שטאָט־פּאַרק, אין פּראָסקוראָוו, זײַנען דיביימער געשטאַנען נאַקעט. דער הימל איז געווען גרוי. די ערד — געל. האַרבסט באַפאַלט א שטילער אומעט און א זיסע בענקשאַפט. א בענקשאַפט נאָך א גרויסער העלער ליבע, אז דער גאַנצער הימלראַנד זאָל פלאַקערן. ער האָט איר צוגעזאָגט אזאַ ליבע. כאָטש ער האָט אויסגעזען מיד... פונעם לעבן? צי עפשער טאַקע פון דער ליבע?

...ווען די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך ארײַנגעריסן אין שטוב ארײַן, האָבן זיי געגומען אפן צימבל אָקסאַנען און נאַסטיען, בא וועלכער אָק־סאַנע האָט געוווינט.

— ווּהין האָבן זיך אהינגעטאָן די זשידעס?

אָקסאַנע האָט טמימעסדיק געפרעגט:

— פּונוואַנען ווייסן מיר?

נאַסטיע, ווידער, האָט זיך שיר ניט אַרויסגעכאַפּט:

— זיי באַהאַלטן זיך מיסטאָמע אויס אין ק...

פּלוצעם האָט זיך דערהערט:

— יאָ־יאָ, זיי באַהאַלטן זיך אינעם קאַריער.

נאַסטיע האָט זיך פאַרכידעשט אומגעקוקט. אַף דער שוועל איז גע־שטאַנען פאַניע מיט אַן איַינגעצויגענעם גרויסן בויך. דאָס האָט זי איבער־געשלאָגן נאַסטיען און געזאָגט: „יאָ־יאָ, זיי באַהאַלטן זיך אויס אינעם קאַר־יער". „אין וואָס פאַר אַ קאַריער? וואָס האָט דאָ צו טאָן דער קאַריער? און זי אַליין, נאַסטיע, איז אויך אַ נאַרישע בעהיימע. שיר ניט אַרויסגע־כאַפּט זיך. „אין קעלער".

פאַניע, ווידער, האָט געהאַלטן אין איין קוקן אַפן מיידל מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, ביז נאַסטיע האָט טאַקע איבערגעלייענט אין זיי דאָס, וואָס מע האָט געדאַרפט איבערלייענען, און האָט געזאָגט:

— יאָ. ווי נאָר אַן אַליאַרם, באַהאַלטן זיי זיך שטענדיק אינעם קאַלך־קאַריער.

— איר ווייסט ווו? — האָט דער באַנדיט געפרעגט פאַניען.

— יאָ. כ'ווייס. דאָרטן אין פעלד איז פאַראַן אַ קאַריער, ווו מע גראָבט קאַלך. באַהאַלטן זיי זיך דאָרטן.

— ס'איז וויַיט?

— ניין, נאָענט. לעבן שטעטל.

— איז לאָמיר גיין. אָבער געשווינד. מיר האָבן ניט קיין ציַיט.

פאַניע איז אַרויסגעגאַנגען אַן אַרומגערינגלטע מיט מאַנצבלען, גע־ווער, בראַנפן און מאַכאָרקע.

אָקסאַנע האָט זיך אָנמעכטיק אַראָפּגעלאָזט אַפן בעט. וואָס זאָל זי טאָן?

זיצט זי אַזוי פאַרגליווערט, אַפילו דאָס הילכיקע שיסעריַי האָט זי ניט אופגעמונטערט פון דער פאַרגליווערטקיַיט. ס'האָט זיך איר אויסגע־וויזן, אַז דאָס אַלץ קומט פאַר ערגעץ וויַיט, העט וויַיט...

פּלוצעם דערמאָנט זי זיך, אַז פאַרן אַוועקגיין האָט פאַניע ווידער אַ קוק געטאָן מיט אַ פילדיַיטיקן בליק. זי האָט אָבער ניט באַוויזן איבער־לייענען אין אירע אויגן דאָס, וואָס פאַניע האָט געוואָלט זאָגן. די באַנ־דיטן האָבן אונטערגעיַילט דאָס אומגליקלעכע מיידל.

איצטער אָבער האָט אָקסאַנע, דאַכט זיך, דערלייענט דאָס, וואָס זי האָט דעמלט ניט באַוויזן. זי האָט אַרופגעוואָרפן אַף די פּלייצעס אַ שאַ־לעכל און געלאָזט זיך לויפן צו נאָכעמען. זי איז זיכער, אַז נאָכעמקע באַהאַלט זיך איצט ניט אין קיין קעלער, ווי אַנדערע. גיכער, גיכער, — איַילט זי זיך אַליין אונטער, — מע דאַרף ראַטעווען דאָס שטעטל און פאַניען.

פאַניען האָט מען אָבער ניט באַוויזן צו ראַטעווען.

...נאָכעם שטייט און קוקט אַף איר טויטן קערפּער, אַף איר ווײַס, שיין פּאָנעם, וואָס איז באַזוימט מיט אַ רעמל פון שוואַרצע האָר, אַף איר גרויסן סטאַרטשענדיקן בויך, ער ווײנט ניט, ווי די ווײַבער, וואָרעם ער פילט זיך שולדיק. ער איז אַ מאַנצבל, און ער האָט געדאַרפט שטיין אַף דער וואַך פון זײַן שוועסטערקינדס לעבן און ערע. ווער באַדאַרף עס זײַנע ביכער און זײַנע שיינע כאַלוימעס וועגן גליק? הערשל גלייזער איז נוצלעכער פון אים, יענער האָט אַ פּאָר געזונטע יאַדאַיִם און טוט מיט זיי, וואָס ער טוט. ער איז אַ מענטש פון טאַט. און עפּשער אַפּילע פון העלדנטאַט. דאָס פּאָלק דאַרף האָבן וואָס מער אַזעלכע, ווי הערשל...

קאָן ער זיך אָבער, נאָכעמקע, ניט באַפרײַען אינגאַנצן פון אָט די ביכער, פון זײַן פעטערס גרויסן שראַנק. דעריבער גייט ער, לעסאַטע, אײַן אַף אַ פשאָרע און ברענגט אַרויס שטיל און פײַערלעך די שווע, וואָס ער האָט שוין פון לאַנג פאַרפּאַסט אין די געדאַנקען, נאָר געשעמט זיך אַרויסברענגען זי מיט פּאַשעטע ווערטער.

„איך, נאָכעם עסרעג, גיב אַ פײַערלעכע שווע אויסנוצן די ערשטע געלעגנהײַט, וואָס גאָט אָדער דער גורל וועט מיר צושיקן, קעדיי אויספירן אַ גרויסן אופּטו אָדער אַ העלדנטאַט צום מענטשנס גונסט, אָן וואַקלונגען, אָן ספּייקעס, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום געפאַר און סאַקאָנע, אײַנשליסנדיק אַ טויט־סאַקאָנע".

II. פאַרשטיינערונג

1

אַפן צווייטן טאָג איז נאָכעמקע אופגעשטאַנען מיט אַ קאַפּווייטעק. די נאַכט איז געווען אַ לאַנגע, אַ טומלדיקע, אַ שלאָפלאָזע. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן זייער שפּעט, און אין זײַן מידן מויעך האָבן לאַנג נאָך זיך געפּלאָנטערט עפּעס צעצויגענע קלאַנגען פון אַ טרויעריקן ניגן. ווען ער האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט ער דערהערט אַ פייגל־געזאַנג, און ס'איז אים געוואָרן גרינגער אַפן האַרצן.

די באָבע איז ניטאָ. זי כלאָפּאָטשעט שוין מיסטאַמע אין איר באַלעבאַטישקײַט. נאָכעמקען האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדאַכט, אַז ער הערט עפּעס אַ טופּערײַ פון טויזנטער פיס. האָט ער זיך אַפּגיך אָנגעטאָן, איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן און זיך געלאָזט צום שאָסיי.

איבערן שאָסיי האָבן מאַרשירט סאָלדאַטן. אַזעלכע האָט ער נאָך ניט געזען. און געזען האָט ער שוין פאַרשיידענע: אין היטלען, אין פּאַפּאַכעס, אין קובאַנקעס... און די־אָ האָבן געטראָגן אַף די קעפּ עפּעס מעשונעדיקע פּירעקיקע היטעלעך. זיסקע וואָל, וואָס איז געקומען אַהער שוין פון לאַנג, האָט אים דערציילט, אַז דורכן שטעטל איז פאַרבײַגעגאַנגען אַ גאַנצער פּאָלק פּוילישע סאָלדאַטן, אַז זיי באַוועגן זיך אין גרויס אײַלעניש צו מיליסטין־צו, ווו עס דאַרף פאָרקומען אַ גרויסע שלאַכט מיט „אונדזערע

טיילן״. זיסקע האָט אויסגערעדט „אונדזערע טיילן״ מיט אזא נוסעך, עלעהיי ער וואָלט געווען אַן איבערגעטאָנענער רויטארמייער, וועלכן מע האָט אריבערגעוואָרפן קיין קאַפּין אלס אויסשפירער, קעדיי צו אָרגאני־זירן דאָ א מאכנע פון געוואגטע כעוורעלײַט, וואָס זאָלן אָנפאלן אַף די ווײַספּאָליאקן „פונעם טיל״.

איבערן שאָסיי האָבן זיך געצויגן און געצויגן אָן א שיר סאָלדאטן און פון ביידע זײַטן זײַנען געשטאַנען די בניי־קאַפּין און האָבן געגאַפט.

ס׳איז טאקע געווען אף וואָס א קוק צו טאָן! דאָס איז שוין, זײַט מיכל, ניט קיין באוואָפנטע גאזלאָנים, באנדעס קוילערס און פּאָגראָמשטשיקעס, נאָר אַן עכטע דיסציפּלינירטע ארמיי. א וזוואָד נאָך א וזוואָד, א ראָטע נאָך א ראָטע, און צווישן זיי — גרויסארטיקע אָפיצערן. אף איינעם פון זיי האָט זיך נאָכעם באזונדערס פארקוקט. ער איז געווען א וווקסיקער, א שלאַנקער, מיט אַן ערנסט פארטיפט באברילט פּאָנעם, און ער האָט גע־שפּאַנט, ווי אַן עכטער מיליטערמאַן. און דאָך האָט נאָכעמקע א טראכט געגעבן, אז די ברילן פארמינערן זײַן מיליטערישע בראַווקײַט. נאָכעמקע איז געווען זיכער, אז מאַנצבלען מיט ברילן נעמט מען ניט אין קיין שום ארמיי.

די סאָלדאטן זײַנען דורכגעגאַנגען, דער שאָסיי איז געוואָרן פּוסט, און די קאַפּינער האָבן מיט א פארלײַכטערונג אָפּגעזיפצט. טאקע א וווּנ־דער! א גאַנצער פּאָלק סאָלדאטן האָט דורכגעמארשירט, און קיין בייז האָט ניט פּאסירט.

אין א צײַט ארום האָבן אפן פּוסט געוואָרענעם שאָסיי זיך באוויזן צוויי סאָלדאטן אין פּירעקיקע היטעלעך. געוויס האָבן זיי זיך ערגעץ פאר־האַלטן און אצינד יאָגן זיי אָן דעם פּאָלק, צי עפּשער האָבן זיי געהאַט עפּעס א ספּעציעלע פארגעבונג, — דאָס האָט קיינער ניט געקאָנט וויסן. זיי האָבן זיך ניט געײַלט, גלײַך ווי זיי וואָלטן געקלערט: אלציינס שוין פארשפּעטיקט, אלציינס וועט מען שוין ארײַנכאַפּן, איז וואָס דארף מען זיך יאָגן?

זיי האָבן זיך ארומגעקוקט פון אלע זײַטן, קיין איין לײַטיש שילדל פון עפּעס א שענק צי א קרעטשמע, ווו מע וואָלט געקאָנט כאַפּן א טרונק, איז דאָ ניט געווען. איינער פון די סאָלדאטן — א מעגושעמדיקער, א פאר־שוויצטער האָט א ווונק געטאָן צו זיסקען און אים געפרעגט:

— הער נאָר, קונדעס! ווו קאָן מען דאָ איבערבײַסן?

זיסקע וואָל האָט גערן א ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אף שימען קוי־הענס שטוב.

פארוואָס עפּעס גערן? ווײַל אין זיסקעס קאָפּ האָט אויגנבליקלעך אופ־געברויזט א גרויסארטיקער סטראטעגישער פּלאַן: פארכאַפּן די צוויי שי־קערע פּוילישע סאָלדאטן אין געפאַנגענשאַפט.

שימען קויהען איז געדאַליעס פאָטער. און געדאַליע איז אײַזיק זלאָט־קיסעס באליבטער טאלמיד. שימען איז אויך אזא הויכער, ווי געדאַליע, אזא לעפּישער, מיט פיס, ווי שטאַלצן, וואָס בייגן זיך ניט, דער כילעק איז נאָר אין די יאָרן און אין דער באָרד. דער זון איז אלט זיבעצן יאָר, דער פאָטער — קימאַט דרײַ מאָל זיבעצן.

שימען קויהען האָט געהאַלטן א קליין קרעמל. די איקערדיקע סכוירע איז דאָרטן געווען געפּראַזשעטע קערלעך. די קערלעך פלעגט פאַרקויפן ניט שימען, נאָר דאָס ווײַב זײַנס, כאַנע־לייע. כוץ די צוויי נעמען, האָט זי געהאַט א מעגושעמדיק לײַב מיט שלאַבעריקע מוסקולן, וואָס האָבן עס ניט געקאָנט אײַנהאַלטן — עס פלעגט זיך צעקריכן. זי איז אָבער געווען א קלוגע פרוי, א באַדאַכטע, געהאַט זשוואַווע ברוינע אויגן, זי האָט זיך געגרויסט מיט איר זון, מיט געדאַליען, וועלכער „האָט, קיין אײַנהאָרע, א געזונטן קאָפּ". דעם זון, ווידער, פלעגט זי זאָגן פּונקט קאַפּויר. „דו ביסט בא אונדז עפּעס ניט קיין פּראַקטישער, ניט קיין פײַיִקער צו לעבנס־זאַכן. כ'ווייס ניט, מיט וואָס איז בא דיר דער קאָפּ פאַרטומלט..." זי האָט ספּעציעל גערעדט צו אים אַזוי, קעדיי ער זאָל זיך ניט איבערנעמען.

אונטערמונטערנדיק איינער דעם צווייטן, האָבן די סאָלדאַטן א שטופּ געטאָן די טיר, אַרײַנגעריסן זיך און שטרענג באַפוילן דערלאַנגען מאַשקע און צובײַסעכץ. כאַנע־לייע האָט אויף זיי א קוק געטאָן מיט אירע וואַרעמע אויגן און געזאָגט:

— ניעך פּאַנאָווע וויבאַטשאַיוט...[1] קיין מאַשקע איז בא אונדז ניטאָ. אויף פאַרבײַסן וועל איך עפּעס געפינען.

— וואָס הייסט ניטאָ? — האָט א געשריי געטאָן דער דיקער.

דער כאַוווער זײַנער, א יונגער באָכער מיט העלע אויגן אויפן פאַר־ברוינטן פּאָנעם, האָט אים א שלעפּ געטאָן פאַרן אָרבל.

— פילדער ניט, קאַראָל. כ'האָב נאָך עפּעס אין פלעשל.

ער האָט אַרויסבאַקומען פון דער קעשענע א פליאַגע און א טרייסל געטאָן זי פאַר קאַראָלס דערפרייטע אויגן.

אין א מינוט פינף אַרום איז שוין געשטאַנען אויפן טיש א געשמאַקע פרעזשעניצע.

— יאַנעק! דערלאַנג אהער די פליאַגע.

קאַראָל האָט אויסגעווישט די ליפּן, א זופּ געטאָן פון דער פליאַגע, דערנאָך א טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן און גענומען זשליאָקען מיט פאַר־מאַכטע אויגן, אויף וועלכע עס זײַנען אַראָפּגערונען טראָפּנס שווייס פונעם פאַרקנייטשטן ברוינעם שטערן און פון די ווײַסע איבערגעבערנטע ברע־מען. ס'איז אים א שאָד געווען אָפּצורײַסן זיך פון דער פליאַגע, נאָר ער האָט עס געמוזט טאָן, וואָרעם יאַנעק האָט אים שוויַיגנדיק א שלעפּ גע־טאָן פאַרן אָרבל.

— גאָרניט איבערגעלאָזט, — האָט זיך יאַנעק אָנגעברויגעזט, טרייס־לענדיק די פליאַגע.

— נישקאָשע, סע וועט דיר סטײַען. ביסט נאָך יונג, קענסט זיך נאָך פאַרכלינען.

קאַראָל האָט שעלמיש א ווונק געטאָן צו יאַנעקן, צעטיילט די פּרע־זשעניצע אויף צוויי ניט גלײַכע טיילן. די קלענערע האָט ער גענומען זיך, און די גרעסערע אונטערגערוקט יאַנעקן.

— נאַ, פּרעס, און זאָג ניט, אַז כ'בין א זשעדנער.

---

[1] זאָלן די הערן מויכל זײַן (פּויליש).

שטופנדיק דאָס עסן אין מויל, האָט קאַראַל זיך געווענדט צו דער באַ־לעבאָסטע:

— ווו קאָן מען דאָ כאַפּן אַ דרעמל?

— באַ אונדז איז קיין האָטעל ניט פאַראַן.

יאַנעק האָט זיך צעלאַכט.

— ער מיינט, מיט וועמען קאָן מען דאָ כאַפּן אַ דרעמל.

כאַנע־לייע האָט זיך אָבער געמאַכט ניט ווּיסנדיק. עס קאָן ניט זײַן, אַז אַזעלכע כאָשעווע הערן זאָלן האָבן אין זינען עפּעס ניט פֿײַנס.

— אין קאַפּין איז קיינמאָל ניט געווען קיין האָטעל.

קאַראַל הייבט זיך אַנטשלאָסן אויף.

— לאָמיר גיין, יאַנעק. זי איז גראָב און נאַריש, ווי אַ בעהיימע...

ווען די סאָלדאַטן האָבן אונטערגעצויגן די רימענס און צוגעפּאַסט די ביקסן, האָט כאַנע־לייע געווענדט זיך צו יאַנעקן, וואָס האָט איר אויסגע־זען צו זײַן לײַטישער פונעם גראָבן קאַראַל.

— נו, און ווער וועט זיך...

יאַנעק האָט אַ גריבל געטאָן אין דער קעשענע. קאַראַל האָט אָבער געזאָגט:

— איר וועט אונדז צושיקן אַ כעזשבן לויטן אַדרעס: בעלאָוועזשער וואַלד, זיבעטער פּראָספּעקט, דעמב נומער דרײַצן...

ער האָט זיך צעלאַכט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר.

ניט ווײַט פון דער שטוב האָט געוואַכט זיסקע וווּל.

— היי, קונדעס! — האָט אים אַ רוף געטאָן דער סאָלדאַט.

זיסקע איז צוגעלאָפן צו אים.

קאַראַל האָט אַרופגעלייגט זײַן שווערע האַנט אויף זיסקעס פּלייצעס, אָנגעבויגן זיך און אײַנגערוימט אים עפּעס אין אויער.

פון דעם סאָלדאַטס שיקערן אָטעם האָט זיך באַ זיסקען פאַרדרייט אַ ביסל דער קאָפּ. נאָר ער איז געווען צופרידן. אַלץ גייט ווי עס דאַרף צו זײַן. זיי זײַנען שוין שיקער, מע דאַרף זיי פאַרהאַלטן, ביז עס וועט ווערן פינצטער, און דעמלט...

— נו, איז וואָס, קונדעס? האָסט פאַרשטאַנען, וואָס איך דאַרף?

— פאַרשטאַנען. קומט, וועל איך אײַך ווײַזן.

— כלעבן, ביסט אַ כוואַט! רייכערן ווילסטו?

— ניין.

— אַ שאָד, כ׳וואָלט דיך מעכאַבעד געווען... נו, איז לאָמיר גיין.

זיסקע האָט זיי געפירט דורך פאַרפּלאָנטערטע געסלעך. אומיסטן, אַז זיי זאָלן ניט קאָנען אָפּזוכן דעם וועג צוריק. דערנאָך האָט ער זיי אַרויס־געפירט אויף עפּעס אַ פּוסטן פּלאַץ, אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף עטלעכע אַלטע הײַזלעך, וואָס האָבן זיך געזען פונדערווײַטן, און אַליין זיך גע־שווינד אָפּגעטראָגן.

...גיסיע האָט געקוקט מיט איבערגעשראָקענע אויגן אויף די ניט־פאַר־בעטענע געסט. נאָר ווען דער אומגעדולדיקער קאַראַל האָט זיך גלײַך גע־לאָזט אין אַטאַקע, האָט זי אים אָפּגעשטופּט מיט אַזאַ קויעך, אַז ער איז קוים געבליבן שטיין אויף די שיקערע פיס:

— איר האָט זיך טויע געווען מיטן אדרעס, הער סאָלדאַט. איך בין אַן ערלעכע פרוי. און אויב איך האָב ניט קיין מאַן, בין איך אין דעם ניט שולדיק.

קאַראָל האָט זיך אָנגעגאָסן מיט שיקערער רעציכע. ער האָט זיך גלײַך א כאַפּ געטאָן פאַר דער ביקס.

— אָט שיס איך דיך באַלד, ווי א הונט!

גיסיע איז בלייך געוואָרן, אָפּגעשטופּט יאַנעקן פון דער שוועל און איז ארויסגעלאָפן מיט א גוואַלד. קאַראָל האָט צוויי מאָל אויסגעשאָסן דורך דער אָפענער טיר און האָט זיך געגומען יאָגן נאָך איר אזש ביז צו דעם שטאָט־פּלאַץ. גיסיען איז אָבער געלונגען ראַטעווען זיך.

זי האָט זיך ארײַנגעריסן צו די זלאַטקיסעס מיט א געשריי:

— ראַטעוועט מיך! באַהאַלט מיך!

אײַזיק האָט זי נערוועז געפרעגט:

— וואָס האָט געטראָפן?

— זיי יאָגן זיך נאָך מיר.

— ווער — זיי?

— צוויי פּוילישע סאָלדאַטן.

— האָט איר ניט געקאָנט געפינען קיין אנדער אָרט, וווּ צו באַהאַלטן זיך, כוץ ווי בא אײַזיק זלאַטקיסן?.. נו, שוין, קריכט ארויף אפן בוידעם!

קאַראָל, ווידער, האָט געבושעוועט אפן פּלאַץ. ער האָט געמאָלדן, אז ער וועט, „פּסיא קרעוו", צעשיסן אלע „זשידווו", אויב מע וועט אים גלײַך ניט צושטעלן אָט די־א. ער וועט איר באַווײַזן, וואָס הייסט באַליידיקן א פּוילישן סאָלדאַט.

יאַנעק האָט ארומגעכאַפּט קאַראָלן, געפּרוווט באַרויִקן אים, ער האָט זיך אָבער אליין קוים געהאַלטן אף די פיס. האָט ער א שפּײַ געטאָן און געמאָלדן זײַן קאָלעגע, אז ער נעמט פּולקאָם פון זיך אראָפּ די אַכרײַעס פאַר זײַן ס׳הייסט, קאַראָלס, אופירונג.

קאַראָל איז נאָך בייזער געוואָרן. ער האָט אָנגעשטעלט די ביקס און געזאָגט, אז ער וועט ציילן ביז דרײַ, און אויב... דאָ האָט ער זיך פאַר־היקעט און גלײַך אָנגעהויבן ציילן. איינס, צוויי... מיטן זעלבן דערפאָלג האָט ער געקאָנט ציילן ביז דרײַצן, ביז דרײַסיק, ביז דרײַ הונדערט אפּי־לע. קיינער איז שוין ניט געווען דערבײַ און קיינער האָט ניט געהערט, ווי ער ציילט. מאַלע־וואָס א שיקערער סאָלדאַט קאָן אָפּטאָן! און ביפראַט, אז ער האַלט נאָך א ביקס אין דער האַנט. כאַפּט אים דער טײַוול, זאָל ער שרײַען אף די ציין. ברעכט ער דעם קאָפּ. ער מוז דאָך אמאָל אָפּטראָגן זיך, דעריאָגן זײַן פּאָלק... נאָר איין זיסקע האָט זיך פאַרטײַעט פון יענער זײַט שטוב און צוגעקוקט, וואָס וועט ווײַטער זײַן.

קאַראָל, ווידער, האָט זיך גענומען נאָכאַמאָל ציילן. איינס, צוויי, דרײַ.. און טאַקע אויסגעשאָסן. די קויל האָט דורכגעקלאַפּט א פענצטער אין איינעם פון די הײַזער און איז ארײַנגעפלויגן אין צימער. און באַלד האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן א געשריי פון א פרוי און א קינדערש געוויין.

הערשל גלייזער האָט זיך גראָד דעמלט געזעגנט מיט זלאטקיסן. „כ׳בין זיך, — זאָגט ער, — שוין פארזעסן. און די באלעבאטישקייט מײַנע איז אָן אן אופזיכט. כ׳דארף שוין גיין...״

דערהערט דעם שאָס און די גוואלדן, האָט ער א געשריי געטאָן:

— געגנענדל! כ׳וועל אָף א רעגע א לויף טאָן. ווארט צו אָף מיר.

— זײַ געהיט, הערשל! — האָט געגנענדל קוים באוויזן אים נאָכשרײַען.

הערשל האָט זיך אָבער ניט שטארק געהיט. ער האָט זיך געלאָזט גיין גלײַך אָף דער ביקס־רער. ניט איבערטראכטנדיק, אז דער סאָלדאט קאָן זיך נעמען שיסן אין אים פון דער העלער הויט. וואָס פלוצעם? ניין, אזוי־לעכס קאָן ניט זײַן.

אזוינס קאָן ווירקלעך ניט זײַן, ווען מע האָט צו טאָן מיט א ניכטערן. נאָר קאראָל איז געווען שיקער, און דערצו מאָלע־רעציכע. כוץ אלעמען, האָט אים מעסוקן אופגעבראכט, וואָס עפעס א יידליק מאכט זיך פאר א גאנצן גיבער און גייט גלײַך אָף דער ביקס. און קאראָל האָט אויסגעשאָסן. די קויל איז דורכגעפליגן הארט לעבן אויער און דורכגעשאָסן דעם ראנד פונעם היטל, וואָס הערשל פלעגט טראָגן אָנגערוקט א ביסל אָף א זײַט, ווי די דאָרפישע באָכערים.

אצינד האָט שוין גלייזער מעסוקן זיך צעבייזערט. ער איז צוגעשפרונגען צום זעלנער, ארויסגעריסן בא אים די ביקס, א שלײַדער געטאָן זי, און זיסקע ווול, וואָס איז באלד אויסגעוואקסן, ווי פון דער ערד, האָט די ביקס אונטערגעכאפט. דערנאָך איז הערשל צוגעגאנגען צום צווייטן סאָלדאט.

— גיב אהער די ביקס! — האָט ער אים באפוילן.

דער זעלנער האָט אָנגעשטעלט די רער אָף גלייזערן.

זיסקע האָט גלײַך פארשטאנען די לאגע. ער איז פארגאנגען דעם סאָלדאט „פונעם פלאנג״ און א שפרונג געטאָן אָף אים, ווי א כײַע. יענער איז אנידערגעפאלן און ארויסגעלאָזט די ביקס פון די הענט.

הערשל גלייזער האָט אראָפּגענומען פון זיך דעם רימען. דער שארף־אויגיקער זיסקע האָט אויך געטאָן דאָס זעלבע, אראָפּגענומען פון זיך דעם רימען און אים איבערגעגעבן הערשלען. מיט דער הילף פון זיסקען און א פאָר מאנצבלען, וואָס זײַנען צוגעלאָפן, האָט הערשל פארבונדן די הענט בא ביידע סאָלדאטן און אוועקגעשטעלט זיי אין שאָטן באם פלויט פון קלויסטער.

עס האָט זיך צונויפגעזאמלט א גרויסער אוילעם. איצט האָט יעדערער ארײַנגעשטעלט א וואָרט, געגעבן אן אייצע, א זידל געטאָן די סאָלדאטן, אפן פלאץ האָט זיך אופגעהויבן א הארמידער, ווי בייס א יאריד.

הערשל איז געשטאנען א ביסל צעמישט. ער האָט זיך א קראץ געטאָן אין דער פאָטיליצע. „גוט, ער האָט זיי געבונדן... וואָס טוט מען אָבער ווײַטער מיט זיי?״ ער האָט ווידער א קראץ געטאָן די פאָטיליצע. צוגעגאנגען צו די געפענטעטע סאָלדאטן, צעבונדן זיי די הענט, אומגעקערט די ביקסן, און געזאָגט:

— גייט און ברעכט אײַך די קעפּ אָן אונדז.

די זעלנער האָבן זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און זײַנען אַוועק מיט ברייטע און גיכע טריט.

ווען זיי האָבן זיך דערווײַטערט אַף אַ היפּשער שטרעקע, האָט איינער פון זיי, דער דיקער קאַראַל, פּלוצעם אַ קער געטאָן זיך, אָנגעשטעלט די ביקס, אָנגעצילט זיך און אויסגעשאָסן. גלייזער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער ברוסט און איז אַנידערגעפאַלן.

דער אוילעם האָט אָן אויקע געטאָן, ווי איין מענטש. און גלײַך, ווי מע זאָל האָבן זיך צונויפגערעדט, האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געלאָזט לויפן. די שטרעקע צווישן די אַנטלויפנדיקע און דעם אוילעם איז געווען אַ היפּשע, נאָר מיט יעדער מינוט זיך פאַרקירצט. לויפנדיק, האָט מען אונטערוועגנס געכאַפּט שטיינער, וואָס האָבן היפנווײַז זיך געוואַלגערט אַפן פלאַץ, אָנגעטאַסקעטע דורך צוויי מאַכנעס ווײַסעכעווערעניקעס, וואָס פלעגן שפּילן „אין מילכאָמע", און אַלץ געשלײַדערט זיי אַף די זעלנער. ס'האָט אויסגעזען, ווי דאָס גאַנצע שטעטל וואָלט זיך געשטעלט קאַפּויר, קליין און גרויס...

שטיינער זײַנען געפלויגן אינדערלופטן, ווי גרויע קראָען. פאַלנדיק, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט טעמפּע קראַקנדיקע קלאַנגען. די מערהײַט האָט אין ציל ניט געטראָפן, וואָרעם דער מעהאַלעך צווישן די פאַרפאָלגער און פאַרפאָלגטע איז געווען נאָך גאַנץ אַ היפּשער. נאָר וואָס קלענער די שטרעקע איז געוואָרן, אַלץ מער שטיינער זײַנען געפאַלן אַף די קעפּ פון די זעלנער, און דעריקער אַפן מעגושעמדיקן קאַראַל. דער צווייטער סאָלדאַט איז געווען ייִנגער, דאַרער, און דעריבער גיכער געלאָפן.

פונעם האַמוין האָבן זיך אַרויסגעריסן די צוויי ברידער, די קאָוועלס לייבוש און פײַוווש. זיי זײַנען געווען העכער און ברייטפּלייציקער פון אַלעמען. ביידע האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט גרויסע קאַמעניאַקעס. גאָר גיך האָבן זיי אָנגעיאָגט קאַראַלן און מיט קויעך אַ שלײַדער געטאָן די שטיינער אַף זײַן קאָפּ. דער סאָלדאַט איז אַנידערגעפאַלן אַף דער ערד מיט אַ צעבראָכענעם קאָפּ, און דער האַמוין איז פּלוצעם געבליבן שטיין פאַרגליווערט, אַ דערשיטערטער פון זײַנע מײַסע-יאָדאַיִם. פונעם סאַמע עק פון דעם זיך צעצויגענעם אוילעם האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי:

— וואָס האָט איר זיך אָפּגעשטעלט?! מע דאַרף דעריאָגן דעם צווייטן! דעם צוויי-טן! מע טאָר אים ניט לאָזן אַנטלויפן!

עטלעכע יונגעלײַט האָבן זיך געלאָזט לויפן נאָכן צווייטן סאָלדאַט, וואָס איז שוין איצט געווען פולקאָם ניכטער. ער איז צוגעלאָפן צו דער בריק, באַלאַנסירנדיק מיט די צעשפּרייטע הענט, זיך געלאָזט שפּאַנען איבער דער איין-און-איינציקער גאַנץ פאַרבליבענער ברעט, וואָס איז געווען איבערגעוואָרפן איבערן וואַסער. אַריבער אַפן צווייטן ברעג, האָט ער געלאָזט זיך לויפן ווײַטער. קיינער פון די פאַרפאָלגער האָט זיך ניט געלאָזט נאָך אים. אַף דער ברעט האָט מען געקאָנט גיין נאָר איינציקווײַז, און צווישן אוילעם האָט זיך ניט געפונען אַזאַ איינער, וואָס זאָל דאָס טאָן דער ערשטער. צווישן אַ צעווילדעוועטן האַמוין איז יעדער איינער אַליין צעווילדעוועט. ווײַבאַלד אָבער עמעצער טיילט זיך אָפּ, ווערט ער גלײַך באַזיניקטער און באַדאַכטער.

2

א שוואַרצער שאָטן האָט ווידעראַמאָל זיך אויסגעשפּרייט איבערן שטעטל. מע האָט באַקומען אַן אולטימאַטום פֿון דעם פּאָלקאָווניק סלאַוויצקי: אַרויסגעבן אין משך פֿון פֿיר און צוואַנציק שאָ דעם שולדיקן אינעם מאָרד פֿונעם פּוילישן סאָלדאַט. אויב ניט, וועט קאַפּין אָפּגעווישט ווערן פֿון דער ערד. אויף די ראַנדן פֿונעם שטעטל זײַנען געשטאַנען קוילנוואַרפֿערס. אויפֿן שטעטל זײַנען געווען אָנגעצילט האַרמאַטן־רערן, וועלכע האָבן געזאָלט אויספֿירן סלאַוויצקיס באַפֿעל — אָפּווישן קאַפּין פֿון דער ערד. קאַפּין איז אַלט בײַ דרײַ הונדערט יאָר. עס לעבן דאָ פֿיר טויזנט נפֿשות, האַלב פֿון זיי — קינדער. צווישן די פֿיר טויזנט קאַפּינער זײַנען געווען קלוגע און נאַרישע, שיינע און מיִעסע, טונקעלע און העלע. דאָס אָבער האָט איצינד ניט געהאַט קיין שום באַדײַטונג. אויף אַלעמענס קעפּ איז איצט געהאַנגען די שווערד. מע האָט געוווּסט, אַז סלאַוויצקי וועט פֿון זײַן באַפֿעל ניט אָפּטרעטן.

באַם ראָוו, בײַ נאַכמען־בערן, האָט מען זיך געזעצט אָן אויפֿהער.

דער ראָוו האָט קודם־כּל געמאָלדן אַן אַלגעמיינעם תּענית און אַווייעס, און מע האָט מיספּלל געווען אַ גאַנצן טאָג. ריבונו־של־עולם! — האָבן זיך געווענדט די זקנים צום אייבערשטן. — דו האָסט זיך באַדעקט מיט אַ וואָלקן, קעדיי אונדזער תּפֿילע זאָל צו דיר ניט דערגיין. ביזוואַנען וועסטו אונדז שטראָפֿן און אויספּרוּוון? פֿאַרוואָס ווילסטו אונדז פֿאַרטיליקן? און מיט וואָס האָבן זיך פֿאַרזינדיקט פֿאַר דיר אונדזערע קינדער און אייניקלעך?

גאָט? וואָס גאָט?.. עט! ביז וואַנען ער וועט זיך... מע מוז זיך ראַטעווען! פֿיר און צוואַנציק שאָ! מע דאַרף דרינגענדיק טאָן עפּעס ממשותדיקס...

אַזוי האָבן זיך מייִאש געווען די ניט אַלטע קאַפּינער. אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן — פֿיר און צוואַנציק שאָ, און פֿונדעסטוועגן איז קודם־כּל אַוועק אַ סעדרע „פֿאַרוואָס". פֿאַרוואָס האָט מען געדאַרפֿט טשעפּען די סאָלדאַטן? ווי־אַזוי עפּעס נעמט מען און מע האַרגעט אַוועק אַ סאָלדאַט? וואָסי, ייִדן האָבן זיך שוין אויך אויסגעלערנט פֿאַרגיסן בלוט? דער־אָ פּאָלקאָווניק איז נאָך אַ לײַטישער מענטש! ווען אויף זײַן אָרט וואָלט געווען עפּעס אַן אַטאַמאַן צי אַ דעניקינישער גאָרגלשנײַדער, וואָלט טאַקע פֿון קאַפּין ניט פֿאַרבליבן קיין סימן אין געציילטע רגעס. און אָן שום וואָרענישן!

אָט אַזוי האָט מען זיך געאַמפּערט, באַשולדיקט איינער דעם צווייטן, און די ווײַזערס אויפֿן געלן ציפֿערבלאַט פֿון נאַכמען־בערס אַלטן וואַנטזייגער האָבן זיך אומבאַראַכמאָנעסדיק באַוועגט. האָט זיך מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן פֿון זײַן בענקל מאַקס צימעסמאַן און אַנטשלאָסן געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום אַלטן נאַכמען־בערן:

— רעבע! וואָס פֿאַר אַ מאַכלוֹיקעסן קאָנען זײַן איצינד? געווען טאָעסן געווען. דער ערשטער טאָעס, וואָס מע האָט דערהאַרגעט אַ סאָלדאַט. דער צווייטער — וואָס מע האָט אָפּגעלאָזט דעם אַנדערן. וואָלט ניט געווען קיין

איידעסזאָגער. דער דריטער — וואָס מע האָט דאָס אָפּגעמאַכט מיט אַזאַ טאַראַראַם, און מיר קאָנען דאָס איצטער ניט אָפּלייקענען. צו וואָס אָבער פּאַטערן מיר אומזיסטע צײַט אױף פּוסטע וויקוכים, ווען מיר האָבן אין אונדזער רעשוס נאָר פיר און צוואַנציק שאָ. פּינקטלעכער איז אונדז פאַר־בליבן שוין נאָר קנאַפּע צוואַנציק שאָ.

— גוט. וואָס לייגט איר פאָר? — האָט אים איבערגעשלאָגן נאַכמען־בער.

— אָנרופן די שולדיקע. ריכטיקער — דעם שולדיקן. מע קאָן זיך באַ־גיין מיט איינעם.

— איר קאָנט אים טאַקע אָנרופן באַם נאָמען? — האָט מיט איראָניע געפרעגט אײַזיק זלאַטקיס.

מאַקס צימעסמאַן האָט אַ גלעט געטאָן זײַן גלאַט אָפּגעגאָלטע באַק און געזאָגט:

— עס גייט ניט אין דעם, צי איך קאָן אָנרופן. עס גייט אין דעם, אַז מע מוז אָנרופן.

— איז אויב אַזוי, דאַרף מען אָנרופן אונדז אַלעמען. און אײַך אויך, כאָשעווער צימעסמאַן, — האָט אים געענטפערט אײַזיק.

— כ׳מיין, רעב אײַזיק, — האָט צימעסמאַן אַ קער געטאָן זיך צו זלאַט־קיסן, פּריטשמעליענדיק אים פאַשעט מיט זײַן צעוואַקסענער פיגור און וויל־צוגעפּאַסטן אָנצוג, — כ׳מיין, אַז ס׳איז גענוג איין שולדיקער, קעדיי צו ראַטעווען אַלעמען.

— איז וועמען מיינט איר?

— הערשל גלייזערן. מיר וועלן ניט האָבן אַפילע קיין געוויסנביסן. ער איז דאָך ווירקלעך געווען דער רעדלפירער.

אײַזיק זלאַטקיס האָט, זעט אויס, פאַרגעסן וועגן זײַן באַשטענדיקן איראָנישן נוסעך. ער האָט צערודערט אויסגעשריגן:

— ניט קיין רעדלפירער איז ער, נאָר אַ פאַרטיידיקער! איר פאַרשטייט, אַ באַשיצער איז ער! כוץ דעם, איז ער שוין אַזוי אויך קימאַט טויט.

— איז דאָך גוט, וואָס ער איז קימאַט טויט. עס וואָלט געווען נאָך בעסער, ווען ער וואָלט געווען אינגאַנצן טויט. איר האָט גערעדט מיט טויבעסן? וויפל קאָן ער נאָך גויסעסן?

— טויבעס וועט אײַך גאָרנישט ניט זאָגן. און אויב ער וועט אײַך יאָ עפּעס זאָגן, איז דאָס, אַז גלייזער וועט באַשטימט לעבן מער פון צוואַנציק שאָ. און עפּשער וועט אים, טויבעסן, נאָך געלינגען שטעלן אים אויף די פיס.

נאַכמען־בער האָט זיך אַ קער געטאָן צו די שטרײַטנדיקע מיט זײַן טויבלעכן אויער. דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז דער וויקועך איז פאַרענ־דיקט. ווי טאָמיד האָט ער אַרויסגעבראַכט קורץ און אַ ביסל נעפּלדיק:

— לאָמיר אַ קערעווע טאָן אָפּן צווייטן וועג. אויב סע וועט ניט גע־לינגען, וועלן מיר זיך אומקערן אָפּן ערשטן.

דער צווייטער וועג איז — אונטערהאַנדלונגען. עפּשער אַן אויסקויף. וועט מען שוין זען טאָך־קעדיי־איניען...

17*

מע וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דער ראָוו האָט אויסגעבראַכט דאָס רעשט ביסל קויכעס אָף אויסצורעדן דעם דאָזיקן באַשלוס זײַנעם, און ער איז ווידער אײַנגעזונקען ווי אין אַ דרעמל.

יעזעריצקי, דעם נאָגיד קרישטולס איידעם, האָט פאָרגעלייגט אויסנוצן די פאַרמיטלונג פונעם פּאָטאָגראַף קאַזימיר קאַרפּאָוועצקי, וואָס איז אַ פּאָליאַק. צימעסמאַן, דער צווייטער איידעם, האָט אים דערווידערט אָן צערעמאָניעס, ווי אַ נאָענטן קאָרעוו.

— וואָס איז אַזוינס קאַרפּאָוועצקי? אַ דריבנע פּעשקע. אויב שוין יאָ אַ פאַרמיטלער, איז פּאַסט עס אמבעסטן פאַר דעם קסיאָנדז.

אַלע האָבן אײַנגעשטימט מיטן דאָזיקן פאָרשלאָג. דער קסיאָנדז איז זייער אָן אָנגעזעענער, גוטוויליקער און בעקאָוועדיקער מענטש.

אַליין רעב נאַכמען־בער האָט זיך געוואַקלט. ער האָט ניט געזאָגט „ניין". נאָר „יאָ" האָט ער אויך ניט געזאָגט. צו צימעסמאַנען, וועלכער האָט דאָס פאָרגעלייגט, קערט ער זיך ניט אויס ניט מיטן טויבלעכן, ניט מיטן הערנדיקן אויער. ס׳איז פאַר אים פּאָשעט געווען אַ מעשונעדיקע זאַך, פּונקט אַזוי, ווי ס׳איז אומעגלעך פאָרשטעלן זיך, אַז די שול און דער קאַסטיאָל זאָלן זיך פּלוצעם אַ רוק טאָן פון זייערע פונדאַמענטן און זאָלן זיך לאָזן גיין איינער אַנטקעגן דעם צווייטן, אַזוי איז שווער געווען אויסמאָלן זיך, אַז ער, דער ראָוו, זאָל זיך פאַרנייגן פאַרן קסיאָנדז און בעטן בא אים ראַכמים.

„אָבער, — האָט ער זיך געזאָגט מיט אַ קלעמעניש אין זײַן אַלט שלאַ־בעריק האַרץ, — איבער די שטאָט־טויערן הענגט אַ כערעוו־פּיפּיעס. טאָר מען זיך ניט וואַקלען און קלערן אַ סאַך. ס׳איז אָן אייס־לאַאסויס, אַדוי־נוי..."

און ער האָט געגעבן זײַן האַסקאָמע.

מע האָט באַשטימט אַ דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון נאַכמען־בערן, צימעסמאַנען, זלאַטקיסן, יעזעריצקין און דעם דאָקטער טויבעס. אָף אים האָט מען באַזונדערס געהאָפט, וואָרעם ער האָט קורירט דעם קסיאָנדזס פּאָדאַגרע.

רעב נאַכמען־בער, וואָס איז ווידער אַרײַנגעפאַלן אין אַ דרעמל, האָט פּלוצעם אופגעהויבן זײַנע אויסגעווייקטע, אָפּגעבליאַקעוועטע אויגן און באַפוילן:

— שליסט אײַן אין דער דעלעגאַציע דעם קריפּל, דעם גוילעם, דעם בלינדן, דעם מעשוגענעם, דעם קאַרליק און אַ פּאָר בעטלער.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט דערשטוינטע — ס׳הייסט, ער, דער אַל־טער, איז שוין, זעט אויס, ניט בא אַלע געדאַנקען. עפּשער פון אַלטקײַט און עפּשער פון שווערע אָנשיקענישן, וואָס קומען איינע נאָך דער אַנ־דערער.

דער אַלטער האָט אָפּאָנעם באַמערקט, וואָס פאַר אַ רושעם זײַנע ווערטער האָבן געמאַכט, און ער האָט צוגעגעבן עטלעכע געציילטע ווער־טער:

— זאָלן זיי זען, מיט וועמען זיי וואָיעווען.

דער קסיאַנדז, פאַן ליטאַשינסקי, איז געווען א מעגושעמדיקער מענטש פון מיטעלן וווקס, מיט א פולבלעך גלאַט ראַזירט פּאָנעם, וואָס איז טאָמיד גרייט א שמייכל צו טאָן.

דערזעענדיק אים פונדערווײַטנס, פלעגן זיך די ייִנגלעך וועטן, צי דער קסיאַנדז וועט זיך באַגריסן מיט זיי צי ניין. און שטענדיק פלעגט אויסשפּילן דער, וואָס האָט געזאָגט, אַז דער בעקאָוועדיקער פאַן וועט זיך מיט זיי באַגריסן. דאָס ייִנגל בייגט אָן דעם קאָפּ און איינצײַטיק דרייט ער אויס די אויגן, אַז ער זאָל קאָנען זען, ווי דער קסיאַנדז טוט א הייב זײַן שוואַרצן קאַפּעליוש און בוקט זיך העפלעך. אײַנגיכן פלעגן שוין קימאַט אַלע ייִדישע ייִנגלעך באַגריסן זיך מיטן פּריסטער, און ער, נאָך ניט קיין אַלטער, א זשוואַווער, א רירעוודיקער, ניט קוקנדיק אויף זײַן מעגושעמדיקײַט, פלעגט א צופרידענער שפּאַנען איבערן שאָסיי מיט א שטעקעלע אין דער האַנט. די פיס טוען אים וויי, ווי לאַנג ער שטייט אויף איין אָרט אָדער זיצט און טראַכט וועגן זײַן פּאָדאַגרע. ווי נאָר אָבער ער נעמט שפּרײַזן מיט גרויסע ריטמישע טריט, ווערט דער ווייטיק אַנטרונען, שפּאַנט ער אַזוי און קוקט אין אַלע זײַטן, ער זאָל, כאָלילע, ניט דורכלאָזן א באַקאַנטן, קעדיי צו באַגריסן זיך מיט אים. ער האָט זיך געפרייט מיטן גאַנצן האַרצן, וואָס די ייִנגלעך קוקן אויף אים מיט נײַגער, פון זיי, האָט ער געטראַכט, וואָלטן זיך באַקומען ניט קיין שלעכטע קאַטויליקער, ווען מע וואָלט געקאָנט איבערגעבן זיי גאָטס וואָר וואָרט.

ווען צו נאָכמען־בערס טויבלעכן אויער זײַנען דערגאַנגען פאַרשיידענע פּליאָטקעס, האָט ער זיך פאַרטראַכט און נאָכדעם א זאָג געטאָן קורץ און נעפּלדיק:

— מײַן נעשאָמע וועט שוין גיך אוועק אויף דער עמעסער וועלט. נאָר קאָלזמאַן איך לעב, זאָלן מײַנע אויגן ניט צוזען אָ־די טומע.

גאָטס קינע האָט זיך אָנגעצונדן אין זײַן קאַלט ווערנדיקן האַרץ. אויב זיי דאַרפן ווערן מעשומאָדים, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, טאָ זאָלן זיי בעסער שטאַרבן קליינערהייט.

די ייִנגלעך אָבער האָבן ניט געלייגט קיין אַכט אויף די דראָונגען, און ווי נאָר עס פלעגט זיך באַווײַזן די שוואַרצע ברייטע פיגור מיטן שטעקעלע אין דער האַנט, פלעגן זיי זיך ווידער נעמען וועטן אויף ניס: ער וועט זיך א בוק טאָן צי ניין?

און אַצינד, ווען די שטאָט־דעלעגאַציע האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט ליטאַשינסקין, איז מען געווען געצוווּנגען אָנקומען צו דער הילף פון די דאָזיקע מאַזיקים.

צימעסמאַן האָט געשיקט דעם פלינקן זיסקע, ער זאָל גיין זיך דערוויסן, צי דער קסיאַנדז איז אין דער היים און צי קיינער איז בײַ אים ניטאָ. פײַל־אויסן־בויגן האָט זיסקע א יאָג געטאָן, און אין צען מינוט אַרום איז ער געקומען צו לויפן א פאַרסאָפּעטער. ווישנדיק מיט דער דלאָניע דעם שווייס פון זײַן פאַרברוינט פּאָנעם, האָט ער אַרויסגעבראַכט

17—2485

נאָר צוויי ווערטער: „אינדערהיים. קיינער". ווײַל אַף מערער האָט איז ניט געסטײַעט קיין אָטעם.

ערשט דעמלט האָט זיך די דעלעגאַציע גערירט פון אָרט.

בעראָש פון איר זײַנען געגאַנגען נאַכמען־בער און מאַקס צימעסמאַן. דער קאָפּ און די צונג פון דער דעלעגאַציע. נאָך זיי — צוויי בעטלער, וועלכע האָבן געטראָגן אַף אַ טראָג־בעטל דעם קריפּל מיט די צונויפגע־קרייצטע פיס. דערנאָך זײַנען געגאַנגען יעזעריצקי און טויבעס. פונהינטן האָבן זיך געשלעפּט בערל דער מעשוגענער און מוישע דער גוילעם, וואָס האָט זיך אַלע מאָל פאַרטשעפּעט פאַר די אייגענע און פרעמדע פיס. אין סאַמע עק האָבן זיך נאָכגעשלעפּט אײַזיק זלאַטקיס, מייער דער בלינדער און צאַלע דער קאַרליק.

אײַזיק האָט פרײַוויליק גענומען אַף זיך די דײַגע ניט נאָר וועגן בלינדן, וועלכן ער האָט געפירט אונטער דער האַנט, נאָר אויך וועגן גוילעם, וואָס קער אים אָן אַ שוואָגער.

בערל דער מעשוגענער פלעגט זיך פירן פּאָלקאָם נאָרמאַל, ווען אין דרויסן איז געווען קאַלט. ער איז דעמלט ארומגעגאַנגען ריין געקליידט, ראַזירט. און אויסערלעך האָט ער אויסגעזען גאַנץ אָנשטענדיק. מע זאָגט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען איבער דעם, וואָס ער פלעגט זיך מעסוקן אָפּ־געבן מיט קאַלעראַיי וויסנשאַפטן. דעריבער האָבן זײַנע נערוון ניט אויס־געהאַלטן.

זומער־צײַט, ווען עס פלעגט ווערן הייס, האָט ער מאַרשירט מיט האַס־טיקע טריט איבערן שאָסיי, גלײַך ווי ער וואָלט עמעצן פאַרפאָלגן, אָדער עמעצער וואָלט אים פאַרפאָלגט, דערבײַ האָט ער געבעבעט מעשוגעדיקע ווערטער:

איך גיי אין יאַם,
איך גיי אין יאַם,
און זע ניט קיינעם,
און זע ניט קיינעם,
יאַ־מאַ־קו־טע!

וואָס איז דער טײַטש פון „יאַמאַקוטע" — האָט קיינער ניט געוווּסט. בערל אָבער האָט זיך אַזוי געטרייסלט און געציטערט מיטן גאַנצן קער־פּער, ווען ער פלעגט אַרויסברענגען דאָס דאָזיקע וואָרט, אַז מע האָט גע־קאָנט מיינען, אַז עס באַטײַט עפּעס סאַקאַנעס־נעפּאָשעסדיקס.

ער האָט געהאַט הימל־בלויע בלאָנדזשענדיקע אויגן. יינגלעך־קונדיי־סים פלעגן אויסמײַדן צו קוקן אים אין די אויגן אַרײַן — זיי האָבן פּאָ־שעט מוירע געהאַט פאַר אים.

מוישעלע, אַ באַוואַקסענער מיט שוואַרצע שטעכיקע האָר, אַ יינגל — אַ זאָקן, איז נאָכגעגאַנגען. ער האָט צוגעדעקט די אויגן מיט דער האַנט, די שײַן זאָל ניט שנײַדן. פאַר דעם דאָזיקן נעפעש, וואָס איז צוגעוווינט געוואָרן צו אַ פינצטער קעמערל, איז אַצינד געווען צופיל שײַן אונטערן פרײַלינגדיקן הימל. אָט אַזוי האָבן זיי זיך בײדע געשלעפּט: איינער מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכל אַף די נאַסע רויטע ליפּן, און דער צווייטער, אָן

ערנסטער, א פּאַרטיפּטער, און אינגאַנצן אַרייַנגעטאָנענער אין אַ גרונטלאָזן טהאָם פונעם איימעדיקן וואָרט „יאַמאַקוטע".

אייזיק האָט געפּרוּווט דערווידערן, אַפילו זייער אייַנגעשפּאַרט, קעגן מוישעלעס אָנטייל אין דער דעלעגאַציע, קעדיי ער זאָל ניט שענדן זייער פאַמיליע פאַר אַ גרויסן אוילעם. ס'האָט אים אָבער ניט געהאָלפן, וויבאַלד אַליין דער ראָוו האָט אַזוי באַפוילן!

איצט האָט ער געשפּאַנט מיט קליינע ניט זיכערע טריט, נאָכגע־קוקט מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן נאָך די רוקנס און פיס פון בערלען און מוישעלען, נאָכגעקוקט אויטאָמאַטיש. דער פאַרשטאַנד זייַנער איז אָבער געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט איינעם און דעם זעלבן. ער האָט גע־טראַכט וועגן די אַמערסטן דערשיטערנדיקע זייטלעך פון זייַן ניט פאַרענ־דיקטן פּינקעס וועגן די ליידן פונעם יידישן פאָלק. און אייַנציַיטיק פאַר־פאַסט אַ נייַ קאַפּיטל: וויאַזוי מע האָט דערהאַרגעט אַ פּוילישן סאָלדאַט אין דער שטאָט קאָפּין און וועגן דער סאַקאָנע, וואָס דראָעט איצט אַלע אייַנוווינער. אַלס עפּיגראַף צו דעם־אָ נייַעם קאַפּיטל האָט ער אויסגע־קליבן אַ פּערז פון יעשייַע האַנאָווי: היילילו שער, זעק עירי[1], ס'הייסט — יאָמערט, טויערן, שרייַ, שטאָט!

4

דער קסיאָנדז ליטאָשינסקי האָט אַרומגעשפּאַצירט אין זייַן סעדל. קעדיי ניט קלערן וועגן דעם ווייטעק אין די פיס, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט זיך מיטן בלויען הימל. צוליב אים לוינט צו לייַדן שמערצן. ער האָט אייַנגערעדט זייַן לייַב, אַז עס טוט אים גאָרנישט ניט ווייַ, און דאָס פּאָנעם זייַנס האָט אַציַנד אויסגעשטראַלט רויִקייט און וויל־מוטיקע געלאַסנקייַט, וואָס זייַנען דורכגעדרונגען פון זייַן נעשאָמע דורך די ברייט צעעפנטע אויגן.

ווען דער פּריסטער האָט דערזען די מעשונעדיקע פּראָצעסיע, וואָס דערנעענטערט זיך צו זייַן שטוב, האָט ער זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט. ס'איז אומגלייבלעך, אַז די יידן, און נאָך בעראָש מיט זייער ראָוו, זאָלן אָנעמען אים, דעם קאַטוילישן פּריסטער, פאַר אַ הייליקן און זאָלן ברענ־גען צו אים צוליב טרופע־וועגן בלינדע און געליימטע!

פּלוצעם האָט ער זיך אָנגעשטויסן. אים איז געוואָרן שווער אָפּן האַרצן — ער קוויקט זיך מיט די הערלעכע העלע בילדער פון גאָטס נאַ־טור און באַנאַנד מיט אים גיסט זיך בלוט, און מענטשן לייַדן און שמאַכטן. ער האָט זיך אָפּגעצוימט אין זייַן בליִענדיקן סאָד, אופגעשטעלט אַרום אים היכע טויבע ווענט, קעדיי עס זאָל ניט דערגיין צו אים דער מענטש־לעכער ווייַ, זייערע יעלאָלעס. אָבער וואָס קאָן ער העלפן? ער איז דאָך נאָר גאָטס נישטיקער זײַנער!

און דער קסיאָנדז האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן דער דעלעגאַציע.

---

[1] היילילו שאַר, זעאַק איר (העבר.)

דער ראָוו האָט שווײַגנדיק אופגעהויבן די אויגן אפן קסיאָנדז. ער האָט געוואָלט זיך א בוק טאָן, נאָר באמערקט אף דער ברייטער שווארצער ברוסט א ווײַסן ציילעם, האָט דער קאָפּ זײַנער אין דער לעצטער ווײַלע זיך א נייג געטאָן אין א זײַט.

דערפאר אָבער האָט מאקס צימעסמאן א הייב געטאָן מיט אן עלעגאנ־טער טנוע זײַן קאפעליוש, נידעריק פארנייגט זיך און ליבלעך אויסגע־רופן:

— דזיען דאָברי, פאנע קסיאָנדז![1]

יעזעריצקי האָט איבערגעכאַזערט צימעסמאנס באגריסונג.

דאָקטער טויבעס האָט אָנשטאָט א „גוטמאָרגן", געפרעגט:

— ווי האלט עס עפּעס מיט די פּיס?

אײַזיק זלאטקיס האָט אָנגעשטרענגט געזוכט א ווירדיקע באגריסונג־פאָרמול, וואָס וואָלט געפעלן דעם קסיאָנדז, נאָר ניט דערנידעריקן קיינעם. ער האָט געזוכט און ניט געפונען. דעריבער האָט ער נאָר א נייג געטאָן דעם קאָפּ מיט כשיוועס און ווירדע.

צאלע קארליק האָט זיך גענומען איבערקאטשען פון איין פוס אפן צווייטן און האָט זיך פאמעלעך ארויסגעקאטשעט סאמע פונפאָרנט. אצינד האָט קיינער אים ניט פארשטעלט דעם וואזשנעם פארשוין, האָט ער אים באגריסט מיט א קוויטשיק־פּישטשענדיק קעלעכל:

— שאָלעם־אלייכעם אײַך, רעב קסיאָנדז!

מוישעלע האָט זיך געלאָזט גיין נאָך צאלען, ער איז געווען א קאפּע־לע העכער פונעם קארליק, צוגעקומען צום שווארצן מענטשן מיטן ווײַסן שפּילכל אף דער ברוסט, האָט ער, ווי א קינד, אויסגעשטרעקט די האנט און א שאָקל געגעבן די בלישטשענדיקע צאצקע. אײַזיק האָט בייז אוועק־געשלעפּט מוישעלען. דער קסיאָנדז, ווידער, האָט גוטמוטיק צוגעשמייכלט.

די צוויי בעטלער האָבן אראָפּגעלאָזט דאָס טראָגבעטל אף דער ערד, קעדיי אָפּצורוען זיך א ביסל. זיי האָבן אויסגעווישט דעם שווייס פון די פּענעמער און זיך געלאָזט צום קסיאָנדז מיט אויסגעשטרעקטע הענט. זלאטקיס האָט זיי רוגזעדיק אײַנגערוימט עפּעס, דאן האָבן זיי אראָפּגע־לאָזט די הענט און געבליבן שטיין אפן אָרט.

דער בלינדער איז געשטאנען א שווארצער, א באוואקסענער, א פארר־שוואָלענער, און שטיל געקלאפּט מיט זײַן שטעקעלע איבער דער ערד, גלײַך ווי ער וואָלט אויסגעקלאפּט עפּעס א ניגן פאר די, וואָס האָבן ניט קיין אויגן. ער האָט געוווסט, וועגן וואָס ס'האנדלט זיך דאָ. נאָר גערעכנט דאָס פאר א נישטיק פלעקעלע אף דער זון.

בלויז דער קריפּל, א גרויסקעפּיקער, מיט אומבאוועגלעך־צונויפגע־קרייצטע פיס, איז געזעסן אפן טראָגבעטל, ווי אן אָפּגאָט, ווי בודא.

דער קסיאָנדז האָט פארבעטן אלעמען אין שטוב ארײַן. נאכמען־בער האָט א שפּאן געטאָן צו דער שוועל, נאָר דערפילט, אז עמעצער האָט אים א צי געטאָן פארן ארבל, האָט ער זיך אומגעקוקט. דאָס איז געווען צי־מעסמאן, וועלכער האָט אים שווײַגנדיק אָנגעוויזן מיט די אויגן אפן טרע־

---

[1] א גוטמאָרגן, הער קסיאָנדז (פּויליש).

טער, וואָס איז געלעגן פאַר דער שוועל. נאָכמען־בער האָט אויסגעווישט די פיס און איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. אים האָבן נאָכגעפאָלגט די איבעריקע.

דער ראָוו האָט זיך ניט געוואָלט אָנידערזעצן. ער האָט אויסגעקליבן אַ וואַנט, אַף וועלכער ס'איז ניט געווען ניט יעזוס, ניט די הייליקע מוּ־טער זײַנע מאַריע און ניט קיין אַנדער הייליקער, אָנגעשטעלט זיך מיט די אויגן אַף דער וואַנט, און, פאַרקנייטשנדיק דעם שטערן, זיך גענומען דערמאָנען דאָס, וואָס ס'האָט געטראָפן, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ קליינינקער, מיט קנאַפּע פיר טויזנט יאָר צוריק. דערנאָך האָט דער אַל־טער אויסגערעדט קורץ און נעפלדיק, ווי שטענדיק.

— ווען ס'האָט ניט געקלעקט קיין טאָג, האָט יעשוע־בין־נון זיך גע־ווענדט צו דעם, וואָס לעבט אייביק, און באַפוילן: זון, בלײַב שטיין אין גיוואָן, און לעוואָנע — אין איימעק איאַלוין. איז די זון געבליבן שטיין, און די לעוואָנע אויך. ביזוואַנען דאָס פאָלק האָט זיך נוקעם געווען אין זײַנע סאָנים... מיר האָבן זייער ווייניק צײַט. די זון אָבער קאָנען מיר ניט אָפּשטעלן, ניט איר, ניט איך. ס'איז ניט יענע צײַטן און ניט יענע מענטשן. דערפאַר מוז איך ריידן קורץ. ווײַזט אונדז אַרויס כּעסעד! זײַט אונדזער סאַנייגער פאַרן פאָלקאָווניק, און זאָל ער אַראָפּנעמען די שווערד, וואָס הענגט איבער אונדזערע קעפּ, און אַרײַנלייגן זי אין דער שייד.

מאַקס צימעסמאַן איז געווען צופרידן, וואָס דער אַלטער איז ניט קיין באַריידעוודיקער. אַניט, וואָלט ער נאָך געקאָנט עפּעס אָנפּלאָנטערן אָדער קאַליע מאַכן. כוץ דעם, האָט זיך אים שוין אַליין פאַרוואָלט ריידן, ער האָט דאָך פאָרט יורידישע בילדונג, עמעס, ניט קיין פאַרענדיקטע, אָבער די צונג איז באַ אים, דאַנקען גאָט, ווי אַף שרײַפלעך. דעריקער — וואָס מער בענימעסדיקײַט און אַפילע כּניפע. זאָגט אײַך, וואָס איר ווילט, נאָר מענטשן האָבן ליב, ווען מע רייכערט זיי ווײַרעך. אַפילע די באַשיידנסטע.

— גנעדיקער הער! גוטהאַרציקער פּריסטער! — הייבט ער אָן, קוקנדיק דעם קסיאָנדז גלײַך אין די אויגן אַרײַן. — אַלע ווייסן, וואָס פאַר אַ טײַערע, הערלעכע, בעעמעס קריסטלעכע נשאָמע איר פאַרמאָגט. דער־פאַר טאַקע האָבן מיר געוואַגט זיך ווענדן צו אײַך; הערט אונדז אויס און טוט אונדז אַ כּעסעד! מיר צווייפלען ניט, אַז איר וועט טאָן פאַר אונדז אַלץ, וואָס איר וועט נאָר בעקויעך זײַן צו טאָן, וואָרעם מיר צווייפלען ניט אין אײַער גרייטקײַט קומען צוהילף יעדן לײַדנדיקן און נויט־באַדערפטיקן. איר האָט דאָך שוין אַזויפיל געטאָן פאַר אונדז...

דאָס פול־בלייכלעך פּאָנעם פונעם קסיאָנדז ווערט אַלץ העלער. אַוואַ־דע פאַרשטייט ער, אַז מע כאַנפעט אים אונטער. „איר האָט דאָך שוין אַזויפיל געטאָן פאַר אונדז...“ ער אָבער קאָן זיך בעשום־אויפן ניט דער־מאָנען, וואָס האָט ער עפּעס אַזוינס געטאָן, זעט אויס, אַז דאָס איז פּאַ־שעטע מעליצע־רייד פון אַ־דעם אָנשטענדיקן ייִדן, און עפּשער אַן אָדע־רוף, ס'הייסט, עס רעדט זיך אַזוי: „איר האָט שוין אַזויפיל געטאָן פאַר אונדז...“, און מיינען מיינט מען: „איר וועט אַזויפיל טאָן פאַר אונדז...“ דאָך איז אים געווען וואַרעם אַפן האַרצן, וואָס מענטשן האָפן און גלייבן אין אים. און האָפענונג און עמונע — צי זײַנען זיי ניט צוויי ברייטע

שליאכן צו דער וואָרער יעשועז און עס וועט זײַן פריקרע, זייער שלעכט, אויב ער וועט ניט באַרעכטיקן זייערע האָפענונגען, ווײַל אַנטוישונג איז ערגער ווי אָפּוועזנהײַט פון האָפענונג. ער מוז זיי וואָרענען.

— איר שעצט אָבער איבער מײַנע קויכעס און מעגלעכקײַטן, טײַערע מײַנע פרײַנט! דער פּאָלקאָווניק קאָן זיך רעכענען מיט מײַן מיינונג. ער קאָן אָבער אויך דורכלאָזן מײַנע רייד פאַרבײַ די אויערן. נאָך מער, ער קאָן זיך אפילע צעבייזערן. ס'הייסט, פאַר וועמען נעמט איר זיך אָן? פאַר די מערדער פון אונדזערן א זעלנער? און ווער זײַנען זיי, די מער...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אפן האלבן וואָרט און אנשוויגן געוואָרן. דעמלט האָט צעעפנט זײַנע בלוילעכע ליפּן אײַזיק זלאַטקיס. ער האָט זיך דורכגעשטופּט, געשטעלט זיך באַנאַנד מיט צימעסמאַנען און אַרויסגע־בראַכט מיט א געמיש פון איראָניע און ווירדע:

— אַלע רופן צו כעסעד. און איך — צו יוישער. איר האָט ניט פאַרענ־דיקט אײַער געדאַנק. אויס איידלקײַט, פאַרשטייט זיך. איז דערלויבט מיר, וועלמאָזשני פּאַן, אַז איך זאָל אים פאַר אײַך פאַרענדיקן. „פאַר וועמען נעמט איר זיך אָן? פאַר די מערדער פון אונדזערן א זעלנער? און ווער זײַנען זיי, די מערדער? ייִדן! הערט א מײַסע! אַנדערע מאַכן פּאָגראָמען. מיר — ניט. אַנדערע באַגייען גוואַלדטאַטן. מיר — ניט. איז נעמען זיי און הארגענען נאָך אונדזערע סאָלדאַטן. איז דען דאָס ניט קיין אומגעהער־טע כוצפּע!” כ'האָב ריכטיק אויסגעדריקט אײַער מאַכשאָווע, פּאַן ליטאָ־שינסקי?.. כ'בעט מעכילע, וואָס איך האָב זיך דערלויבט אַרײַנבליקן אין אײַער נעשאָמע.

— איך בין גרייט אַנטהוילן פאַר אײַך מײַן נעשאָמע, — האָט ווייך און א ביסל צעמישט געענטפערט דער קסיאָנדז. — עס גייט אָבער אַצינד ניט אין מײַן נעשאָמע, נאָר אין דעם פּאָלקאָווניקס. און ער, מעגלעך, קלערט גראָד אַזוי, ווי איר האָט אויסגעלייגט. איז וואָס ווילט איר זאָגן, עפּשער איז דאָס ניט לאָגיש?

— פאַרוואָס עפּעס ניט? גאַנץ לאָגיש. פון זײַן שטאַנדפּונקט איז דאָס בעפּיירעש לאָגיש. איר ווייסט דאָך אָבער זייער גוט, אַז אַלץ אף דער וועלט, כוץ גאָט, האָט זײַן גרענעץ. אַזא גרענעץ האָט אויך אונדזער גע־דולד. ס'איז מיסטאַמע א צופעליקײַט, וואָס די דאָזיקע גרענעץ איז אַרי־בערגעטראָטן געוואָרן גראָד בענעגייע די פּוילישע זעלנער. נאָר ס'איז א פאַקט. עס זײַנען געקומען צוויי סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך אָנגעזויפּט, אָנגעפרעסן. איז דערלאַנג זיי נאָך נעקייוועס. אַניט הייבן זיי אויף א שי־סערײַ. האָט מען זיי, בימכילע, אַנטוואָפנט, פאַרהאַלטן, דערנאָך באַ־פרײַט, אָפּגעלאָזט געזונטערהייט, אומגעקערט זיי די ביקסן צוזאַמען מיט דער פרײַהײַט. נעמט איינער פון זיי און שיסט אויס פון דער אומגע־קערטער ביקס און פאַרווונדעט שווער א ייִדן. האָט דען ניט געקאָנט פּלאַצן דאָס געדולד בא יעטווידן, און בעפּראַט בא א האַמוין?

דער איראָניש־עסעריקער טאָן פון אָט־דעם דאַרינקן מענטשן מיט די צוגעקלעפּטע שטיקלעך פּאַפּיראָס־פּאַפּיר צו דער אייבערשטער ליפּ איז דעם קסיאָנדז בעפּיירעש ניט געפעלן. מע וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער

איז געקומען ניט בעטן, נאָר פאָדערן. די פענסנע האָט ער אראָפּגענומען, אויסגעווישט די גלעזלעך מיט א נאָזטיכעלע. די בלאָווקייט אונטער די אויגן איז געוואָרן מערקבארער, די ברעמען — צעשויבערטער, די געלקייט פונעם ניט גלאַט אָפּגעראַזירטן פּאָנעם — קרענקלעכער. „שוין זשע איז אַ־דאָס פארשווארצט, נישטיק, גאליק מענטשל א לייבלעכער ברודער פון אונדזער העלן הערלעכן גאָט יעזוס קריסטוס?"

— אויב איר מיינט, אז דאָס איז אזוי לייכט צו דערווייזן, טאָ וואָס האָט איר געדאַרפט קומען צו מיר? בעסער גייט אייך דירעקט צום פּאָל־קאָווניק און דערווייזט אומיטלבאר אים, — האָט געזאָגט דער קסיאָנדז מיט א ביסל א באליידיקטן טאָן.

מאקס צימעסמאן האָט א קוק געגעבן אף זלאטקיסן מיט אויגן פון א גאזלען.

— גלייבט מיר, אז ער האָט דאָס ניט געמיינט, — האָט ער בענימעס־דיק געזאָגט, — איר זייט אונדזער איינציקע האָפענונג. אָן אייך זיינען מיר אָנמעכטיק, ווי קליינע קינדער. ווייזט אונדז ארויס גאָטס כעסעד...

אייזיק האָט געוואָלט איבערשלאָגן צימעסמאנען. נאָר נאכמען־בער האָט שטרענג א קוק געגעבן אף אים. האָט ער איבערגעכאַזערט מאקס' ווער־טער, וואָרט בא וואָרט:

— גלייבט מיר, אז איך האָב דאָס ניט געמיינט... איר זייט אונדזער איינציקע האָפענונג. אָן אייך זיינען מיר אָנמעכטיק, ווי קליינע קינדער. ווייזט אונדז ארויס גאָטס כעסעד... — זלאטקיס האָט מיט זיין קליינער ביינערדיקער האנט אָנגעוויזן אפן גוילעם, אפן מעשוגענעם, אפן קריפּל, אפן בלינדן, אף די צוויי בעטלער און דעם קארליק. — ווייזט זיי ארויס אייער כעסעד. אַ־דאָס מענטשן־מיסט איז דאָ ארויסגעשטעלט מיטן איין־און־איינציקן ציל — ארויסרופן בא אייך ראכמאָנעס, בא אייך און באַם פּאָלקאָווניק. אויב, ווידער, עס וועט אונדז ניט געלינגען, וועלן מיר זיי ארויסגעבן דעם פּאָלקאָווניק, ווי די שולדיקע אינעם פאַרגעקומענעם בונט. אזוי, רעב נאכמען־בער?

דער ראָוו האָט ווידער א קוק געטאָן אף אייזיקן מיט א צאָרנדיקן בליק און אויסגערעדט קורץ און נעפּלדיק:

— אז מע פּאַרלירט דעם פארשטאנד... טרעט ארויס די כוצפּע.

דער קסיאָנדז האָט נאָכאמאָל ארויסגעוויזן זיין איידלקייט. ער האָט ווי ניט באמערקט די מאכלויקעסן צווישן די יידן, איבער די קעפּ פון וועלכע עס הענגט די שווערד. אלנפאלס, קיינער דאַרף ניט מיינען, אז אף זיין באשלוס האָבן געקאָנט ווירקן די רייד פון אַ־דעם שלאבעריקן מענטשל.

— הער דאָקטער, — האָט ער זיך אומדערוואַרט געווענדט צו טויבעסן. — ער איז שטערבלעך פארווונדעט?

טויבעס האָט געענטפערט אומבאשטימט:

— כ׳ווייס... וואָסי דען?.. טויט צי לעבעדיק — וואָס פאַר א באַדייטונג האָט עס?

— ס׳האָט. אפילע פונעם שטאנדפּונקט פונעם יידישן דין. אָן אויג פאַר אן אויג. א מאָרד פאַר א מאָרד.

— דער קריסטלעכער דין איז אָבער גנעדיקער.
— פון צוויי דינים גיבן מיליטערלײַט א פאָרצוג דעם מער הארבן.
— איז אויב אזוי, רעכנט, אז ער איז שטערבלעך פארוונדעט.
— ווי לאנג קאָן ער נאָך אנטקעגנשטיין דעם טויט?
— ס׳איז א געזונטער כעווערעמאַן. ער איז א דאָרפישער. דער טויט וועט אים ניט גרינג בײַקומען.

דער קסיאָנדז האָט זיך פארטראכט. זײַנע געדאנקען ווערן אומעטיק. דאָס פּאָנעם — באַטריבט.

אײַזיק זלאטקיס האָט זיך ווידער דערלויבט כאַפּן א קוק אפן דעק פּו־נעם פּריסטערס נעשאָמע. ער האָט, זעט אויס, געגומען אף זיך די פליכטן פון א פרײַוויליקן אויסטײַטשער פון דעם קסיאָנדזס געפילן און ראַיוי־נעס.

— איך מיין, — האָט ער געזאָגט, — אז דער כאַשעווער פּריסטער האָט אין זינען, אז אויב ער איז אלציינס פארוונדעט אף טויט, איז... סע גייט דאָך אין ראַטעווען א גאנצע איידע!

דער קסיאָנדז האָט שארף דערווידערט:

— ס׳איז ניט מײַן געדאנק.

— זאָל ער דאַן זײַן מײַנער, — האָט זלאטקיס נאָכגיביק געזאָגט, — איז וואָס, רעב טויבעס?

דער דאָקטער האָט אומבאהאָלפן צעפירט מיט די הענט.

— איך קאָן נאָר היילן.

דער קסיאָנדז האָט געכאַפּט זײַן שטעקל.

— איך גיי. מע טאָר ניט מער פאַטערן קיין צײַט. איך וועל קעמפן פאר אײַך, ווי פאר מײַנע ברידער און שוועסטער. בעט גאָט, אז איך זאָל מאַצלי׳עך זײַן.

ס׳איז געוואָרן שטיל. מע האָט געשוויגן. און פון דער שטילקײַט, פון דער שווײַגעניש האָט זיך פלוצעם דערהערט א שארפער און א קאלטער איינזאמער קלאנג. אלע האָבן א קער געטאָן די קעפּ צום קריפּל. ער, ווידער, האָט אף קיינעם ניט געקוקט.

5

איך בין געלאָפן אינײנעם מיט אלעמען. כ׳האָב געשלײַדערט שטיינער, ווי אלע. ס׳האָט מיר געדוכט, אז איך בין שוין ניט נאָכעם. כ׳בין געוואָרן א ווילנלאָז טײלכל פון דער מאַסע. זי האָט מיך מיטגעשלעפּט, ווי א וויכער א שטרויעלע. און ווען איך וואָלט געוואָלט אפילע ארויסרײַסן זיך פון די קלאמערנדיקע אָרעמס פון אָ־דעם וויכער, וואָלט איך סײַווי ניט געקאָנט דאָס טאָן.

נאָר איך האָב ניט געוואָלט. די צערײַצטקײַט פונעם האַמוין האָט זיך איבערגעגעבן מיר אויך. מיר האָבן אלע געמיינט, אז הערשל גלייזער איז דערשאָסן אף טויט. ער איז אנידערגעפאלן, ווי אן אונטערגעהאקטער בוים, ווי אן ארויסגעריסענער מיט די וואָרצלען דעמב. איך האָב אים זייער ליב

געהאַט, הערשלען. „ער איז אַזוי הויך, אַזוי שטאַרק, טאָמער שטעלט ער זיך אָפּ, זעצן זיך אויף זײַן קאָפּ שפּערלעך. ווי אויף אַ טעלעגראַפנעם סלופּ...״ אַזוי זאָגט גענענדל, דאָס ווײַב זײַנס. אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ פאַרווינטיקט־בראָנזעווע פּאָנעם, מיט אַ מעכטיקער ברוסט, מיט אַ פּאָר יאַדאִים, ווי צוויי אײַזערנע לאָפּעטעס, איז ער געווען אין מײַנע אויגן די פאַרקערפּערונג פון קויעך, דער גאָט פון געזונט, זעוווס׳ באַליבטער זון...

איז אָט ליגט ער אַצינד אין שטוב, אַ פאַרשניטענער דורך אַ קויל פון אַ שיקערן סאָלדאַט. איך האָב ניט געוווסט, צי ער איז דערהאַרגעט, צי נאָר פאַרוווּנדעט. כ׳האָב געזען, ווי ער איז אַנידערגעפאַלן. אַ דעמב איז אַנידערגעוואַלגערט געוואָרן. און אַ דעמב פאַלט נאָר איין מאָל אין לעבן. און וויבאַלד ער איז געפאַלן, וועט ער שוין זיך ווידער ניט אופהייבן... האָב איך געשלײַדערט איין שטיין נאָכן אַנדערן. די שטיינער זײַנען הילכיק געפאַלן. דאָס זײַנען געווען פאַרשטיינערטע שטיקער צאָרן.

נאָר ווען דער אוילעם איז פּלוצעם געבליבן שטיין פאַרגליווערט פאַר דעם טויטן קערפּער פונעם סאָלדאַט, דערציטערט פון זײַנע מײַסע־יאַדאִים, האָב איך זיך אויך אָפּגעשטעלט אַ פאַרשטאַרטער, אַ צעמישטער. מיר האָבן גענומען נעקאָמע פאַר הערשל גלייזערן. און ווײַטער? ווײַטער איז אַן אָפּגרונט. די ערד האָט זיך געשפּאָלטן אַרום קאָפּין און אַרומגערינגלט דאָס שטעטל מיט אַ טיפן אָפּגרונט. ניט דורכצוגיין, ניט ראַטעווען זיך.

די שיף טרינקט זיך. אַלע בליקן זײַנען געווענדט צום קאַפּיטאַן. און ער, דער אַלטער טויבלעכער קאַפּיטאַן מיטן ווײַסן שיטערן בערדל, האָט געמאָלדן אַ טאָנעס... ער האָט געהערט און אויסגעפילט אַ פּקודע, וואָס האָט דורכגעשאַלט מיט טויזנט יאָר צוריק. אויב אַ צאָרע — איז אַ טאָנעס. אויב אַ שלאַק — איז אַ טפילע. דער באַפעל אָבער, וואָס געוועלטיקט הײַנט, דערגייט ניט צו אים. ער קערט זיך אויס צו אים מיט זײַן טויבן אויער. כ׳מיין, עפּשער איז ער געבליבן באַם קינדערשן סייכל, דער קאַפּיטאַן. אַזוי קאָנען דאָך זיך נויהעג זײַן נאָר קינדער. קיין שום אַכרײַעס. פאַר אַלץ איז אָרעוו דער ריבוינעשעלוילעם. קיין שום אייגענער ווילן. טאָנעס און טפילע, ווידער, זײַנען נאָר צוליב דעם, קעדיי אַרויסצורופן גאָטס ראַכמאָנעס, גאָטס לויטערע טרער, מיט זייערע טאָנעסדיקע אויסגעצערטע פּענעמער, מיט זייער קרעכצן און זיפצן. „איך בין שוין מיד פון מײַן קלאָגערײַ. יעדע נאַכט פאַרגיס איך מיט טרערן מײַן געלעגער. ניטאָ שוין קיין טרערן. די אויגן זײַנען פאַרטריקנט געוואָרן פון אַצוועס...״ גאָט האָט ניט ליב קיין געזונטע, הויכע, ברייטע. גאָט האָט ניט ליב די, וואָס האָבן רויטע באַקן. גאָט האָט ליב בלייכע פאַרווײנטע געזיכטער. ערשט דעמלט וועט עפּשער טרעפן אַ נעס. „נאָר אין גאָט באַרויִק זיך, נעשאָמע מײַנע. וואָרעם אויף אים איז מײַן האָפענונג. נאָר ער איז מײַן פעסטונג, די רעטונג מײַנע און מיקלעט... בניי־אָדאָם זײַנען העוול, און בניי־געווער זײַנען שעקער. לייג זיי אַלע אויף דער וואָג, וועט זי זיך ניט אַ ריר טאָן, וואָרעם זיי זײַנען אַלע גרינגער פון פּוסטקײַט...״

איך האָב זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דער דעלעגאַציע. אַ סאַך האָבן מיר זיך נאָכגעשלעפּט. כ׳ווייס ניט, וואָס אַנדערע האָבן געפילט. איך אָבער האָב געקלערט פון פּוסטקײַט.

נו, זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, וואָס איז דאָס אַזוינס? אַ לעווייַע? צי אַן אויסשטעלונג פֿון פּאַרזעענישן און אומאַכט? פּונפּאַרנט שפּאַנען מיט שלאַבעריקע פּיס נאָכמען־בער און מאַקס צימעסמאַן — דער קינדערש־געוואָרענער קאַפּיטאַן און זייַן צונג. נאָך זיי — צוויי בעטלער, וואָס טראָגן אַף אַ טראַגבעטל דעם קריפּל, יעזעריצקי און טויבעס, מוישעלע דער גוי־לעם און בערל דער מעשוגענער, וואָס פֿאַרטשעפּען זיך פֿאַר די אייגענע און פרעמדע פּיס. דער פּעטער אײַזיק פירט אונטער דער האַנט דעם בלינדן. באַנאַנד מיט אים קאַטשעט זיך, ווי אַן ענטל, צאַלע דער קאַרליק. און אינעם הימל שטייט אַ גרויסע העלע זון. מע קאָן אַף איר ניט קוקן, סײַדן ווען מע פֿאַרזשמורעט שטאַרק די אויגן. דעמלט שטעלט זיך אײַן צווישן דער זון און דיר, דעם נישטיקן בען־אָדאָם, אַ דירעקטע פֿאַרבינדונג דורך גאָלדענע רעגנבויגנדיקע פֿעדעם. אָן דער צעגליטער זון זײַנען ניטאָ אַזעלכע פֿעדעם. נאָר אָן דיר, מענטש איינער, מעגסט זײַן אַ גאָרנישט, מעגסט זײַן אַ גאָרנישט־שעבעגאָרנישט, אָן דיר זײַנען זיי, די פֿעדעם, דאָך אויך ניטאָ!

איז דעמלט האָט זיך פּלוצעם צעשפּאָלטן דער הימל, און איך האָב דערזען ריזיקע וואָגשאָלן. זיי זײַנען געהאַנגען אַף גאָרנישט. עמעצנס אַ קרעפּטיקע האַנט כאַפּט אונטער און וואַרפט אַרויף אַף דער וואָגשאָל נאָכ־מען־בערן, צימעסמאַנען, די בעטלער, דעם קריפּל, יעזעריצקין, דעם פּע־טער אײַזיק און אַנדערע. די וואָגשאָל אָבער לאָזט זיך ניט אַראָפּ. זי טוט זיך אַפילע ניט קיין ריר. האָב איך זיך געדאַרפט פֿאַרקרימען — ניט אַזוי? באַקומט זיך דאָס ניט בא מיר. פֿאַרקערט, איך דערשפּיר עפּעס אַ פֿאַרגע־פיל פֿון אַ נאָך אומבאַוווּסטער פֿרייד, וואָס איז געווען, אָדער וועט ערשט זײַן. וואָס פֿאַר אַ סימכע אינמיצקעדערינען? כ׳ווייס ניט! עפּשער איז מיר פֿאַשעט געוואָרן לעכערלעך פֿון דעם, וויאַזוי דער בעקאָוודיקער ראָוו, דער אַפּטייקער, דער אַליאַרניק און מײַן געלערנטער פּעטער האָבן אומגע־לומפּערט אופגעצאַפּלט, ווען מע האָט זיי אַרופגעוואָרפן אַף דער וואָגשאָל. האָב איך גענומען און פֿון זיך צוגעגעבן אַף דער וואָגשאָל הערשל גליי־זערן, נאָך אַ לעבעדיקן, דערנאָך דעם פֿאָטער מײַנעם, דערנאָך די באָבע, דערנאָך, כ׳ווייס אַליין ניט פֿאַרוואָס, אָקסאַנען, און דערנאָך האָב איך באַפוילן, אַז עס זאָלן זיך יאָוועם צו מיר דרינגענדיק גרישע וואַסערבער, נעסטערענקאָ, דרילבערג, וואָראָניאַק, נאָכדעם... סטאָפּ! גענוג! מער דאַרף מען ניט, די וואָגשאָל האָט זיך שוין אַזוי אויך אַראָפּגעלאָזט...

„האָב איך באַפוילן...‟ וואָס זאָגט איר עפּעס אַף מיר?

וואָרעם אין צווילדעוועטן דימיען מײַנעם האָב איך אָפּגעשיקט אין דעמיסיע דעם אַלטן אָפּגעלעבטן קאַפּיטאַן. און איך האָב אָנגערופן נײַע קאַנדידאַטן. מײַן פֿאָטער. וואַסערבערן, נעסטערענקאָן... אַ פֿאַרשיקערטער, ווי בערל דער מעשוגענער, פֿון דער הייסער פּריילינג־זון, מיט וועלכער איך האָב אײַנגעשטעלט אַ דירעקטע פֿאַרבינדונג דורך די גאָלדענע רעגנ־בויגנדיקע פֿעדעם, האָב איך מיט גאַדלעס אָנגערופן נאָך איין קאַנדידאַ־טור — נאָכעם עסרעג. און פֿאַרוואָס ניט? „איך, נאָכעם עסרעג, גיב פֿריי־וויליק און מיט דער גאַנצער אכרײַעס אַזאַ שוווּע...‟ כ׳האָב דערפֿילט, אַז איך נעם זעלבסט צומעסטן, צופּאַסן די געשעענישן צו זיך...

עפשער דערפאַר טאַקע האָב איך געשפּירט די טראַגישקייט פון די דאָזיקע געשעענישן, נאָר ניט געפילט קיין יִיאוש.

און עפשער נאָך דערפאַר, וואָס די גזירע איז געפאַלן אויפן גאַנצן שטעטל. אַזאַ צאַרע, וואָס וואַלגערט זיך אָן אויף פיל מענטשן, טראָגט איבער יעדער איינער גרינגער. זי האָט זיך צעטיילט, די גזירע, אויף פיר טויזנט כאַלאַקים. און אויף יעדן באַזונדער פאַלט אויס אַ פּירטוויזנטל.

6

ביזוואַנען די דעלעגאַציע האָט זיך פאַרהאַלטן באַם קסיאָנדז, האָב איך באַשטימט אַ לויף טאָן צו אָקסאַנען, קעדיי צו וואָרענען זי וועגן דער דראָענדיקער סאַקאָנע. אויב גאַנץ קאַפּין וועט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד, וועט דאָך אָקסאַנע אויך... כ׳האָב געקלערט וועגן דעם רויִק. מיר איז געפעלן געווען, וואָס מיר, אָקסאַנע און איך, זײַנען צוגעשמידט צו איין קייט. און אויב אַזוי, קאָן זי ניט אַוועק פון מיר ווײַט. מיר וועלן אומקומען. שרעקלאַז, אַרומגענומען — ווען מע וועט זיך נעמען אָפּווישן אונדז פון דער ערד. אָקסאַנע מוז פונדעסטוועגן וועגן דעם וויסן. עפשער וועט מען זי אַרויסלאָזן פונעם שטעטל. זי איז דאָך ניט קיין יידישקע.

„זאָל זי זיך ראַטעווען״ — האָב איך גרויסמוטיק באַשטימט.

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקעלע לעבן אירע פיס.

„אָקסאַנאָטשקע... דו מוזסט טייקעף אַוועקפאָרן. קאָנסט זיך אפילו ניט פאָרשטעלן, ווי שווער איז מיר געווען דיר דאָס צו זאָגן, גלײַך ווי איך וואָלט זיך געקליבן הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד, ביזוואַנען כ׳האָב זיך ענדלעך אײַנגעשטעלט. צעשיידן זיך מיט דיר איז מיר שווערער, ווי שטאַרבן מעגסט מיר גלייבן. עס גייט אָבער אין דײַן לעבן. עפשער וועט די צעשיידונג זײַן אַ קורצע. אויב עס וועט טרעפן אַ נעס און מיר ביידע וועלן בלײַבן לעבן...״

אָקסאַנען האָב איך נאָך גאָרנישט ניט געזאָגט. כ׳האָב לעסאַטע נאָר געדאַנקלעך אונטערגעקליבן די נייטיקע ווערטער, הוילע ווערטער. זי אָבער האָט מיך שוין פאַרשטאַנען. עפשער מאַכמעס דעם, וואָס איך האָב זיך צוגעדריקט מיט דער באַק צו איר פאַרברויינטן פוס, און מײַן געדאַנק האָט זיך איר איבערגעגעבן דורכן הייסן בלוט.

— איך פאָר מאָרגן אַוועק.

— וווהין?

— אַהיים.

— פאָר אַוועק הײַנט.

אָקסאַנע האָט געמיינט, אַז איך האָב דאָס געזאָגט אויס פאַרדראָס. עפשער גאָר מיט אַן איראָניע. פונוואַנען האָט זי געקאָנט וויסן, אַז איך זיץ באַ אירע פיס און האַלט אין איין טראַכטן וועגן דעם.

— כ׳קאָן הײַנט אויך.

— אומבאַדינגט הײַנט. אויב נאָר עס וועט דיר געלינגען אַרויסכאַפּן זיך פון דער שטאָט.

— ווער קאָן דאָס מיר פאַרבאָטן?

— דו ווייסט דען ניט? אַלע וועגן אַרום שטעטל זײַנען בלאָקירט.

און אויסזען באַ אָקסאַנען — גלײַך ווי זי הערט ניט, וואָס איך זאָג איר. די האַנט, וואָס האָט אָן אויפהער געצופּט די פּאַטשערקעס, האָט זיך קראַמפּהאַפטיק אַ ריס געטאָן, דאָס פּעדעמל האָט זיך איבערגעריסן, און די פּאַטשערקעס האָבן זיך אַ קײַקל געטאָן איבערן דיל. מיר האָבן זיך ביידע אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און גענומען צונויפקלײַבן די צעפלויגענע קאָרעלן.

איינס האָט זיך אַרונטערגעקײַקלט אונטער אַ טומבעלע. איך האָב דאָס טומבעלע אונטערגעהויבן, האָט זיך צעעפנט דאָס טירל און ס'האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון דאָרטן בריוו. אַ סאַך בריוו. און אויף יעדן קאָנווערט אַן אויפשריפט מיט אַ האַרטן מאַנצבלשן קסאַוו: „אָקסאַנע ליצײַ".

— דו פאָרסט צו אים? — האָב איך געפרעגט אָקסאַנען.

— איך פאָר אַהיים.

איך האָב איר אָפּגעגעבן די שיר ניט פאַרפאַלענע פּאַטשערקע און געזאָגט:

— זײַ געזונט.

7

יעכיעל מאַטעסעס איז אונדזערער אַ קאַפּינער מעוואַסער, יעדן פרײַ־טיק פאַרנאַכט שפּאַנט ער אין זײַן גרוי־אָפּגעקראַכנער קאַפּאָטע, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט איבער די גאַסן און רופט אויס אויף אַ הויך און אַ ביסל הייזעריק קאָל:

— גייט אין שול אַרײַן!

ווען כ'בין געווען נאָך גאָר אַ קליינער, האָב איך ניט געוווּסט, אַז יעכיעל איז בעסאַכאַקל נאָר אַ בידנע שאַמעס. דערהערנדיק זײַנע אומ־געווײנלעך־הויכע אויסגעשרייען איבער די פאַרשטילטע געסלעך, האָב איך געמיינט, אַז ער איז אַ מעוואַסער פונעם הימל, ער איז, הייסט עס, נאָרוואָס געקומען צו פליען פונעם הימל, רײַטנדיק אויף זײַן סוקעוואַטן שטעקן, קעדיי מעוואַסער זײַן די גאָטספאַרכטיקע קאַפּינער ייִדן, אַז די זעקס טעג פון האָרעוואַניע, טומל און לויפעניש האָבן זיך שוין פאַרענ־דיקט און עס קומט שוין אָן דער שאַבעס־קוידעש, דער טאָג פון רו, פון שאַלווע און פון הייליקן נאַכעס־רועך.

הײַנט איז דאָך אָבער ניט פרײַטיק. הײַנט איז מיטוואָך. און אַצינד איז ניט אָפּדערנאַכט, נאָר ווײַסער טאָג נאָך. איז פאַרוואָס האָט זיך פּלו־צעם באַוויזן אויף די קרומע געסלעך אָ־דער מעוואַסער און רופט צונויף די ייִדן אין שול אַרײַן? הייסט עס, אַז ס'איז עפּעס געשען. כ'צווייפל, צי אָק־סאַנע אַפילו וואָלט מיך געקאָנט פאַרהאַלטן אין דער־אָ ווײַלע. כ'האָב דאָך געגעבן אַ שוווּע...

דער הימל איז געווען אַלצײַנס בלוי און גלײַכגילטיק. פּונקט ווי נעכטן, אייערנעכטן, מיט אַ יאָר צוריק, מיט טויזנט יאָר צוריק. ס'אַרט

אים דען דער גורל פון א נישטיק שטעטל, צי מײַנע פּלאָגן? ער איז קאַלט און גלײַכגילטיק. ווען ער וואָלט געהאַט א װאָרעמען באַוווסטזײַן און הייס בלוט, וואָלט ער ניט געווען אזוי בלוי־גלײַכגילטיק. ער וואָלט געווען באַדעקט מיט שוואַרצע כמאַרעס און וואָלט זיך פאַרגאָסן מיט א מאַבל טרערן...

איך פיל, אז דאָס גאַדלעס וואַקסט אין מיר — איך מעסט צו, הייסט עס, צו זיך ניט נאָר די געשעענישן, נאָר דעם הימל אליין. גיב איך זיך א וואָרט זײַן באַשיידן. „כ׳בין אײַנגעבויגן, און מײַן קאָפּ איז אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד...”

ווערט מיר אַנגענעם אפן האַרצן, ווען איך דערזע צאַלען. איצטער וועל איך זיך דערוויסן די לעצטע נײַס. ער איז דאָך אויך געווען אינעם באַשטאַנד פון דער דעלעגאַציע.

ווען איך שטיי באַנאַנד מיט צאַלען, זע איך אויס ווי א ריז. סע וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען אָקסאַנע וואָלט אונדז זען אינאיינעם. עפּשער וואָלט איך דאַן אויסגעוואַקסן בא איר אין די אויגן.

— וווהין אײַלט איר זיך, רעב צאַלע? — פאַרשטעל איך אים דעם וועג און די זון.

צאַלע בלײַבט מיטאַמאָל שטיין אין מײַן שאָטן. פון אומדערוואַרטקײַט טוט זײַן קאָפּ א נייג זיך פאָרויס. כ׳זע, אז ס׳איז אים אָנגענעם, וואָס איך האָב אָנגערופן זײַן נאָמען מיטן בעקאָוועדיקן צוגאָב „רעב”.

— וווהין איך אײַל זיך? אהין, ווו אלע. אין שול אַרײַן. האָסט דען ניט געהערט?

לויט צאַלעס יעדיעס קומט אויס, אז דער פּאָלקאָווניק סלאָוויצקי האָט אָפּגעזאָגט דעם קסיאָנדז אין זײַן הישטאַדלעס. שאַרף אָפּגעזאָגט. כ׳פאַר־שטיי, הייסט עס, אײַער גוט האַרץ. כ׳וואָלט געווען אפילע גרייט מיטפילן אײַך. איר דאַרפט אָבער פאַרשטיין מיך אויך. די זעלנער וועלן זיך צעבונ־טעווען, אויב דער מאָרד פון זייער כאַווער וועט בלײַבן אומבאַשטראָפט. און עס שטייען פּאָר שווערע שלאַכטן. און די שלאַכטפייִקײַט פון מײַן פּאָלק איז אָפּהענגיק דערפון. כוץ דעם, זאָגט אליין, צי איז דאָס ניט קיין נידערטרעכטיקער טאַט? און ווען? קריגס־צײַט? און מיצאַד וועמען? מיצאַד די ייִדן, וואָס ווערן ניט מיד אָפּשירן זייער ווידערגעפיל צו בלוטפאַר־גיסונג!

צאַלע גיט איבער דעם פּאָלקאָווניקס ווערטער, גלײַך ווי ער וואָלט אליין געווען דערבײַ, ס׳הייסט, צוזאַמען מיטן קסיאָנדז. און עפּשער איז ער טאַקע געווען. ער איז אזוי קליין, אז ער קאָן זיך דורכשמוגלען אומע־טום.

— נו, איז וואָס אצינד?

— דער לטימאַטעם בלײַבט א לטימאַטעם...

צאַלע רעדט קוים אויס אָ־דאָס מעשונעדיקע און שרעקלעכע וואָרט.

— ס׳איז פאַרבליבן געציילטע שאָ. מע דאַרף געפינען און אַרויסגעבן די מערדער. כאָטש איינעם — אזוי האָט מעראַמעז געווען דער קסיאָנדז. מע וועט אים דערשיסן לויטן גזאַר פונעם קריגס־טריבונאַל אין דער אָנ־וועזנהײַט פונעם גאַנצן פּאָלק. וועלן זיך די סאָלדאַטן באַרויִקן און אָף

דעם, זאָגט מען, ווערט זיך די געשיכטע פאַרענדיקן. אַבי אָן אויג פאַר אָן אויג.

כ'האָב זיך געלאָזט לויפן. דער פאַרכידעשטער צאַלע האָט מיך א רוף געטאָן:

— איז גייסטו ניט?

— וווּהין?

— וואָס הייסט, וווּהין? אין שול אַרײַן! אַלע דאַרפן דאָרטן זײַן.

— כ'קום באַלד.

„אַלע דאַרפן דאָרטן זײַן".

אַלע. כּוץ הערשל גלייזער.

ער ליגט, ווי א דעמב. די קאָלדרע איז פאַר אים קורץ, און זײַנע פיס מיט אויסגעקרימטע פינגער און שוואַרצע נעגל סטאַרטשען אַרויס פון אונטער איר, ווי צוויי אַרויסגעריסענע וואָרצלען פון דער ערד. זײַן פּאָנעם איז זייער בלייך, גלײַך ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט אויסגערונען דורך דער אָפענער וווּנד. באַם בעט זיצט זײַן ווײַב, גענענדל, זיצט און שמייכלט. ס'איז אוממעגלעך, זאָג איך זיך, אַז א ווײַב זאָל זיצן באַם צוקאָפּנס פון איר שטאַרבנדיקן מאַן און זאָל שמייכלען. עפּשער האָט זיך מיר אויסגעוויזן. וואָרעם כ'האָב פּאָשעט קיינמאָל ניט געזען גענענדלען פאַרוויינט. זי איז א ווונדער צווישן די ווײַבער — ניט זי וויינט, ניט זי קרעכצט.

עס קאָן זיך אויך מאַכן, אַז דער דאָקטער טויבעס האָט איר אין גרויס אײַלעניש, ווי זײַן שטייגער איז, אונטערגעוואָרפן א זיס צוקערקעלע: „מעגלעך, אַז ער וועט גוויוער זײַן..." נאָר כ'וואָלט געקאָנט שווערן, אַז זי האָט ווירקלעך געשמייכלט. איבער די רויט געוואָרענע באַקן זײַנען גערונען דריבנע טרערעלעך, און די ברייטע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „ער איז אַזאַ מין יוישערדיקער מענטש... דאָס לעצטע וועט ער אָפּגעבן, דאָס טײַערסטע, אפילו דאָס לעבן אַליין, אַבי צו אונטערהאַלטן א שוואַכן, אַנעמען זיך פאַר א באַליידיקטן..."

ווען זי האָט מיך באַמערקט — כ'האָב זיך דערנעענטערט שטיל, אויף די שפּיץ פינגער צום בעט, האָט זי אויפגעהערט צו שמייכלען. עס האָבן זיך א גאָס געטאָן טרערן פון אירע גרויסע אויסגעבײַלטע אויגן, זי האָט צו מיר א זאָג געטאָן מיט א שטאָך:

— אָט האָסטו דיר א כאַסענע! אויף קאַפּאָרעס האָבן מיר געדאַרפט אַזאַ כאַסענע!

אַזוי האָט זי מיר אַרײַנגעזאָגט, גלײַך ווי איך פאַרזינדיקט וואָלט באַשטאַנען, אַז זיי, זי מיטן מאַן, זאָלן אוממבאַדינגט קומען צו פאָרן אויף דער כאַסענע פון מײַן שוועסטערקינד.

הערשל איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. עפּשער שלאָפט ער. און עפּשער גויסעסט ער שוין. ווען ניט גענענדל, וואָס איז געזעסן באַנאַנד ווי מיט א צעשפּרייטן פליגל איבער זײַן קאָפּ, וואָלט איך צוגעטוליעט מײַנע ליפּן צו זײַנע, קעדיי אַרײַנאָטעמען אין זיך זײַן לעצטן אויסהויך. לויטן מינהעג פון די אוראַלטע רוימער, קעדיי ווערן קידמויסוי. ס'איז מעסוקן וויכטיק אַצינד, ווען די שאָ פון א העלדנטאַט דערנעענטערט זיך.

8

וי איינזאם זיצט די שטאָט,
אַמאָל א לעבעדיקע,
רײַך מיט מענטשן,
איז זי איצטער,
וי אַן אלמאָנע געוואָרן...

די גרויסע שול איז געווען איבערגעפּולט. איבערהויפּט האָט מען זיך געשטיקט אין דער ווײַבערשער. כוץ די ווײַבער, די מאַמעס, די שוועסטער, זײַנען דאָרטן געווען פיל קינדער, וועלכע האָבן, קוקנדיק אַף די פאַרווײנטע פּנעמער פון זייערע מאַמעס, אויך גענומען יאָמערן אַף א קאָל, און ס'איז געווען דאָרט אזא ענגשאַפט און דערשטיקעניש, אז עלטערע און שוואַכערע פרויען זײַנען געפאַלן כאַלאַשעס, און איבער דעם האָט זיך דאָס קלאָגערײַ נאָך מער פאַרשטאַרקט. ווען גאָט וואָלט זיך ניט פאַרשטעלט מיט קײַן וואָלקן, וואָלט געווען אומעגלעך, אז אזא געוויין זאָל ניט דערגײַן צו זײַנע אויערן, אויב זיי זײַנען אָפן.

אזא מין צונויפגעלויף פון מענטשן איז אין קאַפּין נאָך קיינמאָל ניט געווען. עפּשער בלויז יאָמקיפּער, ווען אלע יִדן גייען אין שול, אפילע די, וואָס א גאַנץ יאָר זעט מען זיי דאָרט ניט, ווי, אַשטייגער, דער אַפּטייקער ארנאָלד יעזעריצקי, דער צײַן־דאָקטער ליבשטיין און אַנדערע. יאָמקיפּער פלעגן זיי נעמען זייערע קליינע שמאָלע טאַלייסימלעך, וואָס זײַנען ענלעך אַף ברייטע געשטרײַפטע האַנטעכער, מיט לאַנגע ציצעס, אַף יעדן פאַל — ווער ווייסט, עפּשער איז טאַקע דאָ א גאָט אַף דער וועלט — פלעגן זיי איין מאָל אין א יאָר קומען אַף א זעונג מיטן ריבוינעשעלוילעם...

פאַר אזא מין אוילעם, פאַר אזא דערשטיקעניש האָט זיך געפאָדערט א שטאַרק קאָל. דער אלטער נאַכמען־בער, ווידער, אָ־דער קרענקלעכער קאַפּיטאַן, האָט זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס. ער האָט אָנגעשטרענגט אלע זײַנע קויכעס, קעדיי איבערגעבן, ווי עס דאַרף צו זײַן, אַן אוראַלטע פּקודע, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן מיט דרײַ טויזנט יאָר צוריק. אָבער וואָס? ווען? איצט האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אומגעווייִנלעכער זאַך, אזא זאַך, וואָס די אָוועס האָבן ניט פאָרויסגעזען. וואָלט מען געדאַרפט אָפּזוכן כאָטש א קאַפּעלע ענלעכס. האָט זיך דער אלטער גענומען פאַר „אייכאָ". עמעס, דאָרטן גייט א רייד וועגן קיר?אס־מעלעך, וועגן דער הייליקער שטאָט יערושאָלאַים, וועלכע ס'האָבן כאָרעוו געמאַכט נעוווכאַדנעצערס גרויזאַמע כאַיאָלעס. דאָ אָבער גייט אין עפּעס א פאַרוואָרפן שטעטל קאַפּין, וואָס דער געבילדעטער פּאָלקאָווניק סלאַוויצקי וויל אָפּווישן פון דער ערד.

פאַר די פאַרזאַמלטע איז אָבער געווען אלציינס, וואָס דער בלייכער־זאָקן שטאַמלט. זיי האָבן שוין געפילט איבער די קעפּ די שאַרף פון דער אראָפּהענגענדיקער שווערד.

פאַר די איגן האָבן זיי שוין געזען דעם טויט. אין די געדאַנקען האָבן זיי שוין גענומען שטאַרבן. וואָס טוט מען אָבער מיט די פרויען און מיט

די קינדער? אומבערענגען זיי מיט די אייגענע הענט, ווי זייערע אורזיידעס פלעגן טאָן, אבי זיי זאָלן ניט אַרײַנפאַלן אין דעם סוינעס ראַצכישע הענט, צי פֿאַרלאָזן זיך אַף גאָטס גנאָדע? זיי גרייטן זיך צום טויט. מע דאַרף באַוויינען, אַליין דאַרף מען באַוויינען דעם אייגענעם טויט, וואָרעם עס וועט ניט זײַן, ווער עס זאָל דאָס טאָן. היינט, נאָר היינט, דאַרף מען באַ־וויינען, וואָרעם מאָרגן וועט שוין זײַן שפּעט. זײַנען די אויגן געוועזן איבערגעפּולט מיט טרערן. און וואָס דער אַלטער וואָלט ניט געפּרעפּלט, וועלן זיי סײַוויסײַ פאַרגיסן זיך מיט ביטערע טרערן, ווײַל זיי האָבן זיך געמוזט אויסוויינען פאַרן טויט. געציילטע שאָ זײַנען פאַרבליבן. אָט־אָט וועט זיך איבערייַסן דער דינער פאָדעם, אַף וועלכן ס׳הענגט די שווערע שווערד.

און דער זאָקן, דער אַלטיטשקער קרענקלעכער קאַפּיטאַן, באַמיט זיך מיט אַלע זײַנע שוואַכע קויכעס, איבערגעבן די אייכאַ־שטאַפּעט.

ווי איינזאַם זיצט די שטאָט,
אַמאָל אַ לעבעדיקע,
רײַך מיט מענטשן,
איז זי איצטער
ווי אַן אַלמאָנע געוואָרן,
וויינען וויינט זי באַנאַכט,
און טרערן גיסן זיך איבער אירע באַקן.
וווּ זײַנען די, וואָס האָבן זי אַמאָל געליבט?
ניטאָ! קיינער ניט. קיין איין מענאַכעם.
אַלע פֿרײַנט האָבן זי פאַראַטן,
אירע סאָנים געוואָרן
די טויערן אירע זײַנען פּוסט,
די קויהאַנים אירע זיפצן,
טרויעריק זײַנען אירע בסולעס
און ביטער איז איר אַליין...

נאָכעם עסרעג איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן און געהערט.

ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער שלאָפט, און דאָס, וואָס עס זידט און קאָכט אַרום אים, איז ניט מער, ווי אַ כאָלעם. און דאָס, וואָס ער שלאָפט שטייענדיקערהייט, איז ניט ווײַל ער וויל אַזוי, נאָר ווײַל ער מוז אַזוי שלאָפן. פון אַלע זײַטן דריקן אַף אים פּלייצעס, עלנבויגנס, דריקן און האַלטן אונטער זײַן קערפּער. וואָס איז שײַעך די אויגן, האָט ער זיי פאַרמאַכט, קעדיי בעסער צו הערן. ער דאַרף אײַנזאַפּן אין זיך אַלץ, גאָר־נישט ניט דורכלאָזן, אַלץ פאַרגעדענקען, ס׳איז זייער וויכטיק פאַר אים, גוירלדיק איז אָט דאָס, וואָס עס קומט דאָ פאָר, כאָטש די ווערטער זײַנען עפּעס מעשונעדיק, ווײַטע און שוואַכע, טאַקע גאָר ווי אין כאָלעם. עפּשער מאַכמעס דעם, וואָס די ווערטער זײַנען זייער אַלט און אָפּגעריבן, ווי אוראַלטע מאַטבייעס. פאַרוואָס זיצט זי, די שטאָט? ווי־אַזוי קאָן אַ שטאָט ווערן ווי אַן אַלמאָנע? עפּשער ווי ציפּע טראַכטערמאַן? איר האָט אַמאָל געזען, אַ שטאָט זאָל וויינען? וויפל טויערן זײַנען פאַראַן אין קאָפּין? און וויפל קויהאַנים?

...טרויעריק זײַנען אירע בסולעס...

אַ־דאָס פארשטיי איך. ס'איז פּאַשעט און פּראָסט. ווי פאַניע, אַשטיי־גער... אַ שווארצער מאָנומענט אפן טיש. און סאָניע, איר שוועסטער, איז אויך טרויעריק, ווײַל דער גורל האָט זי צונויפגעפירט מיט לייבאָוויטשן. און אָקסאַנע איז טרויעריק. ווי פאַניע, איז זי אַנטלאָפן פון דעם־אָ. נאָר אין אַ פארקערטער ריכטונג... אוי, גאָטעניו, נישטיקע געדאַנקען, פּוסטע... און נאָר דערפאַר, וואָס ער מעסט אָן אויף זיך אַ־די אוראַלטע ווערטער: זיי פאַסטן פאר מיר צו גיין?

דער אַלטער נאַכמען־בער סטאַרעט זיך, נעבעך, ער קרעכצט און זיפצט: „טו אַ בליק, טאַטע־פאָטער, וואָרעם מיר איז ענג, מײַנע געדערים רעגן זיך אין מיר, דאָס הארץ מײַנס האָט זיך איבערגעקערט...״

די קאָפּינער זײַנען שוין מיד געוואָרן וויינען. איצט האָבן זיי נאָר געזיפצט מיט טיפע זיפצן.

„...שווער זײַנען מײַנע קרעכצן און דאָס הארץ מײַנס עקט זיך...״,— האָט קוים־קוים ארויסגעהויכט פון זיך נאַכמען־בער. ס'איז אים געוואָרן ניט גוט. האָט מען אים אוועקגעזעצט און גענומען אים אָפּפאָכן מיט סידורים.

זײַן אָרט אפן בעלעמער האָט פארנומען ייִסראָעל כאַנעס. אליין זיך מיסנאַדעוו געווען. אויס קינע צום האַשעם־ייִסבאָרעך.

ווי אויף אַ שלאַכטפעלד האָט ער אונטערגעכאַפּט די פאָן, וואָס איז ארויסגעפאַלן פון די הענט פונעם פארכאַלעשטן קאַפּיטאַן. אַ טונקעלער, גלײַך ווי ער וואָלט זיך פארוואַנדלט אין זײַן אייגענעם שאָטן, האָט ער באַלד גענומען שיטן פּעך און שוועבל.

הימל — הער! און ערד — באַנעם!

ס'האָט זיך ווידער דערהערט אַ כליפּערײַ, און נאָכדעם אַ ווײַבערש געוויין.

נאָכעם עסרעג האָט שווער געאָטעמט מיט דער איבערגעוואָרעמטער דושנער לופט. ייִסראָעל כאַנעס שיט פּעך און שוועבל, און ער, נאָכעם, באַנעמט ניט דעם זין פון די איימעדיקע בײַטשנדיקע ווערטער, וואָס שאַלן דורך אין די הויכע שול־געוועלבן און פאַלן אויף די קעפּ פון די אומגליק־לעכע קאָפּינער, וואָס זײַנען, נעבעך, אַזוי אויך געפּלאָגט און דערשלאָגן. זיי האָבן, הערט איר, געזינדיקט, אַ סאַך און שווער פארזינדיקט זיך, און די לעצטע אויירע איז דאָך אַ לוי נישמאַ בעייִסראָעל, אַ וואָרע מער־דערײַ, אַז ייִדן זאָלן נעמען און פארגיסן בלוט! האָבן זיי, הייסט עס, דערצאָרנט אונדזער גרויסן גאָט, און ער האָט אויסגעוויילט דעם פאָל־קאָווניק סלאָוויצקי אלס זײַן געצײַג, אלס אָן אויספילער פון זײַן גזיירע.

אַ שטאַרקער טומל און ווילדע אויסגעשרייען האָבן איבערגעריסן דעם ייִנגלס געדאַנקען און אומגעקערט אים צו דער ווירקלעכקײַט. ער האָט דורכגעשטופּט דעם קאָפּ צווישן עמעצנס הויכע פּלייצעס און דערזען אפן דיל אַ זוניקן פירעק, אין וועלכן עס קאָרטשעט זיך אַ כוילעגויפל מיט אַ פײַער־רויטער באָרד. פון איין זײַט האָט זיך געוואַלגערט אַ היטל, און פון דער צווייטער — אַ צעקרימטער און צעקנייטשטער סידער, און פון דער דריטער — דער מענטש אליין, אויך אַזאַ צעקרימטער און צעקנייטש־

טער. אין דעם גרויסן פענצטער האָט געשײַנט א רויט־פּאַרגייענדיקע זון. דער פלאַם האָט זיך צוגערירט צום כוילענויפּלס באָרד, און זי האָט זיך אָנגעצונדן.

9

הינטער יִסראָעל כּאַנעסן איז געשטאַנען נויעך צימעסמאַן, טרייסלענ־דיק אומגעדולדיק מיטן פוס.

„ער וועט אמאָל ענדיקן, דער רעב יִסראָעל? פּוסטע רייד, און די צײַט גייט... ס'איז סאַקאַנעס־נעפאָשעס — איז וואָס העלפט אזא פּלאַפּלע־רײַ? פאַראַן נאָר איין יעשועַ — אָפּזוכן און ארויסגעבן דעם שולדיקן. צו־ליב דעם טאַקע האָט מען דאָך צונויפגערופן אלעמען אין שול ארײַן. און זיי האָקן דעם פאַרזשאָווערטן טשײַניק, אבי מע זאָל מער ווײנען, יאָמערן און כוילענויפּל ווערן...״

נויעך צימעסמאַן איז יינגער פון זײַן ברודער מאַקסן, דיקער און זאַכ־לעכער. ער האָט זיך ניט געלערנט אין פּעטערבורג, ווי מאַקס, ער איז ניט אזוי העפלעך און בעני‌מעסדיק, ווי ער. די אַליאַרניע אָבער איז פאַק־טיש געלעגן אף זײַנע ברייטע פּלייצעס, און מאַקס איז געווען נאָר זײַן צונג און זײַן פען. מאַקס האָט אין הארצן פאַראַכטעט נויעכן פאַר יענעמס אמעראַצעס און פאַרגרעבטקײַט. נויעך, ווידער, פלעגט אָפּן רופן דעם ברודער — „דער פּוסטער שײַנרעדער״. דאָס גאַנצע לעבן האָבן זיי זיך גע־קריגט און וועגן אלע געשעפט־זאַכן זיך צונויפגערעדט מיט דער הילף פון זייערע ווײַבער. צום אונטערשייד פון מאַקסן, וואָס האָט זיך געהאַלטן ווײַטלעך פון דער קלויז, האָט נויעך זיך פאַרלאָזט א שוואַרץ בערדל, און נאָך דער פּטירע פונעם אלטן גאַבע האָט ער געוואָלט אויסשפּילן און ווערן אליין גאַבע.

נויעך האָט עפּעס אײַנגערוימט אײַזיק זלאַטקיסן, וואָס איז געשטאַנען באַנאַנד מיט אים. אײַזיק האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דעמלט האָט צי־מעסמאַן געמאַכט א טראָט פאָרויס און א זאָג געטאָן יִסראָעלן שטיל און שטרענג:

— זאָל נעמען אן עק!

דערנאָך האָט ער זיך פעסט אנידערגעשטעלט אף יִסראָעלס אָרט, דרײַ מאָל הילכיק א פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט איבערן סידער און געזאָגט:

— הערט מיך אויס, ייִדן! אָנגעווייַנט זיך האָט איר שוין גענוג. אצינד דאַרפן מיר א רעד טאָן קלאָרע דיבורים.

יִסראָעל כּאַנעס האָט זיך אָפּגערוקט אין א זײַט, ווי א שאָטן, שטיל און באַליידיקט. אויסערלעך אָבער האָט ער זײַן פאַרדראָס ניט ארויסגע־וויזן. נאָר די פאַרשמאַכטע ליפּן האָבן זיך א ביסל פאַרקרימט און צע־צויגן זיך, אנטפּלעקנדיק געלע שײַטערע ציין. „קלאָרע דיבורים!״ גלײַך ווי ער, יִסראָעל, וואָלט גערעדט מיט דער איידע אף שטום־לאָשן. גייט אָבער און פּרוווט זיך אויסטײַנען מיט אַ־דעם פאַרגרעבטן אמהאָרעץ, אז א לײַב וואַשט מען מיט וואַסער, און די נעשאָמע רייניקט זיך אָפּ דורך

טרערן. דער ברוד פון דריבנע געשעפטן, פון נישטיקער קינע שווענקט זיך אראָפּ. ווערט זי לויטער, גרייט צו גרויסע טאטן און צו דערהויבענע ראַיוינעס, און ערשט דעמלט קאָן זיך אָפּרופן א מענטש, וואָס איז גרייט זיך מאקריוו זײַן פאר דער איידע, קעדיי צו ראטעווען זי פון אומקום...

נויעך, ווידער, האָט גערעדט „קלאָרע דיבורים".

— ...וואָסי, מע דארף אײַך ארײַנלייגן א פינגער אין מויל ארײַן? איינס פון די צוויי: אָדער מיר וועלן אלע שטארבן, אָדער נאָר איינער פון אונדז. איצטער איז ווידער איינס פון די ביידע. אָדער דער איינער וועט זיך פרײַוויליק אָנרופן, אָדער מיר וועלן מוזן אים אליין אָנרופן. צי אפילע ווארפן א גוירל. מיר קאָנען אָבער מער ניט מארודעווען. אניט וועט שוין זײַן שפעט. איז הערט מיך אויס, יידן! דער פאָלקאָווניק סלאָוויצקי צי עפשער גאָט אליין, פאָדערט א קאָרבן. מע דארף ראטעווען אונדזערע ווײַבער און קליינע קינדער. איז ווער איז גרייט מאקריוו זײַן זיך פאר זיי? האָ? ווער? וואָס, קיינער ניט?

אונטער די שול־געוועלבן האָט זיך פלוצעם דערהערט א קלינגעוודיק־יונג און זייער איינזאם קאָל.

— איך!

אײַזיק זלאטקיס איז בלייך געוואָרן. ער האָט דערקענט נאָכעמקעס שטים.

VII. די אקיידע

1

איך גיי צום פאָלקאָווניק סלאָוויצקי. איבערגעבן זיך אין זײַנע הענט. ווי א פארברעכער. ווי א מערדער. מיך באגלייט קימאט דאָס גאנצע שטעטל. מע האָט ראכמאָנעס אף מיר. די פרויען ווישן שטילינקערהייט די טרערן.

די באָבע רײַסט פון זיך שטיקער. מײַן אָרעמע באָבע איז שוין הייזעריק פון אירע געשרייען, פון טײַנעס צו דער גאנצער וועלט. „מע האָט געפונען א קאָרבן! מע האָט געפונען אן אָרעם יאָסעמל! אז קיינער וויל זיך פאר דעם ניט אָנעמען... קיינער!.."

די באָבע האָט שטארק ראכמאָנעס אף מיר. איך אף איר — נאָך מער. אף זיך, ווידער, האָב איך קיין ראכמאָנעס ניט. איך שפאַן אן ערנסטער, א פארטיפטער אין זיך, ווי עס פאסט אין אזעלכע פאלן.

פונוואנען האָב איך עס געקאָנט וויסן, וואָס עס פאסט אין אזעלכע פאלן? ס'איז דאָך געווען אן איין־און־איינציקער פאל אזא. אָט נאכמענבער, דער האָט יאָ געוווסט. ער האָט געטאָן אזוי ווי אווראָם אָווינו אליין. בא אים איז טאקע פאָרגעקומען אן ענלעכער פאל מיט פיר טויזנט יאָר צוריק. גאָט האָט זיך פארגלוסט אריספרווון אווראָמען, האָט ער אים באפוילן אזוי און אזוי, האָט דער גאָטספארכטיקער אווראָם אָפּגעפירט

זײַן זון יִצחאָקן צו דער אקײדע. װען עס װאָלט געװען געװענדט נאָר אין נאַכמען־בערן, װאָלט ער מיר נאָך אַרײַנגעלײגט אין די הענט אַ בינטל האָלץ. דערנאָך װאָלט ער אָנגעזאָטלט אַן אײזל (כ׳האָב זיך שיר ניט צע־לאַכט, װען איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, װיאַזױ נאַכמען־בער אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, מיטן שיטערן בערדל טרײסלט זיך, רײַטנדיק אױף אַ קלײן אײזעלע מיט לאַנגע אױערן), און מיר װאָלטן זיך געלאָזט צו עפּעס אַ בערגל לעבן דער קאַלך־גרוב, קעדײ צו מעקײַעם זײַן דאָס, װאָס איז געזאָגט געװאָרן (לײמויר, אַזױ צו זאָגן): „נעם און ברענג אים פאַר אַ קאָרבן אױף אײנעם פון די בערג, װאָס איך װעל דיר אָנװײַזן". און װען מיר װאָלטן זיך דערנעענטערט צו דעם דאָזיקן אָרט, װאָלט נאַכמען־בער גע־נומען אין זײַנע הענט אַ כאַלעף און אַ טליענדיקע האָלאָװעשקע, און איך, װידער, װאָלט אים געדאַרפט פרעגן: „אָט איז האָלץ און פײַער, און װוּ איז דאָס לעמעלע?" װאָלט ער מיר דאַן געענטפערט אַזױ צו זאָגן: „גאָט װעט אײַנזען פאַר זיך אַ קאָרבן, זון מײַנער..."

נאָר ער, נאַכמען־בער, האָט געשפּאַנט צופוס באַנאַנד מיט מיר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. האָב איך באַקומען ראַכמאָנעס אױף אים. אױף דער באָ־בען און אױף אים. און אַ ביסל אױפן פעטער אײַזיק אױך. כ׳האָב באַמערקט, װי ער, אַזױ אױך אַ בלײכער, איז פּלוצעם נאָך בלײכער געװאָרן, גלײַך װי אין זײַן געזיכט װאָלט ניט פאַרבליבן קײן אײן טראָפּן בלוט. װען איך האָב אַרױסגעלאָזט דעם אײן־און־אײנציקן קלאַנג „איך". ער האָט גאָר־נישט ניט געזאָגט, נאָר איך האָב באַמערקט, װי ער איז װײַס געװאָרן. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אױף מיר, דערנאָך איבערגעפירט דעם גליענדיקן בליק אױף צימעסמאַנען. צימעסמאַן האָט אַראָפּגעלאָזט די אױגן און געזאָגט צו מיר:

— זאָלסט ניט פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַלט אַכצן יאָר. ס׳איז שטאַרק װאַזשנע.

איך האָב איבערגעכאַזערט:

— כ׳געדענק. מיר איז אַכצן יאָר.

ס׳איז מיר געװען גרינג צו פאַרגעדענקען. גרישע װאַסערבער איז אױך אַלט אַכצן. ער פירט ערגעץ אַ שלאַכט. מיט אַ פעסטער האַנט לײגט ער דורך אַ װעג צו דעם פרײַהײַט־מאַלכעס. און אַצינד בין איך אױך... יאָ, כ׳געדענק. מיר איז אַכצן יאָר.

און װען מיר זײַנען צוגעגאַנגען צו דער אָפּגעריסענער בריק, װוּ מע קאָן אַריבערגײן איבער דער פאַרבליבענער שמאָלער ברעט נאָר אײנ־ציקװײַז, און אַלע, אַפילע נאַכמען־בער אַלײן, האָבן מיר אָפּגעטראָטן דעם װעג און איך האָב געשפּרײַזט פונפאַרנט, האָב איך דערזען ניט װײַט פון דעם אָרט, װוּ מיר זײַנען געזעסן מיט אָקסאַנען און געשמועסט װעגן דער נאָענטער שכײנעשאַפט פון דער ליבע און דעם טױט, — האָב איך פּלוצעם דערזען אַ דענקמאָל, אַ שײנעם דענקמאָל פון שװאַרצן מירמלשטײן מיט אַ װײַסן אױפשריפט: „אָט דאָ איז באַערדיקט דער יונגלינג נאָכעם עסרעג. װען ניט ער, װאָלט קאָפּין אָפּגעװישט געװאָרן פון דער ערדז!"

איך קוק זיך אום, קעדײ אַ בליק טאָן אױפן דענקלמאָל פון שװאַרצן מירמלשטײן. באַנאַנד מיט אים דאַרף שטײן אָקסאַנע. אומבאַדינגט דאַרף זי

שטיין. אניט האָט דער דענקמאָל ניט קיין זין. אַנשטאָט דעם דענקמאָל אָבער זע איך פאַרכוישעכטע פּענעמער פון מענטשן, וואָס גייען מיר נאָך, גלײַך ווי זיי וואָלטן מיך באַגלייט אין לעצטן וועג. פאַרוואָס „גלײַך"? ס'איז דאָך ווירקלעך מײַן לעצטער וועג. איך קאָן אָבער מיט דעם ניט אײַנשטימען. כ'קאָן ניט. אין דער טיפעניש פון דער נעשאָמע, — כאָטש, כ'האָב א גאַנצע נאַכט געשריבן א גזעגענונג־בריוו אַקסאַנען, — אין דער טיפער טיפעניש וואַרט איך אַף א נעס...

פאַרכוישעכטע פּענעמער. באַקאַנטע פּענעמער. אַזעלכע גוטע, מילדע אַצינד, ווען איך געזעגן זיך מיט זיי אַף אייביק. איך פיל, ווי עס אָטעמט מיר אין רוקן כאַימל טראַכטערמאַן. ער האָט גרויסע אויגן. נאָך גאָר קינ־דערשע, פאַרכידעשטע, א ביסל דערשראָקענע אויגן, וואָס קוקן מיט כשאַד אַף דער ניט גוטער וועלט. זיי זײַנען צו גרויס, די אויגן, פאַר זײַן קליין דאַרינק פּענעמל, קימאַט א העלפט פון זײַן פּאָנעם פאַרנעמען זיי, די אויגן. ער האָט זיך צוגעלאָנטשעט צו מיר נאָך איינעם א פּאַל. דעמלט איז ער געזעסן אַף דער ערד אין שטויב, צוגעשפּאַרט מיטן רוקן צו דער וואַנט. זײַן דאַר קערפּערל האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן שאָטן אַף דער וואַנט. עפּשער האָט ער זיך אַזוי אומיסטן צוגעדריקט האַרט צו דער וואַנט, קעדיי ער זאָל דערטרונקען ווערן אינעם שאָטן, אַז קיינער זאָל אים ניט באַ־מערקן, וואָרעם ער האָט זיך נאָך אַלץ געשעמט, — די קונדייסים מאַכן פון אים כויזעק. זײַן מאַמע, אַן אַלמאָנע, וועט האָבן א קינד. עמעס, איצטער איז אים גרינגער. גרויסע געשעעענישן האָבן פאַרטויבט דאָס לוסטיקע גע־שיכטעלע, די גאַנצע שטאָט איז געוואָרן אַצינד ענלעך אַף זײַן אומגליק־לעכער מוטער. זי איז איצט אַליין ווי אַן אַלמאָנע געוואָרן. דעמלט אָבער האָב איך אים אופגעהויבן פון דער שטויביקער ערד און געזאָגט אים:

— מע דאַרף ניט טראַכטן וועגן דעם, וואָס קלעמט באַם האַרצן, וועט דאָן געשען א וווּנדער, א נעס.

איצט גייט ער מיר נאָך אַזוי נאָענט, אַז איך פיל זײַן הייסן אָטעם. מיר האָבן זיך ווי געביטן מיט די ראָלן. ער וויל מיר דערמאָנען, ניט מיט קיין ווערטער, נאָר מיטן הייסן אָטעם זײַנעם, דאָס, וואָס איך האָב אים דעמלט געזאָגט אַף צו טרייסטן אים: „מע דאַרף ניט טראַכטן וועגן דעם, וואָס קלעמט באַם האַרצן, וועט געשען א וווּנדער, א נעס..."

כאַימל, טײַערער, כ'ווייס, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן. וואָס פאַר א כויוו דו ווילסט מיר אומקערן.

וווּנדער טרעפן אַמערסטן פרילינג־צײַט. יעדער טאָג — א נײַער וווּנ־דער. און יעדער איינער איז דער ערשטער! דאָס ערשטע גרעזעלע, דער ערשטער קנאָספּ. די ערשטע קוויט. די ערשטע רויפע. מיליאָסן נײַע לעבנס און שפּראָצונגען, וואָס קומען אַרויס קימאַט פון גאָרניט...

און פּלוצעם אַנטפּלעק איך א וווּנדערלעכן פרילינג־פרימאָרגן. איך שפּאַן גאָדלדיק, נאָך מיר אַן א שיר באַגלייטער. איך הער פּרעכטיקע מוזיק. זי גיסט זיך ווי פונעם הימל, א רעגנבויגנדיקער געמיש פון פייגל־צוויטשערײַ, א קאַאַריקער קאָנצערט פון קליינינקע באַפעדערטע מוזי־קאַנטן.

איך כאַפּ אַ זײַטיקן קוק מיט אַן אויג און באַמערק דעם געזעצטן באַ־לעגאַלע אַלטערן מיט זײַן רויט־פּאַרווינטיקט פּאָנעם, ברייטע באַקנביינער, ווי עפּעס בײַ אַ טאַטער, און מיט אַ בײַטשל אין דער האַנט. און אין מײַן דימיען קומט אויף אַ נײַער ווונדער. דאָס אייזעלע ווערט נעלעם. סע ווערט אַנטרונען אויך דאָס שטיקעלע וואַטע אין נאָכמען־בערס רעכטן אויער. אַנשטאָט זײַן שיטער בערדל באַקומט ער אַצינד אַ פֿײַן שפּאַניש בערדל, אַן אונטערגעשוירנס, און מיר טראָגן זיך אין אַ גאַלאָפּ אָף צוויי צעהיצטע שוואַרצע פֿערד מיט פֿלאַטערנדיקע גריוועס גלײַך צום פֿאַרפֿלאַמטן הימל־ראַנד.

און אָט באַמערק איך צאַלען, און עס שווימט אויף אַ דריטער ווונדער. ער איז מער ניט קיין קאַרליק, ער האָט ניט קיין גרוי־ברוין־קאַלעמוטנע בערדל. ס'איז אַ מײַסעדיקער גנאָם. די שײַן פֿון דער זון רוט אָף אים. איבער דעם איז זײַן פּאָנעם רויט, און די באָרד ברענט, ווי די פֿעדערן בײַ דער גאָלדענער פּאַווע.

נאָר שענער פֿון אַלעמען איז די באָבע. זי האָט איצטער צוויי שיינע געזונטע אויגן. כ'געדענק גאַנץ גוט, כ'האָב אַליין געזען, אַז בײַ איר זײַנען אַמאָל געווען צוויי געזונטע אויגן, אַניט וואָלט איך זיך דאָס ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן אַזוי בוילעט. זי וועט שוין ניט דאַרפֿן מער אָנציִען דאָס טיכל אָפֿן לינקן אויג און קוקן אָף דער וועלט ביגנייווע, פֿון אונ־טערן טיכל, נאָר מיט איין אויג. איצטער פֿאַרשטיי איך שוין, פֿאַרוואָס די באָבע איז ניט געגאַנגען אַליין, נאָר געשיקט מיך צו דעם גאַסט פֿון אַמעריקע — זי האָט זיך געשעמט. זי איז בלינד אָף איין אויג. זי זאָגט אַליין, אַז סע האָט געטראָפֿן שוין פֿון לאַנג. פֿונדעסטוועגן שעמט זי זיך נאָך ביז אַהער. דאַנק איך דעם, וואָס לעבט אייביק, פֿאַרן פֿערטן ווונדער, וואָס דאָס לינקע אויג איז בײַ דער באָבען געוואָרן זעעוודיק.

די באָבע באַוועגט מיט די ליפּן, רעדט מיט זיך אַליין. זי האָט אַזאַ טעווע אויסצוטײַנען זיך מיט זיך אַליין. אַמאָל אַפֿילע אָף אַ קאָל. אַלע געדאַנקען אירע זײַנען גוטע, מילדע, דאַרף זי זיי ניט אויסבאַהאַלטן. אַצינד ווײַזט זיך מיר אויס, אַז באַנאַנד מיט איר שלעפּט זיך אַ מאַנצבל, וואָס איז אַ סאַך ייִנגער פֿון איר. איך דערקען אים, וואָרעם איך האָב אים געזען אָף אונדזער גרויסער פֿאַמיליען־פֿאָטאָגראַפֿיע, מיט נאָדל־שטעך פֿון ביידע זײַטן, קעדיי אָפּצוטיילן אים, דעם טויטן, פֿון די לעבעדיקע. שוין לאַנג ווי ער איז געשטאָרבן. ער איז דאַן אַלט געווען נײַן און פֿופֿציק, די באָבע, ווידער, שמועסט וועגן אים אַזוי, גלײַך ווי ער וואָלט געשטאָרבן ערשט נעכטן, דערפֿאַר טאַקע זעט ער אויס ייִנגער פֿון דער באָבען. זי האָט אים אַצינד אָפּגערופֿן פֿונעם אַלטן בעסוילעם, קעדיי צו באַגלייטן דעם אייניק אין זײַן לעצטן וועג. קוק איך אָפֿן פֿינפֿטן ווונדער און הער אויף זיך צו כידעשן — דער דימיען האָט ניט קיין גרענעצן. שוואַכט אָפּעט אַ ביסל די אָנגעצויגענע לייצעס, וועט איר דערזען די וועלט אַזוי, ווי זי האָט אויסגעזען מיט אַ מיליאַרד יאָר צוריק, אָדער ווי זי וועט אויסזען מיט אַ מיליאַרד יאָר שפּעטער. ס'איז אַ ווונדערלעכער געשאַנק אָ־דער דימיען! איר קאָנט זיך אויסמאָלן מיליאָסן מעכײַעדיקע זאַכן, איינע שענער פֿון דער אַנדערער — אַ גאַנצן באַרג פֿון גליק. און

גלייבט מיר, — זאָג איך צו וועלוול וואַסערבערן און גדאַליע קויהענען, די איינציקע, וואָס באַגלייטן מיך ניט, — גלייבט מיר, אַז דער דאָזיקער באַרג מיטן אויסגעטראַכטן גליק איז מאַמאָשעסדיקער פון דעם פּיצעלע גליק, וואָס דער מענטש האָט אין דערווירקלעכקייט...

דעמלט האָב איך מיטאַמאָל דערזען מײַן פאָטער. דאָס איז אָבער שוין ניט געווען קיין וווּנדער. כ'האָב זיך דערמאָנט דער באָבעס ביטערע ווער־טער. „ווען יויסעף זאָל געווען זײַן אַ־לײַטישער זון, וואָלט ביכלאַל גאָר־נישט ניט געטראָפן. אַלע צאָרעס און שלעק זײַנען איבער אים. ווען ער פאַרנעמט זיך ניט מיט אַ־די געשעפטן, וואָלט ער זיך ניט געדאַרפט ראַ־טעווען קיין אַמעריקע און עלקע וואָלט אויך ניט געפאָרן צו אים...”

עלקע איז מײַן מוטער. מײַן מוטער איז אַ וווּנדער. דער זעקסטער וווּנדער. זי האָט אויפגעטויכט פונעם דעק פונעם אָקעאַן, ווי אַ דורכזיכטי־קער שאָטן. זי איז אַ שטאַלטנע, אַן עלעגאַנטע, ווי אָקסאַנע, נאָר טינקע־לער פון איר, שאָטנס זײַנען ביכלאַל טונקל, כאָטש דער איז דורכזיכטיק. זי איז געקומען צו פליִען, קעדיי באַגלייטן איר זון (און דעם פאָטער, דעם לעבעדיקן פאָטער, זעט מען ניט. פאַרנומען, זעט אויס, מיט „אַ־די געשעפטן”). קיינער זעט ניט, ווי איך קוש די מוטער הונדערט מאָל. מײַן מוטער איז זייער אַ שיינע. די באָבע פלעגט אפילו זאָגן — „זי איז צו שיין. און צו שיינע קאָנען ניט זײַן קיין איבערגעגעבענע מוטערס...” אָן אָנצוהערעניש. וואָס הייסט אַ מאַמע פאַרט אַוועק און לאָזט איבער איר קינד? באָבעניו! דו ביסט דאָך געווען שטאַרק צופרידן, וואָס זי האָט מיך איבערגעלאָזט מיט דיר... „עמעס, כ'בין געווען מעסוקן צופרידן, נאָר אַף איר אָרט, וואָלט איך דיך טאַקע ניט איבערגעלאָזט...” די באָבע האָט שוין מיסטאַמע פאַרגעסן, ווי הייס די מאַמע האָט מיך געקושט, ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט מיר, געקושט און געשטאַמלט: „איבעראיאָר, דאָס שפּעטסטע איבער צוויי, ווען דו וועסט געזינטער ווערן, וועלן מיר קומען נאָך דיר, איך אָדער דער פאָטער...” זי איז דאָך ניט שולדיק, וואָס דער „טיטאַניק” האָט זיך צונויפגעשטויסן אינעם אָקעאַן מיט אַן אײַזבאַרג. דער פאָטער, ווידער, איז יאָ שולדיק. דערנאָך בין איך מויכל דעם פאָטער אויך. איך בין געוואָרן זייער אַ גוטער. אַלע מענטשן, מיין איך, ווערן גוט ערעוו דעם טויט. זיי האָבן שוין ניט ווען צו זײַן שלעכט. שלעכטס פאָדערט אַ סאַך צײַט. מע דאַרף דאָס פאַרטײַען, ווי אַ שלאַנג, געדולדיק וואַרטן אַף אַ שאַאַס־האַקוישער און פּלוצעם אַ ביס טאָן. גוטס, ווידער, איז פּאָשעט און פראָסט. עס נייטיקט זיך ניט אין קיין אינטריגעס. ס'איז ווי אַ בין. לאָזט פאַלן אַ טראָפּן האָניק, און שוין. דערפאַר טאַקע בין איך מויכל דעם פאָטער. כ'האָב צוגעטראַכט אַפילע אַ באַרעכטיקונג פאַר אים. ער איז געווען קראַנק. עפּשער איז ער נאָך אַצינד אויך קראַנק?

...מיר גייען איבער דער ערד. איבער אונדזערע קעפּ — אַ העל־בלוי געוועלב. פון ביידע זײַטן — גרינע אומבאַוועגלעכע שומרים. אַ שאַרף ווינטל רײַסט זיך פּלוצעם אַרויס פון ערגעץ, פאַרפּלאָנטערט זיך אין דער גרינער נעץ, הייבט אָן יעדער בלאַט ציטערן, טראַכט איך: ווי־אַזוי קאָן אַ קליין קעפּל אַרײַנעמען אין זיך אײַנצײַטיק אַזויפיל פאַרשיידענע מאַכשאָ־וועס, אָן אַ שיר מאַכשאָוועס, ווי די בלעטער אַף די ביימער, און יעדע

מאכשאָווע צאַפּלט, ווי א בלעטל, און רײַסט זיך, וויל ארויסשפּרינגען. כ׳וואָלט שטארק געוואָלט פאַריאָגן אלע מאכשאָוועס, איך אָטעם וואָס טיפער, קעדיי דאָס ווינטל זאָל, ווי א לעבעדיקער שטראָם, ארײַנדרינגען אין מײַנע לונגען, אין מײַן בלוט, מײַן מויעך, אז מײַן קערפּער זאָל ווערן בראַנזעווע־בוילעט. אָף מיר קוקט דאָך גאַנץ קאַפּין, איך מוז פארבלײַבן אין אלעמענס זיקאָרן פעסט, שטאָלץ, ווי אַוואָד.

גיי פּרווו אָבער פארצוימען דעם געדאַנקען־שטראָם, ווען ער רײַסט זיך, ווען ער צאַפּלט און ציטערט! און ווען די געדאַנקען זײַנען קעכויל האַיאָם!

דערנאָך ווידער האָב איך א טראַכט געטאָן: צו וואָס אײַנהאַלטן זיי? צו וואָס צוימען זיי? דעם זיבעטן כיין באַקומט א מאכשאָווע, ווען זי צאַפּלט.

איצטער ווייס איך: וויבאַלד די מאכשאָוועס הייבן זיך אָן דרייען און טאַנצן, ווערט אומבאַדינגט, ווי פון עפּעס א גרעַנעצלאָזער בלויקײַט, זיך באַווײַזן אָקסאַנע. זי ווערט שפּאַנען באַנאַנד מיט מיר אָנשטאָט נאָכמען־בערן, און דאָס ווערט זײַן דער זיבעטער וווּנדער. און מער קיין וווּנדער דאַרף איך ניט. פאַראַן נאָך זיבן וווּנדער אָף דער וועלט. איך מוז באַפוילן זיך: גענוג! זאָל נעמען א סאָף! איך דאַרף זיך ניט קײַקלען ווײַטער איבער דער מעשופּעדיקער פלאַך. עס ווערט נעלעם ווערן די זיכערקײַט פונעם גאַנג, די בראָנזעוודיקײַט פונעם שטעל... די געדאַנקען מײַנע פלאָנטערן זיך אַזוי מאַכמעס דעם, וואָס דער מויעך האָט זיך ניט אָפּגערוט. כ׳האָב זיך אופגעהויבן אינמיטן נאַכט, שטיל, קעדיי ניט אופוועקן די באָבע. ניט אופוועקן די באָבע! גלײַך ווי זי וואָלט געקענט אנשלאָפן ווערן אין אַזאַ נאַכט! כ׳הער, ווי זי הייבט זיך אוף, גייט צו אָף די שפּיץ פינגער צו מײַן בעט, זייער שטיל גייט זי צו, קעדיי ניט אופוועקן מיך. ניט אופ־וועקן מיך! גלײַך ווי איך וואָלט געקענט אנשלאָפן ווערן אין אַזאַ נאַכט! יאָ, מיר זײַנען ביידע ניט געשלאָפן, און ביידע האָבן מיר געטראָאַטן מע־סוקן שטיל, קעדיי ניט אופוועקן איינס דעם אנדערן. און אין דער לאַנ־גער־לאַנגער נאַכט, וואָס האָט ניט, דוכט זיך, קיין סאָף, כאָטש זי איז א פרילינגדיקע, האָבן מיר זיך טאַקע געטראָפן איין מאָל אפן וועג צווישן צוויי בעטן — אירס און מײַנס. מיר האָבן גאָרנישט ניט געזאָגט איינס דעם אנדערן, ווײַל ס׳איז ניט געווען וואָס צו זאָגן.

די באָבע האָט א קוק געגעבן אָף מיר מיט איין אויג, ווײַל דאָס צווייטע איז געווען בלינד. איך האָב א קוק געגעבן אָף דער באָבע מיט איין אויג, ווײַל דאָס צווייטע האָט נאָך האַלב געדרעמלט און איז געווען פאַרמאַכט. מיר האָבן זיך געמאַכט, אז מיר האָבן ניט באַמערקט איינס דאָס אנדערע. די באָבע, מײַן גוטע, טײַערע באָבעניו, האָט אפילע געפּרווט א שמייכל טאָן. כאָטש איך האָב געוווסט, אז אלץ אין איר האָט געוויינט, אומיסטן, הייסט עס, האָט זי געפּרווט א שמייכל טאָן, קעדיי צו מונטערן מיך. און עפּשער — זיך אויך. טיף אין הארצן האָט זי עפּשער געכאָוועט א האָ־פענונג — עס קאָן ניט זײַן, אז מע זאָל נעמען און דערשיסן אַזאַ יונ־גיטשקן, א קינד נאָך קימאַט. זי האָט ניט געוווסט, אז איך האָב פעסט צוגעזאָגט צימעסמאַנען: כ׳בין שוין אַלט אכצן יאָר...

מיטאמאָל האָט זיך דערהערט ווי א שטיל שעפּטשעריַי. האָב איך זיך א וואָרף געטאָן צו דעם, ווי א הונגעריקע כיַיע אף רויב.

„און מער קיין ווונדער דאַרף איך ניט...״

ניט עמעס. טיף אין הארצן האָב איך געוואָרט אף אַן אכטן ווונדער. ער וועט איבערוועגן אלע זיבן. אָ, ווען אָקסאנע וואָלט געקומען געזעגענען זיך מיט מיר, איידער איך וועל זיך געזעגענען מיטן לעבן!

כ׳בין אריַין אינעם שכיינעסדיקן צימער, פונוואַנען עס האָט זיך געהערט די סוידעסדיקע שעפּטשעריַי. די מומע באסיע איז געזעסן אף דער פּאָדלאָגע און געשעפּטשעט עפּעס צו זיך אליין. אירע פולבלעכע אקסלען האָבן זיך ריטמיש געשאָקלט פאָרויס און צוריק, גלײַך ווי זי וואָלט זיך אליין פארוויגט, קעדיי איַינדרעמלען א ביסל און פארגעסן אין פּאַניען, וואָרעם זי האָט שוין ניט קיין קויעך טראכטן וועגן איר, נאָך אלץ זיצנדיק שיווע. איר קאָפּ האָט, ווי אף שאַרנירן, זיך א קער געטאָן צו דער טיר, און איך האָב דערזען אירע שטאַרע אויגן. זי האָט אף מיר ניט געלייגט קיין שום אכט. זי האָט עפּשער אפילע ניט געוווּסט, וואָס עס דראָעט מיר. אין איר קאָפּ האָט, זעט אויס, זיך געפלאָנטערט איינס און דאָס זעלבע — פּאַניע. איך האָב זי פארשטאַנען. געמוזט פארשטיין.

כ׳האָב אויך פארשטאַנען, אַז ס׳איז האָפענונגסלאָז, זינלאָז וואַרטן אף אַן אכטן ווונדער. און דעמלט האָב איך באַשלאָסן אָנשריַיבן אָקסאַנען א געזעגענונג־בריוו. אלציינס וועט זיך מיר ניט איַינגעבן איַינשלאָפן אין אָ־דער שרעקלעכער נאכט.

2

יאמאקוטע!

כ׳הייב אָן דעם בריוו פון אָ־דעם זינלאָזן וואָרט.

מיר האָט זיך געוואָלט עפּעס אנדערש: „אָקסאנעלע, טרוים מיַינער...״ איז פּלוצעם אָנגעפלויגן א שווארצער וויכער. כ׳האָב אָנגעהויבן לויפן איבערן צימער, ווי בערל איבערן שאָסיי, גלײַך ווי ער וואָלט עמעצן פארפאָלגט, אָדער עמעצער וואָלט פארפאָלגט אים. ער לויפט און פּלאַפּלט: „איך גיי אין יאַם, איך גיי אין יאַם...״

יאַ־מאַ־קו־טע!

פאַרוואָס דאַרף איך שטאַרבן צו זעכצן יאָר?

וואָס איז אזוינס — שטאַרבן? וואָס הייסט — טויט?

דו געדענקסט? מיר זיַינען געזעסן אף א שטיינערנער באַנק. דאָרטן, אפן בעסוילעם, טרעפן זיך פארליבטע אָדער מייסים. אָבער נישקאָשע, די פארליבטע פילן זיך דאָרט געמיטלעך. בעסוילעמס זעען אויס ריין און גרין. די שווארצע טויט־פארב זעט מען ניט. ס׳איז דורכויס גרין. מיר איז ניט געווען פריקרע די דאָזיקע נאָענטע שכיינעשאַפט: ליבע און טויט, וויַיל דער טויט האָט זיך מיר געדאכט אומענדלעך וויַיט. און די ליבע איז געווען נאָענט, כ׳האָב געפילט איר וואָרעמקיַיט. האָב איך געוואָלט דערוויַיזן, אַז ביידע, די ליבע און דער טויט, זיַינען צוזאמענגעבונדן מיט שטאַרקע פעדעם. דאָס פאָלק האָט דאָס פארשטאַנען און אָפּגעשפּיגלט אין

זײַנע לידער. „פֿאַרבינד מיר די אויגן אין א פֿינצטערער נאַכט און פֿיר מיך צום טײַך אומבאַטראַכט...", א טויט, וואָס איז צוזאַמענגעבונדן מיט ליבע, איז טאָמיד פֿײַערלעך־ליב.

איצטער אָבער איז דער טויט נאָענט, אָט איז ער, באַנאַנד מיט מיר, און די ליבע איז אומענדלעך ווײַט... פֿאַלט אָן אף מיר א פּאַכעד. גנעם איך שרײַען, ווי בערל, — „יאַ־מאַ־קו־טעו!", און איך באַשווער דעם קריפּל, ער זאָל מיר אויסטײַטשן, וואָס איז אַזוינס טויט, כ'מוז דאָך וויסן, מיט וועמען איך וועל זיך טרעפֿן אין עטלעכע שאָ אַרום. און איך בין ערשט זעכצן יאָר אַלט...

א גרויסקעפּיקער, מיט גוואַלדיקע באַלעכעס, וואָס קוקן שטיל זיך אַרום, ענטפֿערט ער מיר מיט קאַלטע קלאַנגען: „טויט איז, ווען מיר קערן זיך אום אַהיים".

איך וויל נאָך אָבער ניט אַהיים. איך בין ערשט אַלט זעכצן יאָר. כ'וויל נאָך זײַן א ביסל צוגאַסט אף דער ערד. איך האָב נאָך ניט פֿאַרזוכט קיין ליבע. איך האָב נאָך ניט...

הייבן זיך די געדאַנקען אָן ווידער דרייען, ווי אין א ווירבער. אין דער מיט פֿונעם ווירבער שטייסטו. ווידער און ווידער קער איך זיך אום צו דיר. און אויב „יאַמאַקוטע" איז א באַשווערונג, טאָ באַשווער איך דיך: קום צו גיין, עפֿן דײַן האַרץ — ווער ביסטו?

אין אַן אַנדער צײַט וואָלט איך געקאָנט וואַרטן. א יאָר. צען יאָר. צוואַנציק. איצטער אָבער — ניין. איך קאָן ניט וואַרטן. כ'האָב ניט ווען צו וואַרטן. דער טויט איז באַנאַנד. און צו וואָס דאַרפֿסטו זיך באַהאַלטן? כ'וועל דאָך סײַווי מיטנעמען מיט זיך אין קייווער אַרײַן אַלע דײַנע סוידעס.

ווער ביסטו, אָקסאַנעלע?

דו ביסט אַלט זיבעצן יאָר. עלטער פֿון מיר אף איין יאָר. צומאָל אָבער ווײַזט זיך מיר אויס, אַז דו שלעפּסט מיט נאָך זיך מיט אַלע קויכעס עפּעס א לאַסט. א לאַסט פֿון דײַן אָוואַר. וואָס פֿאַר א לאַסט, זאָגסטו ניט. האָסט זיך פֿאַרשלאָסן. און דעם שליסל אַרויסגעוואָרפֿן. און ווען דו הייבסט אָן עפּעס דערציילן וועגן זיך, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דו ביסט נאָר־וואָס געבוירן געוואָרן, קיין פֿאַרגאַנגענהײַט האָסטו ניט, ניט קיין קינד־הײַט, ניט קיין יוגנט.

צומאָל מיין איך, אַז מיט דיר האָט געטראָפֿן דאָס זעלבע, וואָס מיט מײַן שוועסטערקינד פֿאַניע. האָסט זיך אָפּגעבריט, און אַצינד האָסטו זיך פֿאַרהילט אין א קלייד פֿון פֿאַרשלאָסנקײַט.

און צײַטנווײַז, ווידער, דוכט זיך מיר, אַז דו האָסט עפּעס סוידעס, ביסט געקומען צו פֿאָרן צו אונדז מיט א ספּעציעלער פֿאַרגעבונג. ניט אומזיסט, מיין איך, האָסטו זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז דו קענסט נעסטערענקאָ. איז אויב אַזוי, דאַרפֿסטו דאָך קענען מײַן פֿאָטער אויך.

און ווען איך פֿאַרמאַך די אויגן און טו א קוק אין זיך אינווייניק און זע ניט גאָרניט, ווײַל ס'איז פֿינצטער דאָרטן, וואַרט איך געדולדיק, וואַרט, ביז עס וועט א שפּריץ טאָן א שײַן און דו וועסט זיך באַווײַזן, אַזאַ נאָענט־ווײַטע, אַזאַ קליינינק־גרויסע. איך דערזע פּלוצעם דײַן לײַוונטן העמדל

מיט די אויסגעניייטע בלומען אף די ארבל. אזעלכע העמדער האָב איך געזען און ליב באקומען נאָך איידער כ׳האָב זיך אויסגעלערנט שטיין אף די פיס.

דערפאר ביסטו מיר אזוי ליב, ווי דו שטייסט און גייסט, גלײַך ווי דו וואָלסט געווען אין מיר, און איך — אין דיר, כ׳ליב דיך, אָקסאנעלע, מײַן נאָענט־ווײַטע, מײַן קליינינק־גרויסע, מיט די כיין־גריבעלעך אף די באקן, מיט די ווײַסע בליטן פונעם ווײַנשל־סעדל, מיטן שעמעוודיקן צויבער פון א שלאנק באָרוועס מיידל, וואָס האָט אריבערגעוואָרפן איר בלאָנדן צאָפּ איבער דער פּלייצע. איך ליב דיך מיט די שטאלטנע הויכע טאָפּאָליעס, מיט דער בלויקײַט פון ברייט־צעעפנטע און א קאפּעלע פארכידעשטע אויגן, מיטן אוקראַיִנישן זויבערן פרילינג־הימל, מיטן ווייכן, צארטן אויסבייג פון אונדזער טײַכל מאלא מיט די אָטשערעט־שאָטנס אף דער רויקער וואסער־פלאך...

און די לידער — באנאכטיקע, טויזיקע, דורך וועלכע עס גיסט זיך אויס די נעשאָמע אנטקעגן דעם טונקעלן און שטערנדיקן הימל... „אינעם פעלד, אינעם פעלד אן אקערל רירט זיך, א גוטע נאכט אײַך, א מילדע נאכט! אײַך, גוטע מענטשן, א מילדע נאכט! וועלן מיר ווייצעלעך זייען. א גוטע נאכט אײַך, א מילדע נאכט! פאר אײַך, גוטע מענטשן, ווייצעלעך זייען...״ פאר אײַך, מענטשן גוטע, גוטע מענטשן! פאר אלע מילדע מענטשן אף דער וועלט... די קליינינקע ווערט גרויס: אזוי גרויס, ווי די גאנצע פלאנעטע. און די ווײַטע ווערט נאָענט. אזוי נאָענט, גלײַך ווי דו וואָלסט געווען אין מיר, און איך — אין דיר, און ווען דו ביסט אין מיר, און די קליינינקע ווערט גרויס, ווי די ערד, ווי די גאנצע פלאנעטע, און די צײַט, די שווערע גרויע צײַט צעשיידט ניט, נאָר בינדט צונויף, איז דעמלט גרייט איך דיר צו א געמיש פון אלט־גריכיש, לאָשנקוידעש, אוקראַיִניש, רוסיש...

„...אין לאנד־לאָטאָפּאגן פארוואָלט האָט זיך זיי פארבלײַבן, קעדיי מיטן לאָטאָס געשמאקן זיך אָנזעטיקן, אף אייביק פון היימלאנד פון זייערן זיך אָפּגעזאָגט האָבן...״ „איכה ישבה בדד העיר רבתי עם היתה כאלמנה רבתי בגוים שרתי במדינות היתה למס. בכו תבכה בלילה ודמעתה על לחיה אין לה מנחם מכל אהביה כל רעיה בגדו בה היו לה לאיבים...״[1]

«Народе мій, замучений, розбитий, мов паралітик той на роздорожжу людським презирством, ніби струпом, вкритий! Твоїм будущим душу я тревожу, від сорому, який нащадків різних палитиме, заснути я не можу...» «Смело, товарищи, в ногу! Духом окрепнем в борьбе, в царство свободы дорогу грудью проложим себе»[2].

---

[1] אייכאָ יאָשוואָ באָדאָד האָיִר ראבאָסי אם האָיסאָ קעאלמאָנאָ ראבאָסי באגוים שאָראָסי באמדינויס האָיסאָ לאָמאס. באָכוי טיווקע באלײַלאָ וועדימאָסאָ אל לעכעיאָ, איין לאָ מענאכעם מיקאָל אהאוועאָ קאָל רייעאָ באָגדו באָ האָיו לאָ לעויווים... ווי איינזאם זיצט די שטאָט אאוו.

[2] מײַן פאָלק, פארפײַניקטס און פארפלאָגטס, ווי א געליימטער איינער אפן שיידוועג, מיט מענטשישן ביטל, ווי מיט גרינד, באדעקט! די צוקונפט דײַנע מיר דאָס הארץ רעגט אוף, פון כארפּע, וואָס וועט די אָפּשטאמלינגען פארשיידענע סארפּען, איך קאָן ניט אײַנשלאָפן... (אוקר.).

די געדענקסט, כ'האָב דיר דערציילט און דו האָסט מיך געהערט מיט פאַרמאַכטע אויגן, ס'קאָן זײַן דערפאַר, וואָס איך האָב דיר דערציילט וועגן אַ בלינדן. וועגן דעם בלינדן לײַזער. ער האָט געהערט, ווי די ערד זינגט...

„וואָס זשע האָט געזונגען?"

„צוערשט — אַ מענטש. דערנאָך — די ערד. דערנאָך — די זאַווייע..."

„די זאַווייע אויך?"

„יאָ, די זאַווייע אויך".

„זי זינגט אַצינד אויך?"

„יאָ, זי זינגט אַצינד אויך. דו הערסט דען ניט?"

האָב איך זיך גענומען אײַנהערן אין דעם געוואָי פון דער זאַווייע, און מיר האָט זיך ווירקלעך אויסגעוויזן, אַז אַלץ זינגט. אַלע פאַרנעמען זיך הײַנט מיט רעוואָליוציע. אַפילו די באָבע. אַפילו דער דאָזיקער בלינדער. איז דערום האָט ער טאַקע געזאָגט: הײַנט האָב איך פאַר קיינעם ניט קיין מוירע, הײַנט זײַנען אַלע גלײַך.

„לאָמיר זיך אָפּשטעלן. כ'וועל אָפּטרייסלען פון אײַך דעם שניי".

דער בלינדער האָט דרײַ מאָל איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט: „אָפּטרייסלען".

כ'וויס ניט, פאַרוואָס איז דאָס אים אַזוי געפעלן געוואָרן. אַ געוויינלעך וואָרט.

איצטער פאַרשטיי איך אָבער, פאַרוואָס האָט דעמלט יעדעס וואָרט געקלונגען אַזוי יאָמטעוודיק.

וואָרעם, האָבנדיק איבערגעכאַזערט דרײַ מאָל דאָס דאָזיקע וואָרט, האָט דער בלינדער געזאָגט:

„גוט, ייִנגל מײַנס, טרייסל אָפּ. לאָמיר אָפּטרייסלען זײַן שטויב פון די פיס".

הערסט, אָקסאַנע? לאָמיר אָפּטרייסלען זײַן שטויב פון די פיס.

איז פאַרוואָס, מײַן ליבע, מײַן געגאַרטע, פרילינג פון מײַן לעבן, פאַרוואָס, פרעג איך דיך, אין פופציק יאָר אַרום, ווען דו ביסט שוין פון לאַנג געשטאָרבן, פאַרוואָס האָבן מענטשן, גוטע מענטשן פון אונדזער גאַנצער פּלאַנעטע, ניט אָפּגעטרייסלט דעם נימעסן, עקלדיקן שטויב פון זייערע פיס? פאַרוואָס האָבן זיי ביז אהער ניט אָפּגעטרייסלט אים? אַניט וואָלט דען געקאָנט געבוירן ווערן היטלער? וואָס איז דער מינאָטאַוור? אַ גאַרנישט מיט אַ נישט. איין מאָל אין נײַן יאָר פלעגט ער אופרעסן בעסאַכאַקל זיבן יונגלינגען און זיבן מיידלעך. דער מינאָטאַוור איז אַ קינדערש מײַסעלע. און אַ מײַסעלע איז שיין, ווען עס איז אַפילו שרעקלעך. ער האָט געוווינט אין אַ לאַבירינט. ער האָט געהאַט אַ מענטשישן גוף און אַ קאָפּ פון אַ שוויר־האַבאַר. אַף אַ שיף מיט שוואַרצע זעגלען פלעגט מען ברענגען דעם מינאָטאַוור פערצן יונגע קאָרבאָנעס איין מאָל אין נײַן יאָר.

און אָ־דער מענגוועלע? ניט אין קיין פאַרוואָרפענעם לאַבירינט, נאָר אין צענטער פון אייראָפּע. מיט אַ קאָפּ ניט פון קיין ווילדן שוויר־האַבאַר, נאָר פון אַ האָמאָ סאַפּיענס. ניט קיין שוואַרצע שיף, נאָר גאַז־קאַמערס. ניט זיבן און זיבן קאָרבאָנעס, נאָר מיליאָנען און מיליאָנען...

פאַרוואָס האָבן זיי ניט אָפּגעטרייסלט זײַן שטויב פון זייערע פיס? פאַרוואָס האָבן זיי ביז אהער ניט אָפּגעטרייסלט אים? פאַרוואָס האָט ער ביז אהער נאָכפאָלגער? מיטאמאָל שפּרינג איך אויף פון מײַן אָרט, טו זיך א טרייסל, א צאַפּל מיטן גאַנצן קערפּער מײַנעם, ווי בערל דער מעשוגע־נער, און נעם שרײַען, הויך און ווילד: „יאַ־מאַ־קו־טע! יאַ־מאַ־קו־טע!"

אוי, וואָס טוט מען! ווידער א מישמאַש פון צײַטן... ניין, כ'האָב ניט געשריגן. איך האָב ניט געוואָלט אופוועקן די באָבע, וואָס איז ניט גע־שלאָפן. איך האָב זיך נאָר פאָרגעשטעלט דעם דאַזיקן געשריי. א וויל־דער, א כײַשער, א גרויליקער. דער מויעך איז אָנגעשטרענגט אָף ניט איבערצוטראָגן. כ'האָב זיך ווירקלעך איבערגעשראָקן. כ'האָב מוירע געהאַט ווערן ווי בערל. איך האָב ניט געוואָלט, אז מע זאָל מיך, א זעכצניאָריקן, פירן צו דער אקיידע. נאָר דאָס איז נאָך ניט אזוי שרעקלעך. גרויליק־שרעקלעך איז אראָפּ פון זינען, ארומלויפן איבערן שאָסיי, טרייסלען זיך מיטן גאַנצן קערפּער און שרײַען צום טויבן הימל — יאַ־מאַ־קו־טע!

האָב איך פעסט צונויפגעדריקט מיטביידע הענט די שלייפן. אויב מע קאָן זיך פאָרשטעלן א געשריי, קאָן מען זיך דאָך פאָרשטעלן א געזאַנג אויך. א שטיל געזאַנג, וואָס פאַרבאָרגט אין זיך א דונער. אַשטייגער, ווי וועלוול וואַסערבער זינגט שטילערהייט זײַן מאַניען. כ'האָב זייער ליב די דאָזיקע ליד. פאַר די פײַערלעך־יאָמטעוודיקע ווערטער: „און א צײַט וועט קומען א פרײַע, דער שעקער, דאָס בייז וועט אַנטרינען, זיך צונויפ־גיסן וועלן די פעלקער אינעם לאַנד פון דער הייליקער מי". כ'קען זי אָף אויסווייניק, די ליד. ספּעציעל אויסגעלערנט. ווען די באָבע וואָרנט מיך וועגן ווערעטען, זאָג איך איר: „זיך צונויפגיסן וועלן די פעלקער". די באָבע, פאַרשטייט זיך, האָט גאָרניט קעגן דעם. זי פרעגט נאָר: ווען, גאָ־טעניו, וועט דאָס שוין מעקויעם ווערן?

אָקסאַנעלע! דעמלט האָב איך, אוודע, ניט געקאָנט דיר שרײַבן וועגן דעם. כ'בין ניט קיין נאָווי.

ווען כ'האָב פאַרענדיקט דעם בריוו, האָט זיך פאַרענדיקט די נאַכט. די נאַכט איז שוין פאַריבער, נאָר דער טאָג איז נאָך ניט געקומען. ארגוס האָט זיך אופגעהויבן פונעם דיל. כ'האָב אים א רוף געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט פויל א קוק געגעבן אָף מיר מיט זײַנע ברוינע אויגן, פונעם אָרט אָבער ניט גערירט זיך — אַן אומבאַוועגלעך־שוואַרצער געשפּענסט מיט ברענענדיקע אויגן. נאָר ווען איך האָב שטיל א סווישטשע געטאָן, האָט דער הונט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די פאַרגליווערטקײַט און פאַמעלעך גע־לאָזט זיך צו מיר. אַצינד שטייט ער מיט א פאַריסענער שוואַרצער מאָרדע און קוקט אָף מיר ברויגעזלעך מיט זײַנע ברוינע אויגן. ס'הייסט: וואָס האָסטו מיר א סווישטשע געטאָן? אויב דו דאַרפסט עפּעס, איז זאָג.

ענטפער איך אים מיט א פינטל פונעם אויג: וואַרט צו א ביסל, כ'מוז אויספּרווון נאָך איין מיטל.

איך בין שטיל אַרײַן אין קיך, געכאַפּט צוויי עמער און אוועק צום ברונעם.

דער וועג צו אָקסאַנען פירט פאַרבײַ דער קרענעצע. דאָס קלינגערײַ פון דער לאַנגער קייט, דאָס קלאַפּערײַ פונעם עמער איבער דעם ברונעם־

ווענטל, די פליעסקערײַ פון וואסער, ווען דער עמער טוט א פאל אף זײַן פלאך, — דאָס איז ניט קיין פּאָשעט קלינגערײַ, קלאַפּערײַ, פליעסקערײַ. דאָס זײַנען סיגנאַלן. עמעס, מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט צונויפגערעדט וועגן דעם. ס'איז, הייסט עס, ניט קיין אָפּגערעדטע צייכנס. ס'איז א קלאַנגען־אָרנאַמענט, וואָס באַטײַט: כ'בין דאָ!

זי וועט ארויסגיין צי זי וועט ניט ארויסגיין?

די לאַנגע קייט האָט אָפּגעקלונגען, און זי איז ניטאָ.

האָב איך ארויסגענומען פון דער קעשענע דעם בריוו, צוגעבונדן אים אף ארגוסעס האַלדז. דער בריוו האָט אויסגעזען, ווי א שניפּס־„א פלאַטערל". א ווײַסער שטערן אף שווארצער וואָל.

3

וואָס נעענטער נאָכעמקע מיט זײַנע באַגלייטער זײַנען צוגעקומען צו דער שיינער פּריצישער שטוב, ווו דער פּאַלקאָווניק סלאַוויצקי איז אײַנגעשטאַנען, אַלץ מער האָט דעם באָכער ארומגעכאַפּט א פּאַכעד. ניט יענע איימע, וואָס פּאַלט אָן מיטאמאָל, נאָר יענער דריבנער, קוים באַמערקבאַרער פּאַכעד, וואָס שלאָגט זיך דורך פון אינווייניק און פּילט אָן פּאַמעלעך דעם באַוווסטזײַן און דעם גאַנצן וועזן. דעמלט האָט נאָכעמקע גענומען איבערכאַזערן די שוווע. „איך, נאָכעם עסרעג..." — זאָגט ער שטיל און זעט דערבײַ א הויכן מאָנומענט פון שווארצן מירמלשטיין מיט א ווײַסן אופשריפט און די העלע אָקסאַנע, וואָס נעמט ארום מיט ווײַסע הענט דעם שווארצן אָבעליסק און דריקט זיך צו צו אים מיט איר צאַרטער באַק...

די צוויישטאָקיקע פּריצישע שטוב איז געשטאַנען באַם ארײַנגאַנג אין פּאַרק. זי האָט געהאַט אצינד ניט קיין געוויינלעכן אויסזען. ניט אײַנגעטונקען אין א גרינער שטילקייט, נאָר פּאַרקערט: א טומל, א הו־הא ארום און ארום, אָפיצערן און סאָלדאַטן אײַלן אהין און אהער, און באַנאַנד מיט צוויי שטיינערנע לייבן זײַנען געשטאַנען צוויי וועכטער, שטרענגע, אומבאַוועגלעכע, קימאַט אויך שטיינערנע.

צום פּאָלקאָווניק האָט מען דורכגעלאָזט נאָר נאָכעמקען און נאָכמענבערן. זיי זײַנען ארוף אף די טרעפּ פונעם גאַנעק. און דאָ האָט די באָבע פּלוצעם א ריס געטאָן זיך און, ניט ווענדנדיק קיין אכט אף דעם וועכטערס אויסגעשריי, צוגעלאָפן צו איר אייניק, ארומגענומען אים, געקושט, אָנגעכאַפּט נאָכמען־בערן פאַרן ארבל און צעיאָמערט זיך:

— ראַטעוועט דאָס אָרעמע יאָסעמל!

נאָכמען־בער האָט מיט פּאַרדראָס ארויסגעריסן דעם ארבל פון די הענט בא דער מעשוגע־געוואָרענער זקיינע, שטרענג א קוק געגעבן, זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן טויבן אויער און גענומען פּאַמעלעך שפּאַנען איבער די טרעפּ פונעם גאַנעק.

נויעך צימעסמאַן האָט פּאַרהאַלטן נאָכעמקען. ער האָט אים ארײַנגערוימט אין אויער:

— אויב ער וועט דיך פרעגן, ווו איז דײַן טאטע, איז זאָג אים ווו. האָסט פארשטאַנען? וואָסי, מע דאַרף דיר דען אַרײַנלייגן א פינגער אין מויל אַרײַן?.. ער וואָלט גערן פארביטן דעם זון אפן פּאָטער, וואָלסטו זיך געראַטעוועט... פארשטייסט? און דער טאטע איז ספּריטנער פון דיר, ער וועט זיך יאַקאָס אויסדרייען...

אופהייבנדיק זיך מיט די טרעפּ, האָט נאָכעמקע ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון נאכמען־בערס אײַנגעהויקערטן רוקן, נאָר געטראַכט האָט ער וועגן עפּעס אַנדערש. וואָס האָט דאָ צו טאָן דער פּאָטער? פאַרוואָס האָט עפּעס צימעסמאַן זיך פּלוצעם דערמאָנט וועגן זײַן טאַטן? פונוואַנען ווייסט ער ביכלאַל וועגן אים? און פונוואַנען ווייסט ער, צימעסמאַן, אַז דער פּאָל־קאָווניק וועט אים, נאָכעמען, אויספרעגן וועגן טאַטן? זיי האָבן זיך שוין מיסטאָמע צונויפגערעדט...

נאָכעמקע האָט גענומען אופשטעלן אין זיקאָרן צימעסמאַנס ווערטער — וואָרט בא וואָרט, די פּאַוזעס צווישן זיי, דעם נוסעך, קעדיי צו פארשטעלן זיך גענוי דעם פארבאָרגענעם זין זייערן. און פּלוצעם האָט ער דערפילט א שטאַרקן האַס צו אָ־דעם פארגרעבטן פארשוין. ערשט אַצינד האָט אין נאָכעמקעס פארמאַטערטן מויעך גרויליק א בלישטשע געטאָן: דער זון דאַרף אַרויסגעבן דעם פּאָטער, קעדיי צו ראַטעווען זיך... אָט וואָס ער האָט אים אונטערגעזאָגט, צימעסמאַן.

באַם אַרײַנגאַנג האָט נאָכעמקע אָנגעשטויסן זיך אָף א מענטשן מיט גוואַלדיק גרויסע רויטע וואַנצעס, וואָס זײַנען זיך צונויפגעוואַקסן מיטן בערדל. דאָס האָט געקאָנט זײַן נאָר דער קאָפּינער פּאָטאָגראַף, קאַזימיר קאַרפּאָוועצקי. בלויז ער האָט געהאַט אַזעלכע וואָנצעס.

ער, קאַרפּאָוועצקי, האָט קיינמאָל מיט קיין וואָרט זיך ניט איבערגע־וואָרפן מיט נאָכעמקען. ער האָט ניט ליב געהאַט האָבן קיין געשעפטן מיט ייִנגלעך. זיך געהאַלטן גײַוועדיק. דאָ אָבער האָט ער אָפּגעשטעלט נאָ־כעמען, אוועקגעשטעלט זיך אָן שום צערעמאָניעס צווישן אים און נאָכ־מען־בערן, ניט ווענדנדיק קיין אכט אָף דעם זאָקן.

— דו ביסט נאָכעם עסרעג? — האָט געפרעגט קאַרפּאָוועצקי.

א פּוסטע פראַגע! אין קאָפּין קענען אלע איינער דעם צווייטן. פונ־דעסטוועגן האָט ער געענטפערט:

— יאָ.

— זייער גוט, וואָס איך האָב דיך באַגעגנט. ס׳איז מיר א שאָד, וואָס מיט דיר האָט אַזעלכס געטראָפן. וויפל ביסטו אַלט?

— אכצן יאָר.

— המ... זעסט אויס ייִנגער.

— כ׳בין אלט אכצן יאָר.

— איז גוט. הער זשע מיך אויס. דער פּאָלקאָווניק איז א ווילער מענטש. אים איז פריקרע פארגיסן בלוט און ביפראַט פון אַזא קונדעס. איז אָט, אויב דער פּאָלקאָווניק וועט דיך פרעגן, ווו איז דײַן טאטע, זאָל־סטו אים זאָגן ווו. ער וויל מיט אים זיך דורכשמועסן, מיט דײַן טאַטן, הייסט עס, וועגן דײַן אופירונג. פארשטייסט מיך?

— מײַן פֿאָטער איז אין אַמעריקע. איז װיאַזױ װעט ער זיך מיט אים קענען דורכשמועסן?

— מאַך זיך ניט נאַריש. מע האָט דאָך אים געזען אין קאַפּין. ער באַ־האַלט זיך ערגעץ אױס. עס קאָן דאָך ניט זײַן, אַז אַ זון זאָל ניט װיסן, װוּ זײַן פֿאָטער איז.

— מײַן פֿאָטער איז אָװעקגעפֿאָרן קײן אַמעריקע. ער װױנט דאָרטן.

— הער זשע דו, הונט מיט אױערן! איך האָב דיך געװאָרנט, יאָ? אַצינד טו, װי דו װילסט. זאָלסט אָבער ניט כאַראָטעװע האָבן... כ׳האָב גע־צװײפֿלט, צי דו קענסט האַרגענען אַ סאָלדאַס. איצטער צװײפֿל איך ניט.

קאַרפּאָװעצקי האָט זיך שאַרף אַ קער געטאָן צו נאַכמען־בערן און גע־זאָגט אים, גלײַך װי ער װאָלט אים ערשט איצטער באַמערקט:

— אַ גוט העלף, פֿאָן ראַבין!

— אַ גוט העלף, — האָט אים שלאַבעריק געענטפֿערט נאַכמען־בער.

— איר האָט געהערט אונדזער געשפּרעך?

— יאָ. געהערט.

— נו, איז װי מײנט איר? זײַן אופֿירונג איז אַ ריכטיקע? ער װאָלט דאָך געקאָנט ראַטעװען אי זיך, אי אײַך אַלע.

נאַכמען־בער האָט געענטפֿערט פּאַװאָליע, װאָרט באַ װאָרט, װי עס װאָלט אים געװען ביז גאָר שװער צו רײדן.

— דער טאַטע זײַנער, יױסעף עסרעג, איז אָװעקגעפֿאָרן קײן אַמעריקע אין טױזנט נײַן הונדערט זיבעצן יאָר...

ער איז אַנשװיגן געװאָרן. קאַזימיר קאַרפּאָװעצקי האָט געדולדיק גע־װאַרט, אַז דער אַלטער זאָל פֿאַרזעצן. נאַכמען־בער אָבער האָט גערעכנט, אַז דער געשפּרעך איז פֿאַרענדיקט. ער האָט געזאָגט דעם עמעס. יעטװי־דער העמשעך אָבער קאָן פֿאַרװאַנדלען דעם עמעס אין אַ ליגן. און ער האָט קײנעם ניט געװאָלט לײַגן. ניט געװוּינט געװען.

— איז אױב אַזױ קלאַפּט אײַך קאָפּ־אָן־װאַנט, — האָט קאַזימיר צעקאַכט אױסגערופֿן, און די פֿאַרב פֿון זײַנע באַקן איז געװאָרן ענלעך אויף דעם קאָליר פֿון די װאָנצעס.

אַנשטאָט זיך לאָזן װײַטער גײן האָט קאַרפּאָװעצקי אומגעקערט זיך צוריק און פֿאַרשװוּנדן פֿון יענער זײַט טיר, לעבן װעלכער עס איז גע־שטאַנען אַ װעכטער. נאַכמען־בער און נאָכעם זײַנען געבליבן שטײן אַנט־קעגן דער פֿאַרמאַכטער טיר. דער זאָקן האָט זיך אָנמעכטיק צוגעשפּאַרט צו דער װאַנט. נאָכעמקע האָט זיך אַרומגעקוקט מיט ניטזעענדיקע אױגן. דער גאַנצער באַװוּסטזײַן איז געװען פֿאַרנומען מיט אײן געדאַנק: „עס קאָן דאָך ניט זײַן, אַז אַ זון זאָל ניט װיסן, װוּ זײַן פֿאָטער איז...״

קומט אױס, אַז עס קאָן זײַן...

עס האָט זיך צעעפֿנט די טיר, קאַרפּאָװעצקי איז אַרױסגעגאַנגען, און דער װעכטער האָט זײ געמאַכט אַ װעג — גײט אַרײַן!

נאַכמען־בער האָט זיך פֿאַרטשעפּעט מיטן פֿוס פֿאַר דער שװעל, און װען נאָכעמקע װאָלט אים ניט אונטערגעהאַלטן, װאָלט ער אַנידערגעפֿאַלן.

פון הינטערן טיש האָט זיך לײַכט אופגעהויבן א הויכער דארער מענטש אין א מונדיר, מיט שיטערע גראָוולעכע וואָנצעס.

ער האָט זאָרגזאַם אוועקגעזעצט דעם אלטן אין א פאָטעל און געזאָגט נאָכעמען:

— אומדאנקבארע קינדער! אָט זעט, ווי איר טוט אין טויט ארײַן אײַערע עלטערן!

„מײַן טאטע איז מיט גאָרנישט ניט ענלעך אף נאכמען־בערן..." — האָט דער באָכער א טראכט געטאָן.

פאָלקאָווניק סלאוויצקי האָט זיך אוועקגעזעצט אף זײַן שטול און גענומען אויספרעגן דאָס יינגל. פון אָנפאנג איז עס געווען זייער ענלעך אפן געשפרעך מיט קארפאָוועצקין. ער איז, עמעס, פאָרט געווען מער אײַנגעהאלטן און אָפיציעל.

— פאמיליע? נאָמען?

— עסרעג. נאָכעם.

— וויפל זײַט איר אלט?

— אכצן.

— איר זעט אויס יינגער.

— כ׳בין אלט אכצן יאָר.

— דער פאָטער? די מוטער?

— די מוטער איז דערטרונקען געוואָרן. דער פאָטער איז אין אמעריקע.

— ווו, זאָגט איר, איז אײַער פאָטער? — האָט דער פאָלקאָווניק איבערגעפרעגט, גלײַך ווי ער וואָלט ניט דערהערט.

— אין אמעריקע.

— ווען האָט איר אים געזען דאָס לעצטע מאָל?

— מיט דרײַצן יאָר צוריק.

— און עפשער מיט דרײַצן טעג צוריק, האַ? איר האָט זיך ניט טויע געווען?

— מײַן פאָטער איז אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע אין טויזנט נײַן הונדערט זיבעטן יאָר.

— און זינט דעמלט האָט איר אים ניט געזען?

— ניין.

— איר קענט אָלע היגע אײַנוווינער?

— יאָ.

— און וויאזוי רופט מען אײַער היגן באלעגאָלע?

— אלטער.

— עמעס. אלטער. אלטער דער באלעגאָלע. איר זײַט געווען בא אים זונטיק אפדערנאכט?

נאָכעמקע האָט זיך פארלוירן אף אן אויגנבליק. נאָר דער פאָלקאָווניק האָט האסטיק איבערגעכאַזערט זײַן פראגע. ער האָט זיך געײַלט באווײַזן נאָכעמען, אז ער ווייסט אלץ.

— איר זײַט געווען בא אים זונטיק אפדערנאכט? פארוואָס ענטפערט איר ניט?

„מע האָט שוין באַוויזן צו פאַרמאַסטערן, ווער? קאַרפּאָוועצקי? ציממעס־מאַן? פונוואַנען האָט נויעך געקאָנט וויסן, אַז דער פּאַלקאָווניק וועט אים פרעגן וועגן פאָטער?"

פאַרן באַכערס אויגן האָט געשווינדלט, ווי אין אַ נעפּל, אַ באַוואַנצעט פּאָנעם, אַ טונקלס, אַ דאַרס, אַ פרעמדס. ער מוז אָבער ענטפערן. באַלד, ניט געהײַעט. די קאַלטע גרויע אָנגעשטרענגט־בויערנדיקע אויגן מאָנען. אַניט וועט ער מיינען, אַז ער, נאָכעם, טראַכט צו אַן ענטפער, אָנשטאָט צו זאָגן אַזוי, ווי ס'איז בעמעס געווען. ער טראַכט אָבער ניט צו. ער קלערט פּאַשעט וועגן עפּעס אַנדערש: דאָס געזיכט איז טונקל, און די פאַלדן, ווען די קנייטשן צעגלעטן זיך, זײַנען ווײַס.

...און ביכלאַל האָט ער זיך גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט אַ־דאָס אַלץ. מע וועט אויסשטעלן דעם פּאַלק אין פיר שערענגעס, די פויקן וועלן פּײַ־ערלעך פּײַקלען, און מע וועט אים דערשיסן.

עס וואָלט געווען גוט, ווען מע דערשיסט אים אַזוי, אַז ער זאָל נאָך אַ ביסל לעבן. ער מוז דאָך כאָפּן אַ קוק כאָטש מיט איין אויג, וויאַזוי וועט דאָס אַלץ פאָרקומען, וויאַזוי מע וועט פאַרגיסן טרערן...

אָנשטאָט דעם — אַ טרוקענער פאַרהער. דאָס בעסטע איז לייקענען. ניין — און שוין! וועט דאָס אָבער זײַן אַ ליגן.

און אויב דערציילן דעם עמעס: „יאָ, כ'בין געווען בײַ אַלטערן זונטיק אָפּדערנאַכט", וועלן אומבאַדינגט נאָך אַ־דער פראַגע קומען אַנדערע: „נאָך וואָס ביסטו געווען? מיט וועמען האָסטו זיך דאָרטן געטראָפן? וועגן וואָס האָסטו גערעדט?.."

ער האָט ווירקלעך ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. אין דער שווע איז געגאַנגען אַ רייד וועגן אַ העלדנטאַט. דאָרטן איז אַלץ קלאָר. דאָ אָבער פאַרגיט מען אים איבערגעשפּיצטע פראַגעס, אויף וועלכע מע מוז ענטפערן. און ס'איז ניטאָ ווען און מיט וועמען זיך האַלטן אַן אייצע.

ווען ער פלעגט לייענען אַ גוט ביכל, פלעגט ער זיך שטעלן אויפן אָרט פונעם העלד: „וויאַזוי וואָלט איך געהאַנדלט בײַ אַזעלכע אומשטענדן?"

איצט איז עס פאַרקערט. פּרוּווט ער שטעלן דעם העלד אויף זײַן אָרט. „וויאַזוי וואָלט יענער געהאַנדלט איצטער?" אייצעט זיך נאָכעם מיט אָוואָדן און ענטפערט קורץ און פעסט:

— ניין. כ'בין ניט געווען.

— און ניט געזען דעם פאָטער?

— ניין. ניט געזען.

— און ניט געשמועסט מיט אים?

— ניין. ניט געשמועסט.

דער פּאַלקאָווניק האָט איבערגעפירט זײַנע קאַלטע אויגן פונעם באָכער אויפן זאָקן.

נאָכמען־בער איז געזעסן טיף אינעם פאָטעל. אומבאַהאָלפן, ווי אַ קינד. ער האָט געפּרוּווט אונטערהייבן זיך און ניט געקאָנט אָן עמעצנס הילף. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און נאָכעם האָט דערפילט אויף זײַנע צע־פלאַמטע באַקן צוויי בליקן: אַ קאַלטן, אָן אָנגעשטרענגטן — פונעם פּאַל־קאָווניק, און אַ טריבן, אַ טרויעריקן — פונעם ראָוו.

— זאָג דעם עמעס, — האָט אים געזאָגט נאכמען־בער. — דעם עמעס איז גרינג צו זאָגן. ער איז איינער. איין ליגן, ווידער, דאַרף מען אונטער־האַלטן מיט א צענדליק אנדערע. ביז דו וועסט זיך ניט פאַרבלאָנדזשען צווישן זיי. אינעם עמעס אָבער וועסטו זיך קיינמאָל נישט פאַר־פּלאָנטערן...

נאָכעמקען האָט זיך צוערשט אויסגעוויזן, אז דער ראָוו איז גערעכט. קעדיי צו זאָגן דעם עמעס, דאַרף מען אים פריִער ניט באטראַכטן. ער איז איינער. און אויב א ליגן, דאַרף מען יעדעס מאָל א קלער טאָן — וואָס פאַר א ליגן? וואָרעם ליגנס זײַנען פאראַן א סאַך. און מע דאַרף אויסקלײַבן פון זיי אזעלכן, וואָס איז מער פון אלע ענלעך אף אן עמעס.

נאָר באלד איז א נײַער געדאנק אים געקומען אפן זינען, און ער האָט דערפילט א דערלײַכטערונג, קימאַט א פרייד. ער האָט אויסגעקליבן, קי־מאַט אינסטינקטיוו, א קורצן ליגן — „ניין". ער איז ביז גאָר קורץ, גרינג, באקוועם און אומצוטריטלעך, ווי א פעסטונג. וואָס ער וועט אים נאָר ניט פרעגן, וועט ער, נאָכעמקע, ענטפערן — „ניין". אויב אָבער ער וועט זאָגן „יאָ", „כ'בין געוועזן", וועט זיך ערשט דעמלט א שאָט טאָן א סעדרע מיט פראַגעס: „ווער? וואָס? ווען?.." ער קאָן דאָך ניט ווילנדיק פאַראַטן דעם אייגענעם טאַטן...

און אז אפילע ניט דעם טאַטן? לאָמיר זאָגן גרישע וואַסערבערן? נעס־טערענקאָן?.. ניין. אין אלע פאַלן — „ניין!" אפילע ווען די פראַגעס זעען אויס אומשולדיק פּראָסט. זיי זעען אזוי אויס לעפּאָנעם. אינדערעמעסן זײַנען זיי פּיפּיק. ער איז גליקלעך, וואָס ער האָט אויסגעקליבן דעם „ניין". ער וועט זיך האַלטן פאַר אים פעסט, מיט אלע קויכעס.

— הייסט עס, איר זײַט ניט געוועזן באַם באַלעגאָלע?

— ניין.

— און ניט געזען דעם פאָטער?

— ניין.

— און ניט גערעדט מיט אים?

— ניין.

דעם פּאָלקאָווניקס געזיכט האָט זיך אָנגעכמורעט. „ער בייזערט זיך, ער בייזערט זיך מעסוקן", — האָט נאָכעם א טראַכט געטאָן.

— און אויב איך וועל א רוף טאָן א מענטשן, וואָס וועט באַשטעטיקן, אז ער האָט אײַך דאָרטן געזען?

„א מענטשן? וואָס פאַר א מענטשן? כוץ אלטערן און זײַן ווײַב, איז דעמלט קיינער ניט געוועזן. געשיקט זיך, אז אלטער?.."

נאָכעם האָט זיך געפּלײַסט טראַכטן וואָס גיכער, ווײַל אף אזא פראַגע קאָן מען דאָך ניט ענטפערן — „ניין". וואָס דען קאָן ער ענטפערן? ער ווייסט דאָך ניט, וואָס פאַר א מענטש. עפּשער אלטער, און עפּשער קאַר־פּאָוועצקי, און עפּשער איינער פון די ברידער צימעסמאַן?

אלטער? ניין. עס קאָן ניט זײַן. ער איז טאַקע געוועזן, ס'איז אָבער א גרויסער סאָפעק, צי ער האָט אים געמאַסערט. און עפּשער האָט מען אים געצוווּנגען צי אויסגענאַרט מיט קאָלערליי כיטרע פראַגעס? סאָפקאָלסאָף איז דאָס פאַר אלטערן א גאַנץ פּאָשעטע, געוויינלעכע זאַך: וואָס איז דאָ

אזױנס, װאָס אַ ייִנגל איז אַרײַנגעקומען כאַפּן אַ קוק אַף זײַן פּאַסאַזשיר? נאָר ער אַליין איז דען געװען?

קאַרפּאָװעצקי, װידער, האָט געקאַנט זיך פּאַרופּן אַף אַנדערע.

װאָס איז שײַעך די ברידער צימעסמאַן, זײַנען זײ פֿול מיט האַס ביז איבערן גאַרגל. דרײלבערג און גרישע װאַסערבער האָבן זיך פּאַרמאָסטן אַף זײער אַליאַרניע, געװאָלט זי נאַציאָנאַליזירן. זײ האָבן אָבער ניט באַ־װיזן דאָס אופּטאָן — עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בעהאָלע. נאָר די צימעס־מאַנס האָבן אַלציינס ניט געקאָנט און ניט געװאָלט װעגן דעם פֿאַרגעסן. און כאָטש זײ זײַנען שטענדיק געװען ברוגעז איינער אַפּן אַנדערן, האָבן זײ ביידע געטײַנעט איינס און דאָס זעלבע: שוין בעסער דער רוסישער דעניקין, דער אוקראַיִנישער פּעטליורע, דער פּוילישער פּילסודסקי, איי־דער אַזעלכע ייִדן, װי דרײלבערג און װאַסערבער. דער עלטערער ברודער, מאַקס, פּלעגט דערבײַ אַרומקוקן דעם מאַסיװן גאָלדענעם רונג אַף זײַן רינג־פינגער און זאָגן העפלעך און אַ ביסל פֿאַרשלייערט:

— הײַנט, הייסט עס, פּאַרמעסטן זײ זיך אַף מײַן אַליאַרניע. און מאָרגן, בימכילע, אַף מײַן געניען.

דער ייִנגערער, נויעך, פּלעגט אַרײַנזאָגן מיט „קלאָרע דיבורים”:

— װאָסי, מע דאַרף אײַך אַרײַנלייגן אַ פינגער אין מויל אַרײַן?.. מע דאַרף זײ אויקער־מין־האַשוירעש זײַן, אַניט װעלן זײ אונדז אוועקפּאַטערן.

נאָכדעם פּלעגט ער שיקן זײַן פּרוי זשאַנע, אַז זי זאָל איבערגעבן גע־ניען, אַז געניע זאָל איבערגעבן מאַקסן, אַז ער, מאַקס, זאָל זיך גלײַך יאַװען, קעדיי באַטראַכטן אַ זייער װאַזשנע איניען. מאַקס פּלעגט װערן אופּגעבראַכט פֿון נויעכס גראָבקײַט — װי געפּעלט עס אײַך? ער „זאָל זיך גלײַך יאַװען”. פֿונדעסטװעגן פּלעגט ער קומען צו לױפן. װאָרעם זײ זײַנען ביידע געװען פּעסט צוזאַמענגעבונדן מיט דער אַליאַרניע, װי מיט אַ קייט.

„און אויב איך װעל אַ רוף טאָן אַ מענטשן...”

און עפּשער איז בּיכלאַל ניטאָ אַף דער װעלט אַזאַ מענטש? עפּשער איז דאָס גאָר אַ קונץ?

נאָכעמען איז דאָס שוין נימעס געװאָרן. זאָל ער רופן, אויב ער האָט װעמען. ניט צוליב דעם איז ער געקומען אַהער. װאָס דאַרף ער עפּעס מוירע האָבן? ער איז דאָך געקומען אַהער גרייט צו שטאַרבן. און קיין ער־געס פֿון טויט איז דאָך ניטאָ.

נאָכעם האָט אַ קוק געגעבן גלײַך אין די גרויע קאַלטע אויגן און גע־זאָגט זײ:

— װאָס האָט דאָ צו טאָן... כ'האָב געװאָלט זאָגן, װאָס פּאַר אַ שײַכעס האָט עס צום איניען? מע האָט דערהאַרגעט אַ פּוילישן סאָלדאַט. האָט איר באַפוילן אַרויסגעבן דעם שולדיקן אין מעשעך פֿון פֿיר און צוואַנציק שאָ, אַניט װעט קאַפּין װערן פּאַרניכטעט. בין איך געקומען צו אײַך, װי דער־אָ שולדיקער. דאַרפט איר מיך דערשיסן — און שוין. איז צוליב װאָס פּאַרגיט איר מיר פּאַרשיידענע פּראַגעס?

אַצינד האָט דער פּאַלקאָװניק דאָס ערשטע מאָל אָפּגעקערט זײַנע אויגן און ליבלעך אַ דוץ געטאָן נאָכעמקען.

— וואָס אײַלסטו זיך אַזוי, ייִנגל מײַנס? מיר וועלן נאָך באַווײַזן דיך דערשיסן. צוערשט אָבער דאַרפֿן מיר עפּעס־וואָס קלאָר מאַכן.

דעם פֿאָלקאָווניקס ליבלעכער טאָן האָט אַ ביסל פֿאַרפֿירט נאַכעמען. ער האָט אַפֿילו געמיינט, אַז דאָס האָבן אַף יענעם געווירקט זײַנע שטאָלצע און צאָרנדיקע ווערטער, דעריבער האָט ער פֿאַרגעזעצט, איבערכאַזערנדיק זיך:

— לאָמיר ענדיקן מיטן פֿאַרהער. איך בין גרייט! וואָס ציט איר? וואָס פֿאַר אַ שײַכעס...

אַ פֿלוצעמדיקער אויסגעשריי פֿונעם פֿאָלקאָווניק האָט אים איבערגעשלאָגן:

— שווײַג, דו, צוציק!

ווענדנדיק זיך מער צו נאַכמען־בערן, ווי צום באָכער, האָט דער פֿאָלקאָווניק געזיפֿט דורך די ציין, קאַלט און בייז:

— וואָס פֿאַר אַ שײַכעס? אָט אַזאַ! דאָס האָט דער פֿאָטער באַפֿוילן דיר פֿאַרניכטן פּוילישע זעלנער. איך ווייס דאָס גאַנץ גוט. און איך ווייס אויך, וווּ ער איז. ניט ווײַט. אינעם וואַלד. ער קאָמאַנדעוועט מיט אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. דו ווייסט דאָס אויך גאַנץ גוט. דו וועסט מיך פֿירן אַהין, מירן זיך מיט אים דורכשמועסן, פֿאַרשטייסט?

„דו ווייסט דאָס אויך גאַנץ גוט״.

כ׳ווייס דאָך אָבער גאָרנישט ניט. איך ווייס ניט. ער גלייבט מיר אָבער ניט. ער פֿאָדערט, אַז איך זאָל אים פֿירן צום טאַטן. וווהין פֿירן? אין וואַלד אַרײַן? דער וואַלד איז גרויס. און כ׳ווייס אליין ניט, וווּ מײַן פֿאָטער איז. ער האָט ניט געהאַלטן פֿאַר נייטיק איבערלאָזן מיר זײַן וואַלד־אַדרעס.

נאַכעם האָט ווידער געוואָלט אײַנקלאַמערן זיך אין זײַן שטאָלצן „ניין! ניין!״ ער וועט ניט פֿאַראַטן דעם פֿאָטער. ער וועט ניט פֿירן דעם פֿאָלקאָווניק אין וואַלד אַרײַן. ער וועט ניט שרײַען איבערן גאַנצן וואַלד — „אַ־אוּ! אַ־אוּ! וווּ ביסטו, טאַטעניו? רוף זיך אָ־פּעט!..״, קעדיי צו אַנטדעקן זײַן באַהעלטעניש...

מיטאַמאָל האָט זיך אים דאָס אַלץ אויסגעוויזן ביז גאָר נאַריש. ער ווייסט דאָך ווירקלעך ניט, וווּ זײַן פֿאָטער איז. קעגן זײַן ווילן האָט זיך בא נאַכעמען אָנשטאָט דעם קורצן „ניין״ אַרויסגעריסן גלײַך פֿונעם האַרצן אַרויס:

— כ׳ווייס ווירקלעך ניט, וווּ מײַן פֿאָטער איז!

דער דאָזיקער אויסגעשריי האָט אָפּגעוועקט נאַכמען־בערן פֿונעם דרעמל. ער האָט אונטערגעשטעלט זײַן לינקן אויער.

מיט אַ מערקבאַרער אָנשטרענגונג האָט זיך דער זאָקן אויפֿגעהויבן פֿונעם טיפֿן פֿאָטעל, אַ טראָט געטאָן צו סלאָוויצקין און געזאָגט אים, גלײַך ווי ער וואָלט נאָרוואָס אַרײַנגעגאַנגען צו אים צוזאַמען מיט נאַכעמען.

— איר האָט געדאַרפֿט אַ שולדיקן, האָב איך אײַך געבראַכט צוויי. איינער פֿון זיי איז אַף דער שוועל פֿון לעבן, און דער צווייטער איז אַף דער שוועל פֿון טויט. קלײַבט אײַך אויס, וועמען איר ווילט, און אַן עק זאָל עס נעמען. איך וויל אָבער בעטן אײַער גנעדיקײַט, אַז איר זאָלט אויס־

קליַבן דעם, וועלכער שטייט שוין מיט איין פוס אין קייווער. דאָס וואָלט געווען יוישערדיקער פאַר גאָט און פאַר לײַט.

סלאָוויצקי האָט זיך אויך אופגעהויבן פון זײַן אָרט. ער האָט צוגעדעקט די אויגן מיט די ווײַעס, דאָס פּאָנעם איז באַ אים געוואָרן וואַרעמער.

— איך פאַרשטיי אײַך, — האָט ער געזאָגט, אויסקערעווענדיק זיך צו נאַכמען־בערן. — קיינער וועט אָבער ניט גלייבן, אַז איר האָט געקאָנט דערהאַרגענען אַ מענטשן.

דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו נאַכעמען.

— דײַן אויסגעשריי זעט אויס צו זײַן אופריכטיק. מעגלעך, אַז דו ווייסט ווירקלעך ניט, ווו דײַן פאָטער איז. איז אויב אַזוי, וועט מען דיך מוזן דערשיסן. כאָטש איך בין איבערצײַגט, אַז דער הויפּט־שולדיקער איז דײַן פאָטער, און עס וואָלט געווען יוישערדיקער דערשיסן אים. עס גייט דאָ ניט וועגן טויט פון איין פּוילישן זעלנער. דאָס איז בלויז אַ קליינינקער שפּראָצלינג. עס גייט וועגן האס, וואָס אײַער פאָטער און זײַנע אָנהענגער זייען אַרום־און־אַרום. עפּשער בין איך ניט גערעכט? — האָט דער פּאָלקאָווניק זיך ווידער אַ קער געטאָן צו נאַכמען־בערן. — פרעגט אײַערע ייִדן אַליין. איר ווייסט וואָס זיי זאָגן? „מיר דאַרפן זיי — ס'הייסט אונדז, די פּאָליאַקן — זײַן זייער דאַנקבאַר, וואָס זיי מאַכן ניט קיין פּאָגראָמען, ווי אַנדערע. נאָר אָנשטאָט דאַנקבאַרקײַט פאַרשטיינערן מיר זייערע סאָלדאַטן".

נאַכעם האָט געהערט און ניט געהערט, וואָס סלאָוויצקי רעדט. דער זין פון זײַנע ווערטער דערגייט צו אים ערשט אין אַ צײַט אַרום. זײַן געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט נאַכמען־בערן. ער האָט איצט זיך גע־גרויסט מיטן בלייכן גראָוון זאַקן. זע נאָר, זע! ער וואָלט קיינמאָל ניט געגלייבט! פאַרשטייט זיך, אַז ער, נאַכעם, וואָלט קיינמאָל ניט מאַסקים געווען, אַז דער אַלטער זאָל זיך מאַקריוו זײַן פאַר אים. נאָר ס'איז אַ זשעסט פון אַן עמעסן קאַפּיטאַן!

אַצינד דערגייען צו זײַן מויעך באַזונדערע ווערטער וועגן ענטוזיאַזם. עס האָט נאָך אַלץ גערעדט דער פּאָלקאָווניק. עפּעס טוט אים, אַפּאָנעם, וויי, אויב ער פאַטערט אַזויפיל צײַט און רייד אַף אַ ייִנגל און אַ זאַקן. „...הונ־געריקע, אָפּגעריסענע, באָרוועסע, — אָבער וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם איז באַ אַ־די רויטע! זיי קעמפן, ווי רוכעס, ווי העלדן!..." וויל ער, הייסט עס, אַז זײַנע זעלנער זאָלן אויך זײַן אַזעלכע.

דערנאָך האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ קער געטאָן צו נאַכעמען און געזאָגט:

— איך אייצע דיר אַ קלער טאָן.

נאַכעם האָט איבערגעכאַזוערט שטאָלץ און אַנטשלאָסן:

— איך בין גרייט!

סלאָוויצקי האָט אַ געשריי געטאָן בייז און צערייצט:

— גייט!

נאַכמען־בער האָט זיך אויך געלאָזט גיין צוזאַמען מיט נאַכעמען. נאָר סלאָוויצקי האָט אים פאַרהאַלטן.

נאַכעם איז אַרויסגעגאַנגען, אומגעקוקט זיך, און געבליבן פּלוצעם שטיין, ניט גלייבנדיק זײַנע אייגענע אויגן. צוויי שטאַלטנע העלע קאָלאָ־

נעס זײַנען געשטאַנען באַנאַנד: אײנע — אַ הויכע, אַ שטאָלצע, אַ קאַלטע. די צווייטע — אַ קלענערע, אַ וואַרעמערע, מיט גריבעלעך אויף די באַקן.

זי וועט קומען, צי זי וועט ניט קומען?

ענדלעך איז זי געקומען!

און עפּשער האָט זי דאָ אירע איניאַנים? אַשטייגער, קריגן אַ דערלויבעניש אויף אַרויספּאָרן. איילט זיך אַנטלויפן... נאָר ער איז דאָך אַליין באַשטאַנען: פֿאַר אוועק! באַלד זאָלסטו אוועקפּאָרן! מאָרגן וועט שוין זײַן שפּעט...

אָקסאַנע איז אָנגעטאָן אין אַ קרעמאָווע קלייד. זי שטייט צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו אַ הויכער און שטרענגער קאָלאָנע. דערזעענדיק נאָכעמען, צעשמייכלט זי זיך און טוט אים אַ מאַך מיט דער האַנט. ער טוט זיך אַ ריס צו איר, נאָר דער וועכטער פֿאַרהאַלט אים, אָנכאַפּנדיק אים גראָב פֿאַר דער פּלייצע. עפּשער פֿילט ער אויס זײַן וועכטער־כּיוון, און עפּשער איז ער מעקאַנע, וואָס אַ יונג שיין מיידל שמייכלט ניט צו אים, נאָר צו אַן אַנדערן.

קוקן אָבער אויף אָקסאַנען, אויף דער ליבער אָקסאַנע, קאָן קיין שום וועכטער אים ניט פֿאַרבאָטן. קוקט נאָכעמקע אויף איר און דערציילט איר מיט די אויגן, אַז ער וואָלט געוואָלט אַ וואָרף טאָן זיך צו איר, אַרומנעמען אירע פּיס, ווען דער וועכטער וואָלט אים ניט געשטערט. אָקסאַנע ענטפֿערט אים, אויך מיט די אויגן: „יאָ, כ'פֿאַרשטיי, כ'וואָלט אַליין...” דערנאָך טוט זי זיך אַ הייב אויף די שפּיץ פֿינגער און טוט אַ געשריי אויף יידיש:

— האַלט זיך! וואָס מער פּאַרצ?ען!

דער וועכטער פֿאַרשטייט ניט, וואָס אָקסאַנע האָט אויסגערופֿן. ער האָט אָבער איר אַ דראָע געטאָן מיטן פֿויסט. אָקסאַנע טוט צו אים אַ שמייכל און אַנטלויפֿט. דער וועכטער יאָגט זיך ניט נאָך איר. ער זידלט זיך נאָר אויס — „פּסיא קרעווו”. און שמייכלט צו דערביי. דערנאָך פֿרעגט ער נאָכעמקען:

— וואָס האָט זי דיר געזאָגט?

די צעפּאָלאָכעטע געדאַנקען זײַנען זיך צעפֿלויגן אין אַלע זײַטן. „האַלט זיך! וואָס מער פּאַרצ?ען!” יידיש קען זי ניט. הייסט עס, אַז עמעצער האָט זי אויסגעלערנט, אונטערגעזאָגט... זי האָט זיך געסטאַרעט אַרויסברענגען די ווערטער דײַטלעך, זעט אויס, אַ סאַך מאָל איבערגעכאַזערט, בײַז וואַנען זי האָט זיי אויסגעלערנט אויף אויסווייניק. איז ווער האָט זי אויסגעלערנט? נעסטערענקאָ? דער פּאַטער?

ערשט איצט איז דעם וועכטערס פֿראַגע דערגאַנגען צו זײַן באַוווסטזײַן. האָט ער אים געענטפֿערט:

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט מיך זייער ליב.

ס'איז געווען אַ ליגן. נאָר ס'איז געווען אָן עמעס אויך.

די טיר האָט זיך אויפֿגעעפֿנט. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן נאָכמענבער. ער האָט אַרומגענומען נאָכעמען, אַ קוש געטאָן אים אינעם שטערן און געזאָגט:

— איך גיי. זאָל דיך גאָט שוימער־אומאַציל זײַן.

דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָנגעבויגן צו אים, גלײַך ווי ער וואָלט

אים ווידער געוואָלט א קוש געבן, און האָט אים איַינגערוימט אין אויער:
— ווען זיי וועלן א שאָס טאָן, דארפסטו גלייַך אנידערפאלן.
נאָכעמקע האָט פארכידעשט א קוק געגעבן אפן זאָקן. נאכמען־בער האָט ליב ריידן מיט רעמאָזים, האָט ער צוגעגעבן א ביסל העכער שוין, גלייַך ווי ער וואָלט פאָרגעזעצט דעם געשפרעך וועגן דעם אייבערשטן.
— ...גאָט קאָן באווייַזן א נעס. פארלאָז זיך אף זייַן הייליקן נאָמען און זייַ פול מיט ביטאָכן, אים אפילו כערעוו כאדאָ מונאכאס אל צאוואָר־כאָ...[1]

4

געזאָגט — און אנידערגעפאלן.
עס האָט געטראָפן אומגעריכט. איך האָב אפילע ניט באוויזן אונטער־כאפן אים, אונטערהאלטן.
ער איז געלעגן אפן דיל, אף דער זייַט, אויסגעקערעוועט צו דער וועלט מיטן טויבן אויער, צו דער וועלט, וואָס ער האָט אין הארצן פאראכטעט, נאָר געלעבט אין איר, ווייַל אזוי האָט גאָט געבאָטן. זייַן איַינגעשרומפע־נער קערפער אין דער שווארצער קאפּאָטע האָט אויסגעזען, ווי א טונקע־לער קנויל אף דער גרויער שטויביקער פּאָדלאָגע. דאָס בלייכע פּאָנעם אָבער, א בארעמלטס אין דער ווייַסער באָרד, איז געווען רויִק און פייַער־לעך. וואָרעם ער האָט אויסגעפילט אלץ, ווי ס'איז באפוילן געוואָרן מיט פיר טויזנט יאָר צוריק: אל טישלאך יאָדכאָ על האנאאר וועאל טאאס לוי מעהומאָ, ס'הייסט, זאָלסט ניט אופהייבן דייַן האנט אפן ייִנגל און זאָלסט אים גאָרנישט ניט טאָן. ער, נאכמען־בער, האָט ניט אופגעהויבן זייַן האנט אף מיר. ניין. ער האָט זיך ארויסגעשטעלט, ווי א שולדיקער. ווען אָבער זייַן קאָרבן איז אָפּגעשטויסן געוואָרן, האָט ער צוגעטראכט עפּעס אנדערש: „ווען זיי וועלן א שאָס טאָן, דארפסטו גלייַך אנידערפאלן". גאָט האָט ווירק־לעך באוויזן א נעס. אניט, איז וויאזוי האָט דער שלאבעריקער זאָקן גע־קאָנט עס פּויעלן באם מעכטיקן פּאָלקאָווניק... און עפּשער האָט ער גאָר־נישט ניט געפּויעלט. ניט מער ווי א זיס האָפענונג־צוקערקעלע, קעדיי צו פארזיסן די ביטערקייַט פונעם נאָענטן אומפארמייַדלעכן טויט?
כ'האָב זיך אָנגעבויגן צום אלטן. דער וועכטער האָט מיר געהאָלפן. מיר האָבן אים אופגעהויבן און ניט געשפּירט אין אונדזערע הענט קיין שווערקייַט, גלייַך ווי דער מעס וואָלט באשטאנען פון דער גראָוער באָרד, און שוין. מיר האָבן אים אנידערגעלייגט אף א באנק. אצינד ליגט ער אפן רוקן פרייַ, ניט איַינגעשרומפן, מיטן פּאָנעם צום סופיט, וואָס איז באדעקט מיט שטויביקע, נאָר שיינע אָרנאמענט־באצירונגען. אוואדע זעט ער זיי ניט, די אויגן זייַנען בא אים פארמאכט. דאָס געזיכט זעט אויס רויִק, גלייַך ווי ער וואָלט געשלאָפן...
איך קאָן ניט קוקן אף קיין מעס. איך האָב אפילע א ביסל מוירע פארן

---

[1] ווען אפילע א שארפע שווערד ליגט אף דייַן האלדז... (העבר.).

געל־פּאַרמעטענעם פּאַנעם. דאָס מאָל אָבער האָב איך געקוקט מיט אכטונג, ניט אָפּגעריסן דעם בליק. אין א שאָ אָדער צוויי ארום וועל איך אויך אזוי אויסזען...

אין דעם־אָ מאָמענט האָט פּלוצעם אופגעטויכט אין מײַן זיקאָרן, ווי א שוואכע שײַן, ווי א דערוויַיטערטער האַפּענונג־ווידערקאָל — „וואָס מער פּאַרציִען" און „ווען זיי וועלן א שאָס טאָן, דאַרפסטו גלײַך אנידערפאַלן". „וואָס מער פּאַרציִען?" איך האָב האַסטיק אָפּגעשטופּט דעם וועכטער, ברייט צעפּראַלט די טיר, א טראָט געטאָן צום פּאַלקאָווניק און געזאָגט:

— איך בין גרייט צו דערציילן אײַך עפּעס־וואָס וועגן מײַן פּאָטער. נאָר איך פּאָדער שטעלן מיך אויג־אָף־אויג מיט די, וואָס האָבן אָנגערעדט אָף מיר. קוידעמקאָל אָבער וואָלט איך געבעטן אײַערע פּאַראָרדענונגען וועגן דעם געשטאָרבענעם ראָוו.

סלאָוויצקי האָט, זעט אויס, ניט געוווּסט, אז נאכמען־בער איז גע־שטאָרבן, האָט ער פּאַרכידעשט איבערגעפרעגט:

— געשטאָרבענעם? ווו איז ער?

— ער ליגט דאָרטן.

דער פּאַלקאָווניק איז ארויסגעלאָפן פונעם קאַבינעט.

ווען סלאָוויצקי האָט זיך אומגעקערט און אנידערגעזעצט זיך אין זײַן פּאָטעל, האָט ער א קוק געגעבן אָף מיר מיט זײַן געוויינלעכן מאָנענדיקן בליק און באפוילן, מע זאָל א רוף טאָן קאזימיר קאַרפּאָוועצקין און די ברידער צימעסמאַן.

כ׳האָב געוואַרט און געטראַכט, געטראַכט און געוואַרט, און ס׳איז מיר געוואָרן ניכע, וואָס איך שטיי אָף איין אָרט, און די צײַט באַוועגט זיך.

ווען זיי זײַנען ארײַן, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אז די הויפּט־פּאַר־שוינען זײַנען אין דער־אָ געשיכטע די צימעסמאַנס. קאַרפּאָוועצקי, ווידער, איז נאָר א פּאַרמיטלער צווישן זיי און דעם פּאַלקאָווניק. וואָרעם ער האָט גלײַך געמאָלדן, אז ער פּערזענלעך האָט מיך ניט געזען בא אלטערן דעם באַלעגאָלע, נאָר וועגן דעם האָבן אים דערציילט די צימעסמאַנס.

ווען סלאָוויצקי האָט שווײַגנדיק איבערגעפירט זײַן בליק פון קאַר־פּאָוועצקין אָפן עלטערן צימעסמאַן, האָט יענער זיך נידעריק פאַרנייגט און געזאָגט:

— גנעדיקער פּאַן! דאָס, וואָס איך קלײַב זיך אײַך זאָגן, איז צום גונסטן פון דער גאַנצער געמיינדע אונדזערער און, הייסט עס, צום גונסטן פון אָ־דעם ייִנגל אויך. איך האָב ניט קיין שום פּערזענלעכע אינטערעסן אין דעם, וואָס ס׳איז געשען. איך וויל נאָר פּאַריכטן דעם שרעקלעכן פּאַר־זען, וואָס איז דערלאָזט געוואָרן לעגאַבע א פּאָרשטייער פונעם פּוילישן רומפּולן כאָיל מיצאַד דעם פינצטערן האַמוין. פּאַרוואָס רוף איך דאָס אָן „פּאַרזען", אויסמײַדנדיק דאָס וואָרט „פּאַרברעכן"? מאָרד האָט דאָך גע־הייסן אָף אלע עטאַפּן פון דער מענטשן־ציוויליזאַציע ניט אַנדערש, ווי פּאַרברעכן!.. עס גייט אָבער אין דעם, הויכגעשעצטער פּאַן פּאַלקאָווניק, אז דער ווילדער האַמוין איז באַגאַנגען דעם־אָ נידערטרעכטיקן גוואַלדטאַט, כ׳וואָלט געזאָגט, אונטער דער ווירקונג פון א פּלוצעמדיקן מאַסן־פּסיכאָז. פּרעגט אויס יעדן באַזונדער פון דער דאָזיקער צערייצטער הורבע וועט

ער אײַך זאָגן, מיט א געפיל פון בושה און כאראָטע...

סלאָוויצקי האָט אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן צימעסמאַנען.

— זאָגט מיר, איר קאָנט באַשטעטיקן, אז נאָכעם עסרעג האָט זיך באַגעגנט מיט זײַן פאָטער, דעם געפערלעכן באָלשעוויק און דיווערסאַנט, אין אַלטער באַלעגאַלעס שטוב?

— הערט מיך פריער אויס, גנעדיקער פאַן! — האָט ליבלעך א שמייכל געטאָן מאַקס, ליבלעך און מיט א טראָפּן ביטל, ווי איינער זאָגט: אײַער פראַגע, הער פאָלקאָווניק, איז ניט מער, ווי עפּעס א דריבנע קלייניקייט אין פאַרגלײַך מיט מײַנע טיפע טײַמים, וואָס איך זאָג אײַך אַרויס. — לאָמיר זײַן אָפנהאַרציק: אָט דער סאָלדאַט און זײַן קאָלעגע, האָבן זיך געהאַלטן ניט איבעריק איידל. נאָר זײַנען דען מיר, ייִדן, צוגעווינט צו א העפלעכער באַהאַנדלונג? מיר אַלע זײַנען בעפּיירעש מאַסקים מיט אײַערע ירישעדיקע ווערטער אין שײַכעס מיט דעם: „זאָלן זיי, די ייִדן, באַדאַנקען אונדז, וואָס מיר מאַכן ניט קיין פּאָגראָמען, ווי אַנדערע...” און איך, און מיר, — כ'מיין, אז איך האָב רעכט זאָגן דאָס אין נאָמען פון אַלע קאָפּינער בירגער, — מיר אַלע זאָגן אײַך פונעם גאַנצן האַרצן א דאַנק! א שיינעם דאַנק!

מאַקס צימעסמאַן האָט צוגעדריקט זײַן האַנט צו דער ברוסט און ניִדעריק פאַרנייגט זיך.

— און איצטער וועל איך זיך דערוועגן אַרויסטרעטן לעטויווּעס אָט דעם אומגליקלעכן ייִנגל.

ער האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון דער ברוסט און האָט א ווײַז געטאָן אויף מיר.

— יאָ. דאַפקע לעטויווּעס. ווײַל איך קאָן ניט דערלאָזן קיין אומיוישערדיקייט. ער איז ניט שולדיק. ער איז צו יונג דערויף. וואָס פאַר אַן אווטאָריטעט קאָן ער האָבן בא א צעבושעוועטן אוילעם? ניין, ער קאָן ניט זײַן דער מענטש, וואָס איר זוכט! און ווויסנדיק אײַער גערעכטיקייט, כ'וואָלט געזאָגט, מענטשלעכע גערעכטיקייט, ניט יענע פּרימיטיווע „אַן אויג פאַר אַן אויג”, נאָר די מער העכערע אָן...

דער פאָלקאָווניק האָט נאָכאַמאָל אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן צימעסמאַנען:

— איך פרעג אײַך: איר קאָנט באַשטעטיקן, אז...

— כ'קאָן. אוודאי קאָן איך, — האָט מאַקס אַרויסגעבראַכט אין איין אָטעם און באַלד ווידעראַמאָל גענומען זיך אויסטײַנען, — איר קאָנט מיך אָבער פרעגן: ווער זשע איז דער שולדיקער? איז גלייבט מיר, אז קיינער וועט אײַך ניט קאָנען ענטפערן אויף אזא פראַגע. אפּאַנעמעסן, ווער קאָן זאָגן, ווער קאָן אָנדײַטן מיטן פינגער אויף דעם, ווער עס האָט דער ערשטער צווישן דעם ווילדן אוילעם א געשריי געטאָן: מיימעסט אים!

איצטער איז דער פאָלקאָווניק שוין געוואָרן בייז.

— ענטפערט קאָנקרעט. איר באַשטעטיקט צי ניין?

— גוט. זאָל זײַן קאָנקרעט. איך באַשטעטיק.

סלאָוויצקי האָט א קער געטאָן דעם קאָפּ צו מיר:

— איר האָט געהערט? איז וואָס וועט איר דערויף זאָגן?

כ׳האָב געהאַט ראַכמאָנעס אַף מאַקס צימעסמאַנען. זעט אויס, ער האָט, נעבעך, אַ פּיצל גאָט אין האַרצן. ער פאַרעדט אַלץ דעם פאַלקאָווניק די ציין, באַמיט זיך אויסדריייען, ניט געבן קיין גלײַכן ענטפער, און דערנאָך פאַרטיידיקט ער מיך. ווען ניט דאָס — „וואָס מער פאַרציִען״, וואָלט איך זיך אָפּגעפּאַטערט פון דעם אַלעמען. זאָל ער באַשטעטיקן, וואָס איז מיר פאַר אַ נאַפּקעמינע! איצטער אָבער טאָר איך ניט. האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— איר אַליין האָט מיך טאַקע געזען מיטן פאָטער בא אַלטער באַ־לעגאַלע?

איך האָב אַזוי רויִק און געשיקט אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „אַליין״, אַז איך האָב באַוווּנדערט די קאַלטקײַט מײַנע אין אָט דער הייסער שאָ. מעגלעך, אַז כ׳האָב אַמאָל דורכגעלייענט עפּעס אַ ביכל וועגן אַזעלכע זאַכן, און אַצינד איז דער זיקאָרן געקומען מיר צוהילף.

מאַקס האָט אַ טרויעריקער אַ קוק געגעבן אַף מיר און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דאָס האָט געזאָלט הייסן: אומדאַנקבאַרער קונדעס וואָס דו ביסט! איך שטיץ דיך, ווי אַן אייגענעם זון, און דו שטעלסט מיר אַזעלכע פאַרביסענע פראַגעס. ענטפערן אָבער האָט ער געענטפערט אַזוי:

— די גאַנצע שטאָט האָט געזען.

צוליב כשיוועס האָט צימעסמאַן פאַרוואַנדלט אַ שטעטל אין אַ גאַנ־צער שטאָט, נאָר אַלץ געדרייט זיך אַפּן קאָרעק.

האָב איך אים נאָכאַמאָל געפרעגט:

— איר האָט אַליין געזען?

— איך? אַליין? איך אַליין באַזוך ניט קיין באַלעגאָלעס... איך...

דער יינגערער צימעסמאַן, נויעך, איז געשטאַנען אין אַ זײַט, איבער־טרעטנדיק אומגעדולדיק פון איין פוס אַפן צווייטן, ווי אַ היציק פערד, וועלכן ס׳איז נימעס געוואָרן שטיין אַף איין אָרט. גראָב און אַנטשלאָסן האָט ער אָפּגעשטופּט מיט זײַן קורצער האַנט דעם ברודער, אַוועקגע־שטעלט זיך מיט צוויי פעסטע ניטבייגיקע פיס אַף זײַן אָרט און געזאָגט אָן שום צערעמאָניעס, קורץ און שאַרף, קוקנדיק מיר גלײַך און פרעך אין די אויגן.

— יאָ. געזען. כ׳האָב אַליין געזען.

ס׳איז געווען אַ ליגן, אַ שעקער. און ער האָט זיך אַף קיין האָר ניט פאַרשעמט. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צום פאַלקאָווניק און אַ דאַבער געטאָן:

— כ׳האָב ליב קלאָרע דיבורים, פאַלקאָווניק. ס׳איז געווען בא אונדז שטיל, אין קאָפּין. האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט אַ מענטש, זײַן טאַטע, הייסט עס, יויסעף עסרעג. האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ קאַלאָטנעטשע, אַ בעהאָלע, אַ פיבער מיט קאַדאָכעס. מע האַלט אין איין אַגיטירן, מע האַקט אַ טשײַ־ניק און מע רייצט אָן איינעם אַפן צווייטן. אַ־דער־אַ בען־אָדאָם רודעוועט ווי פּולווער, ווי דינאַמיט. איז וואָס איז דער כידעש, אויב עס האָט גע־פּלאַצט...

— ס׳אַ ליגן, ס׳אַן אומפאַרשעמטער ליגן. איר האָט ניט געזען מײַן פאָטער!

כ'האָב אַזוי הויך, אַזוי אויפגעבראַכט עס אויסגעשריגן, אַז איך האָב אַליין ניט דערקענט מײַן קאָל.

נויעך טוט אַ רײַב מיט דער האַנט זײַן באַק, גלײַך ווי איך וואָלט אים אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם, און זאָגט מיר:

— הער נאָר דו, שיבעניק אײנער! נאָכמען־בער האָט צוגעזאָגט דעם פאַלקאָווניק, אַז וועסט אים זאָגן, ווו דײַן טאַטע איז, אַ רועך אין זײַן טאַטן אַרײַן! אַ־די האַוטאַכע האָט ער געגעבן פאַר זײַן טויט. ווילסטו אַוועק זײַן אַף דעם?

צוערשט האָט מיר אַ שווינדל געטאָן אין מויעך: איז אָט פונוואַנען עס קומט: „ווען זיי וועלן אַ שאָס טאָן, דאַרפסטו גלײַך אַנידערפאַלן...״ כ'האָב דאָס אָבער באַלד אָפּגעשטויסן. נאָכמען־בער האָט גאָרנישט ניט געקאָנט צוזאָגן. ער לײַגט ווידער אָט דער פרעכער כאַמולע.

און ער האָט געמיינט, אַז איך הייב זיך אָן וואַקלען.

— זײַ וויסן, אַז דער פאַלקאָווניק קלײַבט זיך ניט שיסן דײַן טאַטן. ער וויל מיט אים פירן אונטערהאַנדלונגען. ס'איז זיי שווער וואָיעווען אַף צוויי פראָנטן.

סלאַוויצקי האָט איבערגעריסן צימעסמאַנען.

— ניט אײַער דײַגע, שווער צי גרינג...

נויעך האָט אָן שום צערעמאָניעס איבערגעשלאָגן סלאַוויצקין:

— מיר זײַנען פאַרבינדעטע, פאַלקאָווניק. איר טשעפּעט ניט מײַן אַליאַרניע. און זיי האָבן געוואָלט נאַציאָנאַליזירן זי. דעריבער טאַקע קריך איך פון דער הויט, קעדיי צו צערעכענען זיך מיט אײַך...

סלאַוויצקי האָט, זעט אויס, געפֿילט זיך. ער האָט ניט אויסגעהערט ביזן סאָף נויעכס „קלאָרע דיבורים״ און מיך געפרעגט:

— וויאַזוי איז מיט אײַער צוזאָג?

איך האָב אויך געטראַכט וועגן דעם. מע דאַרף דאָך ווי־ניט־איז געפינען אַן אויסוועג. און דערבײַ ניט פאַרגעסן, אַפילו אַף אַ רעגע, וועגן „וואָס מער פאַרציִען״.

— זאָלן זיי אַרויסגיין.

דער פאַלקאָווניק האָט, שווײַגנדיק, אַ ווונק געטאָן. קאַרפּאָוועצקי און די צימעסמאַנס זײַנען אַרויסגעגאַנגען. און איך האָב זיך גענומען אויספילן מײַן צוזאָג: „כ'בין גרייט דערציילן אײַך עפּעס־וואָס וועגן פאָטער״. כ'האָב אָבער אָנגעהויבן פונוויַטנס.

— מײַן פאָטער רופט מען יויסעף עסרעג. ער איז געבוירן אין טויזנט אַכט הונדערט צוויי און אַכציקסטן יאָר. און אין טויזנט נײַן הונדערט זיבעטן יאָר, ווען ער איז אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. מיר איז דעמאָלט געווען דרײַ יאָר. פון אָט די דרײַ יאָר האָב איך אים צוויי ניט געזען. ער איז ניט געווען אין דער היים. דאַכט זיך, אַז ער האָט געוווינט אין קיִעוו. אָט פאַרוואָס איך קען קימאַט ניט מײַן טאַטן. און דאָס, וואָס איך ווייס יאָ, האָט מיר די באָבע מײַנע דערציילט. ווען איך פרעג זי פאַרוואָס האָט דער פאָטער מיך פאַרלאָזט און פאַרוואָס די מוטער איז אַוועקגעפאָרן אין דער ווײַטער אַמעריקע, ענטפערט מיר די באָבע, אַז ער איז ניט אַוועקגעפאָרן, נאָר אַנט-

לאָפּן, מע האָט אים געוואָלט אַרעסטירן, וואָרעם ער האָט זיך פאַרנומען מיט עפּעס געפעלשטע געשעפטן. כ׳ווייס ניט פּינקטלעך, װאָס פאַר א געשעפטן, נאָר איך מיין, אַז ער האָט געקעמפט קעגן צאַריזם, וועלכער האָט געדריקט סיי אונדז יידן, סיי אייך פּאָליאַקן...

איך ראַטעווע זיך דורך א פּאַוזע. וואָרעם אַף דער שפּיץ צונג איז גע־לעגן: „מיר זיינען פאַרבינדעטע, פּאַלקאָווניק״. עס האָט אוואַדע א גאַנץ אַנדערן זין, נאָר איך וויל בעשום־אויפן ניט איבערכאַזערן די ווערטער פון דעם גראָבן יונג נויעך צימעסמאַן.

דער פּאַלקאָווניק סלאַוויצקי האָט אָבער גאָר אַנדערש אויסגעטייטשט מיין פאַרלוירנקייט. ער האָט מיר געזאָגט:

— רעדסט צו דער זאַך, יינגל מיינס. וועגן דעם טאַקע וויל איך זיך דורכשמועסן מיט דיין פאָטער, — און צוגעגעבן: — ביסט שטאַרק ענלעך אַף מיין זון.

— מיין מוטער איז אוועקגעפאָרן צום פאָטער אין טויזנט ניין הונ־דערט צוועלפטן יאָר. געפאָרן און ניט דערפאָרן. זי איז דערטרונקען גע־וואָרן מיט דער שיף „טיטאַניק״. די מוטער געדענק איך בעסער. וואָרעם כ׳בין שוין געווען צוויי מאָל עלטער, ווען זי איז אוועקגעפאָרן. זי האָט מיך געוואָלט מיטנעמען, נאָר די באָבע האָט זי אָפּגערעדט, וואָרעם איך בין געווען א שלאַבעריקער, איך וואָלט ניט אויסגעהאַלטן אַזא לאַנגע שווערע רייזע.

אָפּגעפאַרטיקט זיך מיטן פאָטער און מיט דער מוטער, האָב איך זיך גענומען דערציילן פאַמעלעך און אויספירלעך וועגן דער באָבען און אפּי־לע וועגן זיידן, וועלכער ליגט שוין זעכצן יאָר אָפּן בעסוילעם.

דער פּאַלקאָווניק האָט צוערשט מיך אויסגעהערט געדולדיק, מיטפילנ־דיק. דערנאָך האָט ער, זעט אויס, אָנגעשטויסן זיך, אַז ס׳איז א מייסע אָן א סאָף, אַז ס׳איז עפּעס א מאַנעווער. וואָרעם ער האָט פּלוצעם מיך אי־בערגעשלאָגן און בייז אויסגעשריגן:

— גע־נוג! דו ביסט צו כיטרע. כ׳הייב אָן גלייבן, אַז דו האָסט געקאָנט האַרגענען אונדזער סאָלדאַט.

5

דערנאָך איז עפּעס פּלוצעם געשען, ווי אין כאָלעם, זייער האַסטיק, טומלדיק, פּונקט ווי א געדיכטער נעפּל וואָלט מיר געשטאַנען פאַר די אויגן. מענטשן האָבן זיך באַוועגט, אַרומגעשמייעט.

מע האָט מיך פאַרמישפּעט. די פאַרשטעלונג האָט געדויערט א פערטל שאָ צי עפּשער א ביסל מער. ס׳האָט מיך געמישפּעט דער זעלבער פּאַל־קאָווניק סלאַוויצקי, נאָר ס׳האָבן זיך צוגעזעצט צו אים פון ביידע זייטן נאָך צוויי אָפיצערן. די פּענעמער באַ אַלע דריי זיינען געווען זייער שטרענגע. דער אורטייל — טויט־שטראָף. ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט געמאָלדן דעם טויט־אורטייל, האָט דער פּאַלקאָווניק ווידער א קוק געגעבן מיר גלייך אין די אויגן. צווישן אונדזערע בליקן איז געשטאַנען א געדיכ־טער נעפּל, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיינע אויגן האָבן זיך אָפּ־

געטיילט פונעם געזיכט און זיך געלאָזט שווימען אין דער פּאַרגליווערטער. ניט דורכזיכטיקער לופט, ווי צוויי בלישטשענדיקע רעדעלעך, וואָס האָבן געפּרעגט באַ מיר מײַן לעצטן באַגער. כ׳האָב זיי געענטפערט, אַז איך וואָלט געוואָלט געזעגענען זיך מיט דער באָבען.

— ס׳איז אומעגלעך. מע דאַרף שיקן נאָך איר, זוכן, עס וועט לאַנג געדויערן. מיר האָבן ניט קיין צײַט.

— זי איז דאָ, — האָב איך געענטפערט.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט וויסן, אַז די באָבע איז ערגעץ נאָענט. נאָר כ׳האָב דאָס געזאָגט זיכער.

די באָבע האָט ווירקלעך אַרומגעבלאָנקעט באַ דער פּריצישער שטוב.

ווען מע האָט זי אַרײַנגעפירט, האָט די באָבע אויך באַוועגט זיך מע־שונעדיק, געשווומען ווי אין געדיכטע וואָלקנס.

איך האָב אפריער זיך אויסגעשטעלט, וואָס איר צו זאָגן, אַ פּראָזע אַ קאַלטע און אַ האַרבע, אַ ביסל אַ געמאַכטע, גלײַך ווי מע וואָלט מיך פאַרמישפּעט אויף טויט אין כאַלעם און איך שטעל דאָס אַרום מיטן גייטיקן טעאַטראַלן רעקוויזיט.

— וויין ניט, באָבע. מע דאַרף ניט. אַזוי מוז דאָס זײַן.

די באָבע האָט אָבער ניט געוויינט. און איך בין געוואָרן געפּלעפּט פֿו־נעם קויעך, פונעם קרעפטיקן גײַסט פון אַ־דער אַלטיטשקער פרוי.

די באָבע האָט געהאַט איר קאַוואַנע: אײַנלייגן די וועלט און אַרויס־רײַסן דאָס קינד פון די אײַזערנע נעגל. און ווען דער פּאַלקאָווניק האָט איר געזאָגט — „געזעגנט זיך מיט אײַער אייניק, צוויי מינוט ניט מער״ — האָט זי איין מינוט געפּאַטערט אויף אַ ביטע צו אים:

— גנעדיקער פאַן פּאַלקאָווניק! כ׳האָב געהערט, אַז איר זײַט זייער אַ לײַטישער מענטש. דער קסיאָנדז האָט דאָס מיר געזאָגט. איז טוט מיר אַ כעסעד: שיסט מיך אָנשטאָט נאָכעמקען. האָט ראַכמאָנעס. כ׳וועל סײַווי שוין גיך שטאַרבן. און דאָס־אַ האָט נאָך ניט באַוויזן צו לעבן אויף דער וועלט, אַ קינד, אַ קליינס...

„כ׳האָב געהערט...״ גאָרנישט האָט זי ניט געהערט. ס׳איז געווען ניט מער, ווי אַ נאַיִווער פּרווו.

האָב איך געענטפערט פאַרן פּאַלקאָווניק, אײַנגעהאַלטן און האַרב:

— דו האָסט פאַרשפּעטיקט, באָבעניו. דער אַלטער ראַוו אונדזערער האָט שוין דאָס פאַרגעלייגט. און ווען דער פּאַלקאָווניק וואָלט ווירקלעך געווען „זייער אַ לײַטישער מענטש״ און וואָלט ניט געוואָלט דערשיסן אַ ייִנגל, וואָס דערמאָנט אים זײַן זון, וואָלט ער געקאָנט דערשיסן דעם טויטן נאַכמען־בערן אָנשטאָט מיך...

אָט אַזוי זײַנען אויסגעגאַנגען די צוויי מינוט, און די געזעגענונג האָט זיך פאַרענדיקט.

די באָבע האָט אַרויסגעריסן נאָך אַ רעגע באַ דער אייביקײַט און באַם פּאַלקאָווניק, אַרומגענומען מיך און פאַרגאָסן מיך מיט אירע טרערן. און איך, איך האָב ניט אויסגעהאַלטן. טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון מײַנע אויגן און זיך אויסגעמישט מיט די טרערן פון דער באָבע.

דערנאָך בין איך געשטאַנען פאַר אַ שערענגע זעלנער. מיטאַמאָל האָב

איך דערהערט א שאלנדיק פּיקלערײַ. כ׳האָב א צאַפּל געטאָן, דער נעפּל האָט זיך א ביסל צעזייט, און איך האָב דערזען אנטקעגן זיך אָנגעשטעלטע ביקסן. וויפל געדאנקען קאָנען זיך דורכטראָגן אין א מויעך פאר אן אויגנבליק? הונדערטער? טויזנטער?.. פּלוצעם האָב איך דערפילט, ווי איך בין איינזאם... קיינער איז ניטאָ באנאנד. ניט די מוטער, ניט די באָבע... „שוין זשע קאָן א טאטע זיך אויסבאהאלטן פונעם זון נאָך דרײַצן יאָר צעשיידונג?..״ און דאָס־אָ האָב איך, זעט אויס, אויך אויסגעטראכט — צוויי שטאלטנע העלע קאָלאָנעס שטייען באנאנד, איינע אַ הויכע, א שטאָלצע, א קאלטע, די צווייטע — א קלענערע, א ווארעמע, מיט גריבעלעך אף די באקן, אין א קרעמאָווע קלייד — „האלט זיך! וואָס מער פארצײַען!..״ איך ווארט אפן שאָס, אז אלץ זאָל זיך גיכער פארענדיקן. וואָס צײַען זיי אזוי, נעמען ארויס די נעשאָמעס!.. און פּלוצעם האָט זיך דערהערט א שיסערײַ. און איך שטיי. איך פאל ניט אנידער. איך שטיי און זע, ווי מענטשן לויפן מיט ביקסן אין די הענט. איך הער, ווי זיי שרײַען: הור־ר־ר־א־אַ! אף איין אויגנבליק באווײַזט זיך מײַן טאטנס פּאָנעם. ער לויפט גלײַך אפן פּאָל־קאָווניק. סלאָוויצקי האָט אויסגעשאָסן. דער פאָטער איז אנידערגעפאלן. נאָר אָט לויפט נעסטערענקאָ. ער שיסט אינעם פּאָלקאָווניק, יענער טוט זיך א כאַפּ פאר דער ברוסט און פאלט אנידער. איך רײַס זיך ארויס פון דער פארגליווערטקײַט. לויף צו צום פאָטער, רײַס ארויס פון זײַנע טויטע פינגער דעם פּיסטאָלעט און לאָז זיך לויפן נאָך נעסטערענקאָן...

עפּעס דרייט זיך און מישט זיך בא מיר אין קאָפּ. ווּ איז די גרענעץ פון דער וואָר און ווּ הייבט זיך אָן דער כאָלעם — ווייס איך ניט.

דער „אידן״, וואָס כ׳האָב דעמלט אויסגעשריגן אין שול, איז טאקע גע־ווען, אָבער א „איך״ אָן אן אויסרופצייכן. ער האָט געדארפט דורכשאלן הויך און קלינגעוודיק. געדארפט! נאָר ס׳איז אָבער אזוי ניט געווען. ווער האָט דען דערהערט דעם „איך״ אינעם טומל? קימאט קיינער ניט. כאָט, עפּשער, די מענטשן, וואָס זײַנען געשטאנען לעבן מיר. אפילע די הויכע, קרעפּטיקע ברידער, די קאָוועלס, לייבוש און פּײַוויש, האָבן דאָס ניט דער־הערט, אניט וואָלטן זיי קיינמאָל ניט דערלאָזט, אז איך זאָל מאקריוו זײַן מײַן לעבן פאר זיי, און אנדערע וואָלטן אויך ניט דערלאָזט.

„מיך באגלייט קימאט דאָס גאנצע שטעטל...״ דאָס איז אויך אן אויס־טראכטעניש, א פאנטאזיע, נאָר דו גלייבסט, אז ס׳איז טאקע אזוי געווען.

מיך האָבן באגלייט צום פּאָלקאָווניק בלויז עטלעכע מענטשן: די באָבע, דער ראָוו, די צוויי ברידער די קאָוועלס, קעדיי ניט דערלאָזן, אז מע זאָל מיך פירן צו דער אקיידע, און די צוויי ברידער צימעסמאַן מיטן מיין ניט דערלאָזן, אז איך זאָל אנטלויפן אינמיטן וועג...

און דער לאנגער געשפּרעך מיטן פּאָלקאָווניק סלאָוויצקי איז אויך ניט געווען. עפּעס א געשפּרעך איז פאָרגעקומען. ער איז אָבער געווען מילי־טעריש־קורץ און שארף, און שטארק פּיסנע. אָן שיינע רייד און גרויסאר־טיקע געפילן. אזא איז די ווירקלעכקײַט. דער דימיען איז אָבער פּילפּאר־ביקער פונעם לעבן. ביפראט נאָך בא א ייִנגל פון זעכצן יאָר...

VII. לאַטאַפּאַגיִע

1

שוין לאַנג, ווי די קאַפּינער טרוימען פון א זאַט און רויִק לעבן. ס'איז זיי נימעס געוואָרן די מילכאָמע, די גוואַלדטאַטן, די מעהומעס. טיף אין האַרצן האָבן פיל פון זיי געכאָלעמט וועגן א מין לאַטאַפּאַגיִע, וועגן עפּעס א ווײַט אָפּגעזונדערט לאַנד, וווּ די אײַנוווינער מיִען זיך אין פרידן, עסן זיסן לאָטאָס און האַלטן ניט קיין מילכאָמעס.

די געשעענישן פון דער לעצטער צײַט האָבן איבערגעפּולט דעם בעכער. אַלע האָבן אַרומגעבלאָנקעט מיט אַרײַנגעצויגענע אַקסלען, גלײַך ווי מע וואָלט זיך געגרייט צו א נײַעם קלאַפּ איבערן קאָפּ. די פּאָליאַקן האָבן אונטערגעצויגן פרישע כאַיאָלעס און אַרויסגעיאָגט די פּאַרטיזאַנער פונעם שטעטל. די קאַפּינער האָבן מיט שרעק געוואַרט אויף נײַע צאָרעס. כוץ דעם, וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרשטיינערט א פּוילישן סאָלדאַט, האָבן נאָך די פּאַרטיזאַנער דערשאָסן דעם קאָמאַנדיר פונעם פּאָלק, פּאָלקאָווניק סלאַוויצקין, און פיל סאָלדאַטן און אָפיצערן. די כמאַרעס אויפן קאַפּינער שטיקל הימל זײַנען געוואָרן שוואַרצער און געדיכטער. מע האָט געוואַרט, אַז סלאַוויצקיס דראָונג — אַפּווישן קאַפּין פון דער ערד — וועט הײַנט־מאָרגן אויסגעפּילט ווערן. עמעס, מע האָט אַרויסגעלאָזט א קלאַנג, אַז דער „רעדלפירער", נאָכעם עסרעג, איז דערהאַרגעט געוואָרן צוזאַמען מיט זײַן פאָטער בעשאַס דעם צוזאַמענשטויס פון די פּאָליאַקן מיט די פּאַרטיזאַנער.

טאָר מען זיך, הייסט עס, ניט הײַען. מע דאַרף זיך ראַטעווען. דורכשלאָגן זיך אום יעדן פּרײַז קיין אָדעס, צום יאַם. און דאָרטן וועלן שוין אַכיינו־בנײ־יִיסראָעל העלפן אַוועקזעצן זיך אויף א שיף און אַרויספאָרן אין עפּעס א לאַטאַפּאַגיִע.

אַמערסטן איז געווען פּאָפּולער אין קאַפּין — אורוגוויַ. פאַרוואָס — ווייסט מען ניט פּינקטלעך, וואָרעם קיינער פון די קאַפּינער אײַנוווינער האָט קיין שום אָנונג ניט געהאַט, מיט וואָס מע עסט עס, אַ־דעם אורוגוויַ. ניט מער, וואָס אַלע פלעגן זיך פאַרופן אויף דזשאָנאַטאַן טראַכטערמאַנס בריוו, וואָס ער האָט געשיקט זײַן שוועסטער, ציפּען. דער בריוו האָט געוואַנדערט איבער דער וועלט זיבן כאָדאָשים און אַלפי־נעס איז ער טאַקע דערקראָכן צו קאַפּין. דער בריוו איז געווען אָנגעשריבן אויף זייער א ווײַסן און גלאַנציקן פּאַפּיר־בויגן. אינעם לינקן ווינקל איז געווען אָפּגעדרוקט מיט לאַטײַנישע אויסיעס — „דזשאָנאַטאַן טראַכטערמאַן". האָבן די קאַפּינער אויסגעברײַעט, אַז ניט אַנדערש ווי דזשאָנאַטאַן האָט זײַן אייגענע היפּשע פירמע. כוץ דעם איז אין דעם בריוו געווען א פאָטאָגראַפיע: אַליין דזשאָנאַטאַן, זײַן פרוי און צוויי קינדער. זיי זײַנען געווען אָנגעטאָן אין גוטע העלע אָנצוגן און געהאַט א צופרידענעם אויסזען, אַ־דאָס איז כײַ־געלעבט!

ציפּע טראַכטערמאַן, אַן אָרעמע אַלמאָנע, נעבעך, פון וועלכער אַלע האָבן זיך אָפּגעקערט איבער דער געשיכטע מיט ביירעש דובערן, פון וועלכן זי איז שוואַנגער געוואָרן, איז אַצינד געוועזן אַן אָנגעלייגטער גאַסט בײַ די קאָפּינער. מע האָט זי פאַרבעטן מיטן גרעסטן קאָוועד און אַלע מאָל אָנגעזאָגט איר, אַז זי זאָל, לעמאַנהאַשעם, ניט פאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך דעם באַרימטן בריוו מיט דער פאָטאָגראַפיע. אַפילע ביירעש אַליין פלעגט איצט שוין ניט אַרויס פון די קיילים, ווען מע פלעגט אים אייצענען כאַסענע האָבן מיט ציפּען. אַמאָל פלעגט ער שרײַען אין אַזאַ פאַל: „וואָסי, איר ווילט מיך, הייסט עס, קוילען מיט אַ טעמפּן מעסער! זי איז דאָך עלטער פון מיר אַף אַ צענדליק יאָר און האָט צוויי קינדער". אַצינד אָבער טוט ער פאַרטראַכט אַ קראַץ דעם גאָרגל־קנאָפּ און זאָגט עפּעס אַזוי טאַמעוואַטע: עמעס, זי איז עלטער פון אים אַף אַ קנאַפּע פינף יאָר, נאָר ס'איז עפּשער קעדײַ אַ קלער טאָן וועגן דעם...

ציפּע, אַ דאַרע, אַ קוואַרע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען, האַלט זיך איצטער גרויס בײַ זיך. זי זאָגט אַלעמען, אַז איר ברודער דזשאָנאַטאַן הייסט איר פאָרן דורך אורוגווײַ. פאַרוואָס עפּעס דורך? דערפאַר, וואָס אויב איר, ציפּען, וועט אורוגווײַ ניט געפעלן, קאָן זי זיך פון דאָרטן אַריבערפעקלען קיין אַרגענטינע, מעקסיקע, אָדער אַפילע קיין ניו־יאָרק. וואָרעם אורוגווײַ איז אַזאַ לאַנד, וואָס לאָזט אַרײַן און לאָזט אַרויס יידן אָן באַגרענעצונגען.

פּערעץ דער שוואַרצער האָט מעסוקן ערנסט געפרעגט בײַ ציפּען:

— געערטע מאַדאַם טראַכטערמאַן! העיויס אין דעם בריוו איז גאָרנישט ניט געזאָגט וועגן דעם, טאָ מעג איך מאַכן אַן אויספיר, אַז איר האָט זיך נעכטן דורכגעשמועסט מיט אײַער דזשאָנאַטאַנען דורכן טעלעפאָן?

באַדערבײַ האָט ער שטאַרק אָנגעקוועטשט אַפן נאָמען „דזשאָנאַטאַן". וואָרעם אַלע האָבן געוווּסט, אַז ציפּעס ברודער, דעם פּראָסטן קאָפּינער יונגאַטש, פלעגט מען אַמאָל רופן פּאָשעט „נאָסן" און מע האָט אים ניט איבעריק געשאַנעוועט אין שטעטל. ציפּע האָט כשיוועסדיק געענטפערט, אַז זי האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע פון דזשאָנאַטאַנען.

פּערעץ פאַרקרימט זיך אַזש. אַף כידושים!

— אַ טעלעגראַמע? איז ווו איז זי? לאָמיך כאַפּן אַ קוק אַף איר כאָטש מיט איין אויג.

רוימט אים אײַן ציפּע אין אויער:

— כ'האָב זי פאַרברענט. אַזוי דאַרף מען.

מאַכט פּערעץ אַ מינע, אַז ער פאַרשטייט זי גאַנץ גוט, ער איז אַ שטיקל מייוון אין הילכעס קאָנספּיראַציע. ער בעט זי נאָר, אַז זי זאָל, כאַסוועכאָלילע, ניט פאַרברענען דעם בריוו מיט דער פאָטאָגראַפיע, אַניט וועלן זיי, די קאָפּינער, הייסט עס, פאַרלירן די לעצטע האָפענונג.

נאָך נאַכמען־בערס טויט איז קאָפּין פאַרבליבן אָן אַ ראָוו. יִסראָעל כאַנעס גייט צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ צייכן פון גאָט. אַ קאָהאָל אָן אַ ראָוו איז ניט קיין קאָהאָל. מע דאַרף פאָרן.

אַט דעמלט האָבן זיך אָנגעהויבן אין קאָפּין די גרויסע זוכענישן פון קרויווים אַף יענער־זײַט אָקעאַן.

מע האָט זיך גענומען דערמאָנען ווער, ווען און וווּהין איז אוועקגע־פאָרן פונעם שטעטל פאַר די לעצטע פופציק יאָר. מע האָט אויסגעזוכט אַלטע, פאַרגעלטע בריוו און פאָטאָגראַפיעס, נאָכאַמאָל מיט קאָפּ איבער־געלייענט דאָס האַלב־אָפּגעריבענע שרײַבעכץ, אַרויסגעשריבן נעמען און אַדרעסן. ווער עס האָט געקאָנט, האָט פאַרקויפט, וואָס עס איז געווען מעגלעך, וואָרעם קיינער האָט ניט געוואָלט קויפן, אַלע האָבן נאָר פאַר־קויפט און געזאַמלט געלט אַף אַ וועג אַ לאַנגן, ווי דער גאָלעס, און אַ שווערן, ווי קריִאַס־יאַם־סוף.

מע האָט גענומען שליסן קאָלערליי אָפּמאַכן אַפּן כעזשבן פון די קרוי־ווים. מאַקס צימעסמאַן האָט פאַרגעלייגט דער אַלמאָנע טראַכטערמאַן אַ גרויסע האַלוואָע מעזומען געלט, מיט אַ טנאַי, איר ברודער דזשאָנאַטאַן זאָל אים צושיקן אַ קוויטל מיט זײַן הערב, אַז ער וועט אים אומקערן דעם כויוו מיט דאָלאַרן, ווען ער, מאַקס, וועט קומען צו פאָרן קיין אורוגווײַ. ס׳איז נאָר אַ ווייטעק, וואָס קיינער האָט ניט געוואָלט קויפן די אָליאַרניע בא די צימעסמאַנס, ווײַל אַלציינס וועט מען זי נאַציאָנאַליזירן, ווען די באָלשעוויקעס וועלן קומען. מאַקס האָט שוין געהאַט בעדייע אָפּטרעטן זײַן כיילעק פאַר האַלב אומזיסט דעם ברודער. נויעך האָט אָבער אָנגע־שמעקט, וואָס זײַן טײַער ברודערל מיינט, און האָט געהייסן זשאַנען אײַ־בערגעבן געניען, אַז געניע זאָל איבערגעבן איר מאַן, אַז מע דאַרף ניט אַרײַנלייגן קיין פינגער אין מויל אַרײַן... זאָל זי אים איבערגעבן, אַז דאָס מאַזל איז ניט אין לאַמדאָנעס, נאָר אין סייכל. „און זאָל ער ניט מיינען, אַז אויב ער איז אַן אַדוואָקאַט אָן אַ מיטוואָך, טאָ וועט ער מיך קאָנען אַזוי גרינג אָפּשווינדלען...״

די קלאַנגען וועגן אַרויספאָרן זײַנען געוואַקסן, ווי אַף הייוון. און דאָס האָט נאָך מער אונטערגעטריבן. יעדערער האָט זיך געײַלט איבעריאָגן דעם צווייטן, וואָרעם ווער ווייסט, צי עס וועט קלעקן אָרט אין אורוגווײַ פאַר אַלעמען.

מע האָט געשמועסט, אַז אַלטער דער באַלעגאָלע האָט שוין פאַרקנאַקט זײַנע פערד, אַז פערעץ דער שוואַרצער האָט בישטיקע פאַרקויפט זײַן גראַמאָפאָן עפּעס אַ ייִדן פון אַן אַנדער שטעטל. פאַרוואָס בישטיקע? קעדיי ער זאָל ניט מוזן צערעכענען זיך מיט מענטשן פאַר זײַנע כויוועס, אַניט וועט אים גאָרנישט ניט בלײַבן אַף הויצאָעס קיין אורוגווײַ. גיוניע אײַזנ־בערג האָט גענומען פאַרלויפן דעם וועג ביירעש דובערן — ער כאַפּט זיך אָפּט אַרײַן צו ציפּע טראַכטערמאַן מיט דריבנע מאַטאָנעס. כאַים כאַוועס האָט אַרויסגעהאַנגען אַ מודאָע, אַז ער פאַרקויפט זײַן העלפט סאָד. יעזע־ריצקי אַרנאָלד אָסיפּאָוויטש פאַרמאַכט זײַן אַפּטייק און צווינגט זײַן זון, אַרקאַדין, דרינגנד נעמען שטודירן שפּאַניש. בענציע פּישער פאַרקויפט זײַנע שיפּלעך. ליבשטיין האָט אויפגעהערט אויפנעמען פּאַציענטן, ער האָט זיי געבעטן צוּוואַרטן אַ ביסל, וועט ער זיי, מירצעשעם, פּאַרפּלאָמבירן די

ציין שוין אין אורוגוויי. ייִסראָעל כאָנעס האָט אופגעהאַנגען א גרויסן שלאָס אפן כיידער, און די קינדער זײַנען נאָך קיינמאָל נישט געווען אזוי אופגעלייגט, ווי איצט.

עס קאָן זיך מאכן, אז די קלאַנגען זײַנען געווען היפש איבערגעטריבן. עפשער האָט עמעצער אפילע ספּעציִעל זיי צעבלאָזן. עפשער טאַקע דער זעלבער נויעך צימעסמאַן, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג געקוואָפּעט אף כאַיִם כאַוועס סאָד, קעדיי צו באַקומען פרײַען פּלאַץ אף צו פארברייטערן די אָליאַרניע. מיט מאקסן האָט ער אומיסטן געכיטרעוועט, קעדיי אויסדינגען בא אים וואָס וועלוולער זײַן העלפט. מאקס האָט דאָס באַלד אָנגעשמעקט און איז גלײַך אריבערגעגאַנגען פון „קלאָרע דיבורים” אף אָנצוהערעניש, ניט געזאָגט ניט יאָ, ניט ניין, מעגלעך אונטער דער ווירקונג פון זײַן ווײַב, געניען, וואָס האָט ניט פארגונען דער שיינער זשאַנען, אז זי זאָל פארבלײַבן די גאַנצע באַלעבאָסטע פון דער אָליאַרניע.

און ווען ניוניע אײַזנבערג האָט א פרעג געטאָן אַלטערן, פאַר וויפל מאַמטאַקים האָט ער פארמיסכערט זײַנע קליאַטשעס, איז דער באַלעגאָלע געוואָרן מאָלע־רעציכע און ער האָט אים מיט קאַס געוואָרנט, אז ער זאָל זײַן געהיט, און אויב ער וועט כאָטש נאָך איין מאָל אָנרופן זײַנע סוסים מיט די צעפּלאַטערטע גריוועס — „קליאַטשעס”, וועט ער אים אָפּרײַסן זײַן פּאָנפּעוואַטע נאָז.

— וואָס איז שײַעך די סוסים, איז זײַ וויסן, ניוניע, אז כ׳וועל גיכער פארקנאַקן דיך אײַנגעם מיט אַלע דײַנע נעקייוועס, איידער מײַנע ליבע סוסים!

אַלטער האָט אומיסטן א וואָרף געטאָן א שטיינדל אין ניוניעס „נעקייוועס”, ווײַל פערעץ דער שוואַרצער האָט שוין פון לאַנג ארויסגעלאָזט א פּליאָטקע, אז ניט אומזיסט איז ניוניע קראַנק אף דער נאָז. ניט אַנדערש, אז ער האָט טאַקע צו טאָן מיט זוינעס.

און נאָך האָט מען געפּלוידערט, אז אַליין רעפאָעל קרישטול מיט זײַן גאַנצער צעצווײַגטער מישפּאָכע, מיט די טעכטער, איידעמס און אייניקלעך קלײַבט זיך אין וועג ארײַן. ער וועט אוועקפאָרן, ווי נאָר ער וועט א ביסל אויסהיילן זײַן פּאָדאַגרע און פארקויפן זײַן צווײַשטאָקיקן מויער.

פון מויל צו מויל פלעגט מען דערבײַ איבערגעבן נאַכמען־בערס ווערטער, וועלכע ער האָט קלוימערשט ארויסגעבראַכט פארן טויט. „א שווידער, און א גרוב, און א פּעטליע. ווער עס וועט ארויס פון גרוב, וועט ארײַן אין דער פּעטליע...” איז אָט, קלײַבט זיך, בימכילע, אויס.

אָבער ער, נאַכמען־בער, איז געווען קעגן אורוגוויי. דאָרטן לעבט זיך צו רויִק, און אז מע לעבט צו רויִק, פארגעסט מען, אז ס׳איז דאָ א גאָט אף דער וועלט.

3

מײַן פאָטער ליגט אונטער א ווערבע ניט ווײַט פונעם טײַכל. דערנאָך וועל איך אים שטעלן א דענקמאָל. לעסאַטע איז די ווערבע — א דענקמאָל. די לאַנגע בייגעוודיקע צווײַגן זײַנען אראָפּגעלאָזט קימאַט ביז צו דער

ערד, און ווען איך וויל מיסיאַכעד זײַן זיך מיט מײַן טאַטן, הייב איך אונטער דעם גרינעם פאָרהאַנג, שאַר זיך אַרײַן אונטער זײַן פאַרטראַכטער שטילקײַט, און לאָז אים ווידער אַראָפּ, אָפּצאַמענדיק זיך אַזוי־אַרום פון דער גאַנצער וועלט. ניט ווײַט מורמלט מאַלאַ. ס׳איז אַ שטיל־מעכײַעדיק ווינקל, אַ גרינס, אַ שמעקנדיקס, און אַזאַ שיינס, אַז עס גלוסט זיך צומאָל אַרײַנוואַקסן מיט די פיס אין דער ערד, ווי אַ בוים מיט זײַנע וואָרצלען, קעדיי אָפּ אייביק בלײַבן דאָ אין אַ פאַרכאַלעמטער אומבאַוועגלעכקײַט, אָטעמען מיט ריינער דופטיקער לופט, דערנערן זיך מיט די זאַפטן פון דער ערד און זײַן באַנאַנד מיט דיר, טאַטע. כ׳האָב אויסגעקליבן אַ שיין אָרט פאַר דײַן קייווער, פאַרשאָטן דיך מיט פרישע קווייטן. עס וועט דיך פאַרוויגן שטענדיק דער טײַך־געמורמל.

איך געדענק, אַז איידער מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט דעם פאָטער אין קייווער, האָב איך זיך אַליין אַראָפּגעלאָזט פאַר אים אָף די קני, און לאַנג, זייער לאַנג, זיך אײַנגעקוקט אין די שטריכן פון זײַן פאַרגליווערט פּאָנעם, וואָס איז מיר געוועזן קימאַט פרעמד. ביזוואַנען ס׳איז געווען לעבעדיק, האָב איך ניט געהאַט די מעגלעכקײַט אײַנקוקן זיך. אַצינד ליגט ער אומבאַוועגלעך מיט זייער אַ בלייך פּאָנעם, זייער אַ דאַרס, אַ ביסל אַ גרינלעכס, מאַכמעס דעם וואָס אַלץ אַרום איז גרין, מיט אַ געזיכט, וואָס איז געווענדט צום הימל, — און איך האָב אַ קלער געטאָן, אַז איך האָב, ענדלעך, דערלאַבערט אַ טאַטן, איצטער וועט ער שוין קיינמאָל ניט אַוועק פון מיר. אָט ליגט ער דאָ־אָ, לעבן מיר, און ווען כ׳וועל נאָר וועלן, קאָן איך קומען צו אים, ווי מײַן באָבע קומט צום פאַרשטאָרבענעם זיידן.

דער פעטער אײַזיק האָט געטײַנעט, אַז איך דאַרף שוין אַוועקפאָרן קיין אורוגווײַ. אַניט וועט זײַן אַז־אָך־און־וויי אי מיר, אי דעם שטעטל, ווען דער שווינדל וועט זיך אופדעקן. ווען די באָבע האָט דאָס דערהערט, איז זי געוואָרן בלייך, ווי די וואַנט. זי האָט געבעטן דעם פעטער אײַזיק, ער זאָל זיך ניט אײַלן אַזוי. זי, די באָבע, וועט שוין אײַנגיכן שטאַרבן, איז זאָל ער שוין דעמלט אָפּשיקן מיך, וווהין ער וויל. אָבער קאָלזמאַן זי לעבט, וועט זי אים אויסבאַהאַלטן, נאָכעמקען. ס׳איז, דאַנקען גאָט, פּאַראַן ווו. אין קעלער. אָפּן בוידעם. אָפּן בעסוילעם. אין וואַלד... כ׳ווייס, פאַרוואָס די באָבע האָט זיך גענומען איבערעכענען די באַהעלטענישן אין אַזאַ סיידער. פאַר איר וואָלט געווען בעסער דער קעלער אָדער דער בוידעם, ס׳הייסט, לעבן זיך, אונטער איר פאַרטעך. אין ערגסטן פאַל — אָפּן בעסאַלמען. זי האָט דאָרטן אַ סאַנייגער, אַ סגולע פאַר גאָטס צאָרן — דעם זיידן.

איך האָב אָבער אויסגעקליבן דאָס וועלדל. דאָרטן איז פרײַ און גרין, און באַנאַנד — דער טאַטע אונטער דער לאַנגצווײַגיקער ווערבע. דאָרטן קאָן מען קלערן וועגן זײַן פון לעבן און וועגן אָקסאַנען. קיינער שטערט מיר דאָ ניט. דאָך ווערט מיר אָפּט טריב אָף דער נעשאָמע. דעמלט קום איך צום טאַטן פרעגן אַן אייצע. איך הער זיך צו צום גערויש פון די בלעטער, צום שאָרך פונעם גראָז, הער, ווי עס פּלאַצן קנאָספּן, און מיר דאַכט

זיך דעמלט, אַז איך הער קלוימערשט דעם טאַטנס פאַרענדערט קאָל און איך נעם אויסטײַטשן, וואָס דער ווינט, די קנאָספּן און דער גערויש פון די בלעטער באַטײַט.

4

כאָטש ס'איז געווען ווײַטלעך, פלעגט די באָבע צו מיר קומען. אוואַדע וואָלט איר בעסער געווען, ווען איר זון וואָלט געלעגן באַנאַנד מיטן מאַן אָפן בעסוילעם. זי איז, נעבעך, שלאַבעריק געוואָרן, מײַן באָבעניו. דאָס פּאָנעם בלייך, די האָר גראָוו. אַזויפיל איבערלעבונגען! אָבער וואָס קאָן מען טאָן? די באָבע האָט אויך שטאַרק ליב פעלד און וואַלד און פרייִשע לופט. שלעפּט זי זיך פּאַמעלעך צום זון און צום אייניקל.

דער שאַרפער ווייטעק האָט זיך אַ ביסל צוגעטעמפּט, די באָבע זיצט באַם גרינעם קייווער אַ רויִקע, און עפּשער האָט זי שוין ניט קיין קויעך צו ווייגען און יאָמערן. זי זיצט און דערציילט עפּעס געלאַסן מײַן טאַטן, וועלכן זי רופט יאָסעלע.

— יאָסעלע, — זאָגט זי, — געדענקסט, ווען דו ביסט געווען קראַנק אַף קאָקליוש...

די מײַסע ווייס איך אויך. די באָבע האָט מיר שוין אַמאָל דערציילט. ער האָט, נעבעך, אַזוי געהוסט, דײַן טאַטע, אַזוי מעסוקן געהוסט, מיט עפּעס אַ סווישטשעריי און ברעכערײַ, אַז אָט־אָט פאַרגייט ער זיך, און שוין. נאָר וואָס קאָן זי אָבער טאָן? לויפן צו טויבעסן? ער איז דעמלט נאָך געווען יונג, טויבעס, און זייער באַשיידן. האָט ער איר גלײַך געזאָגט, אַז די מעדיצין האָט ניט קיין סגולע צו קאָקליוש.

— איז וואָס איז דאָס, מישטיינסגעזאָגט, פאַר אַ מעדיצין? — האָט זי אַ דערצאָרנטע געפרעגט בא טויבעסן.

געפרעגט — און געלאָזט זיך ווידער אַהיים. און יאָסעלע הוסט און הוסט און פאַרגייט זיך. נעמט זי אים אַף די הענט און זאָגט:

— שאַ, קינד מײַנס, באַרויִק זיך. ווייסטו וואָס? כ'וועל דיר דערציילן אַ מײַסעלע, וועסטו פאַרגעסן הוסטן...

די מײַסע איז געווען ווי אַ מײַסע. מיט אַ בייזן קייסער — אַ קישעפמאַכער און מיט אַ מוסער־האַסקל.

ס'האָט געלעבט אַמאָל אַ ייִנגעלע, אַ שיבעניק, אַ האָזעניק, געטאָן וואָס ר'האָט געוואָלט, די מאַמע ניט געפאָלגט. זאָגט ער איינמאָל דער מאַמען:

— איך וועל גיין אין וואַלד אַרײַן.

פרעגט אים די מאַמע:

— וואָס עפּעס אינמיצקעדערינען?

— כ'וויל אַ זוך טאָן די שיינע וועסנע.

— הער אַ מײַסע! ווער זשע זוכט די וועסנע אינמיטן אָטיען? דער ווינטער וועט אַריבער, וועט זי אַליין צו דיר קומען.

ער אָבער — איינמאָל גיין. ער וויל ניט וואַרטן אַזוי לאַנג. דערלאַנג אים די וועסנע טייקעף־אומיִאַד — און שוין!

די מוטער רעדט אים אײַן, וואָרנט אים.

— גיי ניט, זונעלע, אין וואַלד אַרײַן. פאַראַן דאָרטן אַ קייסער — אַ קישעפמאַכער, און ווי נאָר אַ ייִנגעלע בלאָנדזשעט אין וואַלד, כאַפּט ער עס באַלד, וואַרפט עס אין דער אונטערערד, שרעקט עס מיט אַ שאַרפער שווערד, פּײַניקט און פּלאָגט, שטיקער רײַסט ער פון דעם און זאָגט: כ'וועל דיך מיימעסן אַזוי, ביזוואַנען טאַטע־מאַמע וועלן דיך ניט אויס־קויפן.

— נו איז וואָס? וועסטו מיך אויסקויפן.

— וואָס זאָגסטו, ייִנגעלע מײַנס! ס'אַזאַ שרעקלעכער אויסקויף! עס לאָזט זיך אַפילע ניט אויסרעדן...

דער קונדעס מאַכט אַ פּאָר גרויסע אויגן.

— דײַנע רייד געפעלן מיר ניט.

און ווי נאָר די מוטער האָט זיך געלייגט שלאָפן, איז ער אַנטלאָפן.

גייט ער און גייט. גייט און בלאָנקעט. אין פעלד איז העל, די ערד איז ווי באַדעקט מיט מעל, אין הימל שײַנט די לעוואָנע איינזאַם און בלייך.

ווי נאָר אָבער ער איז אַרײַן אין וואַלד, איז געוואָרן פינצטער און קאַלט. און דערצו האָט מיטאַמאָל דעם הימל באַדעקט אַ שוואַרצע כמאַרע. זי האָט אײַנגעשלונגען די לעוואָנע, ס'איז געוואָרן אויף דער וועלט שטאַרק פינצטער, ס'האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן, און ס'האָט אַ גאָס געטאָן אַ זליווע ניט אויף קאַטאָוועס. דעם ייִנגל איז געוואָרן שרעקלעך. וואָס טוט מען אָבער?

האָט ער זיך צוגעטוליעט צו אַ בוים און שטייט אַזוי פּיטש־נאַס און ציטערט. ווי נאָר ס'האָט ווידער אַ בליץ געטאָן, האָט ער דערזען עפּעס אַ סטראַשידלע. די האָר האָבן זיך באַ אים געשטעלט קאַפּויר: ניט קיין מענטש, ניט קיין בופלאַקס, און ניט קיין פּיפּערנאָטער, מיט הערנער מיט קרומע, און מיט אַ באָרד, ווי אַ סנאָפּ די לענג. די באָרד איז באַשאָטן מיט אויגן, ווי מיט בריליאַנטן. געוויס איז דאָס דער קייסער אַליין. וויל ער אַנטלויפן, דער שנעק, קאָן ער אָבער זיך ניט רירן פון אָרט. און דער קישעפמאַכער שטרעקט אויס צו אים זײַן האָריקע לאַפּע. צעווייינט זיך דאָס ייִנגל, צעשרײַט זיך. עס העלפט אים אָבער ניט. דער קייסער טוט אים אַ שלײַדער אַרײַן אין אַ נאַסער הייל און הענגט אויף אַ שלאָס אויף דער טיר, ווי אַ שווער געוויכט.

ווען ניט די מאַמע, וואָלט קיינער ניט דערהערט דעם ייִנגלס געשריי. כאַפּט זי זיך טייקעף אויף, די מאַמע, און לאָזט זיך לויפן צווישן דונערן און בליצן. זי לויפט און שרײַט: „קינד, מײַן טײַער קינד, ווו ביסטו אַצינד? האָב איך דיר דען ניט געזאָגט, אַז אין וואַלד איז געפערלעך? ווינד איז מיר און וויי! איך הער שוין ניט זײַן געשריי".

פּלוצעם דערזעט זי דעם קייסער — דעם קישעפמאַכער. פאַרנייגט זי זיך פאַר אים אַזש ביז צו דער ערד און בעט זיך באַ אים:

— גיב מיר אָפּ מײַן ייִנגעלע, מײַן טײַערס, גנעדיקער קייסער.

שטעלט ער אָן אָן אויף איר זײַנע קרומע הערנער:

— און וואָס פאַר אַן אויסקויף וועסטו מיר געבן?

— וואָס נאָר דו ווילסט.

— גוט, דו רעדסט צו דער זאַך. איז הער זשע מיך אויס: דו וועסט מיר געבן דײַן אויג, און איך גיב דיר אָפּ דײַן שנעקל. אָפּגעמאַכט?

בעט זיך באַ אים די מוטער מיט טרערן אין די אויגן:

— וואָס דאַרפסטו מײַן אויג, גנעדיקער האַר? וואָס דאַרפסטו אוועקנעמען באַ מיר גאָטס זונען־שײַן?

צעלאַכט ער זיך און צעדונערט זיך:

— וואָס שפּאַרסטו זיך מיט מיר, נאַרישע יידענע?! כ׳דאַרף, אַז דײַן אויג זאָל באַפּוצן מײַן שײנע באָרד. און פאַר דער זונען־שײַן וועט דיר סטײַען איין אויג.

האָט זיך די מוטער צעוויינט, אָבער וואָס קאָן זי טאָן, אַז אָט באַלד קרייעט שוין דער האָן, און דאָס קינד שרײַט ביטער אין דער הייל. איז זי געוואָרן גרין און געל.

— נעם, קוילער! אָבער דאָס לינקע.

— גוט. זאָל זײַן דאָס לינקע, — האָט אײַנגעשטימט דער קייסער.

די מוטער האָט אָנגעבויגן צו אים איר קאָפּ, און ער האָט מיט צוויי קרומע פינגער ארויסגעריסן באַ איר אַן אויג...

איך פרעג די באָבע:

— וואָס האָסטו געדאַרפט דערציילן יאָסעלען אַזאַ שרעקלעך מײַסעלע? ענטפערט זי מיר:

— ער האָט אָבער אופגעהערט הוסטן.

איך מיין אָבער, אַז זי וואָלט ניט געדאַרפט דערציילן דעם טאַטן קיין מײַסעס וועגן קייסאָרים — קישעפמאַכערס, וואָלט ער עפשער זיך ניט פאַרנומען מיט די דאָזיקע געשעפטן, וואָס האָבן פאַרשאַפט איר אַזויפיל צאַרעס און יעסורים.

— יאָסעלע פלעגט דיך ניט פרעגן, פאַרוואָס זײַנען אין די מײַסעלעך די קייסאָרים אַזעלכע שלעכטע, און די פרינצן און די פּרינצעסעס אַזעלכע גוטע.

די באָבע האָט אַזש אַן אויקע געטאָן פון גרויס פאַרוואונדערונג.

— יאָ, פונוואַנען אָבער ווייסטו דאָס?

— כ׳ווייס אַליין ניט, — האָב איך געענטפערט.

כ׳ווייס דאָס טאַקע ניט. עפשער האָב איך פּאַשעט געטראָפן. און עפשער בין איך שטאַרק געראָטן אין מײַן טאַטן.

— איז וואָס האָסטו אים געענטפערט, יאָסעלען?

אָנשטאָט אַן ענטפער מאַכט צו מיר די באָבע:

— ס׳איז ניט שיין רופן אַ טאַטן „יאָסעלע".

כ׳האָב אָפּ קיין האַר ניט באַליידיקט זיך אָפּ מײַן באָבעניו. פאַרקערט, כ׳האָב זיך דערפרייט. ווען זי הייבט אָן וואָרטשען, איז דאָס דער בעסטער סימען, אַז זי קומט צו־זיך. זאָל זי שוין בעסער וואָרטשען, איידער וויינען.

— לאָמיר עפשער שוין גיין אַהיים, באָבעניו?

— יאָ, נאָכעמקע. לאָמיר גיין. דו ביסט הײַנט אַזאַ...

— ס׳איז דיר ניט קאַלט? — שלאָג איך זי איבער. — דו ביסט אַזוי לאַנג געלעגן אָפּ דער פײַכטער ערד...

כ׳האָב אומיסטן איבערגעשלאָגן די באָבע, קעדיי ניט דערהערן ווידער־אַמאָל: „דו ביסט היינט אזא גוטער". זי האָט מיר שוין היינט דאָס איין מאָל געזאָגט. כ׳בין צופרידן, וואָס די באָבע איז צופרידן.

— ווילסט מיר געבן דיין בעקעשע? — פרעגט זי מיך מיט עפּעס א ליב ביינדל.

פּלוצעם בלייבט זי שטיין.

— וויאַזוי זשע וועסטו גיין אהיים? מע קאָן דיך דאָך דערזען.

— נישקאָשע, — בארויק איך זי. — מיר וועלן גיין מיט די הינטער־געסלעך. כאָטש דעם האָב איך זיך שטארק פארבענקט נאָך דיין הרעטשענער קאַשע מיט פאַסאָליעס.

דאָס איז שוין געווען מיין ביינדל. קיין בעסערן קאָמפּלימענט וואָלט מען ניט געקאָנט צוטראַכטן פאַר דער באָבען.

גייען מיר זיך אזוי, גייען און שווייגן. דערנאָך זאָגט זי:

— דער פעטער אייזיק באשטייט, אז דו זאָלסט באלד אוועקפאָרן.

— און ווי מיינסטו?

— כ׳ווייס שוין ניט, וואָס צו מיינען, — נאָר באלד כאַפּט זי זיך: — גיך וועלן זיך שוין אומקערן אונדזערע.

— איך קלייב זיך ניט פאָרן. אין ערגעץ ניט.

שטעלט זיך די באָבע אָפּ, פארייסט דעם קאָפּ צו מיר און זאָגט:

— איז אָפּגערעדט. פאָרסט ניט, און שוין. כ׳וועל שרייען אף דיר, כ׳וועל דיך זידלען און בעטן: פאָר אוועק, נאָכעמקע, באלד זאָלסטו אוועק־פאָרן און ראַטעווען דאָס לעבן! נאָר דו זאָלסט אלציינס ניט איינגיין. גוט?

גוט, מיין טייערע, מיין געטרייע באָבעניו! אָפּגערעדט. כ׳וועל ניט פאָרן אין ערגעץ ניט. כ׳וועל דיך ניט פארלאָזן.

איך רעד צו דער באָבען, און פאַר די אויגן דערזע איך א שטיבל באַם ראַנד פונעם וואלד, ניט ווייט פונעם טייך, און דאָרטן, אין דעם דאָזיקן שטיבל, לעבן מיר, גליקלעכע און רויִקע, אינדרייען: איך, אָקסאַנע און די באָבע. און מער דאַרף איך קיינעם ניט.

— גוט, באָבעניו. אוודאי. דו וועסט פאָדערן, שרייען, בעטן, און איך — איינמאָל ניין. כ׳פאָר ניט, און שוין. כ׳וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן, באָבעניו.

— אָט אזוי, קינד מיינס. אצינד וועלן מיר ניט מוירע האָבן פאַרן פע־טער אייזיק. איאָ?

די באָבע שיט מיט רייד. זי איז מונטער געוואָרן און האַפּערדיק — פון טויט לעבעדיק.

— ער, דער פעטער אייזיק, דייגעט אוודאי פאַר דיר, אז עס זאָל מיט דיר, כאָלילע, גאָרנישט ניט טרעפן. סיי־ווי איז אָבער בעסער האלטן זיך בא דיין שטיקל ערד. עס וועט דיך אָפּהיטן און א פריטולעק געבן. אף פרעמדער ערד ווערט מען גיכער פארפאַלן.

איך האָב געהערט די באָבע און האָב געטראַכט זיך מיינס, געזען פאַר די אויגן דאָס אויסגעטרוימטע שטיבעלע, וואָס שטייט צווישן וואלד און טייך...

— וויפל ביסטו אלט געווען, ווען דו האָסט כאַסענע געהאַט? — פרעג איך די באָבע.
ווערט זי אויסדע שטארק פארוואונדערט.
— וואָס איז דען? וואָס עפּעס אײַנמיצקעדערינען?
— ענטפער מיר, באָבעניו. וואָס ארט דיך?
— זעכצן.
— נו, און איך בין אויך אַלט זעכצן. דאָס זיבעצעטע אפילו.
— איז וואָס?
„איז וואָס?" גאָרנישט. אף דער צונג ליגט — „אָקסאַנע". איך שעם זיך אָבער אויסריידן. ניט נאָר פאר דער באָבען. פאר זיך אליין שעם איך זיך אויך.
די באָבע האָט א רוף געטאָן דאָס פאסטעכל, וואָס האָט דאָ געפּאַשעט זײַן ראָבע קו. די קו האָט פאריסן דעם קאָפּ. זאַפטיקע גרעזעלעך זײַנען אראָפּגעהאנגען פון אירע ווייכע ליפּן. זי האָט געקוקט אף אונדז רויק מיט אירע גרויסע אויגאנעס. דאָס פאסטעכל איז צוגעגאנגען. די באָבע האָט אים עפּעס אײַנגערוימט אין אויער. און טאַקע באַלד איז פאַרגעקומען א מאַסקאַראַד. איך האָב אים געגעבן מײַן בעקעשע, און ער מיר — זײַן לײַוונטן רעקל, א צעקנייטשטס, א ברודיקס, מיט א סאך פאַלדן און מיט איין קנעפּל, און פּונקט אזא צעקנייטשט היטל מיט א צעריסענעם דאַשעק.
איך האָב אָנגעפּרענדעט אף זיך דאָס רעקל און דאָס היטל. די קו האָט פאַרכידעשט א מעקע געטאָן און געלאָזט זיך גיין נאָך מיר.
די באָבע האָט זיך צעלאַכט.
היטאמאָל טוט זי א זאָג:
— אָקסאַנע איז א ווויל מיידל. זי געפעלט מיר.
נעם איך ארום די באָבע און הייב זי אָן צו קושן. אזעלכס האָט געטראָפן דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן.

5

ווי נאָר מיר זײַנען געקומען אהיים, האָב איך אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פאסטעכס רעקל און דאָס היטל. די באָבע האָט פאַרהאַנגען די פענצטער, אז קיינער זאָל מיך, כאָלילע, ניט דערזען. מיר האָבן זיך געסטאַרעט דורכגאַנוועגען אומבאַמערקט, נאָר ווי עס טרעפט געוויינלעך אין אזעלכע פאַלן, שטויסטו זיך דאַפקע אָן אף דעם, וואָס איז אמערסטן אומגעוואונטשן. ניט ווײַט פון דער בריק איז געזעסן באַם טײַך אף אײַנגעבויגענע קני עפּעס א מענטש און געוואַשן די הענט.
א פאַרשמאָלצן רעקל, גראָבע, ווי פאַרייכערטע, הענט... א־האַ! ס'איז דאָך נויעך צימעסמאַן. האָב איך טיפער אָנגערוקט דאָס היטל איבערן שטערן.
א פּראַצעוויטער איז ער געווען, מע קאָן ניט לייקענען, אָ־דער נויעך. דאָס האָט אָנערקענט אפילו זײַן ברודער מאַקס.

געקומען אהיים, האָט די באָבע זיך גלײַך צוגעלייגט. אַן אויסזען האָט זי געהאַט ניט קיין וואַזשנע. איך האָב איר דערלאַנגט דעם טערמאָמע־טער. דאָס איז אויך געווען דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן. די באָבע האָט אָפּגעשטויסן מײַן האַנט. האָב איך איר געזאָגט דאָס, וואָס זי פּלעגט מיר זאָגן אין אַזעלכע פאַלן:

— וואָס אַרט דיך, אַז דו וועסט שטעלן דעם טערמאָמעטער, וואָס? ניטאָ קיין היץ, דאַרף מען ניט. וואָס', וועסט עפּעס דערלייגן צום גע־שעפט?

די באָבע האָט אַ שמייכל געטאָן, אַרײַנגערוקט דעם טערמאָמעטער אונטער דער פּאַכווע פּונקט מיט אַזאַ נאַכלעסיקער טנועה, ווי איך פּלעג דאָס טאָן. מיר האָבן זיך פּאַשעט געביטן מיט די ראָלן.

איך האָב דערהערט, ווי עמעצער זינגט אין שטוב. האָב איך שטרענג אָנגעזאָגט דער באָבען, אַז זי זאָל ניט אַרויסנעמען דעם טערמאָמעטער, ביזוואַנען איך וועל זיך ניט אומקערן אָדער ביזוואַנען דער גרויסער זייגער־ווײַזער וועט זיך ניט אָפּשטעלן אויף דער ציפער 8, און זיך געלאָזט גיין אין צווייטן צימער.

סאָניע איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם שפּיגל און געזונגען. געזונגען האָט זי שטאַרק פאַלש.

— עס געפעלט דיר די טאַנגאָ? — טוט זי מיך אַ פרעג. — ס'איז אַ נײַע אַרגענטינער טאַנגאָ. דו ווייסט דאָך, אורוגווײַ געפינט זיך באַנאַנד מיט אַרגענטינע. און אַלע טאַנצן דאָרטן טאַנגאָ.

אַלע טאַנצן טאַנגאָ! מע פאַרנעמט זיך מיט קיין זאַך ניט, מע טאַנצט טאַנגאָ פון אינדערפרי ביז אָפּדערנאַכט.

אויב אַלע אין שטוב גרייטן זיך פאָרן קיין אורוגווײַ, קאָן דען סאָ־ניעטשקע אָפּשטיין? גרייט זי זיך אויך. נאָר אויף איר אויפן. זי לערנט זיך טאַנצן טאַנגאָ.

באַלד וועט זי מיך פרעגן, סאָניע, וועגן דער לעצטער אורוגווײַער מאָדע אויף זומער־קליידער און וואָס פאַר אַ פריזור טראָגן יונגע פאַרהיי־ראַטע פרויען אין אורוגווײַ?

בין איך איר פאַרלאָפן דעם וועג, סאָניען, און כ'האָב איר געזאָגט, אַז די באָבע איז קראַנק געוואָרן.

— יאָ־אָ? — פרעגט זי מיך איבער מיט אַ טאַנגאָ־ניגנדל, דרייענדיק זיך קעגן דעם שפּיגל.

זי איז אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין שפּיגל. זי הערט פּאַשעט ניט, וואָס איך זאָג איר. זי שפּאַצירט שוין אין אירע געדאַנקען איבער די רוישיקע יאָמטעוודיק פאַרפּוצטע מאָנטעווידעאָ־פּראָספּעקטן.

— הער אויף פישטשען! — טו איך אַ געשריי אויף איר. — די באָבע איז שלאַף. זי ליגט.

— וואָס זשע האָסטו מיר פריִער ניט געזאָגט? — צעבייזערט זיך סאָניע און לויפט גלײַך אַוועק צו דער באָבען.

לויף איך איר נאָך, נעם צו בײַ דער באָבען דעם טערמאָמעטער און שרײַ אויס, פּונקט ווי די באָבע אין אַזעלכע פאַלן:

— ווײ איז מיר! אַכט און דרײַסיק מיט דרײַ!

סאָניע נעמט בעשאָסמײַסע אַרום די באָבע און רוימט איר עפּעס אײַן אין אויער. דערנאָך טוט זי אַ קאָמאַנדעווע:

— לויף גיך נאָך טויבעסן!

די באָבע דערווידערט.

— ס׳איז דען היץ, אכט און דרײַסיק?! כ׳האָב געהאַט אַ סאַך מאָל מער, און גאָרניט!

און סאָניען האָט די באָבע געזאָגט:

— געוווין זיך צו. וועסט אָפּלעבן אַ לעבן, ווי איך, וועסטו נאָך האָבן קאַלטס און וואַרעמס.

כ׳ווייס ניט, וואָס סאָניע האָט אײַנגערוימט דער באָבען. כ׳קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן לויט דער באָבעס ענטפער. אַצינד זיצט זי, סאָניע, אָפּן בעט. די באָבע האָט אונטערגעצויגן די פיס, אַז סאָניעטשקען זאָל זײַן באַקווע־מער. זי זיצט, סאָניע, מיט אַן אָנגעכמורעט פּאָנעם, אַט־אַט צעכליפּעט זי זיך. פון געלעכטער ביז געוויין איז בײַ איר איין שפּאַן.

— כ׳גיי צו טויבעסן.

צעברויגעזט זיך די באָבע ניט אָף קאַטאָוועס.

— וועסט אין ערגעץ ניט גיין! וואָס ביסטו צו מיר צוגעשטאַנען מיט דײַן טויבעסן! הער נאָר אַ ביסל! כ׳האָב אָפּגעלעבט אָף דער וועלט זיב־עציק יאָר און זיך באַגאַנגען, דאַנקען גאָט, אָן טויבעסן. וואָדען!

סאָניע האָט גלײַך פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו מיר, צו דער באָבען, און האָט זיך אָפּגעטראָגן.

— נאָכעמקעס! — האָט מיך די באָבע אַ רוף געטאָן.

כ׳בין צוגעגאַנגען צום בעט.

— האָסט עפּעס געוואָלט?

— גיב מיר די פאָטאָגראַפיע.

זי האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצוריידן, ווי איך האָב זיך שוין אָנגע־שטויסן, נאָך וואָס דאַרף זי די פאָטאָגראַפיע. זי וועט זיך נעמען אויס־מעקן מײַן טאַטן פונעם צעטל פון די לעבעדיקע.

— מ׳דאַרף ניט, באָבעניו.

— וואָס דאַרף מען ניט?

— דאָס, וואָס דו קלײַבסט זיך טאָן.

— כ׳האָב דאָס שוין לאַנג קימאַט אָפּגעטאָן. ווי נאָר ער איז אוועקגע־פאָרן.

— פאַרוואָס?

— אַמעריקע איז אַזוי ווײַט, אַזוי ווײַט... ס׳איז אַלציינס, ווי יענע־וועלט.

— איז נאָך וואָס דאַרפסטו די פאָטאָגראַפיע?

— כ׳וויל אַ קוק טאָן אָף אים. געזעגענען זיך.

— דו האָסט דאָך שוין געזעגנט זיך.

— כ׳האָב דאָך אָבער אים ניט געזען.

דערלאַנג איך דער באָבען די פאָטאָגראַפיע.

זי האָט אָפּגעווישט פון איר דעם שטויב מיטן עק טיכל. עטלעכע מאָל האָט זי איבערגעפירט איר בליק פונעם בילד אָף מיר און צוריק.

— זעץ זיך אנידער לעבן מיר.

כ׳האָב זיך אנידערגעזעצט אפן אָרט, וואָס האָט נאָך געשמעקט מיט סאָניען.

— זעסט שוין אויס, ווי א רעכטער מאנצבל. ווען איז דאָס געשען? כ׳האָב אפילע ניט באמערקט. דער טאטע מיט די ביינער. נאָר א בערדל פעלט נאָך אויס. און שרײַבסט אף מיר אויך ווי א רעכטער מאנספּארשוין. ווי א שטוב־באַלעבאָס.

די באָבע האָט ארופגעלייגט איר האנט אף מײַן קאָפּ.

ס׳איז געווען עסרעג יויסעף.

איצטער איז עסרעג נאָכעם.

ניט נאָכעמקע, נאָר נאָכעם.

דאָס לעבן גייט פאָרויס.

6

אף די שפּיץ פינגער, קעדיי ניט אופוועקן די באָבע, האָב איך זיך ארויסגעגאנוועט און בין ארײַנגעגאנגען אינעם פעטערס צימער. איך בין געבליבן שטיין פריטשמעליעט: דער פעטער אײַזיק איז שווײַגנדיק גע־שטאנען אנטקעגן דער פוסטער שאפע, און טרערן האָבן געקאפּעט פון זײַנע אויגן.

מאכמעס דעם, וואָס דער שראנק איז געווען ליידיק־פּוסט — וואָלט כאָטש איין ביכל פארבליבן! ניין! גאָרניט! איך האָב געהערט די צײַנקריצערײַ פונעם פעטער אײַזיק, ווען ער האָט געשלײַדערט די לעצטע ביכער לײַי־באָוויטשן אין פארצעף ארײַן — נאָ! נאָ! נאָ! פרעס מײַן לײַב! טרינק מײַן בלוט! איז אָט, מאכמעס דעם, וואָס די פּאָליצעס זײַנען געווען פּוסט־פארוויסט, האָט די שאפע אויסגעזען עפּשער צוויי מאָל גרעסער. און דער פעטער אײַזיק איז געשטאנען אנטקעגן איר, אן אײַנגעהויקערטער, אן אײַנגעשרומפּענער, א נעבעכדיקער, געשטאנען און באוויינט זי. האָב איך באקומען ראכמאָנעס אף אים. וואָרעם פארן פעטער איז די ליבע צו די ביכער דאָס זעלבע, וואָס בא מיר די ליבע צו אָקסאנען. איך אליין האָב געזען, ווי ער גלעט מיט זײַנע דינע נערוועזע פינגער די געפּרעסטע רוקנס פון יעדער בוך. אמאָל פלעגט ער צעעפענען א בוך און קושן די שארבלעטער.

כ׳ווייס ניט, פארוואָס די באָבע האָט פּלוצעם אנטפּלעקט, אז איך בין געוואָרן א מאנספּארשוין. די צײַט אײַלט, און צוזאמען מיט איר אײַלן מיר אלע. נו, און איך אויך. עס זעט אויס, אז איך האָב אָנגעהויבן ווײַ־ניקער פארנעמען זיך מיט זיך אליין און מערער מיט אנדערע. כ׳הייב אָן בעסער פארשטיין מענטשן, אומבאמערקט פאר זיי גאנווע איך זיך אמאָל ארײַן אין זייערע נעשאָמעס און בין בוידעק, ווי דער דאָקטער טויבעס דעם פּולס, דעם ריטם פון זייערע הארצקלעמענישן. כ׳קאָן ניט זאָגן, ווען פּינקטלעך איז פאָרגעקומען דער דאָזיקער איבערבראָך. עפּשער נאָך דעם, ווי כ׳האָב געגעבן די שוווע. און עפּשער גאָר אצינד, אין דער־אָ ווײַלע,

האָב איך פּלוצעם אַנטדעקט, אַז בא יעדן מענטשן פאַרהיט זיך ערגעץ טיף פאַרבאָרגן עפּעס גוטס, עפּעס איידלס.

איז אָט שטיי איך אַצינד שטיל, מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם. צווישן מיר און דעם פאַריאָסעמטן שראַנק שטייט דער פעטער אײַזיק, ווי אַן אַלמען, מיטן רוקן צו מיר.

— איך האָב צו אײַך אַ פראַגע, פעטער.

דער פעטער האָט אַ צאַפּל געטאָן. ער איז ניט כּוישעד געווען, אַז הינטער זײַן רוקן שטייט עמעצער. ניט אומקערנדיק זיך צו מיר (קעדיי די פּײַכטקײַט אף די באַקן זאָל באַווײַזן אויסטריקענען זיך), האָט ער געזאָגט:

— פרעג.

— פאַרוואָס האָט דער פילאָסאָף זיך אויסגעדריקט אַזוי: „וואָס האָט זיך אײַנגעקאַרבט אין זיי לעשעם דעם לעבן"?

— דו מיינסט די אַגאַווע־בלעטער?

— יאָ, פעטער. די שטעכיקע אַגאַווע־בלעטער.

איצטער האָט דער פעטער אַ קער געטאָן זיך צו מיר און געפרעגט מיך נאָר מיט די אויגן:

„ווילסט מיך טרייסטן?"

אַלנפאַלס, האָב איך אים אַזוי פאַרשטאַנען.

אינדערהייך, ווידער, האָט ער אַרויסגעבראַכט:

— דו געדענקסט, ווי זי איז געשטאַנען אָט אָ־דאָ, אַפן טיש, באַם אָפּענעם שראַנק, און געווישט דעם שטויב פון די ביכער?

ער האָט גערעדט צו מיר, ווי צו אַ דערוואַקסענעם. ער האָט זיך געטיילט מיט זײַנע ספּייקעס, מיט זײַן ביטער האַרץ. מיט מיר? יאָ, מיט מיר. פאַרוואָס ניט? ער האָט אוודע אויך באַמערקט אין מיר אַן ענדערונג. טויג דאָס ניט, הייסט עס, שמועסן איצטער מיט אים, ווי געדאַליע קויהען, ווי אַ טאַלמיד מיט זײַן רעבן, איך — אַ פראַגע אַ טמימעסדיקע, און ער — אַן ענטפער פון אַ כאָכעם. ניין. אַצינד פאַרגיט ער אַליין פראַגעס. איינע — געדאַנקלעך: „ווילסט מיך טרייסטן?", אַ צווייטע — אַף אַ קאָל: „דו געדענקסט, ווי זי איז געשטאַנען אָט אָ־דאָ, אַפן טיש, באַם אָפענעם שראַנק, און געווישט דעם שטויב פון די ביכער?" ענטפערן, ווידער, מוז איך. מיר האָבן זיך אויך געביטן מיט די ראָלן.

די דאָזיקע געדאַנקען אָבער זײַנען געקומען שפּעטער. די ערשטע מאַכשאָווע איז געווען אַן אַנדערע. ניט די טויטע ביכער באַווײַנט ער, נאָר פאַניען, די טויטע פאַניע, וואָס האָט נאָך געלעבט אין באַוווסטזײַן פון איר פאָטער.

ראַיוינעס האָבן זיך געטראָגן און געפינקלט, ווי בליצן. האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פאַר איינעם — האַלט זיך נאָר פאַרן עמעס! פאַרן האַרבן טראַגישן עמעס. דאָס וועט זײַן דער ריכטיקסטער וועג. און עפּשער אַ טרייסט אויך.

— כ'געדענק. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ קלייד.

— יאָ. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ קלייד. ס'איז עמעס.

— איר האָט איר געזאָגט: „פון אַזאַ הייך קאָן מען זיך ניט דערהאַר־

גענען. אויב דו ווילסט באגיין זעלבסטמארד, איז פאראן מער זיכערע אויפאנים. ווינשנסווערט, אז דאס זאל ניט געשען אין דער היים. גלײַכער ערגעץ־ווו אין אן אנדער ארט. וואס ווײַטער פון קאפין...״
— יא, ס׳איז עמעס. כ׳האב דאס געזאגט.
— אין וואס אבער איז באשטאנען איר זינד? כ׳מיין, קעגן דער נאטור?
— „קעגן דער נאטור?..״ פון וואס פאר א נאטור רעדט איר?
אין זײַן שטים האט זיך דערהערט אן איראניש ניגנדל. דאס טויג ניט. ווארעם דאס הייסט, אז דער אומעט־צויבער, וואס מאכט הערצער ווייך, הייבט זיך אן אויסוועפן. כאָץ דעם האט ער פארפירט א וויקועך אפאנעם ניט מיט מיר, נאר מיט עמעצן, עפעס אן אומזעעוודיקן, וואס שטייט הינטער מײַנע פלייצעס און וועלכן דער פעטער אײַזיק אירצט. „פון וואס פאר א נאטור רעדט איר?״
די דאזיקע שפירונג איז געווען אזא שטארקע, אז איך האב זיך גע־מוזט אומקוקן. האב איך דערזען א פוסטקײַט.
— מיר זײַנען דאך ניט קיין בעהיימעס...
איך האלט זיך אײַן. אויב איך האב שוין יא איבערגעטראטן איבער דער קינדהײַט און געווארן א מאנספארשוין, איז צוריק דער וועג פאר־צוימט — הינטערן רוקן שטייט א שלאגבוים, וועלכער וועט שוין אייביק זײַן אראפגעלאזט. האב איך פארטריבן דעם ווידערגעפיל און א פרעג געטאן דעם פעטער פאשעט און אפן:
— איר האט דען ניט קיין כאראטע?
כ׳האב זיך געקאנט מעשאער זײַן, אז אין דעם פעטערס אויערן וועט אזא פראגע דורכדונערן האזעדיק. נאר אויב ער שמועסט מיט מיר, ווי א גלײַכער מיט א גלײַכן און ניט ווי א רעבע מיט זײַן טאלמיד, איז דאס דאך ניט קיין פראגע פון עפעס א פערזענלעכער באליידיקונג.
דער פעטער האט געענטפערט:
— עס גייט ניט אין דעם, צי איך האב כאראטע, צי ניין...
— איז אין וואס גייט עס? — פרעג איך ווידער פאשעט, אפן און פאר־אקשנט.
דער פעטער מאכט א טראט אין א זײַט:
— איך האב די געזעצן ניט אײַנגעשטעלט. ניט איך.
נאך אין א ווײַלע ארום וועט ער זאגן: — מײַן פאטער האט מיך אזוי ניט דערצויגן.
פארלויף איך אים דעם וועג און פרעג אזוי, ווי גרישע וואסערבער וואלט געפרעגט אין אזעלכע אומשטענדן:
— פארוואס ענטפערט איר מיר ניט גלײַך?
דער פעטער פארפרעסט מיט א מערקבארער אנשטרענגונג זײַנע בלאווילעכע ליפן. דערנאך זאגט ער:
— יא. כ׳האב כאראטע.
דאס איז שוין עפעס אנדערש. כ׳האב דערפילט א פארלײַכטערונג. הייסט עס, ס׳איז עמעס. כ׳מיין, מײַן האשארע. זוכט, וועט איר אין יעדן מענטשן געפינען עפעס גוטס... און ווען איך האב שוין באגריסט דעם זיג, ניט איבערן פעטער, ניין, נאר איבער מײַן אייגענעם אומגלויבן, האט

דער פעטער אײַזיק פּלוצעם אַ ליאַפּע געטאָן אַף מיר אַ שטראָם אײַז־קאַלטע וואַסער.

— יאָ. כ'האָב כאַראַטע. אָבער ניט איבער דעם, וואָס דו מיינסט. נאָר ווײַל ס'האָט מיר ניט געקלעקט קיין ווילן צו באַשטיין אַף מײַנעם.

ער האָט אָפּגעטראָטן אַף עטלעכע טריט, קעדיי עס זאָל אים זײַן באַקוועמער אַ מעסט טאָן מיך מיט אַן איראָנישן קוק, און פאַרגעזעצט:

— און אין וואָס אייגנטלעך באַשולדיקסט איר מיך, יונגערמאַן? כ'האָב געדאַרפט, הייסט עס, טאַנצן און פרייען זיך, וואָס מײַן טאָכטער האָט...

— ניט פרייען זיך, נאָר פאַרשטיין.

— ס'איז ניט דײַנע ווערטער. האָסט זיי צוגעגאַנוועט פון מײַן ביכער־שראַנק. כ'וואָלט טאַקע געוואָלט כאַפּן אַ קוק, ווי דו וועסט פאַרשטיין, ווען דו וועסט האָבן אַ דערוואַקסענע טאָכטער...

כ'האָב אים אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן. די פאַרגאַנגענהײַט אינטערעסירט מיך ניט. און צו וואָס פאַרשווערכן פּאַניעס אָנדענק?

— ווען איך וועל האָבן אַ דערוואַקסענע טאָכטער, וועט זײַן אַן אַנדער געזעלשאַפט. און אַנדערע אָנשויונגען. קיין איין פאָטער וועט דעמלט ניט...

אַצינד שלאָגט דער פעטער מיך איבער.

— וואָדען! מיר האָבן דען ניט געהערט? אוואַדע האָבן מיר געהערט. לאָזט די ליבע גיין, ווי זי וויל, וועט זי אַליין געפינען אירע נאַטירלעכע געזעצן... הער נאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן. אין צוואַנציק יאָר אַרום וועל איך אופשטיין פונעם קייווער. אומיסטן וועל איך אופשטיין, קעדיי צו איבערצײַגן זיך, צי דו וועסט בעעמעס דערלויבן דײַן טאָכטער דאָס, וואָס דו פּלוידערסט איצט.

מיר האָט זיך ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיטן צערייצטן פעטער, האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— איר זײַט געווען ווען־ניט־איז פאַרליבט?

דער פעטער האָט געקוקט אַף מיר מיט גרויסע אָפענע אויגן, מיט אַן אָפן מויל — כ'האָב דערזען זײַנע דריבנע, מאַטעווע און טרוקענע ציין. וואָס איז געשען? וואָס האָב איך אים אַזוינס געפרעגט?

דער פעטער שווײַגט, נאָר איך שטיי ניט אָפּ פון אים.

— איר האָט אַמאָל ליב געהאַט די מומע באַסיע?

— הערט נאָר איר, יונגערמאַן איינער! לאָמיר בעסער פאַרענדיקן דעם דאָזיקן געשפּרעך. וועגן וואָס פאַר אַ ליבע רעדסטו?

ערשט דעמלט האָב איך אים אײַנגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון ליבע־מוסטערן. „ראָמעאָ און דזשוליעטע". „די ליידן פונעם יונגן ווערטער". „רויטס און שוואַרצס", „דער גראַנאַט־בראַסלעט"... און נאָך און נאָך. כ'האָב געוווּסט, אַז אָפּן פעטער קאָנען מאַכן אַן אײַנדרוק נאָר די מוסטערן, וואָס שטאַמען פון ביכער. אַ ליבע, וואָס איז פאַרשלאָסן אין אַ שראַנק. מאַכמעס דעם האָט מיך פאַרוווּנדערט דער גלײַכגילטיקער אויסדרוק פון זײַן פּאָנעם. אַ טריב פּאָנעם, נאַכלעסיק אָפּגעגאָלט, מיט צוויי שטיקעלעך פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, צוגעקלעפּטע מיט פאַרטריקנט בלוט צו די שניטן אַף דער באַק און אָפּן קין.

— פעטער, איר האָט ניט געווינט, ווען איר האָט געלייענט די דאָזי־קע ביכער?

ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איך האָב זיי ניט געלייענט.

— וואָס הייסט, ניט געלייענט? אפילו איך האָב שוין באוויזן איבער־לייענען זיי...

— דו ביסט דאָך שוין זעכצן יאָר אלט. און איך — נאָר פינף און פערציק.

דער דאָזיקער מענטש איז באשטאנען פון ניינציק פּראָצענט איראָניע און פון צען פּראָצענט — לאנגע ברעמען, גרויע ליפּן און פארוועלקטע אויגן, וואָס זיינען אָפּגעצוימט פון דער וועלט מיט קאלטע פענסנע־גלעזלעך.

— נאָר איר זענט דאָך אמאָל אויך אלט געווען זעכצן יאָר!

— יאָ. פארשטייט זיך. איך בין אָבער אלט געווען זעכצן, ווען מיר איז געווען צען. און דעמלט האָב איך ניט געקאָנט לייענען ניט שעקספּירן, ניט געטען, ניט סטענדאַלן, ניט קופּרינען. איך האָב דעמלט אייפערדיק שטודירט ישעיהן, ירמיהון, יחזקאלן, קוהעלעסן.

— צווישן ישעיהן און קוהעלעסן איז דאָך אָבער געווען שיר־השירים אויך.

— געווען. וואָדען, אוודאי געווען. מע האָט מיך אָבער געלערנט, אז עס רעדט זיך דאָרטן ניט וועגן ערדישער ליבע, ווי, אשטייגער, בא דיר מיט יענער־אָ, ווי רופט מען זי, אָקסאנע, דאכט זיך. נאָר וועגן א הימל־ליבע, א רוחניעסדיקע, צווישן גאָט און זיין געליבט פאָלק.

— נו, און שפּעטער? איר האָט דאָך געקאָנט שפּעטער א לייען טאָן...

— צוליב וואָס? כ'האָב שוין געהאַט דעמלט א ווייב. דיין מומע באסיע.

— הייסט עס, אז די ליבע האָט זיך געענדיקט, ווי נאָר איר האָט כאַ־סענע געהאַט?

— זי האָט זיך עפּשער אפילו ניט אָנגעהויבן...

— דאַרף איך, הייסט עס, מאַכן אן אויספיר, אז דער שידוך איז גע־ווען צוליבן נאַדן?

ער אָבער — גאָרנישט. ניט באַליידיקט זיך אפילו אף קיין האָר.

— ס'איז ניט אינגאנצן אזוי. ניט אזוי, אשטייגער, ווי בא ניוניע אייזנבערגן. ער, פארשטייט זיך, האָט זיך ניט פארליבט אין דער אלמאָנע טראַכטערמאַן מיט איר רייכן נאַדן, וואָס באשטייט פון צוויי קינדער. דאָרט איז הוילער כעזשבן, און מער גאָרניט. זי, ציפּע טראַכטערמאַן, וועט אים ברענגען קיין אורוגווייַ און וועט אים פאַרבינדן מיט איר ברודער, מיט דזשאָנאַטאַנען, וואָס האָט אן אייגענע פירמע, א סימען — דער שטעמפּל אָפן בריוו. בא מיר, ווידער, האָבן ניט געקאָנט זיין אזעלכע כעזשבוינעס.

— וואָס דען?

דער פעטער אייזיק האָט א פינקל געטאָן מיט די פענסנע־גלעזלעך.

— „וואָס דען?" — האָט ער מיר נאָכגעקרימט, — וואָס פארא אויסרע־כענונגען האָבן געקאָנט בא מיר זיין? עפּשער דער שיינער נאַדן, וואָס באסיע האָט מיר געבראַכט? צי עפּשער האָט מיך פארפירט די שיינע

מישפּאָכע, וואָס באַשטייט פון איינע פאַנטאַזיאָרן, רעוואָליוציאָנערן און מעשוגאָים?

ניין, מײַן פעטער איז איצט ניט ענלעך געווען אף א „הער לערער", וואָס איז אויסגעהאַלטן, באַדאַכט, געמאָסטן, וואָס האַלט זיך בעקאָוועדיק, מיט זעלבסטווירדע. ניין. אַנטקעגן מיר שטייט און קאָכט זיך א קליינ־שטעטלדיק־באַגרענעצט יידל, וואָס שפּריצט מיט סלינע און מיט קוויטשי־קע ווערטער און פירט מיט מיר א געשפּרעך װעגן ליבע.

מיט גאַל, וואָס כ׳האָב אין זיך אפילע ניט כוישעד געווען, האָב איך געזאָגט:

— די מומע באַסיע האָט אויך געהאַט א ברודער אין אַמעריקע...

דער פעטער אײַזיק האָט זיך צעלאַכט.

— א ברודער?! א פײַנער ברודער, מישטיינסגעזאָגט. א פּוסטער פאַנ־טאַזיאָר...

— פאַרשווערכט ניט דעם אָנדענק פון מײַן פאָטער. ער האָט דאָך גע־ראַטעוועט...

— קיינער האָט אים ניט געבעטן, אז ער זאָל ראַטעווען. שוין איינמאָל א ראַטיוואָניק! אַלע צאָרעס זײַנען איבער אים. קאָנסט א פרעג טאָן דײַן באָבען, אויב דו גלייבסט מיר ניט.

— נו, פאַרשטייט זיך. אזא שוואַגער טויג אײַך ניט. איר דאַרפט אזא מין, ווי דזשאָנאַטאַן טראַכטערמאַן.

— וואָס איז? אויב דו ווילסט וויסן, איז ניוניע שוין ניט אזא מין ניוניע. ער טוט ריכטיק, קלוג, כ׳האָב אפילע ניט דערוואַרט פון אים אזע־לעכס. וואָס וואָלט איך נאָר ניט געגעבן, קעדיי אַרויסרײַסן זיך פונדאַנען. זאָל זײַן אורוגווײַ, זאָל זײַן אַרגענטינע, ווו דו ווילסט, אַבי ניט דאָ...

— אַבי ניט דאָ, — האָט ער ווידער איבערגעכאַזערט אין א צײַט אַרום. וואָס האָב איך אים געדאַרפט ענטפערן?..

מיר זײַנען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, און צווישן אונדז איז געווען א טהאָם.

איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט א געשריי טאָן איבערן טהאָם:

— זיסער ניטאָ אף דער וועלט פון א פאָטערלאַנד...

דערנאָך האָב איך זיך מעיאַשעוו געווען. סײַוויסײַ וועט ער ניט דער־הערן, ווי הילכיק כ׳וואָלט צו אים ניט געשריגן.

עס גייט אין דעם, אז כ׳האָב געהאַט א טאָעס. מיר זײַנען ניט געשטאַ־נען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. מיר זײַנען געשטאַנען מיט די רוקנס איינער צום צווייטן. ער — מיטן פּאָנעם צו דער פאַרגאַנגענהײַט. איך — מיטן פּאָנעם צו דער צוקונפט.

האָב איך געשוויגן. דער פעטער, ווידער, האָט אָנגענומען מײַן שווײַ־געניש פאַר זײַן זיג. און ער האָט גענומען דאָקאָנײַען מיך מיט א ביז גאָר לאַנגן מאָנאָלאָג, קוויקנדיק זיך מיט די אייגענע ליידן און מיט די ליידן פונעם פאָלק. אָ, אף דעם איז ער געווען א גרויסער מײַסטער.

ער האָט אויסגעשאָטן אַלץ. דעם טכום־האַמוישעוו, די פּראָצענט־נאָר־מע, די פּאָגראָמען, די גוואַלדטאַטן, די זיבן מינים טויט, — ראַטעוועסט זיך פון איינעם און פאַלסט גלײַך אַרײַן אין די אָרעמס פון א צווייטן.

דאָס אַלץ האָב איך געוווּסט. איך האָב געקאָנט דאָס ניט הערן. נאָר כ'האָב דאָך ניט געקאָנט פאַרשטעקן זיך אַן אויער, ווי נאָכמען־בער, מיט א שטיקל וואַטע און אויסקערן זיך צום פעטער מיטן פאַרטויבטן אויער.

דאָך האָט מיר ניט געסטײַעט קיין געדולד אויסהערן אים ביזן סאָף. איך האָב אים איבערגעריסן אין סאַמע ברען.

— מיר קעמפן דאָך אָבער מיט אַ־דעם אַלעמען!

— ווער איז דאָס — „מיר"? — האָט דער פעטער א פרעג געטאָן מיט פאַראַכטונג.

— „מיר" — זײַנען אַלע די, וואָס קעמפן. מײַן פּאָטער, הערשל גלייזער, פלאַטאָן נעסטערענקאָ, לייזער דער בלינדער, בינימין דרילבערג, איוואַן וואָראָניאַק, גרישע וואַסערבער.

דערנאָך האָט ער זיך פאַרטראַכט, געכאַפּט דעם קין מיט זײַנע ביינערדיקע פינגער דאַרטן, ווו ס'איז אַמאָל געוואַקסן אַ טונקל בערדל. די ביינערדיקע פינגער האָבן אַראָפּגעריסן א שטיקל פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צום שניט, און איבערן קין האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט א טראָפּן בלוט. האָב איך ווידער באַקומען ראַכמאָנעס אַפן פעטער. איך האָב אים גענומען פאַר דער האַנט, ווי א קינד, צוגעפירט צום פענצטער. מיר האָבן ביידע זיך טיפּזיניק אײַנגעקוקט אין דער העלער צוקונפט, און איך האָב שטיל אַף אויסווייניק געלייענט, נאָר אַזוי, אַז דער פעטער זאָל איך הערן.

— זאָגט אַלעמען: אָט איז זי, די צוקונפט! העל און שיין איז זי. ליבט זי. בענטשט זי. שטרעבט צו איר. טוט עפּעס פאַר איר. דערנענטערט זי. טראָגט אַריבער עפּעס פונעם מאָרגן אינעם הײַנט. וואָס מער טראָגט אַריבער. וועט דאָס לעבן ווערן ליכטיק, פרײַ און שיין.

דער פעטער שאָקלט צו מיטן קאָפּ, און טראָפּנס בלוט רינען אַראָפּ פון זײַן קין אַפן אָפּגעבליאַקעוועטן קאָלנער. זיי קײַקלען זיך אַראָפּ דורך די זעלבע סטעזשקעלעך, וואָס די טרערן האָבן דורכגעמאַכט, ווען דער פעטער איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם ליידיקן שראַנק און האָט געוויינט.

7

די באָבע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן עק בענקל, פאַרמאַכט דאָס אויג און ווידער אופגעעפנט, און געזאָגט:

— שיק סאָניעלען נאָכן דאָקטער.

אויב די באָבע שיקט אַליין נאָך טויבעסן, הייסט עס, אַז עס האַלט שוין שלעכט.

כ'בין אַרײַן צו סאָניען. אינעם צימער האָט זיך געטאָן כווישעך. לייבאָוויטש אין א צעשפּיליעטן קאַמזויל האָט געפּאַקעוועט שטוב־זאַכן, סאָניע האָט געפּרעסט און צונויפגעלייגט אירע קליידער.

— סאָניע, לויף גיכער נאָך טויבעסן. די באָבע איז זייער קראַנק.

כ'האָב געוואָלט זאָגן — „ניט מיט אַלעמען", קעדיי סאָניע זאָל זיך ניט איבערשרעקן. נאָר ווײַבאַלד איך דערזע לייבאָוויטשן, ווער איך באַלד צערייצט.

סאָניעלע האָט אָן אויקע געטאָן און געלאָזט זיך לויפֿן. זי האָט אַ גוט הארץ, סאָניע, כוץ דעם האָט זי ליב, אַז עס זאָל זײַן אַ טומל. זי האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס ניט דערפּרעסטע קלייד אָף אַ בענקל און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר.

וואָס טוט איר? — פרעג איך לייבאָוויטשן.

ער פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג, גלײַך ווי ער וואָלט מיר אַ ווונק געטאָן.

— וואָס איך טו? איך שפּאַציר אַרום אונטערן בעט.

— כ׳פרעג אײַך ערנסט.

— וואָס דאַרפסטו מיך פרעגן? זעסט דען ניט? איך פּאַקעווע זיך.

— אָ־דאָס טאַקע פרעג איך. צוליב וואָס?

— צוליב וואָס? מענטשן פּאַקעווען זיך, פּאַקעווען מיר זיך אויך.

— וווהין קלײַבט איר זיך?

— וווהין מיר קלײַבן זיך? קיין אורוגווײַ, פאַרשטייט זיך.

ער טוט אַ זאָג „קיין אורוגווײַ, פאַרשטייט זיך״ מיט אַזאַ נוסעך, גלײַך ווי אורוגווײַ וואָלט געווען ניט ווײַטער פון פּראָסקוראָוו.

לייבאָוויטש זשמורעט דאָס רעכטע אויג און שמייכלט בענימעסדיק צו. ער באַציט זיך אַצינד צו מיר, ווי צו זײַנעם אַ גלײַכן. און עפּשער מיין איך נאָר אַזוי. פאַר עטלעכע טעג בין איך אויסגעוואַקסן אָף עטלעכע יאָר. איך פיל דאָס לויט דעם, ווי מע האָט זיך אָנגעהויבן צו מיר באַציִען. די באָבע, דער פעטער אײַזיק, סאָניע און אַפילו לייבאָוויטש. כ׳מיין, אַז עס גייט ניט אין דעם „העלדנטאַט״, וואָס איך האָב ניט אופגעטאָן. סאָניע וואָלט דאָס אויסגעטײַטשט אַזוי: געווען אַ טומל, און איך בין געשטאַנען אין סאַמע צענטער.

ער טוט אויס דעם קאַמזויל, פאַרקעמט אָף אַרוף מיט צעשפּרייטע פינגער די האָר, וואָס זײַנען צוגעקלעפּט צום פאַרשוויצטן שטערן, און פרעגט מיך:

— און איר? איר פּאַקעוועט זיך דען ניט?

כ׳האָב אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— איר פאָרט דאָך מיט אונדז. דער שווער האָט געזאָגט.

— איך פאָר אין ערגעץ ניט.

— אַ! כ׳פאַרשטיי. איר ווילט זי ניט פאַרלאָזן.

כ׳האָב אים ניט געענטפערט און אַרויס פון צימער.

דער פעטער אײַזיק איז געזעסן באַם טיש און צונויפגעלייגט אין אַ סטויפּיקל גאָלדענע מאַטבייעס. זעט אויס, זײַענדיק פאַרטיפט אין זײַנע אייסאַקים, האָט ער ניט דערהערט מײַנע טריט. דאָס סטויפּיקל האָט ער אַרײַנגעלייגט אין אַ בלעטל פּאַפּיר, עס פאַרוויקלט. דערנאָך אַרויסגערוקט פונעם טיש אַ שופלאָד, אַרײַנגערוקט אַהין די האַנט איינעם מיטן סטויפּיקל און אַרויסגעשלעפּט די האַנט אַ ליידיקע.

„זאַמלט געלט אָף דער נעסיע קיין אורוגווײַ. פאַרקויפט אויס די בעבעכעס. און עפּשער האָט ער די ביכער אויך פאַרוואַנדלט אין גאָלד. צוזאַמען מיט לייבאָוויטשן״.

פאַרטיפט אין די דאָזיקע געדאַנקען, האָב איך זיך פאַר עפּעס פאַרטשע-

פעט. דעם פעטערס רוקן האָט אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט אָפּגעך פאַרשלאָסן דעם שופלאָד, אַרויסגענומען דעם שליסל, פאַרוקט אים אונטערן טישטעך און אויסגעקער־עוועט דעם קאָפּ צו מיר.

ער קאָן נאָך מיינען, אַז איך קוק אומיסטן אונטער, ווו ער באַהאַלט זײַן אשירעס.

— איר ווילט, אַז איך זאָל פאָרן צוזאַמען מיט אײַך? — פרעג איך טמימעסדיק, גלײַך ווי איך וואָלט אומיסטן געקומען, קעדיי צו פאַרגעבן אים די דאָזיקע פראַגע. — אַרקאַדי האָט מיר אַזוי געזאָגט.

— ווען עס זאָל געווענדט זײַן אין מיר, קאָנסטו פאַרבלײַבן געזונ־טערהייט. די באָבע אָבער באַשטייט.

די באָבע?..

— כ׳וועל אַ שמועס טאָן מיט דער באָבען.

די באָבע האָט געדרעמלט.

שטילינקערהייט האָב איך זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל בײַ איר צו־קאָפּנס. צו מיר האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן איר שוואַך זקײניש קאָל:

— נאָכעמקע, דו ביסט געוואָרן אַזאַ ווילער.

דער באָבע איז, זעט אויס, געפעלן געוואָרן, וואָס איך זיץ בײַ איר צוקאָפּנס. פרעגט זי מיך:

— וויפל איז אָקסאַנע אַלט?

זי האָט דאָס ספּעציעל געפרעגט, קעדיי פאַרשאַפן מיר נאַכעס.

— זיבעצן.

— ניט אַכצן?

— פאַרוואָס מיינסטו, אַז אַכצן?

— כ׳האָב אַנומלטן זי געפרעגט. און עפּשער האָב איך ניט פאַרגע־דענקט.

— ניין. זיבעצן.

זי האָט געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

— זאָג אָקסאַנען... בעט אָקסאַנען, אַז זי זאָל זיך אַרײַנכאַפּן צו מיר. איך וואָלט געוואָלט מיט איר זיך אַ ביסל דורכשמועסן. סטאַרע זיך, נאָ־כעמקע, אומבאַמערקט דורכגיין דורכן הויף אַזוי, אַז קיינער זאָל דיך ניט זען.

פײַל־אויסן־בויגן האָב איך זיך געלאָזט צו אָקסאַנען.

8

קיינער האָט מיך ניט באַמערקט, כוץ אַרגוסן. דער הונט וועט גאָרנישט ניט זאָגן. ער איז אַן אייגענער. כ׳האָב אים אַ גלעט געטאָן איבער די שוואַרצע אַ ביסל געקרויזלטע פאַטלעס. ער האָט מיך באַגלייט ביז צו דער שוועל און ניטווילנדיק אָפּגעטראָגן זיך אויף צוריק.

איך בין געווען זיכער, אַז אָקסאַנע איז נאָך ניט אויפגעוואַכט. אַניט וואָלט איך דאָס דערפילט. דערפילט אין די באַליבטע אומגעבונגען. באַם טאַטנס קייווער. בעשאַס איך רייד מיט דער באָבען. בעשאַס איך אַמפּער

זיך מיטן פעטער. כ'וואָלט גלײַך דערפילט. דאָס האַרץ וואָלט אָנגעהויבן קלאַפּן גיך־גיך, און איך וואָלט זיך געלאָזט אַניאָגן אַלטער דעם באַלעגאַ־לעס בריטשקע, ביז בעלענזשאַנע וואָלט איך געלאָפן, קעדיי זאָגן איר... וואָס זאָגן איר? דעמלט האָב איך נאָך ניט געוווּסט וואָס. אַצינד ווייס איך. „בעט אָקסאַנען, אַז זי זאָל זיך אַרײַנכאַפּן צו מיר. איך וואָלט געוואָלט מיט איר זיך א ביסל דורכשמועסן...״

— וויפל ביסטו אַלט? — האָב איך אַ פּאַרסאָפּעטער אַ פרעג געטאָן אָק־סאַנען, ווי נאָר איך האָב זי דערזען.

אָקסאַנע האָט זיך צעלאַכט.

— ביסט ספּעציעל צוליב דעם געקומען צו לויפן?

— יאָ.

— אכצן.

— ניין, זיבעצן. דו האָסט מיר דאָך געזאָגט, אַז זיבעצן.

— כ'האָב דיר גאָרנישט ניט געזאָגט.

— הייסט עס, אַז כ'האָב זיך אַליין געזאָגט.

— מעגלעך.

— אָקסאַנאָטשקע, ווירקלעך אכצן?

— יאָ. אין אַ כוידעש אַרום.

— אין אַ כוידעש אַרום? ע! איז אויב אַזוי, וועט אין זיבן כאָדאָשים אַרום מיר אויך זײַן זיבעצן.

דערנאָך פרעג איך זי:

— ביסט ניט אַוועקגעפאָרן?

— אָט זעסטו דאָך.

— כ'בין צופרידן.

— כ'האָב ניט געקאָנט אַוועקפאָרן.

— פאַרוואָס?

— כ'מיין, אַז אַצינד קאָן איך מיט דיר ריידן אָפן.

„אַצינד״... אָקסאַנע הייבט אויך אָן רעכענען זיך מיט מיר. און איך האָב פאַקטיש נאָך גאָרניט אויפגעטאָן. ס'איז געוועזן נאָר אַ פּרווו, אַן אומגעלונגענער פּרווו באַגיין אַ העלדנטאַט. און דאָס אויך — אַ פּאַסיוון. ס'איז גיכער אַ קאָרבן, איידער אַ העלדנטאַט. אַלע אָבער האָבן זיך גענומען באַציִען צו מיר ערנסט, מיט קאָוועד אַפילע, אָקסאַנע אויך. אַפילע אָקסאַ־נע, וועלכע, קומט אויס, איז עלטער פון מיר ניט אַף אַ יאָר, נאָר אַף גאַנצע אַנדערהאַלבן.

— וואָלסט שטענדיק געמעגט ריידן מיט מיר אָפן.

— כ'האָב ניט געקאָנט אַוועקפאָרן, ווײַל איך דאַרף האָבן געלט.

— איז דערפאַר ביסטו געוועזן אַזוי אומעטיק?

איך האָב אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע עטלעכע צעקנייטשטע פּאַ־פּירלעך און איר דערלאַנגט.

אָקסאַנע האָט זיך צעלאַכט.

— ס'איז אַ גאַלע גאָרניט. איך דאַרף האָבן אַ סאַך געלט. און ניט קיין נישטיקע פּאַפּירלעך, נאָר גאָלד. ס'איז ניט פאַר מיר פּערזענלעך, פאַר־שטייסט? נאָר פאַר...

— כ'פאַרשטיי, — האָב איך זי איבערגעשלאָגן.

איך בין געווען שטאָלץ, וואָס אָקסאַנע האָט ענדלעך גענומען ריידן מיט מיר, ווי מיט א גלײַכן. כ'בין פריִער אויך כווישעד געווען, אז זי פאַרנעמט זיך מיט די דאָזיקע געשעפטן, די זעלבע, וואָס מײַן פאָטער. אַניט, איז צוליב וואָס איז זי געקומען צו פאָרן פון דער גרויסער שטאָט פּראָסקוראָוו אינעם שטעטל קאָפּין?

אמאָל פלעג איך זיך ענטפערן אף דער דאָזיקער פראגע אזוי: אַן אומגליקלעכע ליבע. דער פאַל מיט פאַניען האָט מיר אונטערגעזאָגט אזא האַשאַרע. נו, און מײַן אײפערזוכט אויך. נו, און די בריוו?

— פון וועמען זײַנען די בריוו? — האָב איך אָנגעוויזן מיט דער האַנט אפן טיש־קעסטעלע. — פון א געליבטן?

אָקסאַנע האָט א שמייכל געטאָן.

— אונטער א מאַסקע פון א געליבטן.

איך בין איר געווען דאַנקבאַר, אַן א שיר דאַנקבאַר.

יאָ, זי קאָן אָבער מיינען, אז מיט די פראַגעס וועגן די בריוו וויל איך אויסמײַדן דעם שמועס וועגן געלט. זאָג איך מיט זיכערקײַט:

— כ'וועל דיר קריגן געלט, אָקסאַנע!

אָבער... כ'הייב אפילע ניט אָן צו וויסן, ווו נעמט מען דאָס געלט?

— ווען דאַרפסטו עס האָבן, אָקסאַנאָטשקע?

— הײַנט.

— און דו וועסט נאָך הײַנט אוועקפאָרן?

— יאָ.

— איז וואָס... איז וואָס וועט זײַן מיט מיר?

— כ'ווייס ניט.

זי האָט ווידער איבערגעכאַזערט:

— כ'ווייס ניט. קיינער ווייסט ניט, וואָס עס קאָן מיט אים טרעפן מאָרגן. אפילע הײַנט נאָך. קיינער האָט ניט קיין רעכט פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, ביזוואַנען...

„ביזוואַנען מיר וועלן ניט זיגן. ביזוואַנען מיר וועלן ניט אריבערטראָגן די צוקונפט אין דער קעגנוואַרט...‟

האָבן מיר דען ניט געשפּרײַזט אינצווייען אנטקעגן די שטערן? זײַנען מיר דען ניט געזעסן מיט איבערגעפלאָכטענע הענט אף די שטיינערנע בענק, ווו עס הויזט צוזאַמען די ליבע און דער טויט? כ'געדענק, דו האָסט ארומגענומען מײַן האַלדז מיט דער האַנט, צוגעדריקט זיך צו מיר, פאַרמאַכט די אויגן, און ווען כ'האָב דיך געפרעגט: „וואָס זעסטו אצינד?‟ האָסטו געענטפערט: „דיך. מיט פאַרמאַכטע אויגן וואָלט איך געקענט פאַרליבן זיך אין דיר...‟ ס'איז געווען צי ניט געווען? עפּשער האָב איך דאָס גאָר אויסגעטראַכט, ווען כ'האָב זיך געעקט פון ליבע און אײפערזוכט.

און אויב ס'איז יאָ געווען — איז עפשער, ווי די בריוו. „אונטער דער מאַסקע פון ליבע‟. לעשעם קאָנספּיראַציע. יאָ צי ניין?

איך דערפיל איר האַנט אף מײַן באַק. דערהער איר צאַרט קאָל. אָבער אזוי שטיל, אז איך קאָן זיך נאָר אָנשטויסן, וואָס זי מיינט. נאָר איך

דאַרף איצט מער גאָרנישט ניט. איך רוק איבער איר האַנט פון דער באַק צו מײַנע ליפּן, קוש יעדן פינגער באַזונדער און זאָג איר:
— עס קומט דיר א דאַנק.
— פאַרוואָס?
— דו האָסט מיר דאָך געראַטעוועט דאָס לעבן. ווען דו וואָלסט מיך ניט געוואָרנט, וואָלט מען מיך דערשאָסן, נאָך איידער די פּאַרטיזאַנער זײַנען אָנגעפאַלן.
אָקסאַנע האָט געזאָגט, קלערנדיק, אָפּאַנעם, וועגן עפּעס אַנדערס:
— כ'בין צופרידן, כ'בין גליקלעך, וואָס איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט...
— אין וואָס?
— אין וועמען.
— אין וועמען?
— אין דיר.
ערשט דעמלט האָב איך איר געזאָגט, אַז די באָבע פאַרבעט זי.
— זי איז קראַנק?
— יאָ.
— איך וועל אומבאַדינגט קומען. דו האָסט א ווילע באָבע.
— עפּשער וועלן מיר גיין צוזאַמען.
— גוט. לאָמיר גיין.
— איך מוז דיך אָבער פריִער עפּעס פרעגן. ארגוס האָט דיר איבערגעגעבן מײַן בריוו?
אָקסאַנע האָט א שמייכל געטאָן.
— יאָ. אָבער ניט ארגוס האָט געגעבן. כ'האָב דאָס בא אים צוגענומען.
— פאַרוואָס האָסטו ניט געענטפערט?
— וויאַזוי? ווען?
— כ'פאַרשטיי. ס'איז דאָך געווען א געזעגענונגס־בריוו. פאַרן טויט.
— בין איך דאָך געקומען צו דיר אַליין. אַנשטאָט דעם בריוו...
— און האָסט מיר א געשריי געטאָן: „וואָס מער פאַרציִען!" ווער האָט דיך אויסגעלערנט די דאָזיקע יידישע ווערטער? נעסטערענקאָ?
— ניין. דײַן פאָטער.
— האָסטו, הייסט עס, געקענט מײַן פאָטער?
— יאָ.
— ווייסט, וווּ ער איז אַצינד?
— אין ערגעץ ניט. ער איז אומגעקומען.
— ווילסט א קוק טאָן אויף זײַן קיווער?
— ניין. כ'האָב ניט ליב קיין קוואָרים. כ'וועל אים בעסער פאַרגעדענקען א לעבעדיקן. איך ווייס נאָך איין יידיש וואָרט.
— וואָס פאַר א וואָרט?
— יאַמאַקוטע. דײַן בריוו הייבט זיך אָן פון דעם דאָזיקן וואָרט. אָקסאַנע איז אויף יידיש יאַמאַקוטע?
איך האָב זיך צעלאַכט. אָקסאַנע האָט געלאַכט איינעם מיט מיר.
— ס'איז ניט קיין יידיש, ניט קיין אוקראַיִניש, ניט קיין רוסיש, ניט קיין פּויליש, ניט קיין טאָטעריש וואָרט. ס'איז מעשוגאָים־לאָשן.

— פארוואָס זשע האָסטו זיך באַנוצט מיט דעם?

— כ׳ווייס ניט. עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז איך בין דעמלט געווען נאָענט צו מעשוגאַאס. כ׳מיין, אַז יעדער מענטש, אפילע זייער א קלוגער, זייער א ניכטערער, קאָן זײַן אמאָל אין אזא צושטאנד.

— דו רעדסט, ווי א געניטער מענטש, וואָס האָט שוין גראָווע האָר.

— איך האָב דיר דאָך שוין געזאָגט. אונדזער צײַט מאכט גיך רײַף און געניט. א טאָג איז געגליכן צו א יאָר.

— האָסט מיר דאָס ניט געזאָגט.

— איז זאָג איך דיר איצטער. צו וועמען וועלן מיר פריִער גיין, צום טאַטן צי צו דער באָבען?

— רעדסט וועגן טאַטן, ווי וועגן א לעבעדיקן.

— ער זעט מיר איצט אויס פונקט ווי דעמלט, ווען ער איז געווען אין דער ווײַטער אמעריקע.

ווען מיר זײַנען ארויסגעגאנגען אין דרויסן האָט אָקסאַנע זיך געלאָזט צו אונדזער שטוב.

בא דער באָבען האָבן מיר שוין געטראָפן דעם דאָקטער טויבעס. ער זעט אויס מיד, פארמאטערט, אף די שלייפן און אין די וואָנצעס האָט זיך שוין געגראָוועט א היפש ביסל האָר, ער האָט אָבער אלץ צוגעשמייכלט און צווישן „סאפעט — סאפעט ניט" רעדט ער אײַן די באָבע:

— זיבעציק יאָר, זאָגט איר, איז שוין עק וועלט? מע דארף זיך שוין קלײַבן אין קייווער ארײַן? נארישקײַטן! וואָס איז אזוינס זיבעציק יאָר? א טראָפּעלע, א גענעץ. איר ווייסט, וויפל מעסושעלעך האָט געלעבט אף דער וועלט? נײַן הונדערט נײַן און זעכציק יאָר! און דערצו קיין איין מאָל ניט געווענדט זיך צום דאָקטער טויבעסן נאָך פראָשקעס.

— דאָקטער, — זאָג איך אים, — עפשער האָט איר שוין אויסגעשריבן א רעצעפּט? לויף איך באַלד אין אפטייק.

— א מײַסעלע פון א באָבע און אן אייניק. אָט לויפט די באָבע נאָך רעפּוע פארן אייניק, און אָט פארקערט. נא, אָט האָסטו דעם רעצעפּט, יונגערמאַן. לויף, קויף, גיכער, ווי א וויכער.

די באָבע דערווידערט.

— טאָרסט ניט, נאָכעמקע. זאָג סאָניען, זאָל זי בעסער גיין.

האָב איך גענומען דעם רעצעפּט און אוועק צו סאָניען. כ׳בין אָבער צו סאָניען ניט דערגאנגען. כ׳האָב אָנגעפּרענדעט אף זיך דעם פּאסטעכס רעקל און זײַן צעקנייטשט היטל, א לאָף געטאָן צו יעזעריצקין אין אפטייק און באקומען די רעפּוע.

9

פּײַל־אויסן־בויגן בין איך געפלויגן אהיים. א רעפּוע פאר דער באָבען. און אָקסאַנע זיצט דאָרטן. א רעפּוע פאר מיר.

דאָס בעט איז געווען פּוסט. די באָבע איז געזעסן אינעם פּאָטעל.

זייער אַן אַלטן. אין אים איז צענדליקער יאָרן געזעסן דער זיידע. בא דער באָבעס פּיס איז אַף אַ נידעריק בענקעלע געזעסן אָקסאַנע, אַנגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אַף דער באָבעס קני, און די באָבע האָט געלאָסן גע־קעמט אָקסאַנעס לאַנגע העלע האָר, אַ לאָק נאָך אַ לאָק. איך האָב געגנו־מען צוריקטרעטן צו דער טיר. נאָר די באָבע האָט צו מיר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. בין איך צוגעגאַנגען, און זי האָט מיר אײַנגערוימט:

— וואַרט צו אַ ביסל. כ׳וועל פֿאַרפֿלעכטן אָקסאַנען דעם צאָפּ און דער־נאָך שוין אויסטרינקען טויבעסעס טראָפּנס.

טײַערע באָבע! ליבע אָקסאַנע! מײַנע טײַערסטע אַף דער גאַנצער וועלט.

כ׳האָב אַ שעפּטשע געטאָן:

— זי שלאָפֿט?

די באָבע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַנדרעמלט געוואָרן. ווײַזט אויס, זיך, נעבעך, פֿאַרבענקט נאָך דער מאַמע.

— ווּ איז זי?

— זי האָט ניט קיין מאַמע. די דעניקינצעס האָבן זי פֿאַרפֿײַניקט. מע האָט זי געמאַסערט, אַז זי איז געווען אַ רעוואָליוציאָנערקע.

וואָס פֿאַר אַ באָבע האָב איך! פֿאַר צען מינוט האָט זי זיך דערוווּסט וועגן אָקסאַנען מער, ווי איך פֿאַר דער גאַנצער צײַט.

איך האָב אוועקגעלייגט די הענט אַף דעם הויכן ווענטל פֿונעם פּאָטעל, געקוקט אַ ווײַלע, ווי די באָבע פּאָרעט זיך מיט אָקסאַנעס האָר, און דער־נאָך שטיל אַ פֿרעג געטאָן:

— באָבע, וואָס איז אַזוינס גליק?

די באָבע האָט זיך פֿאַרקלערט.

— כ׳ווייס ניט. פֿרעג דעם פּעטער. ער איז אַ גרויסער לאַמדן.

— דער פּעטער אײַזיק זאָגט, אַז אויב דו האָסט אַ ביסל מאַזל, איז באַהאַלט עס אויס, ווי גאָלד. מענטשן זײַנען ניט־פֿאַרגינער.

דער באָבעס הענט, וואָס האָבן געשיקט געפֿלאָכטן אָקסאַנעס צאָפּ, זײַ־נען ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן:

— דער פּעטער איז ניט גערעכט. גליקלעך איז דער מענטש, ווען אַלע אַרום דיר שמייכלען און פֿרייען זיך. וואָס פֿאַר אַ זינען האָט עס אויס־צובאַהאַלטן מאַזל, אַז מענטשן זאָלן עס ניט זען? עס וועט דאָך פֿאַרשימלט ווערן.

מיר האָט זיך פּלוצעם פֿאַרוואָלט אָפּטאָן עפּעס גוטס פֿאַר אָקסאַנען, פֿאַר דער באָבען, פֿאַר אַלע מענטשן אַף דער וועלט. אַז אַלע אַרום זאָלן שמייכלען. אַז אַלע אַרום זאָלן זיך פֿרייען.

און ווען די באָבע האָט נאָכמאָל איבערגעכאַזערט: „ניין, גליק איז ניט קיין גאָלד, מע טאָר דאָס ניט פֿאַרבאַהאַלטן", האָב איך זיך דערמאָנט אין מײַן צוזאָג: „כ׳וועל דיר קריגן געלט, מײַן טײַערע אָקסאַנע".

איין רינג ציט נאָך זיך די צווייטע. אָקסאַנע האָט געזאָגט: „סע גייט ניט אין דיר אַליין, זאָלן זיי אויך ניט פֿאָרן". וועלן זיי טאַקע ניט פֿאָרן. ווי־אַזוי וועלן זיי קאָנען פֿאָרן, אויב זיי וועלן ניט האָבן קיין געלט אַף הויצאָעס?

גיך, קעדיי ניט כאַראַטע האָבן, האָב איך אַ שעפּטשע געטאָן דער באַ־בען: „איך קום באַלד צוריק", און איך האָב זיך געלאָזט גיין אין פּעטערס צימער. דאָס האַרץ האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. קעדיי עס צו באַרויִקן, האָב איך אָפּגעמאַכט מיט זיך: אויב דער שליסל וועט ליגן אונטערן טישטעך, וועל איך דאָס טאָן. אויב ניט — איז אַ סימען, אַז ס'איז ניט באַשערט.

דער שליסל איז געלעגן אונטערן טישטעך. אינעם צימער איז קיינער ניט געווען. הייסט עס, אַז דער גורל הייסט. האָב איך אַפּגיך אופגע־עפנט דעם שופלאַד, אַריַינגערוקט די האַנט ביז צו דער פּלייצע, אָנגע־טאַפּט אַ האַרט סטויפיקל, פאַרקוועטשט דאָס פעסט מיט די פינגער, פאַר־מאַכט דעם שופלאַד, אים פאַרשלאָסן, אַריַינגערוקט דעם שליסל אונטערן טישטעך, און ווען איך האָב איבערגעטראָטן איבער דער שוועל, האָב איך געמוזט צושפּאַרן זיך צו דער וואַנט. די באָבע האָט צערודערט געפרעגט:

— וואָס איז געשען? וואָס ביסטו אַזוי בלייך געוואָרן? די פּאָליאַקן זיַינען געקומען נאָך דיר?

די באָבע איז געווען אַזוי איבעראַשט, אַז זי האָט פאַרגעסן, אַז מע דאַרף ריידן שטיל. זי האָט אויך פאַרגעסן, אַפּאָנעם, אַז זי איז קראַנק.

אָקסאַנע האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ פון דער באָבעס קני.

דאָס גאָלד, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַרקלעמט אין דער פויסט, האָט מיר געבריט די פינגער.

— ס'איז אַלץ אין אָרדענונג, באָבע. ס'האָט זיך דיר געוויס אויס־געוויזן.

אָקסאַנען האָב איך געזאָגט שטילערהייט, מער מיט די אויגן, ווי מיט די ליפּן:

— קום, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— גוט. נאָר לאָמיר פריִער געבן דער באָבען די רעפּוע.

זי האָט געהאָלפן דער קראַנקער אופהייבן זיך פונעם פּאָטעל, צוגע־פירט זי צום בעט און באַלייגט זי.

— גיב מיר אַ לעפל.

איך האָב גענומען דעם לעפל מיט דער לינקער האַנט און אומגעשיקט אים אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. ער איז מיט אַ געקנאַל אַראָפּגעפאַלן אַפן דיל.

— וואָס איז עס מיט דיר? — האָט אָקסאַנע געפרעגט.

זי האָט זיך אָנגעבויגן, אופגעהויבן דעם לעפל, אויסגעווישט, אָנגעגאָסן פונעם פלעשעלע, וואָס איך האָב געבראַכט פון אַפּטייק, אַ העל־ברוינע פליסיקייט און דערלאַנגט דער באָבען. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט:

— ס'איז עפּעס געשען?

— גאָרניט. אַלץ איז אין אָרדענונג, — האָב איך מונטער געענטפערט.

די באָבע האָט אויסגעטרונקען די רעפּוע און אויסגעקערעוועט זיך צו דער וואַנט. מיר ביידע, איך און אָקסאַנע, האָבן אַ קוק געגעבן איינס אַפן אַנדערן און זיך צעשמייכלט. די באָבע האָט ניט געוואָלט אונדז שטערן.

ס׳הייסט: שעפּטשעט זיך, סוידעט זיך, קושט זיך, איך זע גאָרניט און הער גאָרניט.

איך האָב אַרײַנגערוקט דאָס ווײַסע סטויפּיקל אין אָקסאַנעס האַנט.

— וואָס איז דאָס?

— געלט.

— ווו האָסטו עס גענומען?

— גענומען.

— בא וועמען?

כ׳האָב זיך אַ ווײַלע פאַרלוירן. דערנאָך מונטער אַ שעפּטשע געטאָן:

— בא זיך.

— דו האָסט דען געהאַט?

— יאָ. די מאַמע האָט מיר איבערגעלאָזט, איידער זי איז אַוועקגעפאָרן.

אָקסאַנע האָט אַ שמייכל געטאָן.

— גוט. מיר נעמען דאָס אַלס דײַן בײַטראָג.

בא אָקסאַנען באַקומט זיך אַלץ נאַטירלעכער און פּאַשעטער, ווי בא מיר. דאָס האָב איך געדאַרפט זאָגן וועגן בײַטראָג. אָנשטאָט דעם האָב איך שווײַגנדיק און עפּעס אומגעשיקט אַרײַנגערוקט איר דאָס געלט אין האַנט — און שוין.

מיר זײַנען געשטאַנען נאָענט, אַזוי נאָענט, אַז איך האָב געהערט ניט נאָר אָקסאַנעס שעפּטשערײַ, נאָר געפילט איר אָטעם. מיט אַ פרישן־פאַרפלאָכטענעם צאָפּ, מיט גריבעלעך אויף די באַקן און פריילעכע פונקען אין די גרוי־בלויע אויפגעלעבטע אויגן איז זי געווען, אָקסאַנע, מאָלע־כּיין, און איך האָב שיר ניט פאַרגעסן, אַז אין צימער איז פאַראַן אַ דריטער. וועגן דעם האָט מיר דערמאָנט אָקסאַנע, אָפּשטופּנדיק מיך פון דער גרינג מיט איר פויסטל, אין וועלכן ס׳איז געווען פאַרקלעמט דאָס געלט. כ׳האָב פונדעסטוועגן באַוויזן צודריקן זיך מיט די ליפּן צו דעם גריבעלע אויף איר באַק, קלוימערשט ניט־ווילנדיק. ס׳הייסט, כ׳האָב נאָר געוואָלט אַײַנרוימען איר אין אויערל:

— אָקסאַנע, לייען איבער דער באָבען דאָס, וואָס דו האָסט מיר אַנומלטן געלייענט. זי וועט שעפּן נאַכעס פון דעם.

זי פרעגט מיך ניט, אָקסאַנע, וואָס דאַרף זי פאָרלייענען דער באָבען, זי האָט זיך אַליין אָנגעשטויסן.

— איך האָב דאָך ניט דאָס ביכל.

— איז זאָג אויף אויסווייניק.

— איך געדענק ניט אַלץ.

— וועל איך דיר אונטערזאָגן.

אָקסאַנע האָט אַ שמייכל געטאָן.

— דו ביסט צו זיכער אין זיך, פאַר איין מאָל האָסטו אַלץ פאַרגעדענקט?

— איין מאָל האָסטו מיר פאָרגעלייענט. און צען מאָל האָב איך דאָס איבערגעכאַזערט. נו, לאָמיר אָנהייבן.

אָקסאַנע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— גוט.

מיר זײַנען צוגעגאַנגען צום בעט.

— באַבעניו! אַלצײַנס שלאָפסטו דאָך ניט. עמעס?

— עמעס. כ׳שלאָף ניט.

— דער קאָפּ טוט שטאַרק װײ?

— דער קאָפּ. און דאָס האַרץ. כ׳טראַכט איבער. װאָס װעט מיט אײַך זײַן, װען איך װעל... אױ, נאָכעמקע, ס׳איז געקומען מײַן צײַט. כ׳האָב נאָרװאָס געזען דעם זיידן. ער איז געשטאַנען לעבן בעט, צוקאָפּנס, שװײַגנדיק געשטאַנען, נאָכדעם האָט ער מיך גענומען פאַר דער האַנט און אַ שלעפּ געטאָן מיט זיך... ס׳איז אַן עמעסער סימען.

— רעד ניט קײן נאַרישקײַטן!

די באָבע האָט זיך אַפילע ניט באַליידיקט. זי האָט פאַרגעזעצט עפּעס שטאַמלען.

— ...גוט, װאָס איר האָט מיך אױפגעװעקט. כ׳האָב זיך מעסוקן איבער־געשראָקן. דאָס לעבן איז שװער, שװערער קאָן שױן ניט זײַן, און שטאַרבן װילט זיך ניט סײַװיסײַ. אָף װעמען װעל איך אײַך איבערלאָזן, אָף װעמען?

אָקסאַנע האָט זיך צוגעזעצט צו דער באָבען און עפּעס אײַנגערוימט איר אין אויער. זיי האָבן שוין זייערע סוידעס. אַ צופרידענע, האָט די באָבע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איר אויג האָט געבלישטשעט. עפּשער האָט דאָס מיידל אײַנגעהויכט איר אַ ביסל יונגן אָטעם? אָקסאַנע האָט זיך אויפגעהויבן, געשטעלט זיך אין דער מיט צימער, און אָנגעהויבן:

מײַן פאָלק, פאַרפּײַניקטס און פאַרפלאָגטס,
ווי אַ געליימטער איינער אפן שיידוועג,
מיט מענטשישן ביטל, ווי מיט גרינד, באַדעקט!
דער צוקונפט דײַנער... דער צוקונפט דײַנער...

כ׳האָב אונטערגעזאָגט:

— ...מיר דאָס האַרץ רעגט אוף.

אָקסאַנע האָט אָנגעהויבן דעם פערז:

די צוקונפט דײַנע מיר דאָס האַרץ רעגט אוף
און כ׳קאָן דאָס אויג ניט צומאַכן פון כאַרפּע,
וואָס וועט די אָפּשטאַמלינגען דײַנע סאַרפּען,
צי דען פאַרשריבן איז אָף...

מיטאַמאָל האָבן צעריסן די לופט גרויליקע געשרייען. כ׳האָב דערקענט דעם פעטערס קאָל. כ׳האָב נאָך ניט געהערט די ווערטער זײַנע, נאָר כ׳האָב זיך שוין אָנגעשטויסן, פאַרוואָס ער שרײַט. אינגיכן האָבן זיך דערהערט באַזונדערע גרויליקע ווערטער:

— באַ־גאַנ־וועט! דאָס לעצטע אוועק־גע־גאַנ־וועט! געמאַכט אונדז פאַר בעט־לער! וויאַזוי וועלן מיר אַצינד אָוועקפאָרן! מיר האָבן דאָך ניט קיין קאָפּעקע! פאַרשאָלטענע קוילער! גאַ־נאָ־וויִם! רוי־בער!

די טיר פון דער באָבעס צימער האָט מיט אַ טראַסק זיך צעעפנט, און

אף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער פעטער איציק. ער איז געבליבן שטיין א שרעקלעך בלייכער, א דאַרער, ווי א סקעלעט. ער איז צוגעלאָפן צו מיר און, פאַרהיקענדיק זיך, אויסגעשריגן:

— ג־גיב אָפּ דאָס ג־געלט!

איך האָב קוים דורכגעשטאַמלט, פאַרהיקענדיק זיך, ווי ער:

— וואָסער ג־געלט?

כאָזערט ער איבער, אָנקוועטשנדיק אַף יעדער וואָרט און טראַף:

— ג־גיב אָפּ דאָס ג־געלט... דו ווייס־סט וואָס־סער געלט... דו מיינסט, אַז איך האָב ניט געזען, וו־אַזוי דו האָסט נאָכגעקוקט, ווהין... ווהין איך פאַרבאַהאַלט דאָס ג־געלט?

איך בין אינגאַנצן צעמישט געוואָרן. אזא ביזאָיען! ווען די באָבע וואָלט דאָ ניט געווען, און דעריקער, ווען אָקסאַנע וואָלט ניט געווען, וואָלט איך זיך נאָך געקאָנט עפּשער פאַרטיידיקן. איך האָב דען געגאַנ־וועט? איך האָב דאָס פּאַשעט גענומען. ווייל ס'איז נייטיק, שטאַרק נייטיק פאַר די... פאַר אַלע אונדז, דערונטער פאַרן פעטער איציק מיט זיין הויז־געזינד אויך. איך וואָלט אים געזאָגט... נאָר וואָס טוט מען אָבער — די באָבע און אָקסאַנע לאָזן פון מיר ניט אַראָפּ די אויגן. זייערע בליקן זיי־נען פאַר מיר אומדערטרעגלעכער, צען מאָל שווערער פונעם פעטערס געשרייען. איך האָב ווידער אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס פאַר א געלט?

אָקסאַנע איז צוגעגאַנגען צום פעטער, פאַנאַנדערגעדריקט דעם פויסט און געפרעגט:

— ס'איז איער געלט?

ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפער, האָט זי א שלײַדער געטאָן דאָס סטוי־פּיקל אַפן טיש. דאָס פּאַפּיר האָט זיך צעריסן און די גאָלדענע מאַטבייעס האָבן זיך צעשאָטן און צעקײַקלט אין אַלע זײַטן. זי האָט זיך א לאָז גע־טאָן צו דער טיר און אַרויס פון דער שטוב.

מײַן האַרץ איז אָפּגעשטאָרבן פון א מוירעדיקן פאַרגעפיל. שוין. פאַר־לוירן אָקסאַנען. אַף אייביק פאַרלוירן.

10

נאָכעם איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן...

סאָניע האָט געהאַט א גוט האַרץ. זי האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. פאַרוואָס שווײַגט מען, פאַרוואָס געפינט מען ניט נאָכעמקען? און זי האָט באַשטימט אַליין אָפּזוכן דאָס שוועסטערקינד.

זי האָט אים אָבער אין ערגעץ ניט געפונען. „עפּשער איז ער באַגאַנ־גען זעלבסטמאָרד?" האָט זי א קלער געטאָן און איז גלײַך אוועק צום פאָ־טער:

— נאָכעם האָט זיך מיסטאָמע אַרײַנגעוואָרפן אין טײַך אַרײַן. מע זעט אים אין ערגעץ ניט.

זי האָט, כאַלילע, ניט געוואָלט איבערשרעקן דעם טאַטן. זי האָט נאָר געוואָלט ווייכער מאַכן זײַן האַרץ. זאָל ער ניט איבערלאָזן נאָכעמקען אַליין. וואָס וועט ער, נעבעך, טאָן דאָ אָן זייז ער מוז פאָרן מיט זיי צוזאַמען.

אײַזיק האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געוווסט, אַז סאָניע האָט ליב צו פאַנטאַזירן. אָבער נאָך דער טראַגעדיע מיט פאַניען איז זלאַטקיס געוואָרן זייער געהיט. אַ שרעקלעכע יוגנט, גאַנוועט געלט, טוט אָן אַזאַ ביזאָיען, און דו דאַרפסט זיך נאָך פאַרנייגן פאַר זיי, איבער־בעטן זיי, הייסט עס, אַניט קאָנען זיי זיך נאָך וואַרפן אין טײַך אַרײַן.

— סאָניעלע, דו האַלטסט מיך פאַר אַן... פאַר אַן אַכזער? — האָט ער ליבלעך און אפילע אַ ביסל כניפעדיק געפרעגט די טאָכטער.

— ניין, טאַטע, — האָט סאָניע טמימעסדיק געענטפערט.

— פאַרוואָס זשע עפּעס ניין? — האָט אײַזיק דערווידערט, אַ צופרידע־נער מיט דער טאָכטערס ענטפער. — פאַרשטייסטו מיך, ער איז אַ יאָסעם. קאָן איך אים גאָרנישט ניט טאָן. כ'האָב ניט קיין רעכט. ווען ער וואָלט אָבער געווען מײַן זון, וואָלט איך אים... וואָלט איך אים געמיימעסט מיט מײַנע אייגענע הענט.

סאָניעלע האָט זיך דערשראָקן. אירע אויגן זײַנען געוואָרן גרעסער און קײַלעכדיקער, די נאָז האָט זיך אויסגעצויגן און דאָס האָרבעלע איז געוואָרן מערקבארער.

אין האַרצן אָבער האָט סאָניע געוווסט, פונקט ווי די מאַמע אירע, אַז דער טאַטע קאָן ניט האַרגענען אפילע אַ פליג אויף דער וואַנט.

אַ צופרידענער פון זײַנע גרויזאַמע ווערטער, האָט אײַזיק פאַרגעזעצט שוין רויקער:

— ער האָט דאָך געקאָנט מאַכן אומגליקלעך אונדז אַלעמען! בעדיל־האַדאַל שטעלן. דו וואָלסט אַרומגעגאַנגען אין שמאַטעס, ווי אַ בעטלערן.

זלאַטקיס האָט געוווסט, אַז דערמיט האָט ער געטראָפן גלײַך אין פינטל אַרײַן.

— ער איז פּשוט אַ נאַר, — האָט סאָניע צערייצט געזאָגט.

— אַ געפערלעכער נאַר! אַ נאַר, וואָס איז ערגער פון אַ מעשומעד. ער האָט דאָך...

די טיר האָט זיך פלוצעם צעפראַלט, און אין צימער איז אַרײַנגעלאָפן באַסיע, אַ בלייכע און צעטרודערטע.

— ס'איז געקומען אַ פּוילישער אָפיצער מיט צוויי סאָלדאַטן. זיי פרעגן, וווּ נאָכעם איז.

— וווּ זײַנען זיי? — האָט אײַזיק געפרעגט. אַ גרויע בלייכקײַט האָט באַדעקט זײַן פּנים.

— דאָרטן. בײַ דער באָבען. וואָלסט עפּשער געגאַנגען צו זיי...

מיטאַמאָל מישט זיך אַרײַן סאָניע.

— כ'וועל אַליין גיין צו זיי.

סאָניע האָט נאָך קיינמאָל נאָענט ניט געזען קיין פּוילישן אָפיצער. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַן אָפיצער מוז זײַן גאַלאַנט און עלעגאַנט. וועט זי אַ פּרוּוו טאָן זיך דורכשמועסן מיט אים.

און טאקע באלד איז זי ארויסגעפלויגן פונעם צימער, אזוי גיך, אז די עלטערן האָבן ניט באוויזן פארהאלטן זי.

אינגיכן האָט זי זיך אומגעקערט, אָן אופגערעגטע, א טומלדיקע.

— נו? וואָס? זאָג שוין גיכער!

סאָניע האָט א ביסל צוגעוואַרט, צוליב עפעקט, און ערשט דערנאָך דערציילט.

— כ'האָב אים געזאָגט, אז נאָכעם עסרעג האָט זיך אריינגעוואָרפן אין טײַך אריין. צוערשט האָט ער מיר ניט געגלייבט. דערנאָך האָט ער געזאָגט, אז אזא מין כיינעוודיקער פאניענקע איז אומעגלעך ניט צו גלייבן. האָב איך אים געענטפערט, אז, ערשטנס, בין איך שוין ניט קיין פאניענקע... האָט ער מיך איבערגעשלאָגן און געזאָגט: א שאָד! האָב איך אים געפרעגט, צי ער האָט שוין א פרוי. האָט ער מיר געענטפערט: ניין. האָב איך אים אויך געזאָגט: א שאָד! האָט ער זיך אנטשולדיקט, וואָס ער האָט מיך באומרויִקט, און געבעטן מיך, אז ווי נאָר ער, ס'הייסט, נאָכעם, וועט קומען צו גיין פונעם טײַך, זאָל ער זיך גלײַך יאווען אין קאָמענדאטור... אזא ליב אָפיצערל, נאָר עפּעס א מאָדנער, ער האָט, ווײַזט אויס, געמיינט, אז נאָכעם איז געגאנגען זיך באָדן...

דערציילנדיק, האָט סאָניע זיגעריש געפינקלט מיט די אויגן, ס'הייסט, ווי געפעלט אײַך?

— האָסט דאָך אָפּגעטאָן אַף טערקיש! האָסט אים געדאַרפט זאָגן, אז מע האָט נאָכעמען דערהארגעט, בעשאס די פּאָליאַקן און די פארטיזאנער...

— פונוואנען האָב איך געוווּסט, אז מע דאַרף אים אזוי זאָגן!

— ווער האָט דיך געבעטן, אז דו זאָלסט פליִען צו אים?

— וואָס דען האָב איך געדאַרפט טאָן? אז איר ביידע זײַט געשטאַנען ניט טויט, ניט לעבעדיק.

— מע דאַרף דרינגנד אָפּזוכן נאָכעמען און וואָרענען אים, — האָט אײַזיק באפוילן סאָניען.

— וווּ זאָל איך אים אָפּזוכן, אז ער איז אין ערגעץ נישטאָ. עפּשער האָט ער זיך ווירקלעך געוואָרפן אין טײַך אַרײַן?

— רעד ניט קיין נארישקײַטן.

— און אויב כ'וועל אים געפינען, וועט ער פאָרן מיט אונדז?

— מיר וועלן זען.

סאָניע האָט א פליעסקע געטאָן מיט די הענט און איז גלײַך ארויסגעלאָפן. באלד אָבער איז זי צוריק ארײַנגעפלויגן אין שטוב ארײַן. זי האָט זיך ארײַנגעריסן ווי א וויכער צו דער קראַנקער באָבע און פארסאָפּעט געפרעגט:

— באָבעניו! דו ווייסט, מיסטאמע, ווו נאָכעמקע איז?

די זקיינע האָט צוגעדריקט א פינגער צו די ליפּן. אויסגערעדט שטיל:

— יאָ.

סאָניע האָט אומגעדולדיק אויסגעשריגן.

— זיי זײַנען שוין אוועקגעגאנגען.

מיט א שוואַכער שטימע, קוים וואָס מע הערט, האָט די באָבע ארויסגעשטאַמלט:

— גיי צו... צו מיר... נעענטער... כ׳האָב ניט קיין קויעך... רעדן הויך... סאָניע איז צוגעגאַנגען און אָנגעבויגן זיך איבערן בעט.

— סאָניעלע... זײַ געהיט... אָ־די סאָלדאַטן... מעגלעך, אַז זיי גיבן אַכ־טונג, פאַרשטייסט מיך?

— כ׳פאַרשטיי, באָבעניו.

— איז שטעל מיר אונטער דײַן אויער...

סאָניע האָט אויסגעדרייט דאָס קעפּל אירס אַזוי, אַז זי האָט קימאַט באַרירט מיט איר אויער דער באָבעס ליפּן.

די אַלטיטשקע האָט איר עפּעס אײַנגערוימט. דערנאָך געפרעגט:

— האָסט מיך פאַרשטאַנען? דאַרטן וועסטו אים געפינען. זאָג אים, ער זאָל טייקעף קומען.

די זקיינע האָט צוויי מאָל איבערגעכאַזערט, פאַמעלעך און אַ ביסל פײַערלעך:

— זאָג אים, אַז ער זאָל טייקעף קומען.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— אויב ער וועט זיך אײַנשפּאַרן, טאָ זאָג אים: די באָבע האָט געהייסן. זי שטאַרבט, די באָבע, און זי וויל זיך מיט דיר געזעגענען. נו, ווייסט שוין, וואָס דו דאַרפסט אים זאָגן?

— יאָ, באָבעניו. נאָר דו שטאַרבסט דאָך ניט אַפּאַנעמעסן, עמעס, באָבע־ניו? דו זאָגסט דאָס אומיסטן, קעדיי ער זאָל קומען צו גיין. איאָ?

די באָבע האָט געענטפערט אַזוי שטיל, אַז סאָניע האָט זיך גיכער אָנ־געשטויסן, ווי דערהערט:

, — יאָ, אומיסטן.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— גיי גיכער, מיידעלע מײַנס, אַניט וועט זײַן שפּעט. און זאָג דײַן טאַטן, ער זאָל אַרײַנגיין צו מיר. איך דאַרף מיט אים עפּעס רעדן.

סאָניע איז אַרײַנגעלאָפן צום פאָטער. גלײַך פון דער שוועל האָט זי אים מיטגעטיילט די גוטע בסורע.

— דאַכט זיך, אַז די באָבע שטאַרבט. גיי אַרײַן צו איר, זי וויל דיר עפּעס זאָגן פאַרן טויט.

אײַזיק האָט זיך פאַרקרימט: סאָניעס פאַנטאַזיעס!

— גוט.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער שוויגער. נאָר ווען ער איז שוין געווען בײַ דער שוועל, האָט ער פּלוצעם פאַרקערעוועט צוריק. ער האָט ניט ליב געהאַט די אַלטע. ער וועט פריִער באַזוכן די מוטער, און ערשט דערנאָך — די שוויגער.

— דו ביסט גרייט? — האָט ער געפרעגט, אָנבייגנדיק זיך צום אַלטן טיפן פאָטעל מיטן הויכן ווענטל, אין וועלכן ס׳האָט געדרעמלט זײַן מוטער.

די אַלטיטשקע האָט ניט געענטפערט. זי איז געזעסן אַ פאַרגליווערטע, מיט צוגעמאַכטע אויגן, אײַנגעשרומפּן, אַזוי אַז דער קאָפּ אירער האָט געשטאַרצט נאָר אַ קאַפּעלע העכער פון די קני.

— דו הערסט מיך, מאמע? כ'פרעג דיך, דו ביסט גרייט? די פור ווארט דאָך שוין.

די אלטיטשקע האָט צעעפנט די אויגן־לעפלעך, הוילע, אָן וויִעס, און, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט זי עפּעס ארויסגעשטאמלט. בלויז דער זון אירער, אײַזיק, האָט געקאָנט פארשטיין, וואָס זי האָט געזאָגט.

— כ'וועל אין ערגעץ ניט פאָרן, זונעלע...

אײַזיק איז מעוווּלוול געוואָרן.

— וואָס הייסט, וועסט ניט פאָרן? וויִאזוי זשע וועל איך דיך איבער־לאָזן דאָ איינע אליין?

די אלטע האָט ווידער גענומען עפּעס שטאמלען מיט די פּיִאלעטעווע ליפּן.

— פאָר אוועק. פארהאלט זיך ניט איבער מיר. מע דארף ניט. כ'וועל דערלעבן ביז שאבעס, עפּשער ביז זונטיק... שאבעס אפּדערנאכט אָדער זונטיק אינדערפרי וועל איך שטארבן. איז לאָז מיר איבער אף צווי טעג א שטיקל ברויט און וואסער... און זאָג אָן אלטערן, ער זאָל זונטיק קומען צו פאָרן נאָך מיר. אָפּפירן אפן הייליקן אָרט.

אײַזיק איז שווײַגנדיק געשטאנען באם פאָטעל, און דער קאָפּ זײַנער האָט זיך קעגן זײַן ווילן געשאָקלט, ווי אן אָנגעדרייטער. ער האָט אלץ איבערגעכאזערט דאָס זעלבע:

— וויִאזוי זשע וועל איך דיך איבערלאָזן דאָ איינע אליין? אף וועמען וועל איך דיך לאָזן דאָ איינע אליין?

די מוטער האָט פארגעזעצט אירס: „כ'וועל שטארבן דאָ, ווו כ'האָב געלעבט". אײַזיק האָט אָבער שוין ניט געהערט, ער איז געווען פארטיפט אין עפּעס א מאכשאָווע.

פּלוצעם האָט די אלטע אים א ציִ געטאָן פאר דער האנט און אָפּגע־טרייסלט זײַן פארגליווערטקײַט.

— בייג זיך אָן צו מיר. כ'וויל דיך א קוש טאָן.

די אלטיטשקע האָט דערפילט אף איר קאלטער האנט א ווארעמע טרער.

— דו ביסט א ווילער זון, אײַזיקל. האָב ניט קיין יעסורים. גאָט איז א פאָטער.

11

פון דער אלטער מוטער האָט אײַזיק זיך געלאָזט צו דער אלטער שווי־גער. זי האָט זיך אונטערגעהויבן, אָנגעשפּארט זיך אפן עלנבויגן, פאר־בעטן דעם איידעם צוזעצן זיך, און ווידער אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אף דער קישן.

— אוי, די קויכעס מײַנע לאָזן זיך שוין אויס...

זי האָט זיך געפילט ווי עפּעס שולדיק פאר איר אומבאהאָלפנקײַט און א פרווו געטאָן זיך א וויצל טאָן:

— איר ווייסט ניט, ווו מע קאָן קויפן א ביסל קויעך?

אײַזיק איז נאָך אַלץ געווען צעטומלט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס די שוויגער האָט געזאָגט.

— וואָס? וואָס? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— איך פרעג, ווו קאָן מען קויפן א ביסל קויעך?

„געפונען א צײַט אַף לייצאָנעס! אַלע זײַנען זיי אַזעלכע לײַכטזיניקע, די עסרעגס". דאָך האָט אײַזיק באַוווּנדערט די קראַפט פון אַ־דער אַלטער. א קראַנקע, מיט איין פוס שוין אַף יענער־וועלט, פאַרמאָגט זי נאָך קויעך און מוט צו טרײַבן קאַטאָוועס און צו שמייכלען. ער וואָלט דאָס ניט גע־קאָנט, — האָט ער געמוזט זיך מודה זײַן.

— קויעך? כאַ! ניטאָ אַזאַ קראָם, וואָס פאַרקויפט קויעך, — האָט ער סאָפקאָלסאָף געענטפערט.

די אַלטע האָט זיך א ביסל אונטערגעהויבן און געזאָגט ערנסט, אַפילע האַרב:

— איך מוז זיך דורכריידן מיט אײַך וועגן... וועגן אונדזערע צוויי... וועגן נאָכעמקען און מוישעלען. איר וועט דאָך ניט אַוועקפאָרן און זיי איבערלאָזן דאָ?

ניט קוקנדיק אַף זײַנע גוטע קאַוואָנעס, איז אײַזיק גלײַך אַרויס פון די קיילים.

— פאַרוואָס עפּעס וועגן צוויי? און פאַרוואָס ניט וועגן דרײַ? און איר? אײַך דאַרף איך דאָך אויך ניט פאַרלאָזן. פאַרוואָס וועגן דרײַ? פאַר־וואָס ניט וועגן פיר? און מײַן אַלטיטשקע מוטער? איך קאָן דען זי פאַר־לאָזן?.. מאַכטייסע! וואַלגערט זיך אָן אַף מיר! פאַרוואָס ניט? כ'האָב דען ניט קיין ברייטע פּלייצעס? בין איך דען ניט געזינטער פון אײַך אַלעמען?

די זקיינע האָט פאַרמאַכט דאָס אויג. עפּשער אויס שוואַכקײַט, און עפּשער האָט זי ניט געוואָלט קוקן אַפן צעקרימטן פּאָנעם פונעם איידעם.

דערנאָך האָט זי ווידער אופגעעפנט דאָס אויג און שטיל געזאָגט:

— פאַר מיר דאַרפט איר זיך ניט זאָרגן. כ'וועל אײַך ניט באַלעסטיקן... כ'וועל אין ערגעץ ניט פאָרן. וויפל איז מיר געבליבן לעבן?

— און אויב ער וועט מיך באַרויבן אין וועג, אײַער טײַערער אייניק, און וועט אַנטלויפן, אַ?

— ער איז דאָך ניט קיין רויבער...

— ער איז ערגער פון א רויבער. יענער ראַבעוועט נאָר פאַר זיך, דאַרף ער ניט קיין סאַך. און דער — פאַר אַלעמען.

— ווילט איר, הייסט עס, אַז מע זאָל אים דאָ דערשיסן?

— כ'וויל גאָרנישט ניט. כ'וויל, איר זאָלט מיך לאָזן צורו. כ'בין דען שולדיק, וואָס ער...

ער האָט א קוק געגעבן אַף דער האַלב בלינדער זקיינע. א טיפער ראַכ־מאָנעס האָט פאַרקלעמט זײַן האַרץ.

— נו, און וועגן מוישען איז ביכלאַל ניטאָ וואָס צו רעדן. מע וועט אים אַהין ניט אַרײַנלאָזן.

— כ'ווייס אַליין ניט, וואָס זאָל איך מיט אים טאָן. ער פאַרבלײַבט דאָך איינער אַליין.

דערנאָך האָט זי שטיל צוגעגעבן:

— עפשער וועט מען אים פונדעסטוועגן לאָזן, דעריקער, אז די אויגן זאָלן ניט זײַן קיין קראַנקע.

און אַנדערש מאָל וואָלט אײַזיק איראָניש געפרעגט: „נו, און דער קאָפּ? דער קאָפּ איז ניט דעריקער?..״ איצטער אָבער האָט ער זיך אײַנגעהאַלטן.

— גוט. כ׳וועל נעמען מיט זיך אי דעם, אי יענעם. רעדט אָבער אַליין איבער מיט נאָכעמען. דעם־אָ פּאָרעץ דאַרף מען נאָך בעטן, ער זאָל זײַן אַזוי גוט און זאָל מאסקים זײַן פאָרן מיט מיר.

— כ׳האָב געשיקט נאָך אים. כ׳וועל מיט אים אַליין רעדן...

אײַזיק האָט זיך אופגעהויבן, געלאָזט זיך צו דער טיר. בײַ דער שוועל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— אײַך וועט העלפן געגענדל. כ׳האָב זיך מיט איר צונויפגערעדט. ווען איר וועט געזונט ווערן, וועט זי אײַך נעמען צו זיך אין דאָרף אַרײַן. דאָרטן, אױף דער פרישער לופט, וועט איר זיך אָנעמען מיט פרישע קויכעס... געגענדל וועט העלפן מײַן מוטער אויך...

12

פונדערווײַטנס זעט מען שוין די צעפּאַטלטע ווערבע. דאָס מיידל האָט זיך געלאָזט לויפן צום בוים.

פּלוצעם האָט זי דערזען נאָכעמען אין אַן אומגעוויינלעכער פּאָזע. ער האָט זיך צעלייגט אױף דער לאַנקע, אין דער בעקעשע, מיטן פּאָנעם צום הימל. באַנאַנד מיט אים האָט א קו געצופּט דאָס גראָז.

ער איז מעשוגע, מײַנע סאָנים. נו, אַצינד וועט זי אים שוין באַווײַזן, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, אָ־דעם מאַלעכל. קוידעמקאָל דאַרף מען אים גוט אָנשרעקן. וועט ער ווערן ווייכער פון וואַקס...

סאָניע האָט זיך אונטערגעגאַנוועט און אַזא הילך געטאָן, אַז... זי האָט זיך אַליין דערשראָקן: עפּעס א פרעמד ייִנגל מיט א קלײַענדיק פּאָנעם איז אופגעשפּרונגען פון דער ערד.

סאָניע האָט גלײַך געמאַכט די פּלייטע. זי האָט זיך באַרויִקט ערשט דאַן, ווען זי איז אַרײַן אונטער די לאַנגע צווײַגן און צונויפגעשטויסן זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט נאָכעמקען.

— ווער ליגט עס דאָרטן אין דײַן בעקעשע?

נאָכעם האָט זי הארב געפרעגט:

— וואָס ביסטו געקומען אהער?

סאָניע האָט זיך באַליידיקט.

— דו ביסט א נאַר. און דערצו ניט קיין קלוגער.

מיט סאָניען איז אומעגלעך זײַן הארב אָדער פּאַשעט ערנסט.

— ס׳איז דען פאַראַן קלוגע נאַראָנים?

— שטעל זיך פּאַר — פאַראַן.

— נו גוט, סאָניעלע, בייזער זיך ניט. זאָג בעסער, וואָס ביסטו געקומען? און ווער האָט דיר געזאָגט, ווו איך בין?

— די באָבע אַליין האָט מיר געזאָגט. אָט ווער.

— און פונוואנען ווייסט די באָבע?

— פרעג זי אליין. און ביכלאל ביסטו א שרעקלעכער עגאָיִסט, א צע־דרייטער און אן אומדאנקבארער. איך וואָלט זיך ניט געוואָזגעט מיט דיר אזוי, ווען איך וואָלט געווען דײַן באָבע.

— דו בייזערסט זיך נאָך אלץ אף מיר?

— וואָדען האָסטו געמיינט? איך סטארע זיך, מיטן פאָטער, מיט דער באָבען, מיטן פוילישן אָפיצער, רעד זיי אײַן, כלאָפּאָטשע, דײַגע זיך, און צוליב וועמען? צוליב מיר צי צוליב דיר, נארעלע? קום איך צו לויפן הענדעם־פענדעם, און ער — „וואָס ביס־טו גע־קו־מען אהער?"

— ווארט א ביסל, בעבע ניט! וואָס האָט דאָ צו טאָן עפּעס א פויליי־שער אָפיצער?

— קום אָבער גיכער. די באָבע שטארבט. זי וויל זיך געזעגענען מיט דיר פארן טויט.

— וואָס זאָגסטו, סאָניע? וואָס פּלאפּלסטו?

— לאָמיר גיין, זאָג איך דיר! גיכער, גיכער! — טרײַבט זי אים אונ־טער. — מיר קאָנען נאָך, כאָלילע, פארשפּעטיקן. אונטערוועגנס וועל איך דיר דערציילן.

סאָניע לויפט און דערציילט בעשאַסמײַסע, און נאָכעמס הארץ ווערט אלץ פולער מיט צארטקײַט און דאנקבארקײַט צו איר. אוודע האָט ער געוווּסט, נאָכעם, אז זײַן שוועסטערקינד האָט ליב איבערטרײַבן, באַפּוצן. ער האָט אָבער געמיינט, אז סאָניע האָט בעסאכאקל ליב נאָר זיך אליין און דעם שפּיגל, אנדערע גייען איר ניט אָן. דעריבער האָט נאָכעם געקוקט איצט אף סאָניען מיט אנדערע אויגן.

— סאָניעלע, דו האָסט זיך שטארק געענדערט נאָך דער כאסענע.

דאָס איז ארויסגערעדט געוואָרן מיט אזא מין הארציקן טאָן, אז קיי־נער וואָלט ניט געקאָנט צווייפלען, וואָס ער מײנט. סאָניע אָבער קאָן זיך בעשום־אויפן ניט באגיין אָן קאָקעטערײַ. פרעגט זי אים טמימעסדיק:

— אף ערגער?

— ניין. אף בעסער.

— ווייסט פארוואָס?

— כ'ווייס ניט. פארוואָס?

— איך גרייט זיך ווערן א מוטער.

— וואָס זאָגסטו? — איז נאָכעם געבליבן שטיין א געפּלעפּטער.

— האָסט מיך ניט פארשטאנען, נאָכעמקע. אויב איך האָב א מאַן, וועל איך דאָך פרי'ער אָדער שפּעטער האָבן א קינד. דארף איך, הייסט עס, אויסכאָוועז אין זיך א געפיל פון א מוטער.

טאָקע אזוי האָט זי, בעפיירעש, געזאָגט: „אויסכאָוועז אין זיך". נאָר אויב איר ווילט, קאָן מען דאָס אויסטײַטשן אזוי אויך: איך רעפּעטיר א ראָל פון א מוטער. כאַפּ א קוק אף מיר, נאָכעמקע, און זאָג: די דאָזיקע ראָל פּאַסט מיר?

— דו זעסט אויס שלעכט, יינגעלע מײַנס, — האָט די באָבע געזאָגט, ווען ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר בעט.

„און דו זעסט אויס צען מאָל ערגער פון מיר, מײַן אָרעמע באָבע־ניו...״

ער האָט אָבער דאָס ניט געזאָגט איר. ער איז איצטער געווען זייער פאָרזיכטיק. יעדעס וואָרט האָט ער זיך געסטאַרעט דורכלאָזן דורך א זיפּ. און בעסער פון אלץ איז זיצן און שווײַגן.

— קלײַב גיכער צונויף דײַנע זאַכן. מע דאַרף שוין פאָרן, — האָט אים די באָבע אונטערגעײַלט.

— כ׳וועל אין ערגעץ ניט פאָרן.

— וואָס הייסט — וועסט ניט פאָרן? באלד גיי פּאַקעווע אײַן דײַנע זאַכן! אלע וואַרטן שוין.

— ערגער זיך ניט, באָבעניו. דו ביסט דאָך קראַנק. וויאַזוי קאָן איך דיך פאַרלאָזן אין אַזאַ צושטאַנד?

— דאַגע ניט פאַר מיר. דער פעטער אײַזיק האָט אָפּגערעדט מיט גע־נענדלען וועגן מיר. זי וועט שוין מיך פאַרזאָרגן.

— אלציינס וועל איך ניט פאָרן.

— דו ווייסט, אז סאָלדאַטן זײַנען שוין געקומען נאָך דיר?

— כ׳ווייס. סאָניע האָט מיר געזאָגט.

— הייסט עס, פאַרסטו ניט?

— ניין.

— ווילסט מיר טאָן אין טויט אַרײַן? אז כ׳זאָל גיכער שטאַרבן?

— באָבע! וואָס זאָגסטו וואָס?

— דאָס לעצטע מאָל זאָג איך דיר — גיי, פּאַקעווע דעם טשעמאָדאַן. אַניט...

נאָכעם האָט זיך דערשראָקן. די באָבע האָט זיך געטרייסלט, ווי אין א פיבער. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע און אַראָפּגעלאָזט די פיס אפן דיל. נאָכעם האָט זיך אופגעכאַפּט פונעם אָרט, באלייגט זי צוריק אין בעט, אײַנגעדעקט מיט דער קאָלדרע. זאַרגזאַם און צאַרט. זי האָט זיך ניט געווערט. ווי א קליין קינד, האָט זי זיך געלאָזט אײַנהילן אין דער קאָלדרע. א בלייכע, גלײַך ווי דאָס גאַנצע בלוט אירס און דאָס רעשט קויכעס האָט זי געפּאַטערט אף דער שפּאַרעניש מיט איר פאַראַקשנטן אייניק, האָט די באָבע אָנמעכטיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אף דער קישן.

— ערגער זיך ניט, באָבעניו, באַרויק זיך. איך וויל דיר עפּעס דער־מאָנען: דו געדענקסט, ווי דו האָסט מיר אליין אָנגעזאָגט? „הייסט עס, אָפּגערעדט. איך וועל אף דיר שרײַען, כ׳וועל דיך בעטן: פאָר אוועק, נאָ־כעמקע, וואָס גיכער, ראַטעווע דאָס לעבן! דו אָבער זאָלסט סײַוויסײַ ניט פאָרן...״ געדענקסט?

— יאָ. כ׳געדענק. ס׳האָט זיך אָבער אצינד אלץ געביטן... פאַרשטייסט מיך, ווען איך וואָלט געוועזן געזונט, וואָלט איך דיך אָפּגעהיט, ווי מײַן שוואַרצאַפּל... נאָר דו זעסט דאָך אליין, אז איך שטיי שוין מיט איין פוס דאָרטן... און אָן מיר וועסטו פאַרפאַלן ווערן...

איצטער זײַנען זיי ביידע אַנשוויגן געוואָרן. שפּעטער א ביסל האָט די באָבע שטיל אַרויסגעבראַכט:

— נאָכעמקע... גיב מיר דײַן האַנט.

זי האָט גענומען זײַן האַנט אין אירער.

— איך באַשווער דיך מיט מײַן נאָענטן טויט — פאָר אוועק.

נאָכעמקע האָט זיך אָנגעבויגן און זי אַ קוש געטאָן.

— גוט, באָבעניו.

ער האָט אַרויסגערוקט פון אונטערן בעט אַ טשעמאָדאַן. אים צעעפנט און פאַרטראַכט זיך.

די באָבע האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פון אים דעם בליק. זי איז געווען איבערצײַגט, אַז נאָכעם וועט אויספילן איר לעצטן ווילן. איז דאַרף מען איצטער זײַן מיט אים וואָס ווייכער, וואָס ליבלעכער מיט אַ־דעם קינד. האָט זי אים געזאָגט:

— מיינסט, אַז איך פאַרשטיי דיך ניט? האָסט ניט געהאַט קיין מוטער. האָסט פאַרלוירן דעם פאָטער. איצט האָסטו קיינעם ניט, כוץ מיר. איז ווער נאָך קאָן אַזוי גוט פאַרשטיין, ווי איך? נו, גוט. וועסט זיך נאָך דער־נאָך, מירצעשעם, אומקערן אַהיים. דײַן פאָטער האָט זיך דאָך אויך אומ־געקערט.

מיטאַמאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— נאָכעמקע, גיב מיר די פאָטאָגראַפיע.

ער האָט אַ צאַפּל געטאָן. די באָבע נעמט די גרויסע מישפּאָכע־פּאָטאָ־גראַפיע נאָר אין דעם פאַל, ווען מע דאַרף עמעצן אויסמעקן פון די לע־בעדיקע. איז וועמען וויל זי איצט אויסמעקן? אים, נאָכעמקען? צי עפּשער זיך אַליין?

— וואָס דאַרפסטו זי?

— כ׳וויל אָפּווישן פון איר דעם שטויב.

נאָכעם האָט איר דערלאַנגט די פאָטאָגראַפיע. די באָבע האָט זי זאָר־געוודיק אויסגעווישט מיטן עק טיכל.

— לייג זי אַרײַן אינעם טשעמאָדאַן.

— און דו?

— איך דאַרף זי שוין ניט... נו, גיי צו נעענטער, קינד מײַנס. מיר דאַרפן זיך שוין געזעגענען.

נאָכעם איז צוגעגאַנגען צום בעט. די באָבע האָט אַרומגענומען זײַן קאָפּ:

— כ׳וועל דיך שוין מער ניט זען...

און צעוויינט זיך.

דאָס בלינדע אויג האָט אויך געוויינט.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני, געקושט דער באָבעס הענט, און געזאָגט:

— כ׳וועל זיך אומקערן, באָבעניו...

13

ענדלעך איז אַלץ גרייט, די כּפייצים זײַנען אָנגעלאָדן אַף אַ לאַנגן וואָגן. באַסיע, סאָניע, לייבאָוויטש, אײַזיק און נאָכעם האָבן אַרופגעקלע־טערט אַף דער פור. און פּלוצעם איז אײַזיק אַראָפּגעשפּרונגען.

— נו, וואָס איז ווידער געשען? — האָט סאָניע אומגעדולדיק אויסגע־רופן.

— מיר האָבן דאָך פאַרגעסן מוישעלען, — האָט אײַזיק געענטפערט.

זלאָטקיס איז אַרײַנגעלאָפן אין שטוב. אײַנגיכן האָט ער זיך באַוויזן אויף דער שוועל. ער האָט פעסט געהאַלטן פאַר דער האַנט און אונטערגע־שטופּט אַ קליין שמייכלענדיק מענטשל מיט אַ באַוואַקסן פּאָנעם און מיט רויטע פאַרסלינעטע ליפּן. ווען ער האָט איבערגעשפּאַנט איבער דער שוועל, האָט מוישעלע פאַרשטעלט די אויגן מיט אַ דלאָניע. ער איז גע־ווויינט געוואָרן אין זײַן קאַמערל צו טונקלקייט, און דאָ האָבן מיטאַמאָל ווייטעקדיק אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן העלע זונען־שטראַלן.

אײַזיק האָט אים צוגעפירט צום וואָגן, געוואָלט אַוועקזעצן אים. נאָר מוישעלע האָט זיך אומדערוואַרט פאַראַקשנט, ניט געוואָלט זעצן זיך, מיטאַמאָל אַרויסגעריסן זיך פון אײַזיקס הענט און געלאָזט זיך לויפן צו־ריק אין שטוב אַרײַן.

אײַזיק האָט אַ שאַר געטאָן אין דער קעשענע, אַרויסגענומען אַ שטיקל צוקער און אויסגעשטרעקט דעם שוואָגער. מוישעלע האָט אַרויסגעכאַפּט פון אײַזיקס הענט דעם צוקער, אַרײַנגערוקט אין מויל אַרײַן און גענומען אָפּגיך סמאָקען און כראָמטשען.

„פּונקט ווי אַ הונט, ווען מע וואַרפט אים צו אַביינדל", — האָט נאָכעם מיט ווייטעק אַ טראַכט געטאָן. ער איז אַראָפּגעקראָכן פון דער פור, גע־האָלפן דעם פעטער אַוועקזעצן מוישעלען.

דער אָנטרײַבער האָט זיך געאײַלט דעריאָגן די איבעריקע וואָגנס, וועל־כע האָבן זיך שוין מיט אַ שטיק צײַט פריִער געלאָזט אויף באַלענזשאַנע. ווי נאָר מע האָט זיך פאַנאַנדערגעזעצט, האָט ער שטאַרק אַ צי געטאָן די לייצעס. די פערד האָבן זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט אַזוי, אַז מוישעלע איז שיִער ניט אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך זייער איבערגעשראָקן, געוואָרן נאָך בלייכער, געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון דער פור. נאָר נאָכעם, פון איין זײַט, און אײַזיק, פון דער אַנדערער, האָבן אים פעסט געהאַלטן פאַר די פּלייצעס.

— באַסיע, — האָט זלאָטקיס געזאָגט צום ווײַב, — זאָלסט מיר דערמאָ־נען אויף דער סטאַנציע, אַז איך זאָל אים אָפּפירן אין פאַריקמאַכערסקע, זיי זאָלן אים אַ ביסל אָרומשערן און אָרומגאָלן. אַניט וועט מען אים ניט דורכ־לאָזן.

14

מיר זײַנען געקומען צו פאָרן שפּעטער פון אַלעמען. אויף דער קליינער סטאַנציע איז געווען טומלדיק, ווי אויף אַ יאַריד. מע האָט גערוישט, געטײַ־נעט, געזיפצט און אונטערגעמונטערט איינער דעם צווייטן. ס'הייסט, „ניש־קאָשע, גוטע מענטשן זײַנען פאַראַן אומעטום, מע וועט יאַקאָס העלפן", אָדער „גאָט איז אַ פאָטער..."

פערעץ דער שווארצער מישט זיך באלד אריין:

— עמעס, גאָט איז א פּאָטער. אז ער גיט ניט קיין מאקע, גיט ער א בלאָטער.

פּאר אזא קליינער סטאנציע איז געגנוג געווען איין כאָים כאוועס, אז סע זאָל דאָרטן ווערן א מעהומע. ער האָט פאַרקויפט זײַן סאָד די צי־מעסמאגס פאר האלב אומזיסט, איז דעריבער אים געווען ביטער אפן הארצן, לויפט ער ארום איבער דער פלאטפאָרמע מיט אימפּעט, אופהייבנ־דיק א ווינטל, וואָס ווארפט אָפּ זײַן לאנגע באָרד אין א זײַט. ער שטעלט זיך אָפּ אף א ווײַלע בא איין רעדל מענטשן, לויפט צו א צווייט רעדל, שטעלט אונטער אן אויער, טוט א נאש די לעצטע יעדיעס, רײַסט זיך ווידער אָפּ פונעם אָרט, לויפט צום עק פון דער פלאטפאָרמע, קוקט מיט אָנגעצונדענע אויגן אין דער ווײַט אריין — עפשער וועט ער זיך ענדלעך באווײַזן, דער צוג. די אויגן האָט ער די לעצטע צײַט געהיילט אפגיך און גרינטלעך, ווי ניוניע די נאָז, אניט וועט מען אים דאָך ניט ארײַנלאָזן קיין אמעריקע. פארוואָס עפּעס אמעריקע? וואָרעם אורוגווײַ איז, אייסעך־וואָס, ניט קיין ערנסט לאנד, און מע וועט זיך טאקע מוזן אריבערפּעקלען, מיט גאָטס הילף, אין דער גאָלדענער אמעריקע.

קרישטולס פּילצאָליקע מישפּאָכע האָט זיך געהאלטן א ביסל אָפּגעזונדערט. די קרישטולס האָבן געהאט א גרויסן באגאזש, האָט מען אים געמוזט היטן. זיי זײַנען געווען שטארק אופגעבראכט צוליב דער אופירונג פון די צימעסמאנס, דעריקער פון דעם יינגערן, נויעכן. העכער פון אלע־מען האָט ער געגראגערט: „קלאָרע דיבורים! מע דארף מאכן די פּלייטע פונדאנען. און וואָס גיכער, איז בעסער. קיין לעבן וועט דאָ ניט זײַן. און קיין גליק — איז שוין אָפּגערעדט!“

נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער שארף א דריי געטאָן דעם די־שעל. „קלאָרע דיבורים! אהין דארף מען פאָרן מיט געלט. אָן געלט איז א מענטש דאָרטן ניט קיין מענטש. איך קאָן אָבער ניט פארקויפן מײַן אָליארניע. קיינער וויל זי ניט קויפן. איז מיט וואָס זאָל איך פאָרן מיט וואָס? מיט ליידיקע הענט?“

איז ער טאקע ניט געפאָרן. און דער עלטערער ברודער, זײַן שוטעף, איז שוין בעמיילע אויך ניט געפאָרן.

וואָס נעענטער צו נאכט, אלץ שטילער איז געוואָרן דער טומל. צו־זאמען מיטן כוישעך איז געקומען די שטילקײַט און דער אומעט. מענטשן זײַנען ארומגעגאנגען, ווי שאָטנס, איבערן פּעראָן, און שווײַגנדיק, נאָר מיט די אויגן געפרעגט איינער דעם צווייטן: ווען וועט ער שוין קומען, דער צוג?

די מומע באסיע און די מומע רייזל זײַנען געזעסן אף די קלומעקעס און שטילינקערהייט געשמועסט. לײַבלעכע שוועסטער — און אזוי ניט ענלעך איינע אף דער צווייטער. דאָס פּאָנעם פון דער עלטערער שוועס־טער, פון רייזלען, איז געווען צעאקערט מיט שווארצע קנייטשן, וואָס האָבן איצט אויסגעזען שווארצער, ווי געוויינלעך, איבער דער פינצטער־קײַט און איבער דעם, וואָס זיי זײַנען ניט געווען פארפּודערט מיט קאלך־שטויב, ווי שטענדיק, וואָרעם רייזל האָט גרינטלעך אויסגעוואשן און

אויסגעפארעט דאָס פּאָנעם, איידער זי האָט זיך געלאָזט אין דער ווײַטער נעסיע. מיט אירע קנייטשן, מיט איר שטענדיקער פאַרדייגעטקייט און טויבקייט איז זי געווען ענלעך אפן פעטער אײַזיק. די מומע רייזל איז פאַרבליבן אַן אַלמאָנע, און די דײַגעס פון פּאַרנאָסע זיינען געפאַלן אַף אירע שמאָלע פּלייצעס.

די מומע באַסיע, ווידער, איז געווען אַ פּולע, לויזע פרוי מיט אַ ברייט ווײַס פּאָנעם און מיט פולע צעשטרייטע באַוועגונגען. נאָך פּאַניעס טויט איז באַסיעס צעשטרייטקײַט געוואָרן נאָך גרעסער. זי האָט געקאָנט אופכאַפּן זיך אינמיטן נאַכט, פאַרדעקן מיט אַ קאָלדרע די קושעטקע און שטאַמלען, ווי פון שלאָף:

— דעק זיך אײַן בעסער, פּאַניעטשקע, די נעכט זײַנען קאַלטע. קאָנסט זיך נאָך, כאָלילע, צוקילן...

די מומע רייזל פאַרקלאָגט זיך פאַר איר ייִנגערער שוועסטער, קלאָגט זיך און זיפצט:

— דו פאָרסט כאָטש מיט אַ מאַן, מיט קינדער... און איך בין איינע אַליין. איינזאַם, — זיפצט זי, — עלנט, — זיפצט זי נאָך טיפער, — מענדל איז אפן הייליקן אָרט. גרישע — אין אַרמיי. און וועלוועלען האָט זיך אײַנ־מיצקעדערינען פאַרוואָלט לערנען. האָט ער אַרײַנגעלייגט דעם „קאַפּיטאַל" אין טשעמאָדאַנדל און איז אַוועקגעפאָרן...

— ס'אי נאָך גוט, וואָס ער האָט כאָטש גענומען מיט זיך אַ שטיקל קאַפּיטאַל.

— ס'אי ניט דער קאַפּיטאַל, וואָס דו מיינסט, באַסיע. פונוואַנען קאָן ער זיך נעמען צו מיר, באַ אַ בידנער אַלמאָנע...

— וואָס הייסט, ניט דער? וואָסער דען?

— ס'אַ בוך אַזאַ. אַ גרויסער, אַ גראָבער. ער האָט פאַרנומען דאָס גאַנ־צע טשעמאָדאַנדל. נאָר אַ פּאָרל גרעט און צוויי פּאָר שקאַרפּעטקעס אַרײַנ־געשטופּט...

איך פרווו אַ שמייכל טאָן. דער שמועס פון מײַנע מומעס האָט מיך אַ ביסל אַרויסגעפירט פון מײַן דערשלאָגענעם צושטאַנד.

איך קאָן ניט קומען צו־זיך ביז אַהער. דאָס האַרץ טוט ווי און שרײַט. וואָס ביסטו געבליבן שטיין, ווי אַ גוילעם? פאַרוואָס ביסטו ניט געלאָפן נאָך איר? פאַרוואָס האָסטו זי ניט דעריאָגט? ניט דעריאָגט, ניט געכאַפּט זי מיט אַ פעסטער האַנט... פאַרוואָס ביסטו אַליין אַנטלאָפן?

פאַרוואָס? פאַרוואָס?

וואָרעם איך האָב נאָך געהאָפט. אַלץ געהאָפט...

קוק איך זיך אײַן אין דער געדיכטער כאָשכעס, און די אויגן מײַנע, אַ ביסל קורצזיכטיקע, זעען דאָס, וואָס זיי ווילן זען. און איך כאַפּ זיך מיט די הענט פאַר דער לופט און נעם אַרום אַ פּוסטקײַט. הייב איך ווידער אָן שפּאַנען איבערן פעראָן. פיבערדיק שפּאַן איך, צעדרייט, קימאַט ווי בערל דער מעשוגענער. איך האָב אים הײַנט געזען. ס'איז נאָך ניט אַזוי הייס, און ער לויפט שוין אַרום איבערן שאָסיי, גלײַך ווי ער וואָלט עמעצן פאַרפאָלגט, אָדער עמעצער פאַרפאָלגט אים. לויפט און בעבעט באַדערבײַ מעשונעדיקע ווערטער: „איך גיי אין יאַם, איך גיי אין יאַם, און זע ניט

קיינעם, און זע ניט קיינעם, יאַ־מאַ־קו־טעו!”, און ווען ער רעדט אַרויס אַ־דאָס וואָרט — יאַמאַקוטע, טרייסלט ער זיך און ציטערט, און צאַפּלט מיטן גאַנצן קערפּער.

בין איך קימאַט צופרידן, ניין, ניט קימאַט, איך בין בעפּיירעש צופרידן, ווען איך דערהער פּלוצעם דעם פעטערס קאָל, אַ סקריפּענדיק, נאָר דאָך אַ מענטשלעך, אַ היימיש קאָל.

— סאָניע, זאָג אים, אַז ער זאָל ניט אַרומשפּאַצירן אַזוי פראַנק־און־פרײַ איבערן פּעראָן. זיי קאָנען אים דאָ אויך כאַפּן.

איך שטיי נעענטער צום פעטער אײַזיק, ווי צו סאָניען. נאָר זײַנע אָנווײַזונגען גייט ער איבער דורך סאָניען, ווײַל ער איז ברויגעז אַף מיר און רעדט מיט מיר ניט. סאָניען פאַרגלוסט זיך אַ טומל טאָן, שרײַט זי צו דער מומע באַסיע:

— מאַמע, זאָג אים, אַז ער זאָל ניט אַרומשפּאַצירן אַזוי פראַנק־און־פרײַ איבערן פּעראָן, זיי קאָנען אים דאָ אויך כאַפּן.

די מומע באַסיע רופט מיך צו און כאַזערט איבער פּויל:

— נאָכעם, שפּאַציר ניט אַרום אַזוי פראַנק־און־פרײַ איבערן פּעראָן. זיי קאָנען דיך דאָ אויך כאַפּן.

שפּרינג איך אַראָפּ אַף דער שטאָלענער קאָליע און נעם זיך ציילן די שפּאַלעס.

פּלוצעם דערהער איך עפּעס ווי אַ קינדעריש־אַנציקטן אויסרוף. און דערזע אינדערוויַיטנס אַ שטיק כאַשכעס־געדיכטעניש. איך דערקען מוישעלען. ער שטייט אַף די שפּאַלעס און קוקט צו דער לעוואָנע. שמייכלט מילד, פאַרליבט, גלײַך ווי ער וואָלט געזען אַ־דעם שײַנענדיקן וווּנדער דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן.

ווי קומט ער אַהער? פונוואַנען האָט ער זיך דאָ גענומען?

אַלע זײַנען געווען פאַרנומען מיט אייגענע דײַגעס, מיט אייגענע יעסורים. קיינער האָט ניט אַכטונג געגעבן אַף אים. האָט ער, זעט אויס, דאָס אויסגענוצט. אַרויסגעשאַרט זיך. אַנטלאָפן פון די אָנגעכמורעטע מעשונעדיקע מענטשן, וואָס האַלטן אים פאַרשפּאַרט. און דאָ־אָ, אין דעם ראַכוועסדיקן רוים, האָט ער זיך געשטעלט פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דער לעוואָנע, געשטעלט זיך און פאַרגליווערט געוואָרן מיט אַ שמייכל אַפן בלייכן געזיכט.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ רעדער־קלאַפּערײַ און דער אָטעם פון אַ צוג. אָ! ענדלעך קומט ער אָן!

— מוישעלע! — האָב איך אויסגעשריגן. — לויף צו מיר! גיכער! דער צוג גייט!

ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ שאַרפער צעצויגענער פײַף. אַ שאָד! ניט דער צוג, וואָס מע וואַרט אַף אים. וואָרעם דער פײַף האָט זיך דערהערט פון דער אַנטקעגנדיקער זײַט. באַלד האָט אַרויסגעטויכט, בייגנדיק זיך, ווי אַ שלאַנג, אַ מוירעדיק־גרויסע איין־אויגיקע כײַע, וואָס האָט זיך געטראָגן גלײַך אַף מוישעלען. אַ גרויל האָט מיך אַרומגעכאַפּט.

— מוי־שע־לע! — האָב איך אַ געשריי געטאָן. — אַראָפּ פון די רעלסן! עפּשער ווייסט ער ניט, וואָס איז אַזוינס רעלסן? שרײַ איך ווידער:

— מוי־שע־לעו! אראָפּ פון וועג!

ער איז אָבער געשטאַנען, ווי אַ פּאַרקישעפּטער, עפּשער האָט ער ניט דערהערט מײַנע געשרייען איבער דעם געקנאַל פונעם צוג?

כ׳האָב זיך געלאָזט לויפן צו אים. ס׳איז אָבער שוין געווען שפּעט. די כײַע האָט זיך ארופגעוואָרפן אף אים, אים אומגעוואַלגערט. איך אליין האָב קוים באַוויזן אָפּשפּרינגען פון די רעלסן.

V. אהיים

1

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, ניט דערפאָרנדיק ביז צו דער באַן־סטאַנציע. פונעם לאָקאָמאָטיוו זײַנען אראָפּגעשפּרונגען דער מאַשיניסט און נאָך אַ מענטש מיט אַ שוואַרץ פּאָנעם, וואָס איז באַדעקט מיט קוילן־שטויב. פון די וואַגאָנען זײַנען ארויס מיליטערלײַט און האָבן ארומגע־רינגלט דעם מאַשיניסט.

— וואָס איז געשען?

— עפּעס אַ מענטש איז ארונטערגעפאַלן אונטער די רעדער.

ווען נאָכעם איז צוגעלאָפן, זײַנען שוין ארום מוישעלעס צענעריקטן קערפּער געשטאַנען סאָלדאַטן. אַ פּאַרלוירענער, האָט נאָכעם אפילע קיין קלער ניט געטאָן, וואָס פאַרא סאָלדאַטן — אונדזערע, ווי די באָבע זאָגט, צי פרעמדע.

פאַרזיכטיק און אײַנגעשפּאַרט האָט ער זיך דורכגעשטופּט צווישן די שאַרסטקע שינעלן, צו דער מיט אָבער האָט ער זיך ניט דערשלאָגן. עפּעס אַ סאָלדאַט מיט אַ בייז־פאַרשלאָפּן פּאָנעם האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים און זיך אויסגעזידלט.

ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן עפּעס אַ יונגער מילי־טערמאַן.

— וואָס איז געשען? — האָט ער הויך אַ געשריי געטאָן, — אַנו, לאָזט דורך!

די סאָלדאַטן האָבן געמאַכט אַ וואַרע. „זעט אויס — אַ קאָמאַנדיר״, — האָט נאָכעם אַ טראַכט געטאָן און אומדערוואַרט־האַזעדיק זיך געלאָזט גיין נאָך אים.

דער קאָמאַנדיר האָט זיך אָנגעבויגן איבערן טויטן קערפּער און שטיל ארויסגעשטאַמלט:

— שוין זשע מוישעלע? דאַכט זיך, ענלעך...

נאָכעם האָט אַ טראַכט געטאָן קימאַט דאָס זעלבע. „שוין זשע גרישע? זייער ענלעך...״

— גרישע! — האָט ער מיטאַמאָל אויסגערופן.

דער מיליטערמאַן האָט זיך שאַרף אַ קער געטאָן צו אים.

— ווער זײַט איר?

דערנאָך צוגעגעבן א קאפעלע ווארעמער:

— אז נאָכעמקע! נאָכעמקע דער מאלעך...

נאָכעם איז געווען גרייטווארפן זיך אים אפן האלדז, גרישע וואסערבער האָט אים אָבער קאלט א פרעג געטאָן:

— פונוואנען קומסטו אהער?

— כ׳בין געקומען צו פאָרן. איך, ס׳הייסט, מיר זײַנען געקומען...

— רייד קירצער. כ׳האָב קיין צײַט ניט.

נאָכעם האָט זיך צעבייזערט.

— הער נאָר, גרישע, וואס מאכסטו פון זיך...

וואסערבער האָט אים איבערגעשלאָגן. שטיל און בייז האָט ער דורכגעזיפט דורך די ציין:

— הער נאָר, מאלעכל. רוף מיך ניט גרישע. עס פאסט ניט. מײַנע רויטארמייער שטייען דאָך דערבײַ.

נאָכעם האָט אָפגעראפּאָרטירט, קורץ, הויך, לויטן מיליטער־סטאטוט:

— איך פאָלג, כאווער קאָמאנדיר.

וואסערבער האָט ניט באמערקט צי ניט געוואָלט באמערקן נאָכעמס איראָניע.

— פאָליאקן זײַנען פאראן?

— מיר איז עס ניט באוווסט!

— און אין קאָפּין?

— פאראָן.

— א סאך?

— מיר איז עס ניט באוווסט!

— דערוויסן זיך און ראפּאָרטירן! דער טערמין — זעקס שאָ.

די לעצטע קאָמאנדע, אָן אומגעוויינלעכע, אָן אומדערווארטע, איז נאָכעמען געפעלן געוואָרן. גרישע האָט זיך שטענדיק אויסגעטיילט מיט זײַן שטארקן און האָזעדיקן כאראקטער. ער קאָן א זאָג טאָן א גראָבקײַט, אפילע באליידיקן און — גאָרניט. ס׳איז אים אלציינס, צי איר האָט אף אים א הארץ, צי ניט. „און איך בין ניט אזא״, — האָט נאָכעם פאָרגעזעצט קלערן וועגן דעם אין דער צײַט, ווען ער האָט געדארפט קלערן וועגן עפעס אנדערס.

טאקע זייער פײַן. וואָס וועט אָבער זײַן מיט דער נעסיע? און וואָס וועט זײַן מיטן פעטער אײַזיק, וועלכער האָט מיסטאמע שוין ארויסגעשיקט שליכים אין אלע עקן, קעדיי אָפצוזוכן דעם „טײַערן אויצער״, נאָכעמקען. און וואָס וועט זײַן מיט אורוג...

מיטאמאָל איז נאָכעמען געקומען אפן זינען, אז אורוגווײַ איז ניט מער ווי א כאָלעם. עפעס א כיטרע כאָלעם, ווו עס האָוען ארום קלוימערשט אזעלכע, ווי פערעץ דער שווארצער, די מומע רייזל, דער פעטער אײַזיק — קאָמישע מענטשעלעך פון א פאנטאסטישער וועלט, א וועלט, ווו עס וווינט אליין יאמאקוטע, פאר וועלכן עס ציטערט בערל דער מעשוגענער... גרישע, ווידער, האָט אלץ ניט קיין צײַט. „ער האָט אפילע מיך ניט געפרעגט, צי בין איך מאסקים „דערוויסן זיך און אָפּראפּאָרטירן״.

דער צוג איז אוועק. מיר האָבן זיך געלאָזט נאָך אים, נאָך זײַנע רוי־כיקע שפורן, גרישע וואסערבער און איך.

ער האָט זיך שטאַרק געענדערט, גרישע. עלטער געוואָרן, מענערישער. נאָר זײַנע גרויסע שוואַרצע באַלעכעס האָבן געפינקלט, ווי פריִער. יונגע, א קאפּעלע באַרימערישע אויגן.

— אצינד דערצייל וואָס און ווען, מעגעגע, אָבער קורץ און שאַרף. ניטאָ קיין צײַט. דאַרפסט באלד גיין אין אויסשפּירונג.

— כאוועך קאָמאַנדיר...

ער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— איצטער קאָנסטו מיך רופן גרישע.

— גרישע! איך דאַרף דיר אַזויפיל דערציילן, אַז כ׳ווייס ניט פון וואָס אָנצוהייבן...

— וואָס טוסטו דאָ?

— מיר פאָרן קיין אורוגווײַ.

— אור־רו־גווײַ? וואָס איז דאָס?

— ס׳א שטעטל אין וואָלין, ווייסט דען ניט?

— מאַך זיך ניט נאַריש. כ׳האָב דורכגעמאַרשירט מיט מײַנע שלאַכט־לײַט דורך גאַנץ וואָלין און ניט געהערט וועגן קיין שטעטל אור־רוג־בײַ.

— ניט אורוגבײַ, נאָר אורוגווײַ. ס׳איז אַ מין לאַנד. אין דאָרעם־אַמע־ריקע.

— וואָס זשע דרייסטו מיר א ספּאָדעק! „א שטעטל אין וואָלין"!

— אויב דו האָסט זיך דערדינט ביז צו א קאָמאַנדיר, וואָלסטו גע־דאַרפט וויסן...

— אַף קאַפּאָרעס דאַרף איך אים, דײַן אורוגווײַ!

— מיר פאָרן אָבער אַהין.

— וואָס הייסט „מיר"?

— מיר אַלע.

כ׳האָב געמאַכט א האַפּסאָקע און צוגעגעבן:

— און דײַן מוטער אויך.

אָ! איצטער וועט ער מיך פאַרשיטן מיט פּראַגעס! מיט צענדליקער פּראַגעס!.. נאָר ס׳הייבט זיך אפילו ניט אָן. ער האָט, עמעס, א פרעג גע־טאָן:

— מײַן מאַמע איז אויך דאָ?

און ווען איך האָב אים געענטפערט „יאָ", האָט ער אפילו ניט פאַרגיי־כערט די טריט. ער האָט גענומען זידלען מיך, און דורך מיר אויך זײַן מוטער.

— איר זײַט קליינשטעטלדיקע יאָלדן! וווהין פאָרט איר וווהין? צו דער וועלט־בורזשואַזיע? וואָס האָט איר דאָרטן ניט געזען? עקספּלואַטאַ־ציע? צאָרעס און שלעק? דזשונגלס?

— זאָג דאָס דעם פּעטער אײַזיק.

— וואָס איז? מיינסט, כ׳וועל אים ניט זאָגן? כ׳וועל זיי אלעמען זאָגן, די אָפּגעריסענע נאַראָנים!

ער האָט בייז א פינקל געטאָן אף מיר מיט זײַנע באָלעכעס, גלײַך ווי איך וואָלט געווען דער הויפּט־שולדיקער.

— כ׳נייטיק זיך ניט אין דײַנע מוסער־רייד. כ׳ווייס דאָס אליין.

— איז אויב דו ווייסט יאָ, טאָ פארוואָס זשע...

— די אומשטענדן האָבן...

— וואָס פארא אומשטענדן?

— ס׳איז א גאַנצע געשיכטע. לאַנג צו דערציילן.

— איז דערצייל קורץ און קלאָר.

פאר אים איז אלץ אף דער וועלט קורץ און קלאָר. פאר מיר זײַנען א סאך זאכן גאָר ניט קלאָר.

אָט האָט עפּעס פלוצעם מיך א שטויס געטאָן גאָר אין אַן אנדער זײַט.

— כ׳בין באַגאַנגען א גנייווע.

גרישע האָט זיך צעשמייכלט מיט זײַנע ברייטע ליפּן, און עס האָבן זיך באַוויזן צוויי שנירלעך ווײַס־בלישטשענדיקע ציין.

— דו?.. ס׳קאָן ניט זײַן.

— פארוואָס עפּעס קאָן ניט זײַן?

— דו ביסט אלעמאָל געווען, ווי א באַרישניע. ניט אומזיסט רופט מען דיך מאַלעכל... וואָס זשע האָסטו צוגעגאַנוועט?

— געלט.

— בא וועמען?

— באַם פעטער אײַזיק.

— נאָך וואָס?

— מע האָט עס געדאַרפט.

— אף וואָס האָסטו עס געדאַרפט?

— ניט איך. נאָר... ס׳איז אָבער אלציינס א גנייווע.

גרישע האָט זיך צעלאַכט. דער געלעכטער זײַנער, א יונגער, א מונ־טערער, האָט פאַנאַנדערגעטריבן די כאַשכעס. איז מיר געוואָרן ליכטיקער, פריידיקער פון די ווערטער, וואָס איך האָב פון אים דערהערט.

— אַ! כ׳פאַרשטיי שוין. איז וואָס דאַרפסטו עפּעס איבערלעבן? ס׳איז דאָך ניט קיין גנייווע. ס׳הייסט עקס־פּראָ־פּרי־אַציע, פאַרשטייסט? עקס־פּראָפּרי־אַציע פון עקספּראָפּרי־אַטאָרס. אוף! וואָס פארא שווערע ווערטער. קוים אַרויסגערעדט.

שמועסנדיק מיט מיר, האָט ער בעשאַסמײַסע זאָרגעוודיק אַרומגעקוקט די אומגעגנט. כ׳מיין, אַז דאָס איז געווען פאר אים דער איקער, און גע־פּלאַפּלט האָט ער מיט מיר צוליב דעם, זעט אויס, אַז עס זאָל אים ניט זײַן לאַנגווײַליק.

קעדיי איך זאָל ניט אויסזען אין זײַנע אויגן ווי א „קליינשטעטלדיקער יאָלד״, האָב איך געוואָלט דערציילן גרישען וועגן דעם טויט־אורטייל, וואָס הענגט ביז אַהער איבער מײַן קאָפּ. איך האָב זיך אָבער מעיאַשעוו געווען. אַזעלכע מענטשן, ווי גרישע, זײַנען ניט פייִק און זיי ווילן ניט אַרײַנדרינגען אין עמעצנס נעשאָמע, קעדיי צו אָפּשאַצן זײַן אויפירונג.

וואסערבער האָט אַלץ געמאָסטן אויף זײַן אַרשין. קאָן ער נאָך אַ קלער טאָן, אַז איך באַפּוץ זיך, ווי ער אַליין וואָלט זיך אין אַזאַ מין פאַל באַפּוצט.

— און ווו איז וועלוול?

ענדלעך האָט ער זיך טאַקע דערמאָנט וועגן זײַן ליבלעכן ברודער.

— ער איז געפאָרן שטודירן.

גרישע האָט זיך גלײַך גענומען מוסערן דעם ברודער.

— געפונען אַ צײַט אויף שטודירן! אַצינד דאַרפן אַלע קעמפן. באַשיצן די ראַטנמאַכט. שטודירן וועט מען אויספּייען שפּעטער.

ווען מיר זײַנען געקומען אַפּן וואָקזאַל, האָב איך גלײַך צוגעפירט גרישען צו זײַן מוטער. ער האָט זי אַ קוש געגעבן און באַלד אַרויסגעריסן זיך פון אירע אָרעמס, אַראָפּגעצויגן ווילויונגעריש די עקן פון דער גימנאַסטיאָרקע און געמאָלדן דעם אוילעם, אַז באַלד וועט זײַן אַ מיטינג.

דער פעטער אײַזיק האָט צעצויגן זײַנע גרויע ליפּן, און דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז ער שמייכלט. ניוניע אײַזנבערג האָט באַלד אָנגעהויבן שמאָרכען מיט זײַן קראַנקער נאָז — טשיקאַווע, מיט וואָס שמעקט ער, דער מיטינג?! אַפילו כאַים כאַוועס האָט אופגעהערט אַרומלויפן איבערן פּעראָן. אַלע האָבן אַרומגערינגלט וואַסערבערן. אַפילו די קרישטולס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער, האָבן זיך צוגערוקט נעענטער. און פּערעץ דער שוואַרצער, האָט, ווי זײַן שטייגער איז, אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר נאָר, גרישע, דו ביסט נאָך פאַרבליבן אַזאַ כוליגאַן, ווי דו ביסט געווען?

פּערעצעס גוטברודערישער טאָן איז וואַסערבערן בעפּיירעש ניט געפעלן געוואָרן.

— בירגער פּערעץ! כ׳וועל אײַך געבן אַ וואָרט, און דערווײַל שטערט ניט.

פּערעץ האָט זיך ניט פאַרלוירן און געזאָגט:

— וואָס דאַרף איך דאָס האָבן דײַן וואָרט? כ׳קאָן דאָס אײַך אָפּטרעטן מיטן גרעסטן קאָוועד.

זײַן רעדע האָט גרישע אָנגעהויבן מיט די זעלבע ווערטער, וואָס ער האָט מיר געזאָגט:

— יאָלדן קליינשטעטלדיקע, וואָס איר זענט! וווּהין פאָרט איר ווּהין? צו דער וועלט־בורזשואַזיע? וואָס האָט איר דאָרטן ניט געזען? עקספּלואַטאַציע? צאָרעס און שלעק? דזשונגלס? מע דאַרף אײַך מיימעסן פאַר די דאָזיקע פוילע שטיק דאַרף מען אײַך...

ווײַל דער זאָג „קליינשטעטלדיקע יאָלדן” האָט געהאַט אַ שײַכעס צו אַלעמען, איז קיינער ניט ברויגעז געוואָרן. אַלע האָבן געקוקט דעם מאַזיק גרישען, געהאַלטן אים פאַר אַן אייגענעם, איז פאַר זיי זײַן אויסגעשריי „יאָלדן קליינשטעטלדיקע” גאָר ניט געווען קיין באַליידיקונג.

נאָר איין מענטש האָט דאָס ניט געקאָנט פאַרלײַדן — זעליק שלײַען, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, ווי אַלע קאָפּינער, געהאַט אַ צונאָמען „זעליק דער כוילעניפל”. ער האָט געהאַט אַ דין בלייך פּאָנעם און אַ רויטע באָרד.

— אויב מיר זײַנען קליינשטעטלדיקע יאָלדן, און דו ביסט געוואָרן

אזא גרויסער כאַכעם באַלײַלע, איז זאָג מיר, כ׳בעט דיך: דו ביסט אויך געקומען אַף צו מיימעסן אונדז, אַז נו, וואָס שווײַגסטו עפּעס? זאָג זשע! עפּשער האָט מען אונדז וויניק נאָך געמיימעסט, אַז אַשטייגער, דער קייסער, פּעטליורע, דעניקין? ביסטו, הייסט עס, אַצינד אויך געקומען מיימעסן אונדז? נו, איז נאַ דיר, מיימעס! שלאָג! הארגע! אויב דו וועסט נאָר געפינען אַ גאַנץ אָרט!

און זעליק שלײַען טוט אַ ריס אַראָפּ פון זיך די קאַפּאָטע, דאָס רעקל, דעם קאַמזויל, פאַרהייבט דאָס העמד, קערט זיך אום מיטן רוקן צו וואַסערבערן, און נעמט ווידער שרײַען, ווי אַ באַנומענער:

— שלאָג זשע, שמײַס, קאַדויטשע! נו, וואָס שטייסטו וואָס?

מאַכמעס דעם, וואָס זעליק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אויסלאָזנדיק די קויכעס צוזאַמען מיט די געשרייען, האָט מען ניט געקענט זען ניט זײַן ווײַס פּאָנעם, ניט זײַן רויטע באָרד,— נאָר דעם רוקן זײַנעם, וואָס איז געווען באַדעקט מיט סיניאַקעס, מיט פרישע שפּורן פון שאָמפּאָלן, דעריבער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ניט זעליק, נאָר אַליין דער רוקן שרײַט פון ווייטעק, פון צאָרן, פון בושע.

וואָס וועט אַצינד זאָגן דער כאַוווער זעלבסטזיכערער קאָמאַנדיר? — האָב איך אַ קלער געטאָן.

לויטן פּאָך פון זײַן האַנט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז גרישע קלײַבט זיך פאָרזעצן מיטן זעלבן מײַנעלאָשן. בין איך צוגעגאַנגען צו אים און אײַנגערוימט:

— זאָלסט וויסן, אַז ער איז אַ כוילעניפּל.

— איז וואָס? זאָל איך איבער דעם איבעררײַסן דעם מיטינג?

— רעד שטילער. ער קאָן נאָך דערהערן. ווייסטו וואָס, גרישע, גיב מיר אַ וואָרט, וועל איך שוין יאַקאָס עפּעס זיך דערשלאָגן.

— וואַליאַי!

ס׳איז געווען די ערשטע רעדע אין מײַן לעבן. כ׳בין געווען צעטרודערט און זיך געסטאַרעט ניט קוקן אין יענער זײַט, וווּ ס׳האָבן קאַלטאיראָניש געבלישטשעט דעם פּעטערס פּענסנע־גלעזלעך. כ׳האָב אויך ניט געקאָנט קוקן אַפן רוקן, וואָס איז געווען באַדעקט מיט סיניאַקעס. ווי נאָר כ׳ האָב אַ קוק געטאָן אַף דער צעקאַרדאַשעטער פּלייצע, זײַנען מיר אַף דער צונג געקומען צאָרנדיקע ווערטער. אָבער קיין צאָרנדיקע ווערטער טויגן איצט ניט. זעליקס ליפּן זײַנען שוין אַזוי אויך אין פּינע. ראַכמאָנעס־ווערטער זײַנען אָבער נאָך ערגער, ווי צאָרנדיקע. אין אַזאַ הארבער און גרויזאַמער צײַט זײַנען די ווייכהאַרציקע מענטשן די סאַמע ניט באַשיצטע אַף דער וועלט.

איך האָב זיך, זעט אויס, אָנגעשטעקט מיט גרישעס כוצפּע. „גיב מיר אַ וואָרט!..״ און אַצינד שטיי איך און ווייס ניט, וואָס צו זאָגן, און אפילע, וויאַזוי אָנהייבן: „בירגער״, צי „כאַווײרים״, צי „ראַבויסײַ״, צי גאָר עפּעס אַנדערש. אַלע ווארטן, און איך קלער אַלץ. נאָך אַ מינוט, און דער כאַמולעוואַטער וואַסערבער וועט אָפּנעמען בא מיר דאָס וואָרט, וועל איך האָבן אַ שיין פּאָנעם.

האָב איך מיטאַמאָל אויסגערופן:

— טײַערע פּאַטערס און מוטערס! מיר האָבן דערלעבט ביז אזא פײַערלעכן טאָג, ווען מיט די אייגענע אויגן האָבן מיר דערזען אונדזערע באַפרײַער, אונדזערע זיגערישע רויטארמייער...

ווײַזט אויס, אז ס'האָט זיך באַקומען פּאַמפּעז און פּוסט. כ'האָב דאָס אויסגעלייענט אַף פּערעץ דעם שווארצנס פּאָנעם, וואָס האָט באַקומען א לייצאָנעסדיק־פאַרקרימטן אויסדרוק.

האָב איך איבערגעריסן די פּראָזע אינדערמיט. און אָנגעהויבן בעבען, ווי א קינד.

— ...איך האָב א באָבע...

פּערעץ דער שווארצער האָט זיך שוין ניט געקאָנט אײַנהאַלטן.

— נו, און א זיידן?.. א זיידן האָסטו אויכעט?

מיר איז שוין געווען אלצייינס. האָב איך ארויסגעלאָזט פון די הענט די לייצעס. זאָל שוין זײַן, ווי עס וועט זײַן.

— ...איך האָב א באָבע. ווען איך בין אוועקגעפאָרן, האָט זי געהאַלטן באַם שטאַרבן. דאָקטער טויבעס אליין האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט פון איר. ער זאָגט, אז די מעדיצין איז אָנמעכטיק העלפן איר. איז אָט זאָג איך אײַך. איך בין גרייט זיך וועטן מיט וועמען איר ווילט און אַף וואָס איר ווילט: אויב כ'וועל זיך ארײַנכאַפּן אצינד צו דער באָבען און כ'וועל איר זאָגן די בסורע: „באָבעניו! אונדזערע זײַנען געקומען!" — וועט זי גלײַך געזונט ווערן.

דערנאָך בין איך צוגעגאַנגען צו זעליקן, געהאָלפן אים אָנטאָן דאָס העמד און פאַרגעזעצט:

— פאַרבאַהאַלט אײַערע ווונדן, זעליק שלײַען, אײַערע בלאַטערן. עס זײַנען דאָך געקומען אונדזערע רומפולע שלאכטלײַט, קעדיי צו מאכן א סאָף מיט דעם.

דערנאָך האָב איך אָנגעטײַט מיטן פינגער אַף זיך.

— אָט בין איך, נאָכעם עסרעג, כ'בין אלט זיבעצן יאָר. וואָס פאַר א טאכלעס האָט געוואַרט אַף מיר? לערנען וואָלט איך זיך ניט געקאָנט. פאָרן אין דער גרויסער שטאָט ארבעטן — אויך ניט. וואָס זשע וואָלט פון מיר געוואָרן? נו, און איצטער? פון הײַנט אָן בין איך א מענטש! א גלײַכבארעכטיקטער, א פרײַער, א שטאָלצער. האָט זיך ווערלוול וואָסערבערן פאַרוואָלט שטודירן, איז ער געפאָרן. אויב אײַך, זעליק שלײַען, וועט נייטיק זײַן פאָרן אפילע קיין מאָסקווע היילן זיך צי אפילע לעבן דאָרטן און ארבעטן — ביטע, פאָרט, דער סעמאַפאָר איז אָפן...

אָט דאָ האָט מיך איבערגעריסן דער פעטער אײַזיק. גוט, וואָס ער האָט מיך איבערגעשלאָגן. וואָרעם, כ'האָב שוין מער ניט געהאט וואָס צו זאָגן. כאָטש מע האָט זיך אצינד צוגעהערט צו מיר, און פּערעץ דער שווארצער האָט אופגעהערט כויזעקן, מאכן האָווײַעס.

אײַזיק זלאטקיס האָט פאַרגעבן א פראַגע און אליין געענטפערט זיך.

— דו קענסט אונדז טאָקע שווערן, אז עס וועט זײַן פונקט אזוי, ווי דו האָסט אונדז אָנגעמאָלט שווארץ אַף ווײַס, ס'הייסט, בלוי אַף ראָזעווע?.. אויב יאָ, איז זייער פײַן. איז פאָר איך נישט אין ערגעץ ניט. מיינסט, אוואַדע, אז ס'איז מיר מעסוקן אָנגענעם פאַרלאָזן א היים, וואָס איז אײַנ־

געבאַקן אין דער נעשאָמע, אײַנגעוואָרצלט מיט הונדערטער וואָרצלען, און נעמען אָף דער עלטער וואַנדערן מיט קינד־און־קייט אין עפּעס אַן אויס־רײַסעניש? ניין. קיינעם איז ניט ליב אַזאַ וואָגלעניש, אַזאַ שווערער וועג, און ווער ווייסט, צי מיר וועלן אים בײַקומען.

גענוג! דעם פעטער אײַזיקס אויסגעשרייען הייבן אָן אָנוואַרפן אַ שרעק. מע טאָר דאָס ניט דערלאָזן. גרישע איז ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן. אים, זעט אויס, איז די קאָמעדיע נימעס געוואָרן. כוץ דעם, האָט ער זיך שטאַרק געײַלט. זײַנע הילכיקע באַפעלן האָבן דערגרייכט אַזש אַהער, און מע האָט געזען, ווי די רויטאַרמייער שטעלן זיך האַסטיק אין אַ ריי.

מוז מען, הייסט עס, ווי־ניט־איז פאַרענדיקן. מע טאָר ניט דערלאָזן, אַז דאָס לעצטע וואָרט זאָל זײַן דעם פעטערס. האָב איך אים געפרעגט, אײַזיק זלאַטקיסן:

— נו, און אורוגווײַ האָט אײַך, הייסט עס, אַרויסגעגעבן אַ שריפטלעכע גאַראַנטיע בלוי אָף ראָזעווע?..

כ'האָב ניט געוואַרט אָף קיין ענטפער, און געזאָגט אים אַזוי, ווי ס'וואָלט אים געזאָגט וואַסערבער. מיט אַזעלכע אײַנגעגעסענע איז ניטאָ וואָס צערעמאָניען זיך.

— גוט. פאָרט אײַך. מיר פאַרהאַלטן אײַך ניט. אַזעלכע, ווי איר, וועלן דאָ אונדז נאָר שטערן...

זיי וועלן זיך פלאָנטערן אונטער די פיס.

איך האָב אים דאָס ניט געזאָגט. עס וואָלט געווען צו גראָב. פאָרט אַ פעטער. כ'האָב אַזוי נאָר אַ טראַכט געטאָן. אַזעלכע, ווי אײַזיק, זײַנען דורכגעזאַפּט מיט מאָרעשכוירע און גיפט. זיי זײַנען שוין ניט פייִק צו גלייבן ניט אין גאָט, ניט אין לײַט. מיר ריידן אָף פאַרשיידענע שפּראַכן, כאָטש מיר טײַנען זיך אויס אָף איין לאָשן. מיט נעסטערענקאָן, אַשטייגער, איז פאַרקערט. מיר ריידן אָף איין שפּראַך, כאָטש מיר ריידן אָף פאַרשיידענע. עמעס, ער וואַרפט אַמאָל אַרײַן אַ ייִדיש ווערטל אויך.

כ'האָב געוואָלט דאָס זאָגן דעם פעטער אײַזיק און אַנדערע. נאָר פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער פײַף. צו דער סטאַנציע דערנעענטערט זיך דער לאַנגדערוואַרטער צוג.

— ענדלעך! — האָט אויסגערופן דער פעטער אײַזיק. — גרייט זיך, גיכער!

דער צוג איז געשטאַנען נאָר פינף מינוט. און פאַר די פינף מינוט האָבן זיך אַנטשיידט גוויראָלעס פון מענטשן. מי לעכאָים אומי לעמאָוועס.

איך שטיי באַנאַנד און שפּיר נאָך די מענטשן. דער פעטער אײַזיק מיט צוויי טשעמאָדאַנעס אין ביידע הענט האָט זיך דער ערשטער אַ וואָרף געטאָן צום צוג. סאָניע אין דער באַגלייטונג פון לייבאָוויטשן האָט לײַכט אַ שוועב געטאָן נאָכן טאַטן. די מומע באַסיע האָט זיך שווער געשלעפּט מיט אַ גרויסן קלומעק. זיי האָבן זיך אַלע אַזוי געײַלט, אַז זיי האָבן זיך אַפילע ניט געזעגנט מיט מיר. און עפשער ניט געוואָלט זיך געזעגענען. נאָר סאָניע האָט מיר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט פונעם טאַמבור. כ'מיין, אַז אויך זי האָט דאָס געטאָן ניט אַזוי צוליב מיר, ווי צוליב דעם שיינעם גרישע וואַסערבער, וואָס האָט אויסגעזען כוואַטסקע אין דער מיליטערי־

שער אוניפאָרם. זי האָט אפּגענומען באַמערקט, ווי ער האָט געכאַפּט אַף איר א קוק מיט זײַנע שוואַרצע באַלעכעס.

פלוצעם האָט זי אויסגעשריגן:

— און וווּ איז מוישעלע?

די מומע באַסיע און דער פעטער אײַזיק האָבן איבערגעכאַזערט אַף א קאָל:

— און וווּ איז מוישעלע?

סאָניע האָט צו מיר א געשריי געטאָן:

— גיב אַכטונג אַף מוישעלען!

פיר מענטשן — דער פעטער אײַזיק, די מומע באַסיע, סאָניע און לייבאָוויטש זײַנען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער טיף פונעם וואַגאָן. דאָס איז איין גורל.

אַרקאַשע יעזעריצקי, און באַלד נאָך אים זײַן פאָטער — אַרנאָלד אָסיפּאָוויטש מיט זײַן פרוי בערטע, זײַנען צוגעגאַנגען און געשטעלט זיך באַנאַנד מיט מיר. דאָס איז א צווייטער גורל.

מיט א גרויסן שווערן קאַסטן אין איין האַנט און מיט א טשעמאָדאַן אין דער צווייטער, א פאַרשוויצטער, א פאַרסאָפּעטער, איז געלאָפן צום וואַגאָן ניוניע אײַזנבערג. ציפּע טראַכטערמאַן האָט אים אונטערגעטריבן. כאַימל האָט געפירט פאַר דער האַנט זײַן קליין ברודערל. אַלע מאָל קוקט ער זיך אום צו מיר, כאַימל, ווי איינער זאָגט: „כ׳וואָלט גערן פאַרבליבן דאָ, ווען עס וואָלט געווען געווענדט אין מיר״.

זעליק שלײַען האָט אָנגעטאָן דעם קאַמזויל, דאָס רעקל, פאַרשפּיליעט אַלע קנעפּלעך, פאַרטראַכט א קראַץ געטאָן זיך אין דער פּאָטיליצע, צוגעגאַנגען און אוועקגעשטעלט זיך באַנאַנד מיט מיר.

כאַים כאַוועס האָט ווי א וויכער איבערגעיאָגט כאַימלען און איז אַרויף אַפן וואַגאָן־טרעפּל. זײַן ווײַב, די בייזע כאַווע, האָט אים דערלאַנגט איין פּעקל נאָכן צווייטן, פאַרשטעלנדיק די גאַנצע וועלט און צום אַלעם ערשטן איר טײַערן מאַן, כאַימען.

פערעץ דער שוואַרצער האָט א כאַפּ געטאָן זײַן קליין אַלט טשעמאָדאַנדל, נאָר געבליבן שטיין ווי א פאַרגליווערטער. כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען בא אים אַזא ערנסט פּנים. א ראַכמאָנעס אַף אים. א ראַכמאָנעס אַף קאָפּין. אָן אים וועט דאָס שטעטל ווערן, נעבעך, פאַריאָסעמט — ניט קיין וויצן, ניט קיין געלעכטער... וואָס טוט מען? האָב איך אים א רוף געטאָן. פרעגט ער מיך: „עפּעס אַרבעט וועט זײַן?״ ענטפער איך אים: „געוויס. אָט גייך שוין וועט נעמען אָן עק מיט דער מילכאָמע. וועט מען זיך נעמען בויען, אופשטעלן, און ווידער בויען... וועט אַרבעט קלעקן פאַר אַלעמען״. לאָזט פערעץ אַראָפּ דאָס טשעמאָדאַנדל אַפן פּעראָן און בלײַבט שטיין מיט מיר.

האַלטנדיק זיך מיט זײַן קליין גראָבטשינק הענטל פאַר דער פּאָרענטשע, קלעטערט אַף די טרעפּלעך ראַפאַיל נאָומאָוויטש קרישטול, קלעטערט און סאָפּעט, און פאָרשקעט ווי א פערד, בא וועלכן די נאָזלעכער זײַנען פאַרשטאָפּט געוואָרן מיט פּאָלאָווע. נאָך אים גייט זײַן פרוי, די גראָווע און בעקאָוועדיקע קלאַרע מאַרקאָווגע און זייערע אַלע קינדער.

ווען איך האָב אָבער דערזען די מומע רייזל, ווי זי לאָזט זיך אומבאַ־שלאָסן גיין צום וואגאָן און טרערן רינען אראָפּ איבער אירע שווארצע קנייטשן, האָב איך פּאַשעט ניט געקאָנט גלייבן מײַנע אויגן.

— מומע רייזל! — שרײַ איך. — וואָס טוט איר וואָס? אײַער גרישע ווערט דאָך...

— גרישע! וואָס פאר א טאָלק פון מײַן גרישען, מישטיינסגעזאָגט, — ענטפערט זי מיר מיט א ווייִנענדיק קאָל. — נאָך אזא לאנגער צעשיידונג האָט ער מיך קוים א קוש געטאָן און באלד פארגעסן, אז כ׳לעב אף דער וועלט...

בין איך געוואָרן שטארק אין קאס אף גרישען.

— וואסערבער! — האָב איך אים א רוף געטאָן. — קום גיכער אהער! דײַן מוטער וויל אוועקפאָרן.

— זי וועט אין ערגעץ ניט פאָרן, — ענטפערט ער מיר גאנץ רויִק, און גייט צו, שלעפּט אראָפּ די מוטער פונעם טרעפּל, נעמט זי ארום און זאָגט איר אף ריין קאָפּין־לאָשן: — פע, מאמע! וואָס מאכסטו עפּעס פוילע שטיק!

דערנאָך האָט ער אוועקגעשטעלט די מוטער באנאנד מיט מיר און גע־זאָגט:

— גיב אכטונג אף איר, מאלעכל.

איניינעם מיט די קרישטולס האָבן זיך האסטיק א לאָז געטאָן צו די וואגאָנען די ווײַנשטיינס, טאלעסמאנס, שאמיסעס און אנדערע שיינע באַ־לעבאטים. מער האָב איך זיי קיינמאָל ניט געזען.

ווען דער צוג האָט זיך שוין א ריר געטאָן פונעם אָרט, האָט כאַימל נאָך אלץ אומעטיק ארויסגעקוקט פונעם טאמבור. כ׳האָב אים א מאך גע־טאָן מיט דער האנט. האָט ער זיך מיטאמאָל א בייג געטאָן צו מיר. כ׳בין פארגליווערט געוואָרן פון שרעק. אָט־אָט פאלט ער אראָפּ. און פלוצעם נעמט ער און טוט א שפרונג אראָפּ פונעם צוג. ער איז אנידערגעפאלן. באלד אָבער האָט ער זיך אופגעהויבן, צוגעלאָפן צו מיר א פארוויינט־שמייכלענדיקער און געזאָגט:

— נאָכעמקע, כ׳האָב דיך ליב.

איך האָב זיך ארומגעקוקט. עס רינגלט מיך ארום א שטײַפער מענטשן־רינג. דאָ זײַנען געווען די מאלקינס, די איווערמאנס, די לוריעס, די קליינערס, די לייזערוקס און אנדערע. באזונדערס האָב איך געהאט נאכעס, וואָס באנאנד מיט מיר שטייען די מעסוקן הויכע ברייטפּלייציקע קאָוועלס, די ברידער לייבוש און פּײַוויש בליומין. אזעלכע הויכע, אזעלכע ברייטע! און געקוקט האָבן זיי אף מיר מיט עפּעס א קינדערשן אָפּשײַ. כ׳מיין, מאכמעט דעם, וואָס איך האָב גענומען אף זיך זייער פארברעכן. דאָס האָבן זיי דאָך די ערשטע א שלײַדער געטאָן שווערע שטיינער אפן פוילישן סאָלדאט. און דערפאר טאקע האָבן זיי פארמאכט די קוזניע און געוואָלט ראטעווען זיך — אוועק קיין אורוגווײַ.

שוין לאנג, ווי די פויערישע וואָגנס זײַנען זיך צעפאָרן. ס׳איז פאר־בליבן נאָר איין בריטשקע. אלטער באלעגאָלע האָט געוואָרט אפן קאַיאריקן צוג, קעדיי אָפּצופירן די פאסאזשירן קיין קאָפּין. האָב איך אוועקגעזעצט אין דער בריטשקע די מומע רייזל, זעליק שלײַענען, איינעם אן אלטיטשקן,

צוויי פרויען מיט קליינע קינדער און געהייסן אלטערן פאַרן. די איבער־ריקע האָבן זיך געלאָזט גיין צופוס.

פאַרן אוועקגיין האָב איך געפרעגט גרישען:

— וויפל ביקסן קאָנסטו אונדז אויסטיילן?

גרישע האָט פאַרכידעשט א קוק געטאָן אויף מיר.

— וואָס דאַרפסטו זיי?

— מיר דאַרפן.

— איר קענט דען שיסן?

— אייניקע קענען, וועלן זיי אויסלערנען די אַנדערע, וואָס קענען ניט.

גרישע האָט מיט ביטל א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— אונדזער ציל איז ניט קאַפּין. וואָס פאַר א ווערט האָט פאַר אונדזער סטראַטעגיע אָט דאָס פאַרדריפּעט שטעטל? ס׳איז פאַר אונדז א בײַזאַך.

הער א מײַסע! גרישע האַלט שוין בא סטראַטעגיע!

— איז וואָס דרייסטו מיר דעם קאָפּ מיט עפּעס א ראַזוועדקע!

גרישע האָט זיך צעשמייכלט, באַוויזן זײַנע ווײַסע ציין און געהייסן אַרויסגעבן אונדז ביקסן „פּונעם רעזערוו".

איז שוין, הייסט עס, גוט. דאָס, וואָס גרישע האַלט אונדז פאַר גאָרניט מיט נישט, וועלן מיר נאָך זען. וואָס זײַנען ווערט בלויז לייבוש מיט פּײַווישן! די־אָ קאַפּינער, ניט נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַנטלויפן קיין אורוגווײַ, זיי גייען אצינד מיט געווער אין די הענט באַפרײַען קאַפּין. זייער אייגן שטעטל, אין וועלכן די אָוועס זייערע האָבן געוווינט הונדערטער יאָרן...

3

מיר זײַנען געגאַנגען אינפּירען. איך, די בליומינס און כאַימל.

כאַימל גייט מיר נאָך פּוסטריט. איך האָב ניט דערווידערט. עפּשער וועט ער זײַן נוצלעך. ער איז קליין און דאַר, א יינגל, וואָס רופט ניט אַרויס בא קיינעם קיין כשאַד.

מיר האָבן געשפּאַנט האַסטיק, קעדיי קומען צו דער בריק ביז עס וועט אָנהייבן טאָגן. שוין אָפּגערעדט פון כאַימלען, די בליומינס זײַנען זיכער געוועזן, אז איך האָב א פּינקטלעכן פּלאַן, אַניט וואָלט איך זיך אַזוי ניט געײַלט. איז זאָלן זיי זײַן זיכער. אַזוי איז בעסער פאַר זיי. און פאַר מיר אויך. וואָרעם כ׳האָב שוין אַליין געגומען גלייבן, אז איך האָב א פעסטן און דײַטלעכן פּלאַן, ווי־אַזוי צו דורכפירן א שלאַכט־אויספירונג.

ווען מיר זײַנען אַרויף אויף דער בריק, האָט כאַימל פאַרגעסן, אז מע דאַרף דאָ גיין איינער הינטערן אַנדערן, און איז שיר ניט אַראָפּגעפאַלן. כ׳האָב באַוויזן אָנכאַפּן אים פאַר דער האַנט. פּײַוויש איז צוגעלאָפן, א כאַפּ געטאָן אים און איבערגעטראָגן איבער דער בריק, לײַכט ווי א קינד.

— א בליץ האָט מיך פאַרבלענדט, — האָט זיך כאַימל פאַרענטפערט.

און אָט איז שוין קאַפּין. ווען ניט די כמאַרעס, וואָס באַדעקן א האַלבן

הימל, וואָלט שוין געדאַרפט זײַן ליכטיק. אַדאַנק די וואָלקנס און אַדאַנק מײַן קורצזיכטיקײַט זעט דאָס שטעטל אויס אַצינד אַ סאַך און אַ סאַך שענער, מײַסטערדיקער ווי אינדערעמעסן.

אינעם קאָפּ שוועבן און פלאַטערן שורעס פון טרויער און פרייד. „זײַנען מיר ווײַטער געשווומען מיט טרויער און פרייד אין די הערצער: טרויער נאָך טויטע, נאָך ליבע, און פרייד, וואָס אַליין פונעם טויט זיך געראַטעוועט...״ ווער זײַנען זיי, די טויטע? די, וואָס האָבן אַרויסגעוואַנ־דערט קיין אורוגווײַ. ליבע טויטע. סאָניע, אַשטייגער. און ווער זײַנען די לעבעדיקע?.. מיר. מיר.

די קוזניע פון די בליומינס שטייט ניט ווײַט פון דער בריק. כ׳האָב געהייסן אַרײַנגיין און געזאָגט די ברידער:

— מאַכט אַזוי, אַז די ביקסן זאָלן ווערן די גרייס ווי צאַלע קאַרליק.

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען די ביקסן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָברעזן, הינטער די ברעזענט־מאַנטלען, וואָס די בליומינס האָבן אָנגעטאָן, האָט מען די אָברעזן ניט געזען. מײַן קעשענע האָט אַראָפּגעצויגן אַ שווע־רער נאַגאַן. אַלע מאָל טאַפּ איך אים אָן מיט דער האַנט. כ׳האָב אים אויס־געבעטן בא וואַסערבערגן. ער איז פונדעסטוועגן אַ ווילער יונג, גרישע. ניט אָפּגעזאָגט. און ווען ניט ער, וואָלט איך אויך עפּשער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „ליבן טויטן״. איבעריקנס, מיין איך, אַז כ׳וואָלט סײַוויסײַ אַראָפּגעשפּרונגען אין דער לעצטער ווײַלע פונעם צוג, ווי כאַימל האָט עס געטאָן.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין דורך הינטערגעסלעך און פּאָשעט דורך גערטנער. ווען עס האָט זיך באַוויזן קאַרפּאָוועצקיס שטוב, אַ גאַנץ באַ־לעבאַטישע, אונטער אַ בלעכענעם דאַך, אַרומגערינגלט פונפאַרנט מיט אַ שיינעם סאָד, האָב איך אײַנגערוימט כאַימלען:

— גיי, קלאַפּ אָן אין דער טיר. אויב מע וועט דיך ניט אַרײַנלאָזן, טאָ זאָג אים אויף פּויליש, אַז דער פּאָלקאָווניק האָט דיך געשיקט צו אים.

לייבוש, אַ הויכער, ווי אויג־מעלעך־האַבאַשן, האָט אַריבערגעוואָרפן זײַן לאַנגע האַנט איבערן פּלויט און לײַכט אָפּגערוקט די פּרענטע פון דער פּירטקע. מיר האָבן זיך שטיל דורכגעגאַנווערט אין הויף אַרײַן. צוגעדריקט זיך אינדרײַען צו דער וואַנט, און כאַימל האָט אומבאַשלאָסן אַ קלאַפּ גע־טאָן אין אַ פענסטער, מיט אײַזן געקאָוועטער, טיר.

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

בין איך צוגעגאַנגען, אַ דונער געטאָן מיטן פויסט אין דער טיר און טיי־קעף צוריקגעוואָרפן זיך צו דער וואַנט.

— קטאָ טאַם פּוקאַ?[1] — האָט זיך דערהערט פון יענער זײַט טיר אַ בייזע שטימע.

כאַימל האָט קוים אַרויסגערעדט מיט זײַן דין ייִנגלש קעלעכל.

— ניעך פּאַן אָדאָמקנע. יאַ אָד פּולקאָווניקאַ[2].

מיטאַמאָל איז כאַימל אָפּגעשפּרונגען צוריק. לאַכנדיק, האָט ער שפּע־

[1] ווער קלאַפּט עס?; [2] זאָל דער הער עפענען, איך קום פונעם פּאָלקאָווניק (פּויליש).

טער דערציילט, אז אים האָבן זייער אָנגעשראָקן א פּאָר גוואַלדאָווּנע רויטע וואָנצעס, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער טיר־לאָך.

ווען קאַרפּאָווּעצקי האָט דערזען כּאַימלס קינדערש פּענעמל, האָט ער זיך, זעט אויס, באַרויִקט, און, קלינגענדיק מיט די שליסל, גענומען עפענען די טיר. כּאַימל איז אַרײַנגעגאַנגען. און גלײַך נאָך אים האָבן מיר זיך אַרײַנגעריסן אינדרײַען.

העפלעך האָב איך געזאָגט דעם איבערגעשראָקענעם קאַרפּאָווּעצקי, בא וועלכן די וואָנצעס האָבן איצטער אויסגעזען נאָך רויטער אף דעם בלייך געוואָרענעם געזיכט:

— זײַט אזוי גוט און פירט אונדז אָפּ צום פּאָלקאָווּניק. מיר דאַרפן דרינגנד זיך דורכשמועסן מיט אים. אָן אײַך וועט מען אונדז צו אים ניט צולאָזן.

קאַרפּאָווּעצקי איז געוואָרן מונטערער. צעבייזערט זיך אפילע.

— איר האָט דאָך געזאָגט, אז דער פּאָלקאָווּניק האָט אײַך געשיקט. און ביכלאל ווער זײַט איר? און וואָס פאַר א רעכט...

כ'האָב אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע. ס'הייסט, איך זוך עפּעס א דאָקומענט, וואָס דאַרף באַשטעטיקן, אז איך בין איך. נאָר דאָס, וואָס איך שלעפּ אַרויס פון דער קעשענע, איז ניט קיין פּאַפּירל. א נאַגאַן. קאַרפּאָווּעצקי ווערט ווידער בלייך, די וואָנצעס ווערן רויטער, לאָזן זיך אַראָפּ. בעיין ברײַרע, טוט ער זיך אָן און פירט אונדז אין שטאַב אַרײַן, צום פּאָלקאָווּניק.

באַם אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען א סאָלדאַט.

— ווער גייט? — האָט ער אויסגערופן.

האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. איך און כּאַימל — פון איין זײַט, די ברידער בליומין — פון דער צווייטער, און צווישן אונדז — קאַזימיר קאַרפּאָווּעצקי. ער פילט אונדזער הייסן אָטעם און דראָענדיק צונויפגעפּרעסטע פויסטן. זאָגט ער דעם וועכטער, אז ער פירט אונדז צום פּאָלקאָווּניק מיקויעד א זייער וויכטיקן און דרינגענדיקן עניען. קאַרפּאָווּעצקין האָבן דאָ אַלע געקענט. זײַנע גרויסע רויטע וואָנצעס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן. פונדעסטוועגן דאַרף זײַן אַלץ אזוי, ווי אינעם סטאַטוט שטייט. האָט דער סאָלדאַט אַרויסגערופן דעם שעף פונעם קאַראַול, און יענער איז באַלד אוועק צום פּאָלקאָווּניק מיט א ראַפּאָרט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט און באַפוילן דעם וועכטער אונדז דורכלאָזן.

דער פאַרשלאָפענער פּאָלקאָווּניק האָט אומצופרידן געפרעגט קאַרפּאָווּעצקין:

— וואָס פאַר א דרינגענדיקן עניען האָט איר צו מיר?

און אונדז האָט ער דאָ באַלד געפרעגט:

— ווער זײַט איר?

האָב איך איבערגעכאַזערט דעם זעלבן קונץ. איך האָב אַרויסגעכאַפּט פון דער קעשענע די אײַזערנע צײַגעניש.

דער דאָזיקער פּאָלקאָווּניק איז ניט געווען ענלעך אף דעם אונטערגעצויגענעם סלאָוויצקין. עפּשער איבער דעם, וואָס ער איז נאָך געווען פאַרשלאָפן, און אים האָט זיך מיסטאָמע אויסגעוויזן, אז אים כאָלעמט זיך

עפעס א בייזער כאַלעם. זײַן צעקנייטשט פּאָנעם האָט אויסגעזען אָנגעבראָקניעט און קימאַט ניט געענדערט דעם טעמפּן אויסזען. ער האָט זיך נאָר אַראָפּגעלאָזט אַפן עק בענקל, דער מונדיר האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון איין אַקסל, און ס׳האָט זיך באַוויזן דאָס העמד.

מיר האָבן איבערגעלאָזט פּיַוּוישן מיטן פּאָלקאָווניק און קאַרפּאָוועצקין, און אַליין האָבן מיר האַסטיק איבערגעקוקט אַלע צימערן פון דער גרויסער פּריצישער שטוב, אַנטוואָפנט נאָך עטלעכע פאַרשלאָפענע אָפיצערן און צונויפגעטריבן זיי אין איין צימער. אַלץ איז ביז אַהער אָפּגעגאַנגען גלאַט, אָן ראַש, אָן טומל. איך האָב אַליין ניט געגלייבט, אַז עס קאָן אַזוינס פּאַרקומען אַזוי פּאַשעט און פּראָסט; אַז פיר מענטשן זאָלן אין מעשעך פון צען מינוט פאַרכאַפּן א גאַנצן שטאַב.

דערנאָך האָבן מיר זיך גענומען פאַרן קאַראָול. די גרעסטע מאַראָקע האָבן מיר געהאַט מיט דעם זעלבן סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג און וואָס האָט ניט געוואָלט אונדז דורכלאָזן. דאָס איז געווען, אַפּאָנעם, אַן עכטער סאָלדאַפּאָן, מיט א סטאַטוט, מיט א דיסציפּלין און מיט א ברייטביינערדיק טריב פּאָנעם. ער האָט זיך געווערט, אויסגעשאָסן פון דער ביקס, האָבן מיר געמוזט אים בינדן. דער איינציקער שאָס האָט דורכגעהילכט אין דער קאַיאַריקער שטילקײַט מעסוקן שאַרף און האָט אונדז פאַרשאַפט א סאַך דײַגעס.

4

מײַן אַפּגיך געבוירענער פּלאַן איז געווען אַזאַ: ערשטנס, אופהייבן אַן אופשטאַנד צווישן אונדזערע קאָפּינער און פאַרכאַפּן דעם פּוילישן גאַרניזאָן. צווייטנס, שיקן א ראַפּאָרט וואַסערבערגן, ער זאָל גלײַך אָנגרײַפן מיט זײַן אָטריאַד און זיך פאַרפעסטיקן אין קאָפּין.

דעם ערשטן טייל פונעם פּלאַן האָב איך אויסגעפּילט, כ׳האָב געשיקט כאַימלען צו דרילבערגן און וואָראָניאַקן, געבעטן זיי וואָס גיכער קומען מיט זייערע מענטשן און געבן צו וויסן אויך נעסטערענקאָס פּאַרטיזאַנער.

פון דעם צווייטן טייל האָב איך זיך אָפּגעזאָגט. כ׳ווייס אַליין ניט פאַרוואָס. עפּשער איבער דעם... ס׳האָט געדלובעט אין קאָפּ: מיר אַליין דאַרפן אָפּשלאָגן קאָפּין באַם סוינע, מיט אונדזערע הענט. מיט אונדזער בלוט...

דרילבערג און וואָראָניאַק האָבן אין גרויס אײַלעניש געבראַכט צו פירן מיט זיך פערציק מענטשן. שטילערהייט און זייער גיך האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צו די קאַזאַרמעס. א מין האַלבער וויאָרסט פונעם פּרייצישן הויף. מיר האָבן זיך געײַלט פאַרכאַפּן די קאַזאַרמעס קאָלזמאַן די סאָלדאַטן שלאָפן נאָך.

— שטייט, וואַרט צו אַף אונדז, — האָב איך שטיל געזאָגט, און צוזאַמען מיט דרילבערגן האָבן מיר זיך אונטערגעגאַנוועט נעענטער צו דער קאַזאַרמע. מיר האָבן דערהערט א ראַש, א טומל. סאָלדאַטן האָבן זיך האַסטיק געשטעלט אין די רייען, באַוואָפנטע מיט ביקסן און באַגנעטן. זעט אויס, אַז זיי האָבן זיך אופגעכאַפּט איבערן שאָס פונעם טראָציקן וועכטער.

— וואָס טוט מען?

דרילבערג האָט זיך א קער געטאָן צו מיר מיט זײַן בלוט־פלאַמענדי־קער באַק.

— באַפאַלן! כ׳מיין זיי האָבן ניט מער, ווי א האַלבע מייַע סאָלדאַטן, און זיי זײַנען פאַרשלאָפן.

וואָראָניאַק איז צוגעלאָפן צו אונדז און שווײַגנדיק אָנגעוויזן אַפן שאָסיי. מיר האָבן דערזען פונדערווײַטנס א געדיכטע קאָלאָנע, וואָס ציט זיך פונעם וואַלד צום שאָסיי.

ערשט דעמאָלט האָב איך געזאָגט וואָראָניאַקן:

— מע דאַרף וואָס גיכער געבן צו וויסן וואַסערבערגן. דערביוועט ער־געץ א פערד און בליצשנעל — קיין בעלענזשאַנע.

וואָראָניאַק האָט שווײַגנדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז גלײַך נעלעם געוואָרן. און מיר האָבן זיך גלײַך אומגעקערט אין פּריצישן הויף.

די מענטשן האָבן מיר צעשטעלט באַם פּאַרקן, אַרום דעם הויף. צע־שטעלנדיק זיי, האָב איך אין געדאַנק זיי איבערגעציילט. אַכט און דרײַסיק. צוויי האָבן שוין, הייסט עס, געמאַכט די פּלייטע. אַרנאַלד יעזעריצקי און בעניע לייזערוק. „צו אַלדי רוכעס! וואָס דאַרפן מיר זיי, אָט די וויסטע שטשורעס?..״ כ׳בין דעריקער אופגעבראַכט געוועזן אַף בעניע לייזערוקן. א יאַט — א גוואַר! ווער דאַרף קעמפן, אויב ניט ער? נעמט ער און טראָגט זיך אָפּ! א פּאַכדן, א ניוווזעק!

— עפּשער וואָלט איר געפּרוווט דורכשלײַכן זיך אין שטעטל און ברענגען נאָך מענטשן?

דרילבערג האָט זיך געקווענקלט. ניט געוואָלט מיך איבערלאָזן אַליין, נאָר ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן די מאַרשירנדיקע פּוילישע סאָלדאַטן, האָט ער מיך אַפּגיך אַרומגענומען און אַרויס פונעם הויף. איך האָב זיך טאַקע א ביסל פאַרלוירן, א קלער געטאָן: וואָס וואָלט גרישע וואַסערבער געטאָן אין אַזעלכע אומשטענדן?

— פײַער! — האָב איך א קאָמאַנדעווע געטאָן.

דער זאַלפּ פון צוויי צענדליק ביקסן האָט, זעט אויס, ניט שטאַרק איבערראַשט די פּאַליאַקן, כאָטש עטלעכע סאָלדאַטן זײַנען אַנידערגעפאַלן. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. פונפאָרנט איז געשטאַנען רויק און דרייסט א הויכער יונגער אָפיצער. עפּשער דער זעלבער, וואָס איז געקומען נאָך מײַן נעשאַמע און וועלכער איז אַזוי געפעלן געוואָרן סאָניען.

באַלד האָבן מיר דערזען, ווי עס דערנענטערט זיך צו אונדז א זעל־נער מיט א ווײַס פענדל אין דער האַנט. ער האָט אונדז איבערגעגעבן דעם אָפיצערס אולטימאַטום: אָפּגעבן דאָס געווער און גיין אַהיים. קיינער וועט ניט באַשטראָפט ווערן. און אויב מיר וועלן ניט אָננעמען דעם אולטימאַ־טום, וועלן זיי אין א האַלבער שאָ אַרום אונטערנעמען אַן אַטאַקע. דער, וואָס וועט ניט דערהאַרגעט ווערן אין שלאַכט, וועט געקעפּט ווערן.

כ׳האָב אים גאָרנישט ניט געענטפערט. ניט יאָ, ניט ניין. א האַלבע שאָ איז זייער ווייניק צײַט. א האַלבע שאָ איז זייער א סאַך צײַט. מאַלע־וואָס עס קאָן געשען פאַר א האַלבער שאָ. עפּשער וואַסערבער. עפּשער דרילבערג. עפּשער נעסטערענקאָ... וועגן אָפּגעבן דאָס געווער האָט ניט

געקאָנט גיין קיין רייד. מע דאַרף אָבער א פּרוּוו טאָן אויסשפּילן א ביסל צייַט.

די בידנע דרייַסיק מינוט זייַנען גיך דורכגעפלויגן, און איך האָב נאָך אַלץ געקלערט...

איך האָב געהייסן אַרויספירן דעם פאַלקאָווניק און די איבעריקע געפאַנגענע אָפיצערן און פאַנאַנדערשטעלן זיי אַזוי, אַז די פּאַליאַקן זאָלן זיי זען. דעמלט וועלן זיי די ערשטע ניט אָנהייבן שיסן.

דערנאָך האָב איך צוגערופן פערעץ דעם שוואַרצן, דערלאַנגט אים מייַן נאָטיצבל אָנשטאָט א פענדל און געהייסן אים גיין איבערגעבן די פּאַליאַקן, אַז אויב זיי וועלן פּרוּוון זיך דערנענטערן צו אונדז כאָטש אויף איין טראָט, וועלן מיר גלייַך דערשיסן די געפאַנגענע אָפיצערן.

פערעץ האָט זיך גיך אומגעקערט. ער איז געווען זייער בלייך. זייַנע הענט האָבן געציטערט, דאָס טיכעלע האָט זיך אַרויסגעגליטשט און אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

— נו?

— שלעכט. זיי זייַנען מאַלע־רעציכע.

אָבער פונעם אָרט האָבן די פּאַליאַקן זיך פאָרט ניט גערירט.

אינגיכן האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיי ניט קיין גרויסע גרופּע זעלנער, וואָס האָט אייליק זיך געלאָזט מאַרשירן צום שטעטל.

אין א מינוט צוואַנציק אַרום האָבן זיי זיך אומגעקערט. כ׳האָב געקוקט און ניט געגלייבט מייַנע אויגן. די סאָלדאַטן האָבן צוגעטריבן אַהער א גרויסע גרופּע אייַנוווינער, וואָס איז באַשטאַנען פון פרויען, קינדער און זקנים. און טאַקע באַלד האָבן די פּאַליאַקן איבערגעגעבן דורך זייער שאַליעד, אַז די אַלע אייַנוווינער זייַנען פאַרהאַלטן אַלס אָרעווניקעס. זיי וועלן אַלע פאַרניכטעט ווערן, אויב עס וועט אַראָפּפאַלן כאָטש איין האָר פונעם פאַלקאָווניקס קאָפּ צי פון אַן אַנדער אָפיצער.

איז ווידעראַמאָל — וואָס טוט מען?

כ׳האָב געקוקט אויף די דערשראָקענע אָרעווניקעס. עס האָט זיך מיר אַפילע געדוכט, אַז כ׳דערקען עמעצן פון זיי. עמעס, איך האָב זיך ניט געקאָנט שטאַרק פאַרלאָזן אויף מייַן ריע, נאָר אָט א־די וווקסיקע פרוי מיט די רויטע האָר איז דאָך אוואדע יענטע, אַלטער דעם באַלעגאָלעס פרוי. ניט ווייַט פון איר — א זאָקן מיט א ברייטער ווייַסער באָרד. ס׳איז אַפּאַנעם מייער ייִצכאָקס — גרישעס זיידע. די פרוי אינעם ווייַסן קליידל, מיט א גרויסער ברוסט — איז גיסיע...

כ׳האָב באַפוילן אָפּפירן צוריק דעם פאַלקאָווניק מיט די אָפיצערן. דעמלט האָבן די פּאַליאַקן אָפּגעלאָזט די אָרעווניקעס, און גלייַך נאָך דעם האָבן זיי זיך געלאָזט אין אַטאַקע.

פּאַטראָנעס האָבן מיר געהאַט ווייניק. דעריבער האָב איך די קאָמאַנדע „פייַערן" אָפּגעגעבן, ווען די פּאַליאַקן זייַנען שוין געווען זייער נאָענט. זיי האָבן אונדז באַשאָטן מיט קוילן. כ׳האָב געזען, ווי מיכל קליינער איז אַנידערגעפאַלן, זייַן היטל איז אַראָפּגעפלויגן פונעם קאָפּ און אוועקגעקייַקלט זיך איבערן שטויב. עס זייַנען אויך געפאַלן ליאָניע איוועראַמאַן און נאָפטאָלע לוריע. בײַ די פּאַליאַקן זייַנען אויך געפאַלן עטלעכע סאָל־

דאטן. זיי זײַנען אָבער געווען פיל מאָל מער פון אונדז, און דאָס זײַנען געווען עכטע סאָלדאטן. כ׳האָב געשאָסן און געשאָסן, און געכידעשט זיך, ווען א סאָלדאט האָט פּלוצעם געמאכט אן אומגעלומפּערטע באַוועגונג מיט די הענט און א פאַל געטאָן.

— אלע צו מיר! — האָב איך אויסגערופן.

א גרופּע פון צוועלף מענטשן האָט, שיסנדיק, אָנגעהויבן אָפּטרעטן. כ׳האָב געהאָפט, אז מיר וועלן נאָך באַווײַזן פאַרבאַריקאַדירן זיך אין דער שטוב. פּלוצעם האָב איך דערפילט א שטאַרקן קלאַפּ. עפּעס האָט זיך אָנגעוואַלגערט אף מיר...

5

ווען נאָכעם האָט אופגעעפנט די אויגן, האָט ער זיך געטראָפן מיט נעסטערענקאָס בליק. פּלאטאָן יאַקאָװלעוויטש איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבער אים. שמייכלענדיק, האָט ער געזאָגט אף א ריין קאַפּינער יידיש:

— די ביסט א יאַט מיט ביינער! דוס אנדערע מול שטעלסטע אן דוס לייבן...

נאָכעם פינטלט מיט די אויגן, פאַרמאכט און עפנט זיי ווידער, באַמיט זיך דערמאָנען עפּעס. דערנאָך פּרוווט ער אופהייבן דעם קאָפּ, ארומקוקן זיך, ווו ער איז. דער קאָפּ איז אָבער מעסוקן שווער און פאַלט אנידער צוריק אף דער קישן. נעסטערענקאָ שמייכלט נאָך אלץ. מיט דער רעכטער האַנט נעמט ער ארויס פון דער לינקער קעשענע א שפּיגעלע (זײַן לינקע האַנט איז פאַרבאַנדאַזשירט) און טראָגט דאָס אונטער צו נאָכעמקעס אויגן. נאָכעם דערזעט אין שפּיגעלע א פאַרבינטעוועטן קאָפּ, א גרויסן, א קאָמישן, ווי אין א ווײַסן טיורבאַן.

— די ביסט טאַקע א בוכער — א ברען! — לויבט אים נעסטערענקאָ און קוקט אף אים מיט וואַרעמע אויגן.

אלע מאָל עפנט זיך די טיר, און נאָכעם דערזעט א נײַ טײַער פּאָנעם. וואַראַניאַק... דרילבערג. לייבוש בליומין. (און פּיִוויש?.. פּיִוויש איז אומגעקומען). עליע פישער. (און עזרע?.. עזרע איז אומגעקומען.) און אָט איז זיסקע וואָל, וואָס האָט זיך טאַקע דערוואָרט און אָנטיילגענומען אין פאַרטרײַבן די פּאָליאַקן.

נאָכעם קוקט זיך ווידער ארום. דער צימער איז א פרעמדער. זעט אויס, אז ער געפינט זיך נאָך אלץ אין דער שטוב פון דער אלטער פּריצע.

מיטאמאָל דערהערט זיך א טופּערײַ פון מאַרשירנדיקע סאָלדאטן. נאָכעם האָט זיך א כאַפּ געטאָן און אראָפּגעלאָזט די פיס פונעם בעטל. נעסטערענקאָ האָט אים פאַרהאַלטן.

— וואָס טוסטו? דו דאַרפסט ליגן. פּאָניאַטנאָ?

נאָכעם טוט זיך אפגיך אָן.

— סײַווי וועל איך ניט קענען אײַנליגן... מיסטאמע איז דאָס גרישע וואָסערבערס אָטריאַד.

צווישן די פאַרשטויבטע רויטאַרמייער, וועלכע האָבן פאַרפולט דעם

הויף, האָט ער דערזען גרישען. נאָכעם איז צוגעלאָפן צו אים און, צו־לייגנדיק די האַנט צום פּאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, אָפּגעראַפּאָרטירט אַזוי, ווי לויט זײַן פאַרשטעלונג, דאַרפן ראַפּאָרטירן עכטע מיליטער־לײַט — קורץ און שאַרף:

— קאַפּין איז באַפרײַט פון די פּאַליאַקן!

וואַסערבערגן איז אַפּאַנעם דער דאָזיקער ראַפּאָרט געפעלן געוואָרן. נאָך מער איז אים געפעלן דער ווײַסער קאָפּ פון דעם מאַלעכל. ער האָט אים אָבער אַ זאָג געטאָן קאַלט און האַרב:

— צו אַ פּוסטן קאָפּ לייגט מען ניט צו קיין האַנט.

און צוגעגעבן מיט דעם זעלבן נוסח:

— באַפרײַט! און ווײַטער וואָס? איר האָט געדאַרפט פאַרפאָלגן דעם סוינע, אים צעגראַמירן!

אָף אַזאַ פּעטשאַטעק האָט נאָכעם זיך ניט געריכט.

ער האָט איצט שוין כאַראַטע געהאַט, וואָס ער האָט געשיקט צו וואַ־סערבערגן וואָראָניאַקן. דאָס, וואָס מע האָט געקאָנט אופטאָן, האָט מען גע־טאָן אָן אים, אָן זײַן הילף.

— מיר האָבן פאַרכאַפּט דעם פּאָלקאָווניק און אַכט אָפיצערן, — האָט שטיל צוגעגעבן נאָכעם.

— אָט פאַר דעם — אַ גרויסן דאַנק אײַך! — האָט וואַסערבערגער אַ דריק געטאָן נאָכעמס האַנט און אַ שמייכל געטאָן.

איבער אָט דעם שמייכל איז דער האַרבער קאָמאַנדיר וואַסערבערגער ווי־דער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם אַלט־באַקאַנטן גרישע, אין אַ פּעסטן באָכערעץ מיט גרויסע שוואַרצע באַלעכעס, אין דעם העלד פון זײַן קינד־הײַט, וועלכער האָט אַליין שטענדיק געפלאַקערט און געמאַכט פלאַקערן אַנדערע, די, וואָס זײַנען געשטאַנען באַנאַנד מיט אים. און דאָס, וואָס ער איז געווען צופיל אײַנגעגלייבט אין זיך, האָט זיך עס גענומען דערפון, וואָס ער האָט געהאַט צופיל קויעך און געגלייבט, אַז אַלץ קאָן מען אופ־טאָן.

נאָכעם האָט אים אָבער גאָרניט געזאָגט. ער האָט נאָר קאַלט געפרעגט:

— כ׳מעג גיין?

— גייט! — האָט אים אויך קאַלט געענטפערט גרישע וואַסערבער.

וווידער דרייט זיך און מישט זיך בא מיר אין קאָפּ. אויסטראַכטענישן, טרוימען און וואָרהײַט. געגאַרטע כאַלוימעס און דאָס פּיסנע וואָכעדיקע לעבן.

דאָס מאָל איז נאָך ערגער. איר קענט מיך האַלטן פאַר עפּעס אַ פּוסטן באַרימער. פאַרכאַפּט אַ גאַנצן שטאַב, געראַנגלט זיך מיט אַ גאַנצער ראָטע פּוילישע סאָלדאַטן, וואָדען!

איז הערט מיך אויס, טײַערע, — איך דאַרף ניט, אַז איר זאָלט מיר גלייבן. איך דאַרף, אַז אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, פּופּציק קו־מענדיקע דוירעס זאָלן מיר גלייבן. דעמלט, אין אַ סאַך יאָרן אַרום, וועט עס ווערן אַ שיינע מײַסע, אַ לעגענדע, פון וועלכער מע וועט שעפּן נאָכעס

און אפילו געוואגטקייט אויך. פארשטייט זיך, אז אין דעם דרייסטן גרישע וואסערבערן וואלטן מיר פארפאלן געווארן. ער איז געווען דער אונטער־זאגער, דער אנפירער פון די־א אלע אופטועו. ער האט געגעבן געווער און מוט. און מיר, און מיר האבן אפגעגעבן אונדזערע נעשאמעס. דערפאר גלייבן מיר הייליק, אז טאקע מיר האבן באפרייט אונדזער קאפין מיט אונדזערע אייגענע הענט.

6

צו דער באבען! וואס גיכער צו מיין באבעניו!

ווען איך בין אוועקגעפארן, איז זי דאך געווען זייער קראנק. ווער ווייסט, וואס ס׳האט געטראפן פאר דער צייט. זי האט נאך געקאנט, כא־לילע, שטארבן. און איך וועל אפילו ניט קענען דערפרייען זי מיט א גוטער בסורע, אז אונדזערע זיינען געקומען.

די ערשטע מאכשאווע מיינע איז געווען טאקע וועגן דעם. „איך האב א באבע. ווען איך בין אוועקגעפארן, האט זי געהאלטן באם שטארבן. דער דאקטער טויבעס אליין האט זיך שוין אפגעזאגט פון איר. איז אט זאג איך אייך, כ׳בין גרייט זיך וועטן מיט וועמען איר ווילט און אף וואס איר ווילט: אויב כ׳וועל זיך ארייננכאפן אצינד צו דער באבען און כ׳וועל איר זאגן: „באבעניו, אונדזערע זיינען געקומען!”—וועט זי גלייך געזונט ווערן”.

מאכמעס דעם טאקע האב איך אזוי געאיילט צו דער באבען. כ׳האב געוואלט זי ראטעווען. כ׳האב געוואלט אויסשפילן דעם געוועט, אין וועלכן איך בין מיט קיינעם ניט געגאנגען. כוץ עפשער מיט זיך אליין.

ווען איך בין ארייגעלאפן, האט מיך די שטוב באגעגנט מיט א שטיל־שווייגעניש, מיט עפעס א פוסטקייט. גלייך ווי ניט דער פעטער אייזיק מיטן געזינד, נאר דאס לעבן אליין איז ערגעץ אוועק פונדאנען.

איך בין ארייגעגאנגען אין צימער, ווו מיר האבןביידע געלעבט — די באבע און איך. דארטן איז געווען די זעלבע שטילקייט און פארוויסט־קייט, ווי אין די אנדערע צימערן. אפן בעט איז אומבאוועגלעך געלעגן די באבע. אירע אויגן זיינען געווען פארמאכט.

איך האב צעפראלט דאס פענצטער, אז די פרישע לופט זאל אריין. אז די ווויליונגערישע לידער פון די רויטארמייער זאלן זיך אריינרייסן אהער און אנפילן דעם צימער. און ערשט דעמלט האב איך אויסגערופן:

— באבעניו! אונדזערע זיינען געקומען!

די באבע האט אופגעעפנט דאס אויג.

ווען דאס אויג איז געווען פארמאכט און זי איז געלעגן אומבאוועג־לעך, האב איך זיך מעסוקן איבערגעשראקן. ווײ־ווײ! אן עק! געשטארבן מיין באבעניו! דערפאר האב איך אזוי פארייזעשט אויסגעשריען: „באבעניו! אונדזערע זיינען געקומען!”.

כ׳האב זי געוואלט אפשרייען פונעם טויט.

אבער ווי נאר זי האט אופגעעפנט איר אויג, האט א כוואליע פון זר־

ניקער פרייד פארפלייצט מײַן הארץ. באָבעניו, דו לעבסט? דו לעבסט? נו רעד זשע ארויס כאָטש איין וואָרט...

— נאָכעמקע... האָסט זיך אומגעקערט?

— יאָ, באָבעניו.

— כ׳האָב געוווּסט. כ׳האָב געוווּסט, אז דו וועסט זיך... אומקערן... קום אהער צו מיר, זעץ זיך אנידער אפן בעט...

די באָבע האָט אַ צי געטאָן מיט דער נאָז.

— עס שמעקט פון דיר מיט פולווער...

מיט פולווער! ס׳איז דער בעסטער שוואָך, וואָס מײַן באָבע האָט גע־קאָנט צוטראַכטן.

מיטאמאָל האָט זי זיך דערשראָקן אונטערגעהויבן און אָנגעשפּאַרט זיך אפן עלנבויגן.

— וואָס איז עפּעס... מיט דײַן קאָפּ?

— גאָרניט, באָבעניו. בארוִק זיך. אַ קלייניקייט. אַ דראַפּ.

— נאָכעמקע...

כ׳האָב געזען, כ׳האָב געפילט, אז די באָבע וויל מיר עפּעס זאָגן, עפּעס וויכטיקס, שטאַרק וויכטיקס. זי האָט אָבער נעבעך ניט קיין קויעך. די פרייד, וואָס זי האָט מיך ווידער דערזען, מיך, ווע
מען זי האָט שוין גע־האַט אויסגעמעקט פון איר לעבן צוזאַמען מיט דער גרויסער פאַמיליען־פאָטאָגראַפיע, האָט אָפּגענומען בא איר די לעצטע קויכעס. זי איז גע־לעגן, ווי אַ פאַרכאַלעשטע, און נאָר איינצלנע ווערטער האָבן אָפּגעהאַקט געקאָפּעט פון אירע פאַרגרויטע, פאַרקנייטשטע, פאַרבאַקענע ליפּן. האָב איך זי געמוזט פאַרשטיין אזוי, אָן ווערטער.

— נאָכעמקע... וואָס איז מיט דײַן קאָפּ?..

— כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, באָבעניו. אַ קלייניקייט.

— ס׳איז עמעס?

האָב איך זי פאַרזיכערט אזויווי קינדווײַז:

— כ׳זאָל אזוי לעבן.

דאָס וועט איר געפעלן, כ׳בין זיכער.

— קינד מײַנס... כ׳האָב פאַר דיר עפּעס גוטס.

— וואָס, באָבעניו?

זי האָט אָפּגענעם פאַרגעסן, וואָס זי האָט געזאָגט, און געפרעגט:

— נו, וויאזוי... זײַ זײַנען אוועקגעפאָרן? בעשאָלעם?

דאָס וויכטיקסטע האָב איך שוין דערציילט דער באָבען. אצינד ווייס איך ניט, וויאזוי איך זאָל איר דערציילן וועגן מוישעלען?

איך בין זיך אָבער מעיאשעוו געווען — צוליב וואָס דאַרף איך איר דערציילן וועגן דעם? פאַרוואָס זאָל איך איר פאַרסאַמען די לעצטע שאָען פונעם לעבן?

— יאָ. בעשאָלעם. עמעס, דער צוג האָט אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. נאָר עס מאַכט ניט אויס. אלע זײַנען אוועקגעפאָרן.

— דער פעטער... האָט זיך געזעגנט מיט דיר?

— וואָדען! מיר האָבן זיך איבערגעבעטן. מיר האָבן זיך געזעגנט ווי עס דאַרף צו זײַן, ארומגענומען זיך און צעקושט.

— קינד מײַנס... כ׳האָב פאַר דיר עפּעס פריידיקס...
— האָסט מיר שוין געזאָגט, באָבעניו. אָבער וואָס?
— האָסט זיך, הייסט עס, איבערגעבעטן מיטן פעטער?
— פאַרשטייט זיך. כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט.
— זיי וועלן ניט קריוודען... מוישעלען... ווי מיינסטו?
ביזוואַנען כ׳טראַכט צו אָן ענטפער, פאַרמאַכט די באָבע אירע אויגן.
הייב איך אָן שרײַען מיט אַלע קויכעס:
— באָ־בען! שטאַרב ניט!
זי איז געקומען צו־זיך.
— וואָס... האָסטו... געזאָגט?
— כ׳האָב געזאָגט... כ׳האָב געזאָגט — לעב! לעב! לעב, באָבעניו! אַצינד וועסטו שוין ענדלעך גליקלעך זײַן. כ׳וועל דיך פאָלגן. כ׳וועל טאָן אַלץ, וואָס וועסט זאָגן. כ׳וועל דיר טראָגן אַ סאַך וואַסער פון דער קרעניצע. כ׳וועל...
— ווײַן ניט, נאַכעמקע. מ׳דאַרף ניט. כ׳ווייס, אַז ביסט אַ גוט קינד. גיב אַ רוף... עפּלבוים... כ׳וויל זיך געזעגענען...
די באָבע האָט עפּעס נאָך געשטאַמלט. אפּאָנעם, פון יענער־וועלט שוין. וויאַזוי קאָן איך רופן דעם עפּלבוים? אַרויסרײַסן אים מיט די וואָרצלען און אַרײַנטראָגן אין צימער אַרײַן צו דער באָבעס בעט, זיי זאָלן זיך געזעגענען און ביידע איינעם שטאַרבן? כאָלילע, די באָבע האָט אַזוינס ניט געקאָנט מיינען...
— ווי מיינסטו... זיי וועלן ניט קריוודען מוישעלען... אַ טײַער קינד געווען. אַ קלוגס... כ׳האָב נאָך דעמלט געהאַט... געהאַט ביידע אויגן, זאָגט ער מיר מוישעלע... דו האָסט, מאַמעניו, כיטרע אויגן. דו — עלטערסט זיך, און זיי...
„און זיי — ניט". כ׳האָב פאַרענדיקט דאָס, וואָס די באָבע האָט ניט דערזאָגט.
ווידעראַמאָל קריכט אין קאָפּ אַרײַן — „דו עלטערסט זיך, און זיי — ניט..." עפּעס ווי באַקאַנטס. פונוואַנען אָבער? פונוואַנען ווייס איך דאָס? פונוואַנען געדענק איך דאָס? נו, באָבעניו, זאָג זשע מיר אונטער — פונוואַנען, האַ?.. ס׳איז ווי איך וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפער גרוב און בעט די באָבע, זי זאָל מיר אויסשטרעקן אַ האַנט און העלפן מיר אַרויסקאַראַבקען זיך... וואָס קלערסטו, מאַלעכל? זי האָט דען קויעך, די באָבע, וויאַזוי קאָן זי דיך אַרויסשלעפּן פונעם טהאָם, וויאַזוי?
די באָבע אָבער האָט מיך, ווײַזט אויס, פאַרשטאַנען. כאָטש כ׳האָב איר קיין וואָרט ניט געזאָגט.
— כ׳האָב פאַרגעדענקט. ס׳איז געווען פּונקט דעמלט... דעמלט, ווען ווערעטע...
מיטאַמאָל איז אַלץ קלאָר געוואָרן. איר פאַרשטייט, איין וואָרט, איין־און־איינציק וואָרט, און איך האָב דערזען אַלץ אַזוי דײַטלעך, גלײַך ווי עס וואָלט געשען נעכטן. און געטראָפן האָט עס מיט דרײַצן יאָר צוריק. דרײַצן יאָר איז דאָס געלעגן אין זיקאָרן, אַ פאַרוואַלגערטס, אַ פאַר־

וואָרפֿנס. און פּלוצעם האָב איך דערזען דאָס, וואָס איך האָב פֿײַנלעך גע־גאַרט דערמאָנען זיך יאָרן און יאָרן...

...כ׳בין געלעגן אין וויגל. מײַן מאַמע, מײַן שיינע מאַמע האָט מיך געוויגט, און אַלץ שטילער און שטילער געזונגען אַ וויגליד. איך האָב געזשמורעט די אויגן און געמאַכט זיך שלאָפֿנדיק. איך שלאָף, מאַמע, און לאָז מיך צורו.

האָט זיך די מאַמע דערוויטערט פֿונעם וויגל אויף די שפּיץ פֿינגער, און איך האָב גלײַך אופֿגעעפֿנט די אויגן, ברייט צעעפֿנט זיי, וואָרעם כ׳האָב מעסוקן געוואָלט נאָך עפּעס ציקאַווע אַנטדעקן פֿאַרן שלאָף. ס׳איז נאָך געווען פֿרי. קיינער, כּולץ מיר, האָט זיך נאָך ניט געלייגט שלאָפֿן. אַפֿילע דער קליינער מוישעלע. פֿאַרוואָס זשע קומט עס מיר?

מוישעלע איז דעמלט געזעסן אויף די קני בא דער באָבען, ס׳הייסט, בא זײַן מאַמען. טראַכט איך זיך: איי־איי־איי, שעמסט זיך ניט? אַזאַ גרויסער באָכער, שוין נײַן יאָר אַלט, און קריכט נאָך צו זײַן מאַמען אויף די קני...

מוישעלע, ווידער, קוקט זײַן מאַמען גלײַך אין די אויגן און זאָגט:

— דו האָסט, מאַמעניו, כיטרע אויגן. — דו — עלטערסט זיך, און זיי — ניט.

די באָבע האָט זייער ליב מוישעלען. עפּשער אַפֿילע מער, ווי מײַן מוטער האָט מיך ליב. פֿאַר זײַן סייכל, זאָגט זי, האָט זי אים ליב, פֿאַר זײַן צוגעלאָזנקײַט און דערפֿאַר, וואָס ער איז דער מיזיניק. אַזוי פֿלעגט די באָבע אַליין זאָגן, כ׳געדענק דאָס דײַטלעך.

זי האָט צוגעדריקט מוישעלען צו דער ברוסט, אַ טשמאָקע געטאָן אים אין בעקל, אַראָפּגעלאָזט אים פֿון די קני און געזאָגט אים:

— נו גיי שוין, מוישעלע, שלאָפֿן.

הייבט ער זיך אָן פּעסטען.

— כ׳וועל נאָך אַ ביסל זיצן מיט דיר.

ענטפֿערט אים מײַן באָבע, ס׳הייסט, זײַן מאַמע:

— נו, גוט, זיץ נאָך אַ ביסל. (אָט זעט איר? און מײַן מאַמע האָט מיר דאָס ניט דערלויבט. פֿאַרוואָס?..) זאָלסט אָבער זיצן שטילערהייט, וואָרעם נאָכעמקע איז שוין אָנשלאָפֿן געוואָרן.

און איך, ווידער, הייב אַפֿילע ניט אָן צו שלאָפֿן. מײַנע אויגן זײַנען אָפֿן. איז וויאַזוי קאָן מען אָנשלאָפֿן ווערן מיט אָפֿענע אויגן?

דערנאָך אָבער בין איך, ווײַזט אויס, טאַקע אָנשלאָפֿן געוואָרן. כ׳האָב אויעקגעשטעלט באַנאַנד מײַן מאַמען און מײַן באָבען און, פֿאַרגלײַכנדיק זיי, האָב איך זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווער פֿון זיי איז בעסער, די באָבע צי די מאַמע? אַזוי לאַנג געקלערט, ביז איך בין אַנדרעמלט געוואָרן, און שוין אין שלאָף, ס׳הייסט, אין כאָלעם, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז כ׳וואָלט געדאַרפֿט אויעקשטעלן צוזאַמען מיט זיי אויך דעם טאַטן מײַנעם. דערנאָך האָב איך זיך מעיאַשעוו געווען. כ׳זע דעם טאַטן אַזוי זעלטן, אַז כ׳געדענק אַפֿילע ניט פֿינקטלעך, וויאַזוי ער זעט אויס. אַמאָל מיט אַ בערדל און אַמאָל אָן אַ בערדל. אייערנעכטן האָט ער זיך פּלוצעם געיאָ־וועט מיט אַ באָרד. געקומען צו פֿאָרן פֿון עפּעס אַ גרויסער שטאָט. כ׳האָב געהערט, ווי די באָבע האָט געבורטשעט: „ווי נאָר עס ווערט שלעכט,

קומט ער, דער טאַכשיט מײַנער, אַהיים. אַזוי קאָן מען זיך אָף אים ניט דערוואַרטן...״ און דעם זעלבן טאָג, אַפּדערנאַכט, איז ער שוין געווען אָן אַ באָרד. כ׳ווייס ניט, ווו ער האָט זי אַהינגעטאָן. האָב איך אים געוואָלט פרעגן...

און פּלוצעם האָט מיך אויפגעוועקט אַ טומל, אַ געשריי. כ׳האָב אויפגע־עפנט די אויגן און דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס פון גרויס שרעק האָב איך זיי פאַרמאַכט און דערנאָך ווידער געעפנט, ווײַל איך האָב דערהערט דער באָבעס וויי־געשרייען.

— הער ווערעטע! כ׳בעט בא אײַך, דערבאַרעמט זיך אָף אים...

דער צימער איז געווען פול מיט מענטשן. האַרט בא דער וואַנט איז געשטאַנען מײַן טאַטע. ער איז געווען, נעבעך, אַזוי בלייך, אַז ס׳איז מיר געווען אַ ראַכמאָנעס צו קוקן אָף אים. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען אַ מענטש אַזוי זיך, אַ נישקאָשעדיקער, מיט אַ גלאַט, צופרידן פּאָנעם, ער האָט אַפילע צוגעשמייכלט, אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ רעוואָל־ווער (איך האָב אויך אַ רעוואָלווער, נאָר ס׳איז ניט קיין עמעסער, ס׳איז אַ שפּילכל אַזאַ). צווישן דעם דאָזיקן מענטשן און דעם טאַטן איז גע־שטאַנען אָף די קני די באָבע, און אַזוי געוויינט, אַזוי געיאָמערט און גע־בעטן, אַז בא מיר אַליין זײַנען די אויגן געוואָרן פול מיט טרערן, דערפאַר האָב איך אַלץ געזען, ווי דורך אַ נעפּל. אָבער געהערט האָב איך גוט. ווײ־דעראַמאָל און נאָכאַמאָל:

— הער ווערעטע! כ׳בעט אײַך ווי אַ מוטער. האַרגעט אים ניט. דער־באַרעמט זיך אָף אים...

כ׳ווייס ניט, פאַרוואָס איז דער הער ווערעטע געווען אַזוי פריילעך. די באָבע וויינט, באַגיסט זיך מיט טרערן, און ער קוועלט. ווײַזט אויס, אַז ער איז שיקער. כ׳ווייס שוין, וואָס איז אַזוינס שיקער. ס׳איז ווי אַלטער דער באַלעגאָלע. געבראַכט דעם טאַטן פון דער סטאַנציע און פרעגט: „איר האָט עפּשער אַ ביסל מאַשקע?״ ענטפערט די באָבע: „מאַשקע? מאַכטײ־סע. אַ פײַנע קאַלטע מאַשקע. נאָרוואָס פון דער קרענעצע געבראַכט״. אַל־טער קוועלט, דראָעט איר מיט דער בײַטש, ווי די באָבע מיר — מיטן פינ־גער, ווען כ׳הייב אָן קונדייסעווען. ער זאָגט איר: „איר זײַט צי איר מאַכט זיך? וואָסער האָב איך אָן אײַך. כ׳מיין אָן עמעסע מאַשקע״. זאָגט אים די באָבע: „וואָס דאַרפט איר מאַשקע וואָס? איר זײַט שוין אַזוי אויך שיקער ווי לאָט...״

איבער דעם, וואָס איך טראַכט וועגן אַלטער דעם באַלעגאָלע, לאָז איך דורך, וואָס ווערעטע טײַנעט צו דער באָבען. עפּעס רעדט ער וועגן פאַר־שאָלטענע בונטאָווטשיקעס, זשידעס און וועגן דעם קייסער דעם פּאָטער. ער לאַכט שוין ניט אַצינד. זײַן פּאָנעם איז אָנגעגאָסן מיט בלוט און רע־ציכע. און די באָבע שטייט נאָך אַלץ אָף די קני. דער טאַטע זאָגט איר: „הייב זיך אוף, מאַמע! וואָס דערנידעריקסטו זיך? און פאַר וועמען?..״ די באָבע, ווידער, בוקט זיך נאָך נידעריקער, און וויינט, און קלאָגט: „קינד מײַנס... ביסט דאָך בא מיר, ווי דער שוואַרצאַפּל...״

צעלאַכט זיך ווערעטע און הייבט זיך אָן נאָכקרימען דער באָבען:

— ווי אַ שוואַרצאַפּל!.. ווי אַ שוואַרצאַפּל!.. וואָס האָסטו זיך צעיאָ־

מערט, אלטע זשידאָווקעס? אָט דאָס קענט איר. בונטעווען, קלאָגן און כיט־רעווען...

פלוצעם ווערט ער אנשוויגן. און נאָכדעם גיט ער צו:

— גוט. אויב אזוי, איז דערוויַיז!

פון שרעק איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. און דער געהער האָט זיך צעטיילט. איין אויער הערט ווערטער, און דער צווייטער א באָבעמייַסע. די באָבע פלעגט מיר דערציילן די דאָזיקע מייַסע זייער זעלטן. גאָר דעמלט, ווען זי האָט מיך געוואָלט אָנשרעקן, קעדיי כ׳זאָל אופהערן איבערקערן די שטוב. איין אויער הערט: „...גיב מיר דייַן אויג, וועל איך דיר אָפּגעבן דייַן יינגעלע...״ און דער צווייטער: „אויב אזוי, איז דערוויַיז!״ דער ערשטער הערט: „האָט זי אָנגעבויגן צו אים איר פּאָ־נעם, און ער האָט מיט צוויי קרומע פינגער ארויסגעריסן בא איר דאָס לינקע אויג...״

און פלוצעם דערזע איך אין דער באָבעס ציטערנדיקער האנט א נאָדל. פאמעלעך צילט זי זיך מיט דער נאָדל גלייַך אין אויג אריַין...

כ׳האָב פארמאכט די אויגן. כ׳האָב ניט געקענט קוקן. כ׳האָב זיי ווידער געעפנט, ווען כ׳האָב דערהערט מוישעלעס הארצרייַסנדיקע אויסגעשרייען. צונויפדריקנדיק די פויסטלעך, האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אף ווערע־טען. דער קוילער האָט אים א טשמעל געטאָן מיטן רעוואָלווער איבערן קאָפּ מיט אזא קויעך, אז מוישעלע איז א פארכאלעשטער אנידערגעפאלן אף דער ערד...

7

איך זיץ באַם בעט פון דער גויסעסדיקער באָבע און האלט א שווייַגנ־דיקן שמועס מיט שווייַגנדיקע שאָטנס.

„וויַאזוי זשע, טאטע, האָסטו דערלאָזט...״

„ס׳איז געשען אויגנבליקלעך. כ׳האָב פּאַשעט ניט באוויזן...״

טו איך זיך א קער צו דער מוטערס שאָטן.

„וויַאזוי זשע, מאמע... דו, דו האָסט זיך געדארפט שטעלן צווישן דעם טאטן און ווערעטען, און ניט די באָבע...״

„כ׳בין געווען שיין. די באָבע האָט מיך אוועקגעטריבן אין א ווינקל. זי האָט מוירע געהאט, מע זאָל מיך ניט שענדן...״

מיט מוישעלעס שאָטן איז שווער זיך אויסטייַנען. אן אָנזיניקער שמייכל — דאָס איז זייַן ענטפער אף אלע מייַנע פראגעס. אפילע דער שאָטן זייַנער שמייכלט אויך. מיט א שווארצן שמייכל.

פונדעסטוועגן פרעג איך אים:

„נו, און דו, מוישעלע, וואָס...״

„גאָרניט״.

„...וואָס האָסטו צוגעטראכט פאר דרייַצן יאָר לעבן צוזאמען מיט די שפינען?״

„גאָרניט. כ׳האָב דאָך אָנגעווירן דעם סייכל״.

„פאַרוואָס זשע האָסטו זיך געלאָזט אַנטקעגן צוגז?"
„ניט איך. דער צוג האָט זיך געלאָזט אויף מיר".
„וואָס זשע ביסטו ניט אַנטלאָפן?"

„כ'האָב זיך פאַרקוקט. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ס'איז דער איין־אויגיקער קייסער — קישעפמאַכער..."

קער איך זיך אום צו דער באָבען. זי איז אויך אַצינד, ווי אַ שאָטן.

„וויאַזוי האָסטו געקאָנט זיך אַנטשליסן אויף אַזעלעכס?.."

„כ'האָב געמיינט, אַז ער שפּאַסט. כ'האָב געהאָפט, אַז ער וועט פאַר־האַלטן מיין האַנט אין דער לעצטער ווייַלע..."

„ווער — ער?"

„ווערעטע".

„טאַקע געווען, אויף וועמען צו האָפן".

„כ'האָב געמיינט... כ'מיין, אַז יעדער מענטש מוז האָבן אַ שטיקל גאָט אין האַרצן..."

„פאַרוואָס זשע האָסטו אַליין ניט פאַרהאַלטן דיין אָנגעצילטע האַנט?"

די באָבע שווייַגט. דערנאָך שטאַמלט זי עפּעס. ס'איז אָבער ניט קיין ענטפער אויף מיין פראַגע. ס'איז עפּעס אַנדערש.

„נאָר יויסעפן האָב איך דאָך טאַקע געראַטעוועט. מע האָט אים ניט דערשאָסן..."

איצטער האַלט איך זיך מיט דער באָבען און אייצע.

„אויב כ'וועל באַגעגענען פּאַוולאָ ווערעטען, דאַרף איך אים האַרגע־נען?"

„וואָס רעדסטו? וואָס האָט דאָ צו טאָן פּאַוולאָ? ער קאָן דען זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין פאָטערס זינד? פּאַוולאָ איז אַ פייַנער באָכער... און בכלל איז ניט גוט צו פאַרטייַען אַ סינע צו עמעצן. בעסער לערן זיך אויס מוחל זיין... ס'איז געזינטער..."

כ'האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. מיט די הענט אָפּן בעט. מייַן ליבע באָבעניו! וויפל האָט זי איבערגעלעבט פאַר איר בידנע לעבן! וויפל געפּייַניקט זיך. וואָס פאַר אַ גרויסע מישפּאָכע אויסגעכאָוועט. און איצ־טער זייַנען מיר פאַרבליבן צווייען. די באָבע און איך.

דערנאָך בין איך אופגעשפּרונגען און גענומען געשווינד שפּאַנען איבערן צימער. כ'האָב געכאַפּט אַ קוק אינעם פענצטער און אַ קלער גע־טאָן: ניין, ניט אינצווייען זייַנען מיר אַצינד, נאָר אינדרייַען. די באָבע, איך און דער עפּלבוים. אָט קוקט ער אויף מיר, דער דריטער בען־באָ־יס אונדזערער. כ'האָב זיך פּלוצעם דערמאָנט וועגן אים, ווייַל ערגעץ אין באַוווּסטזיין אין מיינעם האָבן זיך פאַרטייַעט און געוואַרט אויף אַ טיקן דער באָבעס ווערטער: „טו אַ רוף אים... עפּלבוים... כ'וויל זיך מיט אים... געזעגענען..."

איך האָב אַרויסגעטראָגן דעם זיידנס גרויסן פאָטעל און אַוועקגעשטעלט אונטערן עפּלבוים. דערנאָך האָב איך זיך אומגעקערט אין שטוב אַרייַן, גענומען די באָבע אויף די הענט צוזאַמען מיט דער קישן און דער קאָלדרע. אַרויסגעטראָגן זי, אַוועקגעזעצט אינעם פאָטעל, און איך אַליין האָב זיך

צוגעזעצט אױף א נידעריק בענקעלע. איצטער זײַנען מיר אַלע דרײַ געװען אינײנעם: די באָבע, איך און דער עפּלבױם.

װאָס אָבער פאַר א בױם איז דאָס געװען!

א טשאַכלע ביימעלע, אַלט, מיט אַן אױסגעקרימטן צעשפּאָלטענעם שטאַם. ערטערװײַז אַזױ דין און אױסגעטאָטשעט, אַז עס װאָלט זיך אײַנ־געבראָכן, װען ניט די פּילצאַליקע אונטערשפּאַרן, װאָס האָבן װי־ניט־איז עס אונטערגעהאַלטן... טוט אָבער א קוק אױפן בױם אין האַרבסט, זעט ער דעמלט אױס, װי א טאַטע פון א גוזמע קינדער. א קרױן, א פּרעכטיקע קרױן מיט רײַפע שעמעװדיק־פּאַרױטלטע עפּל, אַזאַ שעפע פון עפּל, אַז כ׳האָב זיך פּאַשעט געכידעשט, װיאַזױ קאָן אַזאַ נישטיק ביימעלע אױס־האַלטן אַזױפיל זאַפטיקע פּיירעס! די עפּל זײַנען װײַניק, געשמאַק. עס טרעפן זיך װערעמדיקע אױך. מיט א שװינדזוכט־רױטקײַט. אױף זײער פּאַרקנײטשטער אױבערפלאַך װײַזן זיך דעמלט אַרױס — כ׳װײס אַלײן ניט פאַרװאָס — שטריכן פון באַקאַנטע פּענעמער. אָט דער איז מױשעלע. און דער איז דער בלינדער. און יענער — בערל דער צעדרײטער. און דאָס איז דער קריפּל מיט די געלײמטע פיס. און דער... און יענער... און דאָך זעט ער אױס ניט װי א פּאַשעטער עפּלבױם, נאָר װי עפּעס א צײכן, א פּאַרקערפּערונג, א װאָרע העלע פּאַרקערפּערונג פון א פּאַרקלאַמערט. פּאַר־אַקשנט, טאָמיד פּרוכטבאַר לעבן.

אַצינד, פּרילינג־צײַט, זעט מען נישט ניט קײן רױטע פּיירעס, ניט די נעבעכדיקע אונטערשפּאַרן. דער בױם איז װײַס. פון דער קרױן ביז קי־מאַט צו דער סאַמע ערד. די זון באַװײַזט זיך נאָך אַלץ ניט. נאָר די כמאַ־רעס זײַנען זיך צעשװומען, און דער הימל איז געװאָרן אײנפאַרביק גרױ. א לײַכט װינטל האָט געצערטלט צװײ טיפע זקײנים. דעם װײַסן עפּלבױם און די גראָװע באָבע. צו אירע טרוקענע פּאַרבאַקענע ליפּן האָט זיך צו־געטוליעט א ציטערנדיק צװײַגעלע. װי אין א געזעגענונגס־קוש...

— נו, באָבעניו, ביסט איצט צופרידן?

די באָבע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. זי איז געשטאָרבן.

מײַן באָבע זעט איצטער אױס שענער װי באַם לעבן. זי שײַנט מיט עפּעס א באַזונדערער װײַסער שײנקײַט. די אױגן זײַנען פאַרמאַכט. אינעם בעט איז זי געלעגן א פּאַרקנײטשטע, אַן אײַנגעשרומפּענע. אַצינד זיצט די באָבע אינעם פּאָטעל פרײַ, ברײטלעך, װי דער עפּלבױם איבער איר. דער קאָפּ בײגט זיך א ביסל אין א זײַט. אײן האַנט ליגט אױפן שױס, די צװײטע איז אַראָפּגעלאָזט. פון צװישן די פינגער פון דער אַראָפּגעלאָז־טער האַנט האָט זיך אַרױסגעגליטשט עפּעס װײַס׳. כ׳האָב געמײנט, אַז ס׳איז א צװײַגעלע צװיט, װאָס זי האָט צוגעדריקט מיט דער האַנט צו אירע ליפּן. נײן. ס׳איז עפּעס א פּאַפּירל. כ׳בײג זיך אַן און דערמאָן זיך: „קינד מײַנס... כ׳האָב פאַר דיר... עפּעס פרײדיקס...״ אָט איז עס, מײַן ליבהאַרציקע באָבעניו. א בריװל פון אַקסאַנען...

„נאָכעמקע! איך בין זיכער, אַז דו װעסט זיך אומקערן. אַניט װאָלט איך דיר ניט געשריבן. עס װאָלט דאָך ניט געהאַט קײן זין. זײַ מױכל, אױב עס האָט זיך באַקומען ניט אַזױ, װי דו האָסט געװאָלט. איך פאַר

אוועק. אזוי מוז מען. מיר וועלן זיך נאָך זען. עס קאָן זײַן — אינגיכן. זײַ געזונט און געדולדיק. צום ווידערזען, מײַן טײַערער! אקסאנע.

„די צוקונפט דײַנע מיר דאָס הארץ רעגט אוף...״

א ווארעמע כוואליע פון פרייד האָט פארגאָסן מײַן הארץ. טאקע אָנגעשריבן. ניט פארגעסן. „צום ווידערזען, מײַן טײַערער!״

נאָכעמקעס אנטבלויזטע נעשאָמע האָט זיך באַזונדערס שטיל געפרייט מיטן צושריפט — „די צוקונפט דײַנע מיר דאָס הארץ רעגט אוף...״ יאָ, די צוקונפט... איז נעם זיך אָן מיט מוט, נאָכעמקע. סע שטייען נאָך פאָר שווערע און גרויזאמע ניסיוינעס. איז לעב ווירדיק. צוליב דעם אָבער דארפסטו טאָמיד זײַן גרייט שטארבן ווירדיק...

אינהאלט

גרינע מאַציייוועס, וואָס שוויַגט איר? (ראָמאַן־באַלאַדע) 5
פון יענעם ברעג, פון קאַיאַריקן (דערציילונג) . . . 135
נויקע, מיַין דרייסטער, מיַין אָרעמער ברודער (דער־ציילונג)* 185
נאָכעמקע עסרעג (ראָמאַן) 225

אלעקסאנדער ליזען

נאָכעמקע עסרעג

מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1981, 392 זײַטן
ארויסלאָז־פּלאן פון 1981 י. נומ. 275

קינסטלער י. ג י ר ע ל
רעדאקטאָר מ. ש ו ל מ א ן
קינסטלערישער רעדאקטאָר יע. ק א פּ ו ס ט י ן
טעכנישער רעדאקטאָר י. מ י נ ס ק א י א
קאָרעקטאָר ד. ג ר אָ ז אָ ו ו ס ק ע

אינפאָרמאציע־ביולעטען נומ. 2300

אָפּגעגעבן אין זאץ 27.08.80. אונטערגעשריבן צום
דרוק 21.01.81. פאָרמאט 84×108 $^{1}/_{32}$. טיפּאָגראפיש
פּאפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באדינגלעכע דרוקבויגן
20,58. פארלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 24,46. טיראַזש
1850 עקז. באשטעלונג נומ. 2485. פּרײַז 1 רוב. 80 קאָפּ.
פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 121069, מאָסקווע,
וואָראָווסקי־גאַס, הויז נומ. 11. באלוינטע מיטן אָר־
דען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן מאָסקווער טיפּאָ־
גראפיע נומ. 7 „איסקרא רעוואָליוציִי״ פון „סאָיוז־
פּאָליגראפפּראָם״ פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פססר
איבער די איניאָנים פונעם פארלאג־וועזן, פּאָליגראַ־
פיע און בוך־האנדל. 121019, מאָסקווע, אקסאקאָוו־
געסל, הויז נומ. 13

Александр Михайлович
Лизен (Лизенберг)

НОХЕМКЕ ЭСРЕГ

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1981, 392 стр.
План выпуска 1980 г. № 275

Художник И. М. Гирель
Редактор М. Я. Шульман
Худож. редактор Е. Ф. Капустин
Техн. редактор И. М. Минская
Корректор Д. С. Грозовская

ИБ № 2300

Сдано в набор 27.08.80. Подписано к печати 21.01.81. Формат 84Х108¹/₃₂. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 20,58. Уч.-изд. л. 24,46. Тираж 1850 экз. Заказ № 2485. Цена 1 р. 80 к. Издательство «Советский писатель», 121069, Москва, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного Комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли, Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.